STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07515

GEVEHLTE VERK

Emile Zola

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

עמיל זאָלא.

געזאַמעלטע ווערק

ערשטער באנד.

היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני
83–85 קאַנאַל סטריט, ניו יאָרק.

אינהאַלט־פערצייכניס:

1. פאַריזער דאמען.

2. ליעבעס־נאַכט.

3. די דאָרפס מיידעל.

4. מענשליכע בעסטיעס.

5. היינט־מאָדישע חתונות.

6. היינט־מאָדישע קבורות.

פאריזער דאמען.

דיא פאריזער דאמען.

1.

איך בין בערייט דאָ צו דערצעהלען א פאאר וואהרהייטען. ווען איך זאָל ניט זיין קיין פיינלינג, וואָלט איך בעדארפט ארויס שרייבען מיין נאמען פרייא און פראנק. אָבער, וויא אנגענעהם דיא וואהרהייט זאָל זיין פיר איין עהרליכען מענשען, מוז מען זיך דאָך, אין פיעלע פעלע, פאר איהר שעהמען.

ווירקליך, ווער פון אייך, מיינע ליעבע לעזער, האט עס ניט אמאל פאסירט אין לעבען, וואס האט זיך געמאכט פאר א דומקאָפּ מיט א נארישע ראָלע? אָהנע צווייפעל, האט עס שוין אמאל, בייא איינעם פון אייך, פאסירט, וואס איהר זייט געווען אין א געזעלשאפט, און זיך וועלענדיג פאָרשטעלען פאר א חכם, האט איהר געזאגט דיא גרעסטע דומהייט. ווען איהר האט נאכהער איבערגעקלערט אייער טהאט, און איינגעזעהען וויא דום איהר זייט, האט איהר זיך געשעהמט פאר אייך אליין.

וואָלט איהר אָבער וועלען מודה זיין פאר אנדערע אייער דומהייט? אָח ניין! מיט אייער גאנצער אויפריכטיגקייט און עהרליכקייט, וואָלט איהר אימער וועלען דער צווייטער זאָל אייך בעטראכטען פאר א חכם, אָבוואָהל איהר ווייסט וויא דום איהר זייט.

עס איז א מערקווירדיגע טהאטזאכע, דאס מענשען, פון אלע קלאסען, ווען איהר אָפט הערען זיך בעקלאָגען, אז עס פעהלט זייא בילדונג, געזונדהייט און ער־פאהרונג; נאך מעהר, איהר ווערט זאָגאר הערען מאנכע פרויען־צימער זיך בעקלאָגען, אז זייא זיינען ניט שעהן — און דאס איז זעהר פיעל געזאגט! — אָבער, אז יעמאנד זאָל זיך בעקלאָגען; אז איהם אָדער איהר פעהלט פערשטאנד, איז עס דיא גרעסטע זעלטענהייט.

מיט איינעם וואָרט, עס ליעגט אין אונזער נאטור ניט אנצוערקענען דיא מאָרהייט פון אונזערע דומע טהאטען אין דער געגענוואָרט פון אנדערע.

ווען מיר זיינען נאריש, וכען מיר עס צו בעהאלטען בייא זיך אליין און ניט נאך יענעם דערצעהלען וואס פאר א חסורים מיר זיינען.

איך האב עס געפונען פיר נעטהיג איך צו זאגען דיעזע ווערטער, אלס איין ארט פאררעדע צו מיין פאלגענדער שילדערונג, וועלכע איך מוז דערצעהלען פאר דער וועלט. איך מוז דאס דערצעהלען, ווייל עס ליגט מיר אויף'ן הארצען, גראדע וויא א סוד בייא מאנכע פרויען, וואס קענען איהם ניט איינהאלטען.

אבער דאס צו דערצעהלען און איך בעקאנט מאכען מיין פערזאן, וואלט געווען געגען דער מענשליכער נאטור, וואס וויל זעהר זעלטען צוגעבען איהר דומהיים.

דאס איז דיא אורזאכע, ווארום איך וועל איך דא אנגעבען א פאלשען נאמען פון מיר, און פאלשע נעמען פון אנדערע פערזאנען, וואס זיינען דא פערמישט אין דער האנדלונג, דאמיט מען זאל מיך ניט ארויסגעפונען און לאכען פון מיר.

עס איז דיא גרעסטע שטראפע פאר א מענשען, ווען ער בעגעהט א דומהייט און אנערקענט דיא דומהייט, אנדערע זאלען נאך פון איהם לאכען.

ענטשולדיגט מיר פאר מיין פלוידעריי ביז יעמצט. אט דא פאנגט שיין אן דיא געשיכטע:

מיט א קורצער צייט צוריק, האט מיין פאטער, מאנסיע דע וואזשלאר, איינגעשטימט איך זאל פערלאזען לע באקעס, דעם אלטען און טרויעריגען שלאס פון ניעדריגען נארמאנדיו, וואו איך בין געבוירען געווארען.

מיין פאטער האט מערקווירדיגע אנזיכטען איבער דעם געגענווערטיגען דור; ער פאסט מיט א 50 אדער 75 יאהר צוריק. ער בעהויפטעט, אז צו זיין א ריינער און אנשטענדיגער מענש, זאל מען ארויסמיידען וויא א פעסט, דיא גרויסע און ציוויליזירטע שטעדט, ווייל דארט, לויט נאך זיין אנזיכט, הערשט געמיינהייט, לומפעריייא און פערדארבענהייט.

איך ערינער מיך, דאס מיט א פאאר יאהר צוריק, ווען איך האב נאך ניט פיעל געוואוסט, האט ער בעהויפטעט, רעדענדיג מיט זיינעם א בעקאנטען, דאס ווען מען זאל איבערציהען גאנץ פאריז מיט אין דאך, וועט דאס זיין איין אויסגעלאסענעם הויז.

„אלעס איז דארט פערדארבען,“ האט ער געזאגט בשעת איך האב מיך אונטערגעהערט בייא דער טהיר, „אפילו דיא שטיינער פון דיא שאסעען שוויצען אין

שאנדע. קיין פאטער איז זיכער, אז דאס קינד וואס ער רופט: „מיין זוהן" אדער „מיין טאכטער," איז זיינעס. א מאן הייראטעט מיט א פרוי, און ווייס פאראויס, אז נאך דער חתונה, מוז זיא האבען א געליעבטען. פראטעסטירען דאנגען, העלפט נים. אונטער דיא ארעמע וויא אונטער דיא רייכע, איז אלעס פערדארבען. דיא פרוי פון דעם אנשטענדיגסטען מאן, וועט ווינקען מיט דיא אויגען און זוכען צו הערען ליעבעס־ווערטער, פון אירגענד א שעהנעם יונגענמאן."

עס איז אלזא קיין וואונדער נים, דאס מיין פאטער, זייענדיג א מאן מיט שטרענגע מאראלישע אנזיכטען, האט נים אזוי שנעל איינגעשטימט איך זאל בעזוכען פאריז.

אבער, וויא דיא זאך איז, ער האט ענדליך יא איינגעשטימט, און איך בין אין פאריז!

פאר אזא יונגען מאן וויא איך, וועלכער איז אויפערצויגען געווארען אונטער דער אויפזיכט פון אזא פאטער וויא איך האב, וואלט אלזא קיין וואונדער נים געווען, דאס איך זאל נים וויסען אפילו וויא צו רעדען אדער זיך אומווענדען אין פאריז. אבער, דיא נאטור האט מיך בעגאבט מיט גוטע איינענשאפטען, און נאכ־דעם וויא איך האב מיך א פאאר מאל צוגעקוקט צו אנדערע, בין איך געווארען 60 פראצענט א פאריזער.

פעליקס בורען, מיינער איין אלטער שול־קאמעראד פון קאען, ווען ער האט מיך דא ווידער געזעהען, האט ער מיר באלד געזאגט, אז איך בין א שעהנער בחור, און יעדע פאריזער פרוי וועט זיך אין מיר פערליעבען.

איך גלויב, אז איך האב מיך פערשעהמט וויא א בתולה, הערענדיג דיזע ווערטער, און איך האב געלאכט, וויא מען זאגט, מיט יאסטשירקעס

נאר ווען פעליקס איז אוועק און איך האב מיך אנגעקוקט אין שפיגעל, וויא הויך און וויא שטארק איך בין, האב איך געמוזט צו מיר אליין שמייכלען מיט מיינע ווייסע צייהן און שווארצע אויגען.

דאן האב איך ארפגעצויגען מיט דיא אקסלען, און מיר געטראכט: „איבריגענס, ווען דא איז אזוי דיא מאדע, בין איך אויך צופריעדען. אין אמת'ן וואס קען דא שלעכט זיין ווען מען איז געליעבט פון שעהנע פרויען?"

נים ווילענדיג, האט זיך מיר באלד געוואלט, עפעס א שעהנע דאמע זאל זיך אין מיר שוין פערליעבען.

יא, איך האב בעגעגענט שעהנע דאמען, וויא האבען צו מיר ליעבליך געשמייכעלט ביי דער פארשטעלונג, און איך האב ערווארטעט צו הערען א

ליעבעס־ערקלערונג. אָבער, אונגעאַכטעט דערויף, איז עס אַזוי ווייט ניט געקומען.

דאַן האָב איך מיר געטראַכט, אַז איך בין צו שעהמעדיג און איך מוז מעהר ערמוטהיגען דיא שעהנע דאַמען. אויך דאָס האָב איך געטהאָן, אָבער אַנשטאָט צו הערען פון זיא וואָס איך האָב ערוואַרטעט, האָבען זיך נאָר א פּאָאַר בעדיינטע.

דאָס האָט מיך געצוואונגען צו צווייפלען אין מיין מענגליכער שעהנהייט און אין מיין אַנציהונג צום פרויען־געשלעכט.

איך האָב אַלזאָ מיר געגעבען דיא מיה צו שטודירען אַנדערע מענער, אויף וויא ווייט זיא זיינען שעהנער פון מיר. איך בין געקומען צום רעזולטאַט, אַז איך בין א גאַנץ שעהנער יונגערמאַן, און פיעללייכט נאָך שעהנער וויא פיעלע אַנדערע, וויל כמעט יעדער אינזשעניער, האָט אַזעלכע גלייכע גליעדער און פרישע באַקען וויא איך.

אָבער וואָרום פערליעבט זיך דאָך קיינע ניט אין מיר? דיעזע פראַגע האָב איך מיר ניט געקענט בעענטפערן אַזוי לייכט, און נאָכדעם וויא איך האָב פיעל נאָכגעדענקט, האָב איך בעשלאָסען, אַז איך בין נאָך וואַהרשיינליך ניט גענוג בעקאַנט מיט אַלע זיטען און אַנפיהרונגען פון פּאַריז, אום צו קענען ערווייבען דיא ליעבע פון דיא פרויען.

אין אַזאַ פאַל, וואָלט מיר פיעל גענוצט זיך צו בעראַטהען מיט מיינע פריינדע און בעקאַנטע; אָבער, עס איז וויעדער דיעזעלבע מענשליכע איינענשאַפט, וואָס מען וויל זיך ניט פערטרויען מיט א דומהייט צו אַנדערע.

זייענדיג נייגיעריג צו פרויענצימער און ניט קענענדיג געפינען דיעזע געזוכטע ליעבע, האָב איך איינגעזעהען, אַז ביז עס וועט עפּעס זיין, מוז מען פריהער קויפען דיעזע ליעבע מיט געלד.

איך האָב געהערט, אַז אַזוי האָבען אַנדערע געטהאָן, און איך האָב געמוזט נאָכפאָלגען זייער ביישפּיעל.

איך האָב באַלד געהאַט פריינדע און קאַמעראַדען, וואָס זיינען געווען בערייט מיר אַלעס צו צייגען. איך האָב געפונען ליעבע פיר געלד, וויפיעל איך האָב נאָר געוואָלט. פּאַריז איז ניט זשעדנע אין אַזעלכע ליעבעס. אָבער, צו זאָגען דיא וואַהרהייט, בין איך ניט צופריעדען געווען דערמיט. עפּעס איז דאָס וויא ניט נאַטירליך, ניט מענשליך, און דער מענשליכער גייסט רעוואָלטירט דאַגעגען.

קויפען פרויענצימער מיט געלד? ניין! דאס האט זיך מיר נים געוואָלט, און איך האב מיך אָבגעהאלטען דערפון. איך האב געוואָלט געניעסען, וויא מען האט מיר דערצעהלט, דיא ליעבע פון פרויען, אוים ליעבע, אוים פרייען ווילען, און ניט קויפען מיט געלד.

ווירקליך, אזא שעהנער בחור וויא איך בין, זאָל דאָך קענען געפינען אין פאריז גענוג פרויען־ליעבע? דיא בעהויפטונג פון מיין פאטער, אז זייא לאכען, שמייכלען און ווינקען, האב איך בעמערקט, איז א וואהרהייט. אלזאָ, צור ארבייט!

מיט איין אבענד פריהער, האב איך צוגעבראכט מיין צייט, צום ערשטען מאל, אין א פאריזער זאלאָן. דיא גרעפין פון פ...., וועלכע איז מיינע א האלבע טאנטע, האט מיך איינגעלאדען מיטצושפייזען.

זיא האט מיך געוואָלט פאָרשטעלען פאר מאָנסיע נעיזשאָן, דער דעפוטירטער פון דעם גאָמערוויל דיסטריקט, וועלכער איז נאָר וואס געוואָרען סוב־סעקרעטער פון שטאאט, און ער איז גאנץ נאָהענט צום מיניסטער־אמט.

מיין טאנטע, וועלכע איז גראדע געוועזן דער געגענטהייל פון מיין שטרענגען פאטער, האט בעהויפטעט, אז א יונגער מאן פון מיינע יאָהרען, דארף קענען דיא וועלט, אלעס מיטמאכען און איבערהויפט קומען אין דאמען געזעלשאפט. דאָן, איז זיא אויך געוועזן פון דער מיינונג, אז אונגעאכטעט דארויף וואס מיין פאטער איז רייך, דארף איך ניט ארום געהען לעדיג, זאָנדערן איך מוז זיין בעשעפטיגט. איהר ציעל איז אלזאָ געוועזן פאר מיר אויפצוזוכען א פאסענדען פאָסטען.

„דיין הארטנעקיגער פאטער,“ האט זיא צו מיר געזאגט, „וויים גאר ניט. ער איז פון דער אלטער וועלט. מיין ליעבער נעאָרג, פערלאָז דיך נאָר אויף מיר, און אלעס וועט זיין רעכט.“

פונקט אום זיעבען אוהר, בין איך געוועזן בייא דער גרעפין. אָבער, וויא עס שיינט, אין זיעבען אוהר אבענד גאך ניט דיא פאסענדע צייט פיר מיטאג אין פאריז; מען עסט שפעטער.

דיא געסט האבען אָנגעפאנגען אָנצוקומען איינציגווייז, און מיט א האלבע שטונדע שפעטער איז שוין יעדער געוועזן אויף'ן פלאטץ.

דיא גרעפין האט מיר דערצעהלט, אין אַ פערצווייפעלטען טאָן, אז, צו איהר בעדויערן, וועט מאָנסיע נעיזשאָן, ניט ערשיינען, ווייל ער האט געמוזט אָברייזען נאך ווערסייל אין פארלאמענטארישע אנגעלעגענהייטען. אונטערדעסען, האט זיא אָבער געגלויבט, דאס ווען ער האט נאך ניט אָבגערייזט, וועט ער זיך דאָך נאך צייגען אויף א פאאר מינוטען.

אום עס זאָל אָבער ניט אויספעהלען קיין פאסענדע פראָמינענטע געסט, האט זיא איינגעלאַדען איין אנדערן רעפּוטירטען פון אונזער דיסטריקט, דעם גרויסען גאָשראָד, וויא מיר רופען איהם דאָ. איך האב מיט איהם אמאל בעקאנטשאפט געשלאָסען געהענדיג אויף דער יאַגד.

דיעזער גאָשראָד, איז געווען א דיקער און זעהר מונטערער מענש; לעצטענס האט ער זיך אויף געלאָזען וואקסען א באַרד, דאמיט ער זאָל ערשיינען אביסעל מעהר עהרענהאפטער אלס רעפּוטירטער.

גאָשראָד איז געבוירען געוואָרען אין פּאריז, וואו זיין פאטער איז געווען איין אַרימער אדוואָקאט; נאָר אזוי וויא ער האט געהאט א רייכען און איינפלוסרייכען אָנקעל, האט דיעזער פאר איהם געאַרבייט, דאס איין אנדערער רעפּוטירטער זאָל איהם איבערגעבען דעם פּאָסטען. וויא אזוי דאס איז געווען, קען איך יעטצט בעשטימט ניט ערקלערען.

איך האב ניט געוואוסט, אויב ער איז שוין פערהייראטעט. מיין טאנטע האט מיך געזעטצט ביים טיש נעבען א יונגע און שעהנע דאמע, וועלכע גאָשראָד האט גערופען בערטהע מיט א הויכער שטימע.

ענדליך איז שוין יעדער געזעסען אויף זיין פּלאַטץ. עס איז נאָך איטער געווען טאָג אין צימער, אָבער דיא גרעפין, מיין טאנטע, האט אונז באלד אריין געפיהרט אין איין אנדערעס צימער, וואו דיא פאָרהענגע זיינען געווען ארונטער געלאָזען און איינינע לאָמפּען האבען אלעס בעלייכטעט.

זיך ווידער זעטצענדיג צום טיש, האט מען געשפּראָכען איבער דיא מיטאגען וואס זיינען געגעבען געוואָרען לעטצטען ווינטער, און מאנכע האבען ניט געמאכט קיין גוטען איינדרוק אויף דער געזעלשאפט, ווייל זיא זיינען אויסגעקומען אקוראט צווישען טאָג און נאכט.

מיין טאנטע, איבערהויפּט, האט געהאסט צו געבען א מיטאג בייא טאגעס־ליכט.

דאס געשפּרעך איבער דיעזען אינהאלט, האט אויסגעזעהען ניט אויפצוהערען, און עס האט מיך געעקעלט. וויא עס שיינט, האט קיין איינציגער דאמאלס ניט געוואוסט צו רעדען איבער א וויכטיגערן געגענשטאנד.

איך האב געשוויגען; און אפילו ווען איך וואָלט וועלען טהייל נעהמען אין אזא געשפּרעך, האב איך ניט געוואוסט וויא אזוי מען פאנגט עס אן.

יעדענפאלס, ווען איך האב געזעהן פאריז בעלייכטעט בייא דער נאכט, האט

עס אַנגעפילט מיין גאנצע װעלט מיט א װאונש, צו געניעסען אלע פערגניגענס װאס ליעגען בעהאלטען הינטער דעם מאנטעל פון דער נאכט.

װיא מען האט אויפגעגעבען דיא פאָר־שפּייזען, האבען זיך דיא שטימען פון דיא געסט געשטארקט, און מען האט אָנגעפאנגען צו רעדען איבער פּאָליטיק. איך בין געװען ערשטוינט צו הערען מיין טאנטע אויסשפּרעכען מיינונגען. װאס עס אנבעלאנגט דיא אנדערע דאמען, האב איך באלד איינגעזעהען, אז זייא זיינען גוט בעקאנט מיט דער אַלגעמיינער פּאָליטיק, און װעהרענד דעם געשפּרעך, האבען זייא אָנגערופען דיא פּראָמינענטע מענער בייא זייערע ערשטע נעמען און געגעבען זעהר שאַרפע אורטהיילע איבער זייא.

געגענאיבער מיר, האט נאָשראַד פערנומען זעהר א ברייטען פּלאץ, רעדענדיג זעהר הויך, אָהנע זיך צו אונטערברעכען ביים עסען און טרינקען.

דאס אַלעס האט מיך זעהר װעניג אינטערעסירט, און צו זאגען דיא װאהר־הייט, האב איך אויך פיעלעס ניט פערשטאנען. דאס אינטערעסאנטעסטע איז אָבער געװען, װאס איך האב ערפאהרען, אז דיא דאמע װאס איז געזעסען מיר אין װאס נאָשראַד האט גערופען בערטהע, איז געװען טאקי מאדאם נאָשראַד אליין.

דא איז געװען זעהר שעהן, װיא איך האב שוין פריהער געזאגט, און װיסענדיג, אז זיא איז א פערהייראטעטע פרױ, האב איך מיך געשפּירט בעד־קװעמער.

איך האב איינינע מאל, ביז דאמאלס געהערט, אז אין יאפּאן איז א מאָדע, דאס מיידלעך קענען אלעס טהון ביז צו דער חתונה און נאך דער חתונה זיינען זייא אָבגעשפּארט בלויז פיר זייערע מענער; אין פּאריז װיעדער, קענען מיידלעך זעהר װעניג אויפטהון פאר דער חתונה, נאָר נאך דער חתונה, איז אלעס פרייא.

אלזא, צו א פערהייראטעטע פרױ אין פּאריז, קען מען האבען א בעסערן צוטריט.

בערטהע׳ס אויגען, האבען איבער מיר געמאכט זעהר א טיעפען איינדרוק. דיא אויגען זיינען געװען קליין, רונד און איהרע שעהנע קאָפּ־האאר, האבען זיך דאַרט ארום געקרייזעלט. איהר האלדנאקען, בעדעקט מיט צערװאָרפענע האאר, האט מיך זעהר בעאונרוהיגט און איך האב מיך געשפּירט שטארק אויפגערעגט. דאס, לוית װיא איך װייס יעטצט, איז דיא אורזאכע װאס פיעלע מענער שפּירען זיך שרעקליך אויפגערעגט, װען דיא ערבליקען א שעהנעם פרייען האלזנאקען.

ביי געוויסע בעוועגונגען פון איהר קערפער, האב איך בעמערקט, וויא איהר אַבטרער טהייל קערפער, האט זיך בעוואוינגען מיט דער געמיטהליכקייט פון א קאטץ, און איהר ברוסט האט אזוי שטארק ארויס געשטעקט, אז איך האב געשפירט דאס בלוט זיך ארויפווארעמענדיג אין מיר.

וואס עס אנבעלאנגט איהר געזיכט, איז עס ניט געווען לויט נאך מיין גע־שמאק; אָבער זיא איז ניט געווען אבשטויסענד. זיא האט געשפראָכען איבער פאָליטיק, נאך פיעל מעהר וויא דיא אנדערע.

פלוצלינג האב איך מיך ארום געזעהען, אז איך זיטץ וויא א דומער קערל, גלייך וויא איך וואָלט גאר ניט געקענט רעדען.

איך האב מיר דאמאלס זעלבסט געמאכט פאָרווירפע, אז אזעלכער וויא איך, קען ארום געהען יאָהרען לאנג אין פאריז, און קיינמאל ניט וויסען פון קיין פרויען־ליעבע.

איך בין געוואָרען מעהר העפליך און קאוואליר־מעסיג.

„מאדאם,“ האב איך געזאגט, „וועלכע איהר פיעללייכט דאס זאלץ? אָה, אָדער גאר דעם וויין?“

איך האב מיך בעמיהט צו לעזען יעדען וואונש פון איהרע הענד־בעוועגונגען אָדער בליק מיט דיא אויגען.

זיא האט צו מיר געשמייכעלט אזוי זיס און אזוי פערפיהרעריש, אז מיר האט זיך געדאכט... אָבער וואס ניטצט יעטצט צו שילדערן מיינע דאמאליגע גע־דאנקען? דער לעזער וועט שוין באלד אַלעס ערפאהרען.

בערטהע איז געווען זעהר ליעבענסווירדיג און זיא האט אויך געזוכט מיך צו פעראינטערעסירען.

„וויא עס שיינט,“ האט זיא בעמערקט, „אינטערעסירט אייך גאר ניט קיין פאָליטיק. אָבער וואס זאָל מען טהון? א מענש מוז דאך רעדען. ווען עס איז נישטאָ איבער וואס צו פלוידערן, רעדט מען איבער פאָליטיק. איבריגענס, איהר וועט ערפאהרען, אז היינטיגע צייטען, איז יעדער בעשעפטיגט נאָר מיט פאָ־ליטיק.“

דאן האט זיא געוועקסעלט דעם אינהאלט פון אונזער געשפרעך.

נאָכדעם האט איהר אין קורצען מיטגעטהיילט אלעס איבער מיר.

„איז נאָמערוויילל א שעהנער געגענד?“ האט זיא געפרעגט. „מיין מאן האט מיך אמאל געוואָלט אהין ארויס נעהמען צו זיין אָנקעל, לעטצטען זומער. אָבער איך האב מורא געהאט, און מיך געמאכט קראנק.“

„דיא תבואה־פעלדער, אין זומער צייט, זיינען זעהר שעהן,“ האב איך בע־מערקט, „עס זיינען אויך דא הערליכע לאנקעס.“

„געגוג! גענוג! דאס איז שוין גענוג!“ האט זיא אויסגעשריען. „מעהר דארף איך ניט וויסען. עס איז געוויס א שרעקליכע געגענד! איך בין ניט פון דיזע וואס ווערען בעגייסטערט פון גרינע פעלדער און בלומען־לאנקעס. בייא מיר איז דאס א טויטע און פוסטע געגענד, מיט דיזעלבע הויכע און ניעדריגע בוימער און מיט דיזעלבע גראזפעלדער וואס פאסט פאר קיה.“

איך האב איהר געוואלט ערקלערען, אז דיא פרייע נאטור איז אלעס אין דער וועלט און דארט געפינט מען דיא ריינע און וואהרע שעהנהייט, אבער זיא האט מיך ניט געלאזען רעדען און האט שוין אנגעפאנגען צו בעשפרעכען מיט א צוויטען מאן, א געזעטץ איבער העכערע בילדונג וואס איז אריין געבראכט געווארען אין פארלאמענט.

דאס געשפרעך האט זיך ענדליך געוועקסעלט אויף טהעאטער. ווען זיא האט זיך אנגעלעהנט אויף'ן טיש אום צו בעענטפערן א פראגע אויף יענער זייט טיש, האט זיך איהר האלז נאך מעהר אויסגעצויגען און איך האב בעסער געקענט זעהען איהר אלבאסטער־נאקען, וועלכעס האט אין מיר ערוועקט איין אונרוהיגעס געפיהל.

נאך זייענדיג אין לע באקעט, און זיטצענדיג פאר מיר אליין, האב איך פיעלע מאל געטרוימט איבער א געליעבטע מיט שעהנע האאר; נאר איך האב מיר יענע פארגעשטעלט, אלס לאנגזאם און רוהיג אין איהרע בעוועגונגען, וועהרענד בערטהע איז געווען אזוי ריהרענדיג וויא א קאטץ.

ווען מען האט אויפגעגעבען דעם צושפייז, האב איך שוין מעהר ניט געקענט אויסהאלטען פאר אויפרעגונג, און איך האב אנגעהויבען צו פאנטאזירען. איך האב מיר פארגעשטעלט, אז מיין ציעל, צו האבען א געליעבטע, איז יעטצט עררייכט, נאר מיין ערשטער טריט מוז זיין, איך זאל אוועק נעהמען בערטהען ערגיץ אויף א זייט און איהר געבען א קוש אויף'ן האלזנאקען. זיא וועט זיך דאן אומווענדען צו מיר, און אויף איהרע שעהנע ליפען, וועט ליעגען א זיסער שמייכעלע. דאן וועלען מיר זיך אוועק זעטצען; דאס הייסט, איך וועל זיטצען און זיא וועט זיין אויף מיין שויס.

פלוצלינג האב איך אויך געשפירט איהר ווייכען קערפער זיך צודריקענדיג צו מיר. איך האב געמיינט, אז איך ווער משוגע

„זייט אזוי גוט," האט זיא געזאגט אין א רוהיגדיגען טאָן, „און דערלאַנגט מיר דעם טעלער מיט דיא באָנבאָנס. נאָך'ן עסען מוז איך געניעסען זיסעס."

עס האט זיך מיר געדאכט, אז אין איהרע אויגען ליענט א צערטליכער בליק פול מיט ליעבע. דאַן האב איך געשפירט איין אונגעהייערעס פערגניגען, ווען איהר נאַקעטער ארעם האט בעריהרט מיין האנד

„איך בין אזוי וויא א קינד," האט זיא געזאָגט קייענדיג דיא באָנבאָנס. „איך ליעב זעהר זיסע זאכען. האט איהר אויך ליעב זיסע זאכען?"

איהרע איינפאכע ווערטער האבען מיך שטארק בעגייסטערט, און איך האב געשפירט, אז איך בין פאָזיטיוו פערליעבט אין איהר. ווען איך האב אויפגעהויבען מיין קאָפּ, האב איך דערזעהען גאַשראַד'ן, וועלכער האט געקוקט צו מיר, וועהרענד איך האב גערעדט מיט זיין פרוי. ער האט אויסגעזעהען זעהר מונטער, און גער שמייכעלט צו מיר ערמונטערענד.

אָבער זיין שמייכעל, האט מיך אונטערדעסען אביסעל אָבגעקיהלט.

ווירקליך, וויא גרויס דער לומפּ זאָל ליעגען אין א מענשען, ווילט זיך דאָך ניט, ווען דער מאַן איז פריינדליך און ליעבענסווירדיג, מען זאָל דענקען ניט אנשטענדיג איבער זיין פרוי. עפּעס בעטראַכט מען דאמאלס דיא פרוי פון אזא מאַן, וויא א שוועגערין אָדער גאר וויא א שוועסטער.

אונטערדעסען האט עס געהאלטען ביים ענדע פון דעם מיטאג. קיין זאך האט מיך אויסעראָרענטליך איבערראשט, מיט דער אויסנאהמע פון בערטהע'ן, וועלכע האט אויף מיר געמאכט א טיעפען איינדרוק.

מיין טאַנטע האט זיך בעקלאָגט, אז עס איז צו הייס, און דער עולם האט דאַן ווידער אָנגעפאנגען צו רעדען איבער פּאָליטיק. דאַן איז מען איבערגעגאַנגען צו דער שילדערונג פון דעם וועטער; מאנכע האבען בעשפּראָכען דעם פריהלינג, און געקומען צום בעשלוס, אז עסען גוטע זאכען, קען מען נאָר אין ווינטער.

דאַן זיינען מיר אלע אריין אין קליינעם זאלאָן אום צו טרינקען שווארצען קאַפּעע.

ערשט נאכדעם האט אָנגעפאַנגען צו קומען געזעלשאפט. דיא דרייא גרויסע זאלאָנען און דאס שפּייזע־צימער, זיינען פול געוואָרען. איך האב מיך אוועק געזעצט אין א ווינקעל וויא א צושויער.

מיין טאַנטע איז צוגעקומען און מיר געזאגט:

„געה ניט אוועק, געאָרג. זיין פרוי קומט באלד. ער האט פערשפּראָכען, אז ער וועט קומען זיא אָבנעהמען, וויל ער איז נאָך ניט אוועק געפאָהרען."

דא האט געמיינט מאדאם גאיזשאן. אבער איך האב קוים געקענט הערען וואס זיא האט צו מיר געזאגט. ניט ווייט פון מיר זיינען געשטאנען צווייא יונגע לייט, וועלכע האבען עפּעס גערעדט וואס האט מיך געמאכט וויא אויפשפּרינגען פון מיין פּלאטץ.

זייא זיינען געשטאנען אויף דיא שפּיטץ פינגער נעבען דעם גרעסערן זאלאן, און צור צייט וואס פעליקס בודען, מיין אלטער שול־קאמעראד, איז ערשיענען און זיך פערנייגט פאר מאדאם גאשראד, האט דער ניעדריגער פון דיא צווייא בעמערקט:

„אזוי? ער האלט זיך נאך אימער מיט איהר?"

„יא," האט געענטפערט דער העכערער, „דאס איז א פעסטע ליעבע. איך רעכען, אז עס וועט דויערן דעם גאנצען ווינטער. עס איז דאס ערשטע מאל וואס בערטהע האלט זיך אזוי לאנג אן אין א חברה־מאן."

קיין גרויסען שמערץ האב איך ניט געפיהלט, אבער איך האב געשפּירט וויא מיין זעלבסט־ליעבע איז פערוואונדעט געווארען. ער, פעליקס בודען, ער האט יא געקענט ערווייבען צו האבען א געליעבטע? און איך, בין נאך ווירקליך אזא שלים־מזל?

וואס האט זיא געמיינט, ווען זיא האט מיר געזאגט אזוי צערטליך, אז זיא ליעבט זיסע זאכען? זעלבסטפערשטענדליך, דאס נאכדעם וויא פעליקס בודען איז מיין בעסטער פריינד, האב איך ניט בעאבזיכטיגט צו קריכען אויף פרעמדע קברים דארט וואו ער איז פערמישט.

אבער ווארום זאל ער יא האבען א געליעבטע און איך ניט? מיט וואס איז ער דאס שעהנער אדער ליעבענסווירדיגער וויא איך? צום טייפעל! מען דארף זיך זעהען צו אייליגן, זאנסט איז עס ניט ווערטה וואס מען איז אין פּאריז!

וועהרענד דעם, האב איך בעמערקט, וויא גאשראד, ערבליקענדיג פעליקס'ן, איז צו איהם צוגעלאפען און איהם גערייכטביידע הענד אויסערארענטליך פריינדליך. ער האט איהם ברידערליך אנגעקלאפּט אויף דער פּלייצע און זיין געזיכט האט גע־שטראהלט מיט פערגניעגען.

וואס איז דאס? איז עס מעגליך, אז דער מאן זעלבסט ערמוטהיגט זיין פרוי'ס געליעבטען? יא, יא, עס איז ווירקליך אזוי, און דער מאן ווייס עס, כל־זמן פרעמדע זיינען דערמיט בעקאנט.

וואס האט בעדייטעט גאשארד'ס פריינדליכער בליק צו מיר, ווען איך האב מיך אונטערהאלטען מיט זיין פרוי? פיעללייכט איז ער נאר פון דער מיינונג, אז

זיין ווייב דארף שוין וועקסלען דעם געליעבטען, און מיך נעהמען אנשטאט פעליקס'ן ?

צום טייפעל! עס איז דאך פאריז, און אלעס איז מעגליך!

איך בין געווען פערווירט.

„אך! דא ביסטו!" האט פעליקס אויסגעשריען מיך ערבליקענדיג, „איך בין אהער געקומען בלויז צוליעב דיר... ווילסטו איך זאָל דיר העלפען זיך אויסקוקען אין דיא זאלאָנען? דוא ביסט נאך גאר א אינגעל, און אונערפאהרען אין דעם גרויסען פאריזער תהום!"

מיר האבען זיך אוועק געשטעלט נעבען דער טהיר, און אין מיר האט געדברענט דער וואונש איהם צו פרעגען וויא לאנג ער איז שוין פערליעבט אין מאדאם גאָשראָד, און אויך ערפאהרען עפעס איבער דיא אויפפיהרונגען פון א געליעבטען; אבער איך האב ניט געוואוסט וויא אָנצופאנגען אזא געשפרעך אָדער שטעלען אזא פראגע.

וועהרענד איך האב געזוכט א געלעגענהייט מיט איהם צו רעדען דאריבער, האב איך איהם דערוויל געפרעגט איבער אונצעהליגע אנדערע פערזאָנען, וואס האבען מיך אבסאָלוט גאר ניט אינטערעסירט; ער האט מיר אָנגערופען זייערע נעמען און מיר געגעבען א קורצע, אָבער אויספיהרליכע ערקלערונג איבער יעדען איינעם.

קיין וואונדער; פעליקס איז געבוירען געוואָרען אין פאריז, און ער האט בלויז פערבראכט צווייא יאהר אין גימנאזיום פון קאען, וועהרענד זיין פאטער איז געווען פרעפעקט פון קאלוואדאס. ער האט אלזא בעדארפט יעדען קענען.

מיר האט עס אויסגעזעהען, אז פעליקס רעדט אביסעל צו פיעל, און איז ניט גענוג פאָרזיכטיג. ווען איך האב איהם געפרעגט איבער מאנכע פרויען, האט זיך בעוויזען א געהיימניספאלער שמייכעלע אויף זיינע ליפען, בשעת ער האט מיר געגעבען איין אויבערפלעכליכע ערקלערונג איבער זייא.

„דוא ערוואַרטעסט צו זעהען מאדאם געזשאָן?" האט ער פלוצלינג געפרעגט.

„ווער זאָגסטו?" האב איך געפרעגט האלב פערגעסענדיג אן דעם נאמען.

„איך מיין צו דער וואס דוא קוקסט יעטצט."

איך האב דאמאלס געבליקט צו מאדאם גאָשראָד, און הערענדיג וואס ער האט מיר געזאָגט, האב איך שנעל געפרעגט:

„מאדאם נעיזשאָן ? אך ! וואו איז זיא ?"

„דיעזע ברונעטע דאַמע, דאָרט געגענאיבער דעם ברייטען שטוהל, וועלכע רעדט מיט דער בלאָנדינע."

ריכטיג, נעבען מאדאם גאָשראָד, דיא בלאָנדינע, איז געשטאַנען איין אַנדערע דאַמע, א הערליכע ברונעטקע, און מיט איהר זעהר מונטער געשפּראָכען, רעדענדיג גאַנץ הויך.

„איז דאס מאדאם נעיזשאָן ?" האב איך געפרעגט בעוואונדערענדיג.

איך האב זיא גוט בעטראַכט. מאדאם נעיזשאָן האט געהאט א דונקלע פארב אויף איהר געזיכט, און דאס האט זיך נאך בעסער דערקענט, וועהרענד זיא איז געשטאַנען מיט איהרע קויל־שווארצע האאר נעבען דער בלאָנדער בערטהע. אָבער א מערקווירדיגע שעהנהייט איז זיא געוועזען.

איהרע אויגען האבען געגלענצט מיט לעבען און מונטערקייט. איהר קליינע נאָז, איהר שעהנעס מויל, איהרע אויסגעפּיללטע רונדע באקען און איהר פולער בוזים, האבען פאָרגעשטעלט דיא ליעבענסווירדיגקייט, אנציהונג און סימ־פּאַטישעס.

דאס איז געוועזען דער ערשטער איינדרוק וואס זיא האט איבער מיר געמאַכט. נאָר בליקענדיג וויטער צו איהר, האב איך מיך איבערצייגט, אז זיא איז נאך לעב־האפטער און פיעל מונטערער וויא בערטהע. זיא האט געלאַכט, וויא מען זאָגט, פערפיהרעריש און פון דעם גאַנצען הארצען.

„קענסטו מאָנסיע נעיזשאָן ?" האט מיך פעליקס געפרעגט.

„איך ? ניין. מיין טאַנטע וויל מיך פאר איהם פאָרשטעלען."

„איך האב געמיינט, אז דוא קענסט איהם."

„ניין. ווארום פרעגסטו ?"

„וויל ער איז איין אינטערעסאַנטע פערזאָן."

„אין וועלכען בעציהונג ?"

„ער איז א נול, א גאר ניט, א טויגעניכטס, און קען אפילו ניט א קאַטץ דעם עק פערבינדען. מיט איינעם וואָרט, ער איז א פאַלקאָמענער איזעל. ער איז איינער פון דיא פּאָליטישע מאַשינען וואס דרעהען זיך אין אלע זייטען, אָהנע צו וויסען וואו זייא זיינען. ער האט קיין איינציגע אידעע, איבער וועלכער ער זאָל וויסען, אז דאס איז זיין ווילען. וואו ער געפינט זיך, קען מען מיט איהם אימער מאַכען וואס דיא פאָרנעזעטצטע ווילען."

„און זיין פרוי ?" האב איך געפרעגט.

„זיין פרוי ? פרעג גאר ניט ; דאָרט איז זיא ! זיא איז דיא ליעבענסווירדיג־קייט זעלבסט... ווען דוא ווילסט עפּעס פון איהם ארויס קריעגען, דאַרפסטו איהר נאָר שענקען אויפמערקזאמקייט, און דאן קענסטו שוין אפילו אָבקויפען זיין גאנצע נשמה פאר א גראָשען."

פעליקס, וויא מיר האט געשיינט, האט ניט געוואָלט מעהר רעדען איבער מאַדאַם נעיזשאָן. אָבער, אין אַלגעמיינעם, האט ער מיר געגעבען צו פערשטעהען, אז מאַדאַם נעיזשאָן, מיט איהר שארפזינן און נאך עפּעס, האט געמאכט א פער־מעגען פיר איהר מאַן, און זיא איז נאך אימער דיעיעניגע וואס זאָרגט פיר דעם וואָהלזיין פון דער פאַמיליע.

צולעטצט האט ער בעמערקט :

„גאַנץ פאריז זאגט, אז זיא האט גאנצע רעגימענטען מיט געליעבטע."

דאס האט מיך ניט איבערראשט און איך האב געפרעגט :

„און וואס איז מיט דער בלאָנדינע ?"

„דיא בלאָנדינע," האט ער געענטפערט גלייכגילטיג, „איז מאַדאַם גאָשראָד."

„זיא איז א פיינע בחור'טע," האב איך געזאגט.

„געווים איז זיא א פיינעס פרויענצימער, א שעהנהייט !" האט ער גע־ענטפערט.

ער האט געוואָלט ווערען ערנסט, אָבער ער האט ניט געקענט. אונווילענדיג, האב איך בעמערקט, וויא דער שמייכעל דרענגט זיך אויף זיין געזיכט. מיר האט זיך זאָגאר אויך געדאכט, אז ער בליקט צו מיר מיט א ביסעלע פעראכטונג אָדער האַס.

דיא צוויא דאמען, וויא עס שיינט, האבען בעמערקט, אז מיר רעדען איבער זייא, און זייא האבען שטאַרק געלאכט.

דערווייל איז צוגעקומען איין אנדערע דאמע און אוועק גערופען פעליקס'ן. איך בין געבליעבען אליין.

איך האב שוין ניט געקענט ארונטער נעהמען מיינע אויגען פון מאַדאַם גאָשראָד און מאַדאַם נעיזשאָן. ביידע זיינען געווען וואונדער שעהנהייטען, אָבער מאַדאַם נעיזשען, איז געווען אנגענעהמער און לעבהאַפטער. זיא האט איבער מיר געמאכט א בעסערן איינדרוק.

איך האָב מיר געטראַכט, דאס ווען עס איז מיר באַשערט צו האָבען אַ

געליעבטע אין פאריז, דאן ווינש איך מיר קיין שעהנערע און קיין בעסערע וויא דיא ברונעטקע, מאדאם נעיזשאָן.

מיין טאנטע איז נאך אמאל צוגעקומען און מיר איינגערעדט:

„מאנסיע נעיזשאָן איז גאר קיין מענש ניט; ער האט געזאגט, אז ער קומט, און ער איז נישטאָ. ער איז אימער אזוי... איבריגענס, איז עס נאך קיין צוועלף אוהר, און זיין פרוי ווארט נאך אויף איהם; פיעללייכט וועט ער שיינען.“

איך בין ארום געגאנגען איבער דעם שפייזע־צימער און זיך אָבגעשטעלט בייא דער טהיר פון דעם מיטעלסטען זאלאָן. אויף דיעזער ארט בין איך אויסגעקומען הינטער דיא צוויא דאמען. פארבייגעהענדיג, האב איך געהערט, וויא בערטהע האט גערופען איהר פריינדין, מאדאם נעיזשאָן, מיט דעם נאמען, לואיז.

„א שעהנער נאמען, לואיז,“ האב איך מיר געטראכט.

זיא האט געטראגען א קלייד וואס האט בעדעקט א היבשען טהייל פון איהר האלז, אָבער דאך האט זיך אויף ארוים געזעהען א ווייסער פאס פון איהר האלז, וואס איז בעדעקט געוואָרען, טהיילווייז, פון איהרע קויל־שווארצע האאר.

דיעזער קליינער ווייסער פאס הויט, האט איבער מיר מעהר איינדרוק געמאכט, וויא בערטהע׳ס גאנצער נאקעטער האלז.

דאן האב איך אָנגעפאנגען ביידע צו פערגלייכען, אָבער עס איז שווער געווען צו קומען צו א בעשלוס. ביידע זיינען געווען בעצויבערענד, און יעדע איינע האט געהאט פערשיעדענע אנציהונגען.

אויף דיעזער ארט האב איך מיר אויפגעזוכט א פערבאָרגענעם ווינקעל און פון ארונטער גענומען דיא אויגען פון ביידע דאמען.

וועהרענד דעם האט מיך מיין טאנטע געזוכט איבעראל.

עס איז שוין געווען איינס אוהר.

„ענדליך, האב איך דיך געפונען,“ האט דיא טאנטע געזאגט צוקומענדיג. „דוא האסט געוועקסעלט דיא טהירען. פריהער ביסטו דאָרט געשטאנען, יעצט דאָ. וויא עס שיינט, וועט שוין נעיזשאָן ניט קומען. ער איז א געוואלטיגער פאטריאָט, און יעדען אבענד פון פערגניגען, אָפפערט ער פיר דאס לאנד... איבריגענס, האב איך בעשלאָסען, דיך פאָרצושטעלען פאר זיין פרוי איידער זיא נעהמט אוועק, אָבער מערק עס דיר, דוא זאָלסט איהר שענקען דיא גרעסטע אויפ־מערקזאמקייט, עס איז זעהר וויכטיג פיר דיין שפעטערע קאריערע.“

אָהנע צו ווארטען אויף מיין ענטפער, האט מיך דיא גרעפין אָנגענומען און מיך צוגעפיהרט פאר מאדאם געיזשאן און מיך פאָרגעשטעלט, איהר זאָגענדיג מיין נאמען און בעשעפטיגונג אין איין פראַזע.

איך בין געשטאַנען וויא א דומער דאָרפס־יונג און נים געוואוסט וואס איך זאָל זאגען.

לואיז האט געווארט מיט א זיסען שמייכעלע אויף איהרע ליפען, וואהרשיינליך צו הערען פון מיר דיא ווערטער, אז עס פרייט מיך איהר בעקאנטשאפט, נאָר זעהענדיג, אז איך בין א בהמה אָהן לשון, האט זיא זיך אליין פאר מיר גענייגט.

מיר האט עס אויסגעזעהן, אז מאדאם גאַשראַד, דאס הייסט, בערטהע, האט פון מיר חוזק געמאכט.

דאן האבען זיך ביידע דאמען אָבגעווענדעט און אוועק שפאצירט.

אריין קומענדיג אין קאָרידאָר, וואו דיא קליידער זיינען געווען, האבען זייא אויסגעבראָכען אין א ווילדעם געלעכטער, נים אכטענדיג דארויף וואס איך בין געווען נאָהענט גענוג צו הערען און אויך פערשטעהען, אז זייא לאַכען פון מיר און פון מיין דומער בענעהמונג.

„אזוי, אזוי," האב איך מיר געטראַכט, „אַט דאס זיינען דיא פאַריזער דאמען! וואס איך האב געהערט איבער זייא, איז ריכטיג גענוג. ווען א יונגער מאן קען נים אזוי גוט ערקלערען ליעבע און זייא שמייכלען, נעהמען זייא איהם נאָך אויף חוזק."

איך האב געזיפצט. אָבער איך בין אויף זייא נים געווען אין כעס. ווער האט דאס געקענט בעז ווערען אויף אזעלכע שעהנהייטען?

זייא האבען זיך אָנגעקליידעט. און דיא מענער, וועלכע זיינען געשטאַנען אין קאָרידאָר, האבען פאר זייא פּלאַטץ געמאַכט און זיך פערנייגט זעהר העפליך, וועהרענד זייא זיינען פארבייא געגאַנגען.

פעליקס איז שוין אויך געווען אָנגעצויגען, און איך בין נאָך אימער געשטאַנען וויא געלעהמט נים וויסענדיג וואס איך זאָל טהון.

„וואס שטעהסטו?" האט ער מיך פּלוצלינג געפרעגט.

איר האב ווידער נים געוואוסט וואס צו ענטפערן.

„ווילסטו דאָ נעכטיגען?" האט ער ווייטער געפרעגט.

„ניין."

„דאן ציה זיך אָן און קום."

„איך האב מיך אָנגעצויגען, ארויס אויף דער גאס, און ער האט מיר אָנגע־באָטען א פּלאַטץ אין זיין דראָשקע.

די פרישע לופט האט מיך אביסעל געבראכט צו מיין פערשטאנד און איך האב געוואָלט זיין אליין.

איך האב מיך ענטשולדיגט פאר פעליקס'ען און בין אוועק, שפּאַצירענדיג דורך די רוהיגע און איינזאמע שטראסען.

איך האב געשפּירט גלייך ווי עס וואָלט מיך געפרעסט. עפּעס האט מיך געפּייניגט ביי מיין הארצען און איך האב ניט פערשטאנען וואס דאס בע־דייטעט.

„איז דאס מעגליך," האב איך מיך געפרעגט נאך א האלבע שטונדע שפּאַ־צירען, „אז איך מיר ערוועקט זיך א ליעבע?"

איך האב מיר די פראגע ניט געקענט בעענטפערן און איך האב ווייטער שפּאַצירט.

2.

איך האב די דאמען ווידער געזעהען, ביי דער ערעפנונג פון די זאלאָן־בעלער. דער אמת איז, אז איך בין נאַר געקומען, ווייל איך האב געוואוסט, אז זיי וועלען דאָרט זיין.

ניין, ניט די קונסט־בילדער האבען מיך אינטערעסירט אין די זאלאָנען, ווי איך האב בעהויפּטעט.

גאנץ פריה בין איך געווען עסען פריהשטיק מיט פעליקס'ן, אין דעם רעסטאָ־ראנט פון שאמפּ־עליזעע, און נאכדעם זיינען מיר אוועק אין זאלאָן.

זייט דעם אבענד, ביי מיין טאנטע, די גרעפין, האב איך זעהר פיעל גע־דענקט און געקלערט. אָבער די וואהרהייט איז, אנשטאט דאס אלעס זאָל מיך אויפקלערען, זעה איך יעטצט ארויס, אז איך בין נאך פערקראָכען אין א גרעסערער בלאָטע.

„וואס פאר א מערקווירדיגע וועלט פאריז איז!" האב איך מיר געטראכט. „דאכט זיך אזוי פיין אָבגעפּוצט, פאלירט, שעהן און גלענצענד פון דרויסען, און דאָך, אינווענינג, ווי געמיין און פערדאָרבען! זייא האבען רעכט געהאט, ווען זייא האבען בעהויפּטעט, אז די פאריזער דאמען, איינע ווי די אנדערע, זיינען אויס־געלאסען. איך האב שוין גענוג געזעהען, אום מיך צו איבערצייגען דער־ריעבער..."

וועהרענד דיעזע געדאנקען, האב איך ווייטער געקלערט, אז דאס איז, אין אלגעמיינעם, א מיאוסע וועלט.

ווירקליך, נאך אלעמען, בין איך א פראנצויז, און פאריז איז דער מיטעלפונקט פון מיין פאלק, פון מיין נאציאן און פון מיין שטאלץ. און דיעזעס פאריז, די בלומע פון דער געזעלשאפט, איז אזוי אבשייליך און געמיין.

וויא איהר קענט זיך מערקען פון דעם וואס איך האב איך ביז יעטצט דער־צעהלט, בין איך אפילו ניט קיין גרויסער מאראליסט מיט ווידענע זאקען. איך טראג זאגאר ווידענע זאקען, אבער אין מאראל פעהלט מיר זעהר פיעל, וויא עס איז דער פאל מיט פיעלע אנדערע פון מיין קלאסע. אבער דאך, בין איך א מאן, דער קעניג פון דער שעפפונג; א מאן, וואס האט שטודירט פילאזאפיע, דיך איינגעקוקט אין מאנכע געהיימניסע דער נאטור, און איך וויים גאנץ גוט, אז אויסגעלאסענהייט, איז ניט צום ריהמען.

דאן, האב איך מיר געטראכט, אז איך קען דאך ניט אייביג פערבלייבען א בחור; איך וועל אויך חתונה האבען, און נאך נעהמען פיעללייכט א מיידעל פון פאריז און מוזען מיט איהר לעבען אין פאריז. היינט וואס וועט זיין פון מיין פרוי? אויך אזעלכע וואס איך האב בעגעגענט — א פאריזער דאמע!

„אבשייליך, געמיין און ניעדערטרעכטיג!

איך בין געוואלטיג איפערזיכטיג געווארען איבער מיין פרוי, וועלכע איך האב נאך גאר ניט געקענט.

יעטצט, ווען איך בין שוין אויסגעניכטערט, און מיין ערפאהרונג האט מיך עפעס אויסגעלערענט, בליק איך צוריק מיט א שוידער צו מיינע דאמאליגע גע־דאנקען.

הערט נאר אוים: איך האב געוואלט האבען א געליעבטע; א שעהנע, ליעבענסווירדיגע און אנציהענדע פרוי — ניט מיין פרוי, זאנדערן יענעם'ס פרוי; זיא אוועק נעהמען פון איהר מאן פיר מיר. דאס איז געווען גאנץ עהרליך און שעהן. דאגעגען וויעדער, האב איך געוואלט האבען איין עהרליכע און אנשטענדיגע פרוי, וועלכע זאל קיינע געליעבטע בעזיטצען.

וויא געפעלט אייך אלזא אזא מאן? דינען אויך אנדערע מענער אזוי?

איבערהויפט, האט מיך שטארק פערדראסען, ווארום אין מיין טאנטע'ס הויז קומען אריין אזעלכע פרויענצימער. איך האב, וויא עס שיינט, געוואלט האבען איין עהרליכע משפחה, אבער דיא גאנצע וועלט האט געמעגט זיין פערדארבען, אום מיט דיעזער פערדארבענהייט מיר צו פערשאפען פערגניגען.

איך האב אָנגעפאנגען מיר איבערדענקען יעדע פרוי וואס איך האב געזעהען און בעגעגענט. איך בין געווען פעסט איבערצייגט, פון זייער פרייהייט, מונטערקייט, געלעכטער און אלגעמיינע בענעהמונג, אז מוטער, טאָכטער, שנור און שוויגער־מוטער — אלעס, אלעס האט זיך נעדרעהט ארום איין ראָד פון פערדאָרבענהייט, און אין געהיים אָדער אין דער עפענטליכקייט, האט יעדע איינע בעטראָגען איהר מאַן.

רעדענדיג מיט פעליקס'ן איבער דיעזער ארט געזעלשאפט וואס איך האב בעגעגענט, האט ער מיר געזאגט, אז איבעראל, נים נאָר בייא מיין טאנטע, קומען דיעזעלבע פערזאָנען מיט דיעזעלבע איינענשאפטען.

ער האט אלזאָ אוועק גענומען דעם רעסט געדאנק פון מיר, ווען איך האב געקלערט, אז פיעללייכט האב איך נאך נים אלעס געזעהען, און נאָר בייא מיין טאנטע ערשיינען אזעלכע צווייפעלהאפטע כאראקטערע.

„עס זיינען פערהאנדען,“ האט פעליקס געזאגט, „מאנכע פרויען, דאס הייסט, דיא ווירטהינען פון פיינע זאלאָנס, וואס זיינען נים גאנץ צופריעדען פון דיא צו פרעהליכע דאמען. דאס איז דערפאר, ווייל זייא ווילען נים זייערע טעכטער, זיהן, אָדער מענער זאָלען זיך פון זייא עפעס אָבלערנען. אָבער עס איז אונמעגליך זייא זאָלען זיך גראָב בענעהמען געגען דיא פרעהליכע נקבות און זייא זאגען, זייא זאָלען נים קומען. ווען דיא זאָלען עס וואגען צו טהון, דאן וואָלטען זייא אריים גערופען דיא גרעסטע שנאה געגען זיך און יעדער וועלט פון זייא געלאכט.“

מיינע ערשטע מאראלישע געפיהלע, זיינען אונטערדעסען באלד פערשוואונדען, און אלעס וואס עס איז מיר איבערגעבליעבען, איז געווען דיא ברענענדע תאוה אום אויך אנטהייל צו נעהמען אין דיעזע פערגניגענגס.

איך האב געוואָהנט אין א פאאר צימערן פון דער לאפים שטראסע. פיער טעג דורכאנאנד, האב איך נים געקענט ערוואכען, אָהנע צו דענקען פאר'ן עפענען דיא אויגען און נאך דעם, איבער בערטהע'ן און לואיז'ן.

מיין בעשטענדיגעס טראכטען איבער זייערע געזיכטער, קערפערס און פאר־שמעלונגען, האט מיך געפיהרט דערצו, וואס איך האב נים געקענט וויסען געגנו־וועלכע מיר געפעלט אמבעסטען.

איבריגענס זיינען זייא ביידע געווען גענוג שעהן, און פאר מיר איז עס געווען גאנץ גלייך, וועלכע עס זאָל זיין, אבי צו האבען א געליעבטע.

נאכדענקענדיג בין איך אָבער געקומען צום בעשלוס, אז בערטהע איז נים צום פערגעבען, דיא האט א געליעבטען, פעליקס'ן. איך האב געהערט פון א פאאר

לייטע, אין יענעם ערשטען אבענד, אז פעליקס איז פּאָזיטיוו איהר געליעבטער, און וואס פאר איין אינטערעסע האבען זייא דען געהאט צו זאגען א ליגען. מסתמא אז מען קלינגט, איז א יום־טוב. אונפּאַרטייאישע מענשען וועלען דאָך ניט ארויס ברענגען קיין שלעכטען נאמען איבער איין אנשטענדיגע פרוי!

דאס האט מיך ניט בעקימערט; אין געגענטהייל, דאס האט מיך געפרייט, ווייל איך האב אין דעם געזעהן דיא זיכערע מעגליכקייט, אויך צו קריעגען א געליעבטע. פעליקס איז ניט געווען אזא שעהנער וויא איך, און ווען ער האט געקענט געפינען א געליעבטע, וועל איך געוויס טרעפען.

ליגענדיג אין בעט, אונטער דער ווארעמער און ווייכער דעק, האב איך מיר פאָרגעשטעלט א שעהנע דאמע אין איהר נאקעטקייט, און אזוי טרוימענדיג, אין א גליקליכער נאכלעסיגקייט, האב איך געקענט פערברענגען שטונדען־לאנג.

דיא פאָרשטעלונגען פון דיא דאמען, זיינען ניט געווען בעשטימט. היינט האב איך מיר פאָרגעשטעלט איינע, מאָרגען איין אנדערע און שפעטער א דריטע. איך האב מיר ניט געוואָלט אָבקלייבען גראדע דיעזע אָדער יענע אליין פיר אימער. איך האב מיר געוואָלט לאָזען פּלאטץ צום וועהלען, וועלכע עס וועט מיר אמבעסטען געפעלען.

בערטהע און לואיז, האבען אונטערדעסען זיך מיר מעהר פאָרגעשטעלט וויא אנדערע, וואהרשיינליך, ווייל איך בין מיט זייא בעסער בעקאַנט געוואָרען און זייא זיינען אויך געווען דיא שענסטע. איינע פון זייא, סאי־וועלכע, וואָלט איך אקצעפּירט.

ענדליך בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אז דיא צייט איז געקומען, ווען איך מוז וועהלען, ווייל עס לאָזט זיך ניט ווארטען. און דיעזע וואס איך וועל מיר אויסוועהלען, זאָל בלייבען דער ציעל פון מיינע שטרעבונגען.

ווען איך בין אריין געקומען צום ערשטען מאל אין צימער פון דער בילדער־גאלערעע, בין איך געווען ערשטוינט פון דער גרויסער מאסע מענשען וואס איך האב דאָרט געטראָפען.

„צום טייפעל!“ האט פעליקס געמורמעלט, „מיר זיינען שוין געקומען אביסעל צו שפעט. עס איז געפאקט, און מיר וועלען זיך קענען קוים דורכשטופען.“

עס איז געווען א פערש־עדענעס און פערמישטעס פובליקום: קינסטלער, רייכע מענער און גלאט געזעלשאפטס־פערזאָנען. צווישען דיא אָבגעטראָגענע פּאַלטאָס און עלטערע איבער־דעק, האט מען אויך געקענט זעהן דיא טהייערסטע

קליידער פון דער לעטצטער מאָדע, און דאַמען אין זייד, קאַשעמיר, פּערלען, דיאַמאַנטען, גאָלד און בריליאַנטען.

די פאַמיליאַריטעט פון די פרויען, זייער פרייער אויפטריט און זייערע מונטערע געלעכטערס, האָבען מיך אונגעהייער געפרייט. זייא זיינען געגאַנגען פון בילד צו בילד, געלאַכט, געפּלוידערט און געשפּרונגען וויא יונגע ציגען.

פעליקס האָט מיר פון וויטען געצייגט א דאַמע און זיא בעצייכענט אלס דיא גרעפין ד'א...; זיא איז געגאַנגען מיט איבשע צווייא טעכטער, איינע פון א יאָהר זעכצעהן, און דיא אַנדערע פון א יאָהר אַכטצעהן. אלע דרייא האָבען אויסגעזעהן זעהר שעהן, און דיא מוטער האָט ניט אויסגעקוקט פיעל עלטער אלס דיא טעכטער. מיר איז פאָרגעקומען, אז זייא וואָלטען געווען א פּראַכטפאָלער מאָדעל פיר א קינסטלער־מאַלער, איבערהויפּט, ווען זייא זאָלען געמאַלען ווערען נאַטירליך, אָהן דיא קליידער.

פעליקס איז אריין אין דיא צימערן, לינקס, וואו גרויסע קאָרידאָרען האָבען זיך געצויגען, און וואו דיא מאַסע מענשען איז ניט געווען אזוי גרויס. א ווייסעס ליכט איז אַרונטער געפאַלען פון דיא גלעזערנע סטעליעס, און קאָלירטע שטראַהלען האָבען זיך דורכגעבראָכען פון דיא לאַנגע פאָראַענגען; אָבער דער פיינער שטויב וואָס איז פעראורזאַכט געוואָרען פון דיא טויזענדער בעוועגענדע פיס, האָט זיך אויך אָבגעשפּיעגעלט אין דיזע שטראַהלען, וויא א דינער ווייסער רויך.

איך האָב בעמערקט, אז דיא פרויען האָבען געמוזט זיין זעהר שעהן אום בייצושטעהן דיא שטאַרקע ליכט, וואָס האָט איינגעדרונגען טיעף אין דיא געזיכטער און דערצעהלט ווער עס איז שטאַרקער און ווער עס איז שוואַכער גע־פּודערט.

ווען אזא ליכט וואָלט געמאַכט געוואָרען אין איין אַנדערן זאַלאָן, וואָלטען זיך פיעלע דאַמען בעליידיגט און בעהויפּטעט, אז מען טהוט עס מיט דער אַבזיכט אום צו שטודירען זייערע געזיכטער. דאָ ווידער, האָט מען ניט געקענט האָבען אזא פערדאַכט, ווייל יעדער האָט געוואוסט, אז מען מיינט נאָר בעסער צו בעלייכטען דיא פערשיעדענע בילדער.

עס האָט אָנגעפאַנגען צו ווערען זעהר היים. פליכטוואַטע הערען, האַלטענדיג זייערע הוטען אין דיא הענד, זיינען ארום געגאַנגען בלאָזענדיג און פאָכענדיג; מאַנכע האָבען זיך געווישט דעם שוויים פון דיא געזיכטער, נאָר פיעלע דאַמען האָבען זיך מורא געהאַט דאָס צו ערלויבען, ווייל עס וואָלט געמאַכט א תל פון זייער געפּודערטע הויט.

„זעה נאָר זעה!“ האט פעליקס אויסגעשריען, „אָט זיינען זייא דאָרט!“

איך האב אויפגעהויבען מיינע אויגען צו זעהען וואס ער ווייזט מיר, און איך האב אנגעפאנגען ערבליקט א גרויסע מאסע דאמען, פון פערשידענע עלטערס: יונג, אלט, מיטעל־יעהריג; שעהן, מיאוס און מיטעלמעסיג. אָבער אלע זיינען געווען גע־קליידעט אין דיא קליידער פון דער לעטצטער מאָדע.

עפּעס האט זיך מיר געדאכט, אז צוויא דאמען איבערהויפּט, געהענדיג צוזאמען, האבען בעדאַרפט צוציהען מיין גרעסטע אויפמערקזאמקייט; אָבער איך האב מעהר ניט געזעהען וויא זייער רוקען מיט לאנגע און דיקע צעפּ נאכהענגעז, און דאן זיינען זייא פערשוואונדען געוואָרען.

פעליקס האט דערווייל אוועק געקוקט אין איין אנדערע זייט, און אויסזעהענדיג צו פערגעסען און זיך אינטערעסירען מיט עפּעס א קונסט־בילד, האט ער זיך גע־דרענגט פאָרווערטס.

איך בין נאכגעגאנגען און ניט געשפּראָכען א וואָרט.

ענדליך האבען מיר זיך בעגעגענט מיט דיא דאמען.

זייא זיינען עס געווען!

„אך!“ האט פעליקס אויסגעשריען, „וואס פאר א גליקליכע בעגעגנונג!“
דאן האט ער זיך טיעף פערנייגט.

דיא דאמען האבען זיך אויך פערנייגט און געשמייכעלט.

מאדאם נעיזשאָן, דאס הייסט, לואיז, האט אויפגעהויבען איהרע שוואַרצע אויגען צו מיר, און מיר צוגעוואָרפען אזא קאלטען בליק, אז עס האט מיך גע־שוידערט.

מאדאם נאָשראָד ווידער, האט נאך אימער אויסגעזעהען פריינדליך.

אָבער מאדאם נעיזשאָן'ס בליק, איז פאר מיר געווען וויא א דונער־שלאָג; אין איהרע אויגען איז געלעגען א וועלט מיט ליעבליכקייט און דאך עפּעס גיפטיגעס און בייזעס.

„וואס האט זיא צו מיר? וואס האב איך איהר געטהאָן?“ האב איך מיך געפרעגט. „בין איך ווירקליך אזא שלים־מזל וואס אלע שעהנע דאמען מוזען מיך פעראכטען?“

זיא האט געטראָגען אויף איהר קאָפּ א קליינעם הוט פון געלבען סאטין בע־פוצט מיט גרינע צווייגלעך און ווייסע קייקעלעך. איהר קלייד, גאנץ איינפאך און גוט געפּאסט, איז געווען פון דונקלער ברוינער זייד בעדעקט מיט שטאָהל־קאָליר

סאבין, — דאס אלעס, אַבוואָהל איינפאַך, איז געווען פול געשמאַק און עס האָט איהר בעסער געפּאַסט ווי אירגענד וועלכעס אַנדערעס קלייד אין דער וועלט.

אָבער, איבער דיזע איינצעלהייטען, האָב איך ערשט שפּעטער געדענקט; פון דעם ערשטען בליק איז לואיז פאַר מיר ערשינענען ווי א געטטין, וואָס פאַלט אַרונטער פון א גאָלדענעם וואָלקען און ווערט נאָכהער איינגעהילט אין שטראַהלען פון רעגענבויגען קאָליר.

ווי מיך האָט דאָס געפּרעססט און געדריקט ביים האַרצען!

פעליקס האָט דערווייל אָנגעפאַנגען צו פּלוידערן.

„שוין אַלעס געזעהען?" האָט בערטהע געפרעגט.

„עס איז נישטאָ וואָס צו זעהען," האָט פעליקס געזאָגט, „קיין נייעס; עס איז דיזעלבע בילדער פון פאַריאָהרען און פון פאַר צוויי יאָהרען. אַלטע! אַלעס אַלט!"

„דומהייטען!" האָט בערטהע פּראָטעסטירט, „קונסט בלייבט קונסט, און קונסט קען קיינמאָל ניט אַלט ווערען."

דערביי האָט זי זיך אומגעווענדעט און צייגענדיג אויף א בילד האָט זי געזאָגט:

„זעה נאָר, ווירקליך, ריזעס, מייסטערווערק. לואיז האָט עס אויסגעפונען. דאָס קלייד איז די פאָלקאָמענהייט אַליין! עס איז עהנליך צום קלייד וואָס מאַדאַם ראָשעטייל האָט לעצטענס געטראָגען ביים באַלל אין עליזעע."

„יאָ, יאָ," האָט לואיז געמורמעלט. „עס איז איין עהנליכעס קלייד, אָבער די פאַלדען אין פראָנט, זיינען דאָ דאָפּעל, און זעהט נאָר ווי קונסטפאָל דער מאָלער האָט אַלעס אַרויס געבראַכט."

זיי האָבען זיך נאָך אַמאָל גוט צוגעקוקט צום בילד. עס האָט פאָרגע־שטעלט א דאַמע אין איהר צימער, שטעהענדיג אין פראָנט פון א פייער־פּלאַטע אָדער אויווען, און לעזענדיג א בריעף. לויט נאָך מיינער אנזיכט, האָב איך ניט געפונען קיין גרויסע קונסט אין דיזען בילד, אָבער איך האָב דעננאָך מקנא געווען דעם מאָלער, וואָס ער איז אַזוי גליקליך, ווען לואיז'עס שעהנע ליפּען קענען איהם ריהמען.

„און וואו איז ער?" האָט בערטהע פלוצלינג געפרעגט. „ער האַלט אונז אין איין פערלירען ביי'א יעדע 10 שריט. ער איז שוין ווידער, ערגיץ צוריק געַ־בליעבען."

זי האָט געשפּראָכען איבער איהר מאַן.

„נאַשראַד שטעהט דאָרט נעגענאיבער,“ האט פעליקס געענטפערט רוהיג, וועהענדיג דערוויל יעדען איינעם. „זעהט, ער שטעהט און בעטראַכט דאס בילד וויא קריסטוס איז אויסגעשלאָגען אויף א דעמבענעם צלם.“

וועהרענד דעם, האט זיך נאַשראַד אַבגעווענדעט און מיט דיא הענד אויף זיין רוקען, האט ער אָנגעפאַנגען צו שפּאַצירען ווייטער, בליקענדיג גלייכגילטיג אויף דיא בילדער.

ווען ער האט אונז ערבליקט, איז ער צוגעקומען, אונז געדייכט דיא הענד, און געזאגט גאַנץ מונטער:

„האט איהר בעמערקט? דאָרט, אויף יענעם בילד, איז אַבגעמאלען קריסטום, און דער מאלער האט איהם געגעבען זעהר א פּרוסטע און רעליגיעזע מיענע.“

דיא דאַמען, וויא עס שיינט, האָבען זיך פיעל מעהר פעראינטערעסירט מיט בילדער פון פרויען מיט שעהנע קליידער, אלס מיט קריסטוס׳ן. זיוא האָבען ניט געוואָלט אויסהערען אונזער געשפּרעך און געגאַנגען פאָראויס. מיר און נאַשראַד, ויינען נאָכגעגאַנגען.

דיא געגענוואַרט פון א מאַן פון דיא דאַמען, האט אונז שוין געגעבען דאס פאָלקאָמענע רעכט זיא צו בעגלייטען.

מיר האָבען געשפּראָכען פון מאַנסיע געזשאַן, און פעליקס האט בעהויפּטעט, דאס ער וועט געוויס קומען, ווען ער זאָל נאָר פערטיג ווערען מיט זיין פּאָליטישער ארבייט, וויל ער מוז אָנצייגען וואס דיא רעגיערונג מאַכט מיט געוויסע וויכטיגע פראַגען.

נאַשראַד האט דאַן אָנגעפאַנגען צו ווערען אונגעהייער פריינדליך צו מיר און מיך געפרעגט אונצעהליגע פראַגען.

פעליקס האט געשמייכעלט און מיך עטליכע מאל געצווינגען ביים ארבעל; איך האב אָבער ניט פערשטאַנען וואס פעליקס מיינט דערמיט.

אונטערדעסען האט פעליקס געזעהען, אז מירביידע זיינען שטאַרק פערטיעפט אין געשפּרעך, און זיך בעדיענענדיג מיט דיעזער געלעגענהייט, איז ער אוועק פון נעבען אונז און שפּאַצירט מיט דיא דאַמען.

איך האב נאַטירליך אויפגעפּאַסט צו הערען וואס נאַשראַד רעדט צו מיר, אָבער איך האב מיך אויך אונטערגעהערט צו דעם געשפּרעך אין פראָנט.

„דאַן נעהמט איהר אין וואַריעטע־טהעאַטער הייטע אבענד?“ האט מאַדאַם געזשאַן געזאגט.

„יא, איך האב גענומען א לאָזשע,“ האט בערטהע געענטפערט. „זייא זאגען, אז מען שפּיעלט א מערקווירדיגע פּיעסע... איך וועל דיך מיטנעהמען, לואיז. קום ווירקליך; איך מיין גאנץ ערנסט.“

דאן ווייטער:

„מיר זיינען שוין באלד צו ענדע פון סעזאָן. דיעזע ערעפנונג פון דיא זאלאָנען, איז שוין דאס לעטצטע וואס קען זיין.“

„אָבער דוא פערגעסט גאר אן דיא רייסעס, (פערד־לויפערייא)“.

„יא, ווירקליך, איך האב פערגעסען! איך וועל בעזוכען דיא רייסעס אין מאזאָן־לאפיט. מען האט מיר געזאגט, אז עס איז זעהר שעהן דאָרט.“

וועהרענד דיעזער גאנצער צייט, האט גאָשראָד צו מיר אלץ געשפּראָכען איבער לע באָקעט, און מיר דערצעהלט, גלייך וויא איך וואָלט דאָרט זיין א פרעמדער, אז עס איז א הערליכער פּלאַטץ, און מיין פאטער, מיט זיין פלייס, האט נאך פערדאָפּעלט דעם פּרייז פון דעם גרונד־אייגענטהום. איך האב פערשטאנען, אז גאָשראָד איז א גרויסער שמייכלער.

אָבער איך האב איהם ניט געקענט אויסהערען; פאר מיר האט נאָר עקזיסטירט לואיז, וועלכע האט מיך אויפגעקאָכט בייא יעדען טאָן פון איהר שטימע.

איהר ווייסער האלז, אונטער איהרע שווארצע לאָקען, איז געוועזען אזוי צארט וויא פון א קינד. אין אלגעמיינעם אָבער, האט זיא אין זיך געהאט דעם שרים וויא פון א מאָן, וועלכעס האט מיך אביסעל בעאונרוהיגט.

דאָן האט זיא זיך א פּאאר מאל אומגעווענדעט און מיר צוגעוואָרפען איהר דורכדרינגענדען בליק. איך בין נאכגעגאנגען וויא א נאכטוואנדלער.

איך קען ניט בעשטימט ווייסען וויפיעל שטונדען עס האט געדויערט זייא נאכצוגעהען. דערצו בין איך נאך געוועזען האלב פערמאטערט פון גאָשראָד׳ס פּלוידערייען און געבלענדעט פון דיא לאנגע רייהען טאלערייא בעלייכטעט פון דיא שטארקע שטראהלען.

איך ערינער מיך בלויז, אז אונגעפעהר צו ענדע, האב איך געשפּירט, אז עס קריצט מיר צווישען דיא צייהען דער שטויב וואס איך האב איינגעאטהעמט. איך בין געוועזען שרעקליך מיעד, נאָר דיא דאַמען זיינען געוועזען פריש ביז צו ענדע.

אום זעקס אוהר, האט מיך פעליקס אוועק גענומען עסען.

„איך דאנק דיר,“ האט ער צו מיר פּלוצלינג געזאגט.

„וואס איז נייעס? ווארום?“ האב איך געפרעגט גאנץ ערשטוינט.

„אה, דערפאר," האט ער געזאגט שמייכלענדיג, „ווייל דוא האסט ניט פראך בידט צו ערקלערען ליעבע צו מאדאם נאשראד עס שיינט אלזא, אז דיר געפעלט דיא ברונעטקע."

מיט מיין בעסטען ווילען, האב איך מיך ניט געקענט צוריק האלטען פון רויט ווערען.

ער האט דאן געזאגט אין א פערטרויענדען טאן:

„מיך קימערן ניט דיינע געהיימניסע. אין געגענטהייל, דוא האסט וואהר־שיינליך גוט בעמערקט, אז איך שטעה גאנץ פון וויטען. איך גלויב, אז יעדער מענש מוז זעלבסט דורכמאכען זיין לעהר־צייט אין לעבען."

ער האט שוין מעהר ניט געלאכט, וויא זיין טבע איז געווען. ער איז געווען ערנסט און פריינדליך.

ניבט עס אירגענד א צווייפעל, אז איך בין אויף'ן ריכטיגען וועג?

פאסענדיג מוטה, האב איך געפרעגט:

„דאן דענקסטו, אז זיא קען מיך ליעבען?"

„איך!" האט ער געענטפערט, „איך וויים גאר ניט! אבסאלוט גאר ניט. טהו וויא דוא פערשטעהסט; וויא דיר געפעלט. דוא ועסט שוין זעהען וואס עס וועט ווערען."

עפעס האט זיך מיר אפילו געדאכט, אז איך האב בעמערקט א קאמישען שמייכעלע אויף זיינע ליפען, אבער איך האב מיר דערפון גאר ניט געמאכט.

איך האב בלויז געשפירט, אז איך בין אויף'ן ריכטיגען וועג, און יעדער צווייפעל איז פערשוואונדען.

פעליקס האט דאן פארטגעזעטצט זיין געשפרעך אין דעם געוועהנליכען טאן און בעמערקט:

„עס וועט מיך ניט וואונדערן, דאס נאשראד אליין זאל וועלען דוא זאלסט דיך פערליעבען אין זיין ווייב."

איך האב אויף איהם אויסגעגלאצט מיינע אויגען.

„אה!" האט ער ווייטער געזאגט, „דוא קענסט איהם גאר ניט, און דוא פערשטעהסט אויך ניט ווארום ער איז אזוי פריינדליך צו דיר. זיין אנקעל'ס איינפלוס אין דיין דיסטריקט, פאנגט אן אלץ מעהר שוואכער צו ווערען; נאטירליך! אונטער זאלכע אומשטענדען, וואלסטו איהם זעהר צוניץ געקומען. דוא וואלסט געקענט ווירקען איבער דיין פאטער, און דיין פאטער וואלט שוין דאס איבריגע

געטהאָן... צום טייפעל! וויא דוא קוקסט מיך אָן! איך האב געמיינט, אז דוא פערשטעהסט שוין אלעס, אויך וויא ווייט דוא וואָלסט איהם געקענט העלפען. מיך האט ער שוין קראנק געמאכט."

„אָבער דאס איז דאָך אבשייליך!" האב איך אויסגעשריען.

„ווארום אבשייליך?" האט ער געפרעגט מיט אזא קאַלטבלוטיגקייט, אז איך האב גאר ניט געקענט אויסגעפינען אויב ער שפאסט. „ווען א פרוי מוז שוין יא האבען פריינדע אָדער געליעבטע, דאן איז גאנץ גוט, ווען דיעזע פריינדע קענען עפעס נוטצען ברענגען דעם מאַן."

ווען מיר האבען זיך אויפגעהויבען פון דעם טיש, האט פעליקס געשפראָכען איבער געהן בעזוכען דאס וואריעטע־טהעאטער.

איך האב געזעהן דיא פיעסע נאָך מיט צווייא אבענדע פריהער, און אָבוואָהל דאס האט מיך ניט אינטערעסירט, האב איך דעננאָך בעהויפטעט, אז איך וויל זעהר מיטגעהען זעהען וואס דאס איז.

עס איז געווען א גרויסארטיגער אבענד! דיא דאמען אין זעהר לאָושע, זיינען אויסגעקומען אקוראט נעבען אונז. אומווענדענדיג מיין קאָפּ, האב איך געקענט זעהען דאס גאנצע געזיכט פון לואיז'ן, וויא זיא האט אויסגעדריקט איהר פער־גניגען, הערענדיג דיא וויטצען פון דיא אקטיאָרען. מיט צווייא אבענדע פריהער, האט מען בעדארפט דינגען א פאאר סאָלדאטען מיך צו קיצלען בייא דיעזע וויטצען, נאָר יעטצט, האב איך זייא געדעכענט פאר זעהר גוט.

געווים האט עס געמוזט אזוי זיין, כל־זמן זייא האבען אונטערהאלטען לואיז'ן.

לואיז האט געלאכט אזוי הויך, אז איך האב עטליכע מאל געוואָלט אויס־שפרעכען איבער איהר א מיינונג, אז זיא איז א פּאָלקאָמענע אויסגעלאסענע, לויט נאָך דעם געלעכטער. אָבער איך האב מיך שוין געשפּירט צו פיעל צוגעצויגען צו איהר, אום איך זאָל מיר אויך אזוי פיעל ערלויבען צו בעשולדיגען דיעזע, וועלכע איך פערגעטער.

ווען אונזערע אויגען האבען זיך בעגעגענט, וועהרענד זיא האט געהאלטען אין לאכען, האט זיא איהר בליק ניט אָבגעווענדעט פון מיר. איהרע אויגען זיינען געווען דאמאלס שטארק געעפענט, גלענצענדיג און פול מיט עפעס אזוי פיעל לעבען, ליעבע און געניס, אז איך האב געשפירט דעם ציטער פון פערגניגען.

איך האב מיר געטראכט, אז דיעזע דרייא שטונדען וואס איך האב פער־

בראכט אין איהר נעזעלשאפט, האבען שוין פאזיטיוו בעדארפט מיך נעהנטער ברענגען צו מיין ציעל.

צווישען דיא אקטען, זיינען מיר נענאנגען ווינשען „גוטען אבענד" און זיך פערנייגט פאר דיא דאמען. דיא לאזשע איז געוועזען דונקעל, איך האב גאר ניט נעזעהען. אבער איך האב געפיהלט לואיז'ן נעבען מיר. א בעוועגונג פון איהר קערפער, האט אויסגעשפרייט איהר ברייטעס קלייד און דאס האט בעדעקט מיינע קניען. איך האב דאמאלס געשפירט גלייך וויא איך וואלט אריין נעקראכען אין א ווארעמער וואנע, און א זיסער נענוס וואלט זיך צוגאסען איבער אלע מיינע גליעדער.

8.

צעהן טעג זיינען פאראיבער. פעליקס איז פערשוואונדען געווארען, גלייך וויא דיא ערד וואלט איהם איינגעשלונגען. אהן איהם בין איך געוועזען הילפלאז, און איך האב ניט געפונען קיין איינציגע אורזאכע מיך צו דערנעהנטערן צו מאדאם נעיזשאן.

אבער אהן איהר קען איך ניט זיין; איך מוז וועניגסטענס צו טהון האבען מיט עפעס וואס איז איהר נוגע: צו דיעזען צוועק האב איך געקויפט 5 אדער 6 צייטונגען יעדען טאג, וואו איך האב געלעזען ארטיקלען איבער איהר מאן'ס פאליטישע טהעטיגקייט.

ער האט אנטהייל גענומען אין זעהר א וויכטיגער דעבאטע און האט אבגע-האלטען א רעדע, וועלכע האט ארויס גערופען א גרויסען אויפרוהר.

צו איין אנדערער צייט, וואלט מיך זיין רעדע גענודעט אויף'ן הארצען; יעטצט אבער האט עס מיך שטארק פעראינטערעסירט. מיר האט זיך נעדאכט, אז צווישען יעדער פראזע, זעה איך לואיז'עס שווארצע צעפ און ווייסען האלז.

איך בין נאך אזוי ווייט נעגאנגען, דאס איך האב געפיהרט א געשפרעך מיט איין אונבעקאנטען הערר איבער מאנסיע נעיזשאן און איך האב איהם זעהר ווארעם פערטהיידיגט.

דאן האבען אנגעפאנגען צו קומען ניפטיגע אנגריפע, איבער מאנסיע נעיזשאן, אין דיא צייטונגען, און דאס האט מיך זעהר נעערגערט.

איך האב אנפאנגס ניט געקענט בעגרייפען וואס פאר א געפיהל דאס איז; דאכט זיך אין נעגענטהייל, מיך האט גאר בעדארפט פרייען וואס נעיזשאן איז ניט

נושא חן פייא דער וועלט, ווייל דאס וואלט מיך פיעללייכט נעבראכט נעהנטער צו מיין ציעל, דאס הייסט, לואיז זאָל אנערקענען מיין טאלענט, און מיך שנעלער ליעבען. אָבער דיא וואהרהייט איז, אז איך בין א מענש וואס קען אימער שעטצען יענעמ׳ס ווערטה.

עס איז אמת, מאָנסיע נעיזשאן איז א דומקאָפּ, און וועז נים לואיז, דאן וואָלט פון איהם נאר נים געוואָרען. נאָר דיא טהאטזאכע, אז זיא, לואיז, איז זיין בע־שיטצערין און איהם איז געלונגען צו בעזיטצען אזא שאטץ, האט בייא מיר ארויס גערופען רעספעקט.

וועהרענד דיא צעהן טעג פון אונגעדולד און ארום וואנדערן וויא א פעררייקטער איבער דיא גאסען, האב איך פינף אָדער זעקס מאל בעזוכט מיין טאנטע, מיט דער אבזיכט צו האבען דיא געלעגענהייט, דאָרט צו טרעפען לואיז׳ן.

אין דערזעלבער צייט האב איך מיך אביסעל צוקריעגט מיט מיין טאנטע בייא דעם לעטצטען וויזיט, און איך האב געמיינט, אז איך וועל זיא שוין מעהר נים קענען בעזוכען. דיא אורזאכע דערפון איז פאָלגענדע: זיא האט זיך איינגעבילדעט, אז איך מוז קריעגען א דיפּלאָמאטישע שטעלע דורך מאָנסיע נעיזשאָן׳ס איינפלוס. זיא האט גערעכענט, אז דאס וועט מיך זעהר גליקליך מאכען, און זיא איז געוועז אויסעראָרענטליך ערשטוינט, ווען איך האב מיך דערפון ענטזאגט.

אלס אורזאכע דאפיר, האב איך אָנגעגעבען, אז מיינע פּאָליטישע מיינונגען זיינען גראדע געגען דיעזער פּארטייא.

„דומהייטען!“ האט זיא אויסגעשריען שטארק בעליידיגט. „אין א דיפּלאָ־מאט ליענט נים קיין פּאָליטישע מיינונג אָדער א פּאָליטישע איבערצייגונג. ער איז וויא א ווינט־מיהל: ווען דער ווינט בלאָזט פון נאָרד, געהען דיא רעדער פון דיעזער זייט, ווען ער בלאָזט פון זיד, געהען זייא פון דער אנדערער זייט. דוא ווערסט מיר דאָך נים איינרעדען, אז דוא ביסט מיט דיעזען סוד נים פערטרויעט!“

זיא האט געהאט רעכט, איך האב עס געוואוסט, אָבער עס איז מיר דאָך אונמעגליך געוועזען צו אקצעפּטירען אזא פּאָסטען.

איך האב נים געקענט אָנגעהמען אזא אמט, וואס וואָלט מיך ארויס געפיהרט פון פּאריז, אום נים צו זעהען לואיז׳ן.

„דוא ביסט נאָך א אינגעל!“ האט מיין טאנטע געזאגט רעכט בעז ווערענדיג. „ווען עס האנדעלט זיך אום דיפּלאָמאטיע, וועסטו זעהען א רעפּובליקאנער פער־טרעטען דיא מאָנארכיע, א מאָנארכיסט פערטרעטען דיא רעפּובליק און קיינער פרעגט נים קיין קשיות.“

„אָבער איך קען ניט,“ האב איך געשטאמעלט. „פיעללייכט שפּעטער, ווען איך וועל עלטער ווערען, וועל איך אַזוי האנדלען, פאַרלויפיג איז עס מיר אוממעגליך.“

„דוא ביסט א דומקאָפּ!“ האט זיא אויסגעשריען ערביטערט. „דוא האסט פון מיר געמאכט א נאר. איך האב שוין גערעדט מיט מאַנכע געוזשאַן דאריעבער, און יעטצט...“

מיט מיין בעסטען ווילען, האב איך געוואָלט געפעלען ווערען מיין טאנטע, וועלכע האט געזוכט מיין טובה. אָבער איך האב ניט געקענט פועל'ן בייא מיר צו פערלאָזען לואיז'ן, דערפאר ווייל זיא וויל פאר מיר אויסווירקען א פאָסטען.

איהר מענט פון מיר לאכען וויפיעל איהר ווילט, איך וועל דערפון ניט וויסען, ווייל איך שטעה ניט דערבייא. אָבער דיא וואהרהייט איז, אז איך האב מיר פאָרגעשטעלט אזעלכע זאכען, וואס נאָר א קראנקע פאנטאזיע קען שאפען.

איך בין געוועזען בייא מיר פאָלקאָמען איבערצייגט, אז לואיז האט בעמערקט מיין אויפרעגונג וועהרענד איהר קלייד האט בעדעקט מיינע קניען; און איך האב דערפון געאורטהיילט, אז מיין געגענוואָרט איז איהר ניט אונאנגענעהם, נאכדעם זיא האט דאס קלייד באלד ניט צוריק געשלעפּט.

איך האב אין דעם געזעהען א תאוה־ערמונטערונג פון איהר זייט, און דאס שטודירענדיג גאנץ גוט, בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אז דאס איז עפּעס מעהר וויא אפילו א קאָקעטקע קען זיך ערלויבען.

דיעזע זיינען געוועזען מיינע אויפריכטיגע געפיהלע, און איך דערצעהל זייא עפענטליך, אלס איין ארט מתודה זיין זיך פאר דער וועלט און פאר מיין געוויסען.

פיעלע מענער, ווען זייא זאָלען נאָר מודה זיין אויף אלע זייערע געפיהלע, וואָלטען זייא אויך געזאגט, אז מענשען און געזעלשאפטען וועקסלען זיך, נאָר דיא פרויען־נאטור בלייבט דיעזעלבע. ווען א פרוי ליעבט, דאן גיבט זיא זיך אליין איבער אָדער זיא לאָזט זיך מען זאָל מיט איהר טהון וואס מען וויל.

יא, דיעזע מענער וואָלטען אייך נאך ווייטער דערצעהלט, אז א פרוי אָבוואָהל עס ליעגט ניט אין איהר נאטור צו רעדען מיט'ן מויל און אויסדריקען אין ווערטער איהרע געפיהלע, רעדט אָבער פאר איהר דער גאנצער קערפּער, איהרע אויגען, איהר מויל, איהרע בליקען און הענד.

איך מיין דערמיט נאָר צו בעצייבענען דיעזע פרויען, וועלכע זיינען פערהייראטעט, וועלכע ערשיינען אין דער הויבער געזעלשאפט און זייא קענען זיך ניט אזוי לייכט פעררואטהען.

איהר וועט אמאל הערען דערצעהלען פון מענער, אז אזעלכע פרויען זיינען זעהר לייכט צו קריעגען, אָבער מען מוז נאָר פערשטעהען וויא צו זייא צו צוקומען, וויא צו מאכען דעם ריכטיגען איינדרוק און שפיעלען דיא ראָלע פון א גערדאנקענלעזער.

איך האב נאָר דאס בעמערקט, אום צו צייגען, אז איך בין ניט געוועזן אין מינדעסטען צווייפעל, דאס צווישען מיר און לואיז'ן האבען דיא געפילע שוין געשפראָכען, אָבוואָהל דיא ליפען האבען נאך ניט געוואגט ארויס צו ברענגען א וואָרט. נאך מעהר, דאס זיא האט מיך גאנץ גוט פערשטאנען, און נאָר אונזער גוטע ערציהונג פאָרדערט אביסעל מעהר צייט און געדולד ביז מיר זאָלען קענען אויסגיסען אונזערע געפיהלע אין א לעבעדיגער אומארמונג. איהר קלייד אויף מיינע קניען, איז געוועזן מעהר וויא א דייטליכע אויפפאָרדערונג, און אלעס איז געוועזן געשלאָסען פיר א ליעבענדער צוקונפט.

שפעטער, האב איך אין מיינע מאַרטערענדע גערדאנקען, אָנגעפאנגען צו צווייפלען. סטייטש לואיז, דאס אייסט, מאדאם נעיזשאָן, איינע פון דיא שענסטע און איינפלוסרייכסטע פערזאָנען, מיט א גרויסארטיגער ערציהונג, זאָל דאס קענען טהון, איז מיר געוואָרען אונבעגרייפליך. דאס האט מעהר געפאסט פאר יענע דאמען, וועלכע קענען פערקויפען זייער ליעבע פאר געלד.

„איך בין א דומקאָפ! איין אייזעל!“ האב איך צו מיר אליין געזאגט. „דאס קען ניט מעגליך זיין איבער לואיז'ן, ווען זיא זאָל אפילו זיין וויא שטארק פערליעבט אין מיר! זיא איז א פאריזער דאמע, זיא האט וואהרשיינליך געליעבטע, אָבער צו בעהויפטען, אז זיא קען געהען אזוי פרעך צום ציעל פון איהר ליעבע, איז מיר אונמעגליך! אָהנע צווייפעל, אז זיא האט בעסערע אויסזועגען וויא אזוי זיא זאָל איהרע הערצענס־געפיהלע ברענגען צור פערווירקליכונג.“

נאטירליך, איז מיר גאר ניט איינגעפאלען, אז עס קענען געבען דאמען, וואס זאָלען זיין פרייא אין זייערע בענעהמונגען, און נאך אלעמען, אנשטענדיג און מאָראליש. איך האב געזעהען אין יעדער פאריזער דאמע, איינע וואס איז אימשטאנדע בייא אירגענד א געלעגענהייט צו האבען ניט נאָר איין געליעבטען, זאָנדערן אויף מעהרערע. אלעס וואס מיך האט נאָר צוריק געהאלטען איז געווען, דאס איך האב געמאכט איין אונטערשיעד צווישען דיעזע דאמען; איך האב זייא איינגעטהיילט

אין צווייא קלאסען: איין קלאסע וואס האט קיין ערציהונג גענאָסען, און ווען זיא האט חשק צו א געליעבטען, קוקט זיא ניט אויף צערעמאָניען; דיא צווייטע קלאסע וויעדער, וועלכע פערשטעהט וויא צו אונטערדריקען איהרע געפיהלע, און וועט ניט צייגען דעם מאן קיין ערמונטערונג, ביז ער זעלבסט מאכט עס ניר פאר איהר קלאר און דייטליך.

צייטענווייז וויעדער, איז מיר לואיז פאָרגעקומען גאנץ אונערקלערליך, און זיא פלעגט גענצליך פערשווינדען פון מיין פאנטאזיע. איך האב אין איין צייט גע־צווייפעלט, אויב איך בין געזעסען פינף מינוטען אין דער לאָזשע פון טהעאטער נעבען איהר, און געפיהלט איהר לעבעדיגען און וואַרעמען קערפער אזוי נאָהענט צו מיר.

דאן האב איך געשפּירט א פערצווייפלונג און טרויער, און איך האב שוין איינמאל געוואָלט צוריק פאָהרען אהיים, נאך לע באָקעט, און זיך אָבשליעסען פאר דאר גאנצער וועלט.

אונטערדעסען האב איך געברענט מיט פערלאנגען זיא צו זעהן און איך האב מיר קיין עצה ניט געקענט געפינען צו ערפילען מיין וואונש. דאן איז מיר איינגע־פאלען א גליקליכע אידעע: איך זאָל אוועק געהען אין דער דעפּוטירטען־קאמער; דאָרט וועל איך פיעללייכט הערען מאָנסיע געזשאָן שפּרעכען, און פיעללייכט וועט אויך זיין לואיז דערבייא.

איך בין ערשיענען און ערפאהרען, אז ער דארף ווירקליך אָבהאלטען א רעדע, נאָר ער איז נאר ניט געקומען. מען האט בעהויפּטעט, אז וויכטיגע אנגעלעגענ־הייטען האבען איהם צוריק געהאלטען אין סענאט.

אום דאך עפּעס בעלוינט צו ווערען פאר מיין פערצווייפלונג, האב איך געהאט דאס גליק צו זעהן מאדאם גאָשראָד אין דער פראָנט רייהע פון דיא גאלעריע זיטצען. צום בעדויערן, איז לואיז ניט געוועזן מיט איהר.

ארויס געהענדיג, האב איך מיך אבזיכטליך בעגעגענט מיט בערטהע'ן. זיא האט מיך זעהר פריינדליך בעגריסט. עס שיינט, אז פעליקס האט מיט איהר געשפּראָכען איבער מיר.

„וואס איז דאס?" האט זיא געפרעגט, „זייט איהר לעטצטענס ניט געוועזן אין פאריז?"

דיעזע פראגע האט מיך געטראָפען וויא א בליטץ. וויא? איך? וועלכער האט דורכגעמאָסטען אלע גאסען פון פאריז, וועלכער האט זיך געצייגט איבעראל, זאָל נאר יעטצט בעשולדיגט ווערען אין ניט זיין אין פאריז?

איך האב איהר אויף'ן פלאטץ ניט געקענט ענטפערן, און זיא האט בעגריפען מיין פערלעגענהייט.

„איך האב נאָר געפרעגט," האט זיא ווייטער געזאגט, „וויל מע האט אייך אויף קיין פלאטץ געזעהען. דער לעטצטער אונטערהאלט בייא דעם מיניסטער, איז געווען ערהאבען, און דאן איז געווען א וואונדערבארע אויסשטעללונג פון פערד..."

אזוי וויא איך האב נאך אימער אויסגעזעהען זעהר פערצווייפעלט, האט זיא אנגעפאנגען צו לאכען.

„אלזאָ," האט די'א פאַרטנעזעטצט וועלענדיג אוועק געהען, „צום ווידערזעהען ביז מאָרגען. איך וויל האָפען, אז איהר וועט זיך שוין ארוים וויזען."

וויא א דומער קערל האב איך געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ „יא", און איך האב מיך געשראָקען פיעללייכט וועט זיא נאך אמאל לאכען.

זיא האט זיך אומגעווענדעט און מיר צוגעוואָרפען א ביטרען בליק.

„קומט, קומט," האט זיא ווידערהאָלט גאנץ שטיל און אין א פערטרויליכען טאָן, וויא א פריינד וואס האט פאָרבערייטעט עפּעס איין איבעררא‌שונג.

דאן האט זיא געמאכט מיט דער האנד און איז אוועק.

איך האב איהר געוואָלט נאכלויפען און זיא אויספרעגען, אָבער זיא האט זיך שנעל אָבגעווענדעט און איז פערשוואונדען געוואָרען.

איך בין געבליעבען שטעהען נאכדענקענדיג, און איך האב מיך געשימפּפט פאר מיין אונערפאהרענהייט.

איך בין געווען נאטירליך בערייט צו געהען אפילו צום טייפעל, אבי איך זאָל קענען זעהען לואיז'ן. אָבער וואו איז דער טייפעל? וואוהין זאָל איך געהען?

„יא," האב איך מיר געטראכט, „דאס איז געווען א בעשטעלונג; פּאָזיטיוו אזוי, אָבער וואס זאָל איך בעגריפען דארונטער? האט לואיז שוין מיט איהר גע־שפּראָכען? האט איהר לואיז פיעללייכט פערטרויעט, וויא דער שטענער איז צווישען פרויען, דיא געהיימניסע פון איהר הערצען?"

מיין קאָפּ האט מיר געטומעלט און איך האב געמיינט, אז איך ווער פער־ריקט. איך האב געשפּירט דיא גרעסטע שאנדע פאר מיר זעלבסט, דערפאר וואס איך האב אפילו ניט אָנגעהויבען צו וויסען וואס עס געהט פאָר אין געזעלשאַפט, דאמיט איך זאָל מיך קענען בעטהייליגען.

אבענד בין איך אוועק געלאָפען צו פעליקס'ן, טראכטענדיג, אז איך מוז

איינמאל פאר אלעמאל איהם מאכען פאר מיינעם א פערטרויעטען און איהם בעטען ער זאָל מיר אלעס ערקלערען.

אָבער פעליקס איז ניט געווען צו הויז.

דאַן, ניט וויסענדיג וואס פריהער צו טהון, האב איך מיך גענומען לעזען ציימונגען, זוכענדיג איבערהויפּט דיעזע בלעטער, וואס ייינען געלעזען געוואָרען אמ־מייסטען פון דער הויכער קלאסע. דאס האב איך געטהאָן מיט דער אבזיכט אום אויסצוגעפינען, פון דיא אנאָנסען פיר מאָרגען, וואס פאר א פּלאַטץ דאס קען זיין וואו דיא הויכע קלאַסע געזעלשאַפט וועט זיך צוזאמען קומען.

מיין פערוויררונג האט זיך נאך פערגרעסערט; עס זיינען געווען אונצעהליגע אונטערהעלטע — איין אויסשטעללונג פון בילדער פון דער אלטער שולע מאלערס, א וואָהלטהעטיגער באזאר אין א גרויסען קלוב־זאַלאָן, א מוזיקאלישער רעליגיעזער אבענד אין דער קירכע פון סענט־קלאָטהילד, דיא פאָרשטעללונג פון נייע מאָדעס אין דאמען קליידער, צווייא קאָנצערטען, און דארונטער אויך וויא א יונגע און זעהר שעהנע דאמע גיבט אויף דיעזע וועלט און ווערט א נאָנע. דאס אלעס איז אויסער דיא פערד־וועטרייען אין פערשיעדענע געגענדען.

וויא האב איך געקענט, א דאָרפס־מאַן, געהען און טרעפען, וואו לואיז קען גראָדע זיין? אזא רעטענעש איז מיר אונמעגליך געווען צו ערקלערען.

איך האב פערשטאנען, אז דער מנהג פאָדערט, דאס איך זאָל בעזוכען איינעם פון דיעזע פּלעטצער, אָבער, מיין גאָט! וועלכער קען דאס זיין? וויא אזוי זאָל איך דאס וויסען?

ענדליך, אום ניט צו פערברענגען א גאנצען טאג אומזיסט און זיך נאך מארטערן מיט אונגעדולד, האב איך בעשלאָסען, אז איך מוז האנדלען וויא דער קארטען־שפּיעלער, טרעפען אָדער פעהלען. איך מוז אויסוועהלען איינעם פון דיעזע פּלעטצער און אהין געהען.

דערבייא איז מיר איינגעפאלען, אז איך האב געהערט אונטער דיא דאמען רעדענדיג איבער דיא רייסעס אין מייזאָן־לאַפיטט, און עס איז מיר איינגעפאלען, אז דאס איז דער פּלאַטץ וואוהין איך מוז געהען; מיין בעשלוס אין געפאסט געוואָרען, און מיין ציעל איז געלעגען אין בעזוכען מייזאָן־לאַפיטט.

זאָ שנעל וויא איך האב געפאסט דעם בעשלוס, האב איך מיך בערייטענד בערוהיגט.

דיא פּאַריזער פּאָרשטעדט, זיינען, אהנע צווייפעל זעהר שעהן און אנגע־נעהם.

איך האב ניט געוואוסט וואו מייזאָן־לאפיטט געפינט זיך; נאָר אזוי וויא דער וועג ליעגט אויף א מענשען'ס צונג, האב איך באלד אהין געטראָפען.

דיא שעהנע הייזער, געבויעט אויף בערגלעך, נעבען דיא ברעגעס פון דעם טייך סעין, האבען מיך בעצויבערט. עס איז דאַן געוועזען דיא ערשטע טעג פון דעם מאָנאט מאַי; דיא עפּעל־בוימער, וועלכע האבען נאָר וואס אָנגעפאַנגען צו בליהען, זיינען געוועזען בעדעקט מיט ווייסע קוויטען, און ארום זיא זיינען געשטאַנען הויכע אייכען־בוימער מיט גרין־געקרויזטע צווייגען

אנפאנגס האב איך ניט געוואָלט פרעגען וואו דער פלאַטץ פון דיא רייסעס איז, און איך האב געוואַנדערט אָהנע ציעל און אָהנע ריכטונג, טרוימענדיג אין דער שטילער געגענד פון רוהיגעס גליק.

איך האב געזעהען מאַסען דאַמען אָנקומען, אָבער דאַרונטער האב איך דיעזע, וואס איך האב געזוכט, ניט געקענט געפינען.

דאַן האב איך מיך פערבלאָנדזעט צווישען א טיעפעס געביש, וואס האט געוואַקסען ווילד און לויט נאַך נאַטור'ס רעגעלען, אָהן געקינסטעלטע מענשען־הענד.

מיט א פּופּציג טריט ווייטער, געגענאיבער מיר, האב איך געזעהען א גרופּע מענשען, זיך דערנעהנטערן; מיין הארץ האט מיר אָנגעפאַנגען שטארק צו קלאַפּען — איך האב דערקענט לואיז'ן מיט בערטע'ן.

גאַשראַד און פעליקס, נאַך אימער צוזאמען, זיינען נאַכגעגאַנגען מיט עטליכע שריט ווייטער.

דאס אלעס האט מיך אזוי דערפרייט און איבערראַשט, אז איך האב גאר ניט געוואוסט וואס עס טהוט זיך מיט מיר, און ווען איך עראינער מיך יעטצט, מוז איך רויט ווערען פאר שאַנדע.

זייא זעהענדיג, האב איך מיך באלד אניעדער געוואָרפען צווישען דיא בוימלעך און זיך בעהאַלטען. עס האט מיר אויסגעזעהן, דאס אויב מען וועט מיך ערבליקען, וועל איך מוזען ערשיינען זעהר לעכערליך, און איך האב מיך ניט געוואָלט ארויס ווייזען.

ווען לואיז איז פארבייא געגאַנגען, האט דער זוים פון איהר קלייד בעריהרט דאס געביש וואו איך בין געלעגען בעהאַלטען. דאַן האב איך גלייך איינגעזעהען, אז איך בין זעהר דום, ווייל איך בין געוועזען זיכער, אז איך וועל עס ניט אויסהאַלטען צו ליעגען פערבאָרגען, און פריהער אָדער שפּעטער, וועל איך מיך דאָך מוזען ארויס צייגען.

אהנע פיעל צו טראכטען, האב איך מיך באלד אויפגעהויבען און אנגעפאנגע־ פריעבער צו געהען דאס פעלד, דאמיט, ווען זייא וועלען זיך אומקעהרען מיט יענעם וועג, זאל איך זייא ענטקעגנען קומען.

דאס גראדע איז ניט געוועזען אזוי שלעכט אויסגערעכענט, דען איך האב מיך געמאכט פערטראכט, און זייא זיינען מיר ענטקעגען געקומען אויף אזא ארט, אז עס האט אויסגעזעהן, דאס איך האב קיין אהנונג געהאט איבער זייא.

„הוררא!“ האט גאשראד אויסגעשריען מונטער מיך ערבליקענדיג, „אט איז ער דא!“

איך האב אויפגעהויבען דעם קאפ, דאן זיך שנעל פערגייגט און געשפיעלט דיא ראלע פון איין איבערראשטען וואס האט זייא ניט ערווארטעט.

זייא האבען געלאכט, גערעדט, געפרעגט און מיר געררייכט דיא הענד. נאר פעליקס האט עפעס געהיימניספאל געשמייכעלט, וועהרענד בערטהע האט צו מיר געגעבען א לייכטען פינטעל מיט איין אויג, וואס האט אויסגעזעהן וויא א וואונק.

מיר האבען דאן אלע צוזאמען שפאצירט.

אהנע צו וויסען וויא אזוי דאס איז געשעהען, האב איך מיך פלוצלינג געזעהן שפאצירענדיג מיט בערטהע'ן הינטער דער געזעלשאפט.

„אזוי, איהר זייט דאך געקומען?“ האט זיא געפרעגט מוטער און אין א שטילען טאן.

און, אהנע מיר צו געבען א געלעגענהייט עפעס צו זאגען, האט דיא אנגע־ פאנגען:

„בייא מיין ווארט, מאנסיע, איהר זייט ווירקליך א נייע זאך אין פאריז — אונשולדיג, וויא א קינד.“

זיא האט נאך געפלוידערט און געלאכט, און איך האב געשפירט, אז זיא איז פאזיטיוו פערטרויעט מיט א געהיימניס פון לואיז'ן, און זיא איז פאלקאמען איינפערשטאנען דערמיט מיך צו זעהען אלס דער געליעבטער פון איהר פריינדין.

פלוצלינג איז פעליקס צוגעקומען און געפרעגט:

„וואס איז דאס וואס איהר לאכט אזוי?“

„מאנסיע דע וואזשלאד“, האט זיא געענטפערט גאנץ רוהיג, „האט מיר ערצעהלט א געשיכטע איבער איין ענגלישע פאמיליע, און דאס איז זעהר קאמיש.“

נאָשראָך האָט װידער אָנגענומען פעליקס׳ן בײא דער האַנד און איהם אַװעק געפיהרט, גלײך װיא ער װאָלט װעלען ער זאָל ניט שטערען מײן אונטערהאַלט מיט דיין פרוי.

אין א פאָאר סעקונדען ארום, איז אויך לואיז צוגעקומען, און איך בין גע־בליעבען אין מיטען, צװישען בערטהע׳ן און לואיז׳ן.

אויף דיעזער ארט האָב איך פערבראַכט א הערליכע שטונדע פון פער־גניגען, שפּאַצירענדיג אין שאָטען פון דיא בױמער, בײא דיא ברעגעס פון דער סעין.

לואיז האָט געטראָגען א קלײד פון העלע זײדע, און איהר זונען־שירם, געדעקט פון אינװעניג מיט שטאַרק רויטער זײדע, האָט אָבגעשלאָגען אויף איהר שעהנעס געזיכט א צאַרטעס און װאָרעמעס ליכט, װאָס האָט זיא פאַרגעשטעלט אין מײנע אויגען, אַלס נאָך שעהנער װיא א געטטין.

דאָס פרײע פעלד האָט זיא נאָך געמאַכט מונטערער װיא אימער; זיא האָט געלאַכט הויך און מיר זעהר אָפט געקוקט אין געזיכט מיט איהרע דורכדרינגענדע שװאַרצע אויגען.

בערטהע האָט אויסגעזעהען עפּעס װיא א פערמיטלערין און װעלען צוזאַמען ברענגען מיך מיט לואיז׳ן אַלס ענגער און פעסטער.

„אך, מאָנסיע!״ האָט בערטהע אויסגעשריען. „איהר זײט עפּעס גאר קײן קאַװאַליער ניט. זעהט איהר ניט, אַז מאַדאַם געזישאַן איז מיעד? װארום גיבט איהר ניט אײער ארעם זיא זאָל זיך קענען אָנשפּאַרען?״

אָהנע װײטער צו רעדען, האָב איך לואיז׳ן געגעבען מײן ארעם, אויף װעלכען זיא האָט זיך באַלד אָנגעלעהנט. דיא לאַסט פון איהר קערפּער, האָט אין מיר ארויס גערופען א פערגניגענדע זיסקײט.

בערטהע איז דאַן צוגעגאַנגען צו איהר מאַן, און פעליקס האָט זיך אויך אָב־געװענדעט װײטער, דאַכט, װיא עס שײנט, איך זאָל בלײבען גאַנץ אַלײן מיט לואיז׳ן.

דער װעג האָט געפיהרט אויף א בערגעל און מיר האָבען שפּאַצירט גאַנץ לאַנגזאַם. אונטען האָט געפלאָסען דיא סעין, צװישען ברײטע פעלדער, װעלכע האָבען אויסגעזעהען װיא ריעזען גרויסע גרינע דעקען אויסגעשפּרײט נעבען דעם זילבערנעם װאַסער.

פון װײטען האָט זיך געזעהען א לאַנגע און שמאַלע אינזעל, פערבונדען מיט

דער סעין דורך צווייא בריקען, איבער וועלכע באהנען זיינען געלאָפען און גע־שטורמט.

ווייט אוועק איבער דעם וואסער, האט זיך אויסגעברייטעט איין אונגעהייערע גרויסע לאַנקע, און לאנגע שווארצע פּאסען, פון פעראַקערטע פעלדער, האבען גע־גרייכט ביז צום וואלעריאן בארג. דאן האבען זיך געזעהען גרויע געביידען וואס האבען אַבגעטונקט זייערע דעכער אין דער בלויקייט פון הימעל און אין א ים פון זונען־שטראַהלען.

איבער אַלעמען, וואס עס האט מיך געריהרט צו טרערען, איז געווען דער זיסער גערוך פון פריהלינג וואס האט זיך געדרענגט פון איבעראל, פון דעם גרינעם גראַז, פון דיא בלומען און פון דיא בוימער.

וויא הערליך דיא ריינע און שטילע נאַטור איז!

„פאַהרט איהר צוריק באלד נאָך לע באַקעט?“ האט לואיז פלוצליג גע־פרעגט.

איך האב ניט געוואוסט וואס איך דארף ענטפערן אויף דיעזער פראגע, און איך האב געמורמעלט: „ניין.“

„אך!“ האט זיא געזאגט בעדויערענד, „דאס טהוט מיר לייד; מיר פאַהרען פון דאנען אוועק נעכסטע וואָך נאך לע מורא, מיין מאַן'ס גוט; דאס ליעגט אונגעפעהר 5 מייל פון איך. מיין מאן האט מיר געזאגט, אז ער האט בעשלאָסען אייך איינצולאַדען צו אונז.“

איך האב געשטאַמעלט, און ניט ווינסענדיג וויא אזוי גוט צו מאכען מיין פריהעריגען פעהלער, האב איך געזאגט, אז עס איז מעגליך, דאס מיין פאטער זאָל מיך צוריק רופען פריהער וויא איך האב ערוואַרטעט.

ביי דיעזע ווערטער האט זיך מיר געדאַכט, אז איהר אָרעם דריקט זיך פעסטער צו מיינעם.

„וואס זאָל דאס בעדייטען?“ האב איך מיך געפרעגט אין מיינע געדאַנקען. „איז עס מעגליך, אז זיא מאכט מיט מיר א בעשטעלונג?“

געשטיצט דארויף, אז דיא פאריזער דאַמען מוזען האבען געליעבטע, געשטיצט דארויף אז איך בין א גאַנץ שעהנער יונגערמאַן, און בויענדיג אויף אלע צושטענדען וואס האבען געפיהרט צו א פעראייניגונג מיט לואיז'ן, האב איך אָנגעפאנגען מיר פאַרצושטעלען פערשיעדענע פאנטאַזיען פון ליעבע און גענוס, וואס איך וועל קענען האבען וואָהנענדיג עטליכע וואָכען נעבען לואיז'ן, וואו איך זאָל קענען צוזאמען מיט איהר טרוימען אונטער דיא הויכע און גרינע בוימער.

„יא, יא," האב איך מיר געטראַכט, „דאס איז עס, דאס מיינט זיא. עס איז קיין צווייפעל, אז זיא האט זיך ענדליך אין מיר שטארק פערליעבט, און וויסענדיג, אז איך בין אויפגעצויגען געוואָרען אויף'ן לאנד און ליעב דיא פרייע נאטור, האט זיא בעשלאָסען מיט מיר צו פערברענגען אין אזא געגענד."

„איך מוז אייך אָנזידלען," האט זיא פּלוצלינג געזאגט.

אין דעם טאָן פון איהרע ווערטער, איז געלעגען א מערקווירדיגע מונטערקייט, אָבער אין דעם בליק פון איהרע אויגען, איז געלעגען א מוטערליכע צערטליבקייט. דאס האט מיר געגעבען מוטה צו רעדען.

„זידלען מיך?" האב איך געפרעגט.

„יא."

„ווארום דען?"

„אייער טאנטע האט מיט מיר געשפּראָכען איבער אייך. זיא האט מיר אַלעס דערצעהלט, און, וויא עס שיינט, ווילט איהר פון אונז גאר ניט עמפּפאנגען. מיר וועלען האבען דאס רעכט זיך צו געפינען בעליידיגט. אלס אייער פריינדין, בעט איך אייך, איהר זאָלט מיר זאגען, ווארום איהר ענטזאגט זיך?"

יעטצט האב איך שוין געשפירט דאס בלוט לויפענדיג אין מיין געזיכט. ווען איך וואָלט ניט געווען אזא שעהמעדיגער און וואָלט בעזעסען מעהר מוטה, וואָלט איך אויסגעשריען:

„איך ענטזאג מיך, ווייל איך ליעב אייך!"

זיא האט אָבער געמאכט א בעוועגונג מיט איהר האנד, גלייך וויא זיא וואָלט גאר ניט וועלען הערען וואס איך האב צו זאגען, און זיא האט פאָרטגעזעטצט לאַכענדיג:

„ווען איהר זייט שטאָלץ און איהר ווילט ניט אָננעהמען קיין טובה פון קיינעם, דאן גלויב איך, וועט איהר זיין בערייט צו בעצאָהלען מיט א טובה פאר א טובה. מיר זיינען בערייט דאס פון אייך צו אָקצעפּטירען. איהר ווייסט וואהרשיינליך, אז מען דארף וועהלען א גענעראל־ראטה. מיין מאן איז קאנדידאט פיר דיעזען אמט, אָבער ער האט זעהר מורא, אז ער וועט דורכפאלען. און דאס, וויא איהר קענט זיך מערקען, וואָלט שטארק פערשלימערט זיין פּאָליטישען צושטאנד... ווילט איהר אונז העלפען?"

אך, וויא בעצויבערענד זיא איז דאמאלס געוועזען. נאטירליך איז מיר גאר ניט איינגעפאלען, אז זיא האט אירגענד וועלכע אינטערעסע אין איהר מאן'ס קאנדידאַ־טור; איך האב דאס בעטראַכט אַלס א קלוגען אויסרייד פון א געשייטער פרוי,

ועלכע האט געפונען א גוטען תירוץ וויא אזוי מיר ביידע זאָלען זיך קענען בע־געגנען.

„וואס איז דאס פאר א פראגע,“ האב איך געזאגט מיט מעהר מוטה, „געווים וועל איך אייך העלפען!“

„און, זעהט איהר,“ האט זיא ווייטער געזאגט שמייכלענדיג פערפיהרעריש, „אז איהר וועט אויסווירקען מיין מאן זאָל ערוועהלט ווערען צו זיין אמט, דאן איז עס צווישען אונז בעשלאָסען, אז איך זאָל אייך אונטערשטיטצען אין יעדער בע־ציהונג און צו וואס איהר וועט בענעטהיגען.“

„אָבגעמאכט!“ האב איך אויסגעשריען.

„יא, אָבגעמאכט!“ האט זיא געענטפערט.

זיא האט אויסגעשטרעקט איהר קליינע און שעהנע האנד צו מיר, וועלכע איך האב גענומען אין מיינער און זיא צוגעדריקט. איך האב געפיהלט גלייך וויא ווארעמע זייד וואלט געלעגען אין מיין האנד.

מיר זיינען שוין לאנג געוועזען ווייט פון דיא בוימער; דיא זונן האט ארונטער געוואָרפען איהרע שטראהלען גראדע אויף דעם שפיטץ פון בארג, און מיר האבען ווייטער שפּאצירט אין דער היטץ, שטילשווייגענד.

אָבער גאָשראַד, דער אידיאָט, איז אריין געקומען אין מיטען און געשטערט דיזע שעהנע פאנטאזיע וואס האט אויפגעפלאַקערט דאס בלוט אין מיינע אָדערן.

ער האט געהערט, אז מיר האבען געשפּראָכען איבער דעם געגעראַל־ראטה, און ער האט מיך שוין ניט געוואָלט אָבלאָזען מיט זיינע פּלוידערייען. ער האט מיר דערצעהלט א געשיכטע איבער זיין אָנקעל, און האט געשפּראָכען אזוי פיעל, אז איין וואָרט האט זיך ניט געקלעפּט צום צווייטען.

דער סוף איז געווען, אז פון דער גאַנצער פּלוידערייא, האט ער בלויז געוואָלט איך זאָל איהם פאָרשטעלען פאר מיין פאטער.

מיין געדולדיגער לעזער! זאָלאנג דוא האסט מיר שוין געשענקט אויפמערק־זאמקייט ביז יעטצט, וועל איך דיך נאך בעטען, דוא זאָלסט אויסהערען א פּאאר פון מיינע מיינונגען איבער פּאָליטיק.

ווירקליך, איך גלויב, אז פון אזא מענשען וויא איך בין, איז עס אינטערעסאנט צו הערען צו וואס פאר א בעשלוס איך בין געקומען.

וויא איך האב שוין אין אנפאנג בעמערקט, האב איך מיר איבערגעצוינגען א מאסקע איבער מיין געזיכט, דאס הייסט, איך האב מיר געגעבען איין אנדערן נאמען.

דאמיט איך זאָל ניט דארפען רויט ווערען פאר שאַנדע פאַר מיינע איינענע דומ־היימען. אלזאָ, דאס וואס איך גיב דיר איבער איז אַ טהייל פון מיינע בעטראַכטונגען און לעבען.

איך קוק אויף דער פּאָליטיק — אָבער ענטשולדיג מיר לעזער — דוא וועסט באַלד אלעס הערען. איך וויל בלויז בעמערקען, אז טראָטץ מיינע אנזיכטען, האנדעל איך ניט וויא איך דענק. עס זיינען פערהאַנדען פיעלע זאכען וואס מענשען, פון מיין קלאסע, זיינען געצוואונגען זייא צו פיהלען, אָבער קיינמאל ניט ארויס צייגען.

שטעלט זיך פאָר: וואס פאַר א פּנים וואָלט איך געהאַט, ווען איך זאָל געבען א שפּייא אויף דער פּאָליטיק און אלע פּאָליטיקער, און ארויס טרעטען עפענטליך מיט איין ערקלערונג, אז דיא גאַנצע געשיכטע איז איין עקעלהאפטער שווינדעל? ווייסט איהר וואס עס וואָלט פון מיר געוואָרען? מען וואָלט מיך גערופען: „רעוואָלוציאָנער", „אנארכיסט", סאָציאַליסט", ניהיליסט" און נאך א מין „איסט". דאס וואָלט מיך רואינירט, און איך וואָלט מוזען שלאָגען פּרות מיט עלטערן, קרובים, בעקאַנטע און א גרויסעס פערמעגען.

מיט איינעם וואָרט: איך וואָלט מוזען ווערען א וואַגאַבאַנד, ליעגען אין דער ערד, פּרעדיגען און פערשוואַרצט ווערען פאר דער וואהרהייט.

יא, דאס וואָלט פיעללייכט געווען א יושר, און איך וואָלט דערמיט געווען איין עהרליכער מאַן. אָבער ווער קען דאס געהען אזוי פיעל אָפּפערן? פון מיין זייט, ווייס איך, אז איך קען עס ניט טהון, און דערפאר — יא, דערפאר שפּיעל איך דיא ראָלע פון א מאַסקירטען.

איך קען מיך ערינערן, וויא מיט א פּאאר יאָהר צוריק, בין איך אריין אין איין עפענטליכעס הויז. איינע פון דיא דאָרטיגע פּראָוויזימער, אפילו ניט קיין מיאוסע, איז צו מיר צוגעקומען, און מיך אָנגעפאַנגען צו גלעטען, קושען און שמייכלען, אז איך האב פּאָזיטיוו געמיינט, דאס זיא ליעבט מיך. נאך אלעמען, ווען זיא האט פון מיר ארויס געקריעגען דיא עטליכע פראַנקס און איך בין ארויס פון יענער זייט טהיר, האב איך געהערט וויא זיא האט בעמערקט:

„א שווערער פּגר! עס האט מיך אָבגעקאָסט א שטיק געזונד ביז איך בין מיט איהם פערטיג געוואָרען. ער איז אזא שמוטציגער שופט, אז איך וואָלט איהם וועלען אָבגיסען מיט א נאַכט־טאָפּ..."

אנפאַנגס בין איך אויף איהר בעז געוואָרען און איך האב געוואָלט צוריק לויפען זיך מיט איהר אָבצורעכענען פאַר אזא בעליידיגונג. איך האב מיך אָבער

איבערגעדענקט, אז עס איז נישטאָ מיט וועמען צו טהון האבען, און עס איז פיעל שענער פאר מיר, צו פערמיידען סקאנדאל.

איך בין אוועק, און נאכדעם וויא איך האב מיך בערוהיגט, האב איך אָנגע־פאנגען אין מיינע געדאנקען, צו שטודירען דיעזעס פרויענצימער פון א פסיכאָלאָ־גישען שטאנדפונקט. איך האב זיא פערגליכען צו דיא אונשולדיגע מיידלעך, צו דיא פרומע פרויען; מיט איינעם וואָרט, צו מיין אייגענער מוטער, און מיך געפרעגט: „וויא איז דאס מעגליך, דאס א פרויענצימער זאָל קענען אזוי טיעף זינקען?"

איך בין דאן געקומען צום בעשלוס, אז נאָר דיא גרעסטע ערניעדריגונגען האבען דיא אונגליקליכע געקענט ברענגען צו אזא שטופע.

אזא פרויענצימער, זעלבסטפערשטענדליכך, ווערט פון דער גאנצער וועלט, בעטראַכטעט אלס דיא געמיינהייט זעלבסט, און קיין אנשטענדיגער מענש זוכט צו פערקעהרען מיט אזעלכער, מעהר וויא עס איז נעטהיג.

אלזאָ, אזא כאַראקטער בעלאנגט צו א ניעדריגער און געזונקענע פרוי — און וואס איז א פאָליטיקער?

איך וויים גאנץ גוט, אז פאר דיעזע ווערטער וועלען מיך א סך פאָליטיקער שימפּפען. אָבער וואס קימערט דאס מיך? הינטער דיא פּלייצעס קענט איהר אפילו דעם קייזער ארויס שטעלען דיא צונג. כל־זמן מען וויים ניט ווער דאס שרייבט, קימערט מיך נים.

א פאָליטיקער! ווייסט איהר וואס א פאָליטיקער איז? אום צו עררייכען א פאָליטישען ציעל, וועט דער פאליטיקער שמייכלען, גלעטען און קושען דיין ערגסטען פיינד, דעם שמוטציגסטען אויסוואורף! אום צו עררייכען א פאָליטישען ציעל, וועט דער פאָליטיקער זאָגען אכציג טויזענד ליגענס, זיך שטעלען מיט'ן קאָפּ ארונטער און מיט דיא פיס ארויף; פּלוידערן, לאכען, וויינען און זיך וואַרפען אין דער ערד — דאס אלעס איז שעהן, גוט, וואויל און גאנץ טאַקטמעסיג, ווייל דיא פאָ־ליטיק פאָרדערט עס!

או! דאָך, זעהט וויא מען בעטראַכט דעם פאָליטיקער אין געזעלשאַפט און וויא מען בעטראַכט יענע אונגליקליכע פרוי! נאָך מיינער אנזיכט, איז דער פאָליטיקער נאָך ניעדריגער און געמיינער.

גלויבט איהר נים, מיינע לעזער, אז אונזער געזעלשאפט איז אביסעלע צו־געפוילט?

יעטצט האב איך מיר אביסעל ארונטער געריעדט פון הארצען, און איך געה ווייטער. איך האב דאס אלעס דערצעהלט צוליעב מיין פריינד גאַשראָה, וועלכער

איז א טיכטינער פאָליטיקער, און קען נאך פיעל בעסער דיא קונסט וויא יענע אונ־גליקליכע פרוי.

מיר קעהרען צוריק צו נאָשראָד'ס פלוידערייא און שמייכלערייא, וועלכער האט מיך געוואָלט ארייז קריענען אלס זיין אנהעננער, אָדער, איך זאָל איהם העלפען צו זיינע פאָליטישע צוועקען.

זעהט איהר, איך גלויב, דאס א מענש וויא נאָשראָד, אום זיין פאָליטישען ציעל צו עררייכען, איז ער אימשטאנדע צו פערקויפען זיין פאטער, זיין מוטער, זיין געליעבטע פרוי און אויך זיינע קינדער, אבי צו צוקומען אהין וואוהין זיין פאנטאזיע פיהרט איהם.

נאכדעם וויא ער האט אויסגעפלוידערט וואס ער האט געהאט אויף'ן הארצען, זיינען מיר ענדליך צוגעקומען אהין וואו דיא רייסעס האבען בעדארפט שטאט־פינדען.

דיא דאמען האבען שטארק פערגניעגען געהאט פון דעם אונטערהאלט. איך בין געשטאנען דיא גאנצע צייט הינטער לואיז'ן און אלץ געקוקט אויף איהר ווייסען און שעהנעם האלז.

דאן האבען מיר געהאט א הערליכע צייט אהיים געהענדיג, ווען א רעגען האט אונז פערכאפט.

דאס גרינע גראז פון דיא פעלדער, אונטער דעם רעגען, איז אויך געווארען פיעל שעהנער און אנגענעהמער; דיא בלעטער האבען ארויס געשטויסען פון זיך איין אנגענעהמען גערוך, און מיר האט זיך געדאכט, אז איך שפיר דעם פארפום פון ליעבע.

לואיז האט באלד צוגעמאכט איהרע אויגען, ערמיעדעט פון נאטור'ס הערר־ליכקייט.

„געדענקט אונזער אָבמאך," האט זיא צו מיר געזאגט בייא דער סטאציאָן, ווערענד איך האב איהר געהאָלפען איינשטייגען אין א דראָשקע וואס האט אויף איהר געווארט. „געדענקט מאָנטיע! איהר וועט דאך זיין אין לע מורא אין א פאאר וואָכען ארום, ניט וואהר?"

איך האב געדריקט דיא האנד וואס זיא האט מיר גערייכט. אָבער, לויט וויא מיר שיינט, האב איך זיא צו שטארק געדריקט, דען איך האב בעמערקט צום ערשטען מאל, אז זיא האט מיר צוגעווארפען עפעס איין אונצופריעדענעם בליק און אויף איהרע ליפען האט זיך בעוויזען א בעזע מיענע.

אבער בערטהע האט אויסגעזעהען מיך נאך מעהר צו ערמוטהיגען, אום איך זאל ווייטער וואגען. פעליקס איז געשטאנען פון וויטען און אויף זיין מויל האט זיך נאך אמאל אבגעשפיגעלט דער געהיימניספאלער שמייכעל, ווערענד גאשראד האט מיר אנגעקלאפט אין דער פלייצע און געשריען:

„אין לע מורא אכזא, ווערענד דיא נעבסטע 14 טעג. גערענקט מאנסיע דע וואזשלאד... מיר וועלען אלע דארט זיין.“

גאשראד'ן האב איך געהאסט, און איך האב מיר געטראכט, אז דער טייפעל זאל איהם נעהמען.

4.

איך געדענק נים וויא אזוי איך האב אמאל ערגיץ געלעזען, אז „דיא וואהר־הייט אליין איז נים גאנץ אינטערעסאנט, דאס וויכטיגע אבער איז, דיא ארבייט צו געפינען דיא וואהרהייט.“

מיר קומט עס פאר גראדע וויא דעם יענער: דער בראטען פון האזען־פלייש איז פיעל ווייניגער געשמאק, וויא דיא יאגד צו זעהען דעם האז און איהם ער־שיסען.

וואס פאר א ווערטה וואלט בייא אונז, שווייגישע מענער, געהאט א שעהנער און צארטער פרויען־קערפער, ווען ער זאל אונז אנקומען אהן מיה? מען האט מיר דערצעהלט, אז דער מאהאמעדאנער, דאס הייסט דער רייבער, וועלכער האט א הארעם פול מיט דיא שענסטע פרויענצימער, שפירט אבסאלוט נים דיא ריינהייט פון געפיהל צו דער פרוי אלס מיט־מענש, אלס קאמעראדין אדער פריינדין. ער ווייס בלויז, אז דיא פרוי, ווען זיא וויל יא אדער נים, מוז זיא שטעהען צו זיין פער־פיגונג, און ער האט א רעכט מיט איהר צו טהון וואס ער וויל.

בייא אזעלכע מענשען, איז דיא פרוי אבסאלוט קיין מענש; זיא איז א מין ווערקצייג פיר בעקוועמליכקייט, פיר לוסט, פערגניגען און תאוה.

דער רייבער מאהאמעדאנער שפירט קיינמאל נים קיין מאנגעל אין א שעהנער פרוי. ווען ער וויל האבען איינע, דאן קריעגט ער זיא, און דערצו, ווייס ער נאך, אז זיא איז בלויז זיינע — גראדע וויא זיין ראק, שטיוועל און הוט. ווען דיא פרוי ווערט איהם נמאס, דאן שמייסט ער זיא אוועק, וויא ער טהוט מיט זיין אלטען ראק.

מיט אונז אייראפעער וואלט אויך געווען דערזעלבער פאל, נאר צוויא זאכען האלטען אונז צוריק. ערשטענס קענען מיר נים אבקויפען עטליכע פרויען, בכדי פיר

אונז אליין, און צווייטענס, איז עס ניט וויא אונטער דיא מאַהאמעדאַנער, דיא פרויען זאָלען טראָגען צוגעדעקטע געזיכטער מיר זאָלען זייא ניט זעהען. בייא אונז טראָגען זייא דאס געזיכט פרייא און אָפען, און, וויא רופט מען דאס, דער יצר־הרע ווארפט זיך אונז שטענדיג אין אויג.

דערפאַר ווידער, ווען מיר דערזעהען א פרויענצימער און זיא געפעלט אונז, פערשטאַרקערט זיך נאכהער דיא לוסט מיט דעם קאמפף. וואס מעהר מיר קעמפפען זיא צו ערדרייכען, און וואס מעהר זיא וויל זיך צו אונז ניט איבערגעבען, אלץ שטאַרקער ווערט דער חשק, און ווען מיר ערדרייכען זיא, דאן איז זיא בייא אונז טהייער.

עס געבען זעהר שעהנע פרויענצימער אין דיא עפענטליכע הייזער, און, ווען מיר זאָלען ניט וויסען ווער זייא זיינען, וואָלטען מיר זיך אן זייא גאַנץ לייכט געקענט פערליעבען. אָבער אזוי וויא דיא ליעבע פון אזא פרויענצימער קען מען קריגען פאר געלד, שטעלען מיר זיך צופריעדען בלויז מיט דעם קורצען מאָמענט פערגניגען וואס זיא קען אונז פערשאַפען.

איך האב דאס אלעס נאָר אָבגעשילדערט, אום צו בעווייזען, ווארום מענער ווען זיך ווארפען מיט א געוואַלטיגער ענערגיע דורכצופיהרען א ליעבעס קאמפף גראַדע דאָרט, וואו ער צייגט זיך אם שווערסטען. זייא קעמפפען און שטרעבען צו זייער ציעל, אונגעאַכטעט דאַרויף וואס ער איז מאנכעס מאל גיעמאלס צום ערדרייכען.

ווען איך האב צוריק געקעהרט פון לע מורא, איז מיין געהירן פול געוועז מיט טויזענדער ווידערשפרעכענדע געדאַנקען. איך האב אליין ניט געוואוסט וואו איך בין אין דער וועלט. איך האב מיך דאן אוועק געזעטצט איבערצודענקען אלע איינצעלהייטען און שטודירען יעדע קלייניגקייט וואס איז פאָרגעגאַנגען צווישען מיר און לואיז, וועהרענד איך האב פערבראַכט מיט איהר א טאָג.

איך האב געוואָלט דערגרייכען א טאָלק וויא עס האלט צווישען מיר און איהר.

אָבוואָהל לע מורא איז בלויז פינף מיילען ווייט פון לע באָקעט, בין איך אונטערדעסען ניט בעקאַנט געוועזן מיט דער געגענד.

אונזערע יאַגד־וועלדער און פעלדער, ליעגען געגענאיבער נאָמערוויל, און אזוי וויא דיעזע געגענד ליעגט לינקס, איז מיר ניט אויסגעקומען צו בעזוכען לע מורא און איך בין דאָרט געוועזן א פרעמדער. ווען איך פלעג געהען אויף דער יאַגד, האב איך גיעמאלס בעזוכט פרעמדע פעלדער.

אונטערדעסען האב איך איינגעזעהען, אז לע מורא, איז א פראכטפאָלע געגענד. רעכטס הויבט זיך אויף א מעכטיגער בארג מיט גרויע פעלזען, בעוואקסען ארום מיט גרינעס גראָז און קאָלירטע בלומען. אונטען, אין טהאָל, ציהט זיך א לאנגער שאָסעע־וועג, בעוואקסען פון ביידע זייטען מיט ברייטע וואלנוס־בוימער. ווען מען שטעהט אויף׳ן שפיטץ בארג, זעהט מען פאר זיך ליגען לע מורא אין דער פאָרמע פון א קליינער פאנאָראמא.

דער פאלאסט פון דיא נעיזשאָנס, איז א פיערעקיגע געביידע, געבויעט צור צייט און נאך דעם סטיל פון דעם זיבעצעהנטען יאהרהונדערט, און מאכט זעהר א גוטען איינדרוק אויף דעם פרישען בעזוכער. נעבען דעם ברייטעט זיך אוים א פראכטפאָלער גארטען וואס גרענעצט זיך מיט ברייטע לאָנקעס, און ווייט, צום ענדע, ליעגט א וועלדעל, וועלכעס איז אזוי דיק בעוואקסען, אז אפילו דער שפאציר־וועג איז אויך פערשטעלט מיט צווייגען.

ווען איך בין אהין אָנגעקומען רייטענדיג, זיינען מיר ענטקעגען געלאָפען צוויא גרויסע הינט, וועלכע האבען אויסגעהאווקעט א „ווילקאָמען.“

נעבען וועג, ביים גארטען, האב איך בעמערקט א ווייסע פיגור. עס איז געוועזען לואיז, געקליידעט אין א העללעס קלייד מיט א שטרוי־הוט. זיא איז ניט צוגעגאנגען זיא זאָל מיך עמפפאנגען. זיא איז בלויז געבליעבען שטעהען אונבע־וועגליך, און שמייכלענדיג זים און ליעבליך, האט זיא מיך אָנגעקוקט.

עס איז געוועזען דאן, 9 אוהר מאָרגענס.

„אך! וויא שעהן פון אייך!“ האט זיא ענדליך אויסגעשריען „איהר, וועניגסטענס, וויא עס שיינט, שטעהט אויף גאנץ פריה. זעהט איהר, איך בין דיא איינציגע דאָ אין שלאָס, וואס איז אויפגעשטאנען אזוי פריה.“

איך האב איהר געמאכט א קאָמפּלימענט דאריעבער, און דאן האט זיא פאָרטגעזעטצט לאכענדיג:

„זעהט איהר, איך בין דאָ ערשט זייט דיא לעטצטע פינף טעג. איך קען אויפ־שטעהען גלייך מיט דיא היהנער דיא ערשטע עטליכע פריהמאָרגענס. אָבער וויא דיא ערשטע וואָך נעהט פאָראיבער, פאנג איך ווידער אָן פויל צו ווערען, און פאר 10 קען איך שוין ניט ארונטער קריכען פון בעט, גראדע וויא אין פאריז. אָבער היינט פריה, וויא איהר זעהט, בין איך נאך אימער א דאָרפס־מיידעל, וואס קען אויפשטעהען פריה.“

זייט איך האב זיא געקענט, האב איך זיא נאך ניט געזעהען אזוי שעהן און בעצויבערענד. אין איהר איילעניש, צו פערלאָזען איהר שלאָף־צימער, האט

זיא נאכלעסיג פערבונדען איהרע האאר אויף'ן קאָפּ, ארויף געוואָרפען אויף זיך דאס ערשטע קליידעל וואס זיא האט ערבליקט, און, פריש וויא א רויז, מיט איהרע אויגען טרוימעריש פון שלאָף, האט זיא אייסגעזעהען וויא א יונגעס קינד.

קליינע לאָקען מיט צולאָזענע האאר, האבען געפלאטערט איבער איהר האלז.

איך האב געקענט זעהען איהרע ארעמס, נאקעט ביז צו דיא עלנבויגענס, ווען דעא לייכטער ווינד האט אוועק געבלאָזען איהרע אָפענע ארבעל.

„איהר ווייסט ניט וואוהין איך בין געגאנגען?" האט זיא ווייטער געזאגט. „הערט אלזאָ, איך בין ארויס צו זעהען א ווענטעל מאָרגען־בלומען וואס ברייטעט זיך אויס דאָרט איבער יענעם בוים; מען בעהויפּטעט, אז דאס איז א וואונדער־בארע זאך גאנץ פריה, איידער דיא זונן שליעסט צו דיא אָפענע בלומען. יא, דער גערטנער האט מיר דאס דערצעהלט; און, אזוי וויא איך האב נעכטען ניט געקענט זעהען דיא מאָרגען־בלומען, בין איך היינט געקומען... קומט ווען איהר ווילט, בעגלייטעט מיך."

איך האב געבענט מיט פערלאנגען איהר צו געבען מיין ארעם, אָבער איך האב געזעהען, אז דאס וועט זיין זעהר לעכערליך פון מיין זייט. זיא איז געלאָפען פאָראויס וויא א שטיפענדע קליינע מיידעלע וואס יאָגט זיך נאך א זומער־פייגעלע.

צוקומענדיג צום בוים, האט זיא ארויס געלאָזען א געשרייא פון בעוואונדע־רונג. ווירקליך, א גאנצע וואנט מאָרגען־בלומען איז ארונטער געהאנגען פון אויבען, און יעדע בלום בעזונדער, רויטע, בלויע און ווייסע, איז געווען בעדעקט מיט גלענצענדע טהוי־טראָפען. דאס אלעס האט אויסגעזעהען אזוי שעהן און אזוי הערליך, אז מיר האט זיך אין יענעם מאָמענט געדאכט, אז איך געפין זיך ערגיץ וואו אין א צויבער־לאנד.

לואיז האט געקלאפּט מיט דיא הענד, וויא א קינד, אויס פערגניגען, און אויסגעשריען:

„דאס איז דיא בעלוינונג פיר דיזע וואס שטעהען אויף גאנץ פריה!"

דאן האט זיך זיך אוועק געזעצט אויף א באנק נעבען בוים און איך האב מיר גענומען דיא פרייהייט זיך צו זעצען נעבען איהר, נאכדעם וויא איך האב געזעהען, אז זיא האט צוזאמען גענומען איהר קלייד און פאר מיר געמאכט פּלאטץ.

איך בין געווען זעהר אויפגערעגט. און עס איז מיר איינגעפאלען, אז יעטצט איז דיא צייט, ווען איך דארף מעהר קיין אויגענבליק פערלירען מיט מיין ליעבעס־ערקלערונג. איך האב געשפירט, אז עס וויקט זיך מיר זיא אומארמען און אָב־פרעסען א קוש אויף איהר האלז.

איך האב געשפירט, אז דאס איז דער איינציגער וועג איהר צו ערקלערען מיין ליעבע, גראדע וויא יענער סוב־לייטנאנט האט ערשטירמט בייא נאכט דאס צימער און דיא טוגענד פון א קאמער־מיידעל.

אין אלע מיינע גליעדער האט געברענט דער וואונש אזוי צו טהון, און דאס איז געווען דיא איינציגע אידעע וואס האט מיך בעהערשט; מיט איינעם וואָרט, איך האב געשפירט, אז אָבפרעסען א קוש אויף איהר האלז, איז מיינע א קערפער־ליכע נויטהווענדיגקייט.

איך ווייס ניט אויב לואיז האט פערשטאַנען וואס פאר א שטורם עס געהט פאָר אין מיר; זיא האט זיך ניט אויפגעהויבען.

אזוי וויא איך האב אָנגעהויבען צו זאמלען מיין מוטה אום דורכצופיהרען מיין פּלאַן, האט זיא מיר פּלוצלינג צוגעוואָרפען איין ערנסטען בליק, וועלכער האט מיך גענצליך ענטוואפענט. דאן האט זיא געזאגט:

„פריהער, פאר אלעמען, לאָמיר רעדען וועגען אונזערע געשעפטען. הא, וויא זאגט איהר?“

איך האב געשפירט א רוישען אין מיינע אויערן און איך האב מיך געמוזט שטארק אנשטרענגען אום צו הערען וואס זיא האט צו זאגען.

אונטער דעם בוים, איז געווען טונקעל און אויך עטוואס קיהל. דיא זונן מיט איהרע שטראהלען האט דורכגעבראָכען צווישען דיא מאָרגען־בלומען און ארויס גע־בראכט וויא דינע גאָלדענע פאסען; אויף לואיז'עס ווייסעם קלייד, האט עס אויס־געזעהען, גלייך וויא גאָלדענע פליענען וואָלטען ארום געטאנצט.

„אלזאָ, וויא ווייט שטעהען מיר שוין?“ האט זיא געפרעגט מיט דעם טאָן פון א פערטרויעטען קאמעראד.

איך האב נים געהאט קיין אנדערע ברירה, און איך האב געמוזט פערטרייבען פון מיר דיא געדאנקען פון קושען איהר האלז, און איך בין געצוואונגען געווען צו רעדען דאריבער וואס האט אויסגעזעהען זיא מעהר צו פעראינטערע־סירען.

דיא פאליטיק!

יא, דא האט געוואָלט וויסען איבער דעם פּאָליטישען צושטאנד. איך האב איהר אלזאָ געמוזט דערצעהלען, אז איך האב מיר אליין פריהער אלעס איבערגע־דענקט וויא אזוי איך זאָל קענען נימצליך זיין פאר איהר מאַן בייא דיא וואהלען, און דאן, אז איך האב געשפּראָכען מיט מיין פאטער, און איך האב אין איהם בע־מערקט א גרויסע אונצופריעדענהייט.

מיין פאטער, זייט דיא לעטצטע 10 יאָהר, האט ער זיך ערקלערט אלס דער גרעסטער שונא פון דער נייער אָרדנונג, און ער האט מיר שטרענגס פערבאָטען אירגענד וועלכען אנטהייל צו נעהמען אין דער אונטערשטיטצונג פון דער רעפּובליק. ער האט מיר געגעבען צו ערקלערען, אז אזא מענש וויא איך בין, מוז מיך אָפּפערן פיר מיין פאטערלאנד, און נים קוקען דארויף וואס מיין אָפּפערונג זעהט אויס וויא האָפנונגסלאָז.

„נאָר בייא אונזער לעטצטעס געשפּרעך," האב איך פּאַרטנעזעטצט, „האב איך אויסגעפונען, אז ער איז אביסעל געענדערט געוואָרען. מיר דאכט, אז מיין טאנטע האט צו איהם געשפּראָכען איבער איהר אידעע, אז עס איז נעטהיג איך זאָל אנטהייל נעהמען אין דער דיפּלאָמאַטיע. יא, אזוי גלויב איך איז עס געוועזן, און טאקי, נאָר א פּרוויזאָנצימער האט איהם געקענט ענדערן."

וועהרענד איך האב געשפּראָכען, האט לואיז מיך אויסגעהערט און גע־שמייכעלט. צום שלוס האט זיא בעמערקט:

„איך האב געשפּראָכען מיט מאָנסיע דע וואזשלאד."

„מיט מיין פאטער?"

„יא."

„וואו?"

„אָה, מיט דרייא טעג צוריק האב איך איהם בעגעגענט, דורך א צופאל, און מיר האבען געשפּראָכען."

„איבער וואס?" האב איך געפרעגט אונגעדולדיג.

„איבער דיא וואהלען."

„און וואס האט ער געזאגט?"

„אלעס איז אין בעסטער אָרדנונג. פערלאָזט זיך אויף מיר. איהר ווייסט דאך וואהרשיינליך, אז דיא וואהלען פיר דעם גענעראל־ראטה, וועלען שטאטפינדען נעכסטען זונטאג?"

„דאס ווייס איך."

„אלזאָ, מיט אייער פאטער'ס הילפע..."

„וויא? האט ער אייך פערשפּראָכען זיין הילפע?" האב איך ערשטוינט געפרעגט.

„וואס קימערט דאס אייך? ווען איך זאג אייך, אז אזוי איז עס, דאן זאָלט איהר מיר גלויבען. אלזאָ, מיט אייער פאטער'ס הילפע, איז מיין מאַן'ס ערפאָלג געזיכערט."

„איז מאַנסיע נעיזשאַן דאָ?" האב איך געפרעגט צעגערענד.

„יא," האט זיא געענטפערט. „ער איז געכטען אבענד אהער געקומען... אָבער איהר קענט איהם יעטצט ניט זעהען, ווייל ער איז אוועק גאנץ פריה נאך גאַמערוויל אום דאָרט צו עסען פריהשטיק מיט זיינעם א פריינד, א גוטס־בעזיטצער, וועלכער האט א גרויסען איינפלוס אין דער נאַכבארשאַפט."

זיא האט זיך אויפגעהויבען.

איך בין נאך געבליעבען זיטצען און זיך דערמאַהנט אן מיין פריהערינגען בע־שלוס איהר צו געבען א קוש אויף'ן האלז. עס האט מיר הערצליך באנג געטהאָן ווארום איך האב מיין פּלאַן ניט דורכגעפיהרט.

עס האט מיר אויסגעזעהען, אז איך וועל ניעמאלס מעהר האבען אזא גוטע געלעגענהייט, צו זיטצען מיט איהר אין שאטען פון א גרויסען בוים אין א קלארען פריה־מאָרגען, ווען זיא איז נאָר וואס אַרויס פון בעט און איז נאך אפילו ניט געוועזען רעכט געקליידעט.

„אָבער," האב איך מיר געטראַכט, „איך בין א דומקאָפּ!"

איך בין געזעסען זיכער, דאס ווען איך זאָל דאמאלס פאלען צו איהרע פיס אויף דעם טהוי־בעדעקטען גראַז, וועל איך פון איהר העכסטענס אַרויס רופען א געלעכטער.

אך! וויא איך האב מיר דאמאלס געוואָלט געבען א פּאטש!

זעהענדיג קיין אנדערן אויסוועג, האב איך בעשלאָסען אָבצוּווארטען אויף איין אנדערע געלעגענהייט.

איך האב געוואָלט אנפאנגען א געשפּרעך, וואס זאָל זיין איין אָנצוהערעניש פון מיינע ליעבעס־געפיהלע, אָבער גראדע וויא דער שטן, איז גאָשראַד דאמאלס ערשיענען.

איך האב איהם ערבליקט פון ווייטען שפּאַנענדיג מיט זיינע ביידע פיס אויף דעם שמאָלען און אויסגעטרעטענעם וועג.

וויא ער האט דערזעהען לואיזן מיט מיר צוזאמען, איז ער געבליעבען שטעהן, און אויף זיין געזיכט האט זיך בעוויעזען א מיפלישער שמייכעלע.

אָבער דיא מיינע האט זיך שנעל געוועקסעלט, און ער האט אויסגעבראָכען אין א גאַנצער אנשפּראַכע פון ליבען און ריהמען לואיז'ן פיר איהר העלדענטהאט וואס זיא האט געקענט אויפשטעהען אזוי פריה.

ער ווידער, גאָשראַד, איז דאמאלס נאַר וואס אויפגעשטאַנען.

„און בערטהע?" האט לואיז געפרעגט, „וואו איז זיא? האט זיא געהאט א גוטע נאַכט?"

דיזע ווערטער האבען מיך שטארק אויפגערעגט און ערשטוינט. ערשטענס האב איך מיך געוואונדערט, וויא עס קומט צו לואיז'ן אזא שפּראַכע, און דאן האט מיך שטארק פערדראָסען אויף איהר מאַן, מאָנסיע געזשאָן, וועלכער איז דאָרט געווען לעטצטע נאַכט.

איך בין געווען שרעקליך אייפערזיכטיג.

„איך וויים ווירקליך ניט," האט גאָשראַד געענטפערט אויף איהר פראגע, „איך האב נאך בערטהע'ן גאר ניט געזעהען."

גאָשראַד האט אונטערדעסען בעמערקט מיין ערשטוינטעס געזיכט, און ער האט מיר ערקלערט:

„פערשטעהט איהר," האט ער געזאגט, „מיין פרוי האט נעכטען, דעם גאנצען טאָג, געהאט א שרעקליכען קאָפּ־שמערץ. איך קען זיא שוין, זיא האט א טבע צו זאגען, דאס ווען יעמאנד קומט זיא בעזוכען אויף דעם צווייטען פריה־מאָרגען, אז זיא וועט נאך אמאל האבען א גאנצען טאָג קאָפּ־שמערצען. דערפאר האב איך זיא נאך ניט געזעהען."

אויף מיין געזיכט האט זיך ווידער אויסגעדריקט ערשטוינען.

גאָשראַד האט מיך פערשטאַנען, און זיך געאיילט ווייטער צו ערקלערען:

„מיר האבען דאָ צוויא צימער; עס איז אימער זעהר בעקוועם און איבערהויפּט אין זומער אויף'ן לאנד."

אָהנע איהם ווייטער צו פרעגען, האט ער בלויז געמאכט א קורצע פּויזע און בעמערקט גוטמיטהיג:

„מיין פרוי איבערהויפּט, האט אימער ליעב צו שלאָפען אליין."

און ער? וואס זאגט ער? ער איז דאך א מאַן?

זיך אָבווענדענדיג אביסעל, האב איך מיר ניט געקענט העלפען און אויפגעצויגען מיט דיא אַקסלען און געמורמעלט:

„איך פערשטעה נים."

מיר האבען אָנגעפאנגען אריעבער צו געהען דעם וועג, און איך האב מיך דערמאָהנט אן זעהר פיעלע געשיכטען וואס איך האב געהערט דערצעהלען איבער דעם לעבען פון אזעלכע מענשע אויף'ן לאנד אין א פאלאסט.

„ווער וויים," האב איך מיר געטראַכט „אלעס איז דאָך מעגליך, זאָגאר דאס בערטהע זאָל האבען א געליעבטען בייא זיך אין צימער בייא דער נאכט, און דער מאן זאָל גאר נים טאָרען אריין געהען זעהן וואס דאָרט טהוט זיך."

אונטערדעסען האב איך געהאט דאס גרעסטע פערגניגען פון דער אידעע, וויא דאס זעהט אויס, צו זיטצען מיט א שעהנער געליעבטע אין שאטען פון אלטע בוימער; וויא הערליך דאס איז ארויס צו געהען בארוויס, ביינאכט פון צימער, דורכלויפען אין דער דונקעלהייט א לאנגען און דונקלען קאָרידאָר און צוקומענדיג צו א טהיר, וועלכע שטעהט אביסעל אָפען, זיך אריין כאפען און... וויא שעהן עס איז צו געניעסען פערבאָטענע פרוכט!

יונג, שעהן, ליעבליך און רייצענד זיין, דאס איז דיא וועלט, דאס איז דאס לעבען! דיא טרוקענע מאָראל און דיא אויסגעוועפטע דרשות, זיינען גוט פאר אלטע ווייבער און פאר מענער אָהן צייהן מיט ציטערענדע הענד. אָבער מיר, דיא שעהנע יונגענד, דארפען לעבען, ליעבען און געניעסען.

דער דייטשער דיכטער איז ווירקליך נים געוועזען קיין נאר, ער האט געזאגט:

„ווער עס ליעבט ניכט וויין, ווייב, געזאנג,
„דער בלייבט איין נאר זיין לעבען לאנג!"

דיא דייטשען זיינען אפילו נים אימער קיין פראקטישע מענשען, אָבער דאָך כאפט זיך בייא זייא ארויס אמאל א פאאר קלוגע ווערטער וואס שטימען מיט דיא אידעען פון אונז, ערפאהרענע פראנצויזען.

אז איך האב רעכט געהאט מיט מיין פאנטאזיע, האט מיך דיא ווירקליכקייט באלד איבערצייגט, ווען פון וויימען איז ערשיענען בערטהע מיט מיין פריינד פעליקס. זייא זיינען נאָר וואס ארויס פון דעם קאָרידאָר, און ביידע זיינען געגאנגען פערטראכט, בעסער געזאגט, מיעד און פערמאטערט אונגעאכטעט דארויף וואס זייא האבען געשלאָפען א גאנצע נאכט.

„קיין צווייפעל," האב איך מיר געט־אכט, „זייא האבען פערבראכט צוזאמען דיא נאכט און גענאָסען פון דעם ליעבעס־בעכער וויפיעל זייא האבען געוואָלט. דער

דומקאָפּ נאָשראָד האָט וועהרענד דעם געשנאָרכט אין זיין צימער. גוט אַזוי..."

„ביסט דוא חלילה ניט קראַנק?" איז לואיז צוגעגאַנגען פרענענדיג איהר פריינדין מיט איין אויסדרוק פון צערטליכקייט.

„איך דאַנקע, ניין. אָבער דוא ווייסט, דיא אבוועקסלונג ווירקט איבער מיר אונגעהייער און צושרויפט אַלע מיינע נערוועז... דאַן, ביי דיא טאַגעס־אַנברוך האָבען דיא פייגעלעך אַזוי געשריען, אַז זייא האָבען געקענט אויפוועקען א טויטען."

איך האָב נערייכט פעליקס'ן דיא האַנד.

גראַדע דאַמאַלס האָב איך בעמערקט וויא דיא צווייא דאַמען האָבען גער ווערקסעלט א שמייכעלע איינע מיט אַנאַנדער. נאָשראָד, שטעהענדיג אַביסעל פון וויטען, האָט אָנגעהויבען לייכט צו פייפען. מיר האָט זיך גערדאַכט, אַז לואיז ווייס פון אַלעס וואָס עס געהט פאָר אונטער איהר דאַך.

„וויא איז דאָס מעגליך עס זאָל אַנדערש זיין?" האָב איך מיר געטראַכט. „זיא קען בערטהע'ן גאַנץ גוט; זיא ווייס אויך פון איהרע ליעבעס־געהיימניסע, און ביי נאַכט, וועהרענד זיא איז ניט געשלאָפען מיט איהר מאַן, האָט זיא געוויס געהערט דיא טריט איבער דעם קאָרידאָר, געהענדיג צו איין אָפענער טהיר פון וואַנען ליעבע און גענוס האָט אַרויס געאָטהעמט... אַך! איך דומקאָפּ! ווארום האָב איך ניט אָבגעפרעסט מיינע ליפען אויף לואיז'עס האַלז וועהרענד מיר זיינען געזעסען אונטער דעם בוים?"

איך האָב שוין זאָגאַר אָנגעפאַנגען אויסצורעכענען דורך וואָס פאַר א זייט איך זאָל קענען אריין געהען אין שלאָס, ווען איך זאָל ערשיינען ביי דער נאַכט. עס האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט דיא צייט, ווען לואיז וועט זיין מיינע, און איך וועל זיא קענען בעזיטצען, ווען איך וועל נאָר ווינשען. בליקענדיג צום קאָרידאָר, האָב איך בעמערקט נעבען דער טהיר א ניעדריגעס פענסטער, און דאָס איז מיר איינגער פאַלען אַלס איין אויסגעצייכענטער איינגאַנג פיר א געליעבטען, ווען דיא שטערען פינקלען ארונטער געהיימניספאָל פון דעם הימעל.

אום 11 אוהר האָבען מיר אַלע געגעסען פריהשטיק. נאָך'ן פריהשטיק, איז דער דיקער נאָשראָד נעגאַנגען כאַפּען א דרעמעל.

איידער ער איז געגאַנגען שלאָפען, האָט ער פאַר מיר פערטרויעט אַלע זיינע פּאָליטישע געהיימניסע, און מיר דערצעהלט, אַז ער האָט שטאַרק מורא, דאָס ביי דיא נעכסטע וואַהלען, וועט ער מוזען דורכפאַלען.

„איך ווייס דיא אורזאכע,“ האט ער געזאגט. „דאס איז ווערפאר, ווייל איך האב צו ווייניג געארבייט. איך האב בעדארפט פערברענגען וועניגסטענס דרייא וואכען אום צו זאמלען שטימען. אבער איך קען ניט; איך בין ניט וויא אנדערע, און עס איז מיר אונמעגליך צו קריכען איבעראל.“ נאכדעם וויא איך האב בעזוכט מיין אנקעל, בין איך בלויז אריעבער געקומען אהער, נאך לע מורא, ניט מעהר וויא אום צו ציינען דיא איינוואהנער, אז איך בין פריינדליך מיט מאנסיע געוזשאן; דאס איז דיא איינציגע זאך וואס איך האב געקענט טהון, מעהר איז מיר אונמעגליך.“

איך האב איינגעזעהען, אז ער וויל זעהר איך זאל איהם איינלאדען צו מיין פאטער, און מיין פאטער זאל איהם אויך טהון א טובה. אבער דאס אונגליק איז געוועזען, וואס איך האב ניט געליעבט קיין בלאנדינעס, און איך האב דערפאר מיט איהם ניט געקענט סימפאטהיזירען.

איך האב צוגעבראכט זעהר א פרעהליכען נאכמיטאג מיט דיא דאמען און מיט פעליקס'ן. דאס לעבען אין א פאלאסט אויף'ן לאנד פון פאריזער דאמען, זייער שטיפען און לאכען אין דער שטילער און טרוימערישער געגענד, זעהט אויס וויא א לעבען אין דער צויבער-וועלט.

דיא דאמען, נאכלעסיג אבער נעט געקליידעט, מיט זייערע צארטע הויטען וואס האבען זיך געשפיגעלט דיא גאנצע צייט אין דיא זונען-שטראהלען און פרייע לופט, ערשיינען דא וויא דיא געטטינען. זייערע קליינע פיסלעך, איינגעפאסט אין פיינע שיכלעך, שפאצירען איבער דעם גראז און פערפלאנטערן זיך אין דיא בלומען, און זייערע געלעכטערס מישען זיך אויס מיט דעם צווויטשערן פון דיא פייגעלעך.

דיא פאריזער שטרענגע עטיקעטע פערשווינדעט; מען לעבט, מען טאנצט און מען שפרינגט, און מען זעהט אויס צו שוועבען אין דעם פארפומען גערוך פון דיא בלומען און צו רוהען אויף נאטור'ס ווייכען בוזים.

זיטצענדיג אויף'ן גאניג און טרינקענדיג דעם קאפפע, האבען דיא דאמען מיך אביסעל איבערראשט. ווירקליך, איך, אויפגעצויגען אין דער פראווינץ, אונטער פרויען וואס זיינען רעליגיעז און בעזוכען אזוי אפט דיא קירכע — פאר אזא מענשען אלזא וויא איך, איז דאס געוועזען אביסעל איין איבערראשונג צו זעהען וויא לואיז האט גענומען א ציגארעטע צווישען איהרע ווייסע פינגער, אנגעריבען א שוועבעלע, פערדרויכערט און ארויס געלאזען פון צווישען איהרע רויטע ליפען א לאנגען בלויען רויך. בערטהע וויעדער, האט זיך בעדיענט מיט אזא גראבער שפראכע, גראדע ווי דא וואלט געבוירען געווארען אין דעם.

שפעטער זיינעןביידע פערשוואונדען געוואָרען מיט זייערע רוישענדע קליידער, לאַכענדיג פון ווייטען אַזוי מונטער און אויפרעגענד, אַז איך האָב מיר ניט געקענט העלפען צו שפּירען וויא עס האט מיך אָנגעהויבען שטאַרק צו קיצלען.

איך דערצעהל נאָר דאס אַלעס, דאַמיט איהר זאָלט פערשטעהן, אַז איך האב בעשלאָסען, דאס עס איז שוין ניט ווייט דערצו, ווען איך זאָל לואיזען האָבען נעבען מיר, און דיא נאַכט ווען מיר זאָלען פערברענגען אונטער פיער אויגען, איז נאָהנט.

מיר האט זיך געדאַכט, אַז בערטהע טהיילט מיט, לואיזען איבער דער לעטצטער נאַכט, און לואיז דערצעהלט איהר וויא לאַנגזאַם און שעהמעדיג איך בין מיט מיינע ליעבעס־ערקלערונגען, און דערפון האָבען זייא ביידע געלאַכט.

פעליקס איז וועהרענד דעם געזעסען און גערויכט אַ סיגאַר אָהנע זיך צו בע־קימערן וואס עס געהט פאָר אַרום איהם. וועניגסטענס האט זיך מיר אַזוי געדאַכט.

איך האב בעמערקט, וויא ער האט צייטענווייז מיר צוגעוואָרפען אַ בע־דייטענדען שמייכעלע, און דאַן האט ער ווידער געבליקט צום רויך פון זיין ציגאַר.

מיט אַ האַלבע שטונדע שפעטער, האב איך ערקלערט, אַז איך דאַרף שוין אוועק געהען.

לואיז האט באַלד אויסגעשריען:

„וואס! געהען? אָה ניין, מיין פריינד, איהר וועט ניט געהען. איהר מוזט מיט אונז עסען נאַכטמאָהל... מיין מאַן וועט געוויס צוריק קומען, איהר וועט ענדליך האָבען דיא געלעגענהייט איהם צו זעהן. איך מוז אייך פאָר איהם פאָרשטעלען. צו וואַרטען אַ גאַנצען טאָג און איהם דאָך ניט זעהן, איז ווירקליך אונאַנ־גענעהם.“

איך האב איהר ערקלערט, אַז מיין פאַטער ערוואַרטעט מיך געוויס צו הויז.

„דאס מאַכט ניט,“ האט לואיז געזאָגט. „אייער פאַטער ווייס, אַז איהר זייט שוין אַ היבשעס קינד און איהר וועט ניט פערלוירען געהען.“

„אָבער מיר האָבען אַ ספּעציעלען נאַכטמאָהל אין לע באָקעט.“

„ספּעציעל, נאַרישקייטען. דאָ איז אויך ספּעציעל.“

„איך מיין,“ האב איך ווייטער געזאָגט, „דיא וואָהל־דירעקטאָרען און דיא

דיסטריקט־פאָליטיקער וועלען דאָרט זיין, און אזוי וויא איך האב אייך פערשפּראָ־ כען, דאן..."

„אָה יא, אָה יא!" האט זיא אויסגעשריען, „איהר האט רעכט! נעהט ווירקליך שנעל אהיים... און, מערקט עס אייך, איהר זאָלט אלעס מעגליכע אָנווענדען. איך בעט אייך איהר זאָלט עס טהון. ווען אייער ארבייט וועט געלונגען, דאן קומט צו מיר און עמפּפאַנגט אייער נוט־פערדיענטע בעלוינונג."

מיר האט עס אויסגעזעהען, אז זיא איז רויט געוואָרען בייא דיא לעטצטע ווערטער. וואס פאר א בעלוינונג האט זיא געמיינט?

האט זיא דערמיט בלויז געמיינט דעם דיפּלאָמאטישען פּאסטען וואס מיין טאנטע האט מיר פאָרגעשלאָגען און מיין פאטער האט דערצו איינגעשטימט? ניין, דאס האב איך ניט געוואָלט אקצעפּטירען; מיר האט זיך געדאכט, אז איך האב בעמערקט א גאנץ אנדערע בעדייטונג אין איהרע ווערטער.

איך עראינער מיך יעטצט אן דער לעהרע פון לעבען. וואס מעהר מען לעבט, און ווען מען האט אביסעל שכל, מוז מען עפּעס לערנען. איך עראינער מיך יעטצט אן א געשיכטע וואס האט פּאסירט בייא אונז אין דאָרף, וועהרענד איך בין געוועזען א איינגעל פון א יאָהר אכט. מיינע א טאנטע, גרעפין פאָן ל., א פרוי פון א יאָהר זעכציג, איז געוועזען אימער זעהר א רעליגיעזע פרוי. פון וויא ווייט איך קען מיך ער־ אינערן, איז זיא אויך געוועזען איין עהרליכע. איהר ווייסט דאך שוין וואהרשיינליך, אז צו זיין רעליגיעז און עהרליך, זיינען צוויא פערשיעדענע זאכען.

אלזאָ, מיין געגאנגטע טאנטע איז אויך געוועזען איין עהרליכע, און זיא האט גאנץ ערנסט געמיינט, אז יעדער איינער וואס גלויבט אין יעזוס קריסטוס, אין זיין מוטער און אין דיא הייליגע פון דער קאטאָלישער קירכע, איז ניט נאָר א גליקליכער מענש אויף דיזער וועלט, זאָנדערן אויף יענער וועלט וועט מען איהם מאכען פאר עפּעס מעהר וויא א קייזער.

אין א זונטאג גאנץ פריה איז מיין טאנטע אויפגעשטאנען צו געהען אין קירכע. זיא האט ניט געוואָלט פאָהרען, און זיא איז געגאנגען צו פוס. איהר שוואַכ־ קייט האט פערזורזאכט וואס עס האט געדויערט א היבשע צייט ביז זיא האט געגרייכט דיא קירכע. אָנקומענדיג אהין, זיינען געשטאנען מעהרערע מענשען אין דרויסען.

מיין טאנטע האט פּלוצלינג אויפגעהויבען דיא אויגען צום קרייץ פון דער קירכע, און אויסגעשריען:

„זעהט! זעהט!"

אַלע האבען זיך אומגעקוקט און קיינער האט ניט בעמערקט קיין אויסער־אָרענטליכעס.

„וואס זאָלען מיר זעהען?" האט א יונגער בויער געפרעגט.

„בלינדע אפיקורסים וואס איהר זייט!" האט זיא נאך אמאל אויסגעשריען. „זעהט איהר דען ניט וויא יעזוס קריסטוס זיצט אויף'ן קרייץ?"

פיעלע אנוועזענדע האבען ערקלערט, אַז זייא האבען ווירקליך געזעהען יעזוס קריסטוס. איך גלויב יעטצט, נאַטירליך, אַז מאַנכע האבען עס געזאגט אין שפּאַס און אַנדערע אום צוליעב צו טהון מיין טאַנטע.

אָבער מיין טאַנטע? וואס איז געוועזן מיט איהר?

איך בין פאָלקאָמען איבערצייגט, אַז זיא האט ווירקליך געזעהן יעזוס קריסטוס. זיא האט געטרוימט בייא טאָג און בייא נאכט דאַריבער; דאס האט געמאכט א שטאַרקען איינדרוק אויף איהר געהירן, און זיא האט געזעהען דאס בילד פון איהר פאַנטאַזיע. ניין, זיא איז ניט געוועזן קיין שווינדלערין; זיא איז געוועזן איין עהרליכע און פרומע פרוי.

אַזוי האב איך אויך געזעהען א מיענע אויף לואיז'עס געזיכט, וואס האט מיר דייטליך דערצעהלט, אַז זיא מיינט מיך צו בעלוינען מיט איהר קערפּער — מיט איהר שעהנעם קערפּער.

פיעלע וויסטלינגע האבען א טבע, זיך פאָרצושטעלען געוויסע פרויענצימער צו וועלכע זייא קענען ניט גרייכען, און מיט זייערע געדאַנקען בעגעהען זייא דיא שמוטציגסטע פערברעכען, זיך פאָרשטעלענדיג, אַז זייא בעגעהען א ווירקליכע טהאַט.

וויא מעכטיג דער איינפלוס פון איינבילדונג איז אויף דעם מענשען! איך בין געוועזן פאָלקאָמען צופריעדען מיט דעם צושטאַנד, און איך האב מיר געטראַכט, אַז איך האב פיעל מעהר אויסגעווירקט מיט דיעזען בעזוך, וויא איך האב געקענט ערוואַרטען.

ווען איך האב געהאלטען אין אוועק געהען, האב איך בעמערקט א לייכטע דראָשקע צופאָהרענדיג צו דיא טרעפּען. איך האב געדענקט, אַז דאס איז דער מאַן, מאַנסיע נעיזשאַן, וואס האט צוריק געקעהרט פון זיין בעזוך. נאַטירליך בין איך געוועזן נייגיעריג איהם צו זעהען, אָבער איך האב געהאט א טעות. עס איז ניט געוועזן מאַנסיע נעיזשאַן.

אין דער דראָשקע זיינען געזעסען צווייא קינדער: א מיידעלע פון א יאָהר

פינף, און א איננעלע פון א יאָהר פיער. מיט זייא איז געווען זייער קאמער־מעדכען אלס בעגלייטערין.

זייא האבען אויפגעהויבען זייערע הענטעלעך און געלאכט. דאן, אזוי שנעל ווי מען האט זייא ארונטער געשטעלט, האבען זייא אָנגעפאנגען צו לויפען צום הויז, און גרייבענדיג לואיזין, האבען זייא זיך אָנגעכאפּטט אין איהר קלייד.

זיא האטביידען אומארמט און זייא צערטליך געקושט.

דאס האט מיך אזוי פעראינטערעסירט, דאס איך האב מיך אומגעווענדעט און געפרעגט:

„וועמעס זיינען דיעזע קינדער?"

„וועמעס קינדער?" האט לואיז געזאגט לאַכענדיג, „מיינע! וועמעס דען זאָלען זייא זיין?"

איהרע! זיא האט קינדער?

איך בין ניט אימשטאנדע אויסצודריקען דעם שוידער וואס איז געלאָפען איבער מיין לייב.

מיר האט עס אויסגעזעהען, גלייך וויא יעמאנד וואָלט אויסגעשטרעקט צווייא מעכטינע הענד און זיא אוועק געשלעפּט פון מיר. מיין גאנצער טרוים האט געכאפּט א שרעקליכען קראַך.

„איהרע קינדער!" האב איך געמורמעלט צו מיר אליין.

קינדער? דאס איז א מערקווירדיגע שעפּפונג פון דער נאטור!

עס זיינען דאָ מענער און פרויען, וואס הייראטהען ביידע אוים דער גרעסטער ליעבע, און זייא פערגעטערן זיך איינער דעם צווייטען. ווען עס געהען אָבער פאַראיבער עטליכע יאָהר, און קיין קינדער זיינען נישטאָ, דאן פערשווינדעט דיא ליעבע און א גרויסע גלייכגילטינקייט טרעטעט איין. מאן און פרוי בעטראכטען זיך וויא פרעמדע, און דאס קען זיך נאכהער ענדיגען אין האס.

ווידער פאסירט עס, וואס אומשטענדען פיהרען צוזאמען א מאן מיט א פרוי, וועלכע האבען זיך קיינמאל ניט געליעבט און זייא זיינען זיך איינער דעם אנדערן ניט גערן. ווען קינדער ערשיינען אָבער, דאן פאנגט אן דער פאטער רחמנות צו האבען אויף דער מוטער פון זיינע קינדער, און דיא מוטער רעספּעקטירט דעם פאטער פון דיא קינדער. עס ענדיגט זיך מייסטענטהיילס אין א פעסטער געגענזייטיגער ליעבע.

דיעזען סוד אָבער, האב איך דאמאלס ניט געוואוסט: איך האב בלויז געשפּירט, אז דיעזע קינדער זיינען מיר ערשיענען וויא א שטיין אין [illegible]

לואיז האט קינדער! דאס איז מיר איבערראשט פארגעקומען קאמיש. לואיז, וועלכע קען וועקסלען איהרע געליעבטע ווי א יונגעס און רייכעס מעדכען וועקסעלט איהרע העמדער — זיא זאל האבען קינדער! ווי קומט עס צו איהר?

אזעלכע פרויען, איז מיר פארגעקומען, קענען קיין קינדער נים האבען.

דער איינדרוק פון דעם מאמענט איז געוועזען אזוי שטארק אויף מיר, אז איך האב מיך נים געקענט צוריק האלטען און האב געפרעגט:

„איהר האט קינדער?"

„נאטירליך האב איך קינדער," האט זיא געענטפערט גאנץ רוהיג. „איהר זעהט דאך. זייא זיינען היינט פריה אוועק געפאהרען זעהען זייער קוואטערין, וועלכע וואהנט 5 מיילען פון דאנען... יא, ערלויבט מיר זיא אייך פארצושטעלען: דאס איז דער קליינער מאנסיע לוסיאן נעיזשאן, און דאס איז מאדמאאזעל מארגעריט נעיזשאן."

דיא צוויא קליינע חברה האבען צו מיר געשמייכעלט.

איך צווייפעל נים, אז איך האב דאמאלס געמוזט אויסזעהען ווי א גרויסער דומקאפ.

עס איז מיר אונמעגליך געווען זיך צו צוגעוועהנען צום געדאנק, אז לואיז איז א מוטער פון קינדער. אזא געדאנק האט מיך אין גאנצען ארונטער געפיהרט פון מיין פאנטאזיען־וועג.

איך בין אוועק מיט א פערוואשטען קאפ; איך האב גאר נים געוואוסט וואו איך בין אין דער וועלט. פאר מיינע אויגען איז געשטאנען לואיז אין איהר מארגען־קלייד צווישען דיא מארגען־בלומען אונטער דעם בוים, און אויסגעזעהען א פרייע געליעבטע, און דאן האב איך זיא ערבליקט קושענדיג מארגעריט'ן און לוסיאנען — איהרע קינדער!

„עס איז קיין צווייפעל," האב איך צו מיר געמורמעלט, „אז דיא פאריזער דאמען זיינען צו מערקווירדיג, צו כיטרע, צו שארף פאר מיר דארפס־יונג."

איך בין אהיים געקומען און מיך אריין געווארפען אין א סאפא, מיט דער אידעע צו רוהען. איך האב אלעס אבגעלייגט אויף מארגען, אום איך זאל אלעס ווייטער שטודירען.

5.

איך בין אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה און אַרויס אויף דער פרייער לופט.

דיא בלומען האבען אויסגעזעהען נאָר וואס צו ערוואכען פון זייער נאכט־דרעמעל און זיך געוואשען מיט טהוי פון זייער שלאָף.

דיא נאַטור, שטיל, רוהיג און ליעבליך, האט פערברייטעט א פאוּפּום־געריך איבער דער גאַנצער געגענד. ווען איך האב מיך אוועק געזעטצט אויף א באַנק, האב איך געשפּירט, אז מיר ווילט זיך שלאָפען.

איך האב וואהרשיינליך געשלאָסען מיינע אויגען און אביסעל געדרעמעלט. ווען איך האב ערוואכט, איז דאס געווען פון דעם גערויש פון טריט נעבען מיר.

עפענענדיג מיינע אויגען, האב איך ערבליקט אַנטאַאַנעטע'ן, דיא צוואַנציג־יעהריגע טאָכטער פון אונזער וואַלד־וועכטער.

„גוט מאָרגען, מאָנסיע,“ האט זיא געזאגט אין א זיסער און מעלאָדישער שפּראַך.

„גוט מאָרגען, אַנטאַאַנעט,“ האב איך געענטפערט פריינדליך, ערבליקענדיג איהר פרישעס געזיכט און פולען בוזעם וואס האט אַרויס געשטעקט פון איהר העמד אָהן א קאָרסעט.

„איך בין געקומען צו מאָנסיע,“ האט זיא ווייטער געזאגט, „פרעגען אויב דער פאטער זאָל פיר נעכסטען דאָנערסטאג פאָרבערייטען דיא הינט און דיא בויערן פיר דער יאגד.“

„ניין, ניין, אַנטאַאַנעט,“ האב איך געענטפערט, „איך וועל ניט געהען אויף דער יאגד, ווייל איך בין צו בעשעפטיגט.“

„איך דאנק אייך, מאָנסיע,“ האט זיא געזאגט ערפרייט, „מיין פאטער איז יעטצט זעהר קראנק, און איהר וועט איהם ערשפּאַרען א גרויסע ארבייט. ער וואָלט אַליין אהער געקומען, נאָר ער איז צו שוואַך. דערפאַר האט ער מיך געשיקט.“

איך בין צו דיעזער צייט שוין געשטאַנען אויף מיינע פיס און בין צוגעגאַנגען נעהנטער צו איהר, אויסשטרעקענדיג מיין האנד האב איך זיא געגלעט אויף איהר באַק וואס איז געווען אזוי ווייך וויא זייד.

אַנטאַאַנעט האט זיך שנעל אָבגעווענדעט פון מיר.

„אדיע מאָנסיע!“ האט זיא געמורמעלט רויט ווערענדיג און זיך אָבגעווענדעט צחעק צו געהען.

איך בין שנעל צו איהר צוגעלאָפען, און זיך אומקוקענדיג, אז קיינער איז נישטאָ, האב איך זיא אומארמט.

אין מיר האט דאמאלס אויפגעפלאמט דער וויסטלינג מיט זיין גאנצעס פייער.

אנטאָאנעט איז געווען א קרעפטיגעס מעדכען, און זיא האט זיך פון מיר אויסגעריסען.

אין איהר בליק איז געלעגען בעליידיגונג און פעראכטונג. אָהנע וויימער צו רעדען א וואָרט, איז זיא אוועק און פערשוואונדען געוואָרען צווישען דיא בוימער.

„וואס איז דאס?" האב איך מיך געפרעגט, „ווארום ענטלויפט זיא אזוי? בין איך ווירקליך אזוי אבשטויסענד, אז אין איינפאכעס דאָרפס־מעדכען זאָל מיט מיר ניט וועלען פערקעהרען?"

נאכדענקענדיג, האב איך געמורמעלט צום שלום:

„אבער זיא איז דאָך ניט קיין פאריזער דאמע..."

מיר קעהרען צוריק צום שטראָם פון מיין וויכטיגער שילדערונג.

אך! וואס פאר א לעקציאָן דאס לעבען האט מיך געלערענט!

יעטצט בין איך פאָלקאָמען רוהיג, און איך בעמיהע מיך אלעס איבערצוגעבען וויא עס איז געווען

אם זונטאג איז בעקאנט געוואָרען דער רעזולטאט פון דיא וואהלען. מאָנסיע נעיזשאָן איז ערוועהלט געוואָרען אלס גענעראל־ראטה.

ווען מען האט איבערגעצעהלט דיא שטימען, האט זיך יעדער איבערצייגט, אז מאָנסיע נעיזשאָן, אָהן אונזער הילפע און אונטערשטיטצונג, וואָלט ער פאָזיטיוו דורכגעפאלען און זיין געגנער וואָלט געזיעגט.

מיין פאטער האט געהאט א פערזענליכע אונטערעדונג מיט מאָנסיע נעיזשאָן, און ער האט מיר געגעבען צו פערשטעהען, אז דיא צייט איז געקומען, מיר זאָלען אונטערשטיטצען אזא פערזאָן. אויסער דעם, האט מיין פאטער זעהר געוואָלט, אז דער אנדערער קאנדידאט זאָל פערלירען.

מיין פאטער, וויא עס שיינט, האט געהאט א שווערען קאמפף מיט זיך אליין, אום צו פועלין, ער זאָל קענען אנטהייל נעהמען אין א געשעפט, וואס איז געגען זיין איבערצייגונג.

„הער מיך אויס,“ האט ער צו מיר געזאגט. „די וואהרהייט איז, אז דאס אי׳עס איז מיר נמאס. עס איז ניט קיין ריינע זאך, און מיך כאפט אן איין עקעל זיך דערמיט צו בעשעפטיגען. אָבער וואס קען מען טהון? אלע זאגען מיר, אז עס איז נעטהיג איך זאָל דיך זעהען אריין ברייננען אין דער פּאָליטישער וועלט, און דאן וועט פון דיר ווערען א לייט. ווען דאס איז דער פאל, דאן טהו וויא דוא פערשטעהסט. איך קען מיך צו גאר ניט מישען. עס איז גאנץ גענוג פאר מיר, ווען איך שטעה פון ווייטען. יא, איבריגענס, אפשר בין איך שוין צו אלט און פערשטעה ניט וואס די צייט פאָרדערט.“

מאָנטאג און דיענסטאג האב איך געצעגערט צו פאָהרען נאך לע מורא.

„נאך וואס זאָל איך אהין פאָהרען?“ האב איך מיך געפרעגט. „וועלכע בע־לוינונג ערוואַרטע איך?“

איך האב מיר געטראכט, אז נאך אלעמען, איז דאס ניט מעהר וויא א פּאָ־ליטישער פּאָסטען וואס מאָנסיע געזשאָן קען פאר מיר אויסווירקען. דאן האב איך מיר פאָרגעשטעלט, אז לואיז מוז און דארף מיך עמפפאנגען אלס איהר געליעבטען. אָבער, זאָ שנעל וויא איך האב מיך דערמאָהנט אן די קינדער, איז מיר פערגאנגען דער אפעטיט.

דאן האב איך אָנגעפאנגען מיט מיר זעלבסט צו ארגומענטירען, און אזוי געזאגט:

„עס איז אמת, לואיז האט קינדער; זיא איז א מוטער. אָבער איהרע קינדער קענען ניט ארויס ברענגען דיעזעלבע געפיהלע אין איהר הארץ וויא אין איין אנדערע מוטער. ניין, זיא איז ניט קיין מוטער, און קען עס ניט זיין! זיא האט פיעללייכט גאר ניט געזעהען די קינדער, מעהר וויא איינמאל אָדער צוויא מאל אין מאָנאט, זייט זייא זיינען געבוירען געוואָרען. דעם רעסט פון דער צייט, האט זיא צוגעבראכט אין דער הויכער געזעלשאפט, וואו זיא האט געגאָסען דאס לעבען ניט געדענקענדיג אפילו, אויב זיא האט גאר געבראכט קינדער אויף דער וועלט.“

האט ניט יעדער, אין אונזער דיסטריקט, בעהויפטעט, אז די פּאריזער דאמען, די פּאריזער מוטערס, אָפּפערן קיינמאל ניט זייער פערגניגען צוליעב די קינדער? איז עס ניט איבעראל בעקאנט, אז דיעזע פּאריזער דאמען געבען איבער זייערע קינדער צו די דיענסטען און אמען אום זיך צו בעפרייען פון א לאסט?

מיטוואך דעם גאנצען טאג, ביז שפעט אין דער נאכט, האב איך מיט מיר ארגומענטירט און געטענה׳ט, ביז איך האב מיר איינגערעדט, אז די קינדער

זיינען אבסאָלוט קיין הינדערניס, און איך מעג נעהען צו מיין ארביים אונגע־שטערט.

דאָנערסטאג פריה, בין איך אויפגעשמאנען, מיך פיין אויסגעפוצט, גוט אָנגע־פארפומירט, און אום אכט אוהר בין איך אוועק אום צו עמפפאנגען מיין לוין פון לואיז'ן, וועלכער האט געזאָלט בעשטעהען אין איהר ליעבע.

מיין פלאן איז געוועזן פאָלגענדער:

איך האב בעשלאָסען אָנצוקומען נאך לע מוראָ גאנץ פריה, וויא דאס ערשטע מאל, דאמיט איך זאָל ווידער טרעפען לואיז'ן וויא זיא וועט גאָר ארויס פון בעט.

פאָהרענדיג אויף מיין פערד איבער דעם וועג, האב איך, וויא יעדער וויסטלינג, מיר פאָרגעשטעלט דעם גענוס פון דער געשלעכטליכער ליעבע וואס איך וועל געניעסען מיט לואיז'ן.

דאס האט מיך אזוי בעשעפטיגט, דאס איך האב זאָגאר ניט בעמערקט דיא הערדליכע נאטור, וועלכע איך האב אימער אזוי געליעבט און בעוואונדערט. ווען איך האב מיך ארום געקוקט, בין איך שוין געוועזן אין פראָנט פון דעם פאלאַסט.

אנשטאט צו טרעפען לואיז'ן מיר ענטקעגען געהען, וויא איך האב מיר פאָר־געשטעלט, איז צוגעקומען א דיענער, און מיר געהאָלפען ארונטער שטייגען. ער האט בייא מיר אוועק גענומען דאס פערד, און דאן האט ער צוריק גע־קעהרט.

אין מיין אונגעדולד צו זעהען לואיז'ן, האב איך פערגעסען אן דער עטיקעטע און געפרעגט דעם דיענער:

„וואו איז דיא מאדאם?"

„וועלכע מיינט איהר?"

„איך מיין מאדאם געיזשאָן."

„זיא איז נאך אין איהר צימער."

„אזוי שפעט?"

„אָה ניין, עס איז נאך פריה."

„איז זיא נאך ניט אויפגעשטאנען?"

„ניין."

דער דיענער האט אויסגעזעהן זיך צו וואונדערן איבער דער פרעכהייט פון מיינע פראגען, אָבער ער האט געשוויגען.

איך האב נאטירליך ערווארטעט, אז לואיז האט געוויס שוין אנגעזאגט, דאס וואס מען איך וועל ערשיינען, זאל מען עס איהר מודיע זיין.

אָבער דער דיענער האט אפילו ניט געזאגט, אז ער וועט מיך אנציינען.

„איך וועל דאן אויסווארטען," האב איך בעמערקט.

„וויא איהר ווילט," האט ער געענטפערט און איז אוועק.

איך האב געווארט גוטע צוויא שטונדען.

צו שילדערן מיין אונגעדולד, בין איך ניט אימשטאנדע. איך קען אויך ניט ערקלערען וויפיעלע מאל איך האב שפּאצירט ארום דיא בלומען־בייטען.

אכטונג געבענדיג מען זאָל ניט בעמערקען מיין אונגעדולד און אונאנשטענדיגע בענעהמונג, האב איך מיך פריהער אויסגעקוקט מען זאָל מיך ניט זעהען, און דאן האב איך אויפגעהויבען מיינע אויגען צום פענסטער פון ערשטען שטאָק און געקוקט, פיעללייכט וועל איך בעמערקען לואיזן. דיא פּארהענגע זיינען אָבער געבליעבען ארונטער געלאָזען און זיך ניט געריהרט פון פּלאטץ.

ענדליך בין איך אזוי ערמיעדעט געוואָרען פון דיזען ארום שפּאציערען, דאס איך האב מעהר ניט געקענט שטעהן אויף מיינע פיס. איך האב מיך אומגעווענדעט און אוועק אויפזובען דעם בוים מיט דיא מאָרגען־בלומען, וואו איך האב פערבראכט א קורצע צייט מיט לואיזן.

דער הימעל איז בעדעקט געוואָרען מיט גרויע און דונקלע וואָלקען. דיא זונן איז געלעגען בעהאלטען און קיינע גאָלדענע שטראהלען האבען מעהר בעלייכטעט דעם פּלאטץ.

זיך אוועק זעטצענדיג דארט, איז עס געווען ביינאהע פינסטער.

איך האב מיר ווידער אלעס איבערגעדענקט, און בעשלאָסען, אז איך מוז איינמאל פאר אלעמאל ניט זיין קיין דומקאָפּ און דורכפיהרען מיין פּלאן.

„צום טייפעל!" האב איך אויסגעשריען, „אז מען קען קיין פּולווער ניט שמעקען, געהט מען ניט אין דער מלחמה, און אז מען האט קיין מוטה ניט זיך צו ערקלערען אין ליעבע, דארף מען קיין געליעבטע ניט זוכען!"

איך בין געווען בייא מיר פעסט איבערצייגט, דאס אין פאל איך וועל נאך אמאל צעגערן, דאן פערליר איך לואיזן פיר אימער.

איך האב מיך ערמוטהיגט, און איבערגעדענקט אלע איהרע בענעהמונגען געגען מיר, און געקומען צום בעשלוס, דאס איין אנדערער אויף מיין פּלאטץ, וואָלט שוין לאנג געווען זיין ציעל ערהייכט.

„איך בין א דאָרפס־יונג, און ניט מעהר!“ חאב איך געמורמעלט רייבענדיג דעם שטערן.

אלזאָ, מעהר קיינע צענערונג; מען מוז געהן צו דער ארבייט און טהון אלעס גלאַט און גוט. מיין פּראָגראם איז שוין געווען פערטיג.

איך האב בעשטימט, אז אזוי שנעל וויא איך וועל נאך אמאל זיין מיט איהר אליין, זאָל איך אָננעהמען איהרע הענד. איך וועל דאַן שפּיעלען דיא ראָלע פון א שעהמעדינען, דאמיט, איך זאָל זיא ניט אויף איינמאל איבעררא‌שען. פערטי־דערמיט, וועל איך מאכען א שנעלע ווענדונג, און אָבפּרעסען מיינע ליפּען אויף איהר האַלז. דאס איבריגע, נאטירליך, וועט שוין אליין קומען.

וויא א גענעראַל וואס שטודירט דורך עטליכע מאל זיין קריעגס־פּלאַן און מאכט יעדעס מאל א פערבעסערונג, אזוי איז עס מיט מיר אויך געווען. איך האב אלעס געוואָלט מאכען דאס שטיקעל ארבייט בעסער און גלאַטער, דאמיט איך זאָל ניט ערשיינען וויא קיין דומקאָפּ אין איהרע אויגען.

וועהרענד דיעזע פאַנטאַזיען, איז לואיז ערשיענען.

„וואו זייט איהר דאס? וואו האט איהר זיך בעהאלטען?“ האט זיא געפרעגט מיט א מונטערער שטימע, מיך זוכענדיג אין דער דונקעלהייט. „אך! דאָרט זייט איהר! איך זוך אייך שוין ארום איבער צעהן מינוטען... ענטשולדיגט מיר, וואס איהר האט בעדאַרפט אזוי לאַנג ווארטען.“

איך האב געענטפערט עפּעס וואס זיא האט ניט פערשטאַנען.

„וואס זאגט איהר?“ האט זיא איבערגעפרעגט.

מיט אלע מיינע קרעפטען האב איך געווירקט מיך צו בערוהיגען און געזאגט:

„צו ווארטען אויף אייך, קען ניט זיין צו לאַנג, און מען קען ניט ווערען אונ־געדולדיג.“

זיא האט מיר צוגעוואָרפען איין אונפערשטענדליכען בליק, און דאַן, וויעדער אָננעהמענדיג דעם מונטערן טאָן וויא פריהער, האט זיא געזאגט:

„איך האב אייך נאך פריהער געווארענט, אז איך בין בלויז א דאָרפס־מיידעל דיא ערשטע וואָך. יעטצט, זעהט איהר, בין איך שוין וויעדער א פּאריזערין, און איך קען מעהר ניט אויפשטעהען פריה.“

זיא איז געבליעבען שטעהען פון וויטען, און, וויא עס שיינט, האט זיא ניט געוואָלט ארונטער געהען אין דער דונקעלהייט צווישען דיא בלעטער. איך, דומקאָפּ, האב זיך ניט געוואָגט ריהרען, און מיר געטראַכט, אז זיא וועט צו מיר קומען אום

צו הערען מיין ליעבעס ערקלערונג, וועלכע זיא האט אליין שוין אויך ער־ גארטעט.

אָבער זיא איז דאָך געבליעבען שטעהען אויף איהר פּלאַטץ.

„אלזאָ, קומט איהר ניט ארויס פון דאָרט?“ האט זיא געפרעגט נאָך א פּויזע. „מיר האבען עפּעס צו בעשפּרעכען.“

„דאָ איז גאנץ אנגענעהם,“ האב איך געזאגט שטאמלענדיג. „מיר קענען דאָ רעדען גאנץ געמיטהליך אויף דיעזער באַנק. קומט אהער.“

זיא האט געצענערט, אָבער נאָך איין אויגענבליק, האט זיא געזאגט ענט־ שלאָסען:

„וויא איהר ווילט. זאָל זיין דאָ. עס איז אפילו פינסטער, אָבער רעדען קען מען דאָ אויך.“

זיא איז ארונטער געגאנגען און זיך אוועק געזעטצט נעבען מיר.

איך האב געשפּירט איין אָהנמאַכט קומענדיג איבער מיר דורך דעם פער־ גניעגען פון איהר געגענוואַרט.

ענדליך איז געקומען דיא צייט!

נאָך איין מינוט, און מיין ציעל איז עררייכט; איך וועל זיא האלטען בייא דיא הענד.

זיא וויעדער, האט אויסגעזעהען גאנץ רוהיג און גאר ניט אויפגערעגט

זיא האט אָנגעפאנגען צו שפּרעכען מיט א קלאַרער שטימע אָהנע אירגענד וועלכע צענערונג.

„איך וויל אייך ניט דאנקען אין פאבריצירטע פראזען און ווערטער,“ האט זיא געזאגט. „איהר האט אונז געטהאָן א גרויסע טובה, און איך זאג אייך דיא וואהרהייט, אז אָהן אייך וואָלטען מיר זעהר מיאוס דורכגעפאַלען. דאס וואָלט מיך שטארק געערגערט...“

איך האב ניט בעאבזיכטיגט זיא צו אונטערברעכען. איך האב בלויז געציטערט און געזאַמעלט מיין מוטה פיר דעם לעטצטען ענטשלוס.

„אויסער דעם,“ האט זיא פאָרטגעזעטצט, „זיינען דיעזע ווערטער צווישען אונז גאנץ איבריג. איהר ווייסט גאנץ גוט, אז מיר האבען שוין איינמאל אָבגעמאַכט דאס געשעפט...“

וועהרענד זיא האט דאס געזאגט, האט זיא געלאַכט.

איהר געלעכטער איז געווען מיט א טאָן פון ערמונטערונג און ליעבעס פערטרויען. דאס האט מיך באַלד ענטשלאָסען, אז איך מוז זאָפאָרט האנדלען.

איך האב אָנגענומען איהרע ביידע הענד. זיא האט זייא ניט צוריק גע־צויגען.

איהרע הענד האבען זיך געשפירט קליין און ווארעם אין מיינע. זיא האט גע־לאָזען איהרע הענד אין מיינע, פריינדליך און פערטרויענד און געזאגט:

„אלזא, איז עס ניט אזוי וויא מיר האבען איינמאל געשפראָכען? יעטצט איז עס מיין רייהע צו טהון מיין פליכט.“

אין מיין קאָפּ דרענגען און רוישען געדאנקען פון פערשיעדענער ארט, אום מיין שילדערונג פאָרצושטעלען אזוי ריכטיג וויא נאָר מעגליך. איך בין דערפאר גע־צוואונגען זיך דאָ אבצושטעלען און פריהער דערצעהלען א מערקווירדיגע נייגונג אין דער נאטור פון מענער, וועלכע בעוויזט, אז מיר זיינען ניט ווייט פון דיא ווילדע טהיערע.

ווען א יונגער מאן פאנגט אן צו ווערען פריינדליך צו א פרויענצימער און ער האט דיא אבזיכט מיט איהר צו געניעסען געשלעכטליכע ליעבע, ווערט ער גראָב און ברוטאל. אנשטאט זיא צו גלעטען, קושען און האלזען שליידערט ער איהר, דריקט זיא אונבאַרמהערציג און קנייפּט זיא. דאסזעלבע איז אויך אין דיא אוס־געלאַסענע עפּענטליכע הייזער מיט דיא פרייע פרויענצימער.

דער מאַן ווערט ברוטאל און נעמיין אין זיינע בענעהמונגען, זאָ דאס דיא ארמע פרוי שפּירט מעהרערע מאל גרויסע שמערצען אונטער דער בעהאנדלונג. דעם מאַן דאכט זיך, אז ער איז דערמיט צערטליך און מאכט זיך ליעבענסווירדיג. עס איז מיר שווער צו זאגען וויא דאס פרויענצימער שפּירט, אָבער איך צווייפעל ניט, אז מען קען ניט זיין קיין פריינד דעם, וואס פעראורזאכט ערניעדריגונג, בע־ליידיגונג און שמערץ. דיא אונגליקליכע פרוי, פון דעם עפענטליכען הויז, איז גע־צוואונגען צו עמפּפאנגען דיא ברוטאלע בעהאנדלונג און שווייגען; זיא מוז עס נאָך אזוי פיהרען, צו צייגען, אז עס אַמוזירט זיא.

פון וואַנען דיעזע טבע נעהמט זיך צום מענשען, קען איך גענוי ניט וויסען, אָבער, לויט נאָך מיין אנזיכט, שטימט עס פון אונזערע עלטער־זיידעס, וועלכע זיינען נאָך אמאל געווען בעסטיעס, ווילדע חיות. איך האב בעמערקט, צווישען קיה און בוהאַיעס, אז דער בוהאַי, איידער ער פעראייניגט זיך געשלעכטליך מיט דער קוה, שטעכט ער זיא מיט דיא הערנער און בריקעט זיא מיט דיא פיס. עס איז אונגעפעהר דיעזעלבע ליעבעס־האנדלונג וויא בייא דעם ברוטאלען מאַן.

האלטענדיג לואיז'עס הענד אין מיינער, און מערקענדיג, אז זיא וויל זיך ניט אויסרייסען, האט מיך באלד בעהערשט דער מהיערישער גייסט, און מיט

פחיערישער ברוטאליטעט, האב איך צוזאמען געדריקט איהרע הענד און זיא צוגע־צויגען צו מיין מויל.

דיא דונקעלהייט איז נאך גרעסער געוואָרען; א דיקער און פינסטערער וואָלקען איז גראדע דאמאלס געשטאנגען איבער אונז; דער שטארקער גערוך פון דיא בלומען און גראָזען, האט מיך בעזויפען.

איך האב געקושט איהרע הענד. דאן האב איך מיך דערמאָהנט, אז דער נעכסטער ציעל איז איהר האלז. אָבער נאך איידער איך האב געקענט דורכפיהרען מיין פּלאַן, האט זיך לואיז שנעל אויפגעהויבען, און מיט איין אונגעהייערער גערוועזער קראפט, האט זיא מיך אָנגעכאפּט ביי דיא ארעמס. איך וואָלט איהר ניעמאלס געטרויעט, אז זיא קען זיין אזוי שטארק.

זיא האט מיך פעסט געהאלטען, אָהנע צו ציינגען צאָרן; איהר שטימע איז נאך אימער געווען רוהיג, אָבער אין טאָן, איז געלעגען א בעליידיגטער פאָר־וואורף.

„ניין, ניין, יונגערמאַן, קיינע דומע זאכען!“ האט זיא געזאגט.

מיין בלוט האט פריהער אין מיר געקאָכט וויא אין א זודיגען קעסעל; מיין גאנצער קערפער האט געציטערט פאַר אויפרעגונג, און איך האב שווער געאטהעמט. איהר בענעהמונג אָבער, האט מיך באלד אזוי אָבגעקיהלט, אז איך האב געשפּירט א קאלטען שוידער לויפענדיג איבער מיין גאנצען קערפער.

זיא האט מיך אָבגעלאָזען; בעסער געזאגט, צוריק געשטויסען פון זיך.

אָבער זיא איז נים ענטלאָפען, זאנדערן געבליעבען שטעהען געגענאיבער מיר און מיך אָנגעקוקט. איך האב שוין געקענט זעהען איהרע אויגען, וועלכע זיינען געווען וויא צוויא קוילען פייער, ווארפענדיג פון זיך פונקען.

„אזוי, אזוי,“ האט זיא געמורמעלט מיט אונטערדריקטען צאָרן. „אזוי וויט איז עס געקומען. איך האב אלזאָ קיין טעות נים געהאט, ווען איך האב גערעכענט, אז איהר זייט ענטשלאָסען דאס צו טהון.“

איך האב געשפּירט, אז מיין הארץ איז מיר געבליעבען שטעהען, און ווען א גרוב וואָלט זיך פאַר מיר דאמאלס געעפענט, וואָלט איך גערן אריין געשפרונגען, אבי זיך צו בעפרייען פון איהר בליק.

„וועט איהר מיר ערלויבען,“ האט זיא דאן אָנגעפאנגען שטרענג, שמייכלענדיג און מיט א מוטערליכען טאָן וואס רעדט צו איהר קליינעם איינגעל. „יא, ווען איהר וועט מיר ערלויבען, וועל איך אייך פאַרלעזען א לעקציאָן. איך זעה, אז איהר וואָלט

וועלען פמור ווערען פון מיר; איהר ווילט ענטרופען, אָבער איך וועל אייך ניט לאָזען. איהר בלייבט דאָ ביז איך וועל פאַרטיג ווערען.“

איך האב ארויס געלאָזען א זיפץ.

זיא האט ווידער געשמייכעלט. אָבער אין איהר שמייכעל איז געלעגען א גאנצע וועלט מיט אבשייליכעם בעדויערן פיר מיר.

„מיינט ניט,“ האט זיא פאַרטגעזעטצט, „אז איך האב ווען עס איז געהאט א טעות אין אייך. אין דיעזער בעציהונג בין איך א פאַריזער דאמע, און עס איז שוין צייט איך זאָל קענען אזעלכע אינגלעך, נארישע אינגלעך, וויא איהר זייט. איך זאג ניט, אז איהר זייט שולדיג. ניין, דאס בעהויפטע איך ניט. שולדיג זיינען דיא אלטע פערד — מענער מיין איך — וואס בעהויפטען, אז אין פאַריז, גיבט נאר קיין אנשטענדיגע פרוי. שולדיג זיינען אין דעם דיעזע מענער, וואס גלויבען, אז א פרוי'ס עהרע קען נאָר בעוואכט ווערען אין א הארעם, וויל זייא אורטהיילען יעדען נאך זיך. זייא ווייסען, פון זייערע אייגענע פערזאָנען, אז זאָלאנג זייא קומען אין דער פרייהייט, דאן ווילען זייא דיעזע בענוטצען אין דער ערניעדריגונג פון פרויען, וואס זייא רופען ליעבע. ניט קענענדיג זיך צוריק האלטען פון אזא שריט, רעכענען זייא, אז דיא פרויען מוזען אויך זיין דיעזעלבע.“

זיא איז געבליעבען שטעהען און געבליקט צו מיר ווערענד איך האב גע־האלטען דיא אויגען ארונטער געלאָזען.

„שעהמט זיך ניט,“ האט זיא געזאגט לאַכענדיג, „איהר קענט אויפהייבען אייערע אויגען. עס איז וועניגער שאנדע צו הערען דיא וואהרהייט, וויא זיך צו מאַכען לעכערליך. איך וויל האָפען, אז מיינע ווערטער וועלען אייך מאַכען פאר א קליגערן מענשען וויא איזהר זייט.“

איך האב אָבער צו איהר ניט געקענט קוקען, און איך האב בייא מיר אויס־געזעהען וויא א ווילדע חיה אָבגעשפּארט אין א שטייג. איך האב געוואָלט ענט־לויפען, נאָר איך האב ניט געקענט.

„דיעזע הערען דומקעפ,“ האט זיא ווייטער געזאגט, „וואס אורטהיילען אלע פרויען נאך זייערע אייגענע נאטורען, קענען זיך גאר ניט פאָרשטעלען, אז עס איז מעגליך, עס זאָלען זיין זאָלכע פרויען, וואס זאָלען פערקעהרען מיט מענער, אויף קיין אנדערע אינטערעסע, וויא דער פערקעהר איז צווישען מאַן און מאַן, אָדער פרוי מיט פרוי. זייא דאכט זיך, אז זאָלאנג א פרוי לאַכט, שמייכעלט, זאגט א וויטץ און אונטערהאלט זיך מיט א מאַן, דאן האט דאס קיין אנדערע בעדייטונג, וויא א געשלעכטליכע צוזאמענקונפט. ווייסט איהר, מיין הערר, פון וואנען דאס

שטאמט? יא, דאס שטאמט נאך פון יענע בארבארישע צייטען, ווען דער מאן האט בעהויפטעט, אז א פרוי ניטצט נאר צו איין זאך — צום בעט — זאגסט איז זיא צו קיין זאך פעהיג. ענטשולדיגט מיר פאר דעם אויסדרוק, אבער עס איז א טהאטזאכע. יענע צייטען, מיין הערר, זיינען שוין טהיילוויז פערשוואונדען; דיא מאדערנע צייט האט געשאפען פרויען, וואס ווילען, אויסער דעם בעט, זיין אויך מענשען מיט מענער גלייך..."

„אבער, אבער..." האב איך ענדליך ארויס געשטאמעלט ניט ווסענדיג וואס איך וויל זאגען.

„איך וואלט אייך אויסגעהערט," האט זיא געענטפערט לעזענדיג מיינע געדאנקען, „אבער איך וויים, אז אייך פעהלען יעטצט ווערטער. עס איז דערפאר געשייטער, איהר זאלט מיך אויסהערען. איבריגענס, וועל איך זאגען אליין אלעס וואס איהר דענקט. איך וויים, אז מען האט אייך דערצעהלט איבער מיר גאט וויים וואס. מען האט אייך געזאגט, אז איך האב געליעבטע; אז איך פיהר וועלטען; אז איך טהו אלעס צום קערפערליכען גענוס מיט מענער. איהר אליין, א קינד פון דעם דור דער אונוויסענהייט, האט אויך אנדערש ניט געקענט רעכענען, ווען איהר האט געזעהען מיין פרייע בענעהמונג..."

איך האב דערבייא געמאכט איין אונגעדולדיגע מיענע.

„ענטשולדיגט, ענטשולדיגט," האט זיא אונטערגעבראכען. אזוי איז עס; איהר דארפט זיך ניט שעהמען; און ווען איהר ווערט עס אבלייקענען, דאן ווערט עס ניט זיין אמת. יא, יא, אזוי האט איהר געדענקט. איהר האט אויך גערעכענט און געהאפט, אז איהר ווערט מיך קענען קריגען, דען, נאך אלעמען, רעדענדיג פון ליעבע, זייט איהר א גאנץ שעהנער יונגערמאן, און, ווען איך זאל ניט זיין פערהייראטעט מיט איין אנשטענדיגען מאן, וואלט איך פיעללייכט אקצעפטירט אזעלכען וויא איהר, ווען איהר זאלט אויך האבען אביסעל מעהר שכל, אבער איך ענטשולדיג אייך, ווייל איהר האט ניט געקענט אונזער וועלט, און ניט געוואוסט פון אונזערע מנהגים. איהר זייט אריין געפאלען אין פאריז, וויא פון א ווילדער מדבר, וואו דאס ווידער־קול זאגאר שרייט, אז דיא פאריזער דאמען זיינען אויסגעלאסען..."

איך האב פראבירט מיך אויפצוהייבען, נאר איך האב ניט געקענט.

„איך וועל צוגעבען, אז איהר האט אויך געהאט א טעות," האט זיא פארטגעזעצט בעדייטענד רוהיגער. „איהר ווערט בעהויפטען, אז איך האב אייך אין מאנכע בעציהונגען ערמונטערט, און ווען איך וואלט עס ניט געטהאן, דאן וואלט איהר אזוי וויים ניט געוואגט אין אייער אונוויסענהייט. ווען איך וואלט אייך פון אנפאנג

אָן געהאַלטען פון ווייטען, זאָלט עס גאר דערצו נים געקומען. איך האב געשפּיעלט די ראָלע פון א קאָקעטקע, און איהר בעטראַכט מיך יעטצט אלס זאָלכע, וואס ערלויבט זיך מיט דעם מיאוס׳ן שפּאס חוזק צו מאַכען פון א מענשליכעס הערץ. זאגט, זאגט, איז עס נים אזוי?״

איך האב עפּעס ארוים געשטאַמעלט, נאַר מיין צונג איז געווען וויא גע־לעהמט, און איך האב קיין ווערטער נים געקענט ארוים ברענגען.

זיא איז דערבייא צוגעגאַנגען צו מיר, געלייגט דיא הענד אויף מיין שולטער און מיך פעסטער צוגעדריקט.

„פערשטעהט איהר, יונגערמאַן, אזוי האט איהר געדענקט — נים וואהר?״ האט זיא געמורמעלט אזוי נאָהענט צו מיר, אז איך האב געשפּירט איהר אטהעם אויף מיינע באַקען. „אבער פערשטעהט מיך יעטצט גאַנץ גוט. איך וויל עס אייך געבען צו ערקלערען. ערשטענס, בין איך א פּאָליטיקערין, און אין דער פּאָליטיק, עבען וויא אין קריעג, איז אלעס גוט און ערלויבט. מענער, נאַטירליך, בענעהן נאָך גרעסערע געמיינהייטען, און דיא וועלט רופט עס אָן שאַרפזיניגע דיפּלאָמאַטיע. איך האב אייך בענעטהיגט איהר זאָלט העלפען מיין מאַן ערוועהלט ווערען, און עס האט מיך נים געקימערט וואס איהר ווילט זיך דענקען. דאס איז איין אורזאַכע. דיא צווייטע איז, דאס איהר זעלבסט האט מיך שטאַרק פעראינטערעסירט. אזוי יונג, אזוי שעהן, אזוי אונשולדיג און אזוי נאַרריש אונערפאַהרען! איך ווייס עס גאַנץ גוט, אז מיר, פאַריזער דאַמען, זיינען שטאַרק בעשמוטצט און בעליידיגט אין דעם קרייז וואו איהר זייט אויפגעצויגען. אבער, טראָטץ דעם אלעמען, האב איך געוואָלט איהר זאָלט זיך זעלבסט איבערציינען, אז גראדע אונטער דיא שעהנע, פריי־ליכע און מונטערע, וועלכע צייגען זיך אָט, אָט... גראַדע דיעזע זיינען גאר אנשטענדיג און טרייא זייערע מענער. איך וויל האָפען, אז איהר וועט זיך דאס אלעס גוט איבערלעגען און פערשטעהען...״

איך האב מיך געוואָלט בעפרייען פון איהר האַנד־דרוק אויף מיין שולטער, נאָר איך האב נים געקענט.

„לאָזט מיך געהען,״ האב איך געברומט אין פערווירונג.

„ניין, דאס פועלט איהר נים.״

„וואס דען ווילט איהר?״

„איך וויל איהר זאָלט זיין א מענש מיט שכל.״

„לאָזט מיך אָב!״ האב איך שוין געזאָגט צאָרניג.

„ניין!״ האט זיא אויסגעשריען.

„וואָרום?“

„אַזוי וויל איך.“

„וועט איהר מיך דאָ האַלטען?“

„יאָ.“

„ביז וויא לאַנג?“

„ביז איהר וועט מיך בעטען אום ענטשולדיגונג.“

איך האָב געוואָגט אויפצוהויבען מיינע אויגען, ווייל איהר טאָן האָט גע־ציטערט. צו מיין ערשטוינונג האָב איך בעמערקט טרערען אין איהרע אויגען.

דיעזע זיינען געוועזען טרערען פון שאַנדע, דורך דיא בעליידיגונג וואָס איך האָב פערורזאַכט.

א געפיהל פון אַכטונג און רעספּעקט צו דיעזער פרוי, האָט פּלוצלינג בע־מעכטיגט מיין ברוסט.

איהר וואָהרע שעהנהייט, איהר טוגענדהאַפטע האַלטונג, איהר רעספּעקט צום מאַן, און איהר קאָקעטעריע אויסגעמישט מיט אויפריכטיגע עהרליכקייט; איהר פעראַכטונג צו דיא רכילות און פּלוידערייא פון דומע מענער, צוזאַמען מיט איהרע הויכע און פילאָזאָפישע אנזיכטען, האָט אויף מיר געמאַכט איין אויסעראָרענטליכע ווירקונג.

מיין געזיכט האָט דאַמאַלס בעדאַרפט זיין בעגאָסען מיט בלוט פון שאַנדע. מיין הארץ האָט שווער געקלאַפּט און מיין ברוסט איז געווען וויא צוזאַמען גע־צויגען.

„מאַדאַם,“ האָב איך אַרויס געשטאַמעלט, „איך בעט אייך, פערצייהעט מיר. פערצייהעט מיר, ווייל איך בין א ניעדריגער און געמיינער מענש...“

זיא האָט מיך אָבגעלאָזען און צוגעליינט איהר האַנד צו מיין מויל.

„ששש,“ האָט זיא געזאָגט, „רעדט ניט אַזעלכע ווערטער. אין גענענטהייל, א מענש וואָס אנערקענט זיינע פעהלער, איז איין עדלער און געוויסענהאַפטער מענש.“

„פערצייהעט מיר, פערצייהעט מיר,“ האָב איך ווייטער געמורמעלט.

א שמייכעלע פון צופריעדענהייט האָט באַלד בעלייכטעט איהר געזיכט.

איך האָב מיך אויפגעהויבען פון דער באַנק, און זיא האָט זיך אַוועק געזעצט פערמאַטערט, שוין ניט מורא האָבענדיג פאַר מיר אין דער פינסטער.

איך האָב געוואָלט אַוועק געהען, נאָר איך האָב געשפּירט, אַז איך קען דיא פּאַר ניט פערלאָזען.

איינינע אויגענבליקען האט געהערשט א שטילקייט.

„גיבט מיר אייער האנד," האט זיא ענדליך געזאגט אויסשטרעקענדיג איהר האנד צו מיר.

איך האב ערגריפען איהר האנד.

„ערלויבט מיר," האב איך געמורמעלט מיט א ציטערענדער שטימע און זייענדיג געגצליך בעזיעגט, „ערלויבט מיר, מאדאם, אבצופרעסען א ברודער־קוש אויף דיעזער האנד."

זיא האט געשמייכעלט און געשאקעלט מיט'ן קאפ „יא."

איך האב עהרווירדיג געקושט איהר האנד. דאן האב איך זיך אבגעווענדעט און געזאגט:

„אדיע!"

„ענטשולדיגט," האט זיא שנעל געזאגט, „בלייבט נאך."

וויא א געהארזאמער הונד בין איך געבליעבען שטעהען.

„יעטצט איז אלעס פאראיבער," האט זיא געזאגט וויעדער אנגעהמענדיג דעם געוועהנליכען טאן. „מיר פערבלייבען גוטע פריינדע; פיעל בעסערע וויא פריהער. און יעטצט, קעהרען מיר צוריק צו מיין פערשפרעכען פון דער בעלוינונג. אזוי וויא איך בין אויפריכטיג און עהרליך, צאהל איך אימער מיינע שולדען... זעהט, דא האט איהר איין ערגענונג אלס סעקרעטער פון דער אמבאסאדע אין מ... דאס האב איך ערהאלטען פיר אייך, לעטצטע נאכט."

ביי דיעזע ווערטער האט זיא ארויס געצויגען א קאנווערט פון איהר קעשענע און מיר איהם געוואלט איבערגעבען.

זעהענדיג, אז איך צענער, האט זיא געזאגט:

„יעטצט, פריינד, וועל איך מיר ניט ערלויבען, איהר זאלט מיר ענטזאגען. איך בין אייער פריינדין און איך בין אייך שולדיג א דאנק. איהר דארפט דאס אקצעפטירען, ווייל איך וויים, אז דיעזעס אמט וועט אייך ברענגען אין בעריהרונג מיט דער וועלט, און איהר וועט נאך פיעלעס לערנען וואס אייך פעהלט."

איך בין געווען אונטער איהר איינפלוס, און איך האב גענומען דעם קאנווערט.

דאן האט זיא זיך אויפגעהויבען און איז ארויס פון אונטער דעם בוים אויף'ן גראז.

זיא האט געווארט איך זאל נאכקומען, און איך בין אויך ארויס.

„גיבט מיר אייער ארעם, פריינד," האט זיא געזאגט.

איך האב איהר געגעבען דעם ארעם.

ווען מיר האבען געגרייכט דעם שלאָס, האב איך בעגעגענט פעליקס'ן, גאָשראָד און בערטהע'ן שפּאַצירענדיג.

איך האב נאך קיין צייט געהאט צו בעהאלטען דעם פּאַנוועערט, און ווען פעליקס האט מיך דערזעהען, האט זיך בעוויזען אויף ז . . טען א שפּאָטישער שמייכעל.

מיר שיינט, אז ער האט געוואוסט פון דער גאנצער געשיכטע וואס עס איז פאָרגעגאנגען צווישען מיר און לואיזן.

איך האב געברענט מיט דעם וואונש, צו האבען איין אונטערעדונג מיט פעליקס'ן, און זיך מיט איהם גוט אויסטענה'ען.

עס האט ניט פיעל געדויערט, און איך האב איהם אוועק גענומען אויף א זייט. אָבער איך האב קיין מוטה ניט געהאט אָנצופאנגען.

„וואס איז מיט דיר?" האט ער געפרעגט מיר קוקענדיג אין געזיכט.

זיין פראגע האט מיר געגעבען דעם מוטה צו ענטפערן.

„זאָלאנג דוא וועסט לעבען," האב איך געזאגט, „וועל איך דיר ניט פערציהען."

„מיר ניט פערצייהען?"

„יא, דירן!"

„ווארום? וואס האב איך דיר געטהאָן?"

„מענסט זיך שעהמען, וויא דוא האסט געהאנדעלט געגען א שול־קאמעראד און א פריינד!"

„ביסטו שיכור אָדער משוגע?" האט ער געפרעגט ערשטוינט.

„איך בין ניט שיכור און ניט משוגע. איך בעהויפּטע בלויז, אז עס איז ניט שעהן — עס איז עקעלהאפט."

„הער מיך אוים," האט ער געזאגט ווערענדיג ערנסט. „איך בעגרייף, אז דאָ מוז זיין עפּעס א מיספערשטענדניס. ווען עס וואָלט זיין איין אנדערער אויף דיין פּלאַטץ מיט דיעזע ווערטער, וואָלט איך שוין געוואוסט וואס איך האב צו טהון, נאָר מיט דיר איז דאס אנדערש און איך בין בערייט צו הערען וואס דוא האסט צו זאגען."

ער איז געבליעבען שטעהען און מיר געקוקט אין געזיכט. איך בין געווען ערשטוינט און איבערראשט.

אלס ער האט געזעהען, אז איך שווייג, האט ער געזאגט בעז און אונגעדולדיג:

„אויף דיא פריינדשאפט האט א גרענעץ — ערקלער וואס דוא מיינסט!"

„ווי ?" האב איך געשטאמעלט, „דוא ווייסט פון גאר ניט?"

„וואס זאל איך וויסען!"

„פון דער אנגעלעגענהייט צווישען מיר און לואיז'ן!"

„דוא מיינסט וועגען דעם פאסטען?"

„ניין."

„וואס דען?"

„פון איין אנדערע זאך..."

פעליקס האט מיך אנגעקוקט ווי א משוגענעם. דאן האט ער זיך צו־לאכט.

„מיין פריינד," האט ער געזאגט, „דוא ביסט פעררידקט!"

איך האב מיך שוין געוואלט צוריק ציהען, און ווענינסטענס פאר איהם ניט ענטדעקען וואס פאר א דומקאפ איך בין געווען, אבער ער האט מיר שוין ניט אב־געלאזען, און מיך דרינגענדיג מיט איין פראגע נאך דער צווייטער, האב איך איהם אלעם דערצעהלט.

ער האט ניט מעהר געלאכט, זאנדערן אויסגעזעהען ערנסט און פער־טראכט.

„אבער וואס בין איך שולדיג?" האט ער ענדליך געפרעגט.

„דוא ביסט שולדיג אויף אזוי ווייט," האב איך געענטפערט, „וואס דוא האסט מיך ערמוטהיגט."

„ערמוטהיגט? מיט וואס?"

„דוא האסט מיר געזאגט, אז אלע דאמען ווילען מיך ליעבען, און דוא האסט אומער געזעהען איך זאל זיין אין לואיז'עס געזעלשאפט."

„וואס האט איינס מיט דעם אנדערען צו טהון?"

„איך האב אלזא געמיינט, אז לואיז איז פערליעבט אין מיר."

„דוא גרויסער איינגעל! געוויס האט זיא דיך ניט פיינד! ווארום דען ניט? דוא ביסט דאך א גאנץ שעהנער און אנגענעהמער יונגערמאן?"

„און איך האב געמיינט..."

„יא, יא, איך ווייס שוין וואס דוא האסט געמיינט," האט ער מיך אונטער־בראכען שמייכלענדיג. „זעהסטו, אין דעם בין איך שוין ניט שולדיג. ווען דוא ביסט אזא גרויסער נאר, איז עס דיין אייגענע שולד. איך, פון מיין זייט, האב קיין שלעכטע

זאך בעאבזיכטיגט. אבער, נאך אלעמען, דארפסטו ניט זיין אזוי געפאלען בייא זיך: פיעלע אנדערע מענער האבען דורכגעמאכט דיעזעלבע שולע פון לעבען, און עס מעג בייא דיר ווערטה האבען, וואס דוא האסט אזוי פיעל געלערענט."

איך האב געהאלטען מיין קאפ ארונטער און מיך געשעהמט איהם צו קוקען אין די אויגען.

„אה יא," האט ער וויטער געזאגט, „אזוי פאסירט עס מיט די זאגענאנטע צראונשולדיגע, וועלכע מיינען, אז א פרויענצימער וואס לאכט, זאגט א ווערטיל און איז פריינדליך, מוז שוין האבען א פאאר געליעבטע הינטער דעם מאן'ס פלייצעס. דוא ביסט ניט דער ערשטער און וועסט אויך ניט זיין דער לעטצטער, אזא לעקציאן צו לערנען."

איך בין געוועזען, אין דערזעלבער צייט, זעהר נייגיעריג, צו ערפאהרען, אין וואס פאר א פערבינדונג ער שטעהט מיט בערטהע'ן, דאס הייסט, מאדאם נאשראד.

„ענטשולדיגט מיר," האב איך ענדליך געמורמעלט, „דאן איז דאך..."

„וואס?"

„איך מיין..."

„רעד ארויס, מענש!"

„איך מיין אייגענטליך, דיינע פערהעלטניסע צווישען דיר און מאדאם נאשראד..."

„איך פערשטעה, איך פערשטעה," האט ער געזאגט. „איך וועל דיר ער־קלערען מיין יוגנע: מיינע פערהעלטניסע מיט בערטהע'ן זיינען דיעזעלבע ווי דיינע מיט מאדאם נעיזשאן. דער אונטערשיעד איז בלויז, וואס איך האב זיא אימער גע־רעכענט פאר איין אנשטענדיגע פרוי."

„און נאשראד?"

„וואס מיינסטו מיט איהם?"

„ער איז דאך אזא ניעדריגער..."

„חא, חא, חא!" האט ער זיך צולאכט, „נאשראד איז א פאליטיקער. אבער, גלויב מיר, אז ער קען זיין פרוי גאנץ גוט, און ער ווייס, אז ער מעג איהר טרויען. זעהסטו נאשראד'ן? וויא ניעדריג ער איז, וועט ער, נאך אלעמען, ניט וועלען זעהען זיין פרוי זאל זיין אונאנשטענדיג. איבריגענס, ווען ער זאל עס אפילו א וועלען, וואלט זיא איהם אויך געהערט וויא דעם הונד."

איך בין געווען צוטומעלט, און איך האב ניט געוואוסט וואס איך זאל ווייטער דענקען.

וויא געפעלט אייך א מין געזעלשאפט? דיא פרויען גלייך מיט דיא מענער, טראגען, וויא מען זאגט, הויזען! דיא פרויען, גלייך מיט דיא מענער, שפיעלען דיזעלבע ראלע, און...

ווען איך האב מיך אוועק געזעצט אליין אויף א באנק פון ווייטען, האב איך אנגעפאנגען שטארק צו דענקען.

„גוט," האב איך מיר געטראכט, „דיא פרויען, טראכט דעם וואס זייא זיינען אזוי פרייא מיט זייערע בענעהמונגען, זיינען זייא דאך אנשטענדיג און ערליך. דיא פראגע איז יעטצט: זיינען דיא מענער אויך אזוי וויא דיא פרויען?"

איך האב איבערלייגט און איבערגעקלערט. דאן האב איך אויסגעשריען צו מיר זעלבסט:

„ניין! דיא מענער זיינען ניט אזוי וויא דיא פרויען! ווען דיא מענער זיינען אזוי פרייא אין זייערע בענעהמונגען, דאן זיינען זייא אויך גוטע שופטען דערבייא. היינט וויא בלייבט דיא בעהויפטונג פון שלמה המלך, אז צווישען טויזענד מענער, האט ער יא געפונען איינעם, און צווישען טויזענד פרויען קיין איינציגע?"

דיזע אינטערעסאנטע פראגע האט מיך א היבשע צייט בעשעפטיגט, און איך האב מיר אזוי געענטפערט:

„ניט אלעס וואס דיא אלטע פילאזאפען און דענקער האבען בעהויפטעט, מוז זיין א וואהרהייט. פיעלע אנדערע קלוגע מענער פון אלטערטהום, האבען אויך געזאגט גרויסע דומהייטען, און מיט וואס איז דא שלמה המלך א גרעסערער יחסן פון זייא?

„ווארום אבער האט שלמה המלך יא געמאכט אזא בעהויפטונג?

„יא, שלמה המלך, לויט נאך אלע וואהרשיינליכקייטען, איז נאך אלעמען, דאך ניט געווען אזא הויפט פיינער כאן. ער האט גענומען טויזענד פרויען און צו יעדער פערטהיילט א טויזענדטען טהייל פון א מאן, און ער האט געוואלט זייא זאלען דערמיט זיין צופריעדען. זייא זיינען וואהרשיינליך ניט צופריעדען געווען דער־מיט. ער וויעדער, האבענדיג טויזענד, האט זיך איהם שוין געלוינט ניט צו געהען זוכען נאך פרעמדע פרויען.

„ווען זיינע פרויען וויעדער, האבען זיך ניט צופריעדען געשטעלט מיט אזא ארם לעבען, האט ער געגען זייא אויסגעשפראכען א הארטען אורטהייל, און בע־הויפטעט, אז אונטער טויזענד האט ער קיין איינציגע געפונען וואס זאל זיין טרייא

איהר מאַן און ליעבע. ער האָט, וואהרשיינליך, נאָך שטודירט מויזענד מענער — יעדער בעזונדער האָט געהאַט פּאָזיטיוו מעהר וויא איין פרוי — און ער האָט אויסגעפונען איינעם פון דיעזע טויזענד — פיעללייכט זיך זעלבסט — וואָס האָט זיך צופריעדען געשטעלט מיט זיינע איינענע פרויען. אָט דאָ ליעגט דער הונד בעגראָבען! שלמה האָט זיך צוגענומען דאָס גאַנצע רעכט בלויז פיר דיא מענער, און דיא פרויען האָט ער ניט אנערקענט „פאַר מענשען."

אָבער דיעזע פּאַריזער דאַמען, וועלכע רעכענען זיך פאַר מענשען גלייך מיט יעדען איינעם, מיט זיא איז עס גאַנץ אַנדערש.

פון מיינע בעטראַכטונגען האָב איך אויסגעפונען מעהר לומפּען אונטער דיא מענער וויא אונטער דיא פרויען, און איך בין געקומען צום רעזולטאַט, אַז דיא מענער האָבען גלאַט איין אַלטע טבע זיך צו שטעלען העכער וויא דיא פרויען, אָבוואָהל, אין פּראַקטישען לעבען, איז דאָס ניט אמת.

דאָס איז ווירקליך איין אינטערעסאַנטער שטודיום, און פאַר אַזאַ חברה־מאַן וויא איך בין געווען, איז עס געווען זעהר וויכטיג דאָס אַלעס צו בעטראַכטען מיט אַ קריטישען אויג.

אָבער דיא פראַגע האָט זיך מיר ווידער געשטעלט:

„ווען דיא מענער זיינען דיעזעלבע מענשען וויא דיא פרויען, אָדער דיא פרויען זיינען דיעזעלבע מענשען וויא דיא מענער, וויא קומט עס וואָס דיא פרויען זיינען אנשטענדיגער?"

דאַרויף האָב איך מיר אויך שפּעטער געענפערט, דאָס אַזוי וויא איך האָב ניט געקענט דיא פרויען, אַזוי קען איך אויך ניט דיא מענער.

איין זאַך האָב איך אויך אויסגעפונען אונטער דיא מענער, אַז זיא זיינען עהנליך צו אַ געוויסער קלאַסע הינט, וועלכע האַוקען אָבער זיא בייסען ניט.

דער מאַן האָט אַ טבע פיעל צו רעדען איבער פרויענצימער, און גראָדע אונטער דיעזע וואָס רעדען און פּלוידערן אַ סך, געפינען זיך אַזעלכע וואָס זיינען גאַנץ אנשטענדיגע פאַמיליען־פאַטערס, און זייא זוכען ניט קיין פרעמדע פרויען.

ווען איך בין פערטיג געוואָרען מיט מיינע בעטראַכטונגען, איז לואיז צוריק געקומען און מיך איינגעלאַדען צו מיטאַג.

איך האָב מיך שעהן בעדאַנקט, זיך געזעגענט, און געזאָגט, אַז איך מוז געהן אַהיים.

עס איז מיר געווען אונגעהייער שווער אָבצודרעהן מיינע אויגען פון זייא, ווייל עס האט זיך מיר געדאכט, אז זאָ שנעל וויא איך וועל אומקעהרען מיין רוקען, וועט יעדער פון מיר לאכען.

ענדליך האב איך געפאסט דעם מומה און האב מיך אָבגעווענדעט. צר קומענדיג צום שטאל, האט שוין א דיענער געהאלטען מיין פערד בערייט. איך האב מיך אויפגעזעטצט און בין אָבגעפאָהרען עטליכע שריט, ווען איך האב בעמערקט א לייכטע דראָשקע צופאָהרענדיג צום פאלאסט.

עס איז געווען מאָנסיע נעיזשאָן! איך האב וויעדער פערשפּעטיגט איהם צו זעהן, אָבער דיעזעס מאל, האט עס מיך הערצליך געפרייט. איך בין זיכער, אז עס וואָלט מיר אונמעגליך געווען איהם צו קוקען אין געזיכט.

6.

איך האב בעריהרט מיין פערד מיט דיא שפּאָרען, און איך בין געפלויגען אהיים. ווען איך האב מיך געזעהען דערווייטערט פון לע מוראָ, בין איך געווען העכסט צופריעדען און איך האב פרייא אויפגעאטהעמט.

עס איז מיר אָבער אויך אונמעגליך געווען צו פאָהרען דירעקט אהיים. איך האב געוואָלט זיין אביסעל מעהר אין דער פרייער לופט אום נאכצודענקען איבער אלעמען וואס עס האט מיט מיר פאסירט.

מיר האט זיך געדאכט, אז דיא גאנצע וועלט לאכט פון מיר; אז זאָגאר דיא פייגעלעך אין דער לופט, מאכען חוזק פון מיין דומער אונערפאהרענהייט.

אלס איך בין אָנגעקומען אין וואלד, האב איך בעשלאָסען צו צופאָהרען און זעהען וואס דער וואלד-וועכטער טהוט, איבער וועלכען מען האט מיר לעטצטענס דערצעהלט, אז ער איז קראנק.

דערווייל האב איך מיך דערמאָהנט וויא איך האב געהאנדעלט געגען זיין שעהנע טאָכטער, מאדמאָאזעל אנטאָאנעט, און איך האב מיך געוואָלט אומקעהרען צוריק.

„אויך זיא לאכט פון מיר," האב איך געמורמעלט.

איך בין שוין געווען ענטשלאָסען מיך וויעדער אומצוקעהרען אין דער ריכטונג אהיים, וויא אונערוואַרטעט, איז דיא שעהנע אנטאָאנעט ערשיענען פאר מיינע אויגען.

זיא איז געוועזען פערוויינט, און אויף איהר שעהנעם געזיכט איז געלעגען א קראנקע בלאסקייט.

ווען זיא האט מיך ערבליקט, האט זיא זיך וויא צוריק געשראָקען. איך האב איינגעהאלטען מיין פערד און געבליעבען שטעהען.

זיא איז אויך געבליעבען שטעהען צעגערענד און ניט געשפּראָכען.

א היבשע צייט האבען מיר זיך אָנגעקוקט אָהנע צו רעדען א וואָרט.

„סאָנסיע,“ האט זיא ענדליך געזאגט מיט א ציטערענדער שטימע. „מיין פאטער...“

„וואס איז מיט אייער פאטער?“ האב איך געפרעגט מיטליידיג און פער־אינטערעסירט.

„מיין פאטער איז געשטאָרבען.“

„געשטאָרבען?“

„יא.“

„ווען? וויא אזוי?“

„ער איז געשטאָרבען היינט פריה, און יעטצט וויס איך ניט וואס איך זאָל טהון. איהר... איהר...“

דאס מעדכען האט מיך טיעף געריהרט.

זיא האט אויסגעזעהען אזוי ריין, אזוי שעהן און אזוי אונשולדיג!

אין איהר בענעהמונג איז אונטערדעסען געלעגען א מורא פאר מיר.

איך בין שנעל ארונטער פון פערד, און מיטליידיג, חרטה־האבענדיג אויף מיין גראָבער האנדלונג געגען איהר, האב איך געזאגט:

„שרעקט זיך ניט, פריילין, איך בין אייער פריינד. ענטשולדיגט מיר פאר מיין בענעהמונג געגען אייך. זייט אזוי גוט און פיהרט מיך צו אייך אום צו זעהען וואס דאָרט איז.“

מיין שטאָלץ איז געוועזען גענצליך געבראָכען. לואיז האט מיך אנגעלערענט, איך זאָל וויסען, אז איך בין אַ דומקאָפּ און בעזיטץ אין מיר א ברוטאַלע בענעה־מונג. איך בין געוועזען דאמאלס בערייט צו בעטען דיא גאנצע וועלט אום פער־צייהונג; איך האב מיך געפיהלט שולדיג געגען יעדען איינעם, און איך האב גע־פאסט א בעשלוס, פון דאמאלס אָן און ווייטער, אנדערש צו האנדלען געגען דער דאמען־וועלט, וועלכע האט בייא מיר ארויס גערופען א געוואלטיגען רעספּעקט.

אנטאָאַנעט האט געוואָהנט מיט איהר פאטער אליין אין וואלד, זייט דאס

לעטצטע יאָהר. זיא איז געווען אין א פענסיאָן, וואו מיין פאטער האט איינגעצאָהלט פיר איהר ערציהונג. נאָר זייט איהר מוטער איז געשטאָרבען, איז זיא אהיים געקומען אום צו זיין געבען איהר אלטען פאטער, וועלכער האט זיך ניט געפיהלט אמבעסטען.

ווען זיא האט מיך געהערט רעדען אזעלכע ווערטער צו איהר, האט זיא מיך אנפאנגס בעטראכט מיט ערשטוינען, נאָר דאַן האט זיך אָבגעשפּיעגעלט אויף איהר בלאַסעס געזיכט א פערזיכערענדע מיענע, און זיא האט אָנגעפאנגען צו געהען פאָראויס.

„איך האב געוואָלט געהען צו אייער פאטער,“ האט זיא דערצעהלט, „אום איהם מיטצוטהיילען איבער מיין אונגליק. דער אלטער בערטאָן, איז דערווייל געבליעבען זיטצען נעבען דער לייכע. איך ווייס ניט וואס איך זאָל טהון.“

איך האב זיא געטרייסט און איהר געזאגט, אז זיא זאָל ניט זאָרגען, אלעס וועט זיין רעכט.

ווען מיר זיינען צוגעקומען צום שטיבעל, איז דער אלטער בערטאָן, א מאַן פון א יאָהר זיעבציג, געזעסען בייא דער טהיר און געדרייכערט זיין לולקע. ער האט מיך דערקענט, און זיך אויפגעהויבען. דאַן בין איך אריין אין צימער וואו דער טויטער איז געלעגען.

יא, אנטאָאנעט׳ס פאטער איז געווען טויט; דאריעבער איז מעהר קיין צווייפעל געווען. נאָר צו וועלכען צוועק איך בין דאס געגאנגען נאכזעהען, האב איך אליין ניט געוואוסט.

„האט איהר געהאט עפּעס א דאָקטאָר?“ האב איך געפרעגט.

„יא,“ האט אנטאָאנעט געענטפערט. „דאָקטאָר זשעראָד פון ל. האט איהם בעהאנדעלט.“

איך האב ארויס גענומען 200 פראנקס און איבערגעגעבען אנטאָאנעט׳ן פיר דער בעערדיגונג פון איהר פאטער און מיך געלאָזען אוועק געהען.

„איך דאנק אייך,“ האט דאס מעדכען געזאגט וויינענדיג.

ווען איך בין ארויס פון דעם הייזעל, האב איך געשפּירט א מערקווירדיגעס געפיהל אין מיין הערצען. אזא געפיהל, האט זיך מיר געדאכט, האב איך נאך קיינמאל ניט געהאט.

וואס האט דאס בעדייטעט?

אנטאָאנעט׳ס שעהנע פיגור איז געשטאנען פאר מיינע אויגען; איהר טרויעריגער צושטאנד האט געטרייבט ביז צו מיין זעעלע, און איין אונגעהייערער

שמערץ האט מיך ערגריפען זיך דערמאָהנענדיג וויא גראָב איך האב געגען איהר געהאנדעלט.

זעקס טעג זיינען פאָראיבער און איך האב פיער מאל בעזוכט מאדמאָאזעל אנטאָאנעט אין איהר וואלד־וואָהנונג. איהר פאטער איז שוין געלעגען אין בוזים פון דער ערד, און זיא האט ערקלערט, אז זיא וועט פערבלייבען ביז צו דיא 8 טעג אום צו ערפילען דיא ערשטע טרויער צייט נאך איהר פאטער, און דאן וועט זיא אוועק פאָהרען צו איהרע פריינדע נאך מארסייל.

„וואס וועט איהר דאָרט טהון ?" האב איך געפרעגט.

„איך וועל מיר אויפזוכען א פאָסטען אלס גאָווערנאנטין, און גאָט וועט מיר העלפען."

איהרע שעהנע אויגען האבען געגלענצט מיט טרערען און איהר צושטאנד האט מיך זעהר בעאונרוהיגט.

זייט דער צייט וואס איך האב אנטאָאנעט'ן ערבליקט פערוויינט און זיא האט מיר מיטגעטהיילט איבער איהר פאטער'ס טויט, איז זיא פון מיינע געדאנקען ניט ארויס. איך האב פון איהר פאנטאזירט בייא טאָג, און געטרוימט בייא נאכט.

איך האב צו איהר געשפירט אזעלכע געפיהלע, וויא איך האב נאך ניט גע־שפירט צו קיין איינציגעס פרויענצימער.

דאן האב איך פיעל איבערלייגט וועגען מיין צוקונפט.

עס איז אמת, האב איך מיר געטראכט, אז לואיז, טראָטץ איהר מונטערקייט, איז זיא דאָך איין אנשטענדיגעס פרויענצימער; דאסזעלבע איז אויך מיט בערטהע'ן.

דיא פראגע איז נאָר: ווען איך זאָל מיך פערהייראטהען, ווען איך זאָל האבען א פרוי, און זיא זאָל פיהרען אזעלכע וועלטען וויא לואיז אדער בערטהע, וואָלט עס מיך ניט געקימערט ? וואָלט איך ניט געוועזען אייפערזיכטיג ?

דאס האב איך מיר ניט געקענט צוגעבען. איך, אלס געבוירען און אויפגע־צויגען אויף דאס לאנד, וואו דיא פרויען זיינען שטיל, פרום און אונטערגעבען, וואָלט ניט געקענט צו זעהען וויא מיין פרוי ברענגט צו גאנצע נעכט מיט פרעמדע מענער, און דאס זאָל מיך ניט קימערן.

איך וואָלט צו אזא זאך ניט געקענט בלייבען גלייכגילטיג

אין אנטאָאנעט׳ן, האב איך געזעהען א פּרויענצימער מיט איין אנדערן כּאַ־ראַקטער, מיט איין אנדערע געוואָהנהייט. ניט אבטענדינג דאַרויף וואס זיא איז ארעם, האב איך בעשלאָסען, אז זיא מוז זיין מיין פרוי.

„מאַדמאַזעל,“ האב איך צו איהר געזאגט, ווען זיא האט מיר ערקלערט, אז זיא וויל ווערען א גאָווערנאנטין, „מירביידע זיינען שוין ניט מעהר קיין קינדער: איך וויל אייך פרעגען א דירעקטע פראגע און איהר זאָלט מיר אויף געבען א דירעקטען ענטפער: וואָלט איהר געקענט גליקליך זיין אלס מיין פרוי?“

אנטאָאנעט האט אויף׳ן פּלאַטץ ניט געקענט ענטפערן. א רויטע פאַרב האט פּלוצלינג אויפגעלעבט דאס בלאַסקייט פון איהר געזיכט.

„וואס פאַר איין עהרע, מיין הערר,“ האט זיא געמורמעלט.

„אויף פאַר מיר, אנטאָאנעט, ווענט דאס זיין איין עהרע, האב איך געשטאַ־מעלט, „ווען איהר וועט איינשטימען צו ווערען מיין פרוי. איך האב אייך אין א טאָג בעליידינט, שענדליך בעליידינט, אָבער גלויבט מיר, אויף דעם וואָרט פון איין עהרענמאן, דאס איך בערייהע דאַרויף פון מיין טיעפסטען הערצען, און איך ועל וויסען וויא אייך צו שעטצען.“

„אָבער...“ האט זיא געמורמעלט.

„וואס איז פאַר א הינדערניס?“ האב איך געפרעגט.

„אייער פאטער, מאָנסיע, וועט ניעמאלס איינשטימען צו אזא פעראייניגונג“ האט זיא געענטפערט.

אן דעם האב איך גאר פערגעסען, און איך האב מיך אוועק געזעטצט נעבען אנטאָאנעט׳ן צו בעשפּרעכען וואס עס קען ווערען.

איך האב גענומען איהר האנד אין מיינע און זיא געקושט מיט דעם ריינעם און העכסטען געפיהל פון ליעבע.

מיר האבען דאן בעשלאָסען, אז זיא זאָל ווירקליך אוועק פאָהרען נאך מארסייל צו איהרע פריינדע, אָבער זיא זאָל דאָרט פערבלייבען אום צו פערפאָל־קאָמען איהר בילדונג, און וואַרטען ביז דיא צייט זעכבסט וועט אונז צייגען איין אויסוועג פיר אונזער גליק.

צום שלוס וועל איך דאָ איבערגעבען איינינע קאָפּיען פון מיינע איינענע בריעף וואס איך האב קארעספּאָנדירט מיט א פּאאר פרויאען.

ערשטער בריעף.

מיין געליעבטע אנטאָאנעט : —

עס איז געווען טרויער מיט פרייד צוזאמען. עס איז וואהר, צו פערלירען א צערטליבען און גוטען פאטער, איז ניט קיין קליינינקייט, אָבער דאָך, האב איך מיר ניט געקענט העלפען זיך צו פרייען, אז ענדליך איז דיא צייט געקומען, ווען מיר זאָלען קענען ביידע גליקליך זיין.

זאָלאנג מיין פאטער האט געלעבט, איז עס אונמעגליך געווען אונזער ציעל צו עררייכען. דוא האסט מיר אפילו צאָהלרייכע מאל געשריעבען, אז דוא דארפסט קיין פערמעגען און ביסט צופריעדען צו לעבען מיט מיר זאָגאר אין ארמוטה, אָבער, מיין ליעבעס קינד, איך וויל דוא זאָלסט זיין מיין קעניגין, און איין ארעמע קעניגין, איז זעהר ביטער.

צו מיין גרעסטעס בעדויערן קען איך מיין דיפלאָמאטישען פאָסטען ניט פערלאָזען ביז מאָרגען אבענד. אָבער מאָרגען נאָך האלבע נאכט, וועל איך זיין אין לע באָקעט און וועל זעלבסט זעהען וואס עס איז צו טהון וועגען דער בעערדיגונג פון מיין פאטער.

איך וועל מעהר ניט צוריק קעהרען, און איך גלויב, אז מען וועט אָבנעהמען מיין רעזיגנאציאָן.

זעה דוא זאָלסט קענען זיין בייא דער לויה.

דיין ערגעבענסטער —

צווייטער בריעף.

מיין געליעבטע אנטאָאנעט : —

דיא טענות פון מיינע קרובים זיינען געווען אומזיסט. אין געריכט־הויז, האט מען זיך פון זייא אויסגעלאכט. דייער אדוואָקאט האט בעהויפטעט, אז ווען מיין פאטער וואָלט געוואוסט, אז איך האב בעשלאָסען מיט דיר צו הייראטהען, וואָלט ער מיך געמאכט פאר אוים יורש. דאס קען שוין אמת זיין, אָבער דיא ריכטער האבען דערפון ניט געוואָלט וויסען, און צוריק געוויעזען זייערע פאָרדערונגען פיר א טהייל אין דער ירושה.

איך וועל וואהרשיינליך פון היינט אין אכט טעג ארום, זיין מיט דיר אין מארסייל. זאָרג ניט אום מיר; איך בין געזונד און מונטער.

יא, דיינע ווערטער וועל איך קיינמאל ניט פערגעסען. דוא האסט רעכט, מיר דארפען זעהען טהון גוטעס אין דער וועלט מיט אזא גרויסעס פערמעגען.

גלויב מיר, ווען איך וואָלט וויסען, אז מיינע קרובים בעשעפטיגען זיך אין דעם טהייל ירושה, וואָלט איך ניט געווען דאגעגען. אָבער בייא זייא וואָלט עס הייסען, אז מען ניסט ארויף ווין אויף ווין.

ווין ערגעבענסטער —

דריטער בריעף.

מיין געליעבטע אנטאָאנעט: —

דוא שרייבסט מיר, אז מאדאם געיזשאָן און מאדאם גאָשראָד האבען דיך בעזוכט. דיין אורטהייל איבער זייא, אז זייא זיינען „מונטערע אָבער גוטע זעעלען," איז א ריכטיגער. דוא ביסט אימער געוועזען קליגער אלס איך, און דוא האסט זייא שנעל בעגריפען.

דיא צייט איז קורץ און איך בין זעהר בעשעפטיגט, זאָנסט וואָלט איך דיר אָבגעשילדערט איין אינטערעסאנטע געשיכטע פון דער פערגאנגענהייט וואו איך האב פיעלעס ערפאהרען דורך מיין דומהייט. איך וועל עס דיר אָבער קירצליך ערצעהלען ווען איך וועל זיין מיט דיר צוזאמען.

ניין, דוא זאָלסט אלעס וויסען איבער מיר און מיין פערגאנגענהייט. איך בין א געוואלטיגער געגנער פון דער אלטער פילאָזאָפישער שולע, וואס לערענט צו בעהאלטען א סוד פאר דער פרוי. אין געגענטהייל, איך גלויב, אז דיא פרויען זאָלען אימער אלעס וויסען איבער דער פערגאנגענהייט פון זייערע מענער, און זייא, אין זייער נאטירליכע שארפזיניגקייט און גרעסערע ריינהייט וויא דיא מענער, זאָלען זייא וויסען וויא אומצוגעהען מיט דיא „קעניגע דער שעפפונג" — דיא מענער — און זייא ניט לאָזען פערקריכ'ען אויף נארעשע וועגען.

דיין ערגעבענסטער —

פיערטער בריעף.

פריינד פעליקס: —

עס איז ניט מיין פרוי'ס שולד וואס איך בין לעטצטע וואָך ניט געקומען נאך פאריז. דוא ווייסט גאנץ גוט, אז זיא שטערט מיר קיין זאך און גיבט מיר דיא פאָלשטענדיגע פרייהייט צו טהון וואס איך וויל.

אָבער דאס אליין, זעהסטו, איז דיא גרעסטע הינדערניס מיינע, ווארום איך געה ניט זובען קיין פרעמדע געזעלשאפט.

אך פעליקס! ווען אלע פרויען, וויא מיין אנטאָאנעט, וואָלטען געוואוסט

זעהר אומצופריעדען מיט זייערע מענער, פערזיכער איך דיך, אז דיא מענשהייט וואלט גליקליכער געלעבט. זיא איז כמעט אימער צו הויז און זיא רעדט מיט מיר קיינמאל ניט פון אונזער ליעבע; זיא זוכט אויך ניט מיינע צערטליכקייטען. דאגעגען אבער, איז זיא געווען פון דעם ערשטען טאג נאך אונזער האכצייט, מיינע קאמעראדין. זיא פערוויקעלט אימער א געשפרעך איבער א געגענשטאנד וואס אינטערעסירט מיך און פערבלייבט נעבען מיר, אזוי לאנג וויא זיא שפירט, אז עס איז מיר אנגענעהם. דאן זאגט זיא צו מיר:

„ווירקליך, דוא ביסט פערמאטערט. געה ארויס ערגיץ, אין א קאפעע־זאלאן, אין א קלוב, אדער פאהר ערגיץ.“

ווער קען דאס אוועק פאהרען פון אזא פרוי? וואו קען מען דען געפינען אנגענעהמערע געזעלשאפט, וויא מיט אזא עדעלע און גוטע קאמעראדין?

נעכטען דעם גאנצען טאג, האבען מירביידע פערבראכט אין בעזוכען וואהלטהעטיגע אנשטאלטען, און איבעראל, נאטירליך, האב איך עפעס צוריק געלאזען.

עס איז מערקווירדיג, פעליקס! טאג אזוי נאכט ליעגט מיר מיין פער־מעגען וויא א לאסט אויף'ן קאפ. איך האב צופיעל! אלע מיינע געוועזענע און יעטצטיגע פריינד, זיינען ניט צופריעדען מיט וויפיעל זייא האבען, און איך האב אין איבערפלוס.

עס איז אימער אנטאאנעט'ס ארבייט. מיר לעבען אין א פאלאסט מיט זעהר ווניג דיענערשאפט, און דאך איז אונזער לעבען אנגענעהם, אינטע־רעסאנט און צופריעדענשטעלענד. מיר קענען לעבען מיט א 20־טען טהייל פון אונזערע איינקינפטע. נאטירליך, מיין אנטאאנעט פערשטעהט וויא אזוי דאס אלעס צו פיהרען.

און, גלויב מיר, עס ליעגט פיעל מעהר גליק אין דעם לעבען צו טהון אנדערע גוטעס, וויא אין דער לומפערייא פון אנדערע מענער.

אבער גענוג דאריעבער. איך וויל האפען, אז דוא וועפסט מיר ענט־שולדיגען דערפאר וואס איך האב ניט געהאלטען מיין פערשפרעכען. קום ארויס אביסעל צו מיר, און מיר וועלען זיך שעהן אמוזירען.

דיין פריינד —

פינפטער בריעף.

פריינד פעליקס: —

דיא וואהרהייט איז, אז איך האס פאליטיקער, אבער, זאלאנג דוא זאגסט מיר, אז מאנסיע נעיזשאן און מאנסיע גאשראד וועלען מיטברענגען זייערע פרויען, בין איך זעהר צופריעדען.

אנטאאנעט אייפערזיכטיג? געה שוין געה; זיא איז ניט אזעלכע וויא דוא מיינסט. יא, זיא וויס פון מיין גאנצער דומהייט וואס איך האב בעד גאנגען געגען לואיז'ן, און טראָטץ דעם איז זיא העכסט צופריעדען זיא צו האבען אלס פריינדין.

דיין פריינד —

זעקסטער בריעף.

אן מאדאם נעיזשאן: —

איך וויל האפען, אז איהר מיינט מיך ניט צו שמייכלען מיט מיין פרוי, און אייערע ווערטער זיינען וואהרהייטען. איך האב אייך פערשפראָכען צו געבען איין ערקלערונג, וויא איך קום דערצו איך זאל זיא אויסוועהלען אלס מיין פרוי

נוט, איך וועל עס טהון.

ערשטענס קען איך ניט אבלייקענען דאס גרויסע געזעטץ אין דער נאטור וואס טרייבט צו געשלעכטליכע ליעבע. אנטאאנעט איז ניט נאר יעטצט א שעהנע פרוי, זאנדערן זיא איז אויך געוועזן א שעהנעס מעדכען. צווייטענס, נאכדעם וויא איך האב פון אייך, דאמאלס, געקריעגען דיא בעקאנטע פאַרציע מוסר, האב איך מיך געשפירט שרעקליך ערניעדריגט און א געוואלטיגער רעס־פעקט האט זיך אין מיר ערוועקט געגען אלע פרויען. מיין אנטאאנעט'ן האב איך, אין מיינע לומפיגע אנזיכטען, אין א טאָג בעליידיגט, און איך האב גע־שפירט, אז איך בין איהר דאפיר פיעל שולדיג.

אין דערזעלבער צייט האב איך איינגעזעהען, אז פאר אזא דארפס־יונג וויא איך בין, קען ניעמאלס פאסען א פאריזער דאמע. איך מוז אייך זאגען דיא וואהרהייט, מאדאם, אז איך וואלט מיט אזא פרוי וויא איהר, ניט גע־קענט וואהנען, אונגעאכטעט דארויף, וואס איך וויים יעטצט, אז איהר זייט דיא אנשטאנד זעלבסט. יעדער דארף זיך אויסקלייבען זיין מין. מען מוז זיין א

מאַנסיע נעידשאָן, אום צו קענען וואָהנען מיט א מאַראַם נעיזשאָן. אַזעלכער וויא איך בענעטהיג אנטאָאנעט'ן. גלויבט איהר ניט, אז עס היינגט אָב זעהר פיעל פון דער ריכטינער וואהל? אונפּאַסענדע כאַראַקטערע, שאַפען איין אונ־פאַסענדעס פּאאר מיט אונגליקליכע רעזולטאַטען.

אונטערדעסען האלט איך אייך בייא אייער ווארט, אז מיין דומהייט וועט ניעמאַלס ארויס אין דער עפענטליכקייט. פעליקס האט עס מיר אויך פערשפּראָכען. פאר אנטאָאנעט'ן האב איך ניט וואס מורא צו האבען, זיא ווייס אַלע מיינע געהיימניסע.

— אייער פריינד

ע נ ד ע

ליעבעסנאכט.

א ליעבעס־נאכט.

1.

דאס שטעטעל פּ. איז געבויעט אויף א בארג. א שמאלער אָבער א טיעפער טייך רינגעלט ארום דעם בארג, און פליעסט אוועק ווייט צווישען די אונצעהליגע טהאָלען. דעם טייך רופט מען שאנטעקלייר (קלאפּ־קלינגען). די אורזאכע דערפון איז, ווייל ער קלינגט מיט זיינע קריסטאל־קלארע וועללען ווי זילבערנע גלעקלעך.

גוער עס קומט אין שטעטעל פּ. פון ווערסאיל, מוז פּאסירען דעם שאנטעקלייר דורך דעם זיד־טויער, וואו א שטיינערנע בריק פערבינדעט ביידע ברעגעס איבער דעם וואסער.

ווי מען קומט נאָר אריין אין שטאָדט, איז דער ערשטער וועג דורך דער באָ־סאָלעיל גאס, וועלכער פיהרט ארויף צו דער הויפּט בעוואוינטער געגענד די גאס איז ווי געוועהנליך זעהר שטיל, און ביי נאכט דאכט זיך, אז זאָגאר די הייזער טרוימען.

פון צווישען די גרויסע שטיינער וואס פלאסטערן די גאס, קען מען זעהען, אין דער זומער צייט, ארויס שטעקען היבע גרינע גראָזען, וועלכעס בעווייזט, אז מען געהט ניט צו פיעל אין יענער געגענד. די הייזער אליין, זיינען איינגעוויקעלט ווי אין גרינע מאנטלען מיט אלערליי ב־ומען־קאָלירען.

עס איז א פערשלאָפענע שטאָדט. אלע האלבע שטונדע קען מען הערען די טריט פון א מענשען קלאפּען איבער די שטיינער, און דערביי רופט זיך אויף אָב א הונד פון א הויף מיט א הויכער האווקערייא עס זעהט אויס, אז דער הונד פּראָטעסטירט געגען דעם פארביינעהער, וועלכער שטערט די רוהע.

מונטערער ווי איבעראל, איז ביים עק פון דער שטראסע, ווען א פּאאר אָפיצירען געהען פון זייער רעסטאָראנט אהיים, אָנגעגעסען און זעהר פרעהליך. דאס געשעהט אָבער אויך מיט א מאָטעמאטישער פּינקטליכקייט, צוויי מאל אין טאָג. די תינט האבען זיך שוין אזוי געוואוינט דערצו אז זיי האווקען

אין איינעם פון דיזע הייזער אין דער באַ־סאָלעיל גאַס, האט געוואוינט יוליאַן מישאַן. ער האט געהאלטען א גרויסעס צימער אין ערשטען שטאָק. זיין איינגאנג איז געוועזן דורך'ן קאָרידאָר און ער האט קיינעם ניט געשטערט. יוליאַן האט גע־לעבט שטארק צוריק געצויגען פון דער גאנצער וועלט, און זאגאר פאר אזא פער־שלאָפענער שטאָדט, האט זיין לעבען אויך אויסגעזעהען איינזאם. צור צייט פון אונזער שילדערונג, איז ער אלט געוועזן 25 יאָהר.

יוליאַן מישאַן האט געהאט עלטערן, נאָר ער האט זיך ניט געקענט פיעל עראינערן אן זייא, ווייל זייא זיינען געשטאָרבען, ווען ער איז נאך געוועזן גאנץ יונג.

דיא פאַמיליע מישאַן האט געלעבט אין דיעזער געגענד זייט איינינע דורות, און דיא מלאכה פון רימערייא אָדער זאַטעל־מאַכערייא, איז געוועזן א ירושה פון פאָטער צו קינדער. נאָר אזוי וויא יוליאַן האט קיין צייט ניט געהאט צו לערנען דיא מלאכה פון זיין פאָטער, האט איהם זיינער איין אָנקעל פריהער געגעבען אין א שולע, דאָן האט ער איהם בעזאָרגט מיט א שטעלע אלס עקספעדיטאָר, וואו ער האט פערדיענט 500 פראַנק א יאָהר. דאס איז אפילו ניט געוועזן פיעל געלד, אָבער יוליאַן, אלס שפּאַרזאַמער יונגער מענש, האט אויך דערפון עפּעס געשפּאַרט. ער האט זיך מיט דער צייט אזוי צוגעוואָהנט צו זיין בעשעפטיגונג, אז ער האט פער־געסען אן דער ירושה־מלאכה פון זיין פאַמיליע, און איז גאנץ צופריעדען געוועזן מיט זיין שיקזאַל.

יוליאַן איז געוועזן גרויס געוואַקסען, זעהר קרעפטיג געבויעט און ברייט־ביינעריג. זיינע דיקע און אונרעגעלמעסיגע הענד, האט ער מאַנכע מאל אליין פעראַכטעט. דערצו האט ער געהאט א מין שפּיטציגען קאָפּ און זעהר א העסליכעס געזיכט. ער האט געוואוסט, אז ער איז מיאוס, און ער האט אויך פערשטאַנען, אז דיא וועלט רעכענט איהם אזוי, און דיעזעס בעוואוסטזיין, האט אויף איהם געווירקט וואס ער איז געוועזן שעהמעדיג, צוריק געצויגען, און, איבערהויפּט, האט ער זיך שטארק גע־האַלטען פון ווייטען פון פרויען־געזעלשאַפט.

דיא איינציגע פרוי, מיט וועלכער ער פלעגט זיך יא בעגעגענען, איז געוועזן זיין וועשערין. דיעזע, א מיטעל־יעהריגע און ניט קיין מיאוס'ע פרוי, האט צו איהם געזאָגט אין א טאָג לאַבענדיג:

„עס איז גאָר ניט אזוי דיא מעשה וויא מען מאַכט! בלעבען יוליאַן, איהר זייט נאך אַלעמען, גאָר ניט אזוי מיאוס; איך האב געזעהען נאך מיאוס'ערע מענער.“

דאס איז געווען א קנאפע טרייסט פאר איהם, און עס האט אויך געהאט די ווירקונג, וואס ער האט נאך מעהר אויסגעמיעדען די מענשען.

ווען ער פלעגט געהען אויף דער שטראסע, האט ער געהאט א טבע צו וואַרפען מיט די הענד ווי א משוגענער. זיין רוקען איז געווען ווי איינגעקרימט, און זיין קאָפּ האט ער געהאלטען ארונטער געבויגען, גלייך ווי ער האט איהם ניט געוואָלט אויפצוהייבען יעמאנד זאָל איהם זעהען.

אויף דער שטראסע פלעגט ער זיך אָפט ווייזען, ווען ער איז געגאַנגען פון און צו דער ארבייט. די איבריגע צייט, האט ער ניט געוואָלט ארויס צו געהען זעהר אָפט.

מיט דער צייט האט זיין איינבילדונג פון העסליכקייט, אזא איינדרוק גע־מאכט איבער איהם, אז דאס האט געווירקט אויף איהם ווי א קראַנקהייט אויס־צומיידען יעדען און זיך בעהאלטען.

עס איז אלזאָ קיין וואונדער ניט, ווען דער ארמער יוליאַן האט ענדליך בע־שלאָסען אזוי צו צוברענגען זיין וועלט, און ניט פערקעהרען ניט מיט קיין חברים און ניט מיט פרויען. אויב ער האט ווען עס איז געדענקט וועגען ליעבע, האט דאס נאָר ארויס גערופען אין איהם שמערץ, ווייל ער האט געוואוסט, דאס אין פאל ער זאָל ליעבען א פרוי, וועט זי געוויס ניט ערווידערן זיינע געפיהלע.

די געוואָהנהייט שפּיעלט א גרויסע ראָלע אין אונזער לעבען; מיר קענען זיך געוועהנען צום שלעכטען גראדען ווי צום גוטען. עס האט שוין ניט נאָר איין מאל פּאסירט, וואס א געפאַנגענער, זיטצענדיג יאָהרען־לאַנג אין א געפענגניס, האט זיך צוגעוואָהנט צו אזא לעבען, און דאס איז אויך פאר איהם געווען גוט. מיט יוליאַנען האט פּאסירט דערזעלבער פאל; ער האט זיך צוגעוועהנט צו זיין לעבען און עס האט איהם אויפגעהערט צו ערגערן. נאך מעהר, ער איז זאָגאר גליקליך געווען מיט זיין שיקזאל.

פון דער נאטור, איז ער געווען א רוהיגער און זאָרגענלאָזער מענש. זיין טעגליכעס לעבען, וועלכעס איז געגאַנגען יאָהר איין, יאָהר אויס, אָהן ענדערונג, האט איהם גאר ניט בעאונרוהיגט. ער האט געוואוסט, אז אזוי איז עס, און בעסער קען עס ניט זיין. ער איז אלזאָ געווען פאָלקאָמען איינפערשטאַנען מיט דעם ווי עס איז.

יעדען פריה־מאָרגען איז ער געגאַנגען צו זיין ארבייט און אָנגעפאַנגען זיין בע־שעפטיגונג, וואו ער איז געבליעבען שטעהען מיט איין אבענד פריהער. דאָן פּלעגט

ער עסען פריהשטיק, וואס איז געוועהנליך בעשטאנען פון א שטיקעל ברויט, און ווידער פארטגעזעטצט דיא ארבייט. דאן איז געקומען דער מיטאג, און אבענד האט ער זיך געלייגט אין בעט און געשלאפען. אין דער פריה איז ער אויפגע־שטאנען, און שטארק הנאה געהאט ווען דיא זונן האט איהם בעגריסט דורך זיין פענסטער. אזוי איז עס געגאנגען פון טאג צו טאג, פון וואך צו וואך און פון מאָ־נאט צו מאנאט, אונ־אונטערבראכען.

יוליאן האט אויך געהאט זיין גענוס און פערגניגען אין לעבען. אבענד, ווען ער האט אָבגעגעסען זיין נאכטמאהל, פלעגט ער זיך אמאל פערגינען און ארויס געהען אויף דער פרייער לופט. ער האט מעהרערע מאל שפּאצירט ביז צו דער בריק אויפ׳ן שאנטעקלייר, וואו ער האט זיך געזעטצט, געקוקט אין וואסער און איינגעאטהעמט דיא ריינע לופט. אזוי האט ער געקענט זיטצען ביז ארום 9 א זייגער, און דאן האט ער צוריק געקעהרט אהיים.

דערזועלבער יוליאן האט אויך צייטענוויז געקענט פילאזאפירען. ער פלעגט בליקען אויף שאנטעקלייר און זיך טראכטען, אז דאס לעבען און עקזיסטענץ פון איהם מיט דעם טייך איז זעהר עהנליך. ער, יוליאן, טהוט יעדען טאג דיזעלבע ארבייט, און עהנליכעס געשעהט מיט דעם שאנטעקלייר, וועלכער פליעסט טאג טעגליך איבער דעמזעלבען פלאטץ און איבער דיזעלבע ברעגעס.

אין א שעהנער נאכט, האט ער אויך געסענט זיין פאעטיש, דען ער האט אויפגעהויבען זיינע אויגען צום אוסגעשטערענטען הימעל, און קוקענדיג צו דיא שטערען, וועלכע האבען געפינקעלט שטיל און געהיימניספאל, האט זיך זיין הערץ אָנגעפילט מיט א גליקליכעס געפיהל פון רוהע און צופריעדענהייט.

דאן איז געקומען דער זונטאג, א טאג ווען מען ארבייט ניט און מען איז פרייא. ווען דאס וועטער איז געווען שעהן, האט יוליאן אוועק שפאצירט ווייט איבער דעם שאנטעקלייר, און געוואנדערט אזוי לאנג איבער דיא פעלדער, ביז ער פלעגט אבענדס אהיים קומען טויט מיעד, אָבער דאך זעהר צופריעדען מיט זיך זעלבסט.

דיא צייט פיהרט צו אלעמען, און אויך יוליאן האט מיט דער צייט געקריגען א חבר. דיעזער איז געווען א טויב־שטומער קופפער־שמידט. מיט איהם האט ער ארום געשפאציערט פיעלע נאכמיטאגען. יוליאן האט ניט געקענט דיא פינגער־שפּראכע, און ער איז געווען צופריעדען אפילו זיך ניט איינצופערשטעהען מיט זיין חבר.

דיעזער שטומער האט איהם אמאל בעוואוינען אריין צו געהען אין דעם

„קאפער־וואַיאַושער", וואו זייא האבען עטליכע מאל פערבראַכט איינינע שטונדען צייט אין שפּיעלען אונצעהליגע דאַמענפּארטיען.

יא, מיר האבען נאר פערגעסען. יוליאַן האט נאך געהאט איין אנדערן פריינד, דיזער איז געווען א הונד, אָבער זייט דער אָרמער הונד איז איבערגעפאָהרען גע־וואָרען פון א וואַגען, האט ער שוין קיין אַנדערעס טהיער אַלס פריינד ניט געוואָלט אויפנעהמען.

געהענדיג אהיים, האט ער אין א טאָג ערבליקט א 10־עהריגעס מעדכען, באַרועס און אין שמאַטעס געקליידעט, וועלכע האט פערקויפט שוועבעלעך. מיט דיזען קינד האט ער דאַדורך בעקאַנטשאַפט געשלאָסען, ווייל ער פלעגט איהר געבען א גראָשען און קיינמאל ניט געוואָלט נעהמען איהר סחורה.

עס איז איבריג דאָ נאך צו דערצעהלען, אז אבענד האט יחען איהם ניט גע־קענט זעהען אין דער געזעלשאַפט פון קיין פּראָוויענצימער. זאָגאר דיא פאבריק־מיידלעך, אונטער וועלכע עס האבען זיך געפונען פּיעלע וואס האבען ווענינ גע־אַכטעט אויף פרומקייט, האבען איהם אויסגעמיעדען. דיא אורזאכע דערפון איז געווען, וואס צו איין צייט, ווען מען האט איהם פאר זייא פאַרגעשטעלט, איז ער געבליעבען שטעהען אזוי דום און נאריש, גליך וויא ער וואָלט געווען א ווילדער.

א פּאאַר אָרימע מיידלעך, וועלכע וואָלטען זיך אפילו ניט ענטזאגט מיט איהם צו הייראַטהען, טראָטץ זיין העסליכקייט, האבע׳ בעהויפּטעט, אז ער איז צו דום, אנדערע ווידער האבען געזאגט, אז ער איז וויא א שטילעס וואסער וואס גראַבט טיעף, און מען דאַרף זיך היטען פאר איהם.

דער אמת איז, אז דער אָרמער יוליאַן האט זיך איבעראַל געזעהען פרעמד, און דער איינציגער פּלאַטץ, וואו ער האט געקענט פרייא אויפאטהמען, איז געווען זיין צימער. דאָ האט ער זיך געזעהען בעשיטצט געגען דער גאַנצער וועלט. דאָ האט ער געברומט, געלאַכט, געשריען, און אמאל, ווען ער האט זיך ערלויבט זיך אָנצוקוקען אין שפּיעגעל, האט ער זאָגאר אויסגעפונען, אז נאך אַלעמען, איז ער נאר ניט אזוי מיאוס און ער זעהט אויס גאַנץ יונג.

אין צימער איז געווען א גרויסע סאָפא, א רונדער טיש מיט צווייא ביינקלעך און א געבעטער שטוהל. אויסער דעם איז נאך געבליעבען גענוג פּלאַטץ גאַנץ בע־קוועם ארום צו שפּאַציערען.

יוליאַן איז זעהר אָפּט ארום געגאַנגען איבער דעם צימער, דאַן, ווען ער אי־מיעד געוואָרען, האט ער זיך געלייגט אויף דער סאָפאַ. צו הויז האט ער קיינמאל

געשריעבען, אויסער אין זיין אָפּיס וואו ער איז געווען בעשעפטיגט. ער האט אפילו א פּאאר מאל פּראָבירט צו לעזען, אָבער דאס האט איהם שטארק ערמיעדעט און ער האט עס באלד אויפגעגעבען. אונטערדעסען האט איהם קיינמאל ניט גע־לאנגווייליט.

דיא בעל־הבית׳טע פון דעם רעסטאָראנט, וואו ער פלעגט עסען נאכטמאהל, האט אין איהם געזעהען א ווילדע בריאה, און אזוי וויא זיא איז שוין געווען איין עלטערע און ערפאהרענע פרוי, האט זיא בעשלאָסען איהם אביסעל אויסצובילדען, דערמיט וואס זיא האט איהם געליהען איינינע ראָמאנען. אָבער ער האט איהר דיא ביכער צוריק געבראכט, אָהנע זאָגאר צו וויסען וואס זייא ענטהאלטען. דיא פער־וויקעלטע געשיכטען פון א ראָמאן, וואו דיא שרייבערס שילדערן ליעבעס־וועהטיגען, האבען פיר איהם קיין אינטערעסע געהאט.

יוליאן האט געקענט אביסעל צייכנען אָדער מאלען, און דארויף פלעגט ער יא אמאל פערברענגען א קורצע צייט. אָבער אימער איז בייא איהם ארויס געקומען דערזעלבער פרויענקאָפּ, מיט שארפע און שטרענגע געזיכטס־צינע, מיט ברייטע בענדער איבער איהרע שולטער און א קרעלען־שנור אויף׳ן האלז.

אָבער יוליאן האט געהאט איין אונטערהאלט, וועלכען ער האט ווירקליך זעהר געליעבט. דאס איז געווען פלייט־שפּיעלען.

וויא אזוי יוליאן האט זיך אויסגעלערענט שפּיעלען פלייט, איז ווירקליך זעהר אינטערעסאנט. עס איז געווען נאך מיט א דרייא יאָהר צוריק, ווען ער איז אין א טאָג פארבייגעגאנגען אין מארק־פּלאטץ און געזעהען אויף א לאָדען ליעגענדיג א פלייט פון א העלל־געלבעס האָלץ. ער האט גלייך בעשלאָסען צו קויפען דיעזען אינסטרומענט און זיך אויסלערנען שפּיעלען.

בייא טאָג האט ער זיך געשעהמט אריין צו געהען פרעגען וויפיעל דער פלייט קאָסט, און אזוי האט ער אָבגעווארט ביז אבענד, געפּאסט מוטה, אריין צו דעם קויפמאן, געפרעגט דעם פּרייז, באלד אזוי פיעל בעצאָהלט, און מיט דעם פלייט צוגעפרעסט צו זיין ברוסט, איז ער באלד אהיים געלאָפען.

צווייא יאָהר דורכאנאנד, האט יוליאן פּראקטעצירט אויף זיין פלייט א שטונדע אין דער נאכט. וועהרענד דעם, האט ער פערמאכט טהירען און פענסטער, און אזוי לאנג געבלאָזען, ביז ער האט געקענט נאכשפּיעלען א פּאאר מעלאָדיען. דאן האט ער זיך איינגעשאפט נאָטען און זעהר פלייסיג אליין געשטודירט, ביז ער איז אימשטאנדע געווען נאכצושפּיעלען איינינע אלטע מוזיקאלישע שטיקער.

ערשט זייט זעקס מאָנאט, האט ער געוואָגט צו עפענען אבענד א פענסטער אום מען זאָל הערען וויא ער שפּיעלט. ער האט גאנץ גוט נאכגעשפּיעלט א פּאאר ראָמאַנסען פון דעם פאָריגען יאהרהונדערט, און דיא מוזיק האט געקלונגען ווייך און טרוימעריש אין דער שטילער נאַכט־לופט שוין נאכדעם וויא מען אין איינגע־שלאָפען אין דער נאַכבארשאַפט.

אָבער יוליאַן האט מיט זיין שפּיעלען קיינעם ניט געשטערט און קיינעם ניט אונטערהאלטען, דען אין אזעלכע קליינע שטעדטלעך, שלאָפט מען זעהר געשמאַק. בייא טאָג האט יוליאַן ערשטענס קיין צייט ניט געהאט, און צווייטענס ניט געוואָגט צו שפּיעלען.

זעהר אָפט האט יוליאַן גאר אין גאַנצען אויסגעלאָשען דאס ליכט אין זיין צימער, און קענענדיג זיינע מעלאָדיען אויסוועניג, האט ער זיך געטראַכט, אז מען קען גאנץ גוט שפּיעלען אין דער פינסטער און דערבייא ערשפּאַרען דאס ליכט. מאנכע מאל האט עס פּאַסירט וואס א פאַרבייגעהער איז געבליעבען שטעהען צו הערען דיא צארטע מעלאָדיען פון דעם פלייט, וויא זייא האבען זיך צוגאָסען מילד און צויבערהאַפט איבער דער שטילער לופט. עס האט זיך געקענט דאכטען, אז דיא נאַכטיגאַלען געבען אָב קאָנצערט אויף דיא גרין־געקרוינטע צווייגען.

אָלס שכנים האט ער געהאט דעם נאָטאַר סאַווארנין און דעם פּענסיאָנירטען קאַפּיטאַן פּידו, וועלכע האבען זיך געלייגט זעהר פריה צו בעט, און קיין צייט גע־האט צו הערען יוליאַן׳ס מוזיק. געגענאיבער האט געוואָהנט דיא אדעליגע פאַמיליע מארזאַן, און זייער פּאַלאַסט האט אויסגעזעהען גראַדע אזוי גרוי, געעלטערט און טרוימעריש וויא זיינע אלטע ראָמאַנסען.

דער פּאַלאַסט פון דער מארזאַן פאַמיליע, איז געלעגען איינגעהיעלט אין גרינע צווייגען, בלומען און הויכעס גראָז. פון דעם גרויסען פראָנט־טויער, האבען זיך נאָר ארויס געזעהען דיא אייזערנע נעגעל. אויף׳ן ערששען שטאָק פון דער געביידע, גע־גענאיבער יוליאַן׳ס צימער, זיינען געווען צעהן פענסטער, אָבער מיט דער רעגעל־מעסיגקייט פון א זייגער, פלעגען זייא יעדען פאַרנאַכט צוגעשלאָסען ווערען מיט דיא לאָדענס און וויעדער געעפענט ווערען אויף׳ן אנדערן מאָרגען.

וואס אינוועניג האט זיך געפונען, איז אונמעגליך געווען צו ערפאהרען, ווייל דיקע פאָרהענגע האבען אימער אלעם פערשטעלט.

לינקס פון דעם פּאַלאַסט, איז געשטאַנען איין אלטער קאסטאַניען בוים און איינגעהיעלט א גאַנצען טהייל פון דער געביידע מיט זיינע ברייטע און דיקע צווייגע, דיקע שטילע און טרויעריגע איינזאַמקייט פון דעם פּאַלאַסט, האט

נעמאכט א נוטען איינדרוק איבער יוליאנען, און ער פלעגט מאנכע מאל שטונדען לאנג בליקען אהין און זיך פארשטעלען טויזענדער פאנטאזיען איבער די געהיימניסע וואס מוזען ליעגען פערבארגען צווישען דיעזע ווענט.

סאי זומער, סאי ווינטער, האט יוליאן ניט געזעהען קיין מענשען אריין אדער ארויס געהען פון דיעזען פאלאסט. ער האט אמאל געפרעגט דאריעבער, און מען האט איהם דערצעהלט, אז דיא מארזאן פאמיליע האט איין איינגאנג דורך דער אנגע שטראסע, און דערפאר ווערט קיינמאל ניט געעפענט דיא פראנט-געביידע. יוליאן האט אויך געהערט איבער דעם אונגעהייערן רייכטהום פון דער פאמיליע, און ער פלעגט, אין זיין פאנטאזיע, זיך פארשטעלען דעם ווינקעל פון דעם פאלאסט, וואו עס ליעגען געויס הויפענס מיט גאלדענע מטבעות.

אפט האט יוליאן, נאכדעם וויא ער האט שוין אויסגעלאשען דאס ליכט, זיך אריעבער געבויגען איבער זיין אפענעם פענסטער, געקוקט שטונדענלאנג צו דעם געהיימניספאלען פאלאסט אום צו ענטדעקען עפעס וואס זיין פאנטאזיע האט איהם פארגעשטעלט. אבער מעהר וויא א שטילע און טרויערישע איינזאמקייט האט ער ניט ענטדעקט.

אין זאלכע צייטען, ווען ער האט געוואוסט, אז אלעס ליעגט פערזונקען אין דיא ארעם פון שלאף, האט ער גענומען זיין פלייט און אנגעפאנגען צו שפיעלען שטיל, צארט, ווייך און טרויעריש, גראדע וויא דער מארזאן פאלאסט האט אויס-געזעהען.

אין א טאג האט דער בריעף-טרעגער געוויזען יוליאנען איין אלטען מאן מיט איין אלטע פרוי, זעהר עלעגאנט געקליידעט, און איהם דערצעהלט, אז דיעזע זיינען דער מארקיז מארזאן און זיין פרוי דיא מארקיזין. ער האט זייא ווירקליך צום ערשטען מאל געזעהען, און דער בריעף-טרעגער האט איהם מיטגעטהיילט, אז זייא ערשיינען זעהר זעלטען אויף דער גאס. דאן האט ער איהם אויך דערצעהלט, אז זייא האבען א טאכטער מיט דעם נאמען פריילין טהערעזע פאן מארזאן, וועלכע געפינט זיך אין א קלויסטער. קאלומבעל, דער שרייבער בייא דעם נאטאר סאווארניך, איז טהערעזע'ס א מילך-ברודער, דאס הייסט, קאלומבעל'ס מוטער איז אויך געוועזען טהערעזע'ס אמע.

אזוי רעדענדיג מיט דעם בריעף-טרעגער, איז דער מארקיז מיט דער מארקיזין אוועק אין דער אנדערער זייט פון דער אנגע שטראסע, און קאלומבעל, דער קליינער שרייבער'ל, איז זייא ענטקעגען געקומען. דער מארקיז און דיא מארקיזין זיינען גע-בליעבען שטעהען און איהם גערייכט דיא הענד.

דאס איז געווען א גרויסע עהרע און יוליאן האט זיך דאריעבער זעהר פיעל געערגערט, ווייל קאלומבעל, וועלכער איז דאמאלס אלט געווארען צוואנציג יאהר, און זעהר א לעבהאפטער יונגער מענש, איז שוין לאנג געווען זיין שונא.

דיעזער קאלומבעל האט געהאט א מיאוסע טבע זיך צו רייצען מיט יוליאנען איבער זיין העסליכקייט און ער האט אנגע־עדט אל־דאס־בייז אויף איהם בייא דער וועשערין. דאס האט איינמאל געפיהרט דערצו וואס זייא האבען זיך בעגעגענט בייא דער וועשערין און זיך שטארק צוקריגט. יוליאן איז אזוי אויפגערעגט גע־ווארען, דאס ער האט קאלומבעל'ן געשלאגען מיט זיינע שווערע פויסטען און איהם געמאכט א פאאר בלויע אויגען.

עס זיינען אזוי פאראיבער מעהרערע טעג און אבענדע אהנע עס זאל איינ־טרעטען אין יוליאן'ס לעבען אירגענד א וועקסלונג, בלויז אין א שעהנעם יולי אבענד האט עפעס פאסירט וואס האט יוליאן'ס לעבען געענדערט.

ער איז געזעסען, וויא געוועהנליך, ביים פענסטער, ארויס געקוקט אין דעם אויסגעשטערענטען הימעל, וועהרענד אין זיין צימער איז געווען פינסטער. ער האט געהאלטען זיין פלייט ביים מויל און געשפיעלט וויא אימער א צארטע און מע־לאדישע אלטע ראמאנסע. פלוצלינג האט זיך געעפענט א לאדען פון א פענסטער אין דעם פאלאסט פון דעם מארקיז. דער לאדען מיט דעם פענסטער זיינען גע־בליעבען אפען און יוליאן האט פאר זיך געזעהען א העל־בעלייכטעטעס צימער.

דאן האט ער ערבליקט א יונגעס און וואונדערבאר שעהנעס מעדכען צר קומענדיג צום אפענעם פענסטער, וואו זיא האט זיך אנגעלעהנט און צוגעהערט.

יוליאן האט גלייך אויפגעהערט צו שפיעלען. ער האט דיא דייטליכע געזיכטס־ציגע פון דעם מעדכען נים געקענט זעהען, אבער ער האט זיך גענוי געמערקט איהר נאקעטען ווייסען האלז און א גרויסע מאסע האאר וואס האט אריעבער געהאנגען. דאן האט א זאנפטע און קלינגענדע שטימע ארויס געדרונגען אין דער שטילער לופט:

„פראנציסקא, האסטו געהערט? עס שיינט דאס יעמאנד שפיעלט מוזיק?"

„עס איז א נאכטיגאל, מיין פרייליין, א נאכטיגאל," האט געענטפערט פון אינוועניג א גראבע פרויענשטימע. „מאכט צו דאס פענסטער, גיבט אכטונג, עס קען נאך אריין א פלעדערמויז."

דאס פענסטער האט זיך באלד צוגעמאכט, און דאס הויז איז שוין ווידער געלעגען איינגעהיעלט אין דונקעלהייט.

יוליאַן האט געשפּירט, אַז ער קען זיך פון דעם שטוהל ניט אויפהייבען. זיינע אויגען זיינען נאָך געווען נעבלענדעט פון דעם העללען שיין וואס האט אַזוי אונערווארטעט בעלייכטעט דיא מויער. ער איז געווען זעהר אויפגערעגט, און עס האט גענומען א היבשע צייט ביז ער האט זיך געקענט בערוהיגען.

דיעזע עראינערונג, דיעזעס בילד, דיעזעס הערליכע פּרויענצימער — דאס אַלעס האט איהם אויסגעזעהען וויא א געטטין דער נאַכט!

ער איז לאַנג געזעסען אויף זיין פּלאַטץ און געדענקט; ער האט געשפּירט וועהמיטהינע און זיסע געפיהלע זיך ערוועקענדיג אין זיין ברוסט, דאַן האט ער געוואָלט לאַכען און וויינען. ענדליך האט ער גענומען דעם פלייט וויעדער צו זיין מויל און געשפּיעלט מיט אַזוי פיעל זיסקייט און צערטליכקייט, דאס ער האט זיך זעלבסט געוואונדערט וויא עס קומט צו איהם ער זאָל אַזוי גוט שפּיעלען.

2.

אַלס טאגעס נייאינקייט, האט מען אויף׳ן צווייטען טאָג דערצעהלט אין שטעטעל, דאס פרייליין טהערעזע פאָן מאַרזאַן האט ענדליך צוריק געקעהרט אהיים פון דעם קלויסטער, וואו זיא האט פערוויילט היבשע עטליכע יאָהרען.

יוליאַן האט ניט געוואָלט דערצעהלען, אַז ער האט זיא שוין געזעהען מיט צער וואָרפענע האאר און מיט איהר נאַקעטען ווייסען האלז.

אָבער אין דיעזען טאָג האט ער געשפּירט גאַנץ נייע געפיהלע איהם בעהערשענדיג, און ער האט איינגעזעהען, אַז דאס שטערט איהם צו זיין געוועהנליכער ארבייט.

ער איז ניט צופריעדען געווען מיט זיין צושטאַנד; ער האט זיך געוואונשען, אַז בעסער וואָלט דער מאַרקיז געהאט א זוהן וואס זאָל יעטצט האבען צוריק געקעהרט פון זיין שטודיום, אַלס א טאָכטער.

א טאָכטער! דאס איז דאָך א פרויענצימער, און דיעזע זיינען אימער געוואונט צו שפּאָטען און לאַכען. דאס האט איהם זעהר געערגערט.

ער האט זיך געפרעגט, אויב ער וועט קענען אויך ווייטער אַזוי לעבען וויא פריהער, אונגעשטערט, און אויב ער וועט קענען אימער אַזוי שפּיעלען אויף זיין פלייט און האבען פערגניגען.

„שפּיעלען?“ האט ער זיך געטראַכט. „וויא קום איך צו שפּיעלען פאַר דיא אויערן פון אַזא גרויסער דאַמע? זיא איז דאָך געווים מוזיקאַליש און וועט פון מיר נאָר קענען חוזק מאַכען!“

דער רעזולטאט פון זיינע פאנטאזיען איז געווען, דאס אבענד האט ער זיך פעסט בעשלאָסען, צו האסען און פעראכטען טהערעזע'ן, וועלכע איז נאָר ערשיענען אום צו שטערען זיין גליק.

יוליאן האט זיך אבענד וויא אריין געגנב'עט אין זיין צימער. אמאל פלעגט ער פריהער אָנצינדען א ליכט און עס דאן אויסלעשען, נאָר יעטצט האט ער גאר קיין ליכט אָנגעצונדען. ער האט בעשלאָסען פאר פערדרוס באלד צו געהען שלאָפען.

אונטערדעסען איז ער דאָך געווען נייגעריג צו זעהען וואס עס טהוט זיך געגענאיבער אין דעם פאלאסט. ער האט ארויס געקוקט און דיא פענסטער זיינען געווען אלע געשלאָסען. ער איז געבליעבען זיטצען אויף זיין שטוהל שטילשווייגענד און געבליקט אריבער. ערשט ארום 10 א זייגער האט ער בעמערקט א בלאסעס ליכט בעלייכטען דיא שפאלטען פון דיא לאָדענס, דאן האט זיך דאס ליכט אויסגע־לאָשען און אלעס איז געבליעבען דונקעל.

פון דאמאלס אָן, האט ער אָנגעפאנגען יעדען אבענד צו שפּיאָנירען. ער האט רעגעלמעסיג געהאלטען זיינע אויגען געריכטעט צום שטילען פאלאסט מיט דער אידעע, אז ער מוז עפּעס זעהען, ענטדעקען, וואס זאָל איהם ערפרייען.

אָבער ער האט קיין אונגעוועהנליכע זאך ענטדעקט, מיט דער אויסנאהמע, וואס ער האט מאנכע מאל געזעהען דורך דיא שפאלטען א שיין פארבייא שוועבען. מיט דער צייט, זיינען בלויז דיא פענסטער פערמאכט געוואָרען און דיא לאָדענס זיינען געבליעבען אָפען. אמאל האט ער געזעהען וויא יעמאנד האט ארונטער גענומען א פאָרהאנג און א גרויסעס צימער איז ערשיענען פאר זיינע אויגען.

צייטענווייז האט ער אויך געהערט שרים אין גאָרטען און קלאוויר־מוזיק בעגלייטעט פון א צארטע שטימע. איבערהויפט אָבער האט ער זיך פאָרגעשטעלט, אז דער מארזאן פאלאסט איז פריהער געווען טויט, אָבגעשטאָרבען, און ער האט פלוצלינג אויפגעלעבט זייט דאס יונגע מעדכען איז דאָרט ערשיענען.

יוליאן האט זיך ניט געוואָלט מודה זיין, אז ער ברענט פאר נייגעריגקייט אום נאך וועניגסטענס איינמאל צו זעהען טהערעזע'ן, אָבער דיא וואהרהייט איז, אז זיין העכסטער וואונש איז געווען, נאך אמאל ערבליקען דיא הערדליכע גע־שטאלט.

ער האט זיך פאָרגעשטעלט איהר געזיכט אין א רויזען־פארב מיט א שפּאָ־טישען שמייכעלע אויף איהרע ליפען און א פאאר גלענצענדע אויגען.

בייא טאָג, ווען ער האט זיך געפונען אין דער היים, האט ער נים געוואגט צו צונעהען צום פענסטער, און בייא נאכט, וויא עס שיינט, איז נים לייכט געווען צו זעהען דאס מעדכען.

ענדליך האט ער דערלעבט דיא צייט, אין איין אבענד, צו זעהען טהערעזע׳ן שטעהענדיג אין מיטען צימער געגענאיבער זיין פענסטער. ער איז געבליעבען שטעהען אויף זיין פּלאַטץ און נים געוואגט צו מאכען א בעוועגונג. זיא האט אויסגעזעהען עפּעס צו טראכטען און איבערלעגען. ער האט זיא אויף דיעזער אַרט געקענט אונ־געשטערט בעטראכטען.

זיא איז געווען הויך געוואקסען, אָבער נים מיט קיין רויזען געזיכט, זאָנדערן בלאס וויא א לילי; דער אויסדרוק אויף איהר געזיכט איז געווען מאַיעסטעטיש און שטרענג, זאָ דאס ער האט געשפּירט וויא א שרעק פאַר איהר.

וואס עס איז איהם איבערהויפּט געווען אויפפאַלענד, איז געווען איהר מויל מיט דונקעל־רויטע ליפּען און איהרע טיעף־ליעגענדע שווארצע אויגען. דאס האט איהם אויסגעזעהען אויסער דער גרויסער שעהנהייט, אויך עפּעס שרעקליכעס און גרויזאמעס.

דאן איז זיא צוגעגאַנגען צום פענסטער. יוליאַנען האט זיא נים געקענט זעהן, וויל אין זיין צימער איז געווען פינסטער. זיא איז דאָרט געשטאַנען עטליכע מינוטען און איז ווידער צוריק געגאַנגען.

יוליאַן האט נאך אמאל געשפּירט דאס נייגענדע זיסע געפיהל בייא זיין ברוסט, אָבער ער האט אויך געשפּירט א שרעק פאַר דיעזער שעהנהיים. איין אונהיימליכע שרעק וואס ער האט זיך נים געקענט ערקלערען, פון וואנען עס קומט.

פון יענער צייט אן, האט אָנגעפאַנגען איין עלענדעס לעבען פיר דעם ארמען יוליאַן. ער האט עפּטער געזעהען טהערעזע׳ן, און איהר בילד האט איהם נים געלאָזען רוהען.

עס האט אויך מעהרערע מאל פּאסירט וואס זיא האט איהם געקענט זעהען און בעטראכטען, אָבער מעהר וויא א גלייכגילטיגען בליק, האט זיא איהם נים צר געוואָרפען. יוליאַן איז געווען דערמיט העכסט צופריעדען, דען ער האט נים געוואָלט זיא זאָל איהם נוט בעטראכטען און אויסגעפינען וויא מיאוס ער איז.

אין זיין איינבילדונג האט ער געדענקט, אז ווען ער זעהט נים, דאן בעטראכט זיא איהם גאַנץ נוט, און דאס אַלעס איז בלויז, אום פון איהם תוזק צו מאכען.

דאס האט פעראורזאכט, וואס ער האט ניט געוואגט אהיים צו קומען ביז עס איז ניט גוט דונקעל געווארען, דאמיט זיא זאל איהם ניט קענען זעהען. אבער עס האט פיעל געדויערט, און יוליאן האט זיך איבערציינט, אז טהערעזע שענקט איהם ניט דיא מינדעסטע אויפמערקזאמקייט.

דאס האט איהם ווידער אויך זעהר געערגערט, און ער האט בעשלאסען זיא צו מאכען אויפמערקזאם אויף זיך.

אין איין אבענד, האט ער געעפענט זיינע ביידע פענסטער און ארויס גענומען זיין פלייט און אנגעפאנגען צו שפיעלען.

עס איז שוין געווען נאך 10 אוהר, און, וויא עס שיינט, איז טהערעזע געלעגען אין בעט. הערענדיג אבער דיא צארטע מעלאדיען, איז זיא ארונטער געשפרונגען פון בעט, געעפענט דאס פענסטער און ארויס געקוקט.

„הער פראנציסקא," האט זיא געזאגט אומזוענדיג איהר געזינדט אין צימער. „דאס איז ניט קיין נאכטיגאל, יעמאנד שפיעלט."

„עס מוז זיין עפעס א מוזיקאנט גאנץ וויט," האט געענטפערט איין עלטערע פרוי, וועלכע איז צוגעקומען צום פענסטער און איז ווידער אוועק געגאנגען.

„יא, יא," האט טהערעזע געמורמעלט ארויס שטעקענדיג איהרע נאקעטע הענד דורך דעם פענסטער און דער פרישער און קיהלער נאכט־לופט.

פון דאמאלס אן האט שוין יוליאן געשפיעלט יעדען אבענד. דורך זיין פלייט האט ער אויסגעגאסען זיין גאנצע זעלע פון שמערץ, ערגער, וועהמוטה און פער־צווייפעלטע האפנונגסלאזע ליעבע.

דיא מעלאדיען האבען אויסגעזעהען זיך צו פערמישען מיט דער טרוימענדע נאכט און זייא האבען געקלונגען אזוי צארט און מילד, וויא דיא אונשולד זעלבסט.

טהערעזע ווידער האט פערשטאנען, אז דאס ווערט געשפיעלט צוליעב איהר. זיא האט זיך א פאאר מאל אינטערעסירט און אויסגעפונען ווער עס שפיעלט, און האט קיין פראטעסט ערהויבען, אז דאס שטערט איהר שלאף. אין געגענטהייל, זיא פלעגט זיך נאך אויפהייבען פון בעט, צוגעהען צום פענסטער און הערען דיא מוזיק דייטליכער.

אזוי זיינען פאראיבער מעהרערע נעכט, ביז יוליאן האט אמאל געהערט דיא שטימע פון דער אלטער פרוי:

„אך, פריילין, איהר וועט זיך פערקיהלען. פערמאכט דאס פענסטער."

דאס פענסטער האט זיך געשלאסען.

יענע נאכט האט ער זעהר ווענינ געשלאָפען. גאנץ פריה, נאך פאר 6 אוהר, איז ער אויפגעשטאנען, אום צו געהען צו זיין ארבייט. ער האט אומגעווענדעט זיין געזיכט צו טהערעזע'ס פענסטער און געזעהען ווי די פאָרהענגע האבען זיך אויפ־געהויבען. דאן האט ער ערבליקט דאס מעדכען, וועלכע איז זאָנסט ניט אויפגע־שטאנען פאר 8 אוהר.

זיא איז געשטאנען אין איהר באדע־מאנטעל, די האאר אויפגעפלאָכטען און צערוואָרפען נאכלעסיג איבער איהר נאקען.

מיט זיין בעסטען ווילען זיך אָבצורווענדען פון דעם פלאטץ, האט יוליאן זיך ניט געקענט ריהרען. ער האט זיא בעטראכטעט און אויך זיא האט צו איהם געקוקט שטילשווייגענד.

איהם האט זיך געדאכט, אז זיא בעוואונדערט זיין העסליכקייט.

יא, עס איז געוועזען דאס ערשטע מאל וואס ער האט זיא געזעהן בייא טאגעס־ליכט. זיא איז געוועזען וואונדערבאר שעהן, פיעל שעהנער זאָגאר ווי זיין פאנטאזיע האט איהם פאָרגעשטעלט, אָבער דאָך האט ער אין איהר ניט ערבליקט די צערט־ליכקייט און מילדקייט וואס ער האט ערוואַרטעט.

טהערעזע, מיט איהר גאנצער שעהנהייט, האט אויסגעזעהען צו טראגען אויף איהר געזיכט א קאלטען און שטאָלצען אויסדרוק פון בעזקייט און צאָרן, און איהרע רויטע ליפען האבען פאָרגעשטעלט עפּעס טהיערישעס...

זיא האט איהם בעטראכט מיט דערזעלבער נייגיעריגקייט, גראדע ווי זי א וואָלט ערבליקט א מערקווירדיגען הונד וואס האט צוגעצויגען איהר אויפמערקזאמ־קייט. א שפּאָטישער קאלטער אויסדרוק אויף איהר בלאַסעס געזיכט האט געשלאָסען דיעזע בעטראכטונג, דאן האט זיא זיך אָבגעווענדעט און איז אוועק.

יוליאן האט געציטערט אין זיין גאנצען מעכטיגען קערפּער, און זיך לאנגזאם געזעצט אויף'ן שטוהל. פון זיין ברוסט האבען זיך ארויס געריסען דיעזע ווערטער:

„מיין גאָט! מיין גאָט! וויא זיא האסט מיך... און איך? אך, גרויסער גאָט! ווארום האסטו מיך אזוי געשטראפט?... איך ליעב זיא... עס איז מיין טויט!“

ער האט זיך אָנגענומען מיט ביידע הענד בייא זיין קאָפּ און געוויינט. ווארום האט ער זיך געציינט? ווארום, ווען ער איז אזוי מיאוס, האט ער זיך געוויזען פאָר איהר?

אין יענעם אוינענבליק, האט יוליאן זיך זעלבסט געהאסט פאר זיין העס־ליכקייט.

איהם איז פארגעקומען, אז ער דארף זיך פערבארגען וויא א נאכט־פויגעל, וועלכער ערפרייט דיא הערצער בלויז מיט זיין שטימע אבער ניט מיט זיין געגענ־ווארט.

„פיעללייכט," האט ער זיך געטראכט, „ווען זיא וואלט מיך ניט געזעהען, וואלט זיא געדעכענט, אז איך בין א שעהנער און זיא וואלט מיך געליעבט בלויז דורך מיין פלייט־שפיעלען?"

אזוי זיינען פאראיבער נאך עטליכע טעג אין דער גרעסטער פערצווייפלונג. יוליאן האט געשפיעלט יעדען אבענד אין דער פינסטער, און זיין מוזיק איז יעדעס מאל געווארען ריהרענדער, שמערצהאפטער און ביטערער.

אין איין אבענד, האט ער געשפיעלט אזוי טרויעריג און אזוי קלעגליך, אז איהם זעלבסט האט זיך געדאכט, אז ער זעהט זיין הארץ צעררייסען און פון דארט טריפט זיין בלוט צום טאקט פון דער מוזיק. אבער גראדע דאמאלס האט ער גע־הערט איהר שטימע.

איהר שטימע!

„מיין גאט!" האט זיא געשריען, „דיעזע שלעכטע פלייט־מוזיק גרייפט אן מיינע נערווען!"

מעהר האט ער ניט געשפיעלט.

דער קליינער קאלומבעל האט אויף'ן אנדערן טאג געפונען א נייע געלעגענ־הייט פון איהם צו שפאטען און חוזק מאכען.

וואס איהם האט נאך מעהר געקרייגקט, איז געווען, וואס ער האט גע־וואוסט, אז דיעזער קליינער קאלומבעל, קומט אריין זעהר אפט צו דער פאמיליע מארזאן און ער זעהט זיא זעהר אפט.

ניין, עס איז ניט געווען דערפאר, ווייל ער איז אויף איהם געווען אייפער־זיכטיג, אבער בלויז דערפאר, ווייל ער האט זיך געוואונשען צו געניסען וועניגסטענס איין שטונדע אין איהר געגענוווארט, אדער צו פערטרעטען קאלומ־בעל'ס שטעלע.

פראנציסקא, קאלומבעל'ס מוטער, וועלכע איז געווען דיא אמע פון דעם אדעלינען פריילין, האט זיך יעטצט שטארק פעראינטערעסירט, וויעדער אריין צו ברענגען איהר זוהן אין דעם אדעלינען הויז און ערנייערן צווישען איהם און דאס מעדכען, דיא פריינדשאפט פון זייער פריהער יוגענד.

אויב קאָלומבעל האט זיך עפּעס געמערקט איבער יוליאַן'ס געפיהלע, וועט פערבלייבען א געהיימניס, אָבער עס איז א טהאטזאכע, אז יעדעס מאל וואס ער האט איהם בעגעגענט, האט ער איהם געלאכט אין דיא אויגען מיט אזוי פיעל שפּאָט, דאס יוליאַן האט געשפּירט, אז קאָלומבעל וויס פון אלע זיינע פערצווייפעלטע ליעבעס־געדאנקען.

מיט דער צייט האט יוליאַן'ס אייפערזוכט אויך געוואקסען, דאַמיט וואס ער האט איינגעזעהען, אז קאָלומבעל, נאך אלעמען, אויסער דעם וואס ער איז קליין געוואקסען, איז ער גאר ניט אזוי מ׳אוס — וועניגסטענס פיעל שעהנער אלס ער, און... אך! יוליאַן האט געשפּירט, דאס ווען עס זאָל זיך איהם מאַכען נאך א געלעגענהייט, צו בעגעגענען קאָלומבעל'ן, וועט ער איהם אזוי איינדריקען זיין האלז, אז ער וועט שוין פערשפּארען צו געהען אזוי אָפט בעזוכען טהערעזע'ן.

דערווייל האט אָנגעפאנגען צו ווערען זעהר מונטער אין דעם פּאלאסט געגענאיבער; מען האט אָפט געגעבען בעללער, באנקעטען, קאָנצערטען און אנדערע אונטערהעלטונגען.

אָבער יוליאַן, פערביטערט און פערצווייפעלט, פלעגט יעדען אבענד שטעהען נעבען זיין פענסטער, און קוקען בעשטענדיג אריבער צום פענסטער פון פּאלאסט, אום צו ערבליקען דיא ליעבליכע געשטאלט פון טהערעזע'ן. ער האט זיא לעצטענס זעהר זעלטען געזעהען אהין צוקומען.

אין איין אבענד, האט ער, צו זיין בעדויערן, בעמערקט וויעדער דעם לאָדען פערמאַכט איבער דעם פענסטער. אלעס איז געוועזען דונקעל און שטיל; קיין זאך האט זיך בעוועגט.

ער האט דערבייא געפּאסט מעהר מוטה, בעסער געעפענט זיין פענסטער, און אריבער געבויגען א האלבען קערפּער אויבער דעם פענסטער, אום ער זאָל קענען קוקען אין פערמאַכטען לאָדען.

פּלוצלינג האט זיך דער לאָדען פון טהערעזע'ס צימער וויא אויפגעריסען. יוליאַן האט אויפגעציטערט. אזא פּאסירונג איז געוועזען א זעלטענהייט.

יוליאַן איז געבליעבען אזוי הייגגען איבער זיין פענסטער גאנץ בעוועגונגסלאָז. אונווילקעהרליך האבען אָנגעהויבען צו לויפען דיא טרערען פון זיינע אויגען.

דאן האט זיך דאס פענסטער פון טהערעזע'ס צימער אויף א מאל געעפענט מיט א גרויסער העפטיגקייט, און פאר זיינע אויגען איז ערשיענען איהר געזיכט.

זיא, טהערעזע, איז געוועזען אזוי בלאס, גלייך וויא איהר גאנצעס געזיכט וואלט געוועזען קרייד. איהרע אויגען זיינען געוועזען שטארק געעפענט און אונגעוועהנליך

גרויס. דיא האאר האבען אונרעגעלמעסיג אריבער געהאנגען איבער איהרע שולטערן.

זיא האט זאפארט געריכטעט איהר בליק געגענאיבער צו יוליאנען און איהם בעטראכט מיט א פעסטען בליק עטליכע סעקונדען. דאן האט זיא אויפגעהויבען איהרע צעהן פינגער צום מויל און איהם צוגעווארפען קיססע עטליכע מאל.

יוליאן איז געווען אויסער זיך פאר איבערראשונג. איהם האט זיך אנפאנגס געדאכט, אז דאס איז איינע פון זיינע ליעבעס חלומות, נאר אלס זיא האט עטליכע מאל ווידערהאלט דיא הענד־קיססע, האט ער צוגעפרעסט דיא הענד צו זיין ברוסט און וויא געפרעגט אויב דאס געהערט איהם.

טהערעזע, וויא עס שיינט, האט געגלויבט, אז ער וויל צוריק טרעטען. זיא האט זיך דערפאר ארויס געבויגען מעהר פון דעם פענסטער, נאך אמאל צוגעלייגט דיא פינגער צו איהרע רויטע ליפען און איהם ווידער צוגעווארפען ליעבעס־קיססע.

צו זאגען, אז יוליאן איז געווען איבערראשט, וואלט דאס געווען א צו שוואכער אויסדרוק. ער האט איינפאך ניט געוואוסט, אויב ער לעבט אדער ער איז געשטארבען.

איהם? יוליאנען? דעם העסליכען יוליאן ווארפט צו דיא שעהנע און געטטליכע טהערעזע ליעבעס־קיססע? ער האט זיך עס אום קיינעם פרייז ניט געקענט גלויבען.

אונטערדעססען האט נאך יוליאן בעמערקט, אז זיא גיבט זיך אלע מיה איהם צו איבערצייגען, אז זיא מיינט איהם און פיר איהם אליין זיינען דיא ליעבעס־קיססע. דאן האט ער געהערט איהר שטימע גאנץ דייטליך:

„קומט אהער! גו קומט שוין!“

איז דאס דיא שטאלצע טהערעזע פאן מארזאן? איז דאס דיא וואונדערבארע שעהנהייט, וועלכע ער האט אנגעבעטעט אין דער שטילקייט פון זיין הערץ? און זיא רופט איהם?

אונמעגליך!

יוליאן האט זיך געטראכט, אז דיא שטאלצע שעהנהייט מאכט פון איהם חוזק. דאן האט ער נאך אמאל געהערט איהר שטימע:

„אלזא, ווילט איהר ניט אריבער קומען?“

יעדער צווייפעל איז פערשוואונדען. איהר טאן האט איהם ערשטוינט

איבערצייגט, אז זיא שפּאַטעט ניט פון איהם, און דאַן, אז דאס אַלעס איז אַ ווירקליכקייט.

זאָ שנעל וויא ער איז געוועזן זיכער דאריבער, איז ער צוריק געשפּרונגען פון דעם פענסטער און איז אַרונטער געפלויגען דיא טרעפּען.

דאַן איז ער אַרויס אויף דער גאַס און אָנגעפאַנגען אַריבער צו געהען.

וויא ער האט אויפגעהויבען זיינע אויגען, האט ער געזעהען דעם טויער זיך עפענען. עס איז געוועזן דערזעלבער טויער, וועלכען ער האט שוין לאַנג גערעכענט אַלס איינגעראָסטעט.

מיט אַ קלאַפּענדעס הערץ איז יוליאַן ווייטער געגאַנגען און איז אַריין אין הויף פון דעם פּאַלאַסט. דער טויער האט זיך דאַן ווידער צוגעמאַכט.

פון דער דונקעלהייט האט ער געמערקט אַ פיגור צו איהם צו שוועבען. עס איז געוועזן אַ פרויען־פיגור. דאַן האט ער געשפּירט אַ קליינע, ווייכע און וואַרעמע האַנד אָנגעהמענדיג זיין האַנד און איהם אַריין געפיהרט אין אַ קאָרידאָר, און פון דאָרט איז ער נאָכגעגאַנגען אויף טרעפּען.

ענדליך איז ער אַריין געפיהרט געוואָרען אין אַ צימער.

ער האט דערקענט דאסזעלבע צימער, וועלכעס ער האט אַזוי פיעלע מאַל שוין געזעהען דורך זיין פענסטער. ער האט אויך דערקענט דיא פאָרהענגע, דאַן דאס בעט מיט דיא פאָרהענגע פאַר'ן בעט, און אויך דיא שעהנע פּאָלירטע הילצערנע קאָמאָדע און דעם גרויסען שראַנק מיט קליידער.

ביי דער וואַנט האט ער יעטצט בעמערקט אַ שפּיעגעל, וועלכען ער האט פון זיין פענסטער ניט געקענט זעהען.

אין מיטען, פון דער סטעליע, האט אַרונטער געהאַנגען אַ גרויסער לאָמפּ, וועלכער האט פון זיך געוואָרפען בלאַסע שטראַהלען.

אָבער יוליאַן איז געוועזן פערווירט, אַלעס האט איהם אויסגעזעהען וויא אַ חלום, ביז ער האט דערשפּירט טהערעזע'ס האַנד אין זיינער, וועלכע איז פּלוצלינג קאַלט געוואָרען וויא אייז.

דער ערשטער איינדרוק איבער איהם איז געוועזן, אז ער געפינט זיך אין גן־עדן, און דער גערוך פון דיא פּאַרפומען אין צימער, האבען איהם וויא בערוישט. דאַן האט ער זיך דערמאָהנט אביסעל וואו ער איז אין דער וועלט, און ער האט געוואָלט פאַלען טהערעזע'ן צו דיא פיס, און זיא אָנבעטען וויא אַ נאַס.

וואס איהם האט אָבגעהאלטען דאס צו טהון, האט ער זיך אליין ניט געקענט ערקלערען. פלוצלינג האט ער אָבער דערשפּירט עפּעס איין אונבעקאנטע שרעק און זיין גאנצער קערפּער האט א ציטער געטהאָן.

טהערעזע האט אָבגעלאָזען זיין האנד און האט זיך אוועק געשטעלט געגענ־איבער איהם. איהר רונדער בוזעם האט זיך געהויבען מיט שווערע אטהעם־ציגע, און יוליאַן האט זיך דערמאָהנט אן דיא וועללען פון דעם שאַנטעקליר בייא א שטורם־צייט, אז זייא האבען אויך אזוי זיך געוואָרפען.

יוליאַן האט בעמערקט, אז טהערעזע שוידערט, נאָר זיא וועגדעט אן אלעס מעגליכע, זיך צו בערוהיגען. ארום איהרע שעהנע רויטע ליפּען, האט זיך געצייגט וויא א פערביטערטע און גיפטיגע מיענע, און דיא ליפּען אליין האבען געצוקט וויא אין א קראמפּף.

אונטערדעסען אָבער, האט זיך איהר הויכע פיגור אויסגעשטרעקט, און זיא האט צוזאמען געלייגט איהרע הענד איבער איהר שטירמישען בוזעם.

אזוי איז זיא געבליעבען שטעהען אויף היבשע עטליכע סעקונדען, און איהם געקוקט אין געזיכט און אין דיא אויגען, גלייך וויא זיא האט געוואָלט דורכדרינגען זיין אינערסטע זעעלע.

וואס זיא האט דאָרט געלעזען אין זיין געזיכט און אויגען, האט עס איהר פאָלקאָמען בעפריעדיגט, דען זיא האט עס באלד געצייגט אויף איהר אייגענעם געזיכט, וואס האט זיך אָנגעהויבען שטארק צו בערוהיגען.

איהרע בלייכע באקען האבען וויעדער אמאל אָנגעפאַנגען אָנצונעהמען א געזונדע און עטוואס מונטערע פארב, איהרע אויגען האבען נאך אמאל אויפגעגלאַנצט געהיימניספאָל, און איהרע רויטע ליפּען האבען זיך געעפענט, פון צווישען וועלכע עס האט זיך ארויס געוויעזען צווייא שורות זעהר ווייסע צייהן.

דאן איז אַריעבער וויא א שטילער און פערעכטליכער שמייכעל איבער איהרע שעהנע ליפּען, און זיא האט געמורמעלט:

„ליעבט איהר מיך?“

א דונערשלאַג בייא א קלארען הימעל, וואָלט יוליאַנען וועניגער דערשראָקען און איבערראַשט וויא דיעזע פראַגע. אָהנע צו וויסען וואס ער זאָל טהון, האט ער בעמערקט, אז זיא שטעהט און ערוואַרטעט איין ענטפער. ער האט אַרויס גע־שטאַמעלט:

„מיין פריילין...“

„איך בעט אייך, אָהן קונסטען און אָהנע שעהנע ווערטער,“ האט זיא איהם שארף אונטערבראָכען. „ענטפערט נאָר קורץ און גראד: ליעבט איהר מיך?“

דיא הערליכע פיגור פון טהערעזע׳ן האט אויסגעזעהען וויא א געטטין, און יוליאן האט ווידער ארויס געשטאמעלט:

„איך ליעב אייך, יא, פריילין פאָן מאַרזאָן, פיעל מעהר וויא איך קען זאגען. איך האב אייך געליעבט און געליטען, געליעבט, מיין גאָט...“

מיט א מאך פון איהר האנד, האט זיא איהם ניט געלאָזען וויטער רעדען. איין אויסדרוק פון ווילדער ענטשלאָסענהייט איז אריעבער געפלויגען איבער איהר שעהנעם געזיכט. דאן איז זיא צוגעגאנגען גאנץ נאהענט צו איהם און ארויף געלייגט איהרע ביידע הענד אויף זיינע שולטערן. איהר געזיכט האט זיא צוגעלייגט גאנץ נאהענט צו זיינעם, און פון צווישען איהרע צייהן האבען זיך ארויס געריסען פאָלגענדע ווערטער:

„און ווען איך וועל מיך אייך איבערגעבען, וועט איהר פאר מיר אלעס טהון?“

ער האט איהר ניט געקענט ענטפערן, און ער האט בלויז געבראָכען זיינע הענד.

אך! האט ער זיך געטראכט, בלויז פיר איהר איין קוש, וואלט ער זיך אוועק געגעבען מיט לייב און זעעלע אפילו צום טייפעל!

„אלזאָ גוט!“ האט זיא געזאגט, גראדע וויא זיא וואָלט שוין פון איהם ער־האלטען איין ענטפער. „איך פערלאנג פון אייך א טובה.“

ער האט נאך אימער ניט געקענט עפענען זיין מויל, און זיא האט וויטער געזאגט:

„גוט, גוט, אָבער איהר מוזט פאר אלעמען שווערען...“

„איך שווער, איך שווער,“ האט ער געמורמעלט, „אלעס וואס איהר ווילט וועל איך טהון.“

„נו, שנעל, אלזאָ, שווער שוין, זאָפאָרט!“

„אָה, איך שווער, צו אלעס, צו אלעמען וואס איהר ווילט, קיין זאך זאָל מיך צוריק האלטען!“ האט ער אויסגערופען בעגייסטערט.

ער איז געוועזען מעהר וויא בעזויפען; איהר ווארעמער אטהעם געבען זיין מויל, האט אלע זיינע קרעפטען בערויבט. דאן האט זיא איהם אָבגעלאָזען און זיך אָבגע־ווענדעט, אָבער נאך אימער קוקענדיג צו איהם, האט זיא אויפגעהויבען איהר האנד און אָבגעווענדעט דעם פאָרהאנג פון איהר בעט.

דאס בעט איז געווען אין א גרויסער אונאָרדנונג. דארויף איז געלעגען אויס־געשטרעקט א קערפער. דער קערפער פון א מאן מיט נאַקעטע פיס.

„דאָ,“ האט זיא געזאגט מיט א שטיקענדער שטימע, „דיעזער מאן איז געווען מיין ליעבהאבער... מיין ליעבהאבער, פערשטעהט איהר? איך האב איהם אומגעוואָרפען, וויטער ווייס איך ניט, ער איז טויט... און איהר ועט איהם מוזען אוועק טראגען פון דאנען. פערשטעהט איהר? אוועק טראָגען, גאנץ ווייט... איהר פערשטעהט דאָך וואס איך מיין?... אָט דאס וויל איך!“

3.

ווען טהערעזע פאָן מארזאן איז נאך געווען גאנץ קליין, האט זיא געהאט דאס גרעסטע פערגניגען צו מארטערן און פלאגען איהר קליינעם מילך־ברודער, קאָלומבעל.

קאָלומבעל איז עלטער געווען פון טהערעזע׳ן מיט 6 וואָכען, און זיין מוטער האט איהם אויפגעצויגען מיט א פלעשעל, וויל דיא מילך, זיין מילך, האט זיא בעדארפט געבען פיר טהערעזע׳ן.

דאן איז קאָלומבעל אויפגעוואקסען אין הויז, האלב אלס דיענער און האלב אלס שפיעל־קאמעראד פון טהערעזע׳ן.

טהערעזע איז געווען א שרעקליכעס קינד. זיא איז גראדע ניט געווען ווילד און אונגעלומפערט וויא עס מאכט זיך צווישען קינדער, אין געגענטהייל, זיא האט אימער געוואוסט וויא ארויס צו רופען געגען זיך א געוויסען רעספעקט בייא אלע בעזוכער. זיא האט זיך פאר יעדען געניינט און האט געצייגט פון קינדהייט אויף דיא ערציהונג פון א שפעטערער עדעל־דאמע.

אָבער זיא האט טראָטץ דעם אלעמען, געהאט שוידערהאפטע איינפעלע. ווען זיא איז געווען אליין, האט זיא געקענט פלוצלינג, פון דער הסכר הויט, אָנ־פאנגען צו שרייען וויא א ווילדע חיה, קלאפען מיט דיא פיס און גראבלען מיט דיא נעגעל וואס זיא האט געטראָפען. אמאל האט זיא זיך אוועק געלייגט אין מיטען וועג פון דעם גארטען, און כאָטש צוהאק זיא, האט זיא זיך ניט געוואָלט אויפ־הייבען.

קיינער האט ניט געקענט טרעפען וואס זיא האָט געטראכט. דאכט זיך א קינד האט אימער, אין דיא אויגען, איין ארט שפיגעל פון דער זעעלע, אָבער אין טהערעזע׳ס קינדער־אויגען, אָבוואָהל זעהר שעהנע און אנציהענדע, האט מען קיין

קינדער־מידלקיים געקענט לעזען, און אלעס ארום איהר האט אויסגעזעהען אומגע־
וועהנליך און געהיימניספאל.

ווען זיא איז אלט געוואָרען זעקס יאָהר, האט זיא שוין אָנגעפאנגען צו
מארטערן און פּלאגען דעם קליינעם און שוואכען קאָלומבעל.

טהערעזע האט געהאט א טבע, צו נעהמען דאס קינד, איהר חבר, ארויס
וויט אין גארטען אונטער דיא קאסטאניען בוימער, וואו יעדער צוטריט איז געוועז
פערשטעלט מיט דיקע און לאנגע צווייגען. דאָרט פלעגט זיא ארויף שפּרינגען אויף
זיין רוקען, און איהם אומוואָרפען אויף־אלע־פיער. דאן האט זיא איהם געהייסען, ער
זאָל איהר טראגען.

אזוי רייטענדיג, האט זיא געקענט אָבזיטצען א גאנצע שטונדע און נאך
מעהר, און וועהרענד דעם, האט זיא דעם ארמען קאָלומבעל געוואָרגע, געקניפּען
און געשלאגען מיט איהר קנאָפּעל אין זיינע פיס און אין בויך. זיא האט איהם קיין
צייט געגעבען זאָגאר צו כאפּען דעם אטהעם.

ער איז געווען דאס פערד און זיא דיא הערדין־רייטערין!

ווען ער האט שוין מעהר קיין כח געהאט זיך צו האלטען אויף זיינע פיסלעך
און הענטלעך, און טהערעזע האט דאס בעמערקט אין זיין מיעדקייט, פלעגט זיא
איהם אָנכאפּען מיט איהרע צייהן בייא איין אויער, און אזוי לאנג בייסען, ביז ער
האט זיך וויעדער דערמינטערט און וויטער געלאָפען. צו דיעזער צייט, האט זיא
אויך איינגעראָבען איהרע נעגעל אין זיין לייב און איהם קלאַפּענדיג מיט דיא פיס
אין בויך, האט זיא געשריען: „הי! הי!“

דאס האט טהערעזע אימער געטהאָן, ווען קיינער איז דערבייא ניט געווען,
אָבער ווען איהרע עלטערן האבען זיך געוויזען, האט זיא גלאט געהאט דאס פער־
גניגען, צו צוזעהען נאהענט נעבען קאָלומבעל'ן און איהם געבען אזא קניפּ, אז ער
פלעגט אויסשרייען מיט שמערץ.

אָבער נאך אזא סצענע, האט ער שוין מעהר ניט געשריען, דען טהערעזע
האט איהם נאכהער שרעקליך געשלאגען און אָנגעזאגט, אז וואס זיא וועט איהם
טהון, מוז ער שווייגען. יא, קאָלומבעל האט שוין געשוויעגען, און טהערעזע האט
איהם נאכהער געשטאָכען מיט שפּילקעס, און ער האט אפילו קיין קרעכץ ניט
געגעבען.

ווען זיא האט איהם וויעדער אמאל געפּאַקט אליין, פלעגט זיא איהם
אזוי זאגען:

„הער אויס, קאָלומבעל, איך וועל דיך שלאָגען, מארטערן, שטעכען און ציפּען, אָבער דוא זאָלסט קיינעם ניט דערצעהלען, וויל איך וועל דיך ארויס ווארפען פון מיין הויז, און דוא וועסט שוין קיינמאל מעהר ניט זעהען דיין מאמע!

ווען טהערעזע איז געווען אליין מיט קאָלומבעלין, האט זיא איהם בעטראכט ניט מעהר וויא א שפּיעלצייג, און זיא האט איהם געוואָלט צערשניידען, גראָדע וויא קינדער טהון מיט פּופּען, אום צו זעהען וואס עס טהוט זיך אינווענינ. איברינענס, האט זיך טהערעזע געטראכט, קען זיא מיט איהם טהון וואס זיא וויל, וויל ער איז איהר איינענטהום.

טהערעזע האט גאנץ גוט געוואוסט, אז קאָלומבעל איז נאָר דאפיר דאָרט אין הויז, וויל מען זוכט איהר צו פערשאפען פערגניעגען, און פאָלגליך, איז קאָ־לומבעל׳ס גאנצעס לעבען איהר איינענטהום און זיא קען טהון מיט איהם וואס זיא וויל.

אויף דיעזער ארט, האט זיא בעהאנדעלט דאס ארמע קינד אזוי גרויזאם, אז ער פלעגט מאנכע מאל צוזאמען פאלען און מעהר קיין קראפט האבען אויפצו־שטעהען. אָבער ער האט געשוויעגען, זיך ניט בעקלאגט, און זיינע בלאסע בעקעלעך און שרעקעדינער בליק, האבען ניט דערצעהלט מיט ווערטער איבער דיא מאר־טערניסע וואס ער איז אויסגעשטאנען.

אָבער טהערעזע׳ן פלעגט אויך נמאס ווערען איהם צו פלאגען ווען קיינער איז ניט געווען, און זאָ האט זיא איהם אָבגעריכטעט, ער זאָל קיין קרעכץ ארויס געבען ווען זיא האט איהם געקניפּען און געשטאָכען אין דער געגענווארט פון אנדערע.

קאָלומבעל האט ערטראגען דיעזע מארטערנים מיט איין אינערע וואוטה. ציטערענד פאר אויפרעגונג איז ער איינינע מאל צוריק געשפרונגען, נאכדעם א וואונש האט זיך אין איהם ערוועקט זיא צו דערווערגען.

אָבער, נאך אלעמען, איז קאָלומבעל געווען א מערקווירדיגעס קינד. מאנכע מאל האט ער זעלבסט דערצו געפיהרט וואס זיא זאָל איהם קנייפּען, אויף איהם זיך זעטצען רייטענדיג, און ער האט דערפון געהאט פערגניעגען. דיעזעס פערגניעגען האט אָנגעהאלטען אזוי לאנג, ביז דיא מארטערניסע זיינען שוין געווען אונערטרעגליך און זיין צאָרן האט זיך אין איהם ערוועקט.

א פּאאר מאל, אונטער זאָלכע אומשטענדען, האט ער זיך אויך גוקם געווען און איהר, דאָמיט וואס ער האט זיא ארויף געשלעפּט אויף שטיינערדיגע ערטער

און איז מיט איהר ארונטער געפאלען. ער האט מאקי געקריגען א בייל אדער צוויא, אבער זיא איז אויך דערפון נים לויז געווארען.

אזוי האט געדויערט א לאנגער קאמפף צווישען דיאביידע קינדער, וועלכער האט זיך געענדיגט ערשט שפעטער מיט מעהרערע יאהרען.

דער מארקיז, וועלכער איז געוועזן א רוהיגער און געלאסענער מענש, האט אונטערדעסען ענטדעקט דעם ריכטיגען כאראקטער פון זיין טאכטער, און איהר גרויזאמקייט, האט איהם געשווידערט.

מען פלעגט זאגען, אז טהערעזע איז געראטהען אין איהר אנקעל, וועלכער האט אבגעפיהרט א שרעקליכעס אויסגעלאסענעס לעבען אין מעהרערע גרויסע שטעדט, און אבוואהל ער האט איבעראל צוריק געלאזען א נאמען אלס א קאַוואליער אין אויסערליכען לעבען, האבען אבער פיעל געוואוסט, אז ער איז אינערליך דיא פערדארבענהייט זעלבסט.

דיעזער אנקעל האט ליעב געהאט זיך אריין צו ווארפען אין א ים פון אויסגעלאסענהייט, זיך קיינמאל נים צוריק געשראקען פאר געוואלט־טהאטען, אבי זיין קאפריז דורכצופיהרען, און ער האט נים נאר איין פערברעכען בעגאנגען אין געהיים, וועלכעס ער האט געוואוסט וויא צו פערשטיקען. מיט איינעם ווארט, דיעזער אנקעל איז געוועזן א מענש, פאר וועלכען יעדער האט זיך בעדארפט היטען.

ווען ער איז געוועזן אין א שטאדט און ענטדעקט, אז מען האט שוין אויסגעפונען אלעס איבער זיין וואהרען כאראקטער, איז ער באלד פערשוואונדען געווארען, דאמיט זיין וויסטעס לעבען פארטצוזעטצען אין איין אנדערע שטאדט.

אויף דיעזער ארט, האט ער נים נאר פראנקרייך, זאנדערן אויך איטאליען, שפאניען, דייטשלאנד און ענגלאנד בעזוכט, און ווען ער האט ענדליך צוריק געקעהרט אהיים, איז ער שוין געוועזן א גרייז־גרויער מענש, וואס איז אלט געווארען אין פערברעכען און אויסגעלאסענהייט.

דאן האט ער זיך גענצליך צוריק געצויגען פון דער וועלט, און געלעבט גאנץ אליין פיר זיך.

מען האט איהם גערופען: א זאנדערבארער מענש! אבער דערמיט האט זיך נים אלעס געענדיגט.

אונטערדעסען, פלעגט ער מעהרערע מאל ארויס געהען פון זיין צוריקגעצויגענהייט, וויעדער ערשיינען אין א ניעדריגערע קלאסע צו וועלכער ער האט נים געהערט, און דארט האט ער צייט־צו־צייט בעטריעבען זיינע פערברעכערישע געמיינהייטען אונטער עהנליכע לומפען וויא ער איז געוועזן.

דאס איז שוין געווען זיין נאטור, און עס איז איהם אונמעגליך געווען זיך אב־צוגעוועהנען דערפון.

אָבער דאס שפּריכוואָרט זאגט: „דער קרוג געהט אזוי לאנג צום ברונען, ביז ער ווערט צובראָכען," און אזוי האט עס פּאסירט, וואס אויף זיינע נאכט־בעזוכען האט ער זיך אמאל צוזאמען געטראָפען מיט לייטע פון זיין גלייכען, און אין א שעהנעם פריהמאָרגען האט מען איהם געפונען נעבען דער שטאדט טויט, ערמאָרדעט.

דער מארקיז, פאן מארזאן איז געווען א קלוגער מענש, און ער האט אויסגע־פונען איין עהנליכקייט אין כאראקטער צווישען זיין טאָכטער און זיין לומפּינגען שוואָגער. ער האט דאס קינד שטודירט א היבשע צייט, און זיך איבערציינגט, אז זיא האט א שרעקליכען כאראקטער. ער האט ניט נאָר איינמאל אויפגעשווידערט איבער איהרע טהאטען און ער האט אָנגעפאנגען זיך צו אינטערעסירען מיט דיא איבריגע מיטגליעדער פון זיין פרוי'ס פאמיליע.

ער האט אויסגעפונען, אז ניט נאָר טהערעזע'ס אָנקעל איז געווען פון א שרעקליכען כאראקטער, זאָנדערן אנדערע מיטגליעדער פון דערזעלבער פאמיליע, האבען געטראגען עהנליכע סטעמפּלען אויף זייערע זעעלען. אייניגע זיינען גע־שטאָרבען אויף'ן גאלגען, אנדערע זיינען משוגע געוואָרען און א טהייל האבען בע־גאנגען זעלבסטמאָרד.

הויפּטזעכליך אָבער, האט זיך זיין ווייב'ס פאמיליע אויסגעצייכענט אין שמוטציגער אויסגעלאסענהייט: דיא מענער האבען געפיהרט אונגליקליכע פרויען־צימער, און דיא פרויען האבען געלעבט מיט פרעמדע מענער.

דיא מארקיזין איז אונטערדעסען געווען א גאנץ אנשטענדיגע און רוהיגע פרוי. דער מארקיז האט דאס גאנץ גוט בעמערקט, און ער האט זיך אזוי גע־טראכט:

„דיא פערברעכערישע ירושה פון עלטערן צו קינדער, האט ביי מיין פרוי געמאכט איין אויסנאהמע, און זיא איז געבליבען פרייא פון דיעזער שוידערהאפטער נאטור אין דער פאמיליע. דאגעגען אָבער, אויב איך האב ניט קיין אירטהום, רופט זיך יעטצט אב דאס פערברעכען אין מיין טאָכטער."

ער האט לאנג געדענקט וואס ער קען מיט איהר טהון, און ער האט ענדליך בעשלאָסען איין צו געבען טהערעזע'ן אין א קלויסטער, צווישען דיא נאָנען, וואו זיא זאָל געניעסען א שטרענגע ערציהונג אונטער דער איינפלוס פון רעליגיאָן.

ער איז אין א מאָנ אוועק נעפאָהרען אין א בעקאַנטען קלויסטער און נעהאט א לאַנגע אונטערעדונג מיט דער הויפט־נאָנע. דיעזע איז געווען זעהר א שטרענגע רעליגיעזע פרוי און הערענדיג איבער טהערעזע'ס ווילדען כאַראַקטער, האט זיא אנפאנגס געוואָלט צוריק ווייזען דעם וואונש פון דעם מאַרקיז, אויפצונעהמען טהערעזע'ן אין קלויסטער. זיא האט מורא געהאט, אז אזא ווילדעס קינד וועט פערדערבען אויך אנדערע קינדער וואס האבען זיך געפונען אונטער איהר בע־אָבאַכטונג.

דער מאַרקיז האט זיך געמערקט אין איהרע מיענען, אז זיא איז אונצופריעדען מיט אזא שילערין, און ער האט שוין פערשוויעגען דיא טהאַטזאַכע איבער זיין פרוי'ס פאַמיליע, וועלכע ער האט אנפאנגס בעשלאָסען צו דערצעהלען דער נאָנע. דאַן האט ער אָנגעבאָטען אויף א גרויסע סומע געלד, און ערקלערענדיג, אז טהערעזע, נאך אַלעמען, האט אין זיך דיא בענעהמונג פון א דאַמע, האט דיא נאָנע איינגע־שטימט.

טהערעזע איז אויף דיעזער אַרט אריין געגעבען געוואָרען אין א קלויסטער און זיא האט דאָרט ווירקליך גענאָסען זעהר א שטרענגע, אָבער גוטע ערציהונג.

דיא הויפט־נאָנע האט זיך מיט איהר ספּעציעל אָבגעגעבען און זיא האט זיך אין א קורצער צייט איבערציינט, אז טהערעזע איז א פערשטענדיגעס קינד און הערט וואס מען זאגט איהר.

אזוי איז טהערעזע פערבליעבען אין קלויסטער ביז צו איהר 18־טעס יאָהר, און ווען זיא איז אהיים געקומען, איז זיא געווען הויך געוואַקסען לויט דער נאַטור פון דער פאַמיליע מאַרואַן און פאַרגעשטעלט א וואונדערבאַרע שעהנהייט.

דיא שטרענגע רעליגיעזע ערציהונג האט פון איהר געמאַכט א זאַנפטע און צערטליכע יונגע דאַמע, און דער מאַרקיז, זיך דאס מערקענדיג, האט ער זיך זעהר געפרייט.

איהר פרומקייט איז געווען ערנסט און אויפריכטיג. ווען זיא איז געקומען אין קירכע, איז זיא געזעסען מיט אַרונטער געלאָזענעם שטערען אויף איהרע הענד און געבעטען שטיל, ריהרענד און אויפריכטיג.

אין הויז אליין, האט זיך אנפאנגס דורך איהר פערברייטעט א פאַרפום־נערוך פון אונשולד און זעעלען־צופריעדענהייט.

בלויז איין פעהלער האט טהערעזע געהאט, זיא איז געווען א נאַשערין. פון פריה־מאָרגען ביז שפּעט אין דער נאַכט, האט זיא געגעסען צוקער־פּלעצלעך, און

ווען זיא האט שוין געהאלטען געשלאָסען דיא אויגען, האט זיא נאָך אימער געזויגען א שטיק צוקער אין מויל. אָבער יעדער האט זיך דאס ערקלערט אלס גאנץ נאטיר־ליך: טהערעזע איז אוועק אין קלויסטער גאנץ יונג, צור צייט ווען קינדער ליעבען זעהר צוקער־געבעקס, און זייענדיג אין קלויסטער, ערלויבט מען דאָרט קינדער זעהר זעלטען צו עסען אזעלכע זאכען, דערפאר אָבער, ווען זיא האט זיך ווידער געזעהען אין דער פרייהייט, האט זיא געוואָלט אויפעסען אלע זיסע זאכען וואס זיא האט פריהער פערפעהלט.

דער מארקיז און דיא מארקיזין האבען בעשלאָסען ווידער אמאל צו עפענען זייער לאַנג־פערמאכטען פאלאסט פיר געסט.

זייא האבע אָנגעפאנגען דערמיט וואס זייא האבען פעראנשטאלטעט אייניגע באנקעטען, דאן האבען זייא געמאכט בעלער און געלאדען דעם גאנצען אדעל פון דער נאכבארשאפט. זייער אבזיכט איז אייגענטליך געווען, צו פערהייראטהען טהערעזע'ן.

טהערעזע האט זיך אפילו געצייגט זעהר צוריק געצויגען און שעהמעדיג, נאָר ווען עס געקומען צו איין אונטערהאלט, האט זיא זיך זעהר שעהן אויסגעפוצט און געטאנצט מיט אירגענד א יונגען מאן וואס האט זיא געלאדען.

איהר וואונדערבארער שעהנעס געזיכט און איהר הערליכע פיגור, האט צוגע־צויגען זעהר פיעלע יונגע לייטע אויף איהר זייט. איבערהויפט, האט איהר אונ־שולדיגעס בענעהמען געמאכט א טיעפען איינדרוק אויף אלע געסט.

אין דער ערשטער צייט, האט טהערעזע אפילו ניט דערמאָהנט דעם נאמען קאָלומבעל. דער מארקיז האט וועהרענד איהר אבוועזענהייט פאר איהם פיעל אָדער װעניג געזאָרגט, און איהם געלאָזען שטודירען, ביז ער האט איהם ענדליך אריין גע־בראכט אין דער קאנצעלייא פון דעם אדוואָקאט סאווארניז, מיט דער אבזיכט ער זאָל דאָרט פראקטיצירען און שפעטער אויך ווערען איין אדוואָקאט.

אין א טאָג אָבער, האט פראנציסקא, טהערעזע'ס אמע, מיטגעבראכט איהר זוהן און איהם פאָרגעשטעלט פאר טהערעזע'ן, אלס איהר געוועזענער שפיעל־קאמעראד.

קאָלומבעל'ס געזיכט האט זיך אויפגעמונטערט, און ער האט ניט געצייגט דיא מינדעסטע שעהמעדיגקייט. ער איז אויך געוועזן גאנץ ריין און זויבער גע־קליידעט, און טראָץ זיין ניעדריגקייט אין סטאטור, האט ער פאָרגעשטעלט א גאנץ היבשען יונגען מאן.

ער האט זיך פארגעשטעלט, דאס אלס טהערעזע׳ס מילך־ברודער און גע־זועזענער שפיעל־קאמעראד, מעג ער זיך צייגען צו איהר אביסעל מעהר פא־מיליאר.

טהערעזע ווידער, וויא עס שיינט, האט ניט געוואלט האבען קאלומבעל זאל זיך איהר צייגען אלס איין אלטער גוטער־ברודער. זיא האט איהם דערפאר אפילו ניט געררייכט דיא האנד. זיא האט איהם בלויז צוגעווארפען א קאלטען בליק פון איהרע שעהנע און רוהיגע אויגען, און געמורמעלט:

„יא, יא, איך געדענק אייך, אלס קינד.“ דאן האט זיא זיך אומגעווענדעט און איז אוועק.

„וואס זאל דאס הייסען, מוטער?“ האט דער קליינער קאלומבעל געפרעגט זייענדיג זעהר אויפגערעגט. „דוא האסט דאך מיר געזאגט, אז איך וועל דא ווידער אין הויז אויפגענומען ווערען וויא פריהער, און יעטצט, זעה!“

„אבער מיין קינד,“ האט פראנציסקא געענטפערט, „וואס דארפסטו זיין אזוי אויפגערעגט! עס איז איבריגענס נאך גאר ניט אזוי שלעכט. טהערעזע האט דיך גאר ניט אזוי שלעכט אויפגענומען.“

„נאך גאר ניט שלעכט,“ האט קאלומבעל געזאגט שפאטיש. „זיא האט מיך אנגעקוקט מיט איהרע טינט־שווארצע אויגען און מיך בעטראכט גראדע אזוי גלייכ־גילטיג, וויא זיא וואלט געקוקט אויף דעם טהורם פון פיזא. זיא גלויבט, אז זיא ערניעדרט זיך אן מיר, און דאן לאזט זיא מיך שטעהען וויא איין אף און געהט זיך אוועק.“

„דוא רעדסט פון טהערעזע׳ן?“

„פון וועמען דען ווילסטו זאל איך רעדען? דוא האסט דאך געזעהען וואס פאר איין אויפנאהמע איך האב געהאט.“

„זייא רוהיג, מיין קינד,“ האט פראנציסקא ווייטער געזאגט. „איך האב גע־מיינט וויא אמבעסטען; איך האב דיך געוואלט אריין פיהרען אין דיעזען הויז, וואו דוא זאלסט ווידער זיין...“

„איך דאנק דיר בעסטענס,“ האט קאלומבעל אונטערבראכען זיין מוטער. „דוא האסט מיך געוואלט אריין פיהרען אין דיעזען הויז, ווידער אמאל, איך זאל זיין, וויא אמאל, א שפיעלצייג פיר דעם אדעליגען פריילין.“

„זינדיג ניט, מיין קינד. וואס ווילסטו דען? האט דער הערר מארקיז געגען דיר ניט געהאנדעלט וויא א פאטער? ער האט דיך געלאזען לערנען און דיך אריין געגעבען צו מייסטער סאווארנין...“

„און דאס רופסטו אן געהאנדעלט וויא א פאטער?“ האט ער זיא ווידער אונטערבראָכען. „איך פערדיען דאנקען נאָט אזוי פיעל, אז עס איז מיר ניט געגנג צום לעבען און צופיעל צום שטארבען. אוודאי פאסט עס פאר א פאטער, וועלכער רופט זיך דער מארקיז פאָן מארזאן!“

עס זיינען פאָראיבער עטליכע טעג, און קאָלומבעל, אויף זיין מוטער'ס איינ־לאדונג, איז ווידער אמאל געקומען בעזוכען דעם פאלאסט. טהערעזע האט איהם דערזעהען און זיך פאר איהם פערניינט, וועהרענד אויף איהרע רויטע ליפען האט זיך בעוויזען א לייכטער פרומער שמייכעלע.

מיט א פאאר טעג שפעטער, האט קאָלומבעל שוין געהאט איין אונטער־רעדונג מיט טהערעזע'ן. זיא האט איהם אוועק געגומען אויף א זייט זיך אוועק געזעטצט, און מיט א שוועסטערליכער צערטליכקייט, האט זיא איהם אָנגעפאנגען אויסצופרעגען איבער זיין פערגאנגענהייט און געגענווארט.

קאָלומבעל האט איהר פיעלעס דערצעהלט, אָבער טהערעזע, אנשטאט צו ציינען ערגעניסע דאריעבער, האט עס אויסגעזעהען, אז בייא יעדער שילדערונג פון מאנגעל, האט איהר געזיכט אָנגענומען א מונטערע פארב.

אויף'ן אנדערן טאָג נאָך דיעזען געשפרעך, איז קאָלומבעל ווידער אמאל ערשיענען, און טהערעזע האט מיט איהם געשפראָכען איבער זייער קינדהייט. זיא האט איהם דערמאָהנט, מיט א בעזאָנדערעס פערגניגען, וויא אזוי זיא פלעגט איהם שלאָגען, קנייפען און שטעכען מיט נאָדלען.

ער האט געלאכט.

דאן האט טהערעזע אויסגעשטרעקט איהר קליינע און זעהר ווייסע האנד און אָנגענומען קאָלומבעל'ס הויט פון דעם האלז, וועלבע זיא האט שטארק צוזאמענ־געדריקט.

קאָלומבעל איז געווען ערפרייט און ערשטוינט איבער דיעזער פאמיליאר־טעט. ער האט אָבער קיין מיענע געציינט, אָבוואָהל דער קניפ האט איהם שטארק וועה געטהאָן.

פון דאמאלס אָן, פלעגט קאָלומבעל שוין קומען יעדען אבענד אין שלאָס פון די מארזאנס, וואו ער איז פערבליעבען ביז שפעט אין דער נאכט.

טהערעזע האט ארום געשפאצירט מיט קאָלומבעל'ן איבער דעם גארטען, וואו זיא האט מיט איהם פערבראכט אין געשפרעך.

אין א זונטאג נאכמיטאג, זייענדיג אין גארטען נעבען א וואסער'ל, איז זיא פלוצלינג ארויף געשפרונגען אויף קאָלומבעל'ס רוקען און אויסגעשריען:

„טראָג מיך אריבער!“

קאָלומבעל איז נים נאָר געווען קלענער פון טהערעזע'ן, זאָנדערן אויך אביסעל שוואכער, אָבער, טראָטץ דעם, איז איהם דיא לאַסט פון איהר קערפּער געווען אנגענעהם, און ער האט זיא געטראגען. אריבער געהענדיג דאס וואסער, איז ער געבליעבען שטעהען און געווארט זיא זאָל ארונטער געהען.

„טראָג מיך ווייטער!“ האט זיא געשריען.

ער האט זיא געטראָגען ביז ער האט געשפּירט, אז ער פערלירט דעם אטהעם. דאן האט זיא איהם אָנגעהויבען צו קנייפּען און שלאָגען מיט דיא פּיס, שרייענדיג:

„טראָג מיך ווייטער! ווייטער!“

ער האט זיא געטראגען ביז ער איז געפאלען און זיא איז געבליעבען ליעגען אויף איהם, האבענדיג דאס גרעסטע פערגניגען, וואס ער האט מעהר ניט געקענט כאַפּען דעם אטהעם.

נאך דיעזער עראייגניס, האט טהערעזע אָנגעפאנגען צו פערוויילען מיט קאָ־לומבעל'ן אין גארטען. מאנכע מאָל האט זיא איהם געקניפּען און געריסען שטיקער פון איהם, אָבער מיט דער צייט, פּ'ענט זיא איהם געבען דיא געלעגענהייט, ער זאָל קושען איהרע באקען און בעריהרען איהר נאקעטען קערפּער.

אין איין אבענד, ליעגענדיג אין שאטען פון א גרויסען קאסטאניען־בוים, האט טהערעזע אומארמט קאָלומבעל'ן, און גראדע וויא זיא האט געצייגט צו איהם גרויזאמקייט, איז זיא געווארען ווילד אין איהר צערטליכקייט און איהם ערלויבט צו טהון מיט איהר אלעס וואס ער האט געוואָלט.

קאָלומבעל האט געמוזט קומען יעדען אבענד בעזוכען טהערעזע'ן, זאָנסט, ווען ער האט אמאל פערפעהלט צו מאכען דעם בעזוך, האט זיא איהם אויסגעקניפּען שטיקער פלייש.

דיא אלטע פראנציסקא, האט אין איין אבענד נאכגעשפּירט איהר זוהן מיט טהערעזע'ן, און זיא האט בייגעוואָהנט זאָוואס, וואס האט זיא געצוואונגען אוועק צו רופען איהר זוהן אויף א זייט, און איהם איינראַטען א סוד אין אויער, אז „אזעלכע שפּיעלערייען דארפען ניט פאָרגעהען אין גאָרטען.“

קאָלומבעל האט פערשטאנען.

פראנציסקא איז געווען שטאָלץ אויף איהר זוהן; וואס איהם איז געלונגען צו שפּיעלען אזא גרויסע ליעבע מיט פרייליין פאָן מארזאן, און זיא האט איהם נאך געגעבען יעדע געלעגענהייט ניט געשטערט צו ווערען.

פון דאמאלס אן, האט זיך שוין קאָלומבעל בעגעגענט מיט טהערעזע'ן אין איהר צימער.

דער מארקיז נאטירליך, האט זיך ניט בעקימערט אום קאָלומבעל'ס אָפּטע בעזוכע, און עס איהם אפילו ניט איינגעפאלען, אז זיין גרויסארטיגעס פריילין, די געבילדעטע און פרומע, וואס זאגט געבעטע מיט איבערגעקעהרטע אויגען, זאָל נאר קענען האבען א שלעכטע מחשבה.

קאָלומבעל ווידער, אום צו זיין פאָרזיכטיגער, האט ער יעדען פארנאכט מיטגעבראכט א פאק פאפירען, וויא עס האט געהייסען, אז ער ברענגט פאר טהערעזע'ן בילדער, נאָטען, אָדער זשורנאלען.

ווען ער האט טהערעזע'ן ניט געטראָפען אין דעם געוועהנליכען עמפפאנג־צימער, פלעגט ער שוין אליין וויסען דעם וועג אהין דורך זיין מוטער'ס צימער. פראנציסקא ווידער האט איהם אימער פרייא געמאכט דעם וועג.

אין א טאָג האט פראנציסקא בעמערקט א פאאר בלויע צייכענס אויף איהר זוהן'ס געזיכט.

„וואס איז דאס?" האט זיא געפרעגט.

„גאר ניט, מוטער," האט ער געענטפערט.

„האסטו דיך מיט יעמאנדען געשלאגען?"

„פיעללייכט יא," האט ער געענטפערט און איז אוועק.

„איך האב מיך געשלאָגען," האט ער געברומט צו זיך זעלבסט. „ניין, ניין, איך האב מיך ניט געשלאָגען; זיא האט מיך געשלאגען, גראדע וויא אימער. עס איז איהר שעהנער און ווייסער פויסט, וועלכער שלאגט מיך. אָבער, מיין ראכע איז דורכגעפיהרט! איך האב איהר עהרע בערויבט, און מיין ראכע איז גרויס!"

טהערעזע'ס נאטור איז געווען א שטודיום פיר א פסיכאָלאָג. זיא פלעגט עמפפאנגען קאָלומבעל'ן בייא זיך אין צימער, און זיך אנפאנגען מיט איהם צו שפיעלען. זיא האט זיך אימער בעטראכטעט אלס די קאטץ און איהם אלס די מויז.

אנפאנגס האט זיא ליעב געהאט איהם גלאט צו קנייפען, דאן איהם צו בייסען מיט איהרע ווייסע צייהן אויף זיין נאקעטען לייב, און צייטענווייז, האט זיא איהם געשלאגען מיט איהרע פויסטען אויף זיין געזיכט.

קאָלומבעל האט אימער ערטראגען געדולדיג דיזע קלעפ, און זיין איינציגע אידעע איז געווען, אז נאך די קלעפ, נאך די מארטערניס, ווערט ער איהר הערר און ערניעדריגט זיא.

ער האט שוין אזוי גוט געקענט איהר נאטור, אז נאך א פאאר מאל פראָ־בירען, האט ער אויסגעפונען, אז זיא מוז איהם פריהער שלאָגען איידער ער קען מיט איהר טהון וואס ער וויל.

צו זאגען, אז קאָלומבעל האט ניט געליעבט דיעזע הערליכע פיגור, וואָלט געווען לעבערליך. אירגענד א מאַן, וואָלט געליעבט דיא שעהנע טהערעזע, אָבער דיא מארטערניסע פון איהר האנד, זיינען געווען אונערטרעגליך, און דערפאַר האט ער זיא צייטענווייז געהאסט.

מאנכע מאל, ווען דער ערשטער אנפאל פון אויפרעגונג איז געווען פאָראיבער, פלעגט קאָלומבעל וועלען אנטלויפען אום לויז צו ווערען פון נייע קלעפ, אָבער טהערעזע האט איהם צוריק געהאלטען, און נאך אמאל אָנגעפאַנגען צו קלאפען און בייסען ביז איהר רייץ איז ערפיללט געוואָרען.

אין איין אבענד איז ער אריין אין צימער פון פאלאסט וואו ער האט זיא ערוואַרטעט. זיא איז דאָרט ניט געווען. ער האט זיך גלייך אויסגעצויגען דעם ראָק און דיא שיך און האט פאסירט דעם לאנגען קאָרידאָר מען זאָל איהם ניט הערען.

ער איז צוגעקומען ביז טהערעזע׳ס צימער, אָבער דיא טהיר איז געווען פער־שלאָסען. ער האט שנעל ארויס גענומען א שליסעלע פון זיין קעשענע, אויפגע־שלאָסען און אריין אינוועניג.

אויף׳ן בעט איז געלעגען טהרעזע האלב נאקעט און געדרעמעלט. קאָלומבעל איז געבליעבען שטעהען און בעטראכטעט דיא הערליכע שעהנהיים.

איהר אטהעם האט זיא רעגעלמעסיג געצויגען און אויף איהרע ליפען האבען זיך געוויעזען ביטערע מיענעס און שעהנע שמייכעלעך.

קאָלומבעל האט זיך צונעבויגען און אָבגעפרעסט א קוש אויף דיא ליפען.

זיא האט ערוואַרט, און איהם זעהענדיג, האט זיא געלאכט. דאַן האט זיא אויסגעשטרעקט איהרע נאקעטע הענד און איהם אָנגעכאפט ביים קאָפּ.

זיא האט איהם צוגעצויגען צו זיך און איינגעגראָבען איהרע צייהן אין זיין האלז.

„לאָז אָב!“ האט ער געשריען מיט איין אונטערדריקטע שטימע.

דיא מארטער האט אָנגעפאנגען, וועלכע האט זיך געענדיגט דערמיט, וואס זיא האט איהם נאכהער ארונטער געוואָרפען פון בעט.

קאָלומבעל איז געווען שטארק בייז אויף איהר.

ער האט זיך געטאפּט זיין האלז און זיך אַנגעקוקט אין שפּיגעל, וואו ער האט דערזעהען נייע צייכענס אויף זיין געזיכט פון טהערעזע׳ס פויסטען.

זיא איז אויך ארונטער געגאנגען, זיך אוועק געשטעלט נעבען א קליינעם וואש־קאסטען וואו זיא האט אָנגעפאנגען זיך אָבצרוואשען דיא הענד.

קאָלומבעל האט זיך ערבליקט שטעהענדיג, און א וואוטה אויסגעמישט מיט ליידענשאפט האט איהם ערגריפען. ער איז צו איהר צוגעלאָפען, און, הינטען־ארום, האט ער זיא אָנגעכאפּט און שטארק צוגעדריקט צו זיין ברוסט.

„לאָז אָב!‟ האט זיא בעפוילען.

„איך וויל ניט,‟ האט ער געענטפערט און זיא ווייטער געדריקט, מיט דער אבזיכט איהר וועה צו טהון.

„לאָז אָב, קאָלומבעל, דוא ווייסט, אז איך בין שטארקער פון דיר און דוא וועסט האבען א מיאוס׳ן סוף.‟

„אַט דאָ בלייבסטו,‟ האט ער געענטפערט, „און איך וועל דיך האלטען אזוי וויא לאנג איך וועל וועלען.‟

„געדענק!‟ האט זיא אויסגעשריען.

„טהו מיר עפּעס, אז דוא קענסט!‟ האט ער געענטפערט.

ער האט זיא דאן אָנגעפאנגען צו טרייסלען, און זיא האט פּראָבירט זיך פון איהם אויסצורייסען. אָבער דיזעס מאל האט ער זיא פעסט געהאלטען.

אין דעם קאמפף האט ער זיא אומגעוואָרפען און זיך ארויף געזעטצט אויף איהר.

טהערעזע איז פערבליעבען בלויז א קורצע צייט ליעגענדיג. אָבער מיט דער שנעלינקייט פון א טיגערין האט זיא איהם פון זיך ארונטער געוואָרפען, אויפגעשפּרונגען און איהם אָנגעכאפּט.

„אזוי, אזוי,‟ האט זיא געברומט, דוא ביסט שטארקער פון מיר! איך וועל עס דיר ווייזען!‟

דאן האט זיא איהם פעסט צוגעדריקט און איהם געגעבען א שרעקליכען שליידער פון זיך צו באָדען.

איהר געזיכט איז געווען בלאסער וויא דיא קאלך־וואנט; איהרע אויגען זיינען געווען האלב ארויס פון זייערע לעבער.

דאס איז מעהר ניט געווען קיין שפּאס, זאָנדערן מאָרד־לוסט האט זיא בעהערשט.

קאָלומבעל איז נעפאלען מיט זיין שטערן צו דעם הילצערנעם שראנק און ארויס געלאָזען איין אונטערדריקטען געשרייא. אָבער נאך ניט זייענדיג ציטריעדען דערמיט, איז זיא צוגעשפרונגען, איהם אָנגעכאפט מיט ביידע הענד בייא זיין האלז, און איהם העפטיג צוזאמען געדריקט.

עס האט זיך געהערט א כאָרכלען, און דאן האט זיא איהם א צווייטען שליידער געטהאָן צום שראנק.

„אזוי,“ האט זיא געמורמעלט און זיך אויפגעהויבען. זיא האט זיך אוועק גע־שטעלט פאר׳ן שפיגעל און אָנגעפאנגען אויסצוגלייכען איהרע האאר.

איהר בוזים האט זיך שטארק געהויבען.

זיך אומוועגדענדיג אביסעל, האט זיא איהם געגעבען א שטויס מיט׳ן פוס.

„שטעה אויף!“ האט זיא געזאגט.

קאָלומבעל האט זיך אָבער ניט גערירט.

טהערעזע האט ניט געקענט בעגרייפען וואס דאס הייסט. איז קאָלומבעל גע־וואָרען איין עקשן? אָדער פיעללייכט מאכט ער נאר פוילע שטיק און וויל זיך פאר איהר פיעסטען?

זיא איז געוואָרען נייגיעריג צו זעהען וואס עס איז מיט איהם. זיא האט זיך אלזאָ צוגעבויגען נעהנטער און איהם גוט בעטראכט.

א קאלטער שוידער איז איהר געלאָפען איבער איהרע פלייצעס.

קאָלומבעל׳ס געזיכט איז געווען אזוי בלאס וויא דיא וואנט. דיא אויגען זיינען געשטאנען אָפען און פערגלאָצט און זיין מויל איז געווען קראמפפהאפט צוזאמען גע־צווינגען. אויף דער רעכטער שלייף האט זיך געוויזען א וואונד. ארום־און־ארום איז געווען בלוט. זיין שלייף, וויא עס שיינט, איז צערשמעטערט געוואָרען ביים לעטצטען קלאפ וואס ער האט זיך געגעבען אין דעם שראנק.

א ציטער איז נאך אמאל געלאָפען איבער טהערעזע׳ס קערפער, און זיא האט געמורמעלט:

„ער איז טויט!“

יא, טויט! קאָלומבעל איז געלעגען טויט!

און איין אויגענבליק איז דורכגעפלויגען אין איהר געהירן דאס לעבען וואס זיא האט צוגעבראכט מיט דיעזען יונגען מאן, וויא אזוי זיא האט איהם צייטענווייז גערן געהאט, וויא זיא האט איהם אמאל געקושט מיט פערגניעגען; דאן וויא זיא האט איהם געמארטערט, און צולעטצט, וויא זיא האט איהם ערמאָרדעט.

עס האט איהר אָבער ניט גענומען פיעל צייט צו בעשליעסען, אז ערנערן אָדער חרטה האבען, איז יעטצט איין איבריגע זאך.

„טויט! יעטצט איז ער טויט! געוויס טויט!" האט זיא געמורמעלט און איינגעזעהען, אז עס האנדעלט זיך יעטצט צו זיין טהעטיג און ניט טרוימען אין שרעק און טרויער.

אָבער טראָטץ איהר אויסרעבענונג, האט זיא בעפאלען איין אונהיימליבע מורא און ציטערן, ווען זיא האט אָנגעפאנגען זיך פאָרצושטעלען, וואס עס קען געשעהען ווען מען זאָל ערפאהרען וואס עס האט פאסירט.

זיא האט זיך דערוויל דערמאָהנט אן דעם פריהערדיגען מאָמענט, וויא אזוי עס איז אין איהר ענטשטאנדען א פירכטערליכער וואונש איהם צו טויטען, איהם צו צערדריקען און איהם פערניכטען — אָבער, האט זיא זיך געטראכט, דאס איז נאָר געווען א מאָמענטאלער נארישער וואונש, און יעטצט האט זיא חרטה.

„ווירקליך, ווירקליך," האט זיא זיך אליין געטראכט, „איך בין ניט ערגער וויא אנדערע. ווען יעמאנד שלאָגט איין אנדערן, ווינשט מען אויף'ן פלאַטץ צו הרג'ענען דעם געגנער, אָבער דער צאָרן געהט פאָראיבער און מען זעהט איין, אז דער וואונש איז געווען א נארישער. ניין, ניין, איך בין ניט קיין מערדערין!"

דאן האט וויעדער איינגעטרעטען בערוהיגונג.

„אָבער וואס איז צו טהון?" האט זיא זיך געפרעגט, „דאס איז דאָך שרעקליך! ווען דאס וואלט וועניגסטענס געשעהען אין גאָרטען, אונטער א קאסטאניען־בוים, וואָלט איך איהם געלאָזען ליעגען און אוועק געגאנגען. ווער וואָלט דאס געזאגט, אז איך האב איהם ערמאָרדעט? קיינער! קיינער! קיין מענש וואָלט עס געגלויבט! אָבער דאָ, אין מיין צימער? עס איז שוידערהאפט!"

זיא האט זיך אונטערדעסען ערבליקט אין שפיעגעל, און זיך געזעהען האלב נאקעט.

אזוי האט זיא ניט געקענט בלייבען. ווען מען וויל עפעס טהון, דאן מוז מען זיין אָנגעצויגען און מען קען זעהן אויף וואס פאר א וועלט מען איז.

זיא האט שנעל געכאפט איהרע קליידער און זיך אָנגעצויגען.

„גוט, גוט" האט זיא געמורמעלט. „עס איז פאָראיבער... ער איז טויט — דאריעבער איז ניט דער מינדעסטער צוויפעל... טויט וויא אלע טויטע... און אליין וועט ער שוין פון דאנען ניט ארויס געהען?..

זיא איז, אין איהרע רוהיגע מאָמענטען, געווען גענוג אבערגלויביש און פאַנאטיש, צו גלויבען אין שדים, רוחות און בעזע גייסטער. אָבער דיא יעטציגע

שרעק, פאר אווירקליכען טויטען, און די מורא פאר די פאלגען פון איהר טהאט, האט פערטריעבען יעדען פאנאטישען שרעק פון איהר.

זיא האט נאר געציטערט פאר דער אידעע, טאמער ענטדעקט מען דעם טויטען בייא איהר אין צימער, דאן ערפאהרט די פאליצייא, מען מעלדעט דעם פראקוראר, עס קומט איין אונטערזוכונגס ריכטער און עס פאלגען פראגען מיט נאכפארשונגען.

„וואס קען איך ענטפערן?“ האט זיא זיך אליין געפרעגט.

זיא האט איינגעזעהען, אז עס וועט איהר זיין אונמעגליך צו ערקלערען, וויא אזוי קאלומבעל איז אריין געקומען צו איהר אין צימער מיט נאקעטע פיס און אהן א ראק, און דאן וויא אזוי ער איז דארט געבליעבען טויט.

„דיא וואונד אין זיין שלייף,“ האט זיא זיך געטראכט און זיך אומווענדענד־ג צו איהם, האט זיא נאך ערבליקט דיא צייכען פון איהר אייזערנעם גריף אויף זיין האלז.

„איך בין פערלוירען!“ האט זיא געטראכט און געציטערט.

מיט דער אונערקלערטער נאטור פון יעדען מערדער, וועלכער בעטראכט זיך נוט זיין אפפער, אזוי האט זיך טהערעזע נאך אמאל צוגעבויגען אום צו זעהען וויא וויט דיא מאכט פון איהרע פינגער האבען געווירקט אויף קאלומבעל׳ס האלז. אבער גראדע אין יענעם אויגענבליק, האט זיא זיך שטארק דערשראקען.

זיא האט געהערט פראנציסקא׳ן, קאלומבעל׳ס מוטער, אריין קומענדיג אין קארידאר. דאן האט זיא געהערט שריט און נאך אנדערע שטימע.

דיעזע טהעטיגע בעוועגונג אין פאלאסט, איז געווען דאפיר, ווייל מען האט געמאכט גרויסע פארבערייטונגען פיר א באלל וואס האט געמוזט שטאטפינדען אין יענעם אבענד.

טהערעזע האט פערשטאנען, אז מען קען זיא רופען אין יעדען אויגענבליק. אזא צושטאנד וואלט איהר געווען זעהר אונאנגענעהם.

דאן איז נאך אמאל געפאלען איהר בליק אויף דעם טויטען געליעבטען, ער־מארדעט מיט איהרע אייגענע הענד!

אין איהר געהירן האט עס גערוישט און געקלאפט וויא מיט האמערס און עס האט אנגעהויבען צו שווינדלען פאר איהרע אויגען.

זיא האט אנגעהויבען צו געהען אין צימער הין און צוריק, זוכענדיג א פלאטץ וואו זיא זאל קענען פארלויפיג בעהאלטען דעם טויטען קערפער, וועלכער האט גע־קענט צערשטערען אלע איהרע האפנונגען פיר דער צוקונפט.

טהערעזע'ן איז איינגעפאלען, אז אין ערנסטען פאל, אפילו ווען מען זאל שוין ענטדעקען דעם ערמאָרדעטען בייא איהר אין צימער, וואָלט איהר פאטער'ס איינפלוס און רייכטהום, זיא געקענט רעטען ניט נאָר פון דעם טויט, זאָנדערן אויך זאָגאר פון א קורצער געפענגניס שטראַפע. אָבער וואס זיא האט איבערהויפּט דאמאלס בעקימערט, איז געווען דיא אידעע, אז דאדורך וועט מען נאכהער פיעללייכט צווייפלען אין איהר פרומקייט, און דאס איז ערגער וויא אלעס.

נאָר וואס שפּעטער וועט זיין, האט זיא געטראכט, וועט מען שפּעטער זעהען וואס עס איז צו טהון; פאָרלויפיג דארף מען ווענינסטענס שיטצען דיא געגענווארט. זיא האט ווייטער געזוכט א פּלאַטץ אום צו בעהאלטען דעם טויטען ער זאל איהר ניט שטעהען אין וועג.

א קליינינקייט! נאך אין דיעזען אבענד, ווען עס דארף שטאטפינדען אזא גרויסארטיגער באלל! זיא מוז און דאַרף זיין בייא דיעזען באלל, אונטער אירגענד א בעדינגונג.

אָבער וואו טהוט מען איהם אהין? דאכט זיך אין לעבען, איז קאָלומבעל געווען א גאנץ אונבעדייטענדער קליינער מענשעל, און יעטצט, נאך'ן טויט, איז ער אזוי גרויס, אז מען קען גאר פאר איהם קיין פּלאַטץ ניט געפינען.

אין דיעזען צימער! מערקווירדיג; אין דיעזען צימער האט זיא געקענט זעהר פיעלעס בעהאלטען, וויא צום ביישפּיעל איהרע שפּיעלערייען מיט קאָלומבעל'ן, איהר ליעבע און פערשיעדענע אַנדערע זאכען, מיט קאָלומבעל'ן צוזאמען, נאָר יעטצט איז עס צו ענג געוואָרען אין צימער, איהם אליין זאָגאר צו בעהאלטען ווענינסטענס אויף א קורצער צייט.

אונענטשלאָסען און פערווירט איז זיא ארום געגאנגען א היבשע צייט איבער דעם צימער, ביז זיא איז פּלוצלינג געבליעבען שטעהען מיט א אידעע.

„איך וועל איהם ארויס ווארפען פון דעם פענסטער!“ האט זיא געזאגט מיט א פעסטער ענטשלאָסענהייט. אָבער באלד האט זיא איינגעזעהען, אז דאס איז א פאלשע אידעע.

ניין, ניין, דאס איז ניט גוט; מען וועט איהם געפינען אונטען, נאכפראגען, נאכפאָרשען, און דאן וועט מען נאכשפּירען אלעס ביז צו איהר צימער.

זיא איז געבליעבען שטעהען פערצווייפעלט נעבען פענסטער. זיא האט לאנגזאם אויפגעהויבען דעם פאָרהאנג, און פון צווישען דיא שפּאלטען אין לאָדען האט זיא געבליקט ארויס אויף דער שטילער און רוהיגער נאַכט. דאן האט זיא געבליקט

ווייטער און דערזעהען דעם העססליכען מאַן געגענאיבער, ליעגענדיג אָנגעלעהנט אויף זיין פענסטער, און קוקענדיג, וויא געוועהנליך, צו איהר פענסטער.

טהערעזע האט געהאט א שארפען בליק און אין איהם איז געלעגען אזוי פיעל פערשטאנד, גראדע וויא א גוטער הונד מערקט זיך זעהר פיעל פון דעם געדוך וואס גרייכט זיין נאָז.

זיא איז געווען איבערצייגט, אז יוליאן׳ס אונטערטהעניגער טרויעריגער און צערטליכער בליק צו איהר, בעדייטעט אויפאָפּפערענדע ליעבע. זיא האט פון איהם אימער געלאכט צו זיך זעלבסט און איהם בעטראכט מיט דער גרעסטער פער־אכטונג.

דיעזער מאַן, דיעזער אונטערגעבענער און שקלאַפּישער הונד, וועט און מוז איהר קענען העלפען.

א טרויעריגער א שפּאָטישער שמייכעלע איז אַריעבער געלאָפען איבער איהרע פערטריקענטע ליפען.

„יא, יא,“ האט זיא געטראַכט, „דאָרט, דאָרט אויף׳ן פענסטער, ליגט הילפע פאר מיר!“

זיא האט וויעדער נאכגעדענקט און געמורמעלט צום שלוס:

„געוויס, געוו׳ס, אָהנע צווייפעל; אזא ארמער הונד וועט פאר מיר, טהערעזע, אלעס טהון!“

זיא האט געטראַכט אייניגע סעקונדען.

„יעטצט האנדעלט זיך ניט אום קאַפּריזען,“ האט זיא געזאגט ענטשלאָסען. „ער מוז פאר מיר אלעס טהון וואס איך וועל איהם הייסען, און איך, וועל איהם בעלוינען מיט אלעס וואס ער קען נאָר פערלאַנגען אין זיין הערצען. איך וועל מיך צו איהם איבערגעבען מיט מיין גאנצען קערפּער!“

דאן איז איהר איינגעפאלען, אז ער איז, נאָך אלעמען, גאר ניט אזא מיאוס׳ער מאַן. ער איז געזונד, שטארק און מעכטיג און קיין פּרויענצימער דארף האבען דא־געגען אזא מאַן.

„איבריגענס,“ האט זיא זיך געטראַכט, „דאפיר וואס ער וועט פערדעקען דאס בלוט וואס איך האב פערגאָסען, פערדיענט ער אלעס פון מיר.“

איהרע רויטע ליפען האבען געצוקט, אלס עפּעס א פאַרגעפּיהל פון דער ליעבע וואס זיא וועט מוזען אוועק געבען וועהרענד א פירכטערליכער שרעק.

„אלזאָ, אזוי בלייבט עס!“ האט זיא געזאגט ענטשלאָסען. „ער זאָל פאר מיר אלעס טהון!“

זיא האט זיך אומגעזעהענדעט, און אָהנע דער מינדעסטער צעגערונג, האט זיא זיך צוגעבויגען צו קאָלומבעל׳ן, און מיט איהרע שטארקע הענד האט זיא איהם אויפגעהויבען פון דעם פוס־באָדען, און איהם אריין געלייגט אין איהר בעט. דאן האט זיא צוגעצויגען דיא פאָרהענגע.

וויא זיא איז פערטיג געוואָרען מיט דיעזער ארביים, האט זיא שנעל געעפענט דאס פענסטער, און אָנגעפאַנגען צו צו ווארפען יוליאַן דיא ליעבעס־קיססע מיט איהרע הענד.

4.

יוליאַן׳ס שרעק און ערשטוינען איז נאך מעהר געשטיעגען, ווען ער האט דערקענט אן דעם טויטען, קאָלומבעל׳ן. ער האט געציטערט און געשווידערט וויא אין א פיעבער.

דאן האט ער זיך דערמאָהנט, אז קאָלומבעל איז ווירקליך געוועזען איין אָפטער בעזוכער פון דעם פאלאסט, און עס איז איהם אויסגעקומען, אז עס האט נאר אנדערש ניט געקענט זיין, אז ער האט געמוזט ערמאָרדעט ווערען, ווייל ער האט געוואָנט צו ליעבען אזא געטליכע שעהנהייט וויא טהערעזע.

אין דערזעלבער צייט, האט ער אויך געדענקט, אז קאָלומבעל איז געוועזען זיין פיינד, זיין פערפאָלגער און אָבשפעטער, און עס האט איהם אביסעל געפרייט, וואס ער האט געהאט אזא סוף.

איבריגענס, האט ער ניט עטליכע מאל שוין געדענקט דאריבער וויא איהם צו ערמאָרדען? און יעטצט איז ער טויט, ווירקליך טויט! דאס איז גוט!

און קאָלומבעל, האט ער ווייטער געדענקט, האט עהרליך פערדיענט אזא סוף, דען ער האט נים בעדארפט געניעסען אזא פערגניגען אין לעבען, צו ליעבען א געטטין פון שעהנהיים.

טהערעזע האט זיך גוט דורכגעשטודירט יוליאַן׳ס געזיכט, און איהר שארפער בליק האט בעמערקט אין זיינע ציגע א געוויסע צופריעדענהייט. דאס האט זיא בערוהיגט.

אין א געוועהנליכער שפראכע, גראדע וויא זיא וואָלט דערצעהלט איין אל־טעגליכע צוטרעפונג, האט זיא פאר איהם אָבגעשילדערט, וויא אזוי, נאכדעם קאָלומבעל האט גענאָססען איהר ליעבע, וויא עס איז אָפט געוועזען דער פאל, האט ער איהר וועה געטהאָן דערמיט וואס ער האט זיא אוסגעוואָרפען, און זיא, אָהנע

גראדע צו בעאבזיכטיגען איהם צו ערמאָרדען, האט זיא איהם א וואָרף געטהאָן צום שראנק וואוהין ער האט געטראָפען מיט זיין קאָפּ.

„ער איז אימער געווען א פרעכער קערל,“ האט זיא געשלאָסען איהר שיל־דערונג. „נאך פון קינוויץ אויף, און ער האט אימער געזוכט מיך צו רייצען און דערצו נאך פלאגען. ענדליך, האט ער זעלבסט געפיהרט דערצו, וואס ער איז הארט בעשטראפט געוואָרען. איך בין ניט שולדיג; עס איז זיין גאנצע שולד.“

יוליאן האט אויסגעהערט יעדעס וואָרט, אָבער אלעס האט געקלונגען אין זיינע אויערן וויא דער גערויש פון אונטער דער ערד פאר א נאטור־אויסברוך. ער האט האלב פערשטאנען וואס טהערעזע האט איהם געזאגט, און האלב ניט.

זיינע אויגען האט ער ניט געקענט ארונטער נעהמען פון איהר הערליכע פיגור, און עס איהם פאָרגעקומען, אז נאך אלעמען, איז עס גאר מעגליך, אז טהערעזע איז א גאנץ אונשולדיגעס מעדכען, דען, וויא קען עס מעגליך זיין, אז אזא געטטליכע שעהנהייט, זאָל אנדערש זיין וויא אונשולדיג.

אָבער אום זיך בעסער איינצופערשטעהען אין דער מיינונג פון איהרע ווערטער, האט ער געפרעגט:

„וויא קומט ער אָבער אהער מיט נאקעטע פיס? וואו זיינען זיינע שיך?“

טהערעזע האט באלד בעגריפען, אז זיא האט צו טהון מיט א גרויסען דומקאָפּ.

„עס איז גוט,“ האט זיא געטראכט, „וואס ער רעכענט מיך נאך פאר אונ־שולדיג. עס איז בעסער אזוי, דאן וועט איהם מיין ליעבע, מיין קערפער, נאך טהייערער זיין, און ער וועט אלעס טהון פאר מיר.“

זיא האט איהם געענטפערט אויף זיין פראגע מיט דיעזע ווערטער:

„דאס וואס ער איז דאָ מיט נאקעטע פיס, איז בלויז דערפאר, וויל ער האט זיך אין מיין צימער, געקענט מאכען גאנץ בעקוועם. ער איז דאך געווען מיין מילך־ברודער און איך האב גאר ניט בעדארפט האבען דאגענען, ווען ער איז פאר מיר אזוי ערשיענען. עס איז מיר אויך געווען גאנץ גלייכגילטיג.“

טהערעזע איז געווען שטארק בעגייסטערט פון דער אידעע, אז זיא וועט איהם קענען מאכען גלויבען אין איהר אונשולד. זיא האט מיט איהם דערפאר זעהר פיעל געשפראָכען דאריבער, אָבער אין איהר ענטהוזיאזמוס איבער איהר אייגענער אונ־שולד, איז זאָגאר דער דומער יוליאן אויך אויפמערקזאם געוואָרען און זיך אָנגע־פאנגען אויסצוגיכטערן פון זיין פערווירונג. ער האט פערשטאנען, אז צווישען

קאָלומבעלין און טהערעזע, איז פאַרגעגאַנגען עפּעס מעהר וויא בלויז א פריינדשאַפט צו א מילך־ברודער.

„איהר מוזט זיין א מאַן, מיט מוטה און ענטשלאָסענהייט,“ האט זיא דאַן געזאָגט אום איהם מעהר צו ערמוטהיגען. „עס שיינט, אז איהר ווייסט גאר ניט וואס עס טהוט זיך מיט אייך. דאס אַלעס, דאס הייסט, דער טויטער קערפּער, האט אייך נאָר בערויבט דעם פערשטאַנד. הייסט דאס א מאַן, וועלכער דערשרעקט זיך פאר א טויטען און לעבלאָזען מענשען? ניין, ניין, איך האב עס פון אייך ניט ערוואַרטעט.“

יוליאַן, אָהנע צו קענען עפענען זיין מויל, האט ער בלויז געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

„פערשטעהט איהר דען וואס איך רעדט צו אייך?“ האט זיא איהם גע־פרעגט ווערענדיג אונגעדולדיג.

ער האט נאָך אמאל געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און אָנגעפאַנגען מעהר מוטה צו פאַסען.

„אַלזאָ גוט,“ האט זיא געזאָגט, „דאַן הערט מיך צו אויפמערקזאַם.“

„איך הער, מיין פריילין,“ האט יוליאַן געזאָגט מיט א דומפּפער שטימע, און ער איז ווירקליך געוואָרען שטארק אויפמערקזאַם.

„ווייסט איהר,“ האט זיא ווידער אָנגעפאַנגען, „אז איהר האט מיר צוגע־שוואוירען, דאס איהר וועט פאר מיר אַלעס טהון וואס איך וועל פון אייך פער־לאַנגען?“

„איך וויים עס, איך האב געשוואוירען,“ איז געווען זיין ערנסטער ענטפער.

„און ווייסט איהר אויך,“ האט זיא פאַרטגעזעטצט, „אז דערפאַר האב איך פערשפּראָכען, אייך צו ליעבען און איהר זאָלט מיך אויך ליעבען?“

„איך — וויים — עס,“ האט ער געענטפערט שטאַמלענדיג און זיינע אויגען האבען אויפגעגלאַנצט מיט רייץ בליקענדיג צו דער הערר־ליבער געשטאַלט פאר איהם. „איך וויים, מיין פריילין, אז פיר דעם דיענסט וואס איך וועל אייך טהון, וועל איך ערר־ייכען דאס, איבער וועלכען איך האב געטרוימט פיעלע מאָנאַטען און צו וועלכען איך האב גאר קיינמאל ניט געהאָפט צו ערר־ייכען.“

„דאס איז גוט,“ האט זיא בעמערקט. „עס פרייט מיך וואס איהר האט מיך פערשטאַנען. איך ווידערהאָלע עס נאָך אמאל, אז איהר זאָלט מיך האבען מיט

לייב און זעלע, נים נאָר הײנטינע נאַכט, זאָנדערן צו אירגענד א צייט, ווען איהר
װעט װעלען, זאָלט איהר אין דיעזען בעט מיט מיר טהײלען אײער ליעבע.״

יוליאַן האט שיער פערלוירען זיין בעזינונג פון דיעזען ערנסטען פערשפּרעכען.
זיא איז װיעדער אמאל צונעגאַנגען נעהנטער צו איהם און געלײגט איהרע הענד
אויף זיינע שולטער און איהם געקוקט טיעף אין זיינע אויגען.

„מײנע? מײנע?״ האט ער געמורמעלט וויא א שיכור.

„יא, יא, דיינע,״ האט זיא געענטפערט, „אין גאַנצען דיינע, און נאָך אין
דיעזער נאַכט!״

ביידע זיינען דאַן געבליעבען שטיל.

טהערעזע איז װיעדער געװען דיא ערשטע צו אונטערברעכען דיא שטיל־
קייט:

„ווייסט איהר אָבער וואס איהר האט צו טהון?״ האט זיא געפרעגט.

„וויא אזוי זאָל איך דאס וויסען, מיין פריילין? זאגט נאָר, און איך בין צו
אלעמען בערייט.״

טהערעזע האט שווער געצווינגען דעם אטהעם.

„הערט מיך אויס,״ האט זיא געמורמעלט אזוי נאָהענט צו איהם, אז ער
האט געשפּירט איהר ווארעמען אטהעם. „איידער איך גיב מיך איבער צו אייך,
וויל איך איהר זאָלט מיר נאָך אמאל שווערען.״

ער האט אָנגעכאַפּט איהר האַנד, וועלכע איז געווען קאַלט וויא אייז, און זיא
בעדעקט מיט ברענענדע קושען פון זיינע פערטריקענטע ליפּען.

„איך שווער!״ האט ער געשריען, „איך שווער בייא אַלעס וואס איז מיר
הייליג און טהייער! איך שווער בייא דער ליעבע צו אייך, אז איך וועל טהון אלעס
וואס איהר וועט פון מיר פערלאַנגען!״

„און געדענקט,״ האט זיא פאַרטגעזעטצט, „אז איך שווער אויך, דאס נים
נאָר היינטיגע נאַכט, זאָנדערן אימער, ווען איהר וועט ווילען, בין איך
אייערע!״

„איך שווער! איך שווער!״ האט ער נאָך אמאל געזאַגט פער־
ווירט.

„דיעזען טויטען קערפּער,״ האט זיא אָנגעפאַנגען פאַלקאָמען בערוהיגט און
צופריעדען, „מוזט איהר פון דאנען אוועק נעהמען. איך קען עס נים טהון, איהר
פערשטעהט דאָך דאס אליין...״

יוליאַן האָט אונווילענדיג געבליקט צום בעט און אויפגעשוידערט. דאַן האָט ער אָנגעהויבען צו קוקען אין אלע זייטען, גראָדע וויא ער וואָלט געזוכט א פּלאַטץ איהם צו בעהאלטען.

„דיא גאַנצע געשיכטע איז פיעל איינפאַכער, וויא איהר קענט זיך פאָר־שטעלען,“ האָט טהערעזע וויעדער געזאָגט גאַנץ רוהיג. „דיא הויפּטזאַך איז אָבער, אַז איהר קענט מעהר דיעזעס צימער ניט פערלאָזען אָהנע מיטצונעהמען דעם קערפּער מיט אייך. ערשטענס, פערשטעהט איהר, זאָל אייער בעלוינונג קומען, און דאַן, קען דיא ארבייט, פון אוועק נעהמען דעם קערפּער, ניט אנפאַנגען פריהער וויא האַלבע נאַכט. יעטצט האָבען מיר אין הויז געזעלשאַפט, און מיר קענען פריהער גאָר נים טהון, ביז אַלע נעסט וועלען ניט האָבען אוועק געגאַנגען. עס מוז אויך זיין גאַנץ רוהיג איבעראַל; יעדער דאַרף שוין שלאָפען און אַלע ליכט מיט דיא לאָמפּען, מוזען זיין אויסגעלאָשען. פערשטעהט איהר מיך פּאָלקאָמען וואָס איך רייד צו אייך? האָט שוין אייער נאַרישע שרעק אויפגעהערט? א שעהנער מאַן זייט איהר דאָס?“

יוליאַן האָט פריהער געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און דאַן האָט ער געזאָגט:

„געוויס, געוויס, מיין פריילין, איך פערשטעה אייך גאַנץ גוט. איהר וועט מיר ענטשולדיגען; דיא איבערראַשונג איז אנפאַנגס געווען צו גרויס, און איך האָב גאָר נים בעגריפען אַלעס. יעטצט פערשטעה איך; איהר קענט ווייטער שפּרעכען.“

„אַלזאָ, דיא געזעלשאַפט,“ האָט טהערעזע ווייטער געזאָגט אין א גאַנץ געד־וועהנליכען געשעפטס־מעסיגען טאָן, „מוז פריהער אוועק. מיין פאָטער, דער מאַרקיז, האָט דיא איינגעלאַדען, פיר א ספּעציעלען אונטערהאַלט. כל־זמן זייא זיינען נאָך דאָ, איז אונמעגליך עפּעס צו טהון. דערפאַר וויעדער, איז אונז דיא געזעלשאַפט גראָדע היינטיגע נאַכט, זעהר ניטצליך, ווייל זיא בעשעפטיגט יעדען איינעם אין הויז, און עס פערשפּאַרט אונז דיא אונאַנגענעהמע בעגעגנונג מיט דער דיענערשאַפט. נעבען דיעזען צימער, שלאָפט גראָדע פראַנציסקא...“

„פראַנציסקא? ווער איז דיא פראַנציסקא?“

„דאָס איז זיין מוטער,“ האָט טהערעזע געענטפערט וויעדער אזוי רוהיג וויא פריהער, צייגענדיג אויף דעם טויטען קאָלומבעל.

„וואָס!“ האָט יוליאַן אויסגערופען ערשראָקען. „און דיעזע פרוי שלאָפט אַנגד צו וואַנד נעבען דיעזען צימער!“

„נו, יא, וואס ווערט דען דערפון? וועמען קימערט עס? דיא זאך דערפון איז איינענטליך אזוי: דיא מוטער פון דיעזען טויטען, שלאפט ניט נאר נעבען דיעזען צימער, זאנדערן, איהר וועט נאך מוזען זאגאר דורכגעהען דורך איהר צימער.“

„ווארום?“ האט ער געפרעגט דערשראקען.

„ווייל אום אריין צו קומען אין גארטען און דאן אין דער הינטער־גאס, מוז מען דורך איהר צימער פארבייא געהען. דאן מוז מען פארבייא געהען נעבען מיין מוטער'ס צימער. אבער דערפאר דארפט איהר קיין מורא ניט האבען. מיר וועלען ווארטען, ביז אלעס וועט שלאפען.“

„אבער דיא פרוי, דיא פראנציסקא, וועט דאך זיך אויפוועקען, ווען מיר וועלען דורך געהען דורך איהר צימער?“

„ניין, ניין, דאס וועט ניט זיין אזוי וויא איהר מיינט. פראנציסקא האט א שווערען שלאף, און נאך אזא טאג שווערע ארבייט, וועט זיא געוויס אניעדער פאלען וויא א געהרג'עטע.“

„און וואס וועלען מיר ווייטער טהון?“

„ווען יעדער וועט שוין שלאפען, אלע ליכט און לאמפען וועלען זיין אויסגע־לאשען, דאן וועט איהר נעהמען דעם טויטען אויף דיא פלייצעס, איהם ארונטער טראגען אויף דער שטראסע, דאן ווייטער ארונטער ביז צום שאנטעקלייר, און דארט וועט איהר איהם ארייןווארפען. איך וועל אייך ארויס פיהרען ביז אויף דער שטראסע, און פון דארט וועט איהר שוין אליין טרעפען דעם וועג.“

יוליאן איז ווידער געבליעבען שטעהען אין טיעפען נאכדענקען. דיא אידעע און דיא פארשטעלונג דערפון, אז ער וועט מוזען טראגען א טויטען קערפער אויף דיא פלייצעס, האט איהם געשווידערט, טראטץ דער קאסטבארער בעלוינונג וואס ער האט ערווארטעט.

אונטערדעסען אבער זיינען זיינע אויגען געפאלען אויף טהערעזע'ן, און איהר צויבערישער בליק האט איהם ווידער אויפגעמונטערט.

וואס וואלט ער ניט געטהאן פאר איהר? איבערהויפט, ווען זיא וויל זיך איהם איבערגעבען מיט איהר גאנצען קערפער?

ניין, ניין, צוריק טרעטען פון דיעזען ענטשלוס, האט ער שוין ניט געקענט און גאר ניט געוואלט דענקען. ער האט געשוואוירען און איז געווען בערייט צו האלטען זיין שבועה.

איבערהויפט האט איהם ערמוטהיגט טהערעזע'ס רוהע און קאלט־בלוטיגקייט.

נאכדעם וויא זיא האט איהם פארגעשטעלט און אבגעשילדערט דעם גאנצען פלאן פון אוועק טראגען דעם קערפער, איז זיא געבליעבען שטיל.

זיא האט עפעס נאכגעדענקט.

מיט איינמאל האט זיך בעוויזען א גאנץ מונטערער און רייצענדער אויסדרוק אויף איהר געזיכט, און זיא איז צוגעשפרונגען צו יוליאנען, ארויף געלייגט איהרע ביידע הענד אויף זיין נאקעטען האלז, און לייכט בעריהרט מיט איהרע ליפען זיינע באקען. דאס איז שוין גענוג געווען אום אויפצוקאכען זיין גאנצעס בלוט.

„אלזא," האט זיא געזאגט, „אבגעמאכט! האט איהר מיך נאר גוט פערשטאנען?"

איין אויפרעגענדער שוידער איז געלאפען איבער זיין גאנצעס לייב און וויא דורך דאס גלייכגילטיגע געפיהל פון א בעזויפענעם האט עס איהם געטרעסעלט און געפיעבערט. ער האט אויסגעשטרעקט זיין האנד און אומארמט איהר טאליע. ער האט זיא אביסעל נעהנטער צו זיך צוגעצויגען און זיא האט זיך איהם נאכגעגעבען.

„יא, יא," האט ער ארויס געשטאמעלט, „איך וועל טהון אלעס וואס איהר וועט וועלען, וואס איהר וועט מיר הייסען. בעפעהלט נאר און איך שטעה צו אייער דיענסט."

זיין אטהעם האט געבלאזען וויא מיט א הייסען דאמפף; זיין געזיכט איז געווארען רויט און זיינע אויגען האבען שטארק געפינקעלט. זיא האט זיך אלץ נעהנטער געדריקט צו איהם, און מיט איין אונטערדריקטער שטימע האט זיא איהם בערוהיגט, דאס הייסט, ער זאל זיין ארבייט מאכען גוט, פינקטליך און וויא עס דארף צו זיין. איהרע אויגען האבען אונטערדעסען געבליטצט געגען זיין בליק, און דאס האט איהם נאך מעהר אויפגערעגט.

איהר קערפער איז געווען פארפומירט און דיעזער גערוך האט איהם בערוישט נאך מעהר וויא מיט שאמפאניער. אבער דאך, האט דיעזער אונערפאהרענער יונגער מענש נים געוואגט זיך צו בענעהמען גראב געגען דיעזער, וועלכע ער האט ערשטענס מעהר געליעבט וויא זיך אליין, און צווייטענס וויל זיא איז אין זיינע אויגען, טראץ איהר פערברעכען, געשטאנען אזוי הויך וויא א געטטין.

טהערעזע אבער האט ניט געקענט בעגרייפען וואס דאס הייסט א שעהמעדיגער מאן, זאלאנג זיא ניבט זיך איהם איבער מיט לייב און זעעלע. זיא האט דערפאר

טרא נעהאם, אז מאמער איז ער ניט אזוי שטארק בעגייסטערט פון איהר, אדער ויא האט איהם נאך ניט גוט בעצויבערט מיט איהר שעהנהייט.

„קושט מיך," האט זיא געמורמעלט אויסשטרעקענדיג איהרע רויטע ליפען נאהענט צו זיין מויל.

יוליאן האט ניט געוואוסט וויא אזוי דאס איז געשעהען, אבער ער האט פלוצלינג געשפירט איהרע ליפען אויף זיינע און איהר קלאפענדער בוזים צוגעדריקט צו זיין ברוסט. דאן האט ער אויך געפיהלט איהר גאנצען קערפער אין זיין אומארמונג.

זיא ווידער, האט זיך אזוי פעסט געדריקט צו איהם, גלייך וויא זיא האט זיך נאר קיינמאל פון איהם מעהר ניט געוואלט אבטהיילען.

א געפיהל פון דאס העכסטע גליק האט זיך צוגאסען איבער אלע זיינע גליעדער, און ער האט געשפירט א זיסקייט אין זיין הערצען.

„אך!" האט ער זיך געטראכט, „אזוי, אזוי, פערבלייבען דאס גאנצע לעבען!"

ער האט זיך דערמאהנט אן דער אורזאכע, וואס עס האט זייא ביידע צוזאמען געבראכט, און ער האט געדענקט אן יענעם אויגענבליק, אז פאר אזא פערגניגען, וואלט ער פאזיטיוו זעלבסט ערמארדעט קאלומבעלי'ן, שוין ניט רעדענדיג דערפון, וואס ער וועט בלויז דארפען אוועק שאפען זיין קערפער פון דעם צימער.

ביידע האבען געשוויגען, נאר זייערע אויגען, וועלכע זיינען געווען געריכטעט איינע צו אנאנדער, האבען געשפראכען.

דאן האט זיך טהערעזע לאנגזאם און צערטליך בעפרייעט פון זיין אומארמונג, און האט זיך אריין געזעטצט אין א ברייטען שטוהל; יוליאן האט אויך דאסזעלבע געטהאן אין א שטוהל געגענאיבער.

ניעמאנד פון זייא ביידע האט ניט געעפענט מויל, און אין צימער האט געהערשט א טויט־שטילקייט. אונטערדעסען האט מען געהערט דאס זשושען פון שטימען אין דיא איבריגע טהיילען פון דעם פאלאסט.

יוליאן האט געבליקט אויף טהערעזע'ן. איהר הערליכע פיגור איז געלעגען האלב אויסגעשטרעקט און האלב אנגעלעהנט אויף דעם ברייטען שטוהל און איהר בוזים האט זיך שטירמיש בעוואויגען. יוליאן האט געבליקט אויף א שטיק ווייסעס לייב געבען איהר האלז וואס האט ארויס געשטעקט פון איהר אויסגעשניטענעם

קליידּ, און עס האָט איהם אויסגעזעהען שעהנער וויא אירגענד עטוואס וועלכעס ער האָט נאָך געזעהען אין זיין לעבען.

זיא האָט ניט געבליקט צו איהם, אָבער ער האָט געקענט בעמערקען א לייכטען שמייכעלע אויף איהרע ליפּען.

וואס האָט דיזער שמייכעל בעדייטעט? דאכט זיך דאָרט איז געלעגען עפּעס איין אויסדרוק פון פעראכטונג? ווענען האָט דיזע פעראכטונג געהערט — איהם, אָדער דעם טויטען קאָלומבעל? דאס האָט שוין יוליאַן ניט געקענט וויסען.

איבריגענס, וואס האָט איהם עפּעס געקימערט? ער האָט געוואוסט, אז טהערעזע איז נאָהענט צו איהם און ער איז געווען גליקליך.

דאַן האָט זיך טהערעזע אומגעקוקט. וואס איז געלעגען אין איהר בליק? דאכט זיך עפּעס וויא זיא וואָלט איהם איינגעלאַדען, גערופען אָדער צוגעוואונקען? א לייכטער שמייכעל, ענהליך צום פריהערינען, האָט זיך ווידער בעוויזען אויף איהרע ליפּען.

זיא איז געבליעבען זיצען גראד און געקוקט צו איהם. אויף איהר געזיכט האָט זיך געציינט א פראגענדע מיענע. דאַן האָט זיא א לייכטען ציה געטהאָן מיט דיא אקסלען, וויא איינער רעדט:

„איך פערשטעה ניט.“

האָט זיא עפּעס ערוואַרטעט פון יוליאַנען? אויב יא, דאַן האָט עס יוליאַן ניט פערשטאַנען וואס זיא קען פון איהם ערוואַרטען.

פּלוצלינג האָט זיא זיך אויפגעהויבען און איז צוגעגאַנגען צום שפּיגעל. איהר הערליכע פיגור האָט אויסגעזעהען גראַציעז און מאַיעסטעטיש. יוליאַן האָט זיך געטראַכט, אז ער וואָלט גליקליך געווען זיא זאָל אויף איהם טרעטען מיט איהרע פיס.

טהערעזע האָט אויפגעהויבען איהרע צערוואָרפענע האאר פון איבער דיא שולטערן און זייא אָנגעפאַנגען צו אראַנזשירען און פעררינכטען איהר פריזור פון דעם קאָפּ.

יוליאַנ'ס בליק האָט נאכגעשפּירט יעדע פון איהרע מיענעס. אָבער פּלוצלינג, גלייך וויא יעמאַנד וואָלט איהם ערוואַכט פון א טיעפען טרוים, האָט ער זיך דער־מאָהנט אן דעם טויטען קאָלומבעל, וועלכער איז געלעגען דאָרט, אויף'ן בעט, הינטער דעם פאָרהאַנג.

ער האָט געשפּירט א שווערער קומענדיג איבער זיין לייב, און דאַן א גרויסע צִיבעלקייט, ווען ער האָט ערבליקט זיינע נאַקעטע פיס.

„האט זיא איהם געליעבט?" האט ער זיך געפרעגט. „און וועמען? דיעזען קליינעם און ניכטסווירדיגען מענשען? איז דאס מעגליך?"

ער האט איהר פאלשטענדיג מוחל געווען אין זיין הארץ, ווארום זיא האט איהם ערמארדעט, אבער... אבער... איין „אבער" איז געקומען אין מיטען וואס האט אויפגעקאכט און דאן פערגליווערט זיין בלוט.

וואס דיעזער „אבער" האט בעדייטעט, האט ער אליין ניט געוואוסט, נאר ער האט בעגריפען, אז עפעס ניט אלעס איז גלאט וויא עס דארף צו זיין.

א שטירמישעס געפיהל פון אייפערזוכט איבער דעם טויטען האט איהם בע־פאלען, און ער האט זיך פארגעשטעלט, וויא אזוי ער וועט איהם טראגען ביז צום שאנטעקליער און מיט וואס פאר א פערגניגען ער וועט איהם אריין שליידערן אין דעם שטילען טייך, און ער וועט דערמיט בעפרייען טהערעזע'ן פון שרעק און זיך זעלבסט פון א גרויסער שטערונג צום ציעל פון זיין ליעבע. דאן וועט ער קענען פרייא געניעסען אלעס וואס טהערעזע האט איהם פערשפראכען.

ער האט זיך אנגעהויבען פארצושטעלען וויא ווייט דאס גליק האט איהם גע־שפיעלט אין יענעם אבענד. ערשט מיט א פאאר שטונדען צוריק, האט ער אפילו ניט געטרוימט אדער געוואגט צו האפען, אז ער וועט נאך אמאל קענען האלטען אומארמט דיעזע שעהנע געטטין, און יעצט, וויא דער צופאל האט איהם געפיהרט אזוי ווייט, אז ער האט זאגאר געקושט איהרע רויטע ליפען און געשפירט איהר ווייכען בוזים אויף זיין ברוסט.

דאן האט ער נאך אמאל ערבליקט קאלומבעל'ס נאקעטע פיס. עפעס האבען זייא אויסגעזעהען געלב וויא וואקס און זייא האבען א מערקווירדיגען איינ־דרוק געמאכט איבער איהם, וויא זייא זיינען געלעגען צווישען דיא ווייסע שפיטצען פון דעם בעט־ליילעך.

טהערעזע האט דערווייל פלייסיג געארבייט בייא איהר פרזור און עס האט ניט פיעל געדויערט, ביז איהרע האאר זיינען געווען ארראנזשירט אין מיטען קאפ צוזאמענגעלייגט וויא א ביינעל.

וויא שעהן דאס האט איהר גענאסט! וויפיעל חן דאס האט צוגעגעבען צו איהר הערצליכעס געזיכט!

דאן האט זיא זיך ווידער אבגעווענדעט פון דעם שפיעגעל, צוגעגאנגען צום שטוהל און איז אהין וויא אריין געפאלען, וועהרענד פון איהר ברוסט האט זיך ארויס געריסען א זיפץ.

איז דאס געווען א סימן פון חרטה אויף איהר טהאט, אָדער נאר א רעד־זולטאט פון דער גרויסער אויפרעגונג? אויף אזוי ווייט צו דענקען, איז שוין יוליאן ניט געווען אימשטאנדע.

ענדליך האט דער זייגער אין צימער אויסגעשלאָגען דיא 9־טע שטונדע. דאס האט דיא טויט־שטילקייט אונטערבראָכען. טהערעזע איז אויפגעשפרונגען שנעל און לעבהאפט, און אָנגעפאנגען אין גרויסער איילעניש זיך איבערצוקליידען.

איהרע הענד האבען שנעל געארבייט און מיט א זעלטענער גלייכגילטיגקייט האט זיא זיך אויסגעשטאטעט וויא עס פאסט פיר א גרויסער דאמע צו א זעלטענעם פעסט.

אָהנע זיך אומצו־ווענדען, האט זיא געזאגט:

„איך מוז שנעל פערטיג ווערען. נאך אין 20 מינוטען ארום, פאנגט אָן דער באלל. איהר ווערט אלזאָ נאכהער זיין זעהר אויפמערקזאם. ווען יעמאנד זאָל קומען, דאן זאָלט איהר זיך שנעל בעהאלטען אונטער מיין בעט.“

ער האט זיך אויך אויפגעהויבען און איז געבליעבען שטעהען. זיא האט צו איהם געשפראָכען זעהר פריינדליך און גאנץ פרייא. איהר בעהאנדלונג געגען איהם, איז געווען וויא צו א געליעבטען, וועלכער האט זיך גלייך בעטהייליגט מיט איהר אין דער בלוטיגער מאָרד־טהאט.

זיא האט דערוויל ארונטער געוואָרפען דאס אויבער־קלייד אום זיך אָנצוציהען איין אנדערעס קלייד. איהרע הענד, ארעם און ברוסטען, זיינען געבליעבען פרייא. א העללישעס פייער פון לוסט און בעגעהרען, פון ציטערענדער אויפרעגונג, האט איהם בעהערשט, אָבער ער האט ניט געוואגט זיך צו איהר צו דער־נעהנטערן.

ער האט נעבליקט צו דעם ווייסען און אויסגעפילטען לייב, צו איהרע מאסיווע גליעדער, רונדע שולטער און פיין געפאָרמטע ברוסטען. אָבער ער האט ניט געוואגט מעהר וויא צו קוקען.

דאן האט זיא זיך אָנגעצויגען א העלל־ראָזעקלייד, און וויא זיא האט דאס נעבראכט אין אָרדנונג, האט זיא זיך געזעטצט אויף א ניעדריגען שטוהל. דערבייא האט זיא אָנגעפאנגען אויסצוציהען איהרע שווארצע זאָקען, אָהנע זיך אממינדעסטען צו בעקימערן אויב יעמאנד געפינט זיך נאך אין צימער.

איהרע פיס, איהרע נאקעטע פיס, האבען איהם שיער בערויבט זיין בעזינונג. ער האט געציטערט אין זיין גאנצען מעכטיגען קערפער. זיטצענדיג מיט דיא נאקעטע פיס ביז צו דיא קניען, האט זיא אויסגעשטרעקט איהר האנד און גענומען

פון דעם קליידער שראנק א פאאר רויט מיט וויס געשטרייפטע זאָקען, און זיך אומקוקענדיג צו איהם האט זיא געשמייכעלט אזוי פערפיהרעריש, אז יוליאן האט ענדליך בעשלאָסען אניעדער צו פאלען צו דער ערד און קושען דיעזע שעהנע פיס.

אָבער גראדע אין יענעם אויגענבליק, האט זיך געהערט שריט דער־נעהנטערענדיג צו דער טהיר.

זיא האט אָנגעהויבען שנעלער אָנצוציהען דיא זאקען און צו איהם האט זיא געמורמעלט:

„בעהאלט זיך שנעל אונטער דעם בעט!"

וויא א געהאָרזאמער הונד, האט ער באלד געוואָלט ערפילען איהר וואונש, און זיך א לייכטען וואָרף געטהאָן צו דער ערד.

וויא עס שיינט אָבער, האבען פריהער ביידע א טעות געהאט אין חשבון, וויל יולואַן'ס גרויסער קערפער, האט אהין ניט געקענט אריין. טהערעזע האט דאס וואהרשיינליך מעהרערע מאל געטהאָן מיט קאָלומבעל'ן, נאָר יוליאן איז געווען אנדערטהאלבען מאל אזוי גרויס, און ער האט אהין ניט געקענט אריין.

„וואס טהוט מען?" האט ער געפרעגט.

זיא האט שוין געהאט אָנגעצויגען איהרע זאָקען. זיא האט זיך שנעל אויפ־געהויבען, און נעהמענדיג איהרע קליידער, נאך ווארעם פון איהר קערפער, און דערמיט שנעל צוגעדעקט קאָלומבעל'ס קערפער.

יעמאנד האט געקלאפט.

„ווער איז דאָרט?" האט טהערעזע געפרעגט גאנץ רוהיג.

„איך," האט געענטפערט א גראָבע פראוינצשטימע.

„ווארט אביסעל, איך בין האלב נאַקעט," דאן צו יוליאנען: „אריין אהער!"

זיא האט איהם, אָהנע ער זאָל וויסען וויא דאס איז געשעהן, אריין געוואָרפען אין בעט. און נעהמענדיג אייניגע אנדערע פון איהרע קליידער האט זיא איהם אויך צוגעדעקט און פערהאנגען מיט דיא פאָרהענגע.

נאכדעם האט זיא געעפענט דיא טהיר.

פראנציסקא איז אריין געקומען.

„מען ערוואַרטעט איך שוין, פריילין," האט פראנציסקא געזאגט.

„איך קום באלד," האט טהערעזע געענטפערט. „אָבער העלף מיר נאָר דאָ צוקנעפלען דאס קלייד."

יוליאַן האָט געקענט זעהעןביידע דורך אַ קליינעם שפּאַלט אין פּאָר־האַנג.

ער איז געווען מעהר וויא ערשטוינט איבער דער זאָנדערבאַרער קאַלט־בלוטיגקייט פון טהערעזע'ן. זיינע צייהן האָבען אַזוי שטאַרק געקלאַפּט, אַז ער האָט זיך געמוזט צוהאַלטען זיין מויל. אָבער נאָכדעם וויא זיין האַנד איז אויך געווען צו שוואַך דאַפיר, האָט ער זיך אריין געשטופּט אַ שטיק פון טהערעזע'ס קלייד צווישען זיינע צייהן.

מיט זיין פוס האָט ער דערשפּירט קאָלומבעל'ס פוס. ער האָט אַזאַ ציטער געטהאָן, אַז מען האָט פּאָזיטיוו געמוזט הערען דעם וואָרף.

ווען פראַנציסקאַ וואָלט דאַמאַלס אויפגעהויבען דעם פּאָרהאַנג, וואָלט זיא פּאָזיטיוו ניט נאָר איהם ענטדעקט, זאָנדערן אויך אַ שטיק נאַקעטען פוס פון איהר זוהן.

„גיב נאָר אַכטונג, אונגעשיקטע בריאה,“ האָט טהערעזע געזאָגט פּלוידער־ענדיג, „דוא צערדריקסט מיר אַלע בלומען פון דעם קאָפּ.“

איהר שטימע האָט געקלונגען רוהיג און געלאַסען, און זאָגאַר מונטער. דאַן האָט זיא אָנגעפאַנגען צו לאַכען, וויא אירגענד איין אונשולדיגעס מעדכען, וואָס פרייט זיך מיט דעם באַלל וואָס ערוואַרטעט זיא.

איהר קלייד, וועלכעס איז געווען דורכגעוואָרפען מיט ווייסע בלומען, איז אויף איהר געלעגען וויא אויסגעגאָסען; עס האָט אויסגעפילט איהרע מאַסיווע און שעהנע געפאָרמטע גליעדער, גראַדע וויא זיא וואָלט געווען אַ סטאַטוע פון אַ קינסטלער־האַנד.

פון אַ גרויסער פלאַש האָט זיא אַרויס גענומען אַ בוקעט ווייסע ליליען אונ־טערגעמישט מיט בלוט־רויטע בלומען, און זייא אריין געשטעקט אין איהר פּראַכט קלייד איבער דעם בוזים.

דאַן האָט זיא זיך אַוועק געשטעלט אין מיטען צימער, און אַליין האָט זיא אויסגעזעהען וויא אַ גרויסער בלומען־בוקעט.

איהר האַלב־נאַקעטע אַרעמס און נאַקעטער האַלז, האָבען אויסגעזעהען אַזוי צאַרט ווייס, וויא אַ ווייכער סאַמעט.

„אַך, וויא שעהן איהר זייט, וויא שעהן!“ האָט אויסגע־רופען פראַנציסקאַ בעוואונדערענד. „אָבער, וואַרט נאָך, מיין גנעדיגעס פרייליין! זעהט, איהר האָט נאָר פערגעסען אין אייער ווייסען גאַרטעל.“

ווירקליך, אויף דיעזען קלייד איז נאך נעקומען א ווייס־סאמעטענער גארטעל אויסגענייט מיט רויטע בלומען, וואס טהערעזע האט וואהרשיינליך פערגעסען זיך איהם אנצוטהון.

„האסט רעכט, פראנציסקא," האט טהערעזע בעמערקט, „אין מיין איילעניש, האב איך פערגעסען אן דעם גארטעל. א שעהן פנים וואלט איך געהאט אהן דעם גארטעל."

„אלע דאמען טראגען יעטצט אזעלכע גארטלען," האט פראנציסקא בעמערקט און אנגעפאנגען צו זוכען.

זיא האט בעריהרט דעם פארהאנג, און, וויא עס שיינט, האט זיא געוואלט זוכען אויף'ן בעט. יוליאן האט שיער ארויס געלאזען א שרעקענס־געשרייא. טהערעזע וויעדער, דאס בעמערקענדיג, און נאך אימער שטעהענדיג אין מיטען צימער, האט זיא געזאגט מיט א זיסען שמייכעלע:

„זוך ניט דארט, פראנציסקא; דער גארטעל איז דא אויף'ן שראנק. גיב איהם נאר אהער... אך! בעריהר ניט מיין בעט! איך האב דארט אוועק גע־לייגט זאכען, און גאט בעהיטע דוא זאלסט עפעס צוקנייטשען! נעה, נעה, דוא אונגעשיקטע בריאה, קריכסט אימער וואו מען דארף ניט."

פראנציסקא האט זיך שנעל אבגעווענדעט און זעהענדיג דעם גארטעל אויף'ן שראנק, האט זיא איהם דערלאנגט טהערעזע'ן און איהר אויך געהאלפען איהם אנטהון. דאס האט אביסעל בעסער איינגעצויגען איהר טאליע און איהר פיגור האט נאך שעהנער אויסגעזעהען.

טהערעזע איז שוין געווען פערטיג, בלויז איין זאך האט געפעהלט, און דאס איז געווען איהרע ווייסע האנדשוה. אבער אנשטאט צו נעהמען דיא האנדשוה, און ארויס געהען מיט זייא, האט זיא אנגעפאנגען זייא אנצוטהון אין צימער.

„פרעכטיג! פראכטפאל!" האט פראנציסקא אויסגעשריען נאך אימער בעוואונדערענדיג טהערעזע'ן. „גאט'ס מוטער, אין דער גרויסער קירכע, קען אונ־שולדיגער ניט אויסזעהען וויא איהר יעטצט, מיין גנעדיגעס פריילין!"

דיעזער קאמפלימענט האט ארויס געבראכט אויף טהערעזע'ס ליפען, איינעם פון יענע שפאטישע שמייכעלעך וואס זיא האט שוין געוויעזען אין יענעם אבענד.

זיא האט זיך נאך אמאל אומגעווענדעט צום שפיעגעל, זיך וויעדער אנגעקוקט, און דאן איז זיא צוגעגאנגען צו דער טהיר זייענדיג גאנץ גלייכגילטיג.

„אלזא, מיר געהען ארונטער אין זאלאָן... פראנציסקא, דוא קענסט אויס־לעשען דעם לאָמפּ.“

פראנציסקא האט איינגעצויגען דעם לאָמפּ.

יוליאַן האט זיך געזעהען אומרינגט פון א טיעפער דונקעלהייט. ער האט אָבער געהערט וויא דיא טהיר האט זיך צוגעמאכט, און יעמאנד האט פון דרויסען פערשלאָסען. דאן האט ער געהערט דאס רוישען פון טהערעזע'ס זיידענע קלייד.

ער האט געשפּירט אזא היטץ און שטיקען, אז ער האט געמיינט, דאס זיין ברוסט ווערט צוזאמען געצויגען פון מאנגעל אין לופט. ער האט געפּאסט זיין גאנצען מוטה און איז ארונטער פון בעט דורך דער צווייטער זייט, אום ניט אריבער צו שפּאנען איבער קאָלומבעל'ס קערפּער.

וויא אזוי דאס איז געווען, האט יוליאַן ניט בעגריפען, נאָר ער האט געשפּירט, אז ער זיטצט אויף'ן פוס־באָדען, און זיין רעכטע האנד האט ארונטער געווישט א שטראָם קאלטען שווייס פון זיין שטערען.

דיא דיקע פינסטערניש האט אלעס אין צימער איינגעהיעלט וויא אין א דיקען שווארצען שלייער.

אין דער פאנטאזיע האט ער בלויז אויסגערעכענט, אז אין איין זייט שטעהט דאס בעט, אין דער אנדערער דער שראנק, געגענאיבער דעם שפּיעגעל מיט דעם טאָאלעט־טיש, און ער האט זיך געוואָלט אויפהייבען.

אָבער ער האט ניט געקענט. יוליאַן האט געפיהלט א שרעקליכען שמערץ אין זיין לייב און זיין הערץ האט פריהער שטארק געקלאפּט, דאן וועניגער, און דאן גאנץ שטיל.

פאר זיינע אויגען זיינען ערשיענען קאָלומבעל'ס געלבע און נאקעטע פיס און ער האט געציטערט.

„זיין מוטער!“ האט ער געמורמעלט בלויז אין געדאנקען, „זיין מוטער איז דאָ געווען! און וויא רוהיג און געלאסען זיא האט צו איהר געשפּראָכען. זיא איז א מערקווירדיגעס מעדכען; איהר שעהנהייט, מיין גאט! איז מעהר וויא א צויבער! און איך האב זיא געהאלטען אין מיינע ארעם, געקושט איהרע ליפּען, געשפּירט איהר ווארעמען הויך, און...“

דער געדאנק אן איהר, האט איהם פּלוצלינג ווידער געשטארקט און ער האט געשפּירט, אז ער קען אויפשטעהען.

יוליאַן האָט זיך אויפגעהויבען פון דעם פוס־באָדען, און אָנטאַפּענדיג א שטוהל, האָט ער זיך אויף איהם געזעטצט. עס איז געווען דער ברייטער שטוהל אויף וועלכען טהערעזע איז פריהער געזעסען, און ער האָט איהם געקושט.

דאַן האָט זיך ווידער געהערט דאָס רוישען פון א זיידענעם קלייד אין קאָרידאָר, א שליסעל האָט געקלונגען, דיא טהיר האָט זיך געעפענט און א פּאַרפום גערוך האָט זיך פערברייטעט איבער דעם צימער.

יוליאַן האָט פערשטאַנען, אַז דאָס איז טהערעזע, אָבער ער האָט ניט געוואָגט צו עפענען זיין מויל. ער האָט ערוואַרטעט, אַז זיא וועט צוקומען נעהנטער צו איהם, נאָר אנשטאַט דעם איז זיא צוגעגאַנגען צום טאָאַלעט־טיש און דאָרט עפּעס אוועק געשטעלט.

„דאָ,“ האָט זיא געמורמעלט, „האָב איך אייך געבראַכט עפּעס עסען. איהר זיינט געוויס הונגריג. עסט!“

דאָס רוישען פון איהר קלייד האָט זיך נאָך אמאָל געהערט, דיא טהיר האָט זיך פערמאַכט און זיך געשלאָסען.

ער איז אויפגעשטאַנען פון דעם שטוהל און אָנגעפאַנגען צו זוכען א שוועבעלע אין זיינע טאַשען, אָבער ער האָט ניט געפונען. אויף דיא שפּיטץ פינגער, האָט ער לאַנגזאַם געשפּירט זיין וועג, ביז ער האָט געטראָפען דעם טיש. אָנטאַפּענדיג, האָט ער געפונען ברויט, עפּעל און א קריגעל וויין.

עסען האָט ער ניט געקענט, נאָר דעם וויין האָט ער אויסגעטרונקען און דאָס האָט איהם ערפרישט.

יעמאַנד האָט וואהרשיינליך אָנגעצונדען דיא לאָמפּען אין קאָרידאָר, דען דורך דעם פענסטער׳ל איבער דער טהיר, האָט אריין געשיינט א שטראַהל, וועלכער האָט אביסעל באַלייכטעט דאָס צימער. דיא שיין האָט אָבגעשלאָגען אין שפּיגעל, אָבער ער האָט מורא געהאַט אריין צו קוקען. אין צימער זעלבסט, האָט ער שוין געקענט בעסער בעמערקען דאָס מעבעל און דאָס בעט.

יוליאַן איז בטבע ניט געווען קיין שרעקעדיגער, אָבער ער איז געווען גענוג אונגעבילדעט און פאַנאַטיש, אום צו גלויבען אין שדים און רוחות. עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז דער פאָרהאַנג ביים בעט, בעוועגט זיך.

זיין האַרץ איז געבליעבען שטיל.

„ווער ווייס,“ האָט ער זיך געטראַכט, פאַסענדיג מעהר מוטה, „פיעללייכט האָט זיא איהם גאַר ניט ערמאָרדעט? אפשר איז דאָס נאָר געווען א קלאָנג פון וועלכען ער איז געפאַלען אין אָהנמאַכט און יעטצט ערוואַכט ער?“

ער האט לאנג געקוקט אויף'ן פארהאנג, און זיך איבערצייגט, אז קיין זאך בעוועגט זיך דארט. אונטערדעסען אבער, האט זיך איהם אויסגעוויעזען, אז דאס מעבעל שאקעלט זיך.

„וואס זאל דאס זיין?“ האט ער זיך געפרעגט.

„דומהייטען!“ האט ער שוין געמורמעלט העכער, „עס איז איינבילדונג? און ווען דאס זיינען גייסטער, וואס בין איך שולדיג? וואס קענען זייא מיר טהון?“

אבער דאך, עס רוישט עפעס און עס שטורמט. וואס קען דאס בעדייטען? ער האט געשווידערט און דער קאלטער שוויים האט איהם וויעדער בעדעקט פון קאפ ביז פיס.

ענדליך האט ער זיך איבערצייגט, אז דאס איז דער גערויש פון מוזיק, וועלכער קומט פון דעם טאנץ־זאאל. דאן האט ער געהערט לאכען און פלוידערן.

יוליאן האט צוגעמאכט דיא אויגען און איז געבליעבען שטעהן בער וועגונגסלאז.

אזוי איז ער געשטאנען א היבשע צייט און ניט געוואגט צו עפענען דיא אויגען. ער האט מורא געהאט, טאמער דערזעהט ער עפעס. דיא מונטערקייט און פרייליכקייט אין טאנץ־זאאל האט יעדעס מאל מעהר געשטיעגען און במעט דער גאנצער אלטער פאלאסט האט געציטערט פון דעם טאנצען צום טאקט פון דער מוזיק.

ענדליך האט ער געעפענט דיא אויגען.

דער שטראהל דורך דעם פענסטערל איבער דער טהיר איז נאך אימער געוועזען וויא פריהער. זיך אומווענדענדיג אבער, האט ער ערבליקט נאך א שטראהל, וועלכער איז געקומען פון א צווייטען פענסטערל אין הינטערגרונד פון דעם צימער. דאס האט אויך אביסעל ליכטיגער געמאכט.

ער איז אהין צוגענאנגען און עס האט זיך איהם געדאכט, אז ער הערט דארט דייטליכער דיא מוזיק.

דאס פענסטערל איז געוועזען זעהר הויך און ער האט געזוכט א מיטעל וויא אזוי ער זאל קענען דורכקוקען.

טאפענדיג, האט ער דערפיהלט א ווייכע סאפא. זוכענדיג ווייטער מיט דיא הענד, האט ער דערשפירט א קארסעט פון ווייסען אטלאס.

ער האט איהם אויפגעהויבען מיט זיינע ציטערענדע הענד און ער האט

דערשפירט דעם נערוך פון דעמזעלבען פארפום וואס ער האט נעשפירט פון טהערעזע׳ס קערפער.

„עס איז איהר קארסעט!“ האט ער געמורמעלט מיט א זעלטענעס פער־גניגען.

ער האט צונעפיהרט דעם קארסעט צו זיין נעזיכט און איהם אָנגעפאנגען צו קושען. דאן האט ער געצווינגען מיט זיין נאז דעם פארפום־גערוך.

ער האט זיך פארגעשטעלט טהערעזע׳ס בוזים וויא אזוי ער ליעגט איינגע־פאסט אין דיעזען קארסעט, און דיא אידעע זעלבסט האט איהם בעגייסטערט. ער האט נעדריקט ווייטער דעם קארסעט צו זיין נעזיכט און עס האט זיך איהם גע־דאכט, אז ער שפירט דעם גערוך פון איהר קערפער.

וויא גליקליך ער איז נעוועזען! ער האט געוואָלט אן אלעמען פער־געסען.

„ניין, ניין,“ האט ער זיך נעטראכט, „עס איז קיין טויטען־וואך, זאָנדערן איך בעוואך מיין הייליגע ליעבע!“

אזוי טראכטענדיג, האט ער זיך נאך אמאל איבערגעדענקט דיא געשיכטע פון זיין ליעבע, וויא אזוי ער האט גאר קיינמאל ניט געוואגט צו האפען, און וויא ענדליך דאס שיקזאל האט אזוי גוט צוזאמענגעפיהרט, אז ער האט ענדליך עררייכט זיין העכסטעס גליק.

„טהערעזע!“ האט ער געמורמעלט מיט א ציטערענדער שטימע, „דיך ליעב איך און דוא ניבסט מיר דיין ליעבע! בעפעהל! בעפעהל! איך בין בערייט דעם טייפעל זעלבסט צו קעמפפען!“

דאן האט ער געמיינט, אז זיין גאנצער מוטה האט צוריק געקעהרט, און ער האט זיך לאנגזאם געזעצט אויף דער סאפא, צודריקענדיג דעם קארסעט צו זיינע ברענענדע ליפען.

זיינע אויגען זיינען אויסגעקומען צום בעט.

וואס האט ער דארט געזעהען?

קאלומבעל׳ס פיס!

וועהרענד ער איז ארונטער פון בעט, האט ער אויפגעדעקט דעם טויטען קערפער, און קאלומבעל׳ס נאקעטע פיס האבען נאך אמאל ארויס גע־שטעקט.

יוליאן האט געשפירט, אז דיא האאר שטעלען זיך איהם קאפויר און ער האט געשווינדערט.

איהם האט זיך גערטאכט, אז ער זעהט וויא דיא פיס בעוועגען זיך.

דיא אידעע און טהערעזע'ן, האט איהם פלוצלינג נאך אמאל געגעבען מוטה.

„און ווען ער לעבט נאך?" האט ער זיך געפרעגט, „דאן וועל איך איהם ערשט ערמארדען! ער דארף ניט לעבען! ער דארף מיר ניט שטעהען אין וועג!"

ער האט זיך אויפגעהויבען מיט א פעסטען ענטשלוס און איז צוגעגאנגען צום בעט. אין דער דונקעלהייט האט ער בעמערקט, דאס דיא פיס האבען זיך אויפגעדעקט. ער האט געכאפט א דעק און איהם צוגעדעקט.

דאן זיינען ענטשטאנדען אנדערע אידעען אין זיין קאפ.

„און ווען זיא זאל מיך אבנארען? ווען זיא זאל מיך בעטריגען? ווען זיא זאל מיך נאר וועלען אויסנוטצען אלס איהרעס א ווערקצייג?"

ער האט זיך אומגעווענדעט צו דער סאפא, וואו ער האט זיך נאך אמאל געזעטצט.

ער האט לאנג געדענקט און געטראכט, דאן האט ער געמורמעלט:

„איז זיא דען ניט געלעגען נעבען מיין ברוסט? הא! האט זיא מיר דען ניט אלעס פערשפרבען, פריהער און נאכדעם און ווען איך וויל? איך בין א ניכטסווירדינער! בלויז איין בעריהרונג מיט איהר, האט מעהר ווערטה וויא איך אין גאנצען!"

דיא מוזיק און דער גערויש איז געוועזען אבוועקסלענד. יעטצט האט מען נאך אמאל געשפיעלט און געטאנצט. ער האט זיך אויפגעהויבען פון דער סאפא און זיך כאנגזאם ארויף געשטעלט מיט דיא פיס. זיינע אויגען האבען שוין געגרייכט צום פענסטערל.

אך! דארט איז דער זאלאן! ער האט אלעס געזעהען.

א הערליכע און פרעכטיגע געזעלשאפט! מען האט געטאנצט און זיך אונטערהאלטען.

דארט איז אויך טהערעזע! ער האט זיא גוט דערקענט!

איהר געזיכט איז געוועזען פערפלאמט פון טאנצען און געשטראהלט מיט שעהנהייט, געזונדהייט און פערגניגען.

אייניגע עלעגאנט געקליידעטע הערען זיינען געשטאנען ארום איהר, מיט איהר געשפראכען, און זיא האט פאר יעדען געהאט א שמייכעל און עפעס עטליכע ווערטער.

און וויא אתשולדיג, וויא ריין און וויא פרום זיא האט אויסגעזעהען.

דאן איז צוגעקומען איין יונגער הערר, און זיא גענומען טאנצען. זייא האבען ביידע געשוועבט איבער דעם זאלאן וויא דיא פייגעל.

טהערעזע איז געווען א בעריהמטע טענצערין, און ווען זיא איז פערטיג גע־ווארען, האט איהר דיא גאנצע געזעלשאפט, געקלאפט בראוואָ!

זיא האט זיך העפליך פערניינט און איז פערשוואונדען געווארען פון דעם זאלאן, צוזאמען מיט דעם יונגען הערר וואס זיא האט געטאנצט.

יוליאן האט געשפירט א שטעכעדיגען שמערץ און זיין ברוסט, און ער האט ניט געוואוסט, אויב ער דארף אייפערזיכטיג זיין אָדער ניט.

ער האט זיך ארונטער געבויגען און זיך ווידער געזעטצט אויף דער סאָפאַ.

דיא מוזיק האט אויפגעהערט. דער זייגער האט געשלאָגען צעהן.

נאך צוויא שטונדען ווארטען!" האט ער צו זיך געמורמעלט מיט א שוידער.

דאן האט ער געהערט דראָשקעס צו פאָהרען צום פראָנט פון דעם פאלאסט.

יוליאן איז אויפגעשפרונגען פון דער סאָפאַ. ער האט שוין מעהר ניט געקענט זיטצען. זיין אונגעדולד האט געוואקסען מיט יעדען אויגענבליק און זיין פערווירונג איז יעדעס מאל גרעסער געווארען. ער האט געוואָלט צוגעהען צו דער טהיר, אָבער הערענדיג שריט, איז ער געבליעבען שטעהען.

„ניין, ניין, פראנציסקא," האט ער געהערט און דערקענט טהערעזע'ס שטימע. „איך דאנקע דיר."

„אָבער, מיין פריילין..." האט פראנציסקא געענטפערט.

„דוא ביסט מיעד," האט טהערעזע ווייטער געזאגט. „געה שלאָפען. איך וועל מיך אליין אויסציהען און איך וועל באלד געהען צו בעט."

דאן איז ווידער שטיל געווארען. מיט איינינע אויגענבליק שפעטער, האט ער געהערט דעם שליסעל קלינגען, דיא טהיר האט זיך געעפענט און טהערעזע איז אריין. זיא האט באלד הינטער זיך פערמאכט מיט דעם ריגעל.

זיא איז געבליעבען שטעהען אונבעוועגליך, האלטענדיג אין איין האנד א ליכט, און מיט דער אנדערער האט זיא צוגעלייגט איהרע פינגער צו דיא ליפען, אלס צייכען צו יוליאנען, ער זאל שווייגען.

איהרע באקען זיינען נאך אימער געווען אזוי בלאס וויא פריהער ; דער טאנץ האט זיא ניט רוים געמאכט.

נערווישלאך האט זיא אוועק געשטעלט דעם לייכטער אויף'ן טאאלעט-טיש, און איז צוגעגאנגען צו יוליאנען און איהם געגעבען איהר האנד.

„וואס שטעהסט איהר אזוי ?" האט זיא איהם געפרעגט גאנץ שטיל.

קיין ענטפער.

„איהר ציטערט ?" האט זיא ווייטער געפרעגט.

„ניין, ניין," האט ער קוים ארויס געשטאמעלט.

„קומט ועלען מיר זיך זעטצטען," האט זיא דאן געזאגט איהם אננעהמענדיג וויא מען פיהרט א קינד.

ער איז געגאנגען.

זיא האט איהם צוגעפיהרט צו דער סאפא וואו זיא האט אבגעלאזען זיין האנד און זיך געזעטצט.

ער איז געבליעבען שטעהען און ניט געוואוסט וואס צו טהון.

„זעטצט," האט זיא ווייטער געזאגט.

וויא א געהארזאמער הונד האט ער זיך געזעטצט נעבען איהר וואו זיא האט איהם אנגעצייגט מיט דער האנד.

„איהר האט ניט געגעסען ?" האט זיא געפרעגט נאך זעהענדיג דיא פרוכט מיט דעם ברויט אויף'ן טיש.

„ניין, איך קען ניט," האט ער געענטפערט.

„אויך ניט געטרונקען ?"

„יא, דעם וויין האב איך געטרונקען."

„דאס איז גוט," האט זיא ווייטער געמורמעלט.

זייערע געזיכטער זיינען געווען איינס געגען אנאנדער און זייא האבען דיך אנ־געקוקט א לאנגע צייט שטילשווייגענד.

עס האט זיך דאן דייטליך געסענט הערען וויא דער טויער האט זיך אין דרויסען געשלאסען און נאכדעם זיינען פערמאכט געווארען דיא טהירען אין פאלאסט.

דיא דיענערשאפט איז נאך ארום געגאנגען און צואמען גענומען וואס מען האט בעדארפט.

מען האט אויך געהערט וויא פראנציסקא האט זיך געלייגט אין בעט, וויא זיא האט זיך געקייקעלט און בעוואוגען, ביז זיא איז ענדליך שטיל געבליעבען.

„מיר מחען נאך ווארטען,“ האט טהערעזע געזאגט.

יוליאַן האט נאך אימער געשוויגען.

„עס וועט געוויס דויערן נאך א שטונדע ביז אלעס וועט רוהיג שלאָפען,“ האט זיא ווייטער געשפּראָכען. „מען קען נאַטירליך גאר ניט טהון, ביז יעדער וועט ניט שלאָפען, דאן פאנגט אן אונזער ארבייט.“

יוליאַן'ס שטילשווייגען, האט דערשראָקען טהערעזע'ן.

וואס האט ער געקענט דענקען? וואס איז פאָרגעגאנגען אין זיין קאָפּ? האט ער פיעללייכט חרטה געהאט?

„ניין!“ האט זיא זיך געטראכט, „דאס זאָל ניט געשעהען? ער מוז און זאָל טהון אלעס וואס איך הייס איהם!“

זיא האט זיך לאנגזאם אויפגעהויבען פון דער סאָפאַ און איז געבליעבען שטעהען פאר איהם קוקענדיג אויף זיין בעטריעבטעס געזיכט, גראדע וויא זיא וואָלט וועלען אריין קוקען אין זיין זעעלע אום צו זעהען וואס דאָרט געהט פאָר.

דאן האט זיא אָנגעפאנגען פּראָבירען עפענען דעם גארטעל פון איהר קלייד.

„העלפט מיר אויפמאכען,“ האט זיא געזאגט צו יוליאַנען.

ער האט איהר געהאָלפען.

זיא האט אָנגעבויגען אויפצוקנעפּלען דאס קלייד.

„ציהט ארונטער דעם ארבעל,“ האט זיא צו איהם געזאגט.

ער האט דאס אויך געפאָלגט.

זיא האט דאן אליין אויסגעצויגען איהר קלייד און איז געבליעבען שטעהען פאר איהם אין איהר אונטער קלייד און מיט דעם הוילען העמד, וועלכעס איז געוועזען אזוי שטארק אויסגעשניטען, דאס א העלפט פון איהר ווייסען אויבער־קערפּער האט זיך ארויס געזעהען.

זיא האט געעפענט איהרע האאר און זייא צערוואָרפען איבער איהרע נאקעטע שולטער.

טהערעזע איז דאן געוועזען וואונדער־שעהן און פערפיהרעריש!

„וואס זיטצט איהר אזוי?“ האט זיא איהם געפרעגט מיט א זיסען שמייכעלע.

„גאר ניט,“ האט ער ענדליך געענטפערט.

„האט איהר פערלויערן אייער מוטה?“

„ניין.“

„ליעבט איהר מיך נאך וויא פריהער?"

„מיין פריילין..."

טהערעזע האט גוטמיטהיג געלאכט, און זיך אומווענדענדיג, איז זיא צוגע־קומען צו איהם, ארונטער גענומען זיין היטעל און דאס אוועק געלייגט אויף'ן שראנק, דאן האט זיא אריין געלייגט איהר האנד צווישען זיינע האאר און זיך געזעצט אויף זיין שויס.

„אהיר זיט א מערקווירדיגער מענש!" האט זיא צו איהם געזאגט גלעטענדיג זיין האלז.

ער האט געזיפצט.

„וואס איז דאס פאר א זיפץ?" האט זיא געפרעגט.

„גאר נים."

„קושט מיך," האט זיא ווידער געזאגט אויסשטרעקענדיג איהרע ליפען צו איהם.

יוליאן האט זיא פלוצלינג אומארמט, פעסט צוגעדריקט צו זיין ברוסט און זיא געקושט מיט א ווילדעס פייער.

זיא האט געלאכט.

„און איהר ליעבט מיך?" האט זיא געפרעגט צודריקענדיג איהר נאקעטען בוזים צו זיין געזיכט.

„יא, יא," האט ער געשטאמעלט.

„עס איז נים וואהר!"

„יא, מיין גאט! איך ליעב אייך!" האט ער געענטפערט זיא דריקענדיג נאך פעסטער צו זיך.

„און איהר האט נים קיין חרטה אויף אייער שוואור?"

„ניין!" האט ער אויסגעשריען אביסעל צו הויך.

„שא, שא, שטילער," האט זיא געזאגט איהם ווארנענדיג.

ער האט געשוויגען.

„און איהר וועט מיר נאך אמאל שווערען?" האט זיא געפרעגט.

„יא, יא," האט ער געמורמעלט, „ביי א אלעס אין דער וועלט."

„איך גלויב אייך," האט זיא געענטפערט.

זיא האט זיך בעסער ארויף געזעצט אויף זיין שויס און זיך געהנטער צוגע־רוקט צו זיין קערפער.

„דאן ליעבט מיך,“ האט זיא געזאגט, „ליעבט מיך שטארק, פעסט, וויא אזוי איהר ווילט!“

יוליאַן איז געווען אויסער זיך פאר אויפרעגונג און ער האט געקושט יעדען פלאַטץ אויף איהר קערפער וואוהין זיינע ליפּען האבען געגרייכט.

„איך וועל אימער זיין אייערע,“ האט זיא ווייטער געזאגט, „אימער ווען איהר וועט וועלען, „ווייל איך ליעב אייך אויך.“

יוליאַן׳ס קאָפּ איז אויסגעקומען בייא טהערעזע׳ס רעכטען שולטער און זיינע אויגען האבען אריבער געקוקט.

עס איז געווען צום ערשטען מאל זייט טהערעזע איז אריין געקומען אין צימער מיט דעם ליבט, וואס ער האט א קוק געטהאָן צום בעט.

פאר זיינע אויגען זיינען ערשיינען קאָלומבעל׳ס געלבע פאדעשוועס.

זיין גריף ארום טהערעזע׳ס קערפער האט נאכגעלאָזען און דער שוידער וואס איז געלאָפען איבער זיין קערפער, האט אויך אויפגעציטערט טהערעזע׳ן.

„וואס איז מיט אייך?“ האט זיא געפרעגט.

ער האט געוואָלט ענטפערן נאָר ער האט ניט געקענט.

„וואס איז?“ האט זיא איהם ווייטער געדרונגען.

„דאָרט, דאָרט.“

„וואס דאָרט?“

„זיינע פיס...“

זיא האט זיך אומגעקוקט און ערבליקט דיא אורזאכע פון זיין שרעק.

אָהנע צענערונג האט זיא זיך אויפגעהויבען, צוגעגאנגען צום בעט און גוט צוגעדעקט דיא פיס פון דעם טויטען.

זיא האט זיך ווידער געווענדעט צו יוליאַנען, וועלכער איז געזעסען אויף דער סאָפא וויא געלעהמט. טהערעזע האט צו איהם געקוקט א היבשע צייט און איהם ווייטער שטודירט. דאן האט זיא זיך געזעטצט נעבען איהם וויא פריהער.

„א שעהנער מאן זייט איהר,“ האט זיא געזאגט.

„איך בין אויפגערעגט.“

„פון וואס?“

„פון דעם וואס איך האב געזעהען.“

„און וויא וועט איהר האבען דעם מוטה איהם אוועק צו טראָגען ביז צום שאנטעקלייר?“

„פערצייהעט מיר.“

„וואס זאָל איך אייך פערצייהען?"

„איך מיין, איך..."

טהערעזע האט איהם ווידער בעטראכט אויפמערקזאם און געזאגט:

„איהר מעגט זיך שעהמען!"

„ענטשולדיגט מיר."

„און וויא וויים איך, אז איהר וועט טהון אייער ארבייט וויא עס דארף צו זיין?"

„איך שווער אייך!"

„איהר האט דאך שוין איינמאל געשוואוירען?"

„איך וועל טהון אלעס וואס איהר וועט מיר הייסען — איך שווער אייך!"

טהערעזע האט א היבשע צייט געטראכט, ביז זיא האט בייא זיך אזוי בעשלאָסען:

„איך בין זיכער, אז ער וועט מיך אלעס פאָלגען. דיא פראגע איז נאָר, אויב ער וועט ניט צוזאמען ברעכען איידער ער וועט גרייכען דעם שאנטעקלייר? נאָר, איך קען מיר ניט העלפען. ער איז צו דום. יעדענפאלס וועט זיין גאנץ גענוג, ווען ער וועט איהם נאָר ארויס פטר'ן פון דאגען. זאָ שנעל וויא דער קערפער וועט זיין פון יענער זייט גאָרטען, איז אלעס פאָראיבער. ווען מען זאָל איהם אפילו ענטדעקען מיט דעם קערפער, בין איך ערשטענס זיכער, אז ער וועט מיך ניט פערראטהען, און צווייטענס, אפילו ווען ער זאָל עס יא טהון, וועט איהם יעדער האלטען פאר א משוגענעם. קאָלומבעל'ס ראָק און שיך האב איך געפונען און זייא זיינען שוין פערוואנדעלט געוואָרען אין אש. קיין אנדערע שפור פון איהם דאָ, איז ניט צו ענטדעקען."

יוליאן האט זיך צוגעבויגען צו איהר און אָנגענומען איהר האַנד, וועלכע ער האט צוגעבראכט צו זיין מויל. זיא האט איהם ניט געשטערט.

טהערעזע האט זיך צו איהם מעהר צוגעבויגען און איהם געזוכט אויפצורעגען מיט איהע מַגלי־ע קונסטען. אָבער יוליאן איז געווען צו אונשולדיג אום ער זאָל זיא פערשטעהען.

דאן האט אָנגעפאנגען א געשפרעך צווישען זייא ביידע. טהערעזע האט איהם גענוי אויסגעפרעגט איבער זיין פערגאנגענהייט, און ערפאהרען, אז ער איז נאך מיט קיין פרויענצימער ניט בעקאנט.

„דאס איז אלזא דיא אורזאכע,‟ האט זיא זיך געטראכט. „ווארט מיין יונגע, איך וועל דיך מאכען פ..ר א מענשען.‟

ווען אלעס איז גע..ווען פאראיבער, האט יוליאן אנגעכאפט טהערעזע׳ס האנד און זיא קושענדיג, האט ער געוויינט מיט הייסע טרערען און געמורמעלט:

„מיין געטטליכע געליעבטע! זאגט מיר, איך בעט אייך, איהר וועט מיך אימער ליעבען — אימער! ווייל אהן אייך וועל איך ניט לעבען! ניין, ניין, איהר זאלט מיך פון אייך ניט פערשטויסען...‟

„שא, גארישער יונגע,‟ האט זיא געזאגט, וועהרענד א טריומפירענדע מיענע איז ערשיענען אויף איהר געזיכט, „איך פערבלייב אימער דיינע. אויף אימער, ביסטו צופריעדען?‟

צופריעדען! מיין גאט! איך בין נאך מעהר וויא צופריעדען!‟ האט ער געענטפערט קושענדיג איהרע הענד, ברוסט און דאן דיא פיס.

„און דוא האסט מוטה גענוג?‟ האט זיא ווידער געפרעגט.

„מוטה!‟ האט ער געענטפערט. „אפילו דעם טייפעל זעלבסט צו צעררייסען אין שטיקער!‟

„דאס איז גוט.‟

„בעפעהלט, און איהר וועט זעהען וואס איך וועל טהון פאר אייך!‟

„איך בין צופריעדען. יעטצט, קום אהער, זיטץ נאך דא אביסעל נעבען מיר, ווייל עס מוז נאך דויערן א האלבע שטונדע ביז אונזער ארבייט זאל אנפאנגען.‟

ער האט זיך געזעטצט.

„און דוא האסט שוין מעהר קיין מורא ניט?‟ האט זיא געפרעגט.

„מורא? פאר ועמען?‟

„איך מיין פאר דעם טויטען.‟

„אפילו ניט פאר קיין לעבעדיגען.‟

„זעהר גוט, זעהר גוט מיין בראווער יונגע. אום מיך צו איבערצייגען, אז דוא האסט ווירקליך דעם מוטה, דאן מאך א פראבע: געה צו און דעק אויף זיינע פיס.‟

אהנע דער מינדעסטער צענערונג האט ער זיך אויפגעהויבען און צוגעגאנגען צום בעט, וואו ער האט אויפגעדעקט קאלומבעל׳ס נאקעטע פיס, און אום נאך ווייטער צו צייגען, אז ער איז גענוג מוטהיג, האט ער אויפגעהויבען איין פוס אין דער הויך, אבער ער האט איהם באלד געלאזען צוריק פאלען. דער געררויש פון דעם

פאלל, האט איהם אונטערדעסען אויף אזוי ווייט דערשראָקען, אז ער האט געגעבען א לייכטען שפרונג צוריק.

„נאך אימער דערשראָקען," האט זיא געמורמעלט זיטצענדיג וויא אונבע־קימערט אויף דער סאָפא.

„ניין, ניין," האט ער בעמערקט, „איך בין נאָר אויפגערעגט."

דאן האט ער אָנגענומען דעם טויטען'ס ביידע פיס און זייא אויפגעהויבען. ער האט זייא שוין אָבער ניט געלאָזען פאלען צוריק, זאָנדערן לאנגזאם אוועק געלייגט.

„בראוואָ!" האט זיא געזאגט. „יעטצט, דעק צו צוריק דיא פיס און קום ווידער אהער; דאָ נעבען מיר."

יוליאן האט אָנגענומען איינינע קליידער פון דעם בעט און צוגעדעקט דיא פיס פון דעם טויטען. וועהרענד דעם אָבער, האט ער אויפגעדעקט זיין געזיכט און ער האט זיך ניט געקענט צוריק האלטען צו שפירען א שוידער.

„וואס איז שוין ווידער?" האט טהערעזע געפרעגט בעמערקענדיג מיט איהר שארפען בליק ווידער א וועקסלונג.

„גאר ניט, גאר ניט," האט ער געענטפערט.

„עס איז יא עפּעס," האט זיא געזאגט און זיך אויפגעהויבען. זיא איז צוגע־גאנגען צום בעט און באלד ענטדעקט דיא אורזאכע פון זיין נייער שרעק.

„דעק איהם צו און מאך איין ענדע," האט זיא בעפוילען.

יוליאן האט געפאָלגט.

טהערעזע האט איהם ווידער אָנגענומען בייא דער האנד און צוגעפיהרט צו דער סאָפא.

עס זיינען פאראיבער אונגעפעהר צוואנציג מינוטען, ווען טהערעזע האט זיך אויפגעהויבען און געזאגט:

„עס איז שוין צייט."

ער איז אויך אויפגעשטאנען.

„נאָר מוטה, מיין פריינד," האט זיא געמורמעלט. „דיא גאנצע געשיכטע וועט דויערן א קליינינקייט. איהר וועט רוהיג ארונטער טראָגען דעם קערפער ביז צום שאנטעקלייר, איהם אריין ווארפען, דאן קומט איהר צוריק אהער. איהר הערט? צוריק אהער. דאס בעט וועט שוין זיין לעדיג, און אין מיינע ארעם זאָלט איהר צוברעכען דעם רעסט פון דער נאכט."

יוליאן האט ווידער אָנגעכאפט איהר האנד און זיא געקושט.

טהערעזע האט שוין אָבגערוקט דעם פאָרהאַנג פון בעט, אַרונטער גענומען דיא פליידער וואס האבען בעדעקט קאָלומבעל׳ן, און בעפוילען:

„נעהמט איהם, אָבער פאָרזיכטיג!“

וויא א פלייש־העקער טראָגט א זייט פלייש אויף זיין שולטער, אזוי האט יוליאַן גענומען דעם קליינעם קאָלומבעל שנעל אויף דיא פלייצעס און איז מיט איהם געבליעבען שטעהען.

„איהר געהט פאָראויס,“ האט זיא שנעל צו איהם געזאגט, „און איך וועל אייך צו האלטען ביים ראָק. איהר פערשטעהט? איהר דארפט זיך נאָר לאָזען פיהרען. געהט מיר לאַנגזאם נאך.“

טהערעזע האט שנעל אָבער פאָרזיכטיג געעפענט דעם ריגעל פון דער טהיר, און אָנגעהמענדיג יוליאַנען, האט זיא איהם אריין געפיהרט אין פראַנציסקא׳ס צימער.

דאס איז געווען א קריטישער אויגענבליק.

זייא זיינען שוין בייגאהע דורכגעגאַנגען דאס גאַנצע צימער, ווען א פוס פון דעם טויטען האט זיך פערטשעפעט אן א שטוהל און איהם אומגעוואָרפען מיט א קראַך.

דער גערויש האט אויפגעוועקט פראַנציסקא׳ן.

זייא האבען געזעהען וויא זיא האט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און עפעס גע־מורמעלט פערשלאָפענערהייט.ביידע זיינען געבליעבען שטעהען וויא צוגענאגעלט צום פוס־באָדען.

טהערעזע איז געשטאַנען נעבען דער טהיר און ער האט זיך אָנגעשפּאַרט בייא דער וואַנט האלב איינגעבויגען אונטער דער לאַסט פון דעם קערפּער.

עס איז קיין וואונדער וואס ביידע האבען געציטערט, זיך דערמאָהנענדיג, דאס ווען דיא אַלטע זאָל ערוואַכען נוט, וואָלט זיא געטראָפען איהר טויטען זוהן.

פראַנציסקא איז אָבער געווען שטארק מיעד און זיא איז ווידער צוריק גע־פאַלען אין בעט, וואו זיא איז נאך אמאל איינגעשלאָפען. טהערעזע האט דאן ווידער אָנגענומען יוליאַן׳ס ראָק און איהם געפיהרט.

„לאַנגזאם, לאַנגזאם, פאָרזיכטיג,“ האט זיא געמורמעלט זעהר שטיל.

זייא זיינען אריין אין קאָרידאָר.

אָבער זייא זיינען נאך ניט פערטיג געווען מיט זייער אַרבייט. דאָ האט דיא ערוואַרטעט א נייע שרעק.

דיא מארקיזין, טראָטץ דעם שפּעטער אבענד־שטונדע, האט זיך נאך ניט געהאט געלייגט אין בעט. א ליכטשטראהל האט ארויס געשיינט פון איהר עטוואס געעפענטע טהיר. יוליאן מיט טהערעזע'ן זיינען געבליעבען שטעהען און ניט געוואגט ווייטער צו געהען.

יוליאן האט געשפּירט, אז דער קערפּער פון דעם קליינעם קאָלומבעל, וועט געווים ארונטער פאלען פון זיינע שולטער, ווען ער זאָל איהם דארפען נאך אמאל צוריק טראגען.

וויא סטאַטוען זיינען זייא אנפאנגס געשטאַנען אויף איין פּלאַטץ, דאן האט טהערעזע געשפּירט, אז יוליאן ווערט מיעד, און זיא האט געהאט דעם מוטה, צו צוגעהען און אונטערשטעלען איהר שולטער, מיט וועלכען זיא האט אויסגעהאלטען א העלפט שווערקייט פון דעם קערפּער.

ענדליך האט זיך דאס ליכט אין דער מאַרקיזין'ס צימער אויסגעלאָשען. א האנד פון אינוועניג האט צוגעמאכט דיא טהיר און אלעס אין קאָרידאָר איז גע־בליעבען פינסטער. דאך האבען זייא נאך ניט געוואגט זיך צו ריהרען פון פּלאַטץ. ערשט אין א צעהן מינוטען ארום, האט טהערעזע געמורמעלט:

„האלט פעסט דעם קערפּער און איך וועל דיך פיהרען."

יוליאן האט אביסעל העכער ארויף געצויגען דעם קערפּער פון טהערעזע'ס שולטער, און דאן האט ער געשפּירט וויא זיא האט איהם אָנגענומען ביים ראָק.

„קום," האט זיא געזאגט.

ער איז געגאַנגען.

לאנגזאם און זעהר פאָרזיכטיג האט ער געשפּירט מיט דיא פיס דיא טרעפּען וואס האבען געפיהרט ארונטער, און נאך איינינע מינוטען צייט, האבען זייא גע־רייכט דאס אונטערע שטאָקווערק.

טהערעזע האט ארויס געלאָזען א זיפץ פון ערלייכטערונג.

„מיר זיינען אין זיכערהייט," האט זיא געזאגט.

„און יעטצט?" האט ער געפרעגט.

„קום מיט מיר," האט זיא בעפוילען.

זיא האט איהם אריין געפיהרט אין הויף, און איז צוגעגאנגען צו דעם אָרמען מויער וואס זיא האט אין יענער נאכט איינמאל שוין געעפענט.

„אלזא," האט זיא איהם איינגעראַטט, „יעטצט ערפאָרדערט מוטה. זייא א

מאַן, יוליאַן, און טראָג אוועק דעם קערפּער צום שאַנטעקלייר. דאַן קומסטו צוריק אהער; איך וועל וואַרטען אויף דיר. דוא הערסט?"

„יא, יא," האָט ער געענטפערט.

„גוט."

זיא האָט לאַנגזאַם געעפענט דעם אַלטען טויער און איהם אַרויס גע־לאָזען.

יוליאַן האָט זיך געפונען אין דער באָ־סאָלעיל שטראַסע, געגענאיבער זיין וואָהנונג.

ער האָט זיך אומגעקוקט און אַלעס איז געוועזען שטיל. דאַן האָט ער געמאַכט עטליכע שריט ווייטער און איז געבליעבען שטעהען זיך ווידער אַרום צו קוקען, אויב דער וועג איז פרייא. אַלעס איז געוועזען שטיל און רוהיג.

טהערעזע'ס פענסטער האָט זיך געעפענט, און יוליאַן האָט דערזעהען טהער־רעזע'ן, מיט איהרע נאַקעטע אָרעמס, וועלכע האָט איהם צוגעוואָרפען הענד־קיססע, און געמאַכט מיט דער האַנד ער זאָל שנעלער געהען.

ער האָט איהר צוגעוואָרפען נאָך אַ בליק, דאַן האָט ער זיך אומגעווענדעט און איז געגאַנגען.

5.

יוליאַן איז געוועזען איין אויסערגעוועהנליך קרעפטיגער מאַן. נאָך אַלס איינגעל האָט ער געהאַט אַ שם אַלס אַ שטאַרקער. ער פלעגט זעהר אָפט אַרויס געהען און העלפען דיא אַרבייטער אויסצוהאַקען בוימער.

יעדער פלעגט זיך וואונדערן איבער זיין מאַכט, וויא אַזוי ער פלעגט מיט אַ האַק שנעלער אויסהאַקען אַ בוים וויא אַ געניטער אַרבייטער, און דאַן, האָט ער געקענט נעהמען דעם שווערסטען קלאָטץ אויף ד'א פלייצעס און איהם טראָגען אויף זיינע שולטערן פון פלאַטץ צו פלאַטץ.

זייענדיג יעטצט אויף דער פרייער לופט און בעגייסטערט מיט דער אידעע פון טהערעזע'ס ליעבע, האָט פּלוצלינג צוריק געקעהרט זיין אַלטע קערפּערליכע קראַפט און יעדע שרעק איז פערשוואונדען. קאַלומבעל'ס קערפּער אויף זיינע שולטערן איז איהם געוועזען אַזוי לייכט, גראַדע וויא ער וואָלט דאָרט בלויז געטראָגען אַ לייכטען ראָק.

ער האָט איהם קוים געפיהלט.

אין דערזעלבער צייט איז אין איהם ערוועקט געוואָרען א בעסטיאַלישער צאָרן געגען קאָלומבעל׳ן, וועלכער האט אמאל געהאלטען אין זיינע ארעם דיא הערר־ליכע טהערעזע. ער האט זיך אויך דערמאָהנט, וויא אזוי קאָלומבעל פלעגט פון איהם לאכען, שפּאָטען און חוזק מאכען.

„עס איז גוט,“ האט ער זיך געטראכט, „וואס דאס איז דיין סוף. דוא וועסט מיר שוין מעהר ניט שטעהען אין וועג. געבענשט זאָלען ווערען דיא הענד וואס האבען דיך דערהרג׳עט.“

ער האט זיך ווייטער פאַרגעשטעלט, וויא אזוי ער וועט יעדען אבענד זיטצען בייא זיין פענסטער און שפּיעלען אויף זיין פלייט צו טהערעזע׳ן, און קאָלומבעל וועט שוין מעהר ניט זיין אום פון איהם צו לאכען.

„א מצוה אויף איהם !“ האט ער זיך ווייטער געטראכט. „ער האט עס עהר־ליך פערדיענט !“

אזוי דענקענדיג איבער דעם זיעג געגען זיין ערגסטען פיינד, וועלכען ער האט געטראָגען קאַלט און שטייף אויף זיינע שולטער, האט ער געשפּירט א זאנפטעס פערגניגען זיך פערברייטענדיג איבער זיין גאַנצען קערפּער, און טהערעזע׳ס בילד, איהר שעהנער קערפּער און איהר ליעבע, זיינען ערשיענען פאר זיינע אויגען.

מיט א וואָרף, האט ער דעם קערפּער בעסער ארויף גערוקט אויף זיינע שולטערן, זאָ דאס ער האט געהערט וויא קאָלומבעל׳ס צייהן האבען זיך צוזאמען געשטויסען. אָבער דאס האט איהם ניט פיעל בעקימערט. און ער האט אָנגעפאַנגען מיט פעסטע און שנעלע שריט ווייטער צו געהען.

דאס גאַנצע שטעטעל איז געלעגען איינגעהיעלט אין פינסטערניש, מיט דער אויסנאהמע פון דעם פענסטער בייא קאפּיטאַן פידו, פון וואנען עס האט זיך נאך געלייכט.

עס שיינט, אז דער קאפּיטאַן איז געוועזען קראנק און שלעכט געפיהלט. יוליאַן האט איהם געזעהען דורכ׳ן פענסטער ארום געהענדיג אין זיין נאכט־מאַנטעל און זיין קרעכצען האט זיך ארויס געהערט ביז אויף דער גאַס.

יוליאַן האט זיך דערמאָהנט, אז פון דער דונקעלהייט אין דער ליכטיגקייט, קען מען זעהען, ווערהענד פון דער ליכטיגקייט אין דער דונקעלהייט, איז שווער עפּעס צו אונטערשיידען. געשטיטצט אויף דיעזער ערקלערונג, האט ער אָנגעפאַנגען שנעלער צו געהען, אום אזוי גיך וויא מעגליך צו פּאסירען דאס פענסטער וואו קאַ־פּיטאַן פידו האט זיך געפונען.

ווען ער איז אריעבער דיא עטליכע הייזער, האט ער פרייער אויפגעאטהעמט און אָנגעפאנגען ווייטער צו געהען פאָרזיכטיג.

פלוצלינג אָבער האט ער זיך אזוי דערשראָקען, אז דאס בלוט אין זיינע אָדערן איז שיער פערקיהלט געוואָרען. ער האט געהערט א לייכטען הוסט אזוי נאהענט צו זיך, אז עס האט זיך איהם באלד געדאכט, דאס דער הוסט קומט פון דעם טויטען.

יוליאן האט אונטערדעסען געפּאסט מוטה און פערשטאנען, אז ניט דער טויטער האט געהוסט, און עס גיבט מעהר אדזאכע מורא צו האבען פאר א לעבעדיגען. אָהנע פיעל צייט צו פערלירען האט ער זיך אריין געכאפּט אונטער א בלומען־פערוואקסענע טהיר און איז געבליעבען שטעהען בעוועגונגסלאָז.

עס איז געווען דיא פרוי פון דעם נאָטאר סאַווארנין, וועלכע איז געשטאנען ביים פענסטער צו געניעסען פרישע לופט, און זיא האט שטארק געזיפצט קוקענדיג אויף דיא פינקלענדע שטערען.

דאס איז געווען א שלעכטער צופאל. יוליאן האט זיך שטארק געוואונדערט דאריעבער. ער האט געוואוסט, אז געוועהנליך צו דיעזער שטונדע, איז אַלעס געלעגען טיעף פערזונקען אין שלאָף. דאן האט ער זיך דערמאָהנט, אז קאָלומבעל איז געווען אָנגעשטעלט ביים דעם נאָטאר סאַווארנין, און ער האט זיך געטראכט:

„ווען זיא זאָל וויסען ווען איך טראָג דאָ !"

עס האט אָבער ניט פיעל געדויערט און ער האט געזעהען וויא דיא מאדאם סאווארנין האט זיך אויפגעהויבען פון נעבען פענסטער, און אין אוועק לייסטען געזעלשאפט איהר מאַן, וועלכער האט אזוי געשנארכט, אז מען האט דאס געקענט הערען ביז אויף דער גאס.

אזוי שנעל וויא זיא האט דאס פענסטער צוגעמאכט, איז יוליאן ארויס פון זיין בעהעלטעניש. ער האט זיך עטליכע מאל אומגעקוקט פון אלע זייטען. עס האט זיך איהם געדאכט, אז עס שוועבט עפּעס איבער דער שטראסע. זיין הערץ האט שטארק געקלאפּט, אָבער ער האט ווייטער געפאסט מוטה און פאָרטגעזעטצט זיין גאנג.

וואס ניעדריגער ער איז ארונטער אין דער שטראסע, אַלץ ענגער איז געוואָרען דער וועג, און דיא הייזער, וועלכע זיינען געשטאנען צו נאָהענט נעבען אנאנדער, האבען אפילו פערשטעלט דאס שוואכע ליכט פון דיא שטערען.

דיא אונגעהייערע פינסטערניש, איז איהם געווען זעהר אונאנגענעהם, און יעדעס מאל איז איהם געווארען אונהיימליכער אויף'ן הארצען. ער האט געוואָלט ענטלויפען, גלייך וויא יעמאנד וואָלט איהם פערפאָלגט.

אָבער זיין פערשטאנד האט צוריק געקעהרט, און ער האט אָנגעפאנגען איבער־צוקלערען, אז לויפען צו שטארק, איז דום און געפעהרליך. ביז דאמאלס איז ער געגאנגען אזוי שטיל און פארזיכטיג, דאס ער האט זאָגאר דיא אויפמערקזאמקייט פון דיא הינט ניט צוגעצויגען.

ער האט זיך בעמיהט צו זיין רוהיג, אָבער עס איז אונמעגליך געווען, עס האט זיך איהם געדאכט, אז אין דער דונקעלהייט שטעהען צוויא פייערדיגע אויגען און ערוואַרטען איהם.

דאן האט ער זיך דערמאָהנט אן טהערעזע'ן. איהר קערפער, איהר מוטה און איהר ליעבע! דאס אַלעס האט איהם געבראכט צור בעזינונג און ער האט זיך בעדייטענד בערוהיגט.

„דומקאָפּ וואס איך בין!“ האט ער צו זיך געמורמעלט, „איך שרעק מיך פאר שאטענס! זיא פערדיענט איך זאָל אפילו דיא גאנצע וועלט אויסהרג'ענען. יא, יא, געטטליכע טהערעזע, פאר דיר וועל איך אַלעס טהון — אַלעס!“

און ער האט מיט געמאָסטענע טריט פאָרטגעזעטצט זיין מארש.

פּלוצלינג האבען פרעהליכע מענער־שטימען אונטערבראָכען דעם שטראָם פון זיינע גליקליכע געדאנקען. ער איז געבליעבען שטעהען, און אָהנע פיעל צו ווארטען, האט ער זיך אריין געבאפּט אין איין אָפענעם הויפעל, וואו ער האט זיך אָבער גע־מוזט אָנבויגען אום צו שטעהען בעהאַלטען אונטער דיא בעוואַקסענע צווייגען פון א בוים.

ער האט דערקענט אן דיא שטימען דיא אַפּיצירען, וועלכע האבען וואהר־שיינליך געטרונקען ערגעץ שפּעט אין דער נאכט.

יוליאן איז געשטאנען שטילשוויינענד היבשע עטליכע מינוטען, ביז דיא שטימען זיינען לאנגזאם אָבגעשטאָרבען. דיא אָפּיצירען, וויא עס שיינט, זיינען אוועק אהיים מיט א צוויטער שטראַסע.

ער האט נאך אביסעל געווארט, און דאן האט ער בעשלאָסען ארויס צו געהען.

וויא ער האט זיך געריהרט פון פּלאַטץ, האט זיך קאָלומבעל'ס קערפער צוריק געצויגען. ער האט זיך אזוי דערשראָקען דערפאר, אז ער האט אָבגעלאָזען דעם קערפער און איז ארויס געלאָפען. דער קערפער איז דאן ארונטער געפאלען אויף'ן

גראָז, מיט א דומפפען קראַך. פון ווייטען האט ערגיץ א הונד אָנגעפאַנגען צו בילען.

יוליאן האט געוואָלט אנפאנגס אנטלויפען, אָבער ער האט זיך ניט געקענט ריהרען פון דעם פּלאטץ.

וואס איז געווען? וואס האט פּאסירט?

דארויף האט זיך יוליאן ערנסט לאַנגזאַם געקענט ענטפערן.

ווערענד ער איז געשטאַנען הינטער דעם בוים, האט זיך קאָלומבעל'ס העמד פערטשעפּעט אן א צווייגעל און דאס האט איהם וויא צוריק געהאַלטען, ווען יוליאן האט געוואָלט ארויס געהען. פאר שרעק האט איהם יוליאן דאן אָבגע־לאָזען, און ער איז צוריק געפאַלען צו דער ערד.

יא, יוליאן האט געוואָלט דאָרט צוריק לאָזען דעם קערפּער. אָבער ער האט זיך דערמאָהנט אן טהערעזע'ן, צו וועלכער ער דאַרף צוריק קעהרען, און וועלכע וועט איהם וואהרשיינליך פערשטויסען, ווען זיא וועט ערפאהרען, אז ער האט נאָר געמאכט א האלבע ארבייט.

ערמוטהיגט פון דיעזער אידעע, האט ער געכאפּט קאָלומבעל'ן, איהם ווידער ארויף געוואָרפען אויף זיינע שולטערן און אָנגעפאַנגען צו געהען מיט שנעלערע טריט, ביז ער האט געגרייכט דעם שטאָדט־טויער.

ניעמאנד איז דאָרט געווען, און ער האט פּאסירט דיעזען פּלאטץ אונגע־שטערט.

אלס ער איז ארויס געקומען אויף'ן פרייען פעלד, איז ער געבליעבען שטעהען און אויפגעציטערט פון קאָפּ ביז פיס. איבער דעם פעלד האט זיך אויסגעברייטעט א ברייטער און בלוי'ליכער שטראהל, און דורך איהם האט צערטליך געבלאָזען א פרישער און אנגענעהמער ווינט. יוליאן האט זיך פאַרגעשטעלט, אז ער זעהט פאר זיינע אויגען א גרויסע מענגע מענשען, וועלכע ערוואַרטען איהם.

זיין מעכטיגע ברוסט האט זיך ווילד בעוואויגען, און עס האט איהם ווידער גענומען עטליכע מינוטען צייט, ביז ער האט זיך איבערצייגט, אז ער שרעקט זיך בלויז פאר זיין אייגענער פאנטאזיע.

אימער ווייטער און ווייטער איז ער געגאנגען, ביז ער האט ענדליך געגרייכט דיא בריק פון דעם שאנטעקלייר און איז ארויף אויף איהר. אונטען האט ער גע־הערט דיא וועללען מורמלען און פּאטשען.

ער האט געפּאסט טומה און ארונטער גענומען דעם קערפּער פון זיינע

שולטערן. ער האט איהם גענומען אויף דיא הענד, גראדע וויא מען טראָגט א קינד, און זיך אָנבייגענדיג, גראדע וויא ער האט געוואָלט אויסמיידען טויזענד שטומע עדות, איז ער געגאנגען אין שאטען פון דער בריק־פּארענטשע.

וואוהין איז ער געגאנגען?

ריכטיג, דאס איז געווען זיין אויסגערעכענטער פּלאן.

נים דירעקט פון דער בריק האט ער איהם געוואָלט ארונטער ווארפען. דאס וואָלט נים געווען פּראקטיש, ווייל מען האט געקענט זעהן דיא גאנצע בריק פון דער שטאָדט.

יוליאן האט בעאבזיכטיגט צו געהען ביז פון יענער זייט בריק, וואו ער פלעגט אָפט זיטצען און בליקען אין דיא וואסערן פון דעם שאנטעקלייר. דער פּלאטץ איז איהם געווען גוט בעקאנט.

דאָרט איז אויך געווען גאנץ טיעף און דער טייך האט פעסטער געפלאָסען. ער האט געדענקט, דאס ער האט אמאל געזעהען צושווימענדיג א ברעט אהין, און ווען דיא ברעט איז געקומען אויף יענעם פּלאטץ, האט זיא דאס וואסער מיט גרויסער געוואלט אוועק געשליידערט גאנץ וויים.

אהין, אהין, מוז ער איהם אריין ווארפען!

ער האט נאך אמאל געזאָמעלט זיין גאנצע קראפט און איז ארונטער ביז צו ענדע פון דער בריק.

אָט דאָרט איז עס! יוליאן האט דערקענט דעם פלאכען שטיין, אויף וועלכען ער איז אזוי פיעלע מאל געזעסען.

ער האט זיך אויפגעהויבען מיט דעם קערפער איבער דער פּארענטשע, דאס וואסער האט געפלאָסען רעגעלמעסיג פאָרווערטס און דיא שטערען האבען געהיימ־ניספאָל זיך אָבגעשפּיעגעלט אינוועניג.

אהין, אהין, מוז ער איהם אריין ווארפען!

ער האט געהאלטען קאָלומבעל'ן אזוי הויך, אז עס איז אויסגעקומען געזיכט צו געזיכט. איין אונהיימליכע לוסט האט איהם ערגריפען, אום צו זעהען נאך איינ־מאָל דאס געזיכט פון דעם טויטען, איידער ער לאָזט איהם ארונטער אין דעם ווילדען שטראָם.

אייניגע סעקונדען האט ער געבליקט אין דעם בלאסען געזיכט פון דעם טויטען קאָלומבעל, און עס האט אויסגעזעהען, אז ער קען זיך גאר פון איהם נים אָברייסען.

דיא וואונד אויף דער שלייף, איז געוואָרען שווארץ.

פון דער ווייטען האט זיך געהערט דאס סקריפען פון א לאסט־וואגען.

יעטצט איז דיא צייט, האט ער זיך געטראכט, און ער האט איהם געוואלט ארונטער ווארפען. אבער מערקווירדיג — וואס איז דאס?

קאלומבעל'ס לינקע האנד האט איהם וויא אומארמט און פעסט געהאלטען. ער האט איהם נאך א רוק געגעבען און דיא צווייטע האנד האט איך ארום גע־נומען זיין האלז.

יוליאן האט געציטערט און געשווידערט.

„ער וויל מיך מיטנעהמען!“ האט ער געמורמעלט ציטערענדיג.

מיט איין אונגעהייערער־אנשטרענגונג האט ער ענדליך זיך בעפרייט פון קאָ־לומבעל'ס הענד, און מיט א העפטיגען רוק, האט ער איהם ארונטער געשליידערט אין וואסער.

ער האט געהערט דעם פליוסק, און דאן האט ער ניט געקענט אבווענדען זיינע אויגען און געמוזט קוקען אין וואסער אום צו זעהען וואס עס איז געווארען פון קאלומבעל'ן.

יוליאן האט געזעהען וויא דער שטראָם האט געוואָרפען דעם קערפער ארויף און ארונטער, און דאן האט ער צום לעטצטען געזעהען דיא געלבע פיס פון דעם קליינעם קאָלומבעל, און דאס וואסער איז ווייטער געלאָפען, דיא וועללען האבען גערוישט, דיא שטערען האבען געפינקעלט און דיא נאטור האט געהיימניספאָל גע־דרעמעלט...

יוליאן איז ניט אוועק קיין פיעלע שריט פון דעם פלאטץ, וואוהין ער האט קאָלומבעל'ס קערפער אריין געוואָרפען. פאר אלעמען האט ער געשפירט א נאסקייט אויף זיין גאנצען קערפער, גלייך וויא ער וואלט נאר וואס ארויס געקראָכען פון דעם שאנטעקלייר. דיא נאסקייט אויף זיין קערפער איז געוועזן קאלט און עס האט איהם געפיעבערט.

אבער זיין געהירן איז געוועזן גאנץ פערדונקעלט און פערוואָלקענד; ער האט גאר ניט געקענט דענקען און איז געשטאנען וויא בעטויבט. זיינע פיס האבען זיך שטארק געבויגען און זיינע הענד האט ער גאר ניט געקענט אויפהייבען.

אָהנע צו וויסען וואס ער טהוט, האט ער, אויס אלטער געוואָהנהייט, זיך אוועק געזעטצט אויף דעמזעלבען פלאטץ פון דער בריק, וואו ער איז אזוי פיעלע מאל געזעסען און געטרויםט פון זיין אונשולד און צופריעדענהייט.

זיינע אויגען האבען געבליקט צו דיא מורמלענדע וועללען און עס האט זיך איהם געדאכט, אז קליינע קעפעלעך שטעקען זיך ארויס און רעדען זיך איינער מיט

אנאנדער אין דערצעהלען וויא אזוי ער האט געטראָגען קאָלומבעל'ן און איהם אריין געוואָרפען אין שאַנטעקלייר.

דאַן האט זיך יוליאַן דערמאָהנט וויא אזוי דער טויטער האט איהם אומ־ארמט און געוואָלט מיטציהען אין וואסער מיט זיך.

ער האט נאָך אמאל העפטיג אויפגעשווידערט!

זיין שטערען איז פּלוצלינג געוואָרען גליהענדיג הייס און זיינע אויגען האבען אויסגעזעהען צו וועלען ארויס שפּרינגען פון זייערע לעכער. אין זיינע ביידע שלייפען האט עס געקלאַפּט וויא מיט האַמערס און זיין הערץ האט געוויטהעט וויא פון א שטורם.

א מילד און צערטליך ווינטעלע, האט וויא מיט א סאַמעטענער האנד גע־גלעט זיין ברענענדען קאָפּ און זיך געקרייזעלט צווישען זיינע האאר. דיא ריינע און קיהלענדע לופט האט געדרונגען אין זיין אָפענעם מויל, צווישען זיינע טרוקענע ליפּען, און דאס האט איהם ביסלעכוויז אויפגעפרישט.

דאַן האט זיך דאס ווינטעלע געשטאַרקט און האט שטילל געברומט איבער דער פרייער געגענד און צווישען דיא פאַרענטשעס פון דער בריק. יוליאַן האט אויפגעהויבען זיינע אויגען פון דעם וואסער און ערבליקט דיא שטילע נאַטור ארום זיך, וועלכע איז געלעגען אזוי רוהיג און געהיימניספאָל, דאס איהר אנבליק האט אין איהם ארויס גערופען א זאַנפטעם און בערוהיגענדעם געפיהל.

דאס ווינטעלע, האט זיך איהם געדאכט, איז וויא א זיסעם וויעגען־ליעד, וואס וויל איהם איינשלעפערן און איינשלומערן צום טאַקט פון דעם העללען קלאַנג פון דיא וועללען.

פּלוצלינג האט ער זיך דערמאָהנט אן טהערעזע'ן. איהר האלב־נאַקעטער, צארטער און ווייסער קערפּער איז ערשיענען פאַר זיינע אויגען און דאס ליעבעס־געפיהל האט איהם אָנגעפילט מיט א זעלטענעם פערגניגען.

זיין הארץ האט מעהר נים אזוי געקלאַפּט, זיין שטערען האט זיך אָבגע־קיהלט, און ער האט געשפּירט דאס ווינטעלע צערטליך בלאָזען אויף זיין געזיכט.

יוליאַן האט פאר זיך געזעהען נאָר טהערעזע'ן; זיך ערינערט אן דער צייט וואס ער האט מיט איהר צוגעבראכט; געבליקט אין איהרע רויטע ליפּען, שטיר־מישען בוזעם און בלאַסע באַקען.

דאַן האט ער זיך פאַ־געשטעלט דעם שטיבעל, וועלכען ער האט אָנגעהויבען ערשט יעמצט בעסער צו בעגרייפען.

וואס איז געלעגען אין יענעם שמייכעל?

אויף דיעזער פראגע האט ער זיך ניט לייכט געקענט ענטפערן. ער האט זיך עראינערט אן דעם אויסדרוק פון דעם שמייכעל, און עס האט זיך איהם גערזאכט, אז ער זעהט דארט פעראכטונג, ערביטערונג און האס.

„ליעבט זיא מיך?“ האט ער זיך געפרעגט.

א קאלטער שוידער איבער זיין גאנצעם לייב איז געווען דער ענטפער.

ער האט זיך פארגעשטעלט איהר שעהנע און ווייסע פינגער און געזעהען אין זיין פאנטאזיע וויא אזוי זיא האט מיט דיעזע פינגער צוזאמען געדריקט קאלומבעל'ס האלז, שטארק, פעסט, ביז זיא האט איהם דערווארגען!

דאן האט ער זיך פארגעשטעלט וויא אזוי איהרע צארטע הענד־מוסקעלען האבען זיך אנגעשטרענגט און קאלומבעל'ן צוגעווארפען צום שראנק...

אבער איהר קערפער, איהר ליעבע, איהר שעהנהייט, און איהר פערגניעגען וואס זיא האט איהם פערשאפט! דאס אלעס האט געשפאנט זיין פערשטאנד וויא אויף א פאלטער און זיין הארץ האט זיך אנגעפילט מיט גליק.

דארט, אין יענעם צימער, צווישען דיא פארהענגע, וואו עס שמעקט פארפום, וואו דער גערוך פון איהר יוגענדליכען קערפער פערברייטעט זיך — דארט ליעגט זיא יעטצט און ערווארטעט איהם. אזוי האט זיא געזאגט, אזוי האט זיא איהם פערשפראכען.

„באלד, באלד,“ האט ער געמורמעלט, „גלייך געה איך אהין, און איך וועל דיך אומארמען, צודריקען צו מיין ברוסט און...“

עס האט זיך איהם גערזאכט, אז ער שפירט איהר צארטען און ווייכען קערפער נעבען זיינעם, דאס ער קושט איהרע רויטע ליפען און ער שפירט הינטער זיך איהר שטירמישען בוזעם.

אויף איינמאל איז זיין הארץ שטיל געווארען. ער האט זיך דערשראקען פאר זיינע געפיהלע.

און וואס וועט ער טהון, האט ער זיך געפרעגט, ווען זיא זאל איהם מעהר ניט וועלען צו לאזען צו זיך? וואס וועט ער טהון, ווען זיא וועט צושליעסען איהר צימער, דעם טויער פון דעם גארטען, און איהם גאר ניט וועלען צו לאזען צו זיך?

ער האט זיך עראינערט אן יענעם ביטער; און פעראכטענדען שמייכעל און...

„אָבער ניין, ניין!“ האט ער אויסגעשריען, „דאס קען ניט זיין און עס דארף ניט זיין! איך האב פאר איהר אלעס געטהאָן, איינגעשטעלט מיין לעבען, אלעס, אלעס... זיא מוז און דארף מיך עמפפאנגען, זאָנסט וועל איך מיט געוואלט איינ־דרינגען אין איהר צימער, זיא כאפּען אויף דער גאס און שלעפּען צו מיר, מיט מיר, און...“

זיינע פאנטאזיען פון דער פערגאנגענהייט זיינען ערשיענען; ער האט זיך ער־אינערט וויפיעל, וויא לאנג ער האט איבער איהר געטרוימט, און יעטצט?

„יעטצט,“ האט ער געמורמעלט, „איז אלעס פאָראיבער. וואס קען איך נאך פון איהר פערלאנגען? האט זיא מיר ניט בעלוינט? וואס נאך קען איך וועלען? אך, דיעזע הערליכקייט, דיעזע געטטין! דיעזער ענגעל, איז געלעגען אין מיינע ארעם און זיא האט מיר געגעבען צו טרינקען דעם פולען בעכער פון ליעבע... מעהר דארף איך ניט, גענוג! גענוג!“

יוליאן איז געוועזן בערוישט פון דיעזער געפיהלע, און נאך א פויזע האט ער זיך וויעדער בערעכענט, פיעללייכט האט ער גאר א טעות, פיעללייכט נארען איהם זיינע געפיהלע, און, נאך אלעמען, ערוואַרטעט איהם יעטצט טהערעזע און איז בער־רייט צו האלטען איהר וואָרט וויא זיא האט איהם פערשפּראָכען.

ער האט אויסגעשטרעקט זיין האנד, זיך אָנגעכאפּט אן דער פּארענטישע און פראָבירט אייפצושטעהען. אָבער זיין האנד איז געוועזן מאכטלאָז און זיין קערפּער צו שווער זיך אויפצוהייבען.

יוליאן האט אָנגעשטרענגט אלע זיינע קרעפטען און זיך אביסעל געריהרט פון פּלאטץ, אָבער ער איז באלד צוריק געפאַלען מאכטלאָז.

אין זיינע שלייפען האט עס נאך אמאל אָנגעהויבען צו האמערען, און זיינע געדאנקען זיינען פערמישט געוואָרען מיט ווילדע און אונרעגעלמעסיגע פאנ־טאזיען.

טהערעזע'ס בילד, אין בעט, צווישען דיא פאָרהענגע; דאָן זיטצענדיג אויף'ן שטוהל און ליעגענדיג אויף דער סאָפא, האט פאר איהם געטאנצט וויא א גייסטער־שאטען, און איז לאנגזאם פערשוואונדען געוואָרען וויא א ווייסער רויך.

דיא פיס האבען געציטערט, דיא הענד האבען זיך קראמפפהאפט צוזאמען געצויגען און זיין ברוסט האט זיך צוזאמען געדריקט מיט שמערץ.

טהערעזע'ס בילד, איהר פיגור, איז ערשיענען צייטענווייז אין אונדייטליכקייט, אָבער עס האט צוריק געלאָזען דעם אונאנגענעהמען איינדרוק פון איהר שפּאָטישען שמייכעל.

דאן האט זיך איהם גערארכט, אז ער זעהט טהערעזע'ן אין דעם באלל־קלייד, און זיא געהט צו צו קאלומבעל'ן, עפענט זיין העמד, שטרעקט אוים איהרע ווייסע און שעהנע פינגער, און רוקט זייא אריין מיט אונגעהייערער מאכט אין זיין ברוסט. פון וואנען זיא רייסט ארויס א פלאטערענדעס, ציטערענדעס און פערבלוטיגטעס הערץ, און זיא ווענדעט זיך צו איהם און זאגט:

„יוליאן! נעהם דאס! נעהם עס, דוא הערסט, און טראג עס אוועק צום שאנטעקליר, ווארף עס אריין אין שטראם, און — הא! הא! הא!"

יא, יא, יוליאן האט געהערט דאס געלעכטער, און עס האט זיך איהם גע־דאכט, אז גאנצע רעגימענטען פון טייפלען לאכען מיט!

פאר זיינע אויגען האט געטאנצט דער ווייסער און נאקעטער שולטער פון טהערעזע'ס קערפער, אבער פאר קיין זאך אין דער וועלט וואלט יוליאן מעהר בע־ריהרט דיעזען שולטער מיט זיינע פינגער.

ער האט געשפירט א שוידער, און אנשטאט דעם פארפום־גערוך, האט ער געפיהלט א גערוך פון קברים אויפשטייגען אין זיינע נאז־לעכער.

טהערעזע'ס שמייכעל, מיט האס און פעראכטונג, האט זיך געדרענגט אין זיין פאנטאזיע מיט א שטארקער געוואלט, און זיינע געפיהלע האבען אנגענומען איין ענדערונג.

דיא לוסט, דער רייץ און פערלאנגען צו איהר, האט אנגעהויבען יעדעס מאל שוואכער צו ווערען, ביז אנשטאט דעם, איז ערשיענען שאנדע, שוידערן, ציטערן און פעראכטונג.

„א מערדערין! א בלוטיגע מערדערין!" האט ער געמורמעלט.

ער האט פערמאכט זיינע אויגען און איהם האט זיך געוואלט שלאפען, רוהען און פערגעסען.

„און איך," האט ער ווייטער געמורמעלט. „בין א מערדער גלייך מיט איהר! פאר דיעזער ליעבעס־נאכט, האב איך געטהיילט דעם מארד מיט איהר צוזאמען, און..."

דיעזער געדאנק וואס האט איהם יעטצט בעהערשט, האט אויף איהם שוידערהאפט געווירקט.

ער האט זיך דערמאהנט אן זיין אונשולד און אונוויסענהייט; ער האט פאר זיך געזעהען טהערעזע'ן, וויא אזוי זיא האט אין איהם ארויס גערופען אלע מעגליכע טהיערישע געפיהלע און וויסענדיג, אז איהר אפפער, איהר געוועזענער געליעבטער

ליענט טויט אויף'ן בעט; לויט דורך איהר האנד — האט זיא, טראָסט דעם, איהם, יוליאַנען, נעגעבען איהר ליעבע און...

„ליעבע?" האט ער זיך נעפרעגט, „ניין, ניין!" איז געווען דער ענטפער. „דאס איז ניט געווען קיין ליעבע! מיך האסט זיא פיעללייכט וויא דעם טויט זעלבסט. איך בין מיאוס, העסליך, און זיא האט אויף מיר ניט געקענט קוקען, נאָר זיא האט מיר נעגעבען איהר קערפער, איהר ליעבע, דאמיט מיך אָבצוקויפען און זיין איהר מיטשולדיגער..."

שלאָפען, שלאָפען, נאָר שלאָפען! דאס האט ער געוואָלט, אָבער ער האט נעקעמפפט דאגעגען.

„און וויא אזוי," האט ער זיך ווייטער נעפרעגט, „איז ניט ארויף געפאַלען דער דאך איבער דעם צימער, בשעת איך בין מיט איהר געווען אויף דער סאָפא? אהין צוריק קעהרען? זיא, דיא מערדערין, נאך אמאל זעהען! קיינמאל ניט! קיינמאל ניט!"

פון דער ווייטען האט זיך איהם געדאכט, אז ער הערט דיא טענער פון א פלייט, שטיל, טרוימעריש און צויבערהאפט — עס איז זיין אייגענע פלייט! און ווער קען דאס שפיעלען אויף זיין פלייט?

דאן האט ער זיך עראינערט וויא אזוי ער פלעגט זיטצען ביים פענסטער, און שפיעלען, און קאָלומבעל פלעגט חוזק מאכען פון איהם.

אָבער ער איז מעהר ניט בעז געווען אויף קאָלומבעל'ן. ער איז דאך טויט; זיא האט איהם דערהרג'עט, און ער אליין איז א שותף צום מאָרד...

זיין בליק איז ווידער געפאַלען צום וואסער, צו דיא וועללען, און, איבער־הויפט צו דעם פלאַטץ וואו דער שטראָם איז געווען אם שטארקסטען.

הא! וואס זעהט ער דאָרט? עס איז קאָלומבעל'ס קערפער! יא, יא, ער האט איהם געזעהען. זיין פאנטאזיע, איז שוין געווען גענוג קראנק אום איהם צו זעהען.

ער האט זאָגאר געזעהען וויא קאָלומבעל קריכט ארויס, שטעקט ארויס זיין קערפער פון דעם וואסער, דאַן דיא הענד... און דיא הענד אליין, ציהען זיך אויס ווייט, לאנג, ביז זייא גרייכען ארויף צו דער בריק, און, זעה, וויא דיא הענד קומען צו נעהנטער און געהנטער...

וואס? וויא קומט צו קאָלומבעל'ן אזעלכע לאנגע הענד?

זעה, זעה, וויא דיא הענד, דיא פינגער, רופען איהם, יוליאן, ער זאל ארונטער קומען.

ער פראָבירט ניט צו ענטלויפען, ווייל אלע זיינע גליעדער זיינען אָבגעשמאָרבען; אָבער דיא לאַנגע הענד גרייכען זיין האלז, גראָדע וויא פריהער און זייא אומארמען איהם פעסט, שטארק, און זייא ציהען איהם.

„קום, קום,“ הערט ער געהערט מורמלען פון דעם וואסער, „ניט דוא, ניט איך זאָלען האבען טהערעזע'ן — קום, קום, דוא טייפעל־געזיכט, קום, קום...“

מאכטלאָז און קראַפטלאָז בייגט זיך יוליאַן'ס קערפער, ער גליטשט זיך לאַנגזאם, אָבער דאן... עס הערט זיך א פּליוסק, עס גיבט א שפּריטץ וואסער אין דער לופט, און...

רוהיג האט זיך געפלאָסען דער שאַנטעקלייר וויא פריהער, און מען האט נאָר געקענט הערען דאס רעגעלמעסיגע מורמלען פון זיינע וועללען.

לינקס פון אונטער דעם הויכען בארג זיינען ערשיענען דיא שוואכע מאָרגען־שטראהלען פון דער זונן און א לייכטער נעבעל האט גערוהט איבער דער שטילער און רוהיגער נאַטור. דער נעבעל האט געשוועבט און זיך דערנעהנטערט צום שאַנטעקלייר, ער האט אויסגעזעהען אריעבער צו ציהען וויא א שלייער איבער דער טראַגעדיע וואס האט זיך דאָרט אין יענער נאכט אָבגעשפּיעלט.

6.

עס איז געוועזען אויף'ן דריטען טאָג, גאַנץ פריה, נאך דער לעטצטער ש לדערונג.

טהערעזע פאָן מארזאן, איז געוועזען אָנגעצויגען אין א גרינעם קלייד מיט בלויע שטרייפען, און אויף איהר קאָפּ איז געוועזען א ברייטער שטרוי־הוט אום צו שיטצען איהר צארטעם און שעהנעם געזיכט פאר דער זונן.

זיא האט ארום שפּאַצירט אין גאָרטען, און מיט איהרע ווייסע פינגער האט זיא אָבגעפּליקט פערשיעדענע בלומען און פון זייא צוזאמען געבונדען א בוקעט.

איהר געזיכט האט אויסגעזעהען אזוי פריש, וויא דיא ליליאַן וואס האבען געוואקסען נעבען דעם קליינעם טייכעל, וועלכעס האט געפלאָסען אין דעם גאָרטען.

ווען זיא האט צוזאמען געבונדען דעם בוקעט, האט זיא איהם איינגעשטעקט אין פראָנט פון איהר קלייד אויף'ן בוזים, און דיא ראָזען האבען מערקווירדיג שעהן אָבגעשלאָגען זייער פארב אויף איהרע ווייסע אָבער פרישע באַקען.

דאַ איז זיא צוגעגאַנגען צו אַ בוים און זיך אוועק געשטעלט. אויף איהרע רויטע ליפּען האט זיך בעוויעזען יענער פערזאַכטענדער שמייכעל, וועלכען יוליאַן האט געזעהען.

זיא האט אַרויס געלאָזען אַ שווערען זיפץ פון איהר ברוסט, וועלכע האט זיך אויפגעהויבען און אַרונטער געלאָזען וויא אַ ים־וועללע.

„דער דומקאָפּ!" האט זיא געמורמעלט, „ער וואָלט מיר נאך געקענט אונאַנגענעהמעס פערשאַפען ווען ער וואָלט געלעבט. וויא גוט דאס איז וואס ער איז טויט. ער האט געטהאָן וויא אַ חכם וואס ער האט זיך נאכגעוואָרפען קאָ־לומבעל'ן."

זיא איז וויטער געשטאַנען און געשמייכעלט צופריעדען צו זיך זעלבסט.

„ווען ער וואָלט געלעבט," האט זיא ווידער אָנגעפאַנגען... „אָבער דומ־הייטען, איך האב פערווישט יעדע שפור, און יעדער וואָלט פון איהם געלאַכט. ווען ער וואָלט זיך געצייגט צו פרעך. חא, חא, חא, האסטו געהערט? עס איז ווירקליך גוט אַזוי וואס איך בין פון זייא ביידען פּטור געוואָרען..."

איהרע געדאַנקען זיינען אונטערבראָכען געוואָרען, ווען דער שטאַל־מייסטער רובאָ, איז ערשיענען.

„וואס הערט זיך, רובאָ?" האט זיא געפרעגט. „וואו איז יעטצט פראַנציסקאָ?"

„זיא איז אוועק אין מויטענהויז," האט ער געענטפערט, „וואו איהר זוהן גע־פינט זיך."

„און ווער איז דער אַנדערער?" האט זיא רוהיג געפרעגט.

„מען האט איהם שוין דערקענט."

„ווירקליך?"

„עס איז יוליאַן, דיא וועשערין האט איהם גוט דערקענט."

„און וואס האט געקענט זיין דיא אורזאַכע וואס ביידע זיינען דערטרונקען געוואָרען?"

„מען זאָגט," האט רובאָ געענטפערט, „אַז יוליאַן האט נאכגעטראַגען אַ האס צו קאָלומבעל'ן."

„ווירקליך?"

„יא, אַזוי בעהויפּטעט מען."

„אַלזאָ?"

„אלזאָ, האט יוליאַן אויפגעפאסט קאָלומבעל׳ן אויף דער בריק פון דעם שאַנטעקלייר, און געהמענדיג א שטיין, האט ער דערמיט קאָלומבעל׳ן געטראָפען אין קאָפּ.“

„אין קאָפּ? ווארום? וויא אזוי וויים מען דאס?“ טהערעזע האט זיך שטארק פעראינטערעסירט אין דער לעטצטער ערקלערונג פון רובאָ׳ן.

„מען האט געטראָפען א טיעפע וואונדע אין קאָלומבעל׳ס קאָפּ,“ האט רובאָ געענטפערט.

„איז ער געשטאָרבען פון דער וואונד?“

„ניין; מען גלויבט, אז ער האט איהם נאָר שטארק פערוואונדערט, און דאן איז ענטשטאנדען צווישען זייא ביידע א קאַמפף. קאָלומבעל האט וואהרשיינליך אָנגעכאפט זיין אנגרייפער, און אויף דיעזער ארט האבען זייא אזוי לאנג גע־שטריטען, ביז זייא זיינען געפאלען און זיך דאן צחאמען אריין געקייקעלט אין שאַנטעקלייר.“

„שאדע, שאדע,“ האט טהערעזע געמורמעלט בערויערענד. „און וואס וועט מען יעטצט טהון מיט זייא?“

„בעערדיגען.“

„אָהנע וויטערע אונטערזוכונג?“

„וואס נאך פאר איין אונטערזוכונג זאָל מען מאכען? דער פּאָליצייא־שעף האט אזוי ערקלערט דעם צושטאנד און דער דאָקטאָר האט דערצו איינגע־שטימט.“

טהערעזע האט פרייער אויפגעאטהעמט.

„קאָלומבעל,“ האט רובאָ ווידער אָנגעפאנגען, „וועט בעערדיגט ווערען אויף דיא הוצאות פון אייער גנעדיגען פּאטער, און יוליאַן אויף זיינע אייגענע הוצאות, וויל ער לאָזט צוריק גענוג טויזענד פראנקס וואס מען האט געפונען אין זיין צימער בעהאלטען.“

„און ווען וועט שטאטפינדען דיא בעערדיגונג?“

„היינט נאכמיטאג.“

טהערעזע האט ווידער געגעבען א זיפץ דער ערלייכטערונג און זיך אומגע־ווענדעט פון רובאָ׳ן, אוועק שפּאצירענדיג איבער דעם גאָרטען. זיא איז צוגעקומען ביז צו א באנק וואו זיא האט זיך געזעטצט און אָנגעלעהנט איהר שעהנעם קאָפּ אויף איהר ווייסע האנד, וואו זיא איז געבליעבען זיטצען א היבשע צייט אין טיעפען נאכדענקען.

דאַן האט זיא זיך אויפגעהויבען און איז אַרויף אין איהר צימער.

דאס צימער איז יעטצט געווען שעהן און זויבער אויפגעפוצט, און קיין זאַך האט געקענט דערצעהלען וואס עס האט זיך דאָרט אָבגעשפּיעלט צוריק מיט צוויא נעכט.

דאס פענסטער צו דער שטראַסע איז געשטאַנען אָפען, און טהערעזע איז צו־געגאַנגען און געבליקט אַריבער וואו זיא האט מעהרערע מאל געזעהען זיטצען יוליאַנען.

זיא האט אַרונטער געלאָזען דיא פאָרהענגע און איז צוגעגאַנגען צו איהר טאַאַלעט־טיש, פון וואַנען זיא האט גענומען א קליין ביכעל אין איהרע הענד, דאס געעפענט און זיך אוועק געזעטצט אויף'ן שטוהל נעבען אָפענעם פענסטער, אָבער אין שוטץ פון דיא פאָרהעננע.

זיא האט געלעזען אין ביכעל היבשע עטליכע מינוטען גאַנץ שטיל, דאַן איז זיא צונעפאַלען צום פוס־באָדען אויף דיא קניען.

איהרע אויגען האט זיא אויפגעהויבען צום הימעל און מיט א ציטערענדע און ביטענדע שטימע האט זיא געמורמעלט:

„הייליגע מוטער גאָטעס! דוא, מוטער פון אלע לײדען! הייליגע יונגפרוי! פערנעהם דאס געבעט פון א ניעדער געשלאַגענע זינדערין; הער צו דיא חרטה פון א פערווירטע שעפעלע, און פערצייהע מיר אויף מיינע זינד'. הייליגע יונגפרוי! איך בעט דיך, אין א צייט פון לייכטזינן, אונבערעכענונג און אָנרעדעניש פון דעם שטן, האב איך געזינדיגט, געמאָרדעט, פערבראָכען און וויעדער געזינדיגט — גאָט און הייליגער גייסט, וועלכע ערגרינדען דעם מענשען'ס הערצען און קוקען אריין אין דיא בעהאַלטענע חדרים פון זיין נשמה — זעהט וויא איך בין איין אונגליקליכע זינדערין און וויא איך האב חרטה פון מיין טיעפסטען הארצען אויף מיינע זינד. פערצייהעט מיר, פערצייהעט..."

טהערעזע האט אויסגעבראָכען אין א העפטיגעס געוויין און איהרע ליפּען האבען זיך ווייטער בעוואויגען אין געבעט א היבשע צייט.

ווען זיא איז פערטיג געוואָרען, האט זיא זיך אויפגעהויבען און איז צוגעגאַנגען צום שפּיעגעל.

איהרע אויגען זיינען געווען רויט פון וויינען, נאָר איהרע בלייכע באַקען האבען זייער פארב ניט געוועקסעלט. זיא איז נאכהער צוגעגאַנגען צום טאַאַלעטען־טיש, אַרויס גענומען א פלעשעל קאָלאָן־וואסער, בעגאָסען א ווייסעס טאַשענטוך און זיך גוט אויסגעווישט דיא אויגען.

אין דערזעלבער צייט האט מען אנגעקלאפט אין דער טהיר.

„ווער איז דארט ?“ האט טהערעזע געפרעגט.

„איך.“

„ווער איז דער איך ?“

„איך, זשאנעט; מאכט אויף גנעדיגעס פרייליין, דיא גנעדיגע מארקיזין רופט אייך.“

טהערעזע האט געעפענט דיא טהיר און דער מארקיזין'ס קאמערפרוי איז ערשיענען.

„וואס איז נייעס, זשאנעט ?“ האט זיא געפרעגט.

„דיא גנעדיגע פרוי מארקיזין לאזט אייך מעלדען,“ האט זשאנעט געענטפערט, „אז פאטער מארטין ווארט אין זאלאן. מיר האבען זיך שוין אלע מתודה געוועזן פאר איהם. פאטער מארטין האט קיין צייט נים, און דיא גנעדיגע פרוי מארקיזין לאזט אייך זאגען, אז איהר זאלט אייך אויך געהען מתודה זיין, כדי מען זאל קענען געהען עסען בעצייטענס מיטאג.“

„גוט, גוט,“ האט טהערעזע געענטפערט, „איך געה באלד.“

פאטער מארטין איז געוועזען איין אלטער בעקאנטער פון דער פאמיליע מארזאן. ער איז שוין געוועזען א מאן פון א יאהר 70, מיט א געלבעס סקעלעטען־געזיכט און מיט זעהר שארפע אויגען, וועלכע האבען אויסגעזעהען צו פינקלען טראץ זיין אלטקייט.

ער פלעגט קומען פון מאנאט צו מאנאט צו דער פאמיליע מארזאן אהיים צום צוועק, דאס דיא גנעדיגע אדעליגע מיטגליעדער זאלען זיך פאר איהם מתודה זיין לויט דיא פארשריפטען פון דער קאטאלישער קירכע. פאר דיעזער ארבייט, האט ער געקריעגען רעגעלמעסיג זיינע 50 פראנקס.

דיא דיענערשאפט פון דער פאמיליע מארזאן, האט דערפאר שוין אויך גענאסען דעם זכות, און פאטער מארטין האט אויך זייער וידוי אויסגעהערט. מאנכע האבען איהם געגעבען א פראנק און אנדערע גאר נים, אבער ער איז געוועזען צופריעדען.

פאטער מארטין האט נאך געווארט אויף דאס גנעדיגע פרייליין. זאנאר דער אלטער מארקיז האט שוין אויך געהאט מתודה געוועזן זיינע זינד פאר איהם.

דער אלטער איז געזעסען אין גרויסען זאלאן אויף א ווייכען פאטעל און געווארט.

דיא טהיר האט זיך לאנגזאם געעפענט און טהערעזע איז ערשיענען.

„גוט מארגען, פאטער,“ האט זיא געזאגט מיט א וויבער און צערטליכער שטימע איהם רייכענדיג איהר האנד.

„גוט מארגען דיר, טאכטער, האט דער אלטער גייסטליכער געענטפערט.

„און וויא געהט עס דיר מיין קינד?“

טהערעזע איז געבליעבען שטעהען און ניט געענטפערט.

פאטער מארטין האט צו איהר אויפגעהויבען זיינע שארפע אויגען און זיא גוט בעטראכט.

„דוא ביסט בעטריעבט, טאכטער?“ האט ער געפרעגט זאנפט.

„יא, פאטער,“ האט זיא געענטפערט און דיא טרערען האבען אנגעפאנגען צו לויפען פון איהרע אויגען.

דער גייסטליכער האט זיך אויפגעהויבען פון זיין שטוהל און איז צוגעגאנגען צו טהערעזע'ן. ער האט אנגעפאנגען צו גלעטען איהרע האאר מיט זיין האנד.

„זייא ניט בעטריעבט, טאכטער,“ האט ער געזאגט, „יעזוס קריסטוס האט פאר אונז שוין איינמאל געליטען אויף'ן קרייץ, דאמיט מיר זאלען קענען האבען דאס אייביגע לעבען.“

„איך בין אונגליקליך, פאטער,“ האט טהערעזע געמורמעלט בליפענדיג.

„ניין, טאכטער, דוא זאלסט ניט זיין אונגליקליך, ווייל דוא ביסט נאך יונג און מוזט געניעסען דיא וועלט.“

„אבער מיינע זינד,“ האט טהערעזע געמורמעלט קוים וואס דער גייסטליכער האט געהערט, „זיינען צו גרויס, צו גרויס. .“

פאטער מארטין האט געבליקט אויפמערקזאם אין טהערעזע'ס געזיכט, וועלכעס האט אויסגעדריקט שמערצען און ליידען. ער האט זיא אנגענומען בייא דער האנד און זיא צוגעפיהרט צו א שטוהל.

„זעטץ, טאכטער,“ האט ער געזאגט.

זיא האט זיך געזעטצט און ער האט זיך אויך געזעטצט נעבען איהר.

„נאט האט געזאגט,“ האט ער אנגעפאנגען, „אז ער פערלאנגט ניט דעם טויט פון דעם זינדער, זאנדערן זיין תשובה. ווען דוא וועסט תשובה טהון מיט א ריינעם הארץ, מיין קינד, וועט דיר גאט מוחל זיין.“

„אבער... אבער...“ האט זיא געשטאמעלט, „אויף מיינע זינד איז גאר קיין כפרה ניטא.“

„שא, מיין קינד, דוא ווייסט נים וואס דוא רעדסט," האט דער אלטער גע־ענטפערט טרייסטענדיג וויעדער אָנגעהמענדיג איהר האנד. „גאָט פערצייהעט אפילו דעם מערדער."

טהערעזע האט אויפגעציטערט בייא דעם לעטצטען וואָרט. פאטער מארטין האט געשפירט א שוידער האלטענדיג איהר האנד.

ער האט זיא נאך אמאל אָנגעקוקט ערשטוינט, און געזאגט:

„הער מיך אויס, טאָכטער. דיין זעעלע איז בעטריעבט, דיין הארץ איז פער־טרויערט און דיין נשמה איז פול מיט זינד. אָבער גאָט, זיין זוהן, דער הייליגער גייסט און דיא יונגפרוי מאריא, זיינען גנעדיג, פערגעביג און מיטליידיג. צו אלעמען וואס ווענדעט זיך צו זייא מיט ריכטיגער און וואהרער חרטה. קניע ניעדער מיין טאָכטער און זייא דיך מתודה. דיינע זינד וועלען פערגעבען ווערען."

טהערעזע האט זיך אויפגעהויבען, צוגעגאנגען צו דער טהיר און פערמאכט דעם ריעגעל. פאטער מארטין האט געשפירט זיין איינענע נייגיעריגקייט שטייגען פון סעקונדע צו סעקונדע.

דאן איז זיא צוגעגאנגען צו איהם, ניעדערגעקניעט און ארויף געלייגט איהרעביידע הענד אויף זיינע קניען און אָנגעפאנגען העפטיג צו וויינען.

דער אלטער מאן האט אויסגעזעהען גערירהט, און נעהמענדיג דעם קרייץ וואס ער האט געטראָגען אויף א שנירעל ארום זיין גארטעל, האט ער איהם דער־לאנגט טהערעזע'ן.

„נעהם דיעזען קרייץ, מיין קינד, קוש איהם, דריק איהם צו דיין ברוסט, און דיין שמערץ זאָל געלינדערט ווערען. דיעזער קרייץ זאָל דיך עראינערן, אז גאָט'ס זוהן האט אויף איהם געליטען דיא ערגסטע מארטערניסע אום צו רעטען דיא וועלט, אום צו רעטען דעם מענשען פון זינד."

טהערעזע האט זיך קוים איינגעהאלטען פון וויטער וויינען.

זיא האט געקושט דעם קרייץ.

פאטער מארטין האט אָנגעפאנגען מיט איהר פריהער א געבעט, און ווען ער איז פערטיג געוואָרען און ביידע האבען געזאגט, „אָמן," האט ער זיך וויעדער צו איהר געווענדעט:

„דערצעהל, מיין טאָכטער, דערצעהל אלעס. קיין זאך זאָלסטו פאר מיר בעהאלטען. און מיט דער קראפט וואס דיא הייליגע קירכע גיבט מיר, וועל איך בעטען גאָט ער זאָל דיר מוחל זיין אויף דיינע זינד און בערוהיגען דיין גייסט. דער־צעהל טאָכטער, דערצעהל."

טהערעזע האט זיך אומגעקוקט עטליכע מאל איבער דעם צימער אום זיך צו איבערציינגען, אז זיא איז ווירקליך אליין מיט דעם אלטען גייסטליכען, און דאן האט זיא אָנגעפאנגען:

„ביז מיט 2 מאָנאט נאכדעם וויא איך האב צוריק געקעהרט פון דעם הייליגען נאָנען־קלויסטער, בין איך געוועז פרייא פון זינד, וויא איין אונשולדיגעס קינד. דאן איז מיר געקומען אין וועג מיין מילך־ברודער, קאָלומבעל, און ער פלעגט מיך שטארק אויפרעגען, ביז איך בין געפאלען.“

„אך ז׳“ האט דער אלטער גייסטליכער אויסגעשריען אונווילענדיג. „דער קאָלומבעל וואס מען האט געפונען דערטרונקען?“

„דערזעלבער,“ האט טהערעזע פאָרטגעזעטצט שוין זייענדיג בעדייטענד רוהיגער. „איך האב מיט איהם געזינדיגט אין גאָרטען, אין זאלאָן און מייסטענ־טהיילס אין מיין צימער. דיא זינד האב איך בעטריעבען ביז אויף דער העכסטער שטופע פון אויסגעלאסענהייט, און קיין מענש האט דאריעבער עפּעס ענטדעקט. מיט דרייא אבענדע בעפאָר, האב איך מיט איהם געזינדיגט און נאכדעם האט ער מיך שטארק אויפגערייצט, און איך האב איהם ערמאָרדעט.“

דער אלטער גייסטליכער האט געציטערט אין זיין גאנצען קערפּער.

„נעגנאיבער אונז,“ האט טהערעזע ווייטער דערצעהלט, „האט געוואוינט א יונגערמאן מיט דעם נאמען יוליאן.“

„דערזעלבער וואס מען האט געפונען דערטרונקען מיט קאָלומבעלין?“ האט פאטער מארטין אונגעדולדיג געפרעגט.

„יא, יא, דערזעלבער. ער האט מיך געליעבט, אָבער איך וואָלט איהם אין מיין לעבען ניט געוואָלט זעהען נעבען מיר, נאָר דיא נויט האט מיך צו אלעמען גע־צוואונגען. איך האב איהם אריין גערופען אין מיין צימער, און איהם ערקלערט אין וואס פאר א צושטאנד איך געפין זיך. דאס הייסט, אז מיין געליעבטער ליעגט טויט, ערמאָרדעט דורך מיין האנד, און זיין קערפּער מוז אוועק געשאפט ווערען. דאפיר האב איך איהם אָנגעבאָטען מיין קערפּער. איך האב מיט איהם אויך געזינדיגט. דאן האט ער דעם קערפּער אוועק גענומען, און, לויט וויא איך הער יעטצט, איז ער געפונען געוואָרען טויט נלייך מיט קאָלומבעלין. אין זיין טויט, האב איך קיין שולד. דאס איז מיין אונגעוועהנליכעס פערברעכען, און אויב עס איז דאָ א כפרה אויף מיינע זינד, בעט איך אייך, הייליגער פאטער, איהר זאָלט זיין דער פערמיטלער צווישען מיר און גאָט, און מיך רעטען.“

ווי טהערעזע איז פערטיג געוואָרען מיט איהר ווידוי, האט זיא זיך אויפגע־הויבען און איז געבליעבען שטעהען אויף איינינע אוינענבליקען קוקענדיג צום אלטען גייסטליכען.

פאטער מארטין איז אָבער געזעסען וויא צוגענענעלט צו זיין פלאטץ און ניט געקענט רעדען. ער האט אפילו ניט געקענט זיך אומקוקען צו טהערעזע׳ן.

„פאטער !" האט טהערעזע אויסגעשריען.

דער אלטער גייסטליכער האט ערוואכט און זיך אומגעקוקט.

„קען איך האבען א כפרה אויף מיינע זינד ?"

„גאָט איז גערעכט און בארמהערציג," האט ער געמורמעלט.

„אָבער קען איך האבען א כפרה אויף מיינע זינד ?" האט זיא נאך אמאל געפרעגט און איהרע אויגען האבען אויפגעגלאנצט.

„גאָט איז בארמהערציג," האט ער ווידער געענטפערט און זיך אויפגע־הויבען.

זיא איז צוגעגאנגען נעהנטער צו איהם און געווארט ער זאָל ארויף לענען זיינע הענד אויף איהר קאָפּ און זיא בענשען. דער אלטער האט זיא דערזעהען און געציטערט.

„גאָט וועט דיר מוחל זיין," האט ער געמורמעלט, „גאָט וועט דיך ניט שטראפען ווען דוא האסט אויפריכטיג חרטה אויף דיינע זינד."

„און איהר," האט זיא פלוצלינג געפרעגט אביסעל שטרענג, „פערצייהעט איהר מיר אויף דעם וואס איך האב אייך דערצעהלט."

„איך בין נאָר א מענש, מיין קינד ; א זינדיגער מענש," האט דער אלטער גייסטליכער געענטפערט ציטערענדיג, „אויך איך בין פול מיט זינד, און עס איז ניט מיין ארבייט צו אורטהיילען איבער אַנדערע. איך האב אויסגעהערט דיין ווידוי, ווייל מען וועט פאָרדערן פון מיר. דאס געהיימניס וועט מיט מיר שטארבען, אָבער... ניין, ניין, מיין קינד, גאָט איז גוט, גאָט איז בארמהערציג, ער וועט דיר פערצייהען, וויא ער פערצייהעט אלע מערדער און פערברעכער..."

„און איהר וועט איהם פאר מיר בעטען ?" האט טהערעזע געפרעגט אביסעל ווייכער.

דער אלטער האט ווידער געשוויגען א קורצע צייט. דאן האט ער אויפ־געהויבען זיינע הענד איבער טהערעזע׳ס קאָפּ, אָהנע צו בעריהרען אפילו איהרע האָאר, אונד געזאגט :

„מיט דיין בלוט, יעזוס קריסטוס, מיט דיינע ליידען אויף'ן קרייץ, האסטו מכפר געווען אויף דיא זינד פון דיא זינדיגע מענשען. פאר דיר שטעהט יעצט א גרויסע זינדערין; זיא בערייהעט, זיא בעט דיין פערצייהונג. זיא זוכט דיין גנאדע, און פערשפרעכט אין איהר הארצען דיך צו דיענען, צו בעפאָלגען דיינע געבאָטע, און מעהר ניט זינדיגען. פערצייהע איהר, ליידענדער פיר דיא זינד דער מענשהייט, פערצייהע איהר, פערצייהע איהר! אָמן!“

„אָמן!“ האט טהערעזע געענטפערט שטיל און ערנסט.

פאטער מארטין האט זיך אומגעווענדעט און איז צוגעגאנגען צו דער טהיר. ער האט אויפגעמאכט דעם ריגעל, און אָהנע צו רעדען א וואָרט, איז ער ארויס אין קאָרידאָר און איז דאן פערשוואונדען געוואָרען.

טהערעזע איז געשטאנען איינינע מינוטען אין מיטען צימער פערטיעפט אין פינסטערע גדאנקען. אָבער פּלוצלינג האט איהר געזיכט אָנגעפאנגען אויפצולעבען און א גליקליכע מיענע האט זיך בעוויזען אין א צופריעדענעם שמייכעל אויף איהרע ליפען.

„איך בין גערעטעט, מיין נשמה איז גערעטעט!“ האט זיא אויסגעשריען האלב הויך.

זיא האט זיך צורעכט געמאכט דאס קלייד, וועלכעס איז אביסעל צוקנייטשט געוואָרען פון דעם קניען, און איז דאן ארויס פון דעם זאלאָן.

צוזאמען מיט איהר פאטער און מוטער איז זיא נאכהער געזעסען ביים טיש און גענעסען מיטאג מיט זעהר א גוטען אפּעטיט. זיא האט אויך אנטהייל גענומען אין געשפּרעך איבער דעם טויט פון קאָלומבעל'ן, און גאנץ גלייכגילטיג אויסגעפרעגט איהר פאטער וויא אזוי דאס אלעס האט פּאסירט.

„פרעג ניט, טהערעזע,“ האט איהר מוטער זיך אריין געמישט, „עס איז ניט דיין אינטערעסע. א יונגעס מעדכען וויא דוא, פון דיין אנשטאנד און פון דיין הייליגער ערציהונג, דארף ניט וויסען איבער אזעלכע זינדער.“

טהערעזע האט געשוויגען.

מיט צוויא מאָנאט שפּעטער, האט זיך דער גאנצער אדעל פון דער אומגעגענד, פערזאמעלט אין דעם פּאלאסט פון דער פאמיליע מארזאן.

יעדער איז געקומען אויף דער איינלאדונג פון דעם מארקיז. בייצרוואָהנען דיא האָכצייט פון זיין שעהנער און פרומער מאָכמער טהערעזע, מיט דער

אויסנאהמע פון דעם אלטען גייסטליכען, פאטער מארטין. ער האט געשיקט אָב־זאגען, אז ער איז קראנק און קען נים קומען.

„שאדע וואס ער איז נימא,“ האט דער מארקיז בעמערקט צו זיין פרוי. „ער איז אונזערער איין אלטער פריינד.“

„עס שיינט,“ האט דיא מארקיזין בעמערקט, „אז ער איז עפּעס ברוגז אויף אונזער הויז, דען ער איז שוין דעם צווייטען מאָהל נים געווען אויסצוהערען אונזער וידוי, און דערפאר האב איך בעשטעלט דעם פאטער לעפעווער ער זאָל אונז רעגעלמעסיג בעזוכען צו דיעזען צוועק.“

מען האט שוין מעהר דאריבער נים געשפּראָכען.

ווען טהערעזע איז ערשיענען אין איהר ווייסעם חופּה־קלייד אום זיך צו פערהייראטהען מיט דעם יונגען באראָן פאָן לאָנגשאמפּ, זיינען אלע אויגען פון דיא געסט געווען געריכטעט צו איהר.

זיא האט אויסגעזעהען אזוי שעהן, אזוי צארט און אזוי אונשולדיג, וויא א וואהרער ענגעל.

אויף איהר הערצליכעס געזיכט האט גערוהט צופריעדענהייט און שטילעס גליק, און פון צווישען איהרע לאנגע ברעמען, האט ארויס געגלאנצט ליעבליכקייט און הייליגקייט.

ווענינגסטענס האבען דיא געסט דאס אלעס געזעהען און איהר חתן איז געווען בעגייסטערט פון איהר.

נאך דער האָכצייט איז טהערעזע געבליעבען וואָהנען מיט איהר מאן אין איהר פאטער'ס פּאלאסט. זיא איז געווען א גוטע, רוהיגע און פרומע פרוי.

ע נ ד ע.

די דארפס מיידעל.

די דאָרפס-מיידעל.

ערשטעס קאַפּיטעל.

א בעריהמטער איטאַליענישער מאלער האט אמאל געמאלען דאס בילד פון א וואונדערבאַרער שעהנער פרוי. דאס בילד איז געוועזן בלויז א קאָפּיע פון א פאָטאָגראַפיע, נאָר ווען עס איז פערטיג געוואָרען, איז עס ארויס א מייסטער־שטיק.

עס זיינען פאַראיבער אייניגע יאָהר, און דער מאלער האט זיך צוזאַמען גע־טראָפען מיט זיינעם א פריינד, וועלכער האט איהם געגעבען די פאָטאָ־גראַפיע.

„הער אויס,“ האט דער מאלער געזאגט, „וויפיעל בעוואונדערונג דאס בילד האט ארויס גערופען ביי אנדערע, האט עס ביי מיר נאך מעהר בעוואונדערונג ערוועקט. ניעמאנד, מיין איך, קען זיין אזא גוטער מבין אויף דיעזען בילד, וויא איך זעלבסט, וועלכער האט געאַרבייט איבער יעדען הערליכען שטריך. די וואָהר־הייט איז, אז איך זעלבסט בין פערליעבט אין דיעזער מערקווירדיגע שעהנ־הייט.“

„ווירקליך?“ האט זיין פריינד געפרעגט.

„יא, יא,“ האט דער מאלער געענטפערט, „איך בין בוכשטעבליך אין איהר פערליעבט. ווער איז זיא?“

„א געוועהנליכעם דאָרפס־מעדכען.“

„אזוי?“ א דאָרפס־מעדכען? אָבער זיא איז אויך גאָט'ס א מייסטער־שטיק: איך וואָלט אירגענד עפּעס געגעבען אום זיא ווענינגסטענס צו זעהען.“

„דאס איז ניט שווער.“

„אָך, פריינד! טהו מיר די טובה און צייג זיא מיר.“

די ביידע מענער זיינען דאַן אוועק אין א הינטער־גאַס פון פּאַריז און דער

מאלער איז געבליעבען שטעהן אין דער געגענוואַרט פון איין אַלטע, געקאָרטשעטע און העסליכע פרוי.

„דאס איז זיא!" האט זיין פריינד געזאגט.

אוועק געהענדיג, האט דער מאַלער געמורמעלט:

„וויא שעהן און העסליך דיא נאַטור קען שאַפען. דיזע פרוי האט אמאל געקענט קאָנקורירען מיט העבע, דיא געטטין דער ליעבע, און מיט וועגוס, דיא געטטין פון שעהנהייט; יעטצט איז זיא ניט מעהר וויא איין אַלטע און מיאוס׳ע מכשפה."

„ווען זיא האט בעזעסען אַלע מעלות," האט דעם מאַלער׳ס פריינד בעמערקט, „האט זיא קיין שכל ניט געהאט וויא אומצוגעהען מיט זייא; יעטצט, ווען זיא האט שוין שכל, פעהלען איהר דיא מעלות. און עס איז אויך מערקווירדיג דאס ניט אימער ווען א שעהנע פרוי ליעבט, ווערט זיא אויך געליעבט."

יעדעס יאָהר, ווען דאס אויבסט איז פערטיג געוואָרען, פלעגט ערשיינען ׳א הערליך שעהנעס, ברונעטעס מעדכען אין הויז פון דעם נוטס-בעזיטצער, מאַנסיע ראַסטאַנד אין א., און אין דעם קאָרב וואס זיא האט געטראַגען אונטער דער ארעם, איז געלעגען איין אויסוואהל פון פערשיעדענע שעהנע פרוכטען, וויא אַפריקאָזען, פערשקעס און אנדערע פרות. דיזעס מעדכען האט געבראַכט דיא פרוכטען פון מאַנסיע ראַסטאַנד׳ס גארטען, אום צו ווייזען דיא רייכע פראָדוקטען.

דער נאַמען פון מעדכען איז געוועזן נאַיז, דיא טאָכטער פון ניקאָלין, אָדער נאַיז ניקאָלין, דיא טאָכטער פון מאַנסיע ראַסטאַנד׳ס אויפזעהער.

וויא געוועהנליך, האט נאַיז קיינמאל ניט געוואגט ווייטער צו געהען וויא אין דעם גרויסען קאָרידאָר, ווייל זיא איז נאָך אלעמען, טראָטץ איהר שעהנהייט, ניט מעהר געוועזן וויא דיא טאָכטער פון א גאַנץ פראָסטען אַרבייטער. און, נאַטירליך, דיא פאַמיליע ראַסטאַנד, האט זיך געצעהלט צו דער אריסטאָקראַטיע, פאר וועלכע מען קען ניט אזוי ערשיינען מיר-ניט-דיר-ניט.

נאַיז איז געבליעבען שטעהן אין דעם ברייטען קאָרידאָר, און דער הויז-דיענער האט אָנגעמאָלדען, אז זיא איז דאָ. באלד נאכדעם איז יעדער פון דער פאַמיליע ארויס געלאָפען זעהן דיא שעהנע פרוכטען פון דעם אייגענעם גארטען.

„אַך, דוא ביסט עס, נאַיז!" האט אויסגעשריען דער נוטס-בעזיטצער. „עס איז זעהר שעהן פון דיר, וואס דוא האסט אונז געבראַכט צו ווייזען דיא שעהנע

פרוכטען. בייא מיין וואָרט, דוא ביסט א בראוועס מעדכען. און וואס מאכט עפּעס דיין פאטער ניקאָלין ?״

„עס געהט איהם זעהר גוט,״ האט נאַיז געענטפערט, צייגענדיג דערבייא איהרע מילך־ווייסע צייהן פון צווישען איהרע קאַרשען־רויטע ליפּען.

מאדאם ראָסטאַנד איז געווען זעהר צופריעדען, און זיא האט אריין גענומען נאַיז'ן אין קיך, וואו זיא האט איהר געהייסען געבען עפּעס עסען פון דיא אריסטאָ־קראַטישע שפּייזען. ווירקליך, מאדאם ראָסטאַנד איז נאר ניט געווען קיין שלעכטע פרוי, טראָטץ איהר אריסטאָקראַטישער אבשטאַמונג, און זיא האט גאנץ גוט געוואוסט, אז אָבוואָהל נאַיז איז ניט מעהר וויא א דאָרפס־מיידעל, מעג זיא דאָך, איינמאל אין איהר לעבען, געניעסען א גוטען ביסען. דאַן איז עס גלאַט אויך א שטיקעל פערגניעגען צו ווייזען דיא ארמע לייט, אז דיא רייכע דאמען און הערען געניעסען נאָר גוטע זאכען. פערשטעהט איהר, דאס אליין, רופט אויף ארויס אביסעל מעהר רעספּעקט, און דער בויער אָדער זיין פרוי און קינדער, וואס האבען איינמאל געהאט דאס גליק ארונטער צו שלינגען א גוטען ביסען, דערצעהלען נאכהער דאריבער אין דער גאנצער געגענד.

אונטערדעסען האט מאדאם ראָסטאַנד זיך אוועק געזעטצט נעבען נאַיז'ן און זיא אויסגעפרעגט איבער דיא מאנדעל־בוימער, אָליווען און וויינשטאָקען. דיא הויפּטזאך איז געווען צו וויסען, אויב עס האט גערעגענט נעגוג אין עסטאַק.

עסטאַק ליעגט אַקוראַט בייא דער ים־קיסטע, און אין א ווינקעל פון דיעזער געגענד געפינט זיך לאַ־בלאַנקאַרד, דאס גוט פון דער פאמיליע ראָסטאַנד, וואס איז פערוואַלטעט געוואָרען פון נאַיז'עס פאטער ניקאָלין. עס איז בעקאַנט, אז דאָרט רעגענט ניט זעהר אָפט, טראָטץ דעם וואס עס איז אזוי נאָהענט צום ים.

דאס גוט פון דיא ראָסטאַנד'ס איז בעשטאַנען פון א פּאָאר הונדערט מאַנדעל־בוימער און אָליווען־בוימער, אויסער פיעלע אנדערע בוימער פון פערשיעדענע פרוכטען.

„עס האט גערעגענט,״ האט נאַיז ערקלערט, ארונטער שלינגענדיג דעם ערשטען גוטען ביסען, „אָבער ניט גענוג. דיא וויינטרויבען איבערהויפּט, בענעטהיגען נאָך א סך רעגען.״

מאדאם ראָסטאַנד האט זיך געשטעלט מעהרערע פראַגען, און נאַיז, עסענדיג, האט איהר אלעס בעענטפערט. ווען זיא איז פערטיג געוואָרען, איז זיא צוריק גע־פאָהרען נאָך עסטאַק מיט דעם פלייש־הענדלער, וואס איז געפאָארען איינמאל אין 14 טעג הין און צוריק.

דער גוטער ביסען, וויא מיר האבען פריהער געזאגט, איז געווען נאָר איינמאל אין יאָהר, דאס הייסט דאמאלס, ווען נאַיז האט געבראכט דיא שעהנע פרוכטען. אָבער זיא איז זאָנסט מעהרערע מאל געקומען צו דער פאמיליע ראַסטאַנד, מיט־ברענגענדיג גרויסע ים־ראקעס אָדער זעהר א שעהנעם פיש וואס איהר פאטער האט געכאפט.

אין דער וואקאנץ־צייט, ווען נאַיז איז געקומען, האט איהר פערנאַנד, מאַנסיע ראַסטאַנד'ס זוהן, מיטגעטהיילט מיט קינדישעס פערגניגען, אז ער קומט באלד ארויס נאך לא בלאנקארד מיט זיין פאטער און מוטער, און זיא זאָל פאר איהם פאַרבערייטען דיא נעטצען, דאמיט ער זאָל קענען געהען כאפּען פיש.

יא, נאַיז פלעגט קומען נאך א. צו דער פאמיליע ראַסטאַנד, זייט זיא איז געווען א גאנץ קליין מיידעלע, און פערנאַנד איז צו יענער צייט געווען א קליין אינגעל. אלס קינדער האבען זייא זיך גערופען „דוא", נאָר וויא נאַיז איז אלט געוואָרען א יאָהר צוועלף, האט זיא אָנגעפאנגען צו פערשטעהן, אז וייטער קען עס שוין אזוי ניט געהן, און זיא האט איהם גערופען מאַנסיע ראַסטאַנד", און אין איהר שטימע איז געלעגען א טאָן פון רעספּעקט.

דיא וואהרהייט איז אָבער אויך, אז נאַיז וואלט אזוי פריה צום „שכל" ניט געקומען, נאָר אין דעם איז שולדיג געווען ניקאָלין, וועלכער, הערענדיג וויא זיין טאָכטער רופט פערנאַנד'ן „דוא", האט ער זיא דערפאר געשלאָגען.

טראָטץ דעם אַלעמען, איז פערנאַנד און נאַיז אימער געבליעבען קינדער, און זייא האבען זיך געליעבט וויא שול־קאמעראדען.

ווען פערנאַנד איז שוין געוואָרען א גימנאזיסט, האט ער איהר נאך אימער געזאגט:

„הער אויס, נאַיז, איך קום ארויס נעכסטע וואָך. נעהם און בערייטע מיר פאָר דיא פיש־נעטצען, און ווען זייא זיינען צעריסען, דאן זאָלסטו זייא פער־ריכטען."

„זאָרגט זיך ניט, מאַנסיע פערנאַנד," האט נאַיז געענטפערט, „אַלעס וועט זיין אין דער בעסטער אָרדנונג ווען איהר וועט קומען."

פערנאַנד האט קיינע בעמערקונג געמאכט, ווען נאַיז האט צו איהם געזאגט vouz (איהר) אנשטאט tu (דוא) וויא זייא זיינען געוואָהנט געוואָרען. איבריגענס, וויא קומט זיא צו איהם? עס איז בייא איהם געווען זעלבסטפערשטענדליך, אז אזוי דארף עס זיין.

סאָנסיע ראָסטאַנד איז געווען זעהר א רייכער מאַן. ער האט בעוואָהנט א גרויסארטינען פּאלאַסט מיט פיעלע ברייטע און גערוימע צימערן, וואו ער, זיין פרוי, זיין איינציגער זוהן און דיא צווייא אלטע דיענער, האבען זיך קוים אנגעזעהען. דיא פאמיליע האט געלעבט זעהר צוריק געצויגען. סאָנסיע ראָסטאַנד האט געהאט פיעלע געשעפטען צו בעזאָרגען, און זיין פרוי, אָבוואָהל זעהר א שעהנע, איז געוועזען צו רעליגיעז אום זיא זאָל וועלען אנטהייל נעהמען אין דער שטירמישע אָבער זינדיגע וועלט. דערצו איז מאדאם ראָסטאַנד געווען זעהר א שטרענגע דאמע, און האט ליעב געהאט אלעס ארום איהר זאָל זיין דיסציפּלינירט וויא א סאָלדאט; ער פיללען אלע נעטהיגע פליכטען צו דער צייט און ניט אין זינען האבען קיין זייטיגע זאכען.

צווישען אזא בעשעפטיגטען פאטער און אזא שטרענגע מוטער, איז פערנאַנד אויפגעצויגען געוואָרען. וועהרענד זיין שולע־צייט, איז ער געוועזען זעהר א פוילער און געהאט אזא אָבשטויסענדען געשמאַק צום לערנען, אז ער פלעגט אָבזיטצען שטונדען־לאַנג אין גרויסען זאלאָן נעבען דיא ביכער, אָבער ער האט קיין וואָרט שטודירט אָדער געלעזען. ער האט געמוזט זיטצען איבער דיא ביכער, ווייל זיין מוטער האט אזוי געהייסען, זאָנסט האט זיא בעשטראפט, און ער האט מורא געהאט פאר איהר. זיינע געדאַנקען זיינען אָבער געווען אויף גאַנץ אנדערע פּלעטצער.

עס האט אונטערדעסען ניט פיעל געדויערט, און זיין מוטער האט אויסגע־פונען, אז ער איז א גרויסער פוילער צום לערנען. זיא האט איהם דערפאר באלד אריין געגעבען אין א פּענסיאָן, וואו ער האט אויך געגעסען און געשלאָפען.

אָבער דאס האט נאך ערגער געמאכט, דען ער האט געלערענט נאך וועניגער וויא פריהער, ווייל אין פּענסיאָן איז שוין דיא מוטער ניט געווען אום אויף איהם אכטונג צו געבען.

אין א קורצע צייט ארום, האט מאדאם ראָסטאַנד בעמערקט, אז איהר בן־יחיד האט זיך אויסגעלערענט אין פּענסיאָן זעהר מיאוסע בענעהמונגען, און זיא האט איהם דערפאר ווידער אהיים גענומען.

נאכדעם האט זיא איהם שוין ניט אָבגעלאָזען פון דיא אויגען, און זייענדיג זעלבסט א געבילדעטע דאמע, האט זיא אויפגעפאסט ער זאָל קענען דיא אויפגע־געבענע לעקציאָנען. זיא איז איבער איהם געשטאַנען שטונדען־לאַנג און אויפגעפאסט ער זאל זיך איינשטודירען דיא שולע־אויפגאבען. דערפאר איז פערנאַנד בכוין צווייא מאל דורכגעפאלען ביים לעטצטען עקזאמען פון גימנאזיום, און צום דריטען

מאל, איז איהם ענדליך געלונגען צו נעהמען דעם טיטעל באקאלארעאט מיט א גאנץ קליינעם פראָצענט.

אין א. געפינט זיך א בעריהמטע פאקולטעט צו שטודירען אדוואָקאטור. און פערנאנד איז דארט איינגעשריעבען געוואָרען. מאָנסיע ראָסטאנד האט געוואָלט זיין זוהן זאָל זיין אדוואָקאט, ניט דערפאר ווייל ער האט בענעטהינט דיעזע פראָ־פעסיאָן אום געלד צו מאכען, זאָנדערן, ווייל עס פאסט דאָך שעהנער צו זיין עפעס א מענש מיט א טיטעל, ווען מען האט בלויז א גרויסעס פערמעגען און מען איז דערבייא ניט קיין גראף אָדער באראָן, וויא דיא מאָדע איז אמאל געווען אין פראנקרייך.

אָבער שטודירענדיג אדוואָקאטור, האט מאדאם ראָסטאנד, צו איהר גרעסטעס בעדויערן, געמוזט געבען איהר זוהן מעהר פרייהייטען וויא אמאל. ער האט שוין גע־קענט געהן שפאצירען ווען ער האט געוואָלט, און נאָר צום עסען איז ער געווען בע־שטימט צו הויז. אָבער אבענד, האט ער געמוזט א היים קומען פונקט אום 9 אוהר, ניט שפעטער, מיט דער אויסנאהמע פון אזעלכע אבענדע, ווען ער איז געגאנגען אין טהעאטער.

מאדאם ראָסטאנד האט ניט נאָר איינמאל נאכגעדענקט דאריעבער, ווארום מיידלעך מוזען שטעהען אונטער דער בעאָבאכטונג פון דיא עלטערן ביז צו דער חתונה, און אינגלעך ניט. נאך איהר אנזיכט, האט א יונגער מאן בעדארפט זיין גראדע אזוי אונשולדיג צו דער חתונה, וויא דער פאל איז מיט א מיידעל. און אום דאס זאָל אזוי זיין, האט דער יונגער מאן ניט בעדארפט אליין געהען שפאציערען אָהן דיא עלטערן אָדער אָהן דיא עלטערן׳ס וויסען.

אָבער געה מאך איבער דיא וועלט!

פערנאנד האט אונטערדעסען געשלאָסען א ווארעמע בעקאנטשאפט מיט אנדערע סטודענטען, און עס האט זיך אָנגעפאנגען פאר איהם א לעבען פון לומפע־רייא און אויסגעלאסענהייט.

דיא סטודענטען זיינען שוין געוואָהנט צו בעהויפטען, אז בלויז פון שטודירען און שטודירען אליין, קען מען גלאט ווערען צו דום, און דערפאר געפינען זייא עס פאר נעטהיג, צו פערברענגען היבשע עטליכע שטונדען אין טאָג, אין פערשיעדענע קאפעע־הייזער און אויסגעלאסענע פלעטצער.

יא, אנפאנגס האט פערנאנד געמוזט אהיים קומען ניט שפעטער וויא 9 אוהר אבענדס, ווען ער איז ניט געגאנגען אין טהעאטער, אָבער שפעטער האט ער שוי געפונען געלעגענהייטען אויסצובלייבען גאנצע נעכט. מאדאם ראָסטאנד אי

געוועזן זעהר נעערגערט און אונצופריעדען דערפון, אָבער זיא איז מיט דער צייט געוואָהנט געוואָרען.

„איבערינגנס," האט זיא זיך געטראכט, וויא אונצעהלינע אנדערע מוטערס טראכטען, „ער איז דאָך א אינגעל! וואס קען ער אוועק טראגען און וואס קען ער אהיים ברענגען? זאָל ער געהען!"

פערנאַנד האט אָנגעפאנגען איינצוטהיילען דיא נעכט. ער איז געוואָרען א ליידענשאפטליכער קארטען־שפּיעלער, און דיא ערשטע העלפט נאכט האט ער פערבראכט אין קארטען־שפּיעלען, און דיא אנדערע העלפט אין אויסגעלאסענע הייזער.

ער האט אויסגעזעהן, גראדע וויא ער וואָלט זיין עפּעס א ווילדע חיה וואס מען האט געהאלטען יאָהרען־לאנג אָבגעשפּארט אין א שטייג, און ווען זיא איז בעפרייעט געוואָרען, האט זיא אָנגעהויבען איבערצוקעהרען דעם גאנצען וואלד.

אין א. געפינען זיך אפילו ניט זעהר פיעלע אויסגעלאסענע פּרויענצימער, אָבער א יונגער און שעהנער סטודענט, דער זוהן פון רייכע עלטערן, קען שוין זיין ציעל ערדייבען זאָגאר אין א קלענערן פּלאטץ. אויף דיעזער ארט, האט פערנאַנד צוגעבראכט מיט זיינע סטודענטען יאָהרען לאנג גאנץ אנגענעהם.

אין דערזעלבער צייט האט פערנאַנד פערשטאנען, אז עס איז נעטהיג ער זאָל זיך ציינען אלס א פּאָלנזאמער זוהן, געהאָרזאם צו דיא עלטערן. אנפאנגס, דאס הייסט, ווען ער איז נאך געוועזן קליין, האבען זיינע עלטערן איהם געצוואונגען דורך רייד און דורך שמיטץ, צו זיין גוט און פרום. נאטירליך, ווירקען בייזע רייד און שווערע קלעפּ זעהר ווענינ צו גוטסקייט און פרומקייט; דאפיר אָבער ווירקען דיעזע מיטלען, א מענש זאָל זיך פערשטעלען און ערשיינען אלס גוט און פרום. יא, פריהער האט מען פערנאַנד'ן דערצו געצוואונגען, און שפּעטער האט ער זיך דערצו געוואָהנט.

זיין מוטער איז אויף דיעזער ארט מיט איהם זעהר צופריעדען געוועזן. פערנאַנד האט זיך זאָגאר מיה גענומען צו שפּיעלען זיין ראָלע: ער האט געפיהרט זיין מוטער אין קירכע, אליין פערגלאָצט דיא אויגען און שטארק געזיפצט בייא דיא געבעטע, און דאן האט ער פאר זיין מוטער פאַרגעפּלוידערט דיא ווילדעסטע שקרים מיט אזא אונשולדינער מיענע, אז זיא האט איהם אלעס געגלויבט.

מיט דער צייט האט ער זיך אזוי איינגעאיבט אין זיינע ליגענס, אז ער האט אימער געפונען א תירוץ אויף אירגענד וועלכער פראגע, וואס ער האט געוואָלט פערענטפערן מיט א ליגען.

דאס אלעס האט ער געפונען פאר שטארק נעטהיג, אום זיינע קעשענעס זאָלען אימער זיין בעזאָרגט מיט געלד צום שפּיעלען און פיר דיא עפענטליכע הייזער. מאנכע מאל אָבער, האט ער זיך אויך געפונען אין א גרויסער פערלעגענהייט, דען וויפיעל געלד ער האט אריין געקריגען, האט ער דאס פערשפּיעלט אָדער פערלומפּט. ער האט געקענט נעהמען געלד ביים פאטער בעזונדער, און זאגען, אז ער דארף אויף פערשיעדענע זאכען; בייא דער מוטער אונטער איין אנדערן אויסרייד; בייא פריינדע גלאט בארגען, און אויך ארויס גנב'ענען אביסעל פון זיין פאטער'ס שרייב־טיש — אָבער ווען עס גליקט דאָך ניט בייא דעם פינסטערן קארטען־שפּיעל און א שעהן מיידעל האט זיך איינגעשפּארט, אז זיא וויל א קאָסטבארע מתנה, קען זיך אפילו א ברונען אויסשעפּען.

אין זאָלכע צייטען, ווען אלע קוועלען האבען זיך אויסגעלאָזט און ער האט שוין אפילו קיין ליגענס ניט געקענט אויסטראכטען, איז פערנאַנד געווען פערצווייפעלט. אונטערדעסען האט ער איינגעזעהן, אז מען דארף זיך ניט פערראטהען פאר דיא עלטערן, און ווען זיין מוטער האט איהם אמאל געפרעגט ווארום ער זעהט אויס אזוי שלעכט (פון קלערען וואו מען נעהמט געלד און ניט שלאָפען,) האט ער וויא געוועהנליך געענטפערט, אז דער שטודיום שטרענגט איהם אָן זעהר פיעל.

נאָר דיא קאפּריזען פון דעם שפּיעל־טייפעל, זיינען ניט אימער גלייך; אמאל פאסירט עס וואס ער צייגט זיך גוט און מילד און בעלוינט אביסעל זיינע פערעהרער מיט א פרעהליכער מינוט. אזוי האט עס זיך אויך געמאכט, וואס אין איין אבענד, האט פערנאַנד געשפּיעלט זעהר גליקליך און געוואונען היבשע עטליכע הונדערט פראנק. דאן האט ער ערקלערט, אז ער וויל פאהרען אביסעל נאך פאריז אויף א שפּאציר.

זיינע עלטערן האבען זעלבסטפערשטענדליך ניט בעדארפט וויסען, אז ער האט געלד.

„איך בענעטהיג בלויז א קלייניגקייט," האט ער געזאגט צו זיין מוטער מיט א גנבה'שער מיענע, „אונגעפעהר 80 פראנק, וועט מיר גענוג זיין אויף דיא רייזע הין־און־צוריק און אויף האָטעל־הוצאות. מעהר דארף איך ניט."

ער האט געקריגען דאס געלד פון דעם פאטער, נאכדעם וויא דיא מוטער האט געזאָגט:

„זאָל דאס קינד פאהרען און האבען אביסעל פערגניגען פון דיא פאריזער מוזעאומס און ביבליאָטהעקען."

פערנאַנד האט צו זיך אַליין געלאַכט, וויא אַזוי ער האט זיינע עלטערן אָב־גענאַרט, און ער איז אַוועק געפאָהרען נאַך פּאַריז, וואו ער האט געלומפּט גאַנצע 8 טעג און פערבראַכט דאָס גאַנצע געלד וואס דער גליקליכער אַבענד אין קאָרטען, האט איהם בעשערט.

אין אַלגעמיין, איז פערנאַנד געווען א גאַנץ שעהנער יונגער מאַן, גרויס און גוט געבויעט מיט שטאַרק שוואַרצע וואָנצעס. זיין אויסגעלאַסענהייט און ניט שלאָפען, האט געבילדעט אויף זיין געזיכט איין אַנגענעהמע בלאַסקייט, וואס איז זעהר בעליעבט ביי פרויען. איבריגענס, האט ער אויך בעזעסען געקינסטעלטע בענעהמונגען אין דער נעגענוואַרט פון דאַמען, וואס האט איהם, אין א געוויסער בעציהונג, געקענט פאָרשטעלען פאַר א גאַלאַנטען יונגען מענשען, וואס ווייס וויא צו זיין ליעבענסווירדיג.

דיזע מענשען וואס האבען איהם געקענט גאַנץ גוט, און געוואוסט וואס פאַר א סחורה ער איז, האבען אימער געשמייכעלט צו זיך אַליין, ווען נאַרישע פרויען האבען איהם געריהמט אלס א מוסטער פון אַנשטאַנד; אָבער אין דער־זעלבער צייט, האבען זייא איהם געמוזט רעספּעקטירען פאַר זיין טאַקט צו בע־האַלטען דיא דונקלע זייט פון זיין לעבען, און ניט, וויא אַנדערע סטודענטען, זיך בעריהמען אין זייערע וואויל־יונגשאַפטען.

איינמאַל האט עס פּאַסירט, וואס פערנאַנד האט געקריעגען א קראַנקהייט, וועלכע איז דער רעזולטאַט פון אומגעהען מיט אויסגעלאַסענע פרויענצימער. עס האט געדויערט איינינע וואָכען און קיינער פון זיינע בעקאַנטע האט דערפון געוואוסט. ענדליך האט ער זיך פאַר איינעם פערטרויעט, און אין א פערצווייפעלטען טאָן, האט ער געפרעגט:

„וואס טהוט מען?"

יענער האט געלאַכט.

„דומער מענש וואס דוא ביסט!" האט זיך זיין פריינד אָנגערופען, „וואס ביסטו אַזוי פערצווייפעלט? עס איז דאָך א שטאָלץ צו ליידען! ווער עס ליידעט ניט דערפון, דער ווייס גאַר ניט דעם טעם פון וואָהרער יוגענד. ווען איך האב דאס געהאט, האט יעדער געוואוסט. זאָגאַר מיין אייגענער פאָטער האט דערפון ער־פאָהרען און ער האט מיך געלערענט וואס איך זאָל טהון."

פערנאַנד האט זיך ניט געקענט לאָזען איבעררעדען, אַז מען דאַרף דאַרויף שטאָלץ זיין, און נאָכדעם וויא זיין פריינד האט איהם אָנגעציינט א דאָקטאָר, האט ער איהם געבעטען ער זאָל פאַר קיינעם ניט דערצעהלען.

פערנאַנד איז אַלט געוואָרען 21 יאָהר. ער האט באלד בעדאַרפט זוכטמאַכען זיין לעטצטען עקזאַמען. זיין פאטער האט געזאָגט, אַז ער וועט איהם ניט געהען בע־וואָרגען מיט א פּאָסטען, וויא דער מנהג איז, צום פּראַקטיצירען, זאָנדערן, ער האט געוואָלט, דאס ער זאָל פּאַרלויפיג זיך בעטהייליגען אין זיינע אייגענע גע־שעפטען.

דער יונגער מאַן האט ניט געהאט דאגעגען; פערנאַנד האט איבערהויפּט ניט געוואָלט אויפטרעטען געגען זיינע עלטערן, אפילו ווען עס איז איהם עפּעס געווען אונאַנגענעהם, נאָר צו זיך האט ער געשמייכעלט און געטראַכט:

„וואס קימערט מיך וואס עס וועט זיין; יעדענפאַלס וועל איך קענען פאָרט־זעטצען מיינע לומפּערייען."

איבריגענס, האט ער גאַנץ גוט געוואוסט, אַז זיין פאטער איז זעהר רייך, אַז ער איז דער איינציגער זוהן און יורש, און צו וואס זאָל ער זיך זאָרגען פיר שפּעטער? בל־זמן עס געהט צו לעבען א גוטען טאָג, זאָל מען לעבען!

אַזוי האט זיך פערנאַנד געפיהרט פון טאָג צו טאָג, און קיינמאָל ניט פער־פעהלט צו טרינקען א היבשע פּאָרציע וויין, שפּיעלען עטליכע שטונדען אין קאַרטען און בעזוכען דיא עפענטליכע הייזער. ווען זיינע קרעפטען האבען זיך אָפּגעשוואַכט פון דיזען אנשטרענגענדען לעבען און ער האט זיך געשפּירט שטאַרק ערמיעדעט, האט ער זיך צוריק געצויגען אויף עטליכע טעג אין הויז, וואו ער איז מייסטענטהיילס געלעגען אויף א ווייכער סאָפאַ, גערויכט א גוטען ציגאַר און געלעזען סענסאַציאָנעלע ראָמאַנען.

דאס האט געדויערט אַזוי לאַנג, ביז ער האט זיך געשפּירט געשטאַרקט און אַלעס אין הויז האט איהם אָנגעהויבען צו לאַנגווייליגען. דאַן האט ער ווידער אמאל אָנגעפאַנגען דאָרט וואו ער האט אונטערבראָכען.

זיין מוטער נאַטירליך, האט ער דערצעהלט, אַז ער טהוט עס נאָר צוליעב איהר וואס ער בלייבט אין הויז, און מאַדאַם ראָסטאַנד האט אינערליך שטאָלצירט וואס זיא האט אַזא גוטען, ליעבענסווירדיגען זוהן.

מיר קעהרען יעטצט צוריק צו נאַיז'ן. זיא פלעגט קומען, וויא מיר האבען שוין געזאָגט, יעדעס יאָהר מיט דיא פרוכטען פון גאַרטען, און זיא איז זעלבסט־פערשטענדליך, יעדעס מאָל גרעסער און עלטער געוואָרען.

נאַיז איז געווען עטוואס אינגער פון פערנאַנד'ן, און מאַדאַם ראָסטאַנד האט צו איהר יעדעס מאָל געזאָגט, ווען זיא איז ערשיענען:

„נאַיז! דוא ווערסט א גאַנצע היבשע מויד!"

בייא דיעזע ווערטער האט נאַיז געשמייכעלט און געוויזען איהרע ווייסע צייהן.

מייסטענטהיילס איז פערנאַנד ניט געוועזען צו הויז ווען נאַיז איז ערשיענען. אין א טאָג אָבער, צום לעצטען יאָהר פון זיין שטודיום, האט ער נאָר וואס געוואָלט ארויס געהען און זיך געטראָפען אין קאָרידאָר, ווען נאַיז איז אָנגעקומען און איז געבליעבען שטעהען מיט דעם קאָרב פרוכטען.

ער איז אויך געבליעבען שטעהען אין גרויסעם ערשטוינען.

פערנאַנד האט בעטראַכט נאַיז'ן מיט דיא אויגען פון א מבין. דיא מאָגערע נאַיז פון אמאָל, איז יעטצט געוואָרען ענטוויקעלט, מיט ברייטע שולטערן, א פולען בוזים און צוויא בליהענדע יונגפרוילִיכע שעהנע באַקען. עס איז מעהר ניט געווען דיא נאַיז וואס ער האט געקענט פון לאַ בלאַנקאַרד.

בייא ביידע באַקען פון דער שעהנער נאַיז, האָבען אַריעבער געהאַנגען קויל־שווארצע האאר, און פון איהר דינעם העמד, האָבען זיך ארויס געזעהן דיא נאַקעטע רונדע עלענבויגענס.

מערקווירדיג! בלויז אין איין יאָהר, האט זיא אויסגעוואַקסען וויא א פרעכ־טיגער בוים!

„דוא ביסט עס, נאַיז?" האט ער געפרעגט שטאַמלענדיג.

„יא, מאָנסיע פערנאַנד, איך בין עס", האט זיא געענטפערט, ווערהענד זיא האט איהם צוגעוואָרפען א קינדיש־אונשולדיגען בליק פון איהרע גרויסע שווארצע אויגען.

„זעהט," האט זיא ווייטער געזאָגט, „איך האב געבראַכט שעהנע פרוכטען... און ווען קומט איהר צו אונז? זאָל איך פאָרבערייטען דיא נעטצען צו כאַפּען פיש?"

פערנאַנד האט נאָר ניט געקענט אַרונטער נעהמען זיינע אויגען פון איהר. ער האט זיא געהאלטען אין איין בעטראַכטען, און דאַן, אָהנע ער זאָל הערען וואס זיא זאָגט, האט ער בעמערקט:

„וויר'קליך, נאַיז, דוא ביסט געוואָרען גרויס און שעהן!... וואס האט מיט דיר פאַסירט?"

דיעזע שמייכלערייא האט בייא איהר ארויס גערופען א געלעכטער. דאַן האט פערנאַנד אָנגענומען איהרע הענד, וויא ער פלעגט אימער טהון זיך מיט איהר צו שפּיעלען.

נאַך איז געוואָרען עו׳נסט. א רויטע פאַרב איז געקומען אין איהרע באַקען, איהר בוזים האט זיך שטירמיש געהויבען און איבער איהר גאַנצען קערפּער איז געלאָפען א ציטער.

פערנאַנד האט געשפירט דעם וואַרעמען אטהעם פון איהר מויל.

„ניין, ניין, ניט דאָ,“ האט זיא געמורמעלט, „ניט דאָ, פערנאַנד... גיב אכטונג, דיין מוטער קען אָנקומען.“

צווייטעס קאַפּיטעל.

מיט 14 טעג שפּעטער, האט זיך דיא פאַמיליע ראָסטאַנד איבערגעצויגען נאָך לא בלאַנקארד. מאָנסיע ראָסטאַנד האט נאָך געהאט מאַנכע געשעפטען צו ערלעדיגען, און דאַן איז ער אויך נאָכגעקומען. עס איז געווען א הערליכעס וועטער, אוןביים ברעג פון ים, האט ביי נאכט געבלאָזען א קיהלער און אנגענעהמער ווינט. דיא ברענענדע שטאָדט־לופט, האט אהין ניט געגרייכט.

לאַ בלאַנקארד איז ניט געלעגען אין עסטאַק זעלבסט, זאָנדערן ביי דער זייט געגענאיבער מאַרסייל, אומרינגט פון לאַנגע און שפּיטציגע פעלזען. אין מיטען איז געווען דאס געלבע הויז אַרום געריננעלט מיט צאָהלרייכע בוימער.

דאס הויז איז געווען, וויא מיצן רופט אין יענער געגענד, איין אלט־מאָדישער שלאָס. פאַר דעם הויז איז געווען א פיינער בלומען־גאַרטען און הינטער דעם הויז, האט זיך אויסגעברייטעט א פלאַכעס שטיק פעלד, אויף וועלכען עס האבען זיך געפונען איינציגע וויינשטאָקען, אָליווען־בוימער און מאַנדעל־בוימער. ווייטער אוועק איז געלעגען דער ים, וואס האט אימער־וועהרענד געקלאַפּט מיט זיינע רוישענדע וועללען אין דער ברעג־וואַנט. מאַנכע בויערן פון דער נאַכבארשאַפט, האבען שוין לאַנג געזאַגט, אז דיעזע וועללען מוזען פריהער אָדער שפּעטער אונטערגראָבען דיא וואַנט און דאַן קען געשעהען איין אונגליק פיר לא בלאַנקארד.

דיא וואַהרהייט איז, אז פון יאָהר צו יאָהר, האט דאס וואַסער אויף מעהר איינגעדרונגען און אָבגעריסען א שטיק פון דער לייטיגע וואַנד, וואס האט געבילדעט דעם ברעג.

זייט פערציג יאָהר, איז דיא פאַמיליע ניקאָלין געווען דיא פערוואַלטער פון לא בלאַנקארד. לויט דיא מנהגים פון יענער פראָווינץ, האט דיא פאַמיליע ניקאָלין יעדעס יאָהר פערזעעט דאס פעלד און זיך געטהיילט מיט דיא פראָדוקטען מיט דיא איינענטהימער. דיא פראָדוקטען זיינען אָבער געווען אַזוי אַרעם און אַזוי ווענינ,

אז דיא ניקאָלינס וואָלטען געשטאָרבען פאר הונגער, ווען זייא וואָלטען זיך ניט בעד שעפטיגט אין דער זומער־צייט אויך מיט פיש־כאַפּען.

דיא פאמיליע ניקאָלין איז בעשטאַנען פון דעם פאטער, איין אלטער מאַן מיט גרויע האאר, א דונקלעם און שטארק געקאָרטשעטעס געזיכט, פאר וועלכען יעדער אין הויז האט געציטערט; פון דער מוטער ניקאָלין, א גרויסע און שטארקע פרוי, פערדומט און פערגראָבט דורך דער שווערער פעלד־ארבייט און פון איהר מאַן׳ס קלעפּ; פון א זוהן, וועלכער איז דאמאלס געווען אין דער ארמעע, און פון נאָיזן, וועלכע האט געהאָלפען איהר פאטער אין דיא ארבייטען איבעראל, און פלעגט נאָך דערבייא געהען ארבייטען בייא ציעגעל.

דיא קליינע וואָהנונג פון דער פאמיליע ניקאָלין, וועלכע איז געווען נעבען דעם אלט־מאָדישען שלאָס, איז זעלטען אָדער ניעמאלס אויפגעמונטערט געוואָרען פון געלעכטער אָדער געזאַנג. ניקאָלין האט נאָר געברומט וויא איין אלטער בייזער הונד און האט אויסגעבראָכען אין א ווילדער וואוטה, ווען יעמאנד האט זיין ברומען אונ־טערבראָכען.

פרוי ניקאָלין און איהר טאָכטער, האבען ניט נאָר מורא געהאט פאר דעם אלטען ניקאָלין, זאָנדערן זייא האבען אויך געהאט פאר איהם א גרויסען רעספּעקט, וויא עס פיהרט זיך אין יענע מקומות, אז דער הויפּט פון הויז איז פאטער, ברויט־געבער, פיהרער, פערוואלטער און א האלבער גאָט.

מאדאם ניקאָלין האט געוואוסט, אונטערדעסען, אז א טאָכטער דארף פאָלגען דיא מוטער אפילו אין פייער צו געהען און זיא מוז, וויא א געטרייער הונד, כיעגען נעבען איהרע פיס צו הערען און אכטען דעם מינדעסטען בעפעהל.

ווען נאָיז האט זיך אמאל ארויס געגנב׳עט אויף א פּאאר מינוטען פון הויז, איז מאדאם ניקאָלין ארויס אין דרויסען און אָנגעפאַנגען צו שרייען „נאָיז!“ אז מען האט דאס געקענט הערען אויף א קילאָמעטער ווייט. נאָיז, נאַטירליך, האט באלד ערוואכט וואו זיא איז געווען, און האט שנעל געאיילט צו איהר מוטער׳ס בעד פעהל.

דיא שעהנע נאָיז, וויא מען פלעגט זיא רופען אין עסטאַק, איז אונטער אזעלכע אומשטענדען, ניט געווען גליקליך. ווען זיא איז אלט געוואָרען 16 יאָהר, האט נאָך איהר ברוטאלער פאטער זיא געקענט מערדעריש שלאָגען פאר א קלייניגקייט, און זיינע שווערע פויסטען האבען וויא געוועהנליך געטראָפען אויף איהר נאָז, אין מויל און ארויס געריסען בלוט.

אויף יעמצט, ווען זיא איז שוין זאָגאר אריבער געשריטען דיא 20 יאָהר, זיינען ניט גאָר איינמאל געשטאַנען בלויע צייכענס אויף איהר לייב, פון דיא קלעפּ וואס איהר פאטער האט איהר געגעבען.

צו בעהויפּטען אָבער, אז דער אלטער ניקאָלין איז געוועזען א שלעכטער מענש, וואָלט אויך ניט געווען ריכטיג. ניקאָלין איז בלויז געווען איינער פון יענע אונצעהליגע פאטערס, וואס גלויבען, אז קינדער אויב זייא פערדיענען יא אָדער ניט, מוזען זייא געשלאָגען ווערען, זאָנסט איז עס קיין בעוויז, אז עלטערן ליעבען דיא קינדער. פון איין ערציהונג מיט גוטקייט, מילדקייט און צערטליכע ליעבע געגען קינדער, האט ער ניט געוואוסט.

אין ניקאָלינען, קען מען בעסער זאגען, איז געלעגען דאס הערשענדע בלוט פון דיא רוימער, וועלכע האבען געגלויבט, אז זייא האבען דאס רעכט צו בעפעהלען איבער לעבען און טויט. און ווען ניקאָלין האט ניט געהאט קיין דיענער אָדער שקלאַפען צו ווען אויסצולאָזען זיין הערשערישע נאטור, האט ער דיעזע אויסגע־לאָזט צייטענווייז צו זיין ווייב און זעהר אָפט צו זיין טאָכטער.

אין א טאָג, האט דיא ארמע נאָיז געוואגט אויפצוהויבען איהר האנד, ניט חלילה צוריק צו שלאָגען דעם פאטער, זאָנדערן זיך צו שיטצען דאס געזיכט פאר שרעקליכע קלעפּ — דאן האט ניקאָלין ארויס געוויזען ווער ער איז!

„געגען מיר אויפהויבען א האנד?“ האט ער געדונערט, „געגען מיר? א פאטער?“

דאן האט נעפאלגט א שוידערהאפטע שטראפע, ביז דאס אונגליקליכע מעדכען איז געבליעבען ליעגען האלב־טויט אויף דער ערד.

פון יענעם טאָג אָן האט נאָיז געוואוסט, אז מען דארף שטעהען אויסגע־שטרעקט, וויא א סאָלדאט צום מושטירען, און זיך לאָזען שלאָגען וויפיעל דער טאטע וויל, אָהנע צו פרעגען ווארום.

„א טאטע שלאָגט ניט אומזיסט,“ האט אמאל ניקאָלין בעהויפּטעט, און נאָיז האט בעגריפען, אז פרעגען וועט נאך ערגער זיין. נאכדעם וויא זיא פלעגט עמפּפאנגען איהר פאָרציע מכת רצח, האט זיא זיך אימער צוריק געצויגען אין א ווינקעל, ארונטער געשלונגען דיא טרעהרען און אונטערדריקט איהר צאָרן.

וויא לייכט עס איז זיך צו מאכען פון קינדער דיא בעסטע פריינדע אין דער וועלט! א גוטעס וואָרט, א שמייכעלע, א גלעט און א פּאַסענדע צערטליכקייט, וועט פערוואַנדלען דאס קליינע הערצעלע פון א קינד אין א קוואל ליעבע און אויפ־אָפּפערונג פיר א פאטער אָדער א מוטער. א בייזער ברוגז, א מערדערישער

קלאפּ, און אונאיבערלייגמער געשרייא און איין אונפערדיענטע שטראפע, וועט ווידער לאנגזאם צוריק לאזען א ניפּט אין קליינעם הערצעל, וואס וועט זיך מיט דער צייט פערמעהרען און פערגרעסערן, ביז פון איין אייגענעם קינד, ווערט א פירכטערליכער פיינד.

אויף דיעזער ארט, האט זיך אין נאיז'עס הארץ אנגעפאנגען צו בילדען א האס, און אין איהר געהירן א פלאן, וויא אזוי זיך נוקם צו זיין אין איהר בארבא־רישען פאטער.

איבריגענס, האט זיא דאך געהאט דאס זעלבע בלוט וויא איהר פאטער, וואס האט געקענט אזוי לייכט אויפגעברויזט ווערען.

ווען עס האט אמאל פאסירט וואס זיא איז געווען דערביא ווען איהר פאטער האט געשלאגען איהר מוטער, און זיא האט בעמערקט וויא דיא אלטע האט זיך אונטערגעבען וויא א געהארזאמער הונד, האט דאס איהר נאך מעהר אויפגערעגט, און זיא האט בעטראכט איהר מוטער מיט דער גרעסטער פעראכטונג.

זיא האט זעהר אפט צו זיך אליין געזאגט:

„ווען איך זאל האבען אזא מאן, וואלט איך איהם דערווארגען."

נאיז האט געהאט אזא אויפברויזענדע נאטור, דאס עס איז אזוי ווייט גע־קומען, ווען איהר פאטער האט זיא ניט געשלאגען, האט זיא אויסגעזעהען אונגע־דולדיג. דאס שלאגען אליין, איז שוין געווען איין ארט צערשטרייאונג און אויפ־מונטערונג אדער נעטהיגע אויפרעגונג.

ניקאלין האט איהר פערבאטען צו געהן נאך עסטאק, און ער האט זיא גע־האלטען צו הויז, בייא איין אונ־אונטערבראכענער בעשעפטיגונג.

זוען עס האט זיך געמאכט, אז זיא האט שוין ניט געהאט וואס צו טהון, האט זיא אויך ניט בעדארפט ארויס געהען פון הויז; עס האט אויסגעזעהען, אז ער האט זיא אימער געוואלט האבען אונטער זיינע אויגען.

זיא האט דערפאר ערווארטעט מיט דער גרעסטער אונגעדולד דעם מאנאט סעפטעמבער, ווען דיא פאמיליע ראסטאנד וועט אהין קומען, און דאן, ווען זייא וועלען זיין אין לא בלאנקארד, וועט שוין דער אלטער ניקאלין ניט מעהר קענען אזוי וואכען איבער איהר.

נאיז האט געוואוסט, אז זיא וועט מוזען געהן אין פיעל שליחות פיר מאדאם ראסטאנד, און דיא טהאטזאכע אליין, אז זיא וועט זיין אין אזא שליחות פרייא פון איהר בארבארישען פאטער, האט זיא אונגעהייער גליקליך געמאכט.

אין א פריה־מאָרגען איז ניקאָלין אויפגעשטאַנען מיט א נייעם פּלאַן.

„דיא זאַך דערפון איז אזוי," האט ער געזאגט, „נאַיו ווערט שרעקליך פיל ויטצענדיג לעדיג אין דער היים. דאן איז זיא גלאט א געזונדע מויד און זיא דאַרף פערדיענען געלד. קלענערע פון איהר פערדיענען צו 30 סו א טאָג בייא ציעגעל מאכען, ווארום זאָל זיא אויך ניט געהען? א קליינינקייט 30 סו! עס איז דאָך א פערמעגען!"

דאס האט נאַיז'ן זעהר דערפרייט. דיא ארבייט האט זיא ניט אָבגעשראָקען, זאָנדערן דיא אידעע, אז זיא וועט קענען זיין פרייא, האט זיא גליקליך געמאכט.

יא, דיא ציעגעל־ארבייט איז געווען זעהר א שווערע, נאָר נאַיז'ן האט דאס פערשאפט פערגניגען. זיא פלעגט אוועק געהען בייא טאגעס־אָנברוך און צוריק קומען נאך זונען־אונטערגאנג. דיא ציעגעל־פאבריק איז געווען פון יענער זייט עסטאק, און זיא האט בעדארפט דעם גאנצען טאָג שטעהען אויף דער זונן און איבערקעהרען דיא ציעגעל צום טריקענען.

איהרע הענד זיינען געשפּאָלטען געוואָרען און עס האט זיא געשמערצט דיא נאסע בלאָטע וואס האט איינגעדרונגען אין דיא קליינע וואונדען, אָבער זיא איז דעננאך געווען גליקליך.

א קליינינקייט! צו זיין א גאנצען טאָג אליין און ניט מורא האבען, אז דער פאטער שטעהט הינטער דעם רוקען, מיט א שטיק האָלץ אָדער גלאט געבען א בריק מיט'ן פוס. דאן האט זיא דאָך געקענט אונגעשטערט שפּאסען און לאכען מיט דיא ארבייטער!

דאָ, בייא דער שווערער ציעגעל־ארבייט, האט זיא זיך ענטוויקעלט און איז געוואָרען א שעהנעם פרויענצימער.

דיא גליהענדע זונן האט פון איהר ווייסע הויט געבילדעט א שעהנע ברונעטע פארב און האט אויסגעברענט א דונקעלען פאס אויף איהר האלז. איהרע שווארצע האאר זיינען אימער קענגער און געדיכטער געוואָרען, און האבען זיך אָבגעלייגט אויף איהר שטערען, אויערן, באקען און האלז, גראדע וויא דיא נאטור זעלבסט וואָלט דערמיט בעאבזיכטיגט צו שיטצען איהר צארטע הויט.

איהר גאנצער קערפּער, פון דער בעשטענדיגער שנעלער און שווערע בעוועגונג, איז געוואָרען אָבגעהארטעוועט און אונגעהייער שטארק, וויא בייא א יונגען גימנאסטיקער. ווען זיא האט זיך אוועק געשטעלט אויף דעם אויסגעטרעטענעם

פעלד, צווישען די רויטע ציגנעל, האט זיא אויסגעזעהן וויא א מעכטיגע קריענערין פון דיא אלטע העלדען־צייטען.

דיא מוסקעלן פון איהרע הענדע, זיינען געוואָרען אזוי שטייף און שטארק, דאס זיא האט געקענט אויפהייבען דיא שווערע לאסט און דאס ניט שפירען, און ווען איינער פון דיא יונגע לייט האט זיך מיט איהר געשטעלט ראנגלען, האט זיא איהם געקענט לאָזען שפירען דעם גריף פון איין אייזערנע האנד.

דער אלטער ניקאָלין האט אונטערדעסען גאנץ גוט צוגעזעהען וויא אויסגעוואקסען און שעהן זיין טאָכטער איז געוואָרען. ער האט פערשטאנען, אז דיא צייט איז געקומען, ווען עס איז זעהר לייכט א מיידעל זאָל זיך לאָזען פערפיהרען.

ער האט דערפאר בעשלאָסען אויפצופאסען איבער איהר, און ווען ער וועט אויסגעפינען, אז זיא האט א ליעבהאבער, זאָל ער איהם ערמאָרדען.

אזא שעהן מיידעל קען האבען ליעבהאבער, און נאָך האט געהאט גענוג פון זייא, אָבער זיא האט קיינעם קיין מוטה ניט געגעבען. זיא האט געהאט א טבע חוזק צו מאכען פון זייא.

איהר איינציגער פריינד איז געווען א פערפוקעלמער (האָרבאטש), וועלכער האט געאַרבייט אין דערזעלבער ציגנעל־פאבריק. דיעזער איז געווען קליין געוואקסען, מיט צוויא האָרבעס, איינעם פון פאָרענט און איינעם פון הינטען. יעדער האט איהם גערופען אַנטאָן, און זיין ביאָגראפיע איז אויך געווען זעהר א קורצע: ער איז געשיקט געוואָרען פון א פינדעל־הויז נאָך עסמאק, און איז שוין דאָרט פערבליעבען.

אַנטאָן האט געהאט, אויסער דיא האָרבעס, אויך זעהר א העסליכעס געזיכט, אָבער ער האט געקענט לאַכען אזוי גוטמיטהיג, דאס ער האט זיך מיט זיין שמייכעל געוואונען פריינדע.

נאָך האט מיט איהם מיטלייד געהאט און פון איהם האט זיא ניט געקענט חוזק מאַכען, וויא פון דיא אַנדערע יונגע לייט. דאָן איז זיא מיט איהם אזוי גוט בעפריינדעט געוואָרען, דאס זיא פלעגט איהם זידלען, און אמאל אויך שלאָגען, אלס א רעזולטאט פון דעם צאָרן וואס זיא האט נאָכגעטראָגען איהר פאטער, און גע־מוזט צו יעמאַנדען אויסלאָזען איהר האַרץ.

דאָן, האט זיא קיין מורא ניט געהאט, אז יעמאַנד וועט אויף איהר עפּעס שלעכטעס זאָגען, דען יעדער האט געלאַכט פון דעם אָרימען העסליכען אַנטאָן, און קיינער וואָלט זיא ניט חושד געווען, אז זיא האט איהם ליעב.

אין א טאָג, ווען ניקאָלין האט געהערט, אז זיין טאָכטער איז שטארק בעד פריינדעט מיט אנטאָנען, האט ער געזאגט לאַבענדינג:

— איהם פערגין איך איהר, ווייל איך וויים, אז זיא איז צו שטאָלץ און צו שעהן זיא זאָל זיך אזוי ערניעדריגען.״

ווען מאדאם ראָסטאַנד איז ענדליך ערשיענען אין בלאַנקארד, איז איינע פון איהרע דיענסט־מיידלעך, קראנק געוואָרען. זיא האט דאן געבעטען ניקאָלינען, ער זאָל איהר געבען זיין טאָכטער צום בעדיענען.

גראדע דאמאלס, איז אויך קיין ארבייט נים געווען אין דער ציענעל־פאבריק, און ניקאָלין האט פערשטאנען, אז מען דארף שפיעלען א פאָליטיק און זיינע בעלי־בתים נים ענטזאגען, ווייל ער האט געוואוסט, אז מאדאם ראָסטאַנד וועט נים וועלען מען זאָל זיא בעדיענען אומזיסט.

מאָנסיע ראָסטאַנד איז ערשיענען צוזאמען מיט זיין פרוי, נאָר וויכטיגע גע־שעפטען האבען איהם דאן אוועק גערופען נאך פאריז. פערנאַנד איז דערפאר אליין צוריק געבליעבען מיט זיין מוטער אין לא בלאַנקארד.

אין דיא ערשטע עטליכע טעג, האט פערנאַנד געהאט א גרויסען חשק צו ארבייטען און עפעס טהון אין דער פרייער און פרישער לופט. ער האט דערפאר יעדען טאָג בעגלייטעט ניקאָלינען צו זיין פיש־פאנג, און דאן ערשט האט ער שפאַ־צירט שטונדען־לאנג איבער דיא פעלזען, טהאָלען און ים־ברעגעס.

דאן האט זיך איבער איהם בעמעכטיגט א פוילקייט, וויא דער פאַל איז מיט מייסטען שטעדטישע יונגע לייט, וואס האבען קיינמאל נים געארבייט, און ער האט אָנגעפאנגען זיך אויפצוזוכען דיא שאָטענס פון דיא בוימער, וואו ער פלעגט זיך אוועק לייגען, האלב שלאָפען און קוקען אויף׳ן ים. מיט איינינע טעג שפעטער, האט איהם דאס גאנצע דאָרפס־לעבען געעקעלט און ער האט זיך געשפירט זעהר אונגע־דולדיג און לאנגווייליג.

ער האט זיך דערמאָהנט אן דיא מיידלעך וואס ער האט געקענט קריעגען אין שטאָדט, און זיין גאנצעס דענקען און טראכטען איז געלעגען אין דיא אונאנשטענ־דיגע הייזער וואו ער האט אזוי פיעלע נעכט פערבראכט.

מיט 14 טעג נאך זיין אנקונפט, האט ער אָנגעפאנגען אויסצוזוכען תירוצים, וויא אזוי ער זאָל יעדען טאָג קענען אריין פאָהרען נאך מארסייל.

מיט א פאאר טעג שפעטער, איז ניקאָלין געקומען צו פערנאַנד׳ן, און איהם דערצעהלט, אז ער האט אויסגעשטעלט אין וואסער לאנגע נעטצען אין דער פאָרמע

פון כאפ־שטיינלעך, און ער רעכענט, אז עס געפינען זיך שוין דארט פיעלע פיש.

„ווילט איהר מיטנעהן מיט מיר?" האט ניקאָלין געפרעגט, „עס וועט זיין זעהר אינטערעסאנט."

פערנאנד איז נאך געלעגען אין בעט, און דיא גאנצע געשיכטע האט איהם מעהר ניט אינטערעסירט. ער האט זיך אומגעווענדעט, בעטראכט דעם אלטען, גע־געגעצט און גאר ניט געענטפערט.

„ווילט איהר מיטגעהען, מאָנסיע פערנאנד?" האט דער אלטער נאך אמאל געפרעגט.

„ניין," האט ער געענטפערט אונגעדולדיג.

ווען ער איז אויפגעשטאנען, האט ער זיך אָנגעצויגען און איז ארונטער צווישען דיא בוימער, וואו ער האט זיך אריין געלייגט אין גראָז און געקוקט צום בלויען הימעל.

זיין מוטער האט זיך שטארק געוואונדערט, ווארום איהר זוהן נעהמט ניט פיש כאפען אָדער אויף דער יאגד, וועלכעס זיא האט געוואוסט, אז ער האט זעהר ליעב.

„וואס איז מיט דיר, פערנאנד?" האט זיא געפרעגט.

„וואס מיינסטו, מוטער?"

„איך מיין, ווארום געהסטו ניט ארויס דיך אביסעל אונטערהאלטען אויף דיא פעלדער אָדער ביים ים?"

„ניין, מוטער," האט ער געענטפערט מאכענדיג א פרום פנים, „דער פאפא איז ניטאָ, און דוא ביסט אליין. איך קען דיך דאָ ניט צוריק לאָזען. דערפאר געה איך ניט."

מאדאם ראָסטאנד האט געשמייכעלט מיט פערגניגען, און אוועק געהענדיג, האט זיא געמורמעלט:

„מיין טהייערער און ליעבער זוהן! דוא זאָלסט מיינע ביינער איבער־ליעבען!"

ניקאָלין, וועלכער האט דיעזע ווערטער געהערט, האט דאן געזאָגט צו פער־נאנד'ן:

„מאָנסיע פערנאנד, פאָהרט זיך דורך אביסעל נאך מארסייל. דאס שטעד־טישע לעבען וועט אייך אויפמונטערן."

אָבער פערנאַנד איז ניט געפאָהרען נאָך מארסייל. א גאַנצע וואָך איז פאָר־איבער, און ער איז נאָך אימער, יעדען טאָג געלעגען אין גראָז הינטער דיא בוימער, און נאָר געוועקסעלט זיין פּלאַטץ, ווען דיא זונן האט איהם געשטערט.

אום נאָך מעהר אָבצונאַרען זיין מוטער, האט ער זיך יעדען טאָג מיטגענומען א בוך; אָבער ער האט דאס גאר ניט אָנגעפאַנגען צו לעזען. דאס בוך, וויא געוועהנליך, איז געלעגען נעבען זיין קאָפּ, אָבער ער האט עס אפילו ניט גער־עפענט.

דאַן האט ער אויך אויפגעהערט צו קוקען אויף דיא בלויע וואַסערן פון דעם ים. ער האט זיינע אויגען געהאלטען געריכטעט צום הויז און זיך שטארק אינטע־רעסירט מיט דער דיענערשאפט; דאס הייסט, מיט דיא דיענסט־מיידלעך.

ער האט נעקוקט פון וואַנען זייא קומען, וואוהין זייא געהען און וואס זייא מהוען. טראָטץ דעם האט קיין איינציגע פון זייא איהם ניט בעזאָנדערס אויפ־מערקזאם געמאכט. אָבער, ווען נאַיז איז ערשיענען, איז איהם געקומען א רויטע פארב אין דיא באַקען.

ווען נאַיז האט בעדארפט פארבייא געהען דאָרט וואו פערנאַנד איז געלעגען און געטרוימט, איז זיא קיינמאל ניט געגאַנגען צו שנעל; זיא האט וויא אבזיכט־ליך לאַנגזאם שפּאצירט אום מען זאָל זיך קענען בעסער מערקען איהר הערליכע פיגור, אָבער זיא האט זעלטען געקוקט אהין וואו פערנאַנד איז געלעגען.

איינינע טעג האט אזוי געדויערט דיעזע שפּיעלערייא. פאר זיין מוטער, האט פערנאַנד בעהאנדעלט נאַיז'ן זעהר הארט און שטרענג, גראדע וויא זיא וואָלט געוועזען איין אונגיטצליכע שקלאַפין.

ווען פערנאַנד האט בעליידיגט אָדער געשאָלטען נאַיז'ן פאר איהר אונגע־שיקטהייט, האט זיא אימער ארונטער געלאָזען איהרע אויגען אין אונטערגעבענ־הייט. אויף איהר געזיכט האט זיך אָבער געצייגט א פרעהליכע מיענע, וואס האט אויסגעדריקט א שטילעס גליק און א צופריעדענהייט, מיט דעם וואס עס געהט פאָר.

אין א פריה־מאָרגען, האט נאַיז, ביים פריהשטיק, צובראָכען א סאלאט־שיסעל.

פערנאַנד איז שטאַרק אין כעס געוואָרען.

„שטיק בהמה!" האט ער אויסגעשריען. „וואו זיינען דיינע אויגען?"

דאַן איז ער אויפגעשפּרונגען וויא א פערוואונדעטער הונד און געליאַרמט, אז זיינע הויזען זיינען רואינירט געוואָרען.

עס איז אמת, אז עס האט א שפריטץ געטהאן אביסעל עהל פון דעם סאַלאט אויף זיינע הויזען, אָבער עס איז דאָך ניט געווען אזא אונגליק.

„נו, וואס שטעהסטו," האט ער געדונערט צו נאיזן. „ברענג אהער א האנדטוך מיט אביסעל וואסער! שנעל, שטעה ניט!"

נאיז האט באלד צונעבראכט א ווייסען האנדטוך, איינגעטונקט אין אביסעל וואסער, און זיך אוועק שטעלענדיג אויף דיא קניען נעבען פערנאנד'ן, האט זיא אנגעפאנגען אויסצורייבען דעם פלעק פון זיינע הויזען.

„לאָז שוין זיין," האט מאדאם ראָסטאנד געזאגט. „וואס וועס דיר יעטצט העלפען דאס שרייען? און דוא, נאיז, לאָז זיין דער פלעק, עס איז א קלייניגקייט, און דאן, מיט וואסער, קען זיך קיין פעט ניט אויסווישען."

אָבער דאס יונגע מעדכען האט ניט אויפגעהערט צו רייבען דעם פוס פון איהר יונגען הערר.

„רייב, רייב, שטיק בהמה," האט ער ווייטער געשריען, „עס מוז זיך אויסרייבען. איך האב נאך קיינמאל ניט געזעהען אזא שלים־מזל. א וואונדער וואס זיא האט צובראָכען דיא שיסעל! ווען דוא וואָלסט נאך געווען בייא אונז אין א., וואָלסטו צובראָכען אין איין וואָך דאס גאנצע פארצעלייא."

מאדאם ראָסטאנד האט איינגעזעהן, אז איהר זוהן איז צו שטרענג, און ווען נאיז איז ענדליך ארויס פון דעם צימער, האט זיא צו איהם געזאגט:

„וואס האסטו צו דער ארמער נאיז? עס זעהט אויס, אז דוא קענסט זיא ניט ליידען. איך בעט דיך, זייא אביסעל רוהיגער; איך קען דאָ אָהן איהר ניט זיין. פערגעס ניט, פערנאנד, אז זיא איז ערשטענס דיין געוועזענע שפיעל־קאמעראדין, און דאן איז זיא צו מיר ניט פערקויפט. זיא טהוט מיר א טובה, וואס זיא העלפט מיר."

„אָבער זיא לאנגווילט מיך ביז טויט!" האט ער געענטפערט מאבענדיג א ווילדע מיענע מיט זיין געזיכט.

נאך אין דעמזעלבען אבענד, ווען עס איז טונקעל געוואָרען, האט זיך פערנאנד און נאיז בעגעגענט צווישען דיא בוימער.

עס איז געווען דאס ערשטע מאל וואס זייא זיינען געווען גאנץ אליין, אום עפעס צו רעדען.

דיא בוימער האבען פון זיך ארויס געגעבען פערשיעדענע ריחות, וואס האבען זיך צוטראָגען ווייא פארפום־גערוך אין דער שטילער נאכט־לופט.

פערנאנד האט זיא אומארמט און צוגעדריקט צו זיין ברוסט. זיא האט אביסעל געקעמפפט און זיך בעפרייעט.

דאן האט צוריק געקעהרט איהר קינדישע בעקאנטשאפט מיט איהם, און זיא האט איהם געפרעגט:

„וואס איז מיט דיר געווען, פערנאנד? ווארום האסטו מיך בעליידיגט? דוא ביסט זעהר א שלעכטער!"

אהנע צו ענטפערן, האט ער אנגענומען איהרע הענד, זייא צוגעצויגען צו זיין ברוסט און דאן האט ער אבגעפרעסט א קוש אויף איהרע גליהענדע ליפען. זיא האט זיך געלאזען קושען פון איהם, אבער דאן איז זיא שנעל אוועק פון איהם. פערנאנד האט נאך ארום שפאצירט עטליכע מינוטען אום נים צו ערשיינען אויפ־גערעגט פאר זיין מוטער, און ווען ער האט צוריק געקעהרט אין הויז, האט נאיז געגרייט צו טיש מיט א מערקווירדיגער שטאלצער רוהיגקייט.

פערנאנד און נאיז האבען קיינע בעשטעלונגען געמאכט זיך צו בעגעגענען. אבער דערפאר זיינען זייא זיך צוזאמען געקומען אהן בעשטעלונגען. אויף דיעזער ארט, זיינען זייא ביידע ערשיענען אין א נאכט אונטער איין אליווען־בוים, בייא דער זיים פון א הויכען פעלזען, וואס איז געלעגען נעבען ברעג פון ים.

נאך וועהרענד דעם עסען, האבען זיך זייערע אויגען מעהרערע מאל בעגעגענט מיט א ברענענדער געוויסהייט. דאס איז דיא ליעבעס־שפראכע, וועלכע האט קיינע ווערטער.

דיא נאכט איז געווען זעהר ווארעם; פערנאנד איז געזעסען ביים פענסטער און גערויכט איין ציגארעטע נאך דער צווייטער, און מיט זיינע אויגען האט ער געזוכט צו דורכדרינגען דיא דונקעלהייט. אונגעפעהר אום 1 אוהר נאך האלבע נאכט, האט ער בעמערקט א געשטאלט זיך בעוועגענדיג בייא דער זיים פון הויז.

ער האט שוין מעהר נים געצעגערט. ער האט גלייך ארויס געשפאנט פון פענסטער, איז ארויף אויף א דאך פון א שפאכלער און דאן, מיט דער לייכטינקייט פון א קאטץ, איז ער ארונטער געשפרונגען צו דער ערד. דאס איז אויך געווען דער אייגציגער זיכערער אויסוועג, זיין מוטער נים אויף צו וועקען.

זא שנעל וויא ער האט זיך געשפירט אויף דער ערד, האט ער אנגעפאנגען צו צוגעהען צום אליווען־בוים, און איז זיכער געווען, אז נאיז וועט איהם דארט ער־ווארטען. נייז, זייא האבען קיינע בעשטעלונגען געמאכט, אבער דאך האבען זייא זיך געלעזען דיא געדאנקען.

פערנאנד האט קיין מעות נעהאט.

„ביסטו עס?“ האט ער געפרעגט שטיל.

„יא,“ האט זיא געענטפערט גאנץ רוהיג.

ער האט אויסגעשטרעקט זיין האנד און אומארמט דיא שלאנקע פיגור פון נאיז'ן. זיא האט זיך געלאָזען.

דאן האט ער זיך לאנגזאם מיט איהר ארונטער געזעצט צו דער ערד. ער האט זיא פעסטער געדריקט צו זיך און זיא האט איהר קאָפּ אָנגעלעהנט אויף זיין ברוסט.

ביידע זיינען געזעסען היבשע עטליכע מינוטען גאנץ שטיל און כמעט בעוועגונגסלאָז.

דער אלטער אָליווען־בוים, וועלכער האט געהאט לאנגע און געדרעהטע צווייגען, האט ביידען צוגעדעקט מיט זיין גרויען בלעטער־דאך, און א קיהל ווינטעלע האט זיך דורכגעגנב'עט צווישען דיא צווייגען און אָבגעפאָכט דיא דערהיטצטע און פערפלאמטע געזיכטער פון ביידע יונגע מענשען.

פון ווייטען איז געלעגען אויסגעשפרייט דער גרויסער ים, און האט אויסגעזעהן וויא איין אונענדליכעס שווארצעס פעלד, און פון אויבען האבען שטילשווייגענד און אונבעוועגליך ארונטער געגלאנצט מיליאָנען פינקלענדע שטערן.

מארסייל, וועלכעס איז געלעגען רעכטס, איז געווען איינגעהיעלט אין א גרויען נעבעל, און א הייליגע שטילקייט האט בעהערשט דיא איבריגע געגענד.

פערנאנד האט דאס מעדכען געהאלטען פעסטער צו זיין ברוסט און זיין האנד האט געוואנדערט איבער איהר נאקעטען בוזים, וואו דאס לייב איז געווען ווייכער וויא זייד. ער האט געשפירט וויא זיא האט לייכט אויפגעשוידערט.

„וואס איז מיט דיר נאיז?“ האט ער געפרעגט.

„גאר ניט,“ האט זיא ארויס געשטאמעלט.

„איך וויל האָפען,“ האט ער ווייטער געמורמעלט, „אז דיין פאטער איז נישטאָ יעטצט אין דיעזער געגענד.“

„איך בין ארויס געשפרונגען פון דעם פענסטער,“ האט זיא געענטפערט מיט א שטילער און דומפפער שטימע.

זייא האבען ניט געשפראָכען איבער זייער ליעבע. זייא האבען זיך נאָר ער־אינערט אָן זייער אונשולדיגע קינדער־יאָהרען און פון דאָרט האבען זייערע געדאנקען געוואנדערט ביז צו דער געגענווארט. זייא האבען זיך ביידע דערמאָהנט, דאס נאך

אלס קינדער, האבען זייא זיך געליעבט, און ווען זייא האבען זיך געשיידט, האבען זייא געביינקט איינער נאך'ן צווייטען.

דאן האט זיך פערנאנד פארגעשטעלט, אז נאך אלעמען, איז נאיז א הערר־ליכעס מעדכען, און וואס עס אנבעלאנגט זיא אלס פרויענצימער, וואלט ער גע־קענט מיט איהר אבלעבען א וועלט און זיא גאנץ גוט ליעב האבען.

זיא וויעדער, נאיז, האט אזוי וויים ניט געהאפט און געדענקט; זיא האט זיך בלויז געשפירט גליקליך, ליעגענדיג נעבען זיין ברוסט און הערענדיג וויא זיין הארץ קלאפט. א קלייניגקייט! נאך אלעמען, איז זיא דאך מעהר ניט געווען וויא דיא פראסטע ציגייגעל־מאכערין און דיא געשלאגענע טאכטער פון דעם מערדערישען גראבען ניקאלין.

יא, יא, פאר איהר איז עס געווען גאנץ גענוג, ווען ער האט זיא געוואלט האבען נעבען זיך, און זיא איז בייא זיך שטאלץ געווען וויסענדיג, אז ער קען זיא קושען.

אנפאנגס האט פערנאנד ניט געוואגט צו וויים צו געהען, דען ער האט גע־וואוסט אז נאיז איז נאך איין אונשולדיגעס מעדכען, און ער האט צום ערשטען מאל אין זיין לעבען געהאט דיא ערפאהרונג מיט אזעלכער זיך צוזאמען צו קומען. אבער ווען ער האט געזעהן, אז זיא איז ניט דאנקען זיינע האנדלונגען, האט ער זיא פעסטער אומארמט, און זיא האט זיך געלאזט פערפיהרען.

וויא עס האט אנגעפאנגען צו טאגען, האט יעדער פון זייא צוריק געקעהרט אויף דעמזעלבען וועג, און אין דיעזעלבע ציטערן, פון וואנען זייא זיינען גע־קומען.

דריטעס קאפיטעל.

עס איז געווען א פראכטפאלער מאנאט, אין קיין טאג האט געגרעגענט. דער בעשטענדיג בלויער הימעל, האט קיין וואלקען געהאט איהם צו פערדונקלען.

דיא זונן איז יעדען טאג אויפגעגאנגען אין דער געשטאלט פון א מעכטיגער גרויסער רויז, און איז אונטערגעגאנגען וויא א הערדליכער גאלדענער קאפף.

טראָטצ׳ דעם אבער, איז עס שוין מעהר ניט הייס געווען. דער ים־ווינד האט זיך יעדען טאג אויפגעהויבען בייא דעם אויפגאנג פון דער זונן, און זיך וויעדער בע־רוהיגט, מיט איהר אונטערגאנג.

בייא נאכט איז געווען איין אנגענעהמע און זיסע קיהלקייט, און דיא לופט

האט אויסגעזעהען באלזאמירט מיט טויזענדער פארפומען פון די פערשיעדענע פלאנצונגען און בוימער.

דאס גאנצע לאנד האט אויסגעזעהען וויא א גן־עדן; פון אלע זייטען האבען ארוים געשטעקט שפיטציגע פעלזען און לאנגע צווייגען מיט גרינע בלעטער.

ווען די נעכט האבען אנגעהויבען צו ווערען קיהלער, איז אויך די לופט געווארען ריינער, און מען האט פון וויטען געקענט זעהען, וויא אונטען אין טהאל, ליעגט מארסייל וויא א געהיימניספאלע גייסטער־שטאדט, אהנע איהר גערויש זאל אונטערברעכען די שטילקייט פון עסטאק און לא בלאנקארד.

ווייטער ארויף, ליעגט דאס לאנד מיט דעם רויטען ליים, בעריהמט מיט די ציעגעל־פאבריק. דער באדען איז דארט אונרעגעלמעסיג, צוגראבען און אויפגע־ריהרט. אין מאנכע פלעטצער, טראץ דער טרוקענקייט, איז דער באדען אימער אזוי ווייך, אז מען קען זעהר לייכט דארט בלייבען שטעקען ביז אין די קניען אין א רויטער בלאטע.

אין יענער געגענד געפינען זיך מאסען קליינע און גרויסע יאסטשירקעס, און צווישען די ביסלעך גראז, שלאפען מיליאנען קליינע היישרעקען. ווען א פארביי־געהער קומט אהין, כויפען די יאסטשערקעס פון איין זייט און די דערשראקענע היישרעקען שפרינגען פון דער צווייטער זייט.

ווייטער אוועק שטרעקען זיך אוים פעלדער מיט הויכעס גראז, און נאכ־מיטאג, וויא די זונן פאנגט אן צו זינקען, הערען זיך פון אלע זייטען די אנגע־נעהמע געשרייען פון די וואכטלען.

די צוזאמענגעלייגטע ציעגעל־טהורמען, אויסגעארבייט אין דער הייסער זומער־צייט, זעהען אוים וויא די עגיפטישע פיראמידען און ווארפען פון זיך א גע־היימניספאלען שאטען.

אין מיטען פון דיעזער ווארעמער און אנגענעהמע פאעטישע געגענד, האבען זיך פערנאנד און נאיז געליעבט, עס האט אויסגעזעהען, גלייך וויא דאס פייער פון דער זונן, וואלט אריין אין זייער בלוט און האט ניט אויפגעהערט צו קאכען.

די ערשטע אכט טעג פון זייער אנגעפאנגענע ליעבע, האבען זייא זיך צו־פריעדען געשטעלט, זיך צו בעגעגענען אלע נאכט אונטער דעמזעלבען אליוון־בוים, וואו זייא האבען צום ערשטען מאל גענאסען זייער ליעבעס־אויסטויש. דארט האבען זייא געשוואומען אין אונבעשרייבליכען גליק.

אפטמאל האבען זייערע קערפערס אזוי געברענט, דאס ווען ניט די קיהלע נאכט־לופט, וואלטען זייא געבליעבען האלב־אהנמעכטיג. זייא פלעגען יעדענפאלס

זיך מהזען אָבטהיילען פון אנאנדער, זיך קייקלען אויף'ן קיהלען גראָז און זוכען איינ־צואמהמען דיא קיהלענדע לופט וואס איז געקומען פון דעם ים. דאן זיינען זייא ווידער צוזאמען געקומען און דאס ליעבעס־פייער האט זיך נאך אמאל אָנגע־צונדען.

דיא וועללען פון דעם ים, האבען אונטען, צו זייערע פיס, געקלאפט און גע־רוישט צווישען דיא פעלזען, אָבער עס האט קיינמאל מעהר ניט אויסגעזעהען וויא א לייכטער געמורמעל, גלייך וויא דער ים זעלבסט האט זיך ניט פערגונען צו שטערען דיא צוויא יונגע ליעבענדע הערצער אין זייער ליעבע.

געשפּראָכען האבען זייא זעהר וועניג. איבריגענס, וואס האבען זייא געהאט צו שפּרעכען? זייא האבען איינער פון דעם אנדערן קיין זאך מעהר פערלאנגט וויא דיא ליעבע, און דיזע איז געקומען אָהן ווערטער, אָהן צייכענס און אָהן קאָמ־פּלימענטען.

מייסטענטהיילס אָבער, פּלעגט ער, פערנאנד, דער שטאדטס־מאן, בלייבען ליעגען פערמאטערט און זיך ניט געקענט ריהרען. דאן איז געקומען איהר רייהע. נאיז איז געווען שטארקער פון איהם אין יעדער בעציהונג. זיא האט איהם געליעבט מיט דעם גאנצען פייער פון איין אונשולדיגער מעדכען־ברוסט. ווען דיא לבנה האט ארונטער געוואָרפען איהרע זילבערגע שטראהלען אויף זיין בלאסעס און ערמיעדע־טעס שעהנעס געזיכט, האט זיא צו איהם געקוקט מיט א בליק פול ליעבע און צערטליכקייט. דאן האט זיא אָבגעפרעסט א קוש אויף זיין פערשוויטצטען שטערן, און איהם נעהמענדיג אין איהרע פעסטע ארעמס, האט זיא איהם, וויא א קינד צו־געדריקט צו איהר ברוסט, און אזוי זיינען זייא געבליעבען ליעגען שטילשווייגענד, בליקענדיג צום הימעל אזוי לאנג, ביז זייערע אויגען האבען זיך געשלאָסען.

זייא פלעגען, וויא געוועהנליך, אָבשלאָפען א פּאאר שטונדען אומארמט, ביז זייא האבען דערשפּירט דעם קיהלען מאָרגען איינדרינגען אין זייערע גליעדער, דאן האט איינער פון זייא ערוואכט, אויפגעוועקט דעם צווייטען, און יעדער איז זיך געגאנגען זיין וועג.

דיא ליעבע, דיא ריינע, הייליגע און אונבעפלעקטע ליעבע, איז דאס העכסטע און גליקליכסטע געפיהל פון דעם מענשען. זאָלען דיא גלחים, רעליגיאָנס־פּרעדיגער און נשים צנועות וואָרטשען און ברומען; שרייען און פּראָטעסטירען; רוישען און שילטען — דיא וואהרהייט איז, אז זייא אליין וועלען אייך אויף צונעבען, אז עס גיבט קיין העכערעס, שעהנערעס און זיסערעס וויא דיא ליעבע.

נעהמט פאר א ציקאוועס דעם אויסגעשניטענעם (סריס) און בעטראכט איהם גאנץ גוט: ער איז געזונד, פעט, שטארק און אויך שעהן. גיבט איהם אָבער א פרעג:

— „וואס איז לעבען? וואס איז דאס העכסטע גליק אין לעבען? וואס האלט אונז אזוי פעסט אן לעבען?“

ער וועט אייך ענטפערן פערשיעדענע תירוצים, נאָר דער אמת איז, אז קיין איינציגער פון זיינע ענטפערס איז א ריכטיגער. ער געפינט קיין געשמאק אין לעבען.

דאס לעבען אָהן ליעבע איז קיין לעבען! אָבער, אין דערזעלבער צייט, מוז דאָ אויך בעמערקט ווערען, אז די ליעבע, וועלכע איז דאס העכסטע און ער־האבענסטע געפיהל ביי די ברואים, ווערט מייסטענטהיילס, דורך פערשיעדענע אורזאכען, זעהר שלעכט געברויכט, און אנשטאט עס זאָל ברענגען דעם גענוס וואס די נאַטור האט בעשטימט, ברענגט עס ליידען און ערגערניס.

אָט, צום ביישפיעל, האבען די מענשען איינגעטהיילט קלאסען און סעקטען. דער יונגער מאַן פון איין קלאסע, שטעהט צו ניעדריג אָדער צו אויך פיר דאס יונגעס מעדכען פון איין אַנדערער קלאסע, און אויך אומגעקעהרט. די נאַטור וויס פון קיינע קלאסען אָדער סעקטען, דען מיר זעהען אין דער פּראַקטיק, אז צוויא ליעבענדע הערצער פרעגען נים נאָך קיין יחוס און אויך קיין משפחה אָדער ראַנג.

די אונגלייכהייט אונטער די מענשען, פעראורזאכט וויעדער וואס די פרוי ווערט פערשקלאַפט און דער מאַן איז דער הערשער. וואס מעהר געלעגענ־הייט דער מאַן קריעגט, דורך שטאַנד אָדער איינפלוס און מעגליכע שעהנהייט, אלץ מעהר קען ער פּראָסטיטואירען די אונגליקליכע פרויען וואס זיינען געצוואונגען צו פערקויפען זייער ליעבע פיר געלד.

אזעלכע מענער, דורך דעם בעשטענדיגען אבוועקסלען פון פרויען, רואנירע פיעלע מאָל זייער יוגענד־קראַפט, אָדער זייא שוואַכען אָב זייערע קערפּערס.

דאגעגען וויעדער, די פרויען, וועלכע מוזען אויך דורך פערשיעדענע אורזאכען װאַרטען ביז א מאַן פרעגט זיך צו זייא אָן, װאַרטען אמאָל אזוי לאַנג, ביז די ליעבע זאַמעלט זיך אָן אין זייא איבער דער מאָס, און ווען די געלעגענהייט מאכט זיך דעם ליעבעס־קוואַל צו עפענען, דאַן שטורמט דיעזער ארויס וויא א וויטהענדעס װאַסער, וואס רייסט, פערפלייצט און פערטרינקט אַלעס אין וועג, ביז די ערשטע קראַפט לויפט זיך אָב.

אזא ליעבעס פעראייניגונג איז יעטצט געשעהען צווישען פערנאנד ראָסטאַנד און נאַיז ניקאָלין. ער, ראָסטאַנד, האט שוין געהאט אומגאנג מיט פערשיעדענע פרויען זיִיט איינינע יאָהר; זיא ווידער, נאַיז, האט קיין ליעבע גענאָסען ביז איבער איהר צוואנציגסטעס יאָהר. ער איז שנעל פערמאַטערט געוואָרען, נאָר זיא איז געוועז וויטהענד און שטירמיש אין איהר גרויסער ליעבע.

נאָר אזוי וויא נאַיז איז געווען איין אויסגעהאָרעוועטע דאָרפס־מיידעל, און פערנאנד האט אימער גוט געלעבט, האבען זיך זייערע ליעבעס, געוויסערמאסען, אויסגעגליִיכט. ער האט איהר צוגעבער און איהר פייערדיגע ליעבע ניט געקענט ווידערשטעהען, און מיט זיינע לעטצטע קרעפטען האט ער זיך בעמיהט צו געניעסען פון דעם ליעבעס־בעכער אזוי פיעל וויא נאָר מעגליך.

אין א נאכט, ווען דיא צווייא ליעבענדע האבען זיך בעגעגענט, האבען זייא געטראָפען ארויס שטייגענדיג א גרויסע, זילבערנע לבנה פון צווישען דיא בערג; דיא לבנה האט געבליקט מיט איהר געהיימניספאָלעס געזיכט אויף דער גאנצער געגענד, און ארונטער געוואָרפען שטראַמען שטראהלען איבעראַל.

אין ים האט זיך געזעהן א לאנגער פייערדיגער שטרייף, ענטוועדער פון קליינע גאָלדענע פישלעך, אָדער פון דיא לבנה שטראהלען, וואס האבען זיך דאָרט אָבגע־שפיגעלט.

דאס ליכט פון דער לבנה האט זיך אזוי געשטאַרקט, אז עס האט פער־דונקעלט, אָדער וויא אויסגעלאָשען דיא רייחען פאנאַרען, וואס האבען זיך אימער געזעהן בייא נאכט לייכטען פון מארסייל.

וואס העכער דיא לבנה איז געשטיגען, אַלץ ליכטיגער איז עס גע־וואָרען.

דיא ליעבע זוכט מייסטענטהיילס א רוהיגען און שטילען פלאטץ, און ציהט פאר זיך צו פערבאָרגען אין שאטען. דאס הימלישע ליכט האט דערפאר געשטערט דיא ליעבענדע און זייא האבען זיך געשפירט אונזיכער. זייא האבען גאנץ גוט געוואוסט, אז וועהרענד זייער ליעבעס־פייער, פערגעסען זייא אן דער גאנצער וועלט און לעבען נאָר פיר זיך און אונטער זיך.

יא, זייא האבען מורא געהאט צו בלייבען אזוי נאהענט פון לא בלאנקארד, טאָמער וועט זייא יעמאנד איבערראשען. יענע נאכט האבען זייא צוגעבראכט זעהר פאָרזיכטיג, אבער ווען עס האט אָנגעהויבען צו טאָגען, האבען זייא בעשלאָסען דיא נעכסטע נאכט זיך צו בעגעגענען ערגיץ ווייטער, וואו זייא זאָלען פערבלייבען אין גליק פון זייער ליעבע, אונגעשטערט.

דיא נעכסטע נאכט האבען זייא צוגעבראכט אין א פערלאָזענער ציעגעל־פאבריק. זייא האבען דאָרט געטראָגען א גרויסען אויווען, וואו מען האט אמאל געברענט דיא ציעגעל; זייא האבען אויסגעשפרייט דעם פלאטץ מיט שטרוי, און דאָרט פערבליעבען ביז נאהענט צו טאָג. אָבער דאס איז זייא אויך ניט געפעלען געוואָרען. עס איז געוועזען צו דונקעל און צו אונהיימליך; זייא האבען בעסער פאָר געצויגען דעם פרייען הימעל און דיא ריינע פעלד־לופט.

אויף דער דריטער נאכט, האבען זייא שוין פאסירט דיעזע פערלאָזענע ציעגעל־פאבריק און געוואנדערט ווייטער נעבען ברעג פון ים, זוכענדיג א פאסענדען פלאטץ פיר זייער ליעבעס־נעסט.

דיא געגענד איז געוועזען זעהר אונרעגעלמעסיג און גריבער האבען זיך געפונען אויף יעדע עטליכע שריט. ענדליך האבען זייא געטראָפען א קליינעם טהאָל, וועלכער איז געוועזען בעוואקסען מיט דינעם גראָז אזוי ווייך וויא זייד. אין דיעזען טהאָל, גלייך וויא דיא נאטור אליין וואָלט פאָרבערייטעט פיר זייא א פלאטץ, האבען זייא זיך געשפירט בעשיטצט, ווייל זייא זיינען אויסגעקומען פערדעקט פון אלע זייטען.

זייא האבען דאָרט צוגעבראכט דיא נעכט פון דיא נעכסטע צוויא וואָכען, ביז דיא לבנה איז פערשוואונדען, און דער הימעל איז וויעדער געוואָרען שווארץ און געהיימניספאָל.

דאן איז שוין אויך דיעזער טהאָל זייא נמאס געוואָרען. זייא האבען אָנגעפאנגען צו זוכען אנדערע פאסענדע פלעטצער.

אין א נאכט, ווערהענד זייא האבען געוואנדערט אויף דעם וועג נעבען עסטאק, אום ערגיץ אויפצוזוכען א פעלזען־שפאלט, זיינען זייא צוגעקומען נאהענט פון א פיכטען־בוים, און עס האט זיך זייאביידען געדאכט, אז זייא האבען געהערט דומפפע שריט זייא נאכפאָלגענדיג.

זייא זיינען געבליעבען שטעהען שטארק דערשראָקען.

„וואס זאָל דאס זיין?“ האט פערנאנד געפרעגט.

נאָיז האט זיך בכויז צוגעהערט און גאר ניט געענטפערט.

„האסטו עפעס געהערט?“ האט ער נאך אמאל געפרעגט אונגעדולדיג.

„יא, איך האב געהערט,“ האט זיא געמורמעלט זיך בערוהיגענדיג, „אבער איך רעכען, אז עס איז גאר ניט. עס מוז זיין עפעס אַיין ענטלאָפענער הונד פון א בויער אין דער געגענד.“

זייא האבען דאן אָנגעפאנגען ווייטער צו געהען. נאָר אזוי שנעל וויא זייא זיינען אָבגעגאנגען עטליכע שריט, האבען זייא ביידע בעמערקט, גאנץ דייטליך, וויא א דונקלער שאטען האט אריבער געשוועבט הינטער א פעלזען.

עס האט ניט געקענט זיין קיין מענש, ווייל דאס האט אויסגעזעהען זעהר קליין. נאָז האט אונטערדעסען זיך זעהר דערשראָקען, דען טראָטץ איהר טומה, האט זיך ארויס געריסען א לייכטער געשרייא פון איהר ברוסט.

„וואס איז דאס?“ האט פערנאנד געפרעגט ציטערענד.

„איך ווייס ניט.“

„ווארום אלזאָ האסטו דיך אזוי דערשראָקען?“

אָהנע זיא זאָל מעהר ענטפערן, האט זיא געגעבען איין אונגעהייער שנעלען שפרונג און איז באלד אויך פערשוואונדען געוואָרען הינטער דעם פעלזען וואו דער שאטען האט זיך פריהער געזעהען.

פערנאנד, דער העלדישער שטאדט־מענש, וואס האט אין גימנאזיום זיך אונ־ צעהליגע מאל בעריהמט, אז ער גלויבט ניט אין קיין שדים, און אין דער אוניווערזיטעט האט ער דערצעהלט, אז ער האט דיא בעסטע בעווייזע, אז עס איז נאר קיינמאל קיין גאָט ניט געווען, איז געבליעבען שטעהען ציטערענד וויא א בלאט בייא א שטורם־ווינט.

זיין הארץ האט ווילד געקלאפט און פאר זיינע אויגען האט עס געשווינדעלט. ענדליך האט ער דערהערט פון ווייטען א געשפרעך.

ער האט דערקענט נאָז'עס שטימע, זיא האט מיט יעמאנדען געשפראָכען. אין זיין שרעק האט ער זיך געקענט ערקלערען, אז דער „יעמאנד,“ איז געווים א מענש, אָן, נאך אלעמען, פאר א מענשען איז נישמאָ אזוי פיעל מורא צו האבען.

דאס האט איהם בערוהיגט, און ער האט נאך אימער ניט געוואגט זיך צו ריהרען פון זיין פּלאטץ.

מיט עטליכע סעקונדען שפעטער האט זיא צוריק געקעהרט. זיא האט אויס־ געזעהען בלאס, אָבער זעהר רוהיג.

„וואס איז דאָרט געווען?“ האט ער ארויס געשטאמעלט.

„נאר ניט!“ איז געווען איהר ענטפער.

„אָבער דאָך, עס איז דאָך יעמאנד דאָרט געווען?“ האט ער אונגעדולדיג געפרעגט.

זיא האט געשוויגען.

נאך א פויזע האט זיא געזאגט פערדריסערהייט:

„ווען דוא ווערסט הערען נאך אמאל שריט, זאלסטו קיין מורא ניט האבען. עס איז בלויז אנטאן. ווייסטו ווער דאס איז?"

„ניין."

„עס איז אנטאן דער הארבאטש."

„אה, איך ווייס."

„דוא קענסט איהם דאך?"

„יא."

„אלזא, ער איז עס."

„און וואס וויל ער?"

„ער זאגט, אז ער וויל וואכען איבער אונז, קיינער זאל אונז ניט איבער־ראשען אדער שטערען."

פערנאנד האט ניט געקענט פערשטעהן וואס דאס הייסט, אבער זעהענדיג, אז נאיז איז רוהיג, האט ער זיך אויך בערוהיגט און ווייטער קיינע פראגען גע־שטעלט.

פערנאנד האט דאן מעהרערע מאל בעמערקט, וויא א שאטען זייא נאכ־פאלגענדיג. ער האט געזעהען, אז נאיז מערקט אויך דאס זעלבע. נאר זיא זאגט גאר ניט.

יא, עס איז געוועזען אנטאן, דער הארבאטש, וועלכער האט איבער זייא גע־וואכט וויא א שוטץ־ענגעל, און אויפגעפאסט, אז ניעמאנד זאל שטערען נאיז'ן אין איהר ליעבע.

אין א נאכט איז ער נאיז'ן געווארען איבערדריסיג, און זיא האט איהם גע־וואלט פערטרייבען. זיא האט געקענט לויפען וויא א יונגער הירש, און איהם זעהענדיג אין דער דונקעלהייט פון ווייטען, איז זיא צוגעשפרונגען פול מיט וואוטה און אויסגעשריען:

„וואס ווילסטו, פינסטערער קאליקע?"

„גאר ניט," איז געוועזען זיין ציטערענדער ענטפער.

„ווארום פערפאלגסטו מיך?"

„ווייל איך וויל דיך שיטצען."

„איך פערלאנג עס ניט!"

„איך בעט דיך, „מיך זיין דיין הונד, גלויב מיר, אז דוא ועסט מיך שוין נים זעהען און נים הערען, אָבער שטער מיר נים דאס פערגניגען דיך צו שימצען.“

זיא האט שוין געשוויעגען און איז צוריק געגאנגען.

ווען דיא געליעבטע וואָלטען געקענט הערען, וועהרענד זייא האבען זיך גע־קושט און געליעבט און געשוואומען אין ליעבעס־פערגניגען, דאן וואָלט געגרייכט צו זייערע אויערן א שטילעס בליפען. דאס איז געוועז אנטאָן, דער געטרייער וועכטער, וועלכער האט געוויינט אין זיינע צוזאמענגעדריקטע פויסטען.

פון דאמאלס אָן, האבען זייא זיך שוין מעהר נים צופריעדען געשטעלט מיט דיא נעכט אליין. זייא האבען אויך אָנגעפאנגען צו בענוטצען דעם טאָג, ווען זייא האבען נאָר געפונען א געלעגענהייט.

צו אנאליזירען דיא ליעבע פון פערנאנד׳ן צו יענער צייט, איז זעהר שווער. ווען מען וואָלט איהם זעלבסט געפרעגט:

„ליעבסטו נאיז׳ן?“ וואָלט ער געענטפערט:

„מיר דאכט, אז יא.“

אָבער דאס איז נים געוועז קיין ליעבע אָהנע א געוויסער אורזאכע, אפילו ווען ער האט געדענקט, אז ער ליעבט זיא.

נאיז האט איהם געקענט בעפריעדיגען אין זיין בעסטיאליטעט, וויפיעל ער האט געוואָלט, און נאך מעהר וויא ער האט געקענט פערלאַנגען. אויסער דעם וואס זיא איז געוועזן יונג, שטארק און אונשולדיג, האט זיא איהם איינפאך געליעבט מיט דעם גאנצען פייער פון א ריינעס פרויען־הערץ. פערנאנד האט נאָר בעדאַרפט בעפעהלען, און זיא וואָלט זיך אפילו ארונטער געוואָרפען פון דעם העכסטען פעלזען אין ים אריין, כל־זמן זיא וואָלט געוואוסט, אז דאס פערשאפט איהם פער־גניגען.

ווער רעדט שוין פון דער בעפריעדיגונג פיר זיין קערפער.

פערנאנד האט געהאט קאפריזען. ליעגענדיג אין מיטען העלען טאָג אויף זיין ווייכעס בעט, נאכדעם וויא ער האט אָבגעגעסען א גוטען מיטאג און זיך אָנגעט־רונקען מיט וויין, האט ער געקענט ערבליקען נאיז׳ן דורך א פענסטער. זיא האט איהם צוגעוואָרפען א ליעבעס־בליק און ער האט אויף איהר געקוקט מיט דיא אויגען פון א וויסטלינג. אונגעאכטעט דארויף וואס אזא שריט וואָלט זעהר לייכט געקענט ענטדעקט ווערען, האט נאיז אלעס געוואגט, אבי זיין וואונש צו ער־פילען.

דאס ארמע מעדכען האט ניעמאלס געזעבענט, אפילו ניט אין איהר טרוים, אז פון דיעזער ליעבע קען איהר עפּעס גוטעס ארויס קומען. זיא האט גאנץ גוט געוואוסט, אז פערנאנד וועט זיא נאָר אזוי לאנג ליעבען, וויא ער וועט זיין נאהענט פון איהר און זיא וועט איהם קענען פערשאפען פערגניגען. אָבער זיא איז אויך דערמיט צופריעדען געוועזען, און האט ניט געוואָלט יעמאנד זאָל זאָגאר האבען א פערדאכט איבער פערנאנד׳ן און דאס זאָל איהם ערגערן.

„אום גאָטעס ווילען, פערנאנד,“ האט זיא צו איהם געזאגט איין א טאָג. „אום מיר בעקימער איך מיך ניט; אָבער אום דיר, דוא זאָלסט ניט ענטדעקט ווערען.... ווארט ביז אבענד; ווירקליך, דוא וועסט זעהען, איך וועל קומען וואוהין דוא וועסט מיר הייסען.“

„אזוי וויל איך! יעטצט!“ האט ער ברוטאל אויסגעשריען.

יא, דאס ארמע מעדכען האט געציטערט, אז איהר ברוטאלער געליעבטער זאָל ניט געשענדעט ווערען.

ווען ער האט זיא געפּאקט בייא טאָג אין קארידאָר, האט ער זיא געמוזט אומארמען און קושען. ווען מען איז געזעסען ביים טיש און נאיז האט דערלאנגט ברויט אָדער טעלער, האט ער אויך געפונען איין אויסוועג וויא זיא ווענינסטנס צו בעריהרען.

אין דערזעלבער צייט אָבער, האט ער געגען זיין מוטער געשפּיעלט זעהר גוט זיין ראָלע. אין מאדאם ראָסטאנד׳ס נעגענווארט, האט ער ניט אויפגעהערט צו זידלען און בעליידיגען נאיז׳ן.

„זיא איז פויל וויא א קאטץ!“ האט ער געשריען און דום וויא איין אייזעל! א טויג צו גאר ניט. זיא עסט בלויז אומזיסט!“

און מאדאם ראָסטאנד האט אויך גאר ניט געמערקט. איבעריגענס, וויא זאָל דאס איהר איינפאלען, אז איהר פערנאנד, איהר קינד, איהר „אונשולדיגער“ זוהן, זאָל גאר האבען אזעלכע געדאנקען. איבערהויפּט, וואָלט זיא זיך ניט געקענט פאָר־שטעלען אפילו, וויא איהר זוהן, דאס קינד פון עדעל־לייט, און ער אליין אויך איין עדעלמאן, מיט דער איינגעשטודירטער עטיקעטע פון עהרע, זאָל גאר אויפהייבען זיינע אויגען צו אזא ארמעס מעדכען אום זיא צו פערפיהרען!

יא, זיא האט בלויז געגלויבט, אז איהר זוהן איז צו הארט, צו שטרענג צו נאיז׳ן, און ער דארף עס ניט טהון, וויל עס פּאסט גאר ניט פאר אזא מענשען וויא ער איז, אריין צו געהען אין אזעלכע דרכים מיט א פּראָסטען בויער׳ס א טאָכטער.

נאיז האט אויך געשפיעלט איהר ראָלע אויסנעצייכענט, זאָ דאס אין א טאָג האט זיך מאדאם ראָסטאַנד נעדאכט, אז זיא האט בעמערקט טרעהרען אי נאיז'עס אויגען נאך פערנאַנד'ס בעליידיגונג.

„פערנאַנד!" האט זיא געזאגט גאנץ ערנסט. „איך פערשטעה דיך ניט; וואס ווילסטו האבען פון דער ארמער נאיז? נאך אלעמען, דארפסטו ניט פערגעסען, אז זיא איז געוועזען דיין קאַמעראַדין אלס קינד."

„זאָל זיא זיין וואס עס וויל זיך," האט ער געענטפערט, „זיא איז אָבער יעצט איין אויסגעוואַקסענע, פוילע און שלים־מזל'דיגע מויד, וואס פערדיענט זיך אפילו ניט דאס שטיקעל ברויט."

אויף'ן אנדערן טאָג, נאך דיעזער געשיכטע, האט פערנאַנד דערזעהען נאיז'ן דורך'ן פענסטער. א בליק פון זיינע ווילדע אויגען, האט זיא אריין גערופען.

ער איז געלעגען אויסגעשטרעקט אויף'ן בעט, און זיא, וויא א געטרייער און געהאָרזאמער הונד, איז צו איהם צוגעגאַנגען. ווען זיא האט זיך אריבער געבויגען איבער איהם און ער האט זיא אומארמט, האט זיך פּלוצלינג דערהערט דאס רוישען פון א קלייד אין קאָרידאָר.

נאיז האט זיך שנעל צוגעבויגען צו פערנאַנד'ס פיס, און מיט איהר טאַשענטוך האט זיא זיך געמאכט, אז זיא ווישט זיינע שיך.

מאדאם ראָסטאַנד האט דאן אויסגעזידעלט איהר זוהן דערפאר.

„איך פערשטעה דיך ניט," האט זיא געזאגט. „זיא איז דאָך שוין א היבשע מויד, און נאך אלעמען, קען איך זיא ניט בעטראכטען אלס קיין דיענסט. וויא הייסטו עס איהר זיא זאָל דיר בעווישען דיינע שיך אויף דיינע פיס? דוא מאכסט דאָך פון איהר איין ערניעדריגטע שקלאַפין!"

„זיא האט עס מעהר ניט ווערטה," האט ער געענטפערט.

נאיז און פערנאַנד האבען נאך געפונען אנדערע געלעגענהייטען צו געניעסען די פרוכט פון ליעבע. נאך'ן עסען, האט מאדאם ראָסטאַנד אימער געוואָלט ארויס געהען שפּאַצירען; איבערהויפּט אבענד, ווען עס איז געוועזען קיהל און די לופט אנגענעהם. אין אזא צייט האט זיא אָנגענומען איהר זוהן'ס ארעם און איז אוועק איבער די פעלדער, וועהרענד נאיז האט איהר נאכגעטראגען א שאַל, פיעללייכט ווערט עס צו קיהל.

אלע דרייא פלעגען ארונטער געהען ביז צום ברעג פון ים און ערווארטען די אנקונפט פון די סארדינען־פישער אום בייצרוואָהנען דאס בילד. אויף'ן ים,

פון וויטען, האבען זיך געזעהען צעהנדליגער פאנארען ארומטאנצענדיג נעבען די שווארצע שיפלעך, וועלכע האבען גערודערט פאָרזיכטיג צום האפען.

ווען די סארדינען־פישער האבען צוריק געקעהרט פון זייער ארבייט, איז עס אימער געווען זעהר מונטער ביים ים. פון איבעראל האט זיך געהערט א מונטערער געשרייא און לאַרם, און פרויען וויא אויך קינדער, זיינען געלאָפען מיט קאָרבען אויף די הענד, אום אהיים צו נעהמען די סארדינען וואס זייערע מענער און עלטערן האבען געפאנגען.

מאדאם ראָסטאנד האט זעהר ליעב געהאט זיך גוט איינצוקוקען צו אזא בילד, איבערהויפט, ווען די שיפלעך האבען דערגרייכט דעם ברעג. צו דיעזער צייט, האט זיא איבערגעלאָזט איהר זוהן׳ס ארעם און שטודירט די מענער, פרויען און קינדער ארום זיך.

פערנאנד האט דאן באלד געפונען א געלעגענהייט צו פערשווינדען אויף א האלבע שטונדע מיט נאַיזן הינטער א פעלזען אָדער בוים, און אָבוואָהל דאס מעדכען פלעגט איהם וועלען צוריק האלטען פון זיין אויפרעגונג, האט ער פון נאר ניט געוואָלט וויסען.

„וויר־קליך, פערנאנד," האט זיא אימער צו איהם געטענה׳עט, „וואס האסטו קיין צייט ניט? מען קען אונז דאָך טרעפען."

„וואס קימערט עס דיך? איך דארף מורא האבען, אָבער ניט דוא."

זיא האט איהם פערשטאנען און געשוויגען. ער האט רעכט געהאט; זיא האט ניט געהאט וואס מורא צו האבען. זיא איז איבערהויפט געווען שטאָלץ אויף זיין ליעבע, און ווען זיא וואָלט ניט געוואוסט, אז ער זוכט דיעזע ליעבע צו בעהאלטען, וואָלט זיא עס פראָקלאמירט אין די גאסען. ער, אלזאָ האט בעדארפט מורא האבען, און ווען איהם האט עס ניט געקימערט, האט זיא געוויס ניט בעדארפט האבען דאגעגען.

אונטערדעסען האט דער אלטער ניקאָלין בעמערקט עפּעס אונגעוועהנליכעס. ער איז אָבער געווען וויא איין אלטער און גוט־ערפאהרענער יאגד־הונד, וועלבער עפּענט ניט זיין מויל, סיידען ער איז איבערצייגט, אז דאס טהיער וואס זיין נאָז האט דערשפּירט, איז ווירקליך נעבען איהם און נאָהענט צום יעגער. עס האט זיך איהם געדאכט, ער האט זיך גערייטעט, אז עפּעס אונגעוועהנליכעס האט פּאסירט מיט זיין טאָכטער. נאָר ער האט געוואָלט זיין זיכער, איידער ער עפּענט זיין מויל.

ער איז נאך אימער נעפאָהרען גאנץ רעגעלמעסיג אויפ'ן ים פישפאנגען און איז צוריק געקומען מיט דערזעלבער האלטונג וויא אימער, ברומענדיג וויא א ווילדע חיה. מיט דער צייט, האבען זיינע קליינע און גרויע אויגען זיך געציינט אלס זעהר אונרוהיג און אונצופריעדען. מאנכע מאל האבען אויך דיעזע קליינע אויגען אויס־געזעהען וויא צוויא קוילען פייער פאר צאָרן, און פערצווייפעלטע אונגע־ווישהיים.

וואס האט עס פאסירט מיט נאַיזן ?" האט ער זיך געפרעגט. ווארום איז זיא עפעס בלאס געוואָרען אונטער דיא אויגען ? ווארום ציינט איהר געזיכט איין אונגעוועהנליכע מיעדקייט ? ווארום האבען איהרע אויגען פערלוירען דעם ברע־נענדען גלאנץ פון אמאל ? ווארום איז איהר בוזים אזוי אויסאנאנדער געוואקסען געוואָרען ?

אין א פריה־מאָרגען, האט ניקאָלין בעאָבאכטעט א היבשע צייט זיין טאָכטער און דער פערדאכט האט זיך טיעף איינגעגראָבען אין זיין הארץ.

ער האט געוואָלט צוגעהן און זיא אָנגעהמען בייא איהר האלז, וואו ער זאָל מיט געוואלט ארויס דריקען דאס געהיימניס.

אָבער אין אזא פאל האט מען געמוזט רעדען און פרעגען.

וויא שלעכט ער איז געוועזן, האט ער עס דאָך נים געוואגט אלס פאטער אזעלכע פראגען צו שטעלען זיין טאָכטער.

ער האט אָבער געוויטהעט און געשטורמט, און אָנגעפאנגען אויסצוזעטצען פעהלערן אין איהר גאנג און אין איהר קליידונג.

„וואס ווילסטו פון מיר האבען ?" האט זיא געפרעגט אין כעס.

„וואס איך וויל !" האט ער געברומט, „איך וויל דיך דערווערגען !"

„ניין, דאס וועסטו נים טהון," האט זיא געענטפערט מיט עזות.

„ניין ? איך וועל עס נים טהון ?" האט ער געפרעגט שפאָטיש. „און ווער וועט מיך נים לאָזען ?"

אָהנע ווייטער צו פראָטעסטירען, איז ער צו איהר צוגעלאָפען, און איהר געגעבען אזא קלאפ אין געזיכט מיט זיין שווערען פויסט, אז ער האט איבערגע־שפאָלטען איהר ליפ.

דאס האט נאַיזן באלד דערמאָהנט אן איהר פאטער'ס מערדערישען צאָרן, און זיא האט זיך שנעל צוריק געצויגען, אָהנע מעהר צו רעדען א וואָרט.

אבענד, ווען פערנאנד האט געקושט נאַיזן אויפ'ן מויל, האט ער דערשפירט איהר צושפאָלטענע ליפ.

„וואס איז דאס? וואס האט פאסירט?" האט ער האסטיג געפרעגט. „ווער האט דיר צושפאלטען דיין ליפ?"

„עס איז גאר נים," האט זיא געענטפערט. „עס איז בלויז א קלאפ וואס מיין טאטע האט מיר געגעבען מיט זיין הארטען פויסט."

איהר שטימע האט געקלונגען טרויעריג און וועהמיטהיג. פערנאנד איז געווען גערירט.

„בייא גאט!" האט ער אויסגעשריען. „איך וועל עס נים צו לאזען! ער דארף דיך נים שלאגען! איך וועל איהם ווייזען, אז ער דארף מעהר נים זיין קיין ווילדער בארבאר!"

„ניין, ניין," האט זיא געזאגט איהם בערוהיגענד. „דוא דארפסט דיך נים שמוטצען אדער בעמיהען. דאס איז מיין זאך. עס וועט באלד אנדערש ווערען...."

זיא האט פערנאנד'ן קיינמאל נים דערצעהלט וואס פאר א בעהאנדלונג זיא קריעגט פון איהר פאטער. אבער אין דעם טאג, וואס דער אלטער ניקאלין האט זיא געשלאגען, האט זיא זיך מיט א ווילדער ליידענשאפט געווארפען אין פער־נאנד'ס ארעם, און זיך איבערגעבען צו איהם מיט א ליעבעס־וואוטה. עס האט אויסגעזעהען בייא איהר, אז זיא האט זיך דערמיט געוואלט נוקם זיין אן איהר אונ־מענשליכען פאטער.

זייט דרייא וואכען, האט נאיז קיין נאכט פערפעהלט צו בעגעגענען פער־נאנד'ן.

צום אנפאנג, איז זיא געווען זעהר פארזיכטיג, ערשטענס, אום איהם צו פער־היטען, און צווייטענס, האט זיא זעלבסט געשפירט, אז זיא בעגעהט עפעס וואס מען דארף נים וויסען. זיא איז אבער מיט דער צייט געווארען גאנץ גלייכגילטיג און זיך געטראכט, אז וואס עס אנבעלאנגט איהר פאטער, קען עס שוין נים זיין ערגער וויא עס איז.

דער לעטצטער אויפטריט אבער פון איהר פאטער, האט איהר איבערצייגט, אז עס גיבט נאך ערגערעס וויא שלעכט, און זיא האט גאנץ גוט געוואוסט, אז דער אלטער, אין זיין צארן, איז אימשטאנדע שרעקליכעס צו בעגעהען. זיא האט אלזא אנגעהויבען וויעדער צו ווערען פארזיכטיג.

עס האט זיך איהר געדאכט, אז איהר פאטער'ס אויגען בליקען פון ערגיץ אויף איהר מיט א בייזען פערדאכט און פאסען אויף אלע איהרע בעוועגונגען.

דאן האט זיא געהאט איין אונערווארטעטע אונטערערדונג מיט איהר מוטער.

דיא אלטע האט געקריעגען א בלויען צייכען אויף איהר באק און דאס לינקע אויג איז געוועזען פערלאָפען מיט בלוט.

„וואס איז דאס, מאמא?“ האט זיא געפרעגט.

„ער...“ איז געוועזען איהר ענטפער.

אין איהר פערווירונג, האט נאַיז אויף'ן פלאטץ ניט געקענט אין גאנצען פערשטעהען וואס איהר מוטער מיינט מיט דעם איינציגען ווארט.

„ועמען מיינסטו?“ האט זיא נאך אמאל איבערגעפרעגט.

„איך מיין דיין טאטען.“

„ווארום?“

„איך ווייס ניט.“

„אָבער פאָרט, עס מוז דאָך זיין איין אורזאכע?“

„עס איז זיין אלטער שגעון פון אונרוהינקייט.“

„וואס מאכט איהם אונרוהיג?“

„ער שלאָפט ניט דורך דיא נעכט; ער געהט ארום פון צימער צו צימער, און ווען איך האב איהם געפרעגט וואס איז נייעס, האט ער מיך גער שלאָגען.“

נאַיז'ן האט וועה געטהאן דאס הארץ קוקענדיג אויף איהר מוטער. אָבער עס איז ניט געוועזען קיין נייעס און עס האט ניט פאסירט צום ערשטען מאל.

זעהענדיג פערנאנד'ן און בעמערקענדיג זיין אנציהענדען בליק, האט זיא באלד אן אלעמען פערגעסען, און דער ברענענדער ווונש צו זיין נאך אמאל מיט איהם צוזאמען, האט זיך ווידער אין איהר ערוועקט.

אויף'ן דריטען טאָג, האט זיא ווידער פערלוירען איהר פאָרזיכטיגקייטס־גע־פיהל, און זיא האט געהאלטען אין איין פאנטאזירען פון דעם אבענד, ווען זיא וועט ליעגען אין פערנאנד'ס ארעם.

ווען עס איז נאכט געוואָרען, האט זיא שנעל פערטיג געמאכט אלע איהרע ארבייטען און דאן איז זיא געגאנגען צו בעט.

אָבער זיא האט ניט געשלאָפען.

זיא האט בלויז געהאלטען איהרע אויגען געשלאָסען און זיך פארגעשטעלט דעם גענוס פון איהר ליעבע.

פונקט אום עלף אוהר, האט זיא זיך לאנגזאם אויפגעהויבען און האט זיך געטראכט, אז זיא וועט מעהר ניט פערבלייבען וויא איין שטונדע אין דרויסען.

זיא האט גערעכענט, אז איהר פאטער, אין ערשטען פעסטען שלאף, וועט געווים ניט ערוואכען. און ווען זיא וועט צוריק קעהרען, וועט ער זיא מעגען זוכען.

פערנאנד האט איהר שוין ערווארטעט אונטער דעם אליוועןבוים.

„וואס איז מיט דיר?" האט ער געפרעגט.

„גאר ניט."

„ווארום ביסטו ביז יעטצט ניט געקומען?"

„ווייל איך בין געווען זעהר מיעד פון דער ארבייט, און איך האב מיך פערשלאפען."

„נו, אלזא, קום לאמיר ווייטער געהען."

„גיין."

„ווארום?"

„ווייל איך בין זעהר מיעד, דיא פיס טהון מיר וועה."

דאס איז געווען וואהר. דיא ארמע נאיז האט דיא לעטצטע צוויא נעכט אויך ניט פיעל גערוהט, און בייא טאג, האט זיא ניט געקענט שלאפען, וויא פערנאנד פלעגט טהון.

זייא האבען זיך אוועק געלייגט אויף'ן גראז און געבליקט צום אויסגעשטערנטען הימעל. דאן האט נאיז פערגעסען אן אלעמען און זיך איבערגעגעבען אין איהר ליעבע צו פערנאנד'ן מיט א מערקווירדיגער אויפרעגונג און אונטערגעבענהייט.

נאכדעם האט זיא זיך אנגעשפארט אויף זיין ארעם. ער איז באלד איינגעשלאפען. עס האט ניט פיעל געדויערט, און דיא מיעדקייט האט בעהערשט איהר פארזיכטיגקייט. אויך זיא האט געשלאסען איהרע אויגען, און געבען דער ברוסט פון איהר געליעבטען איז זיא פערזונקען אין פערגעסענהייט און זיסע חלומות.

ליעגענדיג ארעם אין ארעם, האבען ביידע גלייך איינגעאטהעמט דיא קיהלע און פרישע לופט.

קיין זאך האט זיך בעוואוינען. נאר פון ווייטען האט זיך צייטענווייז געהערט אין אנטערדריקטער גערויש פון א ים־וועללע, און ארום זייא האט טאנבע מאל א גריל אבגעגעבען א נאכט־קאנצערט.

אלעס האט אויסגעזעהען אזוי גליקליך און שטיל וויא דיא צוויא שלאפענדע געליעבטע.

עס זיינען פאראיבער היבשע עטליכע מינוטען, ביז עס האט זיך פלוצלינג בעוויזען א שוואכער שאטען פון וויטען, וועלכער האט אויסגעזעהען געראַוישלאָז געהנטער צו שוועבען.

עס איז געווען דער אלטער ניקאלין.

נאיז האט ניט שלעכט געדעכענט, ווען זיא האט געטראכט, אז ער איז פערזונקען אין ערשטען שלאף. אבער זיין אונרוהיגקייט און פערדאכט, וויא אויך זיינע עלטערע יאהרען, האבען געשטערט זיין אמאליגען שווערען שלאף, און א נאהענטער שארך האט איהם אויך געקענט אויפוועקען.

וועהרענד נאיז איז ארויס פון הויז, האט זיא געמוזט עפענען א פענסטער. דאס האט איהם אויפגעוועקט. ער איז געבליעבען ליעגען מיט דיא אויגען אפען און זיך צוגעהערט.

אלעס איז געווען שטיל.

ער איז אזוי געלעגען ביינאהע 15 מינוטען, אבער ער האט מעהר ניט גע־קענט איינשלאפען. ער האט דערפאר בעשלאסען צו געהען אליין נאכקוקען וואס עס האט פאסירט.

לויט אלטער געוואהנהייט, האט ער גענומען אין זיין האנד א העקעל אלס וואפען. ער איז פריהער אריין אין זיין ווייב׳ס צימער. זיא איז געלעגען און גע־שנארכט. דאן איז ער אריין אין צווייטען צימער, וואו נאיז פלעגט שלאפען.

איהר בעט איז געווען לעער.

ער איז שנעל צוגעגאנגען צו דער טהיר, געעפענט און איז ארויס אין דרויסען. אלעס ארום איז געווען שטיל, און ער האט ניט געוואוסט וואוהין ער זאל געהען זוכען.

אבער אהנע פיעל צו קלערען, איז ער געגאנגען אין דער ריכטונג פון דיא ביימער. אנקומענדיג ניט ווייט פון דעם אליווען־בוים, האט ער בעמערקט א שווארצען שאטען אדער פלעק אויף׳ן גרינעם גראז.

מיט דער לייכטינקייט פון א געניטען יעגער, האט ער זיך אהין דערנעהנטערט. ער האט באלד דערקענט נאיז׳ן מיט פערנאנד׳ן.

זיינע צייהן האבען זיך צוזאמענגעדריקט און געקריצט. דאן האט ער קראמפפ־האפט אויפגעהויבען זיין האק.

א לייכטער וועהמיטהיגער געשרייא האט זיך ארויס געריסען פון זיין ברוסט.

אָבער דיא צווייא יונגע מענשען האבען ניט ערוואכט.

ער האט דיא האק העכער אויפגעהויבען, גלייך וויא ער האט איהר געוואָלט געבען מעהר מאכט צום קלאפּ. אָבער פּלוצלינג האט ער צוריק ארונטער געלאָזען זיין האנד מיט דער האק.

ער האט אזוי ניט געקענט מאָרדען.

ניקאָלין, אין זיין גרעסטער וואוטה, האט זיך אויך געקענט בעהעררשען, דאָרט וואו עס האט זיך געהאנדעלט אום מורא צו האבען פאר א רעדזולטאט.

שלאָגען זיין ווייב און זיין מאַבער, האט ער געקענט ווען ער האט געוואָלט. ניעמאנד האט איהם געקענט עפּעס טהון דערפאר. אָבער ערמאָרדען דעם זוהן פון זיין בעל־הבית, פון זיין ברויט־געבער, איז געווען א געוואגטער שריט.

איבריגענס, אזא טהאט לאָזט צוריק א שפּור; עס ווערט א בלוט־פלעק; מען ערקלערט עס איבעראל אלס א מאָרד; איין אונטערזוכען מיט פראגען פּאָלגט, און עס קען ווערען אונאנגענעהם.

ער האט זיך עטוואס אָבגעווענדעט און געשפּירט א שוידער איבער זיין גאנצען אלטען קערפּער. זיין הארץ האט זיך איהם פערקלעמט. אויף זיין שטערען זיינען געבליעבען שטעהען צווייא קנייטשען, גלייך וויא זייא וואָלטען דאָרט פערשטיינערט געוואָרען.

ער האט זיך דערבייא עראינערט אן דיא ווערטער, וואס זיין פאטער האט אמאל געזאגט:

„א בויער טאָר זיין בעל־הבית ניט דערהרג'ענען עפּענטליך, וויל דער בעל־הבית, אפילו טוידטערהייט, איז ער נאך אימער דער שטאַרקערער.“

ניקאָלין האט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, און גלייך וויא א דערשראָקענער וואָלף, האט ער זיך אָבגערוקט און איז פערשוואונדען געוואָרען, צוריק לאָזענדיג דיא צווייא געליעבטע אין א רוהיגען און זיסען שלאָף.

פּארטאָג, האט נאָיז ערוואכט אן דעם מאָרגען־רויט, אויף'ן הימעל אין מזרח־זייט, האט זיא בעגריפען, וויא שפּעט עס איז. זיא האט אויפגעציטערט איבער איהר אונפאָרזיכטיגקייט.

„שטעהט אויף, פערנאנד,“ האט זיא געזאגט, אויפוועקענדיג איהר געליעבטען.

ער האט ערוואכט און זיא אומארמט.

„נייז, ניין ניט יעטצט מעהר,“ האט זיא געמורמעלט זיך בעטענדיג. „עס איז זעהר שפעט; איך מוז אהיים לויפען.“

זיא האט זיך אונהעפליך פון איהם בעפרייעט און איז ענטלאָפען אהיים. אנקומענדיג אהין, האט זיא געטראָפען איהר פענסטער אין דערזעלבער לאגע וויא זיא האט עס צוריק געלאָזען.

דאס האט זיא אביסעל בערוהיגט.

ביים פריהשטיק, האט ניקאָלין רוהיג בעמערקט, וויא נאיז האט גענעסען איהר ברויט און האט זאָגאר ניט געוויזען איהר געוועהנליכע אויפרעגונג.

נאיז האט זיך געטראכט, אז איהר פאטער ווייס פון גאר ניט, און דאס האט איהר געטרייסט.

פיערטעס קאפיטעל.

„מאָנסיע פערנאנד, ווארום פאָהרט איהר ניט אביסעל אויס אויף׳ן ים?“ האט איין אבענד געפרעגט דער אלטער ניקאָלין, זייענדיג זעהר פריינדליך.

מאדאם ראָסטאנד, וועלכע איז געזעסען אין דרויסען אויף א ביינקעל הינטער א ברייט־צווייגיגען בוים, איז געווען בעשעפטיגט אין שטיקען א טאשענטוך. איהר זוהן, וועלכער איז געלעגען צו איהרע פיס, האט זיך אונטערהאלטען דערמיט, וואס ער האט געוואָרפען קליינע שטיינדלעך פון א הויפענדעל זאמד.

ער האט אנפאנגס ניקאָלינען ניט געזעהען, נאָר הערענדיג זיין שטימע, האט ער זיך צו איהם אומגעקוקט.

„הא, פאטער ניקאָלין,“ האט ער געזאָגט, „וואס מאכט איהר?“

„איך דאנקע; איך פרעג נאָר, אויב איהר האט שוין אויפגעגעבען דאס פערגניגען פון פאָהרען אויף׳ן ים?“

„עס מאכט מיר ווירקליך ניט מעהר קיין פערגניגען. דיא וואהרהייט איז, אז איך בין אין דער לעצטער צייט זעהר פויל געוואָרען, און איך ציה פאָר צו בלייבען אויף׳ן פלאטץ.“

„עס איז ניט שעהן פון אייך,“ האט דער אלטער געזאָגט זיך ערלויבענדיג א שפאס. איהר זייט יונג און מוזט ניט זיין פויל. זעהט, ווירקליך, נעכטען איז געווען א הערליכער און גליקליכער טאָג. ווער עס האט אויסגעשטעלט געטצען, האט

זייא ארויס גענומען געפּאקט מיט פיש. עס איז יעטצט אַקוראַט דיא ריכטיגע צייט, ווען אלערלייא פיש לויפען, און דער אונטערהאלט איז גרויסארטיג. איך צווייפעל ניט, דאס ווען איהר זאָלט עס נאך איינמאל פּראָבירען, וואָלט איהר געזעהען, וואס פאר א שפּאס דאס וואָלט אייך פערארורזאכט. ווירקליך, עס וואונדערט מיך אויף אייך; איהר האט דאָך אימער אזוי ליעב געהאט דעם פיש־פאנג. כלעבען, בעגלייטעט מיך מאָרגען פריה. און איהר וועט זעהען ווי גוט איהר וועט זיך אונטערהאלטען."

ניקאָלין האט געמאכט אזא גוטע מיענע מיט זיין געזיכט, אז פּערנאנד, וועלכער האט געדענקט איבער נאיז'ן, האט איהם ניט געקענט אָבזאגען.

„אלזאָ," האט ניקאָלין נאך אמאל געפרעגט, „וואס זאגט איהר? וועט איהר מיטפאָהרען?"

„יא, יא, איך וועל מיטפאָהרען, נאָר..."

„וואס מיינט איהר?"

„איך וויל ווירקליך פאָהרען, נאָר, וויא איך האב אייך פריהער געזאגט, בין איך לעטצטענס זעהר פויל געוואָרען. ווען איהר ווילט קומען מיך אויפוועקען, וואָלט זעהר גוט געוועז."

„ווען זאָל איך קומען?"

„פריה, אונגעפעהר אום 5 אוהר. און ווען איך וועל פעסט שלאָפען, זאָלט איהר מיך וועקען."

מאדאם ראָסטאנד האט דיא שטיקערייא אוועק געלייגט, און זיך אומגע־קוקט. זיא האט אויסגעזעהען צו ווערען זעהר אונרוהיג פון איהר זוהן'ס בעל שלום.

„איהר דארפט זיין זעהר פאָרזיכטיג," האט זיא בעמערקט. „פערנאנד, איך האב אימער זעהר מורא ווען דוא פאָהרסט ארויס אויפ'ן ים."

„איהר דארפט קיין מורא ניט האבען, מאדאם ראָסטאנד," האט זיך ניקאָלין אריינגעמישט. „איך בין דאָך ניט קיין קינד, און דאן בין איך דאָך גרוי און אלט געוואָרען פאָהרענדיג אויפ'ן ים. איהר מעגט זיך פערלאָזען אויף מיר."

אויפ'ן אנדערן מאָרגען איז ניקאָלין צוגעקומען צו פערנאנד'ס פענסטער.

„מאָנסיע פערנאנד!" האט ער געשריען עטליכע מאל, נאָר דאס פענסטער איז אימער געבליבען געשלאָסען. פערנאנד האט צו געשמאַק געשלאָפען אום איהם צו הערען.

„נאין!" האט דאַן דער אַלטער געררופען.

זיין טאַכטער איז באַלד ערשיענען.

„נאיז," האט ער נאך אמאל געזאגט זיא זעהענדיג, „געה דוא ארויף צו איהם, דיך וועט ער פיעללייכט בעססער הערען. וועק איהם אויף, און זאג, אז איך ווארט דאָ אויף איהם."

נאיז האט ניט בעמערקט דיא אונטערדריקטע וואוטה אין איהר פאטער'ס שטימע.

זיא איז ארויף און אָנגעפאנגען צו וועקען פערנאנד'ן.

ער האט געעפענט דיא אויגען און זיך אומגעקוקט. ווען ער האט דערקענט נאיזן, האט ער זיא געפרעגט:

„וואס איז נייעס?"

„מיין פאטער רופט דיך," האט זיא געענטפערט.

דאן האט ער זיא אריינגעשלעפט אין זיין ווארעמעס בעט, אָבער נאיז האט איהם נאָר געגעבען א קוש און זיך שנעל פון איהם בעפרייעט.

„אום גאָטעס ווילען! יעטצט ווילסטו מיט מיר מאכען געשעפטען?" האט זיא אויסגערופען ווערענדיג אין כעס. „געה ארונטער שנעל פון בעט, און לאָז מיין פאטער קיין פערדאכט ניט קריגען."

זיא איז דאַן שנעל ארויס פון דעם צימער.

מיט צעהן מינוטען שפעטער, איז דער יונגערמאן ערשיענען, פערטיג געקליידעט צום פיש־פאנג אויף'ן ים.

פאטער ניקאָלין האט איהם רוהיג ערווארטעט אין דרויסען, וואו ער איז געזעסען אויף א שטיין און העפטיג געצויגען זיין לולקע.

וויא פערנאנד איז ערשיענען, האט זיך ניקאָלין אומגעקוקט און בעד מערקט.

„אך, מאָנסיע ראָסטאנד," האט ער געזאגט, „עס איז שוין גאנץ קיהל אין דרויסען. איהר מעגט זיך מיטנעהמען א ווארעמעס האַלז־טוך".

נאיז איז דאַן ווידער ארויף אין צימער אום ארונטער צו ברענגען דעם האַלז־טוך.

מיט עטליכע מינוטען שפעטער, האבען ביידע מענער שפאצירט צום ברעג פון ים, ווערענד נאיז איז געשטאנען פון וויטען און זייא נאכגעקוקט. ווען זייא זיינען אוועק עטליכע צעהנדליג שריט, האט זיך ניקאָלין אומגעקוקט און בעמערקט זיין טאָכטער.

ארום זיין מויל האבען זיך געבילדעט צוויא טיפע קארבען און זיינע אויגען האבען אויפגעפלאטט וויא בייא א ווילדער חיה. אָבער ער האט גאר ניט געזאָגט.

זייט דיא לעטצטע 5 טעג, האט זיך ערהויבען לאנגזאם א נארד־וועסט שטורם־ווינט, און ער האט זיך מיט יעדער שטונדע געשטארקט, זאָ דאס ער איז ענדליך געוואָרען זעהר וויטהענד און אויפגעברויזט דעם גאנצען ים. מיט א טאָג פריהער, האט זיך דער ווינט בערוהיגט בייא זונען־אונטערגאנג און נאך אמאל אָנגעפאנגען צו וויטהען בייא זונען־אויפגאנג.

אין דיעזען מאָרגען, האט דער ים ווידער אמאל אָנגעפאנגען צו קאָכען און זידען, און דיא וועללען וואס האבען געפאטשט איינע דיא צווייטע, האבען אויפגעשלאָגען גאנצע בערג מיט שנעע־וויסען שוים און זייא צוגעטראָגען צום ברעג. דיא וועללען האבען אויסגעזעהען טונקעל־בלוי און אונהיימליך.

דער הימעל האט אויסגעזעהען כמעט וויס און לויטער וויא קריסטאל. דיא לופט איז געווען מערקווירדיג ריין, און מארסייל, וואס איז געלעגען פון וויטען, האט זיך ארויס געזעהען מיט אלע איהרע מויערן, און עס איז בייגאהע מעגליך געווען איבערצוציהלען דיא הייזער.

„דער ים איז אונרוהיג,“ האט פערנאנד בעמערקט.

„ניט זעהר שטארק,“ האט ניקאָלין געענטפערט.

„נאך ניט שטארק?“

„אה, דאס איז א קינדער־שפיעל געגען אנדערע יאהרעס־צייטען.“

„איז עס ניט געפעהרליך?“

„וואס פאר א געפעהרליך!“

„אָבער מיר וועלען גוט צוטרייסעלט ווערען פאהרענדיג היינט.“

„פיעללייכט.“

זייא האבען געגרייכט דעם ברעג און ניקאָלין האט איינגעשטיעגען אין שיפעל. ער האט דאן געווארט ביז פערנאנד איז אריין.

דער אלטער ניקאָלין האט אָנגעפאנגען שטילשווייגענד צו רודערן.

פערנאנד איז געשטאנען הינטער איהם, בעטראכט זיין רוקען און געדענקט איבער נאַיזן. ער האט געקוקט אויף זיין האלז־נאקען, וועלכער איז געווען ברוין פון דיא ברענענדע זונען־שטראהלען. דיא אויערן זיינען אויך געווען פון דערזעלבער פארב. אויף איין אויער, האט ניקאָלין געטראָגען איין אויררינגעל, וויא דיא מאָדע איז אין יענער געגענד.

דאן האט זיך פערנאנד געזעטצט, און בליקענדיג אין דעם קלאָרען וואסער, האט ער בעמערקט אויף מאנכע פלעטצער דעם גרונד, און וויא שנעל ניקאָלין האט גערודערט. ענדליך זיינען זייא אריין אין דער גרעססטער טיעפקייט; ער האט געזעהען שטיקער גרינע גראָזען פון ים ארום שווימען; ארום און ארום איז געוואָרען אונהיימליך, און דאס האט פערנאנד'ן אויפגערעגט, און איהם אויך טרויעריג געמאכט.

עס האט איהם באנג געטהאָן, ווארום ער איז געפאָהרען.

„זעהט, זעהט, פאטער ניקאָלין," האט ער געזאגט, „וויא דער ווינט שטארקט זיך. ווירקליך, מיר איז אונאנגענעהם. איך בעט אייך, זייט פאָרזיכטיג. איהר ווייסט דאָך, אז איך קען ניט שווימען, און בייא דער מינדעסטער געפאהר, בין איך א פערלוירענער מענש."

„איהר קענט ניט שווימען?" האט ניקאָלין געפרעגט זיך אומקוקענדיג, גראדע וויא ער האט עס ביז דאמאלס גאר ניט געוואוסט. דאן האט ער זיך בערוהיגט און געענטפערט מיט זיין טרוקענער שטימע: „איך ווייס, איך ווייס, ריכטיג, איהר קענט טאַקי ניט שווימען."

און ניקאָלין האט גערודערט פאָרווערטס, אונאונטערבראָכען.

דאס שיפעל האט געטאנצט זעהר אונרוהיג אויף דיא גרויסע וועללען, און צייטענווייז האט א וועללע אריינגעשפריטצט אינווייניג.

פערנאנד האט געציטערט, נאָר ער האט דאָך ניט געוואָלט ארויס ווייזען, אז ער האט מורא. ער האט זיך דערפאר געמאכט מוטה, און געשוויעגען.

אונטערדעסען האט ער שטיל געזיפצט, און זיך געטראכט, אז ער וואָלט גע־געבען א היבשע סומע געלד, ווען ער זאָל קענען זיין צו הויז.

אָבער ניקאָלין האט ניט אויפגעהערט שנעל צו רודערן און דאס שיפעל האט יעדעס מאל שטאַרקער געשליידערט. פערנאנד האט פערלוירען זיין געדולד און אויסגעשריען:

„צום טייפעל! וואו האט איהר דען אייערע געטצען היינט געלאָזען? פאָהרען מיר אפשר נאך אלושיר? וואו האט איהר מיך פערשלעפט?"

ניקאָלין האט זיך ניט אומגעווענדעט און בלויז געענטפערט גאנץ רוהיג:

„ווארט, ווארט. מיר וועלען שוין אָנקומען."

פלוצלינג האט ניקאָלין אויפגעהערט צו רודערן, אומגעדרעהט דאס שיפעל און אנגעפאנגען צו זוכען דיא אויסגעשטעלטע צייכענס פון דיא געטצען. אָבער

עס איז גראדע ניט געווען דער פלאטץ, און ער האט אנגעפאנגען ווייטער צו רודערן. נאך פינף מינוטען צייט, האט ער געפונען דיא צייכענס וואו דיא נעטצען זיינען געווען.

וויא ער האט זיך איבערצייגט, אז ער האט געפונען וואס ער האט געזוכט, האט ער זיך אומגעווענדעט מיט זיין געזיכט נאך לא בלאנקארד, און איז געבליבען שטעהען עטליכע סעקונדען אין טיעפען נאכדענקען און בעטראכטונג.

פערנאנד, וועלכער האט אויפמערקזאם בעטראכט וואהין ניקאָלין קוקט, האט אויך בעמערקט, אז צווישען דיא בוימער אויף'ן ברעג פון לא בלאנקארד, האט זיך געזעהען א ווייסער פלעק.

דאס איז געווען נאיז, וועלכע איז דאָרט געשטאנען מיט איהר ווייסעם קלייד און אימער נאכגעקוקט וואוהין דאס שיפעל איז געפאָהרען.

ניקאָלין און פערנאנד האבען ביידע געוואוסט, אז דאָרט געפינט זיך נאיז. ניקאָלין האט פערשטאנען, אז זיין טאכטער האט איבער איהם א פערדאכט, און דערפאר פאסט זיא אויף. וועהרענד פערנאנד האט זיך געמערקט, אז דיא פער־ליעבטע נאיז קען זיך גאר ניט אבריישען פון צו קוקען אהין וואו ער געפינט זיך.

ביידע האבען אלזאָ ניט געשפראָכען איבער נאיז'ן.

„וויפיעל נעטצען האט איהר אויסגעשטעלט?“ האט פערנאנד געפרעגט.

„פינף און דרייסיג,“ האט ניקאָלין געענטפערט.

„ווילט איהר זייא יעטצט ארויס נעהמען?“

„יא.“

„איהר אליין?“

„געווים.“

ניקאָלין האט אָנגענומען א שווימענדען שטריק און אָנגעפאנגען ארויס צו ציהען דיא נעטץ.

דיא טיעפקייט איז געווען אונגעהייער, און עס האט אויסגעזעהן, אז פון דעם שטריק נעהמט גאר קיין ענדע.

ענדליך איז ערשיענען דער גרויסער שטיין, וועלכער האט פעסט געהאלטען דיא נעטץ צום גרונד און דאן איז אויך געקומען דיא נעטץ אליין. אינווענינ זיינען געווען דרייא שעהנע פיש, וועלכע האבען אויסגעזעהען וויא פייגעל ארום טאנצענדיג אין א שטייג.

אין דער צווייטער נעטץ איז גאר ניט געווען, נאר אין דער דריטער איז

געלעגען זעהר א לאנגער איילפיש, וועלכער האט זיך געוואָרפען וויא א מעכטיגע שלאנג.

בייא דיעזען אנבליק, האט פערנאנד זיך געפיהלט שטארק בעגייסטערט איבער דעם שעהנעם פאנג, און אָהנע אזוי פאָרזיכטיג צו זיין וויא פריהער, האט ער זיך צוגערוקט צו דער זייט פון שיפעל און זיך שטארק אריבער געבויגען.

בייא יעדען קלאפּ פון דעם פיש, האט ער געשפּירט דאס פערגניגען פון דעם יענער. וועלכער האט ענדליך ערשאָסען דאס ווילדע טהיער וואס ער האט לאנג פערפאָלגט, און דאס טהיער צאַפּעלט זיך בייא זיינע פיס צווישען לעבען און טויט.

אונטערדעסען האט ניקאָלין אָנגעפאנגען ארויס צו ציהען איין נעטץ נאך דער צווייטער און זייא אלע אריינגעלייגט אין שיפעל. אין אלע צוזאמען האבען זיך געפונען 15 פונט פיש, וועלכעס ווערט אין יענער געגענד בעטראכטעט אלס א גליקליכער פאנג.

„איז דאס אלעס?“ האט פערנאנד געפרעגט.

„יא.“

„און יעטצט?“

„יעטצט וועלען מיר זיך אומסעהרען.“

ער האט דיא נעטצען צוזאמענגעלייגט אין גוטער אָרדנונג אין דער אונטערשטער זייט פון שיפעל, דאן האט ער אויפגעצויגען דיא זעגעל און זיך פאָרבערייטעט צום רודערן.

„וואס טוינען אייך דיא זעגעל?“ האט פערנאנד געפרעגט.

„אום שנעלער צו פאָהרען.“

„עס איז דאָך אָבער זעהר שטירמיש?“

„שאדעט נים.“

„איך האב גערעכענט, אז מיר זאָלען היינט נים אויפציהען קיין זעגעל; עס איז זיכערער בלויז צו רודערן.“

דער אלטער האט אויפגעצויגען מיט דיא אַקסלען און נים געענטפערט. אין זיין מיינע איז געלעגען דער אויסדרוק פון: „איך וויים שון וואס איך טהו.“

איידער ער האט גוט איינגעצויגען דיא זעגעל, האט ניקאָלין נאך געוואָרפען א בליק נאך לא בלאנקארד. נאָיז, אין ווייסען קלייד, איז נאך אימער דאָרט

געשטאנען. זיין געזיכט איז פערפינסטערט געוואָרען. זיינע אויגען האבען אויסגע־זעהען אויפצופלאַמען מיט צאָרן.

דער ווינט האט געשלאָגען רעכטס און אנשטאט אומצו־ווענדען דעם זעגעל נאך נאָרדען, האט ניקאָלין געמאכט א פאַלשע בעוועגונג. דער ווינט האט דאן מיט גרויסער געוואַלט צוריק געשלאָגען דיא ליינוואנד. דאס שיפעל האט זיך געגעבען א פירכטערליכען שאָקעל, גלייך וויא עס האט געוואָלט איינזינקען אין ים.

פערנאנד האט זיך בלויז אזוי פיעל עראינערט, דאס ער איז ארונטער גע־פלויגען פון שיפעל און איז אריין אין וואסער.

ער האט ארויס געלאָזען א פערצווייפעלטען געשרייא און דיא וועללען האבען איהם פערשלונגען.

שפּעטער, ווען ער האט געעפענט זיינע אויגען, האט ער זיך געשפּירט דורכ־געפרוירען און שרעקליך מיעד.

ער איז גערעטעט געוואָרען דורך א וואונדער. גראדע ווען דאס אונגליק האט פּאסירט, זיינען אָנגעקומען צוויא פישער מיט שיפלעך און בעמערקט וואס עס האט פּאסירט. פאר ניקאָלינען איז אונמעגליך געווען אומצוקעהרען דאס שיפעל געגען דעם ווינט. און דאן, ווען ער האט עס פּראָבירט, איז ער אליין אויך ארויס גע־פאלען פון דעם שיפעל.

דיא פישער האבען ארויס געצויגען פערנאנד'ן, און איהם גערעטעט פון א זיכערן טויט. פעטער ניקאָלין, וועלכער איז געווען א טיכטיגער שווימער, איז צוגע־שוואומען ביז צום ברעג.

ווען דאס אונגליק האט פּאסירט, איז נאך מאדאם ראסטאנד געשלאָפען. מען האט איהר אפילו באלד נאכהער מיטגעטהיילט דאריעבער, אָבער מען האט מורא געהאט איהר צו דערצעהלען וויא גרויס דיא געפאהר איז געווען.

ווען ניקאָלין און פערנאנד האבען זיך ביידע בעגעגענט, האט דאס וואסער שטארק גערונען פון זייערע קליידער.

„צום טייפעל!" האט פעטער ניקאָלין געשריען. „מיר זיינען שוין געווען מיט אלעמען פערטיג און געוואָלט אהיים פאָהרען. פּלוצלינג האט דער ווינט געמאכט א ווענדונג און איבערגעקעהרט דאס שיפעל! דאס הייסט שלים־מזל!"

ווען ניקאָלין האט זיך אומגעקוקט, האט ער בעמערקט נאַיז'ן שטעהען נעבענ־איבער איהם. איהר געזיכט איז געווען אזוי בלאס וויא קאלך, און פון איהרע אויגען האט געפונקעלט איין אונהיימליכעס פייער.

„האסטו געהערט פון אזעלכער אונגליק?" האט ניקאָלין זיך געווענדעט צו זיין מאַכטער. „דאס איז, אז מען האט קיין מזל נים."

„קיין מזל נים?" האט זיא זיך איהם האלב נאכגעקרימט. „געוויס איז עס קיין מזל נים. ווען מען וויל גראדע זענלען פּלוצלינג געגען דעם ווינט, דאן מוז זאַוואס געשעהען."

ניקאָלין איז שטארק אויפגערעגט געוואָרען.

„פּוילע שקאַפּע!" האט ער אויסגעשריען שטארק אויפגערעגט. „חער האט דיר דאס געזאגט, אז איך האב געזעגעלט געגען ווינט? אוועק פון דאנען, ווייל איך וועל דיר באלד צוברעכען דיין קאָפּ!"

נאָיז האט זיך נאך שווערער מיה בערוהיגט און אָנגעפאנגען זיך צוריק צו ציהען.

דער פאל האט געווירקט איבער פערנאנד'ן, אז ער איז געלעגען א גאנצען טאָג אין בעט. אויף'ן אנדערן מאָרגען האט ער געפונען נאָיז'ן זיטצענדיג זעהר פער־טראכט און טרויעריג.

ווען ער האט זיא געפרעגט, אויב זיא וועט איהם אין יענעם אבענד בעג־לייטען אויף דעם געוועהנליכען פּלאטץ, האט זיא זיין איינלאדונג צוריק געוויזען.

„ווארום? ווארום?" האט ער נייגיעריג געפרעגט.

אָהנע איהם א וואָרט צו ענטפערן, איז זיא פערשוואונדען געוואָרען.

מיט צוויא נעכט שפּעטער, האט זיא איהם בעגעגענט אין קאָרידאָר.

„וואס איז מיט דיר?" האט ער געפרעגט.

„גאר נים," האט זיא געענטפערט.

דאן, אָהנע צו ווארטען אויף א צווייטער פראגע, האט זיא איהם ליידענ־שאַפטליך אומארמט און געקושט.

זייא זיינען אוועק, און צוגעבראכט דיא נאכט אונטער דעם פרייען הימעל.

נאָיז האט אונטערדעסען ניעמאלס געוואָלט ערצעהלען פערנאנד'ן וואס זיא בעאונרוהיגט זיך איבער איהם. דערפאר אָבער, האט זיא פון טאָג צו טאָג אלץ אויפמערקזאמער איבער איהם געוואכט.

„איז דאס מעגליך, אז מיין פאטער וויל איהם ערמאָרדען?" האט זיא זיך געפרעגט. „ווארום? וואס פאר איין אורזאכע האט ער? ער ווייס דאך נים פון אונזערע פערהעלטניסע?"

די האט נאטירליך ניט געקענט טרעפען, אז איהר פאטער האט אלעס ענטדעקט אין יענער נאכט, ווען ער האט זייא ביידע געטראפען שלאפענדיג גע־ארעמט.

נאיז האט מעהר קיין זאך בעמערקט וואס זאל ערוועקען אין איהר פערדאכט און דאס האט זיא אביסעל בערוהיגט. אבער צום ענדע פון דער וואך, איז ווידער איינגעטרעטען צווייפעל און פערדאכט.

דיא אורזאכע דערפון איז געווען פאלגענדע: דער אלטער ניקאלין האט ניט נאר אויפגעהערט זיא צו שלאגען און זידלען, זאנדערן ער איז אויך צו איהר גע־ווארען מילד, און צייטענווייז האט זיך בעוויעזען זאגאר א שמייכעל אויף זיינע ליפען. אבער נאיז האט איהם גוט געקענט, און זיא האט געוואוסט, אז הינטער דיעזען שמייכעל, ליגט עפעס בעהאלטען.

דיא פאמיליע ראסטאנד האט זיך גוהג געווען, צור צייט ווען זייא זיינען געווען אויף זייער גוט, יעדעס יאהר אויסצופאהרען אביסעל און עסען א פיש־זופע נעבען ברעג פון ים בייא דיא פעלזען פון ניאלאן. דיא מענער פון דער פאמיליע, פלעגען נאך דער פיש־זופע ארויס געהען אויף דער יאגד און שיסען רעבהיהנער, וואס האבען זיך געפונען אין יענער געגענד.

דיעזעס יאהר, האט מאדאם ראסטאנד בעשלאסען מיטצונעהמען אויך נאיזן, כדי זיא זאל קענען בעדיענען דיא פאמיליע.

„פאטער ניקאלין," האט זיא געזאגט צום אלטען, „איך האב בעשלאסען היינטיגעס מאל מיטצונעהמען נאיזן מיט אונז צו דער פיש־זופע."

זיין געזיכט האט זיך פערפינסטערט.

„נאיזן?" האט ער געפרעגט וויא ערשטוינט און שטארק אונצופריעדען.

„יא."

„צו וועלכען צוועק?"

„ווייל איך וויל זיא זאל מיך בעדיענען."

„אבער עס בלייבט דאך קיינער דא ניט איבער אום אכטונג צו געבען."

„זארגט זיך ניט."

ניקאלין האט נאך אנדערע אנווענדונגען געשטעלט, אבער עס האט איהם נאר ניט געהאלפען.

„איבריגענס," האט מאדאם ראסטאנד געזאגט, „דאס מיידעל האט דאך קיינמאל קיין פערגניגען ניט; זאל זיא גלאט מיטפאהרען אום זיך צו אונטער־האלטען."

מען איז אויפגעשטאנען גאנץ פריה. דער מאָרגען איז געווען זעהר אנגענעהם און ווארעם. דער ים איז געלעגען אונטען וויא א מעכטיגער גרויסער בלויער שפּיעגעל און דיא גאָלדענע שטראהלען פון דער זונן האבען אויסגעזעהען זיך דאָרט צו באָדען. דער ווינד האט צערטליך געבלאָזען און ערטערווייז אויפגעריהרט דעם ים, פון וואנען עס האבען זיך געוואָרפען אלערלייא קאָלירטע שטראהלען.

אויף דיעזען הערליכען מעער האט געשוועבט דאס שיפעל מיט דער פאַמיליע ראָסטאנד און דיא בענגליימער, און דאן האט מען געלאנדעט נעבען א פלאכען זאמדיגען ברעג.

ניט ווייט פון דאָרט האבען זיך אויסגעברייטעט פערשיעדענע פעלזען, און נעבען ברעג האט זיך געפונען איין ארט קליינע העהל, וואו דיא שטיינער האבען געדיענט אלס בייכקלעך און אלס טיש.

דיעזע פיש־זופע, וואס מען פלעגט דאָרט עסען, האט אויסגעזעהען זעהר ראָמאנטיש.

דער אלטער ניקאָלין האט זיך ווידער אריינגעזעטצט אין זיין שיפעל, צוגעַרודערט ביז צו א געוויסען פלאטץ, און דאן ארויס געצויגען אלע נעטצען וואס ער האט מיט א טאָג צוריק אויסגעשטעלט. ווען ער איז צוריק געקומען, האט ער געבראכט היבשע עטליכע פונט פערשיעדענע צאַפּלענדע פיש.

נאָיז האט דערווייל געמאכט א פייער פון א הויפען טרוקענע צווייגען, אויפגעשטעלט א קעסעל מיט וואסער, וועלכעס זיא האט אָנגעשעפּט פון א קלארען קוואל אויף'ן זאמד. דאס וואסער האט געקאָכט און זיא האט אריינגעלייגט א גאנצען הויפען שמעקענדע בלעטער און געווירצען. דאן האט מען אָנגעפאנגען אָבצושאָבען דיא פיש, זייא גוט ריין געמאכט, און פאטער ניקאָלין זעלבסט, איז געווען דעריעניגער וואס האט בעדארפט קאָכען דיא פיש.

וויא אזוי ער האט געקאָכט דיא פיש, וועלכע פלעגען האבען אזא גוטען טעם, האט קיינער ניט געוואוסט, דאס איז געווען זיין אייגענע געהיימניס, און דיא פישער האבען אלע געהאט עהנליכע געהיימניסע פון פיש קאָכען, וועלכע זייא האבען איבערגעגעבען בקבלה פון פאטער צו זוהן.

ניקאָלין האט ענדליך אָבגעקאָכט דיא פיש. זייא זיינען ארויס שרעקליך געפעפערט, און האבען אזוי שטארק געשמעקט פון קנאבעל, דאס טראָטץ דיא אנדערע געוויכצען, האט מען געקענט פיהלען דעם קנאָבעל אויף עטליכע עלע ווייטער. אָבער דאס איז דיא היסטאָרישע זופּע וואס קיינער דארף אויף איהר קיין יזסרון ניט געפינען.

ווערענד דעם קאָכען, האט מאַדאַם ראָסטאַנד, וועלכע האט ליעב געהאט צו שפּאַסען, געזאָגט:

„פּאַטער ניקאָלין, וועט אייך דיא היינטיגע פיש־זופּע אזוי געלינגען ווי דיא לעטצטעס יאָהר?"

ניקאָלין האט אויסגעזעהען זעהר מונטער, און געענטפערט:

„ניט געלינגען, איז ניט פאַראַנען; עס מוז געלינגען!"

„אָבער ווען עס געלינגט דאָך ניט?" האט מאַדאַם ראָסטאַנד געפרעגט.

„מיינע אונגעלונגענע פיש־זופּ, איז נאָך אימער פיעל בעסער וויא דיא געלונגענע פיש־זופּ פון דעם גרעסטען פאַריזער האָטעל."

יעדער האט געלאַכט.

ווען דיא זופּ איז פערטיג געוואָרען, האט פּאַטער ניקאָלין זעלבסט צושניטען א פּאָאר ברויט, אריין געלייגט אין עטליכע שיסלען, דאַן אַרויף געגאָסען דיא זופּ און בעמערקט:

„עסען יעטצט, זאָפאָרט; וויל נאָר הייסערהייט איז דיעזע זופּ אמ־בעסטען."

דיא פיש האט ער ארויס געלייגט אויף א בעזונדערן טעלער.

„פריהער עסען דיא זופּ, און דאַן דיא פיש," האט ער בעפוילען.

מען האט איהם געפאָלגט.

ניקאָלין האט געגעסען און זיך געקוויקט. נאָר אלע אנדערע האבען געהויבט מיט דיא מיילער, כדי דיא הארבקייט פון דעם פעפער זאָל ארויס.

„עס ברענט," האט פערנאַנד בעמערקט. „וואס האט איהר אריין געשאָטען?"

„פּעפער, אמת'ן פּעפער," האט ניקאָלין געענטפערט לאַכענדיג. „דאס איז ניט קיין געמאָהלענע שאָלעכץ פון ניס, וויא מען בענוצט אין דיא שטעדט. דאס איז אמת'ער פּעפער."

„אָבער היבשלעך אריין געשאָטען," האט מאַדאַם ראָסטאַנד געזאָגט.

„ניט מעהר וויא מען דאַרף," האט ניקאָלין געענטפערט און רוהיג פאָרטגע־זעטצט זיין עסען.

דאַן האט מען געגעסען דיא פיש, און יעדער האט צוגעגעבען, אז דיא פיש, פיענדיג אזוי פריש, זיינען זייא אויסגעצייכענט, וויל דער פּעפער האט ניט געקענט אזוי שטאַרק איינדריגען אין זייא.

נאָך דעם עסען, איז מען געבליעבען זיטצען, אום אבצוואַרטען בּיז דיא גרויסע היטץ וועט אביסעל פאַראיבּער.

דיא פעלזען, וועלכע זיינען געווען בּייא דיא שפּיטצען איינגעהיעלט אין דאס שטאַרקע זונען־ליכט, האבּען פון זיך אַרונטער געוואָרפען שווארצע שאַטענס.

דיא מעכטיגע בּוימער מיט זייערע גרינע צווייגען, האבּען וויעדער געוואָרפען זייערע שאַטענס אויף דיא פעלזען, און פון ווייטען האבּען דיא שטראַהלען געגלאַנצט ארום דיא קליינע געבּישען, וואס זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט וויא רייהען סאָלדאַטען. דיא היטץ אין אַלגעמיינעם האט אַלעס איינגעהיעלט אין א טיעפעס שטיל־שוויינען.

מאַדאַם ראָסטאַנד האט, וויא געוועהנליך מיטגעבּראַכט איהר שטריקערייא, וועלכעס האט אויסגעזעהען קיינמאל נים אויסצופעהלען פון איהרע הענד. נאָיז, זיצענדיג נעבען מאַדאַם ראָסטאַנד'ס פיס, האט ארויס גענומען א העלפט פון א קלייד און אָנגעפאַנגען צו נייהען. בּייא יעדער צווייא אָדער דרייא שטיך אָבער, האט זיא אויפגעהייבען איהרע אויגען און אויפגעפאַסט צו זעהען וואס איהר פאטער טהוט.

ניקאָלין, וועלכער האט זיך גוט אָנגעגעסען, איז געלעגען עטליכע שריט דער־ווייטערט אויף'ן בּאָדען, און העפטיג געדרייבערט זיין לולקע. אביסעל ווייטער איז געלעגען פערנאַנד און פעסט געשלאָפען; איבער זיין געזיכט איז געווען זיין שטרוי־הוט, וועלכער האט איהם געשיטצט פאַר דער זון.

אזוי איז דיא גאַנצע געזעלשאַפט געזעסען אָדער געלעגען אין שטילער רוה בּיז ארום 4 אוהר נאָכמיטאָג. דאַן איז ניקאָלין אויפגעשפּרונגען און אויס־גערופען:

„איך האב געזעהען א גאַנצע מחנה רעבּהיהנער דאָרט אין טהאָל צווישען דיא פעלזען!"

„ווירקליך, וואו?" האט פערנאַנד געפרעגט.

„אָט דאָרט, דאָרט," האט ער געענטפערט ציינענדיג מיט'ן פינגער.

פערנאַנד האט דיא רעבּהיהנער נים געזעהען, נאָר ער האט געגלויבּט דעם אַלטען אויף זיין וואָרט.

„איך האב שוין נים געזעהען אזוי פיעלע רעבּהיהנער אויף איינמאל, זייט היבּשע עטליכע יאָהר," האט ניקאָלין ווייטער ערקלערט.

„עס איז אָבער שווער אַרונטער צו געהען," האט פערנאַנד געזאָגט.

„גאר נים שווער,“ האט ניקאָלין ערקלערט.

„אָבער עס איז נאך צו ווארעם.“

„וואס פאר א ווארעם? קוממ! עס איז א פערגעניגען יעמצט; פיהלט איהר נים וויא א קיהלער ווינט האט זיך אויפגעהויבען?“

ניקאָלין האט מיט דער גרעסטער בעגייסטערונג געשילדערט וויא אנגענעהם דער יאגד וועט זיין, און פערנאנד האט ענדליך איינגעשטימט ארונטער צו געהען און שיסען עטליכע רעבהיהנער.

„און מיר וועלען מאכען עסען נאכט־מאהל פון זייא,“ האט ניקאָלין געזאגט.

ביידע האבען ערגריפען זייערע ביקסען.

„פערנאנד!“ האט מאדאם ראָסטאנד אויסגערופען, „איך בעט דיך, זייא פאָרזיכטיג.“

„האב קיין מורא נים, מוטער.“

„ווירקליך,“ האט דיא בעזאָרגטע מוטער ווייטער געזאגט, „אין איילעניש קען מען זיך זעהר לייכט אויסגלימשען, און דאן קען געשעהען דאס גרעסטע אונגליק.“

„איך וועל אכטונג געבען.“

„יא, יא,“ האט ניקאָלין בעמערקט מיט א רוהיגער מיענע, חעפטיג ציהענדיג דעם רויך, „דאס קען אויך פאסירען, אָבער ווען מען איז פאָרזיכטיג, שאדעט נים.“

„זעהט און גיבט אכטונג אויף דעם יונגען האַז,“ האט מאדאם ראָסטאנד געזאגט.

„געווים וועל איך אכטונג געבען,“ האט ניקאָלין געענטפערט און אנגעפאנגען צו געהען פאָראויס.

זייא האבען בינשטיגען א פעלזען, און דאן זיינען זייא לאנגזאם ארונטער און פערשוואונדען געוואָרען אין טהאָל.

נאָך איז דיא גאנצע צייט געזעסען, גלייך וויא זיא וואָלט גאר נים געהערט וואס עס געהט פאָר. אָבער זאָ שנעל וויא זייגען אריין אין טהאָל, איז זיא אויפגעשפרונגען פון דעם באָדען.

„וואוהין געהסטו, נאָך?“ האט מאדאם ראָסטאנד געפרעגט.

„איך וועל באַלד צוריק קומען.“

מאדאם ראָסטאנד האט נאך עפּעס געזאגט, נאָר גאָיז האט זיך געמאכט ניט מעהר הערענדיג, און אין נעבסטען אויגענבליק איז זיא אויף פערשוואונדען געוואָרען הינטער דעם פעלזען.

מיט דער לייכטינקייט פון א שלאַנג און מיט דער געשווינדינקייט פון א האָז, איז זיא נאכגעגאנגעןביידע מענער מיט איינינע שריט ווייטער, אָהנע זייא זאָלען עס בעמערקען.

„איך מוז זעהען וואס דאָ וועט זיין," האט זיא געמורמעלט צו זיך אליין שפּירענדיג וויא איהר הארץ האט ווימהענד געקלאַפּט.

עס האט ניט פיעל געדויערט, און זיא האט פערשטאנען, אז זיא וועט מוזען פריהער אָדער שפּעטער ענטדעקט ווערען.

דאס האט גאָיז ניט געוואָלט, וויל זיא האט זיך ניט געוואָלט בעגעגענען מיט איהר פאטער פריהער, איידער זיא וועט אויסגעפונען זיין אבזיכט.

גאָיז האט זיך דערפאר געווענדעט לינקס, און אַנגעפאנגען ארויף צו קריכען א פעלזען, וואו זיא האט זיך בעמיהעט ניט ארונטער צו ווארפען קיין שטיינער וועהרענד דעם קריכען.

ווען זיא איז אהין אָנגעקומען, האט זיא זיך אוועק געלייגט און אָנגעפאנגען ארונטער צו קוקען. זיא האט דערזעהן פערנאַנד'ן, וועלכער האט זיך אָנגעבויגען צו דער ערד, און אָנגעפאנגען צו געהען פאָרזיכטיג פאָרווערטס האלטענדיג בערייט זיין ביקס צום שיסען.

זיא האט פערשטאנען, אז ער האט געוויס בעמערקט א רעבהוהן און ער דערנעהנטערט זיך אום אויף איהר אָבצופייערן זיין געוועהר.

איהר פאטער האט זיא אָבער ניט געזעהען.

„וואו קען ער זיין?" האט זיא זיך געפרעגט.

קוקענדיג מיט איהרע שארפע אויגען, האט זיא איהם בעמערקט גאַנץ אונטען נעבען דעם פעלזען, אויף וועלכען זיא איז געלעגען.

ניקאָלין איז געלעגען רוהיג צו דער ערד, און האט אויסגעזעהען צו לויערן אויף עפּעס, גראדע וויא דיא יענער טהון אין א ליבטיגער נאכט, ווען זייא ערבליקען צוקומענדיג פון ווייטען עפּעס א ווילדע חיה.

צווייא מאל האט ניקאָלין אויפגעהויבען זיין ביקס צום שיסען, אָבער ער האט זיך צוריק געהאלטען דורך איין אורזאכע, וואס נאָר ער האט גע־וואוסט.

דאן האבען אָנגעפאנגען ארויס צו פליהען עטליכע רעבהיהנער און זיך וויעדע אוועק געשטעלט אין גראַז צווישען פערנאנד'ן און ניקאָלינען.

ניקאָלין האט נאך אמאל אויפגעהויבען זיין ביקס, אָבער ניט אין דער ריכטונג פון דיא רעבהיהנער, און האט וויעדער ניט געשאָסען.

ווארום ?

נאיז האט געוואוסט דיא ערקלערונג.

זיא איז שנעל אויפגעשפרונגען פון איהר פלאַטץ, און מיט דערזעלבער לייכטינקייט וויא פריהער, האט זיא אָנגעפאנגען זיך ארונטער צו לאָזען פון דעם פעלזען. א פאאר בוימער מיט ברייטע צווייגען, האבען געבילדעט א שוטץ אום מען זאָל זיא פון אונטען ניט זעהען. נאך אייניגע מינוטען איז זיא געווען גאנץ נאָהענט נעבען איהר פאטער.

סעקונדע נאך סעקונדע איז געפלוינען, און נאיז האט איהר בליק ניט ארונטער גענומען פון איהר פאטער. וועהרענד דיעזער צייט, האט זיך פערנאנד ניט געזעהען. ניקאָלין איז געבליבען רוהיג.

פלוצלינג איז פערנאנד ערשיענען מיט א פופציג שריט וויטער און איז גע־בליעבען שטעהן צווישען גראָז.

ניקאָלין האט אויפגעהויבען זיין ביקס און דיעזע געשטעלט ציעלענדיג אויף דעם יונגען מאַן.

אָבער נאך איידער ער האט צייט געהאט עפּעס צו טהון, איז נאיז געווען נעבען איהם, און מיט א העפטיגען שטויס פון איהר פוס, האט זיא ארויס גע־שליידערט דיא ביקס פון איהר פאטער'ס הענד. דיא ביקס האט דערווייל אויסגע־שאָסען ; א פירכטערליכער קראך פון א גרויסער לאדונג האט אָבגעקלונגען איבער דער גאנצער געגענד.

דער אַלטער ניקאָלין, וויא א פערוואונדעטער טיגער, איז אויפגעשפרונגען אין דער הויך. וויא ער האט ערבליקט נאיז'ן, האט ער געכאפט זיין ביקס, וואס האט זיך נאך געוויכערט, און געוואָלט נאיז'ן צערשמעטערן דעם קאָפּ.

נאיז איז ניט צוריק געשפרונגען, זאָנדערן טויטען־בלייך איז זיא געבליעבען שטעהן אויף איהר פלאַטץ. איהרע אויגען האבען געפלאמט וויא מיט א העלישעם פייער.

דער אַלטער איז געבליעבען וויא פאראַליזירט פון דיעזען ווילדען בליק, און ניט געקענט דורכפיהרען זיין אבזיכט.

דאן האט ער לאנגזאם ארונטער געלאזען זיין ביקס, און מיט א הייזעריגער שטימע האט ער געפרעגט:

„וואס ווילסטו?“

„גאר גיט.“

„דאן געה דיר אוועק פון דאנען!“

„איך וועל ניט געהען!“

„איך וועל דיך ערמארדען!“

„דוא קענסט עס טהון.“

„געה, אונגליקליכע,“ האט ער זיך ווייא געבעטען, „ניט דיך, נאר איהם וויל איך ערמארדען.“

„איך ווייס,“ האט נאיז געמורמעלט.

דער שאס פון ניקאלינ'ס ביקס, האט אויפגעטריעבען דיא רעבהיהנער אין דער לופט. פערנאנד האט דערבייא ערשאסען צווייא.

„ווען דוא וועסט איהם שיסען, וועל איך מעלדען,“ האט נאיז בעמערקט צו איהר פאטער.

דיא יאגד האט געדויערט ביז ארום זעקס אוהר, און נאכהער האבען אלע צוריק געקעהרט מיט דעם שיפעל נאך בלאנקארד.

פאטער ניקאלין האט געווארט גאנץ רוהיג און שטיל, און אויף זיין געזיכט איז ניט געווען צו בעמערקען וואס עס איז דאמאלס פארגעגאנגען אין זיינע געדאנקען.

פינפטעס קאפיטעל.

דער מאנאט סעפטעמבער איז שוין געווען צו ענדע. נאך א גרויסען שטורם וואס האט געוויטהעט א טאג מיט א נאכט, איז דיא לופט זעהר קיהל געווארען. דיא טעג זיינען געווארען קירצער און דיא נעכט לענגער.

נאיז האט זיך שוין ניט אזוי אפט בעגעגענט מיט פערנאנדין בייא נאכט.

„ווארום קומסטו ניט אויף דעם געוועהגליכען פלאטץ?“ האט ער געפרעגט.

„איך האב אויף דיר שוין געווארט צווייא נעכט.“

„ווייל איך בין זעהר מיעד פון דער ארבייט.“

„אבער דאך, אמאל, וויא קומט מען עס ניט ארויס?“

„דאס גראָז איז זעהר נאס פון דעם טהוי,“ האט זיא ערקלערט, „און איך האב מורא פאר א פערקיהלונג.“

אָבער זיא האט געפונען אנדערע מיטלען.

יעדען פריה־מאָרגען, אונגעפעהר אום 6 אוהר, איז זיא ערשיענען אין קאָרידאָר. מאדאם ראָסטאנד איז אימער געשלאָפען ביז 9 אוהר. נאכדעם וויא נאיז האט זיך גוט צונעהערט און זיך איבערציינט, אז יעדער שלאָפט, איז זיא אויף די שפיטץ פינגער צוגעגאנגען צו פערנאנד׳ס טהיר, וועלכע איז געווען אָפען.

בייא איהם, אויף זיין ווייכעם און ווארעמעס בעט, האט זיא זיך געשפירט גליקליך אין איהר ליעבע. זיא פלעגט איהם ארום נעהמען ארום זיין האלז, צובייגען איהר געזיכט נאהענט צו איהם און קוקען אין זיינע ליידענשאפטליכע אויגען א היבשע צייט. דאן האבען זיך איהרע אויגען אָנגעפילט מיט טרעהרען און זיא האט געזיפצט.

„וואס איז מיט דיר, נאיז,“ האט ער געפרעגט זיך שפירענדיג אונצופריעדען מיט איהר טרויער.

„גאר ניט, גאר ניט פערנאנד, איך וויין בלויז וועיל....“

„ווארום?“

„אך, פרעג מיך ניט ...“

נאיז׳ן האט זיך געדאכט בייא יעדער בעווענונג, אז דאס איז שוין דאס לעטצטע מאל וואס זיא וועט געניעסען פון פערנאנד׳ס ליעבע.

אום אָבער צו דערשטיקען איהר שמערץ, האט זיא איהם ארום געכאפט, און מיט איהרע ברענענדע ליפען, האט זיא איהם אויסגעקושט יעדעם גליעד. אין איהרע געדאנקען איז זיא געווען ענטשלאָסען, איהם צו פערטהיידיגען געגען איהר פאטער, זאָגאר מיט איהר לעבען.

נאיז האט אונטערדעסען אָנגעפאנגען אויסצוזעהען בלייכער און מאָגערער.

„וואס איז מיט איהר?“ האט מאדאם ראָסטאנד אין א טאָג געפרעגט. „זיא זעהט אוים קריינקליך.“

און נאיז האט פערלוירען די ראָזינע פארב פון איהר געזיכט; איהרע באקען זיינען אָבגעפאלען און די ביינער האבען ארויס געשטעקט. דאס פייער אין איהרע אויגען, איז אויסגעלאָשען געוואָרען.

מאנכע מאל פלעגט זיא ארום געהען און ארבייטען א גאנצען טאָג און קיין וואָרט רעדען; פלוצלינג וויעדער איז זיא געוואָרען מונטער און פרעהליך.

אין אלגעמיינעם האט זיא אויסגעזעהען, גלייך ווי זיא שלאפט וואכענדיג, און נאר צייטענווייז ערוואכט זיא פון א לאנגען דרעמעל.

„ווען דוא ביסט קראנק," האט צו איהר געזאגט מאדאם ראסטאנד, „דאן מוזטו דיך שוינען."

נאיז האט ביטער געשמייכעלט.

„אך, ניין, מאדאם," האט נאיז געענטפערט, „איך בין נים קראנק. אין גער געגטהייל, איך בין גאנץ געזונד, און אזוי גליקליך, וויא איך בין נאך קיינמאל נים געוועזען."

אין א פריה־מארגען, ווערענד זיא האט געהאלפען מאדאם ראסטאנד צעהלען וועש, האט זיא פלוצלינג געפרעגט:

„איהר בלייבט נאך לאנג היינטיגעס יאהר אין לא בלאנקארד?"

„ביז צו ענדע מאנאט אקטאבער," האט מאדאם ראסטאנד געענט־פערט.

נאיז איז געבליעבען שטעהן נאכדענקענד, און בליקענדיג מיט איהרע אויגען אין דער לופט, האט זיא געמורמעלט גאנץ הויך אהנע עס צו וויסען:

„דאס הייסט, נאך צוואנציג טעג."

א פירבטערליכער קאמפף איז פארגעגאנגען אין איהר. פון איין זייט האט זיא זעהר געוואלט פערגאנד זאל נאך פערבלייבען נעבען איהר, אבער פון דער אנדערער זייט האט זיא זיך געטראכט:

„וואס איז דער אונטערשיעד, פריהער מיט עטליבע טעג אדער שפעטער? געהען מוז ער סאי־וויא־סאי."

זיא האט געבליקט אויף איהר ליעבעס־פריהלינג וויא אויף א בלום וואס אין פאר דער צייט אבגעבראכען געווארען פון דער צווייג און האלט זיך נאך אויף א האאר.

„אך!" פלענט זיא זיפצען צו זיך אליין, „דיעזעס גליק קעהרט פיר מיר מעהר נים צוריק!"

זיא האט צו פערגאנד'ן קיין איינציגע טענה נים געקענט האבען און האט אויך נים געהאט.

געוויס! וויא קומט ער צו איהר? יא, א קורצע ליעבעס־פערהעלטניס, איז גאנץ גענוג פיר איהם, און זיא מוז פאלקאמען צופריעדען זיין דערמיט.

„אבער דאך," האט זיא זיך געטראכט, „ווען מיין פאטער זאל נים זיין, וואלט איך נאך געקענט צייטענווייז געניעסען פון זיין ליעבע..."

דיעזער געדאַנק, אַז איהר פאָטער שטעהט איהר אין וועג צו פערלענגערן איהרע ליעבעס־פערהעלטניסע, האָט איהר שטאַרק אויפגערעגט.

אין א טאָג, זיטצענדיג און בעטראַכטענדיג איהר צושטאַנד, איז איהר פּלוצלינג איינגעפאַלען, אַז זיא קען פערהינדערן פערנאַנד'ן ער זאָל שוין ניט פער־סעהרען מיט אַנדערע פרויען, און ער זאָל בלייבען איהרער אַליין אויף אימער און אייביג.

„איך וועל ערלויבען מיין פאָטער ער זאָל איהם ערמאָרדען, און דאַן בין איך זיכער..." האָט זיא געמורמעלט.

אָבער דער געדאַנק, אַז פערנאַנד, אַזוי צאַרט און ווייס, אַזוי ליעבענסווירדיג און שעהן, זאָל שטאַרבען דורך איהר פאָטער'ס גראָבע און מערדערישע האַנד, האָט איהר שטאַרק אויפגערעגט.

„ניין, ניין!" האָט זיא אויסגערופען. „ער דאַרף ניט שטאַרבען! ער זאָל לעבען און גליקליך זיין! „איך בין פאָלקאָמען צופריעדען מיט זיין ליעבע ביז יעטצט..."

זיא האָט ווידער בעשלאָסען איהם צו רעטען פון איהר פאָטער, און לעבען גליקליך מיט דער אידעע, אַז ער, וועמען זיא האָט געשענקט דעם פריהלינג פון איהר ליעבע, לעבט ערגיץ וואו גליקליך און צופריעדען.

מעהרערע מאָל, ווען זיא איז בייא איהם געוועזען גאַנץ פריה, האָט זיא צו איהם געזאָגט:

„איך בעט דיך, פאָהר ניט אַרויס אויף'ן ים; עס וויטהעט א שלעכטער ווינט."

איין אַנדער מאָל האָט זיא צו איהם געזאָגט:

„ווירקליך, עס איז שוין צייט דוא זאָלסט אַוועק פאָהרען. דיך לאַנגווייל דאָ. דוא ליעבסט מיך ניט מעהר... פאָהר אַוועק!"

פערנאַנד האָט זיך שטאַרק געוואונדערט איבער דעם וועקסעל אין איהרע געדאַנקען.

אין אַלגעמיינעם, האָט פערנאַנד אויסגעפונען, אַז זיט נאַיז איז מאָגערער געוואָרען, איז זיא שוין ניט אַזוי שעהן און אַנציהענד וויא געוועזען, און א געפיהל פון זאַטקייט האָט איהם בעהערשט.

אין זיין פאַנטאַזיע האָט זיך ווידער פאַרגעשטעלט דאָס בילד פון יענע פרויען אין א. אָדער מאַרסייל, וועלכע שמעקען פון פאַרפום און זייערע געזיכטער זיינען אָנגעשמירט מיט פודער.

דער גערדאנק, אז דער אלטער ניקאָלין זוכט צו ערמאָרדען פערנאנד'ן, האט שטארק בעאונרוהיגט די ארמע און פערצווייפעלטע נאָית. ביי נאכט, פון דעם שלאָף, פלעגט זיך איהר דאכטען, אז זיא הערט א שאָס, דאן א געשריי, און דערביי אליין, האט זיא יעמערליך אויסגעשריען פון איהר שלאָף.

ביי טאָג, ווען עס איז פאָראיבער א שטונדע און זיא האט איהם ניט געזעהען, האט זיא זיך פאָרגעשטעלט, אז ער איז שוין טויט. זיא האט זיך ניט בע־רוהיגט, ביז זיא האט איהם אויפגעזוכט און זיך איבערצייגט, אז ער לעבט.

פאטער ניקאָלין איז געבליעבען געהיימניספאָל שטיל און געטהאָן זיין ארבייט ווי פריהער, אָהנע זאָגאר מיט דעם מינדעסטען צייכען נאָיז'ן צו צייגען וואס ער דענקט און בעאבזיכטיגט צו טהון. דאס האט זיא נאך מעהר בעאונרוהיגט.

לעטצטענס האט ניקאָלין אָנגעפאנגען זיין טאָכטער צו בריקען מיט'ן פוס, גראָדע וויא מען טהוט מיט א הונד, וואס האט בעגאנגען עפּעס א פער־ברעכען.

פערנאנד האט עפּעס בעמערקט אין א טאָג, וויא אזוי נאָיז איז אוועק גע־פלויגען אויף א זייט פון נעבען איהר פאטער. ער האט דעם פוס־שטויס גראָדע ניט געזעהען, אָבער ער האט פערשטאנען, אז זיא איז ניט אומזיסט אוועק גע־שליידערט געוואָרען.

„איז דיין פאטער נאך אימער אזוי בארבאריש נעגען דיר?" האט ער זיא געפרעגט אויף'ן אנדערן מאָרגען, ווערענד ער איז געלעגען אין בעט און גערויכערט ציגארעטען.

„יא," האט זיא געענטפערט, „ער איז איינפאך משוגע."

זיא האט איהם דערביי געוויזען איהרע פיס און פאָלקעס, וועלכע זיינען געווען ברוין־און־בלוי.

„ער איז א געפעהרליכער מענש," האט פערנאנד געמורמעלט פיהלענדיג דערביי אביסעל עקעלהאפט צו נאָיז'עס פערוואונדעטען לייב.

„שאדעט ניט," האט נאָיז בעמערקט, „ער וועט אויפהערען, עס מוז אויפ־הערען!"

אין די ערשטע טעג פון מאָנאט אָקטאָבער, איז זיא געווען שטארק מרה־שחורה'דיג. זיא האט אָפטמאל ארום געשפאצירט נעבען ברעג פון ים, קוקענדיג אויף די פעלזען און אויף די בוימער, און מאכענדיג מיט די ליפען, גלייך וויא זיא רעדט צו זיך אליין.

פערנאַנד האָט דאָס מעהרערע מאָל בעמערקט, און איהם האָט זיך אויסגע־דאַכט, אַז זיא שטודירט דיא געגענד מיט דער גרעסטער פּינקטליכקייט און וויל אבמעסטען וויא ווייט עס איז ביז צום אָבגרונד פון דעם ים.

אין א טאָג האָט ער זיא געטראָפען צוזאמען מיט אַנטאָן, דעם האָרבאַטען, שטעהענדיג הינטער א פייגענ־בוים פערטיעפט אין געשפּרעך. דאַן האָט ער געזעהן וויא נאַיז איז אַרויף געקראָכען אויף דעם פייגענ־בוים און אָנגעפאַנגען צו שפּאַסען מיט אַנטאָנען. זיא האָט איהם געהייסען עפענען זיין מויל און זיא האָט אַרונטער געוואָרפען פייגען, וועלכע האָבען איהם געטראָפען אין געזיכט.

דער אָרמער האָרבאַטש האָט אויפגעעפענט זיין מויל, צונעמאַכט זיינע אויגען און זיין געזיכט האָט אויסגעדריקט דיא גרעסטע פרייד פון דיעזען שפּאַס.

ניין, פערנאַנד איז ניט געווען אייפערזיכטיג, אָבער דאָך, ווען ער האָט זיא צום צווייטען מאָל געזעהען אליין, האָט ער זיך מיט איהר געקרייצט.

זיא איז געוואָרען ערנסט און געענטפערט:

„אַנטאָן ווערט פאר אונז געהען אפילו אין פייער. מען מוז נאָר וויסען וויא מיט איהם אומצוגעהען. עס איז מעגליך, אַז מען קען איהם נאָך אמאל בעד־נעטהיגען.“

אַנטאָן איז פון דאמאלס אָן געקומען יעדען טאָג נאָך לא בלאַנקאַרד. נאַיז האָט איהם געשטעלט צו א געוויסער ארבייט; ער זאָל גראָבען איין אָרט קאַנאַל אום דאָס וואַסער זאָל אָבלויפען אין ים אריין.

פאַטער ניקאָלין איז צופריעדען געווען אנפאַנגס מיט אַנטאָנ׳ס ארבייט, ווייל דער קאַנאַל איז ווירקליך געווען נעטהיג, אָבער דער האָרבאַטש איז געווען צו שוואַך און ער האָט ניט געקענט אזוי גיך פערטיג ווערען. דאָס האָט פעראורזאַכט, וואָס ניקאָלין האָט איהם אָנגעפאַנגען צו בריקען מיט׳ן פוס, גראָדע וויא ער האָט בעד־האַנדעלט זיין טאָכטער.

צווייא טעג און צווייא נעכט, האָט דורכאַנאַנד גערעגענט. פערנאַנד, וועלכער האָט בעדאַרפט אויף דער אנדערער וואָך אָברייזען נאָך א., האָט בעשלאָסען נאָך איינמאל אַרויס צו פאָהרען אויף׳ן ים מיט ניקאָלינען אום פיש צו כאַפּען.

נאַיז האָט איהם געהערט אויסשפּרעכען זיין וואונש, און זיא איז געווען אַזוי בלאַס וויא קאַלך.

„איך וויל אָבער האָפען,“ האָט פערנאַנד בעמערקט, „אַז מיר וועלען שוין מעהר ניט זעגלען געגען דעם ווינט וויא לעטצטעס מאָל.“

נאַיז האט בעשלאָסען זיך מיט איהם נאך אמאל צו בעגעגענען ביינאכט אויף דעם פרייען פעלד, גראדע ווי דאמאלס, ווען זיא האט איהם צום ערשטע מאל איהר ליעבע געשענקט.

אונגעפעהר אום 1 אוהר ביינאכט, האבען זייא זיך צוזאמען געטראָפען. דער רעגען האט דעם באָדען ריין אָבגעוואשען און א שטארקער בלומען־גערוך האט ארויס געשטראָמט פון דעם אויפגעפרישטען גראָז.

זיא זיינען צוגעגאנגען ניט ווייט פון דעם ים־ברעג, ווען נאַיז, ציטערענדיג אין איהר גאנצען קערפער, האט איהם אָנגעכאפט און צוריק געצויגען.

„ניין, ניין!“ האט זיא אויסגעשריען, „געה ניט דאָרט!“

„וואס איז מיט דיר, נאַיז?“ האט ער געפרעגט ערשטוינט.

„גאר ניט, גאר ניט,“ האט זיא געשטאָמעלט. „דאָ האט אנטאָן געגראָבען דעם קאנאל; דאן איז דיא ערד שטארק דורכגענעטצט, און דער ברעג קען ארונטער פאלען אין ים...“

לעטצטען ווינטער, האט ווירקליך דאָרט ארונטער געשטירצט א שטיק ברעג.

זיא האט איהם ארויף געפיהרט ווייטער אונטער איין אָליוועןבוים, וואו זייא האבען זיך געזעטצט. עס איז געווען א לעטצטע ליעבעס־נאכט. נאַיז האט דאס געוואוסט גאנץ גוט.

פלוצלינג האט זיא אָנגעהויבען צו וויינען, און אָבוואָהל פערנאנד האט זיא עטליכע מאל געפרעגט ווארום זיא וויינט, האט זיא איהם דאך ניט געוואָלט ערקלערען. דאן איז זיא גאנץ שטיל געוואָרען.

אָבער ווען פערנאַנד האט זיך געריייסט מיט איהר און געזאגט, אז זיא ליעבט איהם מעהר ניט און ער מאכט זיא לאנגווייליג, האט זיא איהם אין א ווילדער אויפרעגונג אומארמט און געמורמעלט:

„ניין, זאג עס ניט! איך ליעב דיך מעהר ווי דוא קענסט דיר פאָרשטעלען... אָבער, זעה, איך בין קראנק... און דאס איז שוין אלעס צו ענדע; דוא ווערסט אוועק פון דאנען... מיין גאָט! אלעס, אלעס איז שוין צו ענדע!“

עס איז איהם געווען לייכט זיא צו טרייסטען דערמיט וואס ער האט איהר פערשפראָכען זיא צו קומען בעזוכען פון צייט צו צייט, און געכסטען הערבסט, ווען ער מיט איהר פערברענגען גאנצע צוויא מאָנאט צוזאמען.

זיא האט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און איז געוועזן איבערציינט, אז איהר ליעבעס־טרוים איז שוין צו ענדע.

ליידענשאפטליך האט זיא זיך ווידער געוואָרפען אין זיינע ארעם, און זיא האט אויסגעזעהען, וויא א שטערבענדער וואס וויל נאך געניעסען אזוי פיעל זונענשיין וויא נאר מעגליך, איידער דיא אויגען שליעסען זיך אויף אייביג.

אונגעפעהר אום דרייא אוהר האבען זייא זיך אויפגעהויבען, און אלס ער האט פון איהר גענומען אבשיעד, האט ער זיא געקושט אויף דיא ליפען. ער האט געשפירט, אז איהרע ליפען זיינען אזוי קאלט וויא אייז, און איהר גאנצער קערפער האט געפרוירען.

פערנאנד האט ניט געקענט שלאָפען מעהר. ער האט געלעזען א בוך ביז עס האט אָנגעהויבען צו טאגען. דאן האט ער זיך אָנגעלעהנט בייא א פענסטער און ארויס געקוקט אין דרויסען.

ניקאָלין איז ארויס געקומען אום ער זאָל געהען ארויס ציהען דיא נעטצען.

„אך, מאָנסיע פערנאנד!“ האט ער אויסגעשריען. „ווילט איהר אלזאָ מיט מיר ארויס פאָהרען אויפ'ן ים?“

„ניין, פאטער ניקאָלין,“ האט ער געענטפערט. „איך בין זעהר שלעכט געשלאָפען דיא גאנצע נאכט. מיין גאנצער קערפער איז וויא צובראָכען. מאָרגען וועלען מיר פאָהרען.“

ניקאָלין האט זיך אבגעווענדעט אָהנע מעהר א וואָרט צו רעדען. ער איז אוועק גלייך צום ברעג פון ים, וואוהין ער האט בעדאָרפט ארונטער שטיינען אום אויפצובינדען דאס שיפעל וואס איז דאָרט געווען געאנקערט.

דאס שיפעל איז געשטאנען אקוראט געגענאיבער דעם אָליווען־בוים, וואו נאָיז האט צום ערשטען מאָל געגאָסען דיא פרוכט פון איהר ליעבע, און וואו אנטאָן האט לעטצטענס, אויף נאָיז'עס אויפטראג, געגראָבען א קאנאל צום אָבלויף פון וואסער.

פערנאנד איז געשטאנען ביים פענסטער און געקוקט. ער האט געזעהען וויא נאָיז איז ערשיענען פון וויטען צוזאמען מיט אנטאָנען, און ביידע האבען עפּעס געשפּראָכען, איילענדיג און אויפגערעגט, וואס ער האט ניט פערשטאנען.

דאן האט אנטאָן געאיילט צום קאנאל און אָנגעפאנגען זעהר שנעל צו גראָבען. ער האט אָבגעלאָזען עטליכע וואסערלעך וואס זיינען צוריק געהאלטען געוואָרען, דאן האט זיך געבילדעט א רינשטאָק פון דיא וואסערן, און אלע האבען געפלאָסען אין קאנאל אריין.

די א לופט איז געוועזן זעהר פריש, און פערנאנד האט זיך געשפירט אזוי בע־נייסטערט פון דעם הערליכען מארגען, אז ער האט ניט געקענט אוועק געהען פון דעם פענסטער. דאן האט פערנאנד געשפירט א לוסט צום רויכען, און ער איז אריין אין א צימער, אום זיך צו נעהמען א ציגארעטע.

גראדע אין יענעם אויגענבליק, האט זיך געהערט א פירכטערליכער גערויש. פערנאנד, מיט דער ציגארעטע אין דער האנד, איז צוריק געלאָפען צום פענסטער און ארויס געקוקט. עס האט נאך געפאלגט איין קראך נאך'ן צווייטען, וויא צווייא מעכטיגע דונערן.

פערנאנד, אבוואהל ניט אין גאנצען אנגעקליידעט, איז ער ארויס אום צו זעהן וואס עס האט פאסירט.

דער ברעג מיט א שטיק פעלזען האט איינגעבראָכען. ער האט געקענט פון וויטען זעהען, וויא אנטאן, מיט דעם גראב־אייזען אין דער האנד, האט זיך גע־רעטעט פון צווישען דיא חורבות.

גאנץ ארונטער, אונטען נעבען ים, איז געלעגען דער אליוועך־בוים, מיט זיינע מעכטיגע ווארצלען, אויסגעריסען און האלב פערשאָטען מיט ערד און שטיינער. פון דעם ים האט ארויס געשפריטצט א גרויסע מענגע שוים.

אונטערדעסען האט א שרעקליכער געשרייא דורכגעריסען דיא לופט. עס האט אויסגעזעהן וויא דער געשרייא פון א שטערבענדען אָקס.

פערנאנד איז געווען צו איבערראשט ער זאָל וויסען פון וואנען דער געשריי־א קוממט און ווער עס האט איהם ארויס געבראכט.

אויפהויבענדיג זיינע אויגען, האט פערנאנד בעמערקט, בייא דער אנדערער זייט פעלזען, וויא נאָיז איז געשטאנען אזוי בלאס און ציטערענד, דאס ער האט גע־ראכט, אז זיא מוז אין יעדען אויגענבליק ארונטער פאלען.

פערנאנד'ן האט ערגריפען א בעפעהל פון מיטלייד, און ער איז צוגעלאָפען וואו נאָיז איז געשטאנען. ער האט זיא אנגעכאפט.

„וואס ווילסטו?" האט זיא געפרעגט ערשראָקען.

„אום גאָטעס ווילען, זעה וויא דוא זעהסט אויס! דוא ווערסט דאך באלד ארונטער פאלען!"

„ניין, ניין, איך וועל ניט פאלען," האט זיא געענטפערט בערוהיגענד.

„אבער קום דאך אוועק פון דאנען."

„ניין."

„ווארום?"

„חייל דאָרט, דאָרט....“

„וואס דאָרט ? וואס מיינסטו ?“

„דאָרט ליגט מיין פאטער !“

„דיין פאטער ?“

„יא, דער גאנצער פעלזען איז אויף איהם ארויף געפאלען.“

ווען פערנאנד האט נאכהער אונטערזוכט דעם פלאטץ, האט ער זיך גע־מערקט, אז דאס אונגליק איז געשעהען דורך דעם קאנאל וואס אנטאָן האט גע־גראָבען.

אָבער איהם איז ניט איינגעפאלען, אז אנטאָן האט געגראָבען דעם קאנאל מיט איין אבזיכט צו פערשיטען דעם אלטען ניקאָלין, גראדע דאמאלס ווען ער וועט געהען אויפבינדען זיין שיפעל.

מיט א שטונדע שפעטער, האט מען געפונען דעם קערפער פון דעם אלטען ניקאָלין, שרעקליך צערש־מעטערט אונטער דיא שטיינער.

„נאָר דורך א וואונדער האב איך מיך געראַטעוועט,“ האט אנטאָן דערצעהלט אין א פיעבערהאפטען טאָן.

„אָבער דער קאנאל איז דאָך אין גאנצען שולדיג געוועזען,“ האט א שכן ער־קלערט.

„יא, יא, דאס איז אמת,“ האט איין אנדערער געזאגט.

„און ווער האט געהייסען מאכען דעם קאנאל ?“ האט איינער גע־פרעגט.

„פאטער ניקאָלין,“ האט אנטאָן ערקלערט.

„דאן האט ער זיך אליין געגראָבען א קבר,“ האט דער צווייטער שכן בע־מערקט שאָקלענדיג מיט'ן קאָפ.

מוטער ניקאָלין האט זעהר שטארק געוויינט, און קיינער האט ניט געקענט וויסען ווארום זיא האט אזוי געקלאגט. א שכן האט בעמערקט לאַבענדיג:

„זיא איז שוין אזוי געוואוינט געוואָרען צו זיינע קלעפ, אז זיא וויינט יעטצט, ניט וויסענדיג, ווער עס וועט זיא נאך קענען אזוי גוט שלאָגען.

נאָר האט בעגלייטעט איהר פאטער'ס קערפער צום קירכען־הויף, און איהרע אויגען זיינען נאָר געווען רויט, אָבער קיין טרערען האט זיא ניט פערגאָסען.

אויף'ן אנדערען טאָג, נאך דעם אונגליק, האט מאדאם ראָסטאנד בעשלאָסען צוריק צו פאטערן נאך א.

פערנאַנד איז געווען זעהר צופריעדען דערמיט, דען ער האט זיך זעלבסט מודה געווען, אז ער איז שוין זאט פון נאַיזן, און אפילו ווען זיא זאָל זיך איהם פערגלוסטען איינמאל אין וואָך, איז ניט יעטצט, נאך איהר פאטער'ס טוט, דיא צייט דאפיר.

„איבריגענס,“ האט ער זיך געטראַכט, „איז עס נאך מעהר וויא איך האב בעראַפט פערברענגען מיין צייט מיט א דאָרפס־מיידעל.“

אויף דיעזער אַרט, האט מען צוריק געקעהרט אהיים. מאדאם ראַסטאַנד איז געווען פאָלקאָמען צופריעדען פון איהר זוהן; דען, לויט נאך איהרע אַנזיכטען, האט ער זיך אויפגעפיהרט זעהר בראוו אין לאַ בלאַנקאַרד.

זיא האט איהם דערפאר געגעבען נאך מעהר פרייהייט וויא פריהער, און פערנאַנד האט אַנגעפאַנגען צו פיהרען זיין לעבען וויא אמאל.

„צום טייפעל!“ פלעגט ער מאנכע מאל זאָגען, „דיא שטאָדט קאָסט געלד און מען האט קיין הנאה ניט. דאָרט האב איך געהאט א יונגע, פרישע און געזונדע מויד נאָר פאר מיר אליין, און עס האט מיך ניט געקאָסט א סאנטים, און דאָ האט מען אלטע באַלעריעס, פון אל־דיא־שווארצע יאָהר, און זייא נעהמען נאך צו דעם לעטצטען סאנטים... ווירקליך, מען מוז זעהען אויף געבסטען זומער אויפזוכען עפעס א צווייטע נאַיז... ניט גראדע קיין נאַיז, זאָל עס זיין א שאַרלאַט, אבי זיא זאָל ניט קאָסטען קיין געלד און מען זאָל הנאה האבען.“

פערנאַנד האט געהאט גרויסע צרות מיט געלד קריעגען. ער האט אפילו גע־האט 30 פראַנקס א וואָך צום ספענדען, אבער וואס האט דאס געקלעקט? קאָרטען, ווייַן, געזאַנג און פרויענצימער, איבערהויפט פאר א מענשען פון זיין גראַד, האט מען ניט געקענט קריעגען מיט 30 פראַנקס א וואָך.

אונטערדעסען האט ער זיך איין עצה געגעבען. היינט האט ער דערצעהלט זיין מוטער, אז ער דאַרף קויפען געזעטץ־ביכער. מאָרגען דאס ער בענעטהיגט א בעסערע אוהר און איבערמאָרגען עפעס אנדערש. זיא האט איהם, אויף אַזעלכע זאכען, אימער געגעבען א פערציגער. דאן האט ער גלאט געהאט א טבע צו געהען איבער זיין פאטער'ס שרייב־טיש, און ער האט שוין געהאט גוטע סמנים צו וויסען, וועלכעס געלד עס איז ניט געצעהלט, אום פון דאָרט עפעס ארונטער צו נעהמען.

אויף דיעזער אַרט, האט פערנאַנד פערבראַכט דעם ווינטער אין א ים פער־גניגען. ער האט זיך זאָגאר געבראכט א פרויענצימער פון מארסייל, איהר נערוגנגען א

ואָהנונג אין דער פאַרשטאָדט, און דאָרט פערבראַכט די צווייטע העלפט פון דעם טאָג און די ערשטע העלפט פון דער נאַכט.

ווען ער האָט צוריק געקעהרט אין זיין היים, האָט ער געשפּיעלט די ראָלע פון דער מאַמעס זוהן, און אין זיין שפּראַכע איז ניט געווען צו דערקענען וואָס פאַר אַ לעבען ער פיהרט.

וואָס עס אנבעלאַנגט נאַיז'ן, האָט ער זיך נאָר דערמאָהנט אָן דער צייט ווען זיא האָט איהם פערשאַפט פערגניגען. דאָס איז איהם געווען אנגענעהם. אום דעם איבריגען האָט ער זיך ווענִיג וואָס בעקימערט.

זעקסטעס קאַפּיטעל.

ווען דער פריהלינג האָט געגרייכט, האָט מאַנסיע ראָסטאַנד אריין גערופען זיין זוהן צו זיך און איהם ערקלערט, אז ער ווינשט, ער זאָל מיט איהם מיט־פאָהרען נאָך לאַ בלאַנקאַרד.

„יעטצט?“ האָט פערנאַנד געפרעגט ערשטוינט. „עס איז דאָך נאָך קאַלט?“

„עס איז ניט ווענען פערגניגען,“ האָט דער פאָטער געענטפערט, „נאָר ווענען געשעפט. איך האָב בעשלאָסען אָבצוקויפען די בענאַכבאַרטע גוט, און איך וויל דו זאָלסט מיט מיר פאָהרען, אום מיר זאָלען דאָס גוט בעטראַכטען. דו ווערסט פיעללייכט אויך מוזען אויסשטעלען די פּאַפּירען.“

פערנאַנד איז ניט צופריעדען געווען פון דער איינלאַדונג, נאָר ער האָט נאַ־טירליך זיך ניט געקענט ענטזאָגען.

פאָהרענדיג מיט זיין פאָטער, האָט ער זיך נאָך אַמאָל דערמאָהנט אָן נאַיז'ן, אן דיא נעכט וואָס ער האָט מיט איהר פערבראַכט, און וויא אַזוי זיא האָט לעטצטענס אויסגעזעהען.

ביז דאַמאָלס האָט זיא נאָר צייטענווייז און אונדייטליך בעשעפטיגט זיינע געדאַנקען, נאָר די אידעע, פון ווידער ערשיינען אין לאַ בלאַנקאַרד, האָט נאָך אַמאָל ארויס גערופען די עראינערונגען ווענען איהר מיט מעהר דייטליכ־קייט.

„וואָס איז מיט איהר געשעהען?“ האָט ער זיך פלוצלינג געפרעגט, „וואָרום האָט זיא אַזוי שלעכט אויסגעזעהען איידער איך בין אוועק געפאָהרען?“

ער האט אָנגעפאנגען צו זוכען אורזאכען, און דאן, האט ער בעמערקט צו זיך זעלבסט מיט א שמייכעלע:

„הם, איך פערשטעה. איך האב זיא צופיעל אָבגעמאטערט אָבער שאדעט נים, זיא האט זיך שוין געמוזט ערהאָלען זייט דאמאלס...“

ער האט אין זיין פאנטאזיע ערבליקט נאיזן אזוי בליהענדיג און מונטער וויא אמאל; מיט דיא פעסטע ברוסטען, שטארקע הענד און קרעפטיגען קערפער.

„געוויס, געוויס,“ האט ער זיך געטראכט, „זיא האט זיך שוין פאָזיטיוו ער־האָלט.“

און פערנאנד האט בעשלאָסען נאך אמאל אויפצרוועקען דיא אלטע בער־קאנטשאפט מיט נאיזן. איברינגענס, ווען נאיז איז אפילו אויך נים אזוי שעהן וויא אמאל, איז ער אויך צופריעדען געווען, דען אין לא בלאנקארד האט מען זיך גע־מוזט מיט איהר בעגעהען, ווייל עס איז קיין אנדערע נים געווען.

— — — — — — — — — — —

דיא נעכט האבען שוין אָנגעהויבען ווארעמער צו ווערען. דער פריהלינג איז ערשיענען מילד און זאנפט און אויפגעלעבט דיא געגענד. דאָ און דאָרט, אין דיא טהאָלען, צווישען דיא ריזיגע פעלזען, וואוהין דיא זונען־שטראהלען האבען נאך נים איינגעדרונגען, איז נאך געווען שטיקער אייז איינגעפרוירען, אָבער דאס האט נים געשטערט דיא פלאכע פלעטצער, זייא זאָלען שוין בעוואקסען ווערען מיט גרינעם גראָז.

דיא בוימער האבען אָנגעהויבען צו צווייטען און בליהען, און דיא גרילען פון איין זייט, מיט דיא זשאבעס אין דיא קליינע טייכלעך פון דער אנדערער זייט, האבען אָנגעצייגט, אז דער פריהלינג מיט זיין גאנצער הערליכקייט איז ער־שיענען.

דער ים האט זיך אויך בערוהיגט פון דעם קאלטען ווינטער און דיא וועללען האבען אין זיך אָבגעשפיעגעלט דיא בלאסע לבנה מיט דיא פינקלענדע שטערען.

אין הויז פון דעם אלטען ניקאָלין, איז איינגעטרעטען א גרויסע ענדערונג. פרוי ניקאָלין איז פערבליעבען אויף איהר מאַן'ס פלאטץ, און נאך א פאאר מאָנאט צייט, האט זיא אָנגעהויבען איינצוזעהן, אז דאס לעבען אָהן קלעפ, האט א גרעסערע און וויכטיגע בעדייטונג וויא פריהער.

דיא האט זאָגאר, צייטענווייז, געטראכט זיפצענדיג, אז דער אלטער ניקאָלין האט גאר קיין עולה נים געטהאן דערמיט וואס ער איז פערשאָטען געוואָרען.

מוטער ניקאָלין האט גענעסען, געטרונקען און איז אונגעהייער פעט געוואָרען איבער דעם ווינטער.

נאַיז ווידער האט זיך שטארק אָבגעמאָגערט.

„וואס איז מיט דיר, נאַיז?" האט מוטער ניקאָלין אמאל געפרעגט איהר טאָכטער. דוא זעהסט אויס זעהר שלעכט? ביינקסטו נאך דיין טאטען?"

„ניין, מאמע, נים זעהר שטארק," האט נאַיז געענטפערט אויפריכטיג.

„ווארום אלזאָ ביסטו אזוי גרין אויף'ן פנים?"

„איך בין וואהרשיינליך קראנק."

מוטער ניקאָלין האט זיך געווענדעט צו א שפּרעכערין, און אויך צו א מכשף, א בעריהמטער מומחה, אָבער עס האט גאר ניט געהאָלפען.

אנטאָן, דער האָרבאטש, איז געוואָרען א בעשטענדיגער איינגעהער אין הויז. ער האט שוין זאָגאר דאָרט געוואָהנט זייט דיא לעטצטע צוויי א טאָגאט. ער האט אכטונג געגעבען צו ערשפּארען נאַיז'ן אלע ארבייטען, און בייא טאָג אָדער בייא נאכט, האט ער אימער געגראָבען, געקלאפּט און געהאקט האָלץ, אום נאַיז זאָל גאר ניט דארפען טהון.

אָבער דאס האט אויך ניט געהאָלפען.

עס איז געווען מיט א פּאאר טעג פאר דיא אָסטער־פייערטאגען, ווען נאַיז און אנטאָן זיינען ארויס אויף'ן פעלד שפּאצירען.

„טהוט דיר אזוי באנג נאך דיין פאטער?" האט ער געפרעגט.

„ניין."

„וואס דען ערגערסט דוא דיך אזוי שטארק?"

„מיר טהוט ניט באנג נאך איהם," האט זיא געענטפערט. „דיא וואהרהייט איז, דאס יעדעס מאל וואס איך ערָאינער מיך, אז ער איז טויט, שפּיר איך גראדע וויא א לאסט פאלט מיר ארונטער פון מיין ברוסט. דוא, אנטאָן, ווייסט אמ־בעסטען, וויפיעל צרות איך האב פון איהם אויסגעשטאנען."

„איך ווייס."

„איך האב קיין חרטה ניט וואס איך האב פערשאַכט זיין טויט. נאָר מיין צושטאנד מאכט מיך זעהר אונגליקליך..."

„איך ווייס, נאַיז, איך ווייס אלעס," האט אנטאָן בעמערקט טרייסטענדיג. „אָבער זייא ניט קיין נאר. דארפסט דיך אום קיין מענשען ניט קימערן. ווען דיא צייט וועט קומען דוא זאָלסט האבען דאס קינד, וועסטו קיינעם ניט מוזען אָבגעבען [illegible]"

„דאס ווייס איך, אָבער וואס וועט מען זאָגען אין דער נאכבארשאפט ?"

„דערפאר האב איך דאָך דיך געראטהען, מיר זאָלען זיך פריהער פערהייראטהען און דאן זאָל עס הייסען, אז דאס קינד איז מיינס."

„ניין, דאס קען ניט זיין."

דיא ארמע נאָז האט אָנגענומען אנטאָנ'ס גרויסע האנד און זיא געדריקט, טורמלענדיג:

„איך דאנק דיר, מיין פריינד, פאר דיין גוטער מיינונג, אָבער איך קען דיך פריהער ניט הייראטהען, ביז איך וועל ניט זיין פרייא פון אלעס. דאס קינד... דאס קינד...."

זיא האט מעהר ניט געקענט רעדען, ווייל דיא טרערען האבען דערשטיקט איהר שטימע.

מיט איינינע נעכט שפעטער, האט נאָז שפאצירט נעבען ברעג פון ים און געקוקט אויפמערקזאם אויף דעם פלאטץ וואו דער פעלזען איז ארונטער געפאלען. זיא האט געהאט א דאָפעלע עראינערונג; ערשטענס איבער איהר ערשטער און אונשולדיגער ליעבע, און צווייטענס איבער איהר פאטער'ס טויט.

דאן האבען איהרע אויגען געוואנדערט צו דער ערד, און זיא האט אויסגעזוכען עפעס צו זוכען אין דער דונקעלהייט. פלוצלינג האט זיא זיך אָבגעשטעלט נעבען א שטיין און איהם אויפמערקזאם בעטראכט, גלייך וויא זיא וואלט איהם אָבגעוואויגען מיט איהר בליק. דאן האט זיא זיך אָנגעבויגען און פראָבירט אויפצוהייבען דעם שטיין. אָבער ער איז געוועזען צו שווער פאר איהר. דער שטיין האט געוואויגען א 400 פונט און זיא האט איהם בלויז געריהרט פון פלאטץ.

„צו שווער," האט זיא געמורמעלט.

זיא איז געגאנגען ווייטער און זיך אָבגעשטעלט בייא א קלענערן שטיין. נאכדעם וויא זיא האט דיעזען בעטראכט א קורצע צייט, האט זיא געמורמעלט:

„טאנטע שארלאָט האט מפיל געוועזען בלויז פון אויפהייבען א 200 פונטיגען שטיין. דער וועגט מעהר. לאָמיר זעהן וואס מיט מיר וועט זיין."

זיא האט זיך אָנגעבויגען און נאך שווערער מיה האט זיא אויפגעהויבען דעם שטיין מיטביידע הענד און איהם געהאלטען עטליכע סעקונדען אָנגעשפארט אויף איהר בויך. דאן האט זיא איהם אָבגעלאָזען און איז צוריק געשפרונגען אויף א פאאר שריט, כדי דער שטיין זאָל ניט טרעפען אויף איהרע פיס. דער שטיין איז צוריק געפאלען מיט א דומפפען קראך אין זאמד.

„אך ו!“ האט נאַיז לייכט אויסגעשריען לייגענדיג דיא האנד אויף איהר קרייץ.

א העפטיגער שמערץ האט דורכגעשאָסען איבער איהר גאנצען קערפּער.

זיא איז געבליעבען שטעהען אויף אייניגע אויגענבליקען און זיך ניט געקענט ריהרען. דער שמערץ האט אָבער אויסגעזעהן לאנגזאם נאכצולאָזען, דען זיא האט זיך באלד וויעדער בעוואוינגען און איז ווייטער געגאנגען.

זיא האט זיך אומגעווענדעט און איז צוגעגאנגען צו דעם ערשטען גרויסען שטיין. זיא האט איהם בעטראַכט אייניגע אויגענבליקען, דאַן זיך אָנגעבויגען און האט איהם קוים ארום גענומען מיטביידע הענד.

נאַיז האט אָנגעשטרענגט אַלע איהרע קרעפטען; איהרע פיס האבען זיך טיעף אייגגעגראָבען אין זאמד, און דאַן, נאך גרויסער בעמיהונג האט זיא דעם אונגעהייער שווערען שטיין אויפגעהויבען. אָבער ניט שטארק הויך פון דער ערד, בלויז אויף א שפּאַן. זיא האט דעם שטיין אָבגעלאָזען און איז ארויף געפאלען אויף איהם מיט איין אויסגעשרייא פון שמערץ.

דאַן האט זיא געגעבען א טיעפען זיפץ און איז אומגעפאלען אויף'ן גראָז אָהנמעכטיג.

דיא אָהנמאַכט האט אויף א היבשער צייט געדויערט פון איהר דאס שוידערהאפטע געפיהל פון א פירכטערליכען שמערץ.

ווען זיא האט ערוואכט, איז זיא געלעגען מיט א העלפט פון איהר געזיכט אין זאמד און זיך ניט געקענט ריהרען.

איהר גאנצער קערפּער איז געווען וויא אָבגעשטאָרבען, און איהר קרייץ האט זיא געשפירט וויא איבערגעבראָכען. אין בויך האט זיא געפיהלט א שטעכענדע און שניידענדע וועהטאג און איהר גאנצעס לייב איז געווען בעדעקט מיט א קאלטען שוויס. זיא האט פעסט צוזאַמענגעדריקט איהרע צייהן פאר שמערץ, אָבער זיא האט ניט געקרעכצט מעהר.

דאס קיהלע וועטער און דיא פרישע לופט פון דעם ים, האט זיא עטוואס געשטארקט, און נאך א שטונדע צייט, האט זיא פּרובירט זיך אויפצוהייבען. נאך שווערער מיה, איז איהר געלונגען זיך אויפצושטעלען אויף דיא פיס.

ווען נאַיז איז אהיים געקומען, איז שוין איהר מוטער לאנג געשלאָפען. אנטאָן איז אָבער נאך געזעסען פאָרענט אויף א באנק און זיא ערווארטעט.

„וואו ביסטו געווען, נאַיז?“ האט ער געפרעגט. „איך האב דיך ארום געזוכט איבעראל.“

זיא האט געמורמעלט איין אונפערשטענדיגען ענטפער, און איז אריין אין הויז. זיא האט זיך באלד אריינגעלייגט אין בעט.

„דוא ביסט זעהר קראנק,“ האט אנטאן געזאגט איהר נאכגעהענדיג.

„ניין, איך בין ניט קראנק,“ האט זיא געענטפערט. „געה שלאפען, ווען איך וועל שלעכט פיהלען, וועל איך דיך רופען. געה ארויס, איך בעט דיך, איך וויל רוהען.“

וויא א געהארזאמער הונד, האט דער הארבאטש בעפאלגט איהרע ווערטער און איז ארויס געגאנגען.

נאיז איז געלעגען זעהר שפעט אין בעט אויף'ן אנדערן טאג, נאר אום מיטאג־צייט איז זיא ארונטער געגאנגען און האט ביז אבענד געארבייט אונגעהייער פיעל. זיא האט געוואשען וועש, פערקנעטען ליים אבצושמירען דיא ווענט אין דרויסען און געקאכט נאכט־מאהל.

ווען עס איז דונקעל געווארען איז זיא אוועק, און אויסגעמיעדען קיינער זאל ניט זעהן וואוהין זיא געהט.

ווען זיא האט געגרייכט צום ברעג פון ים, האט זיא נאך אמאל אויפגעזוכט דעם גרויסען שטיין, און זיך וועלענדיג אנבייגען צו איהם, איז זיא אומגעפאלען וויא דורכגעשאסען מיט א קוגעל.

א פירכטערליכער שמערץ האט געוויטהעט אין איהר קרייץ און אין בויך און זיא איז געלעגען אויף'ן זאמד גאנץ הילפלאז. דער שמערץ האט צייטענווייז נאכגעלאזען, אבער זיא האט זיך נאך אימער ניט געקענט ריהרען. ענדליך האט זיא זיך דאך אויפגעהויבען אויף א פאאר סעקונדען, אבער זיא האט זיך געמוזט צוריק לייגען.

דאן האט זיא אנגעפאנגען צו שפירען, אז דיא פרוכט פון איהר ליעבע, געהט אויף דער וועלט פאר דער צייט.

„דאך געווירקט,“ האט זיא געמורמעלט האלב דערפרייט, שפירענדיג, אז זיא ווערט בעפרייעט פון דעם קינד אונטער איהר הערצען.

ווען זיא האט דאס קינד געבוירען, האט זיא זיך אויפגעזעטצט, און ביים שוואכען שיין פון דער לבנה מיט דיא שטערען, האט זיא דאס אנגעקוקט.

„טויט, עס איז טויט,“ האט זיא געמורמעלט ציטערענדיג.

דער שמערץ האט כמעט אין גאנצען נאכגעלאזען, אבער זיא איז געווען זעהר שוואך. זיא האט געשפירט א גרויסען דורשט, און טאפענדיג מיט דיא הענד ארום

זיך, האט זיא אָנגעטאפּט איינעם פון די מעהרערע קוואַלען וואס האבען דאָרט געפּלאָסען פון דעם זאמד. זיא האט זיך צוגערוקט און אָנבייגענדיג איהר קאָפּ, האט זיא געטרונקען פון דעם וואסער וואס האט איהר ערפרישט.

נאָיז האט זיך אָנגעלעהנט אויף ביידע הענד און זיך אויפגעהויבען, מיט־נעהמענדיג דאס טויטע קינד אין איהר אונטער־קלייד וואס זיא האט אויסגעצווינגען. זיא האט זיך עטליכע מאל ארום געקוקט, דאן האט זיא זיך פאָרזיכטיג דער־נעהנטערט צום ים.

זיא האט נאך אמאל א קוק געגעבען אויף דעם טויטען קינד, און נאכדעם האט זיא דאס אריינגעוואָרפען אין וואסער. דער וואָרף האט צוריק געשפּריצט אביסעל וואסער אויף איהר געזיכט, און בליקענדיג ווייטער, האט זיא געזעהען וויא די וועללען האבען דאס קינד אוועק געטראָגען ווייטער, און דאן האט דער ים איינגעשלונגען זיין אָפּפער.

נאָיז האט אויפגעשווידערט און האט זיך אָבגעווענדעט צוריק. אָבער זיא איז נים פיעל געגאנגען, דען איהר קאָפּ האט אָנגעפאנגען צו רוישען און זיא איז אומ־געפאלען אָהנמעכטיג.

מיט 15 מינוטען שפּעטער, האט אנטאָן געפונען נאָיז'ן ליעגענדיג האלב טויט אויף'ן זאמד.

„נאָיז!" האט ער אייסגעשריען ערשראָקען, „וועה איז מיר, וואס האט מיט דיר פּאסירט?"

זיין שטימע האט זיא אויפגעוועקט.

„דוא ביסט עס, אנטאָן? מיין פריינד!" האט זיא געפרעגט.

„יא, איך בין עס. וואס טהוסטו דאָ?"

„גאר נים. איך בין געשלאָפען."

„קום אהיים, דוא וועסט דיך פערקיהלען."

„איך קען נים. איך בין זעהר שוואך."

דער האָרבאטש האט בעטראכט נאָיז'ן מיט א בליק וואס האט אָנגעציינט, אז ער מעסט זיא אָב, אום צו וויסען וויא אזוי ער זאָל זיא קענען טראָגען אויף זיינע האָרבאַטע פּלייצעס.

„איך וועל דיך טראָגען אהיים", האט ער געזאגט.

„נעה דוא נאר, דוא קענסט נים," האט זיא געענטפערט. „דוא ביסט א שוואכער קאליקע."

אנטאָן איז געבליעבען שטעהן פערצווייפעלט.

 4

„פריינד,“ האט זיא געמורמעלט, „בעמיה דיך ניט אום מיר, ווייל איך האב עס ניט ווערטה.“ דוא ביסט איין עדלער מענש און איך בין איין אונגליקליכע לייבטזיניגע. לאז מיך דא צורוה ביז עס וועט מיר בעססער ווערען.“

„נאיז, אום גאטעס ווילען! וואס איז געשעהען? איך זעה, ביים בלאססען שיין פון דער לבנה, אז דיין געזיכט איז ווייסער פון דיא קאלך־שטיינער. איך וועל לויפען רופען הילפע.“

„ניין, ניין, אנטאן, דוא זאלסט ניט געהען. בלייב דא. זעטץ זיך נעבען מיר.“

אנטאן האט זיך געזעטצט, און געהאלפען נאיז'ן אויפהייבען דעם קאפ, ועלבען זיא האט אוועק געלייגט אויף זיין שויס.

איהרע צעפ זיינען געוועזען אויפגעפלאכטען און נאס פון דעם קאלטען שוויים וואס האט זיא בעשלאגען. אנטאן האט געשפירט, אז זיא ציטערט. ער האט ארונטער גענומען זיין ראק און זיא איינגעוויקעלט.

דער ראק איז נאך געוועזען א ווינטעריגער און דאס האט נאיז'ן איינגעווארעמט אביסעל.

אנטאן האט געוואגט צום ערשטען מאל זיך צו צובייגען און אבפרעסען זייגע ליפען אויף נאיז'עס שטערען.

זיא האט געעפענט דערבייא דיא אויגען און געשמייכעלט.

„וואס איז געשעהן?“ האט ער געפרעגט, קריענענדיג מעהר מוטה.

„איך האב געהאט א קינד,“ האט זיא געענטפערט גאנץ רוהיג.

„א קינד? וואו?“

„אט דא, אויף דיעזען פלאטץ.“

„וואו איז עס?“

„עס איז אוועק.“

„אוועק? ווער? וואוהין?“

„אין ים.“

„וואס הייסט אין ים?“

„איך האב דאס אהין אריין געווארפען.“

דער פראסטער אנטאן, וואס האט ניט גענאסען קיין אוניווערזיטעטס בילדונג, וועלבער האט קיין אומגאנג געהאט אין דער געבילדעטער געזעלשאפט, איז אויפ־געציטערט געווארען הערענדיג, אז נאיז האט ערמארדעט איהר קינד.

„וועה איז מיר!" האט ער אויסגעשריען. „דוא האסט ערמאָרדעט דיין קינד?"

„ניין, איך האב עס ניט ערמאָרדעט," האט זיא געענטפערט ציטערענדיג. „דאס קינד איז געבוירען געוואָרען טויט, און אום עס זאָל מיר ניט שטעהן אין וועג, האב איך עס אריין געוואָרפען אין וואסער. עס איז בעסער אזוי, אנטאָן, איך וועל יעטצט זיין פרייא, און איך וועל מיט דיר הייראטהען אָהנע צו ברענגען א פרעמד קינד."

„אבער וויא אזוי האסטו געבוירען דאס קינד דאָ?"

„מיט געוואלט, מיט געוואלט..." האט זיא געמורמעלט מיט א דערשטיקטער שטימע. זעהסטו יענעם שטיין דאָרט? נעכטען האב איך איהם אויפגעהויבען, און דאס האט ארויס געריסען דאס קינד... יעטצט בין איך לויז, יעטצט בין איך פרייא... קיינער וועט ניט וויסען, און ניעמאנד וועט מיך פעראכטען... יא, יא, אנטאָן, נאָר דוא אליין ווייסט, זאָגסט וויים קיין מענש דאריבער."

אנטאָן האט פערשטאנען.

„אָבער וויא אזוי קומט מען אהיים?" האט זיא ווייטער געפרעגט. „איך פיהל מיך אזוי שוואך, אז איך קען מיך ניט ריהרען. אך, אנטאָן, ווען דוא זאָלסט זיין א שטארקער מענש, וואָלסטו מיך יעטצט אָבגעטראגען אהיים."

„איך בין שטארק, נאַין!" האט דער הארבאטש אויסגעשריען בעגייסטערט. „איך בין זעהר שטארק. דוא וועסט זעהען. איך וועל דיך טראָגען אויף מיינע שולטער. פאס נאָר אביסעל מעהר מוטה און לאָז דיך, איך זאָל דיך נעהמען אויף מיינע פלייצעס..."

נאַיז האט נאָר ניט געענטפערט. ווען אנטאָן האט זיך צו איהר אומגעקוקט, איז זיא געלעגען מאכטלאָז. זיא האט ווידער געחלש'ט.

אָהנע פיעל צייט צו פערלירען, האט אנטאָן צערטליך ערגריפען נאַיז'עס אויסגעמאָגערטען קערפער, און מיט א קראפט וואס מען וואָלט איהם ניט געקענט טרויען, האט ער זיא אויפגעהויבען פון דער ערד, און ארויף געלייגט אויף זיינע שולטער, און אָנגעפאנגען צו טראָגען.

ער איז אנפאנגס געגאנגען שנעל, אָבער דיא לאַסט האט איינגעבויגען זיין קערפער און זיינע טריט זיינען געוואָרען לאנגזאמער. נאַיז'עס פיס האבען בעריהרט דיא ערד, און דאס האט שטארק געשטערט זיין גאנג ארויף דיא פעלזען.

אָבער ער איז ניט געבליעבען שטעהן. ער האט אונגעהייער געסאפעט, נאָר

ער איז נעגאַנגען פאָרוועוטס, ביז ער האָט ענדליך ערייכט דעם פלאַכען באָדען ראַנד איז ער צוזאַמענגעפאַלען מיט נאַיז'ן אויף זיך.

נאַיז האָט ערוואַכט.

„וואו בין איך?" האָט זיא געפרעגט.

דער אַרמער האָרבאַטש האָט ניט געקענט ענטפערן.

„אַנטאָן!" האָט זיא געמורמעלט. „דוא ביסט עס?"

„יא," האָט ער אַרויס געשטאַמעלט.

נאַיז האָט זיך בערוהיגט און איז אַליין אַרונטער פון זיין קערפּער.

„האָסט מיך געטראָגען?" האָט זיא געפרעגט.

„יא, נאַיז, איך האָב דיך געטראָגען. לאָז, איך וועל מיך נאָר אויסרוהען אביסעל, און דאַן וועל איך דיך ווייטער טראָגען."

„ניין, ניין, איך קען שוין געהען," האָט נאַיז געענטפערט, און אַנטאָן, וועלכער האָט זיך קוים אויפגעהויבען פון דער ערד, האָט איהר געהאָלפען אויפשטעהען.

נאַיז האָט איהם פעסט אַרום גענומען, און האַלב געהענדיג, האַלב טראָגענדיג, האָט אַנטאָן ענדליך אַהיים געבראַכט דיא אונגליקליכע.

„פיהר מיך אַריין אין מיין צימער," האָט זיא געזאָגט, „און זעה דיא מאַמע זאָל ניט וויסען וואָס עס איז געשעהען."

„יא, יא," האָט ער געענטפערט.

ער האָט זיא אַריינגעבראַכט אין צימער.

מוטער ניקאָלין איז דאַמאַלס געווען אין הויף, וואו זיא האָט אויסגעהאַנגען דיא וועש, וואָס נאַיז האָט דעם גאַנצען טאָג געוואַשען.

„דיא מויד איז נאָך נישטאָ;" האָט דיא אַלטע אויסגעשריען אַריינקומענדיג.

זיא האָט בעמערקט דיא טהיר פון נאַיז'עס צימער שטעהענדיג אָפען.

„שוין אַהיים געקומען?" האָט זיא געפרעגט זיך מערקענדיג, אַז נאַיז האָט צוריק געקעהרט.

„יא, יא, נאַיז איז דאָ," האָט אַנטאָן געענטפערט, „אָבער זיא איז זעהר קראַנק."

„קראַנק? וואָרום? וואו איז זיא געווען?"

אַנטאָן האָט דערווייל אָנגעצונדען א ליכט און מוטער ניקאָלין, וועלכע האָט

זיך געוואָלט בייטערן, אין פּלוצלינג שטיל געוואָרען, ווען זיא האט דערזעהען איהר טאָכטער'ס טויט־בלאַסעס געזיכט.

„וואס איז מיט דיר, נאַין?" האט זיא געפרעגט.

„גאר ניט, מאמע, עס וועט פאַראיבער געהען."

נאַין איז אָבגעלעגען א גאַנצע נאַכט אין א ברענענדעס פיעבער. מוטער ניקאָלין האט געוואַכט גאַנץ שפּעט איבער איהר, אָבער פארטאָג איז זיא איינגעשלאָפען. אַנטאָן איז ניט געשלאָפען און ניט אָבגעטרעטען פון איהר בעט.

„ווייסטו, אַנטאָן," האט נאַין געמורמעלט פון היטץ. עס איז גוט געווען וואס אונזער פּלאַן איז געלונגען. מיין טאַטע איז טויט? האסטו געזעהען וויא זיין קערפּער איז צעררייסען געוואָרען? אַך, וויא ער פּלעגט מיך שלאָגען! ער האט געוואָלט ערמאָרדען פערנאַנד'ן, וועלכען איך האב אַזוי שטארק ליעב... ווען דער טאַטע איז טויט, וועל איך מיך נאָך אמאל קענען בעגעגענען מיט פערנאַנד'ן... אָבער פּלוצלינג האב איך אָנגעהויבען צו שוואַנגערן; דאס האט מיך געמאַכט מיאוס און העסליך... איך מוז פּטור ווערען פון דעם קינד, דאַן וועל איך ווידער זיין שעהן, און פערנאַנד וועט צו מיר קומען, און מיר וועלען אויפזוכען איין אנדערן אָליווען־בוים... דענקסטו, אַז פערנאַנד ליעבט מיך ניט? און וואס ווערט דערפון? אָבער איך ליעב איהם! און ער האט מיך אויך ליעב, ווען איך בין שעהן און שטארק... יא, יא, ווען איך שוואַנגער מעהר ניט, וועל איך זיין שעהן... אין מאָנאט יולי וועט ער ווידער קומען, און ביז אהין וועל איך זיין שעהן און געזונד... וואס מאַכט עס דיר פאר איין אונטערשיעד? דוא, אַנטאָן, האסט דאָך מיך אַזוי ליעב, אַז דוא וועסט מיר ניט שטערען מיין פערגניגען.... ביסטו דען ניט צופריעדען, איך זאָל זיין דיין פרוי און מיך אויך אונטערהאַלטען מיט פערנאַנד'ן? מאדאם ראָסטאַנד טאָר פון קיין זאַך ניט וויסען, ווייל זיא וועט דאַן פאַרווירפען מאַכען איהר זוהן... דוא פערשטעהסט..."

דיא אַנשטרענגונג פון רעדען, האט ווידער פעראורזאַכט איין אָהנמאַכט מיט א קאַלטען שוויים, וואס האט אַרויס געבראַכט א קלעפּעדיגע נאַסקייט אויף איהר גאַנצען קערפּער.

אַנטאָן איז געווען פערצווייפעלט. ער האט פערשטאַנען, אַז נאַין איז אין גרויסער געפאַהר, און ניט געוואוסט וואס ער זאָל טהון.

ווען נאַין האט ערוואַכט, זיינען איהרע שווארצע אויגען געווען צוויא מאָל אַזוי גרויס וויא פריהער, און אויף איהרע בלאַסע ליפּען האט זיך בעוויעזען א מיעדער שמייכעלע.

דאס פיעבער איז אוועק און זיא איז געווען גאנץ רוהיג.

„איך בין זעהר שוואך, אנטאָן,“ האט זיא געמורמעלט אָנגעהמענדיג זיין האנד.

„וואס זאָל איך טהון?“ האט ער געפרעגט.

„גאר ניט.“

זייער געשפרעך איז אונטערבראָכען געוואָרען, ווען א דראָשקע איז צוגע־פאָהרען אין פראָנט פון הויז.

„ווער איז דאָרט?“ האט נאָיז געפרעגט.

אנטאָן איז צוגעגאנגען קוקען.

„עס איז דער אַלטער מאָנסיע ראָסטאַנד מיט זיין זוהן“, האט אנטאָן אָנ־געצייגט.

„פערנאַנד?“ האט זיא געפרעגט ערפרייט.

די טהיר האט זיך געעפענט און ראָסטאַנד מיט זיין זוהן זיינען ער־שיענען.

דעם אַלטען ראָסטאַנד'ס אויגען זיינען געפאַלען אויף דאס בלאַסע געזיכט פון נאָיז'ען, וועלכע ער האט ניט דערקענט.

„וואו איז מוטער ניקאָלין?“ האט ער געפרעגט. „און וואו איז נאָיז?“

פערנאַנד האט יא דערקענט נאָיז'ן, אָבער ער האט גאר ניט געזאגט.

מוטער ניקאָלין האט ערוואכט פון דעם גערויש.

„אך!“ האט זיא אויסגעשריען איבערראַשט. „עס איז מאָנסיע ראָסטאַנד! מיין טאָכטער איז זעהר קראַנק.“

ראָסטאַנד האט אין קורצע ווערטער ערקלערט, אז ער מוז פערבלייבען אין לא בלאַנקאַרד עטליכע טעג, און מוטער ניקאָלין זאָל געהען אויפשליסען די זומער וואָהנונג. דאן האט ער זיך געווענדעט צו נאָיז'ען, און זיא געפרעגט וואס עס פעהלט איהר.

נאָיז האט געזאגט, אז זיא איז קראַנק און וויים ניט די אורזאכע.

„האט מען גערופען א דאָקטאָר?“ האט מאָנסיע ראָסטאַנד געפרעגט.

„ניין,“ האט דער האָרבאַטש געענטפערט.

„מען דאַרף ניט קיין דאָקטאָר,“ האט נאָיז געמורמעלט.

מאָנסיע ראָסטאַנד האט זיך אָבגעווענדעט, און ערקלערט, אז ער וועט שיקען דעם טרייבער פון דער דראָשקע נאך מארסייל פון דאָרט ברענגען א דאָקטאָר.

פערנאנד איז נאך פערבליעבען א פאאר מינוטען אין צימער, אום צו פרעגען אנטאָנען וואס עס איז געשעהען.

„זיא האט געבוירען א קינד,“ האט אנטאָן איהם ערקלערט נאָר זאָל ניט הערען. „אייער קינד האט זיא געבוירען.“

„און וואו איז דאס קינד?“ האט פערנאנד געפרעגט ערשראָקען.

„אריין געוואָרפען אין ים.“

פערנאנד האט פרייא אויפגעאטהעמט.

„ווייס נאך ימאנד דערפון?“ האט ער ווייטער געפרעגט.

„ניעמאנד אויסער איך און זיא.“

„דאן מוז מען ברענגען א דאָקטאָר זיא צו רעטען,“ האט פערנאנד ווייטער ערקלערט.

ווען ער איז ארויס אין דרויסען, האט ער געהערט זיין פאטער'ס לעטצטע ווערטער צום טרייבער:

„זאָגט דר. דאנטאָן, אז איך רוף איהם אהער. ער זאָל זאָפאָרט קימען, און איך וועל איהם בעצאָהלען פאר דעם וויזיט. ער זאָל קיין אויגענבליק פער־זאמען.“

„יא, יא, קיין אויגענבליק פערזאמען,“ האט אויך פערנאנד ווידער־האָלט.

פאטער און זוהן זיינען אריין אין זייער זומער וואָהנונג, און בעשלאָסען זיך פריהער אביסעל אויסצורוהען פון דעם וועג.

פערנאנד האט ניט געקענט רוהען, און ערקלערט דעם פאטער, אז ער געהט ארויס אביסעל צום ים.

„יא, יא, געה,“ האט מאָנסיע ראָסטאנד געזאגט. „זעה, פיעללייכט ועסטו קענען בעשטעלען פאר אונז עפּעס עסען בייא א שכן, ווייל מוטער ניקאָלין האט יעטצט צו טהון בייא איהר טאָכטער.“

נאָיז האט דערווייל געקריגען א בלוט־שטורץ, און זיא האט איהר מוטער ניט געוואָלט זאָגען דאריעבער.

דאס פיעבער האט צוריק געטרעטען און זיא איז בלויז געבליעבען ליעגען שטארק אָבגעשוואכט.

ווען מוטער ניקאָלין איז ארויס פון צימער, האט נאָיז צוגערופען אנטאָנען.

„אנטאָן, מיין פריינד,“ האט זיא געמורמעלט. „זייא האבען געשיקט ברענגען א דאָקטאָר, האסטו געזאָגט?“

„יא, נאַיז.“

„עס וועט שוין זיין צו שפּעט.“

„ניין, ניין נאַיז, דוא וועסט לעבען און געזונד ווערען....“ האָט אַנטאָן גע־שטאַמעלט, וועהרענד דיא טרעהרען זיינען געלאָפען פון זיינע אויגען.

„וויין ניט, נאַר,“ האָט זיא געענטפערט. „וויין ניט. וואָס איז דאָ צו וויינען? איך האָב אויך געמיינט, אַז איך וועל לעבען, נאָר עס איז ניט אַזוי. הער, איך וויל דיך עפּעס בעטען.“

„איך וועל אַלעס טהון פאַר דיר.“

„געה אַרויס און זוך אויף פערנאַנד׳ן. זיין פאָטער דאַרף דערפון ניט וויסען. זאָג איהם, אַז איך האָב איהם געבעטען, ער זאָל אַהער אַריינקומען. ווען דוא וועסט איהם זאָגען, אַז איך ליעג אַם שטערבען, וועט ער קומען.“

ווען אַנטאָן האָט איבערגעגעבען פערנאַנד׳ן נאַיז׳עס וואונש, האָט דער יונגער מאַן אַנפאַנגס געצעגערט, נאָר ענדליך האָט ער איינגעשטימט אַריין צו געהען אין נאַיז׳עס צימער, און אַנטאָן זאָל אויפּפאַסען ניעמאַנד זאָל זיך אונטערהערען צו זייער געשפּרעך.

נאַיז האָט בעגריפען, אַז זיא האָט ניט פיעל צום לעבען, נאָר ווען זיא האָט ערבליקט פערנאַנד׳ן, האָבען איהרע אויגען אויפגעגלאַנצט.

„דוא ביסט געקומען?“ האָט זיא געפרעגט. „גוט, גוט, איך דאַנק דיר. קום אַהער נעהנטער.“

ער איז צוגעגאַנגען און איהר געגעבען זיין האַנד, וועלכע דיא שטערבענדע האָט צוגעפיהרט צו איהרע ליפען.

„פערנאַנד, מיין הערצענס־געליעבטער!“ האָט זיא געמורמעלט. „דוא ווייסט נאָר ניט וואָס איך האָב צוליעב דיר געאָפּפערט. איך האָב געפּלאַנט צו ערמאָרדען מיין פאָטער, און איך האָב איהם אויך ערמאָרדעט...“

„וואָס רעדסטו, נאַיז?“ האָט פערנאַנד אויסגעשריען. ער האָט זיך אָבער באַלד בערוהיגט, מיינענדיג, אַז זיא פאַנטאַזירט.

„יא, יא, איך האָב איהם ערמאָרדעט,“ האָט זיא פאָרטגעזעטצט. „אָבער וואָס מאַכט עס אויס? ער איז דאָך געוועזען אַ שלעכטער מענש... דאַן האָב איך איהם געוואָלט הרג׳ענען, כדי ער זאָל דיך ניט הרג׳ענען... געדענקסטו דיא גע־שיכטע מיט׳ן שיפעל פון זענגלען געגען דעם ווינט? ער האָט דאָס אַבזיכטליך גע־טהאָן, ווייל ער האָט דיך געוואָלט דערטרינקען... דאַן האָט ער דיך געוואָלט

שיסען, און איך האב איהם ארויס געריסען די בּיקס... יעמצט האב איך געוואָלט זיין שעהן צוליעב דיר, און איך האב מיט געוואלט ארויס געריסען דאס קינד פון מיר... פערצייהע, פערנאַנד, איך האב דיך זעהר שטארק געליעבט... קיינער וועט ניט וויסען... קוש מיך נאך איינמאל איידער איך שטאַרב...״

פערנאַנד האט זיך צוגעבויגען און זיא געקושט אויף איהר שטערן. איהרע גרויסע אויגען האבען זיך שטארק געעפענט, און אויף איהרע ליפּען האט זיך בּעוויזען א מונטערער שמייכעל פון דאנקבּארקייט. דאן האט איהר קערפּער זיך אויסגעצויגען, א שטארקען ציטער געטהאָן, און איז געבּליעבּען ליעגען טויט מיט דעם שמייכעל אויף איהרע ליפּען.

פערנאַנד האט שנעל אַריינגערופען מוטער ניקאָלין מיט אנטאָנען און ער האט פערלאָזען דאס צימער.

ער איז אריין צום דאָקטער און איהם מיטגעטהיילט, אז נאָיז איז גע־שטאָרבען.

„שאדע, זיא איז געווען א בּראווע מעדכען,״ האט מאָנסיע ראָסטאַנד בּע־מערקט.

ווען פערנאַנד האט שפּעטער נאכגעדענקט איבּער אלעס וואס עס האט פּאַ־סירט, האט ער צו זיך אליין געמורמעלט:

„מערקווירדיג! וויא זיא האט זיך געענדערט! און דאך ניט מעהר וויא א דאָרפס־מיידעל — א דאָרפס־מיידעל...״

7טעס קאַפּיטעל.

נאַטירליך האט מאַדאַם ראָסטאַנד געהאט די חוצפּה דעה אויסצוזוכען פיר איהר זוהן א כלה. פערנאַנד, וויא א גוטער און געהאָרזאמער זוהן, האט בּעדאַרפט הערען, זעהן און שווייגען.

איבּריגענס, וואס איז איהם אָנגעגאַנגען? א ווייב איז א ווייב. געלד, נחת און פערמעגען, האבען זיינע עלטערן געגעבען, און אזוי וויא זייא קאָסט עס אזוי טהייער, ווערלען זייא געווים וועלען זייער זוהן זאָל האבען א פּאַסענדע פּרוי. מען ניט דאך ניט אוועק אומזיסט קיין געלד פאר קיין סחורה!

באלד נאך די אָסטער־פייערטאגען, איז מאַדאַם ראָסטאַנד און איהר זוהן אוועק געפאָהרען נאך ב. צו דעם דאָרטיגען גוטס־בּעזיצער, אָנצוקוקען פריילין נינאָן, „די שעהנע רויז.״ וויא מען האט זיא גערופען אין דער גאנצער געגענד.

נינאָן איז ווירקליך געווען א וואונדער־שעהנעס מעדכען; דערצו אויך זעהר געבילדעט און האט פערשטאַנען גוט מוזיק. איהר פאטער איז שולדיג געווען מאַנסיע ראָסטאנד א היבשע סומע געלד, און מען האט בעהויפטעט, אז נינאָן וואָלט ניעמאלס איינגעשטימט צו דיעזען שידוך, ווען זיא וואָלט נים געוואוסט, אז פון איהר „ניין" אָדער „יא" הייננט אָב זיין אונגליק אָדער גליק.

פערנאַנד איז געווען איבערראשט. ער האט אויך ניעמאלס געזעהן אזא שעהנעס מעדכען.

וויא ער האט זיא נאָר ערבליקט, האט ער באלד אָנגעפאַנגען מיט זיינע אויגען אָבמעסטען איהר טאַליע, איהר ברוסט, איהרע שולטער און איהר הויכקייט. לויט זיין ערפאהרונג אונטער פרויענצימער, האט ער זיך געטראַכט, אז זיא וועט קענען ערפילען זיין וואונש נאָך מעהר וויא ער האט זיך פאָרגעשטעלט.

זייא האבען ביידע געשפראָכען. אין איהר טאָן איז געלעגען א פערבאָרגענע פעראַכטונג און גלייכגילטינקייט, און אין זיין האלטונג איז געלעגען דיא אויפרעגונג פון דער בעסטיע. ער האט אין איהר געליעבט דאס ווייבליכע, און זיא האט איהם געהאסט, ווארום ער איז ערשיענען צו שטערען איהרע לעבענס־פּלענער.

ניין, נינאָן האט זיך קיינמאל נים פאָרגעשטעלט אזא מענשען אלס איהר מאַן.

האט דאס מאדאם ראָסטאנד אויך בעקימערט? דאס קען מען נים בעד שטימען. אָבער ווען יא, מאַכט עס אויך נים אויס.

„שאדעט נים." האט זיא זיך געטראַכט. „זייא וועלען זיך שוין איינפערשטעהן נאָך דער חתונה.

דער יחוס־שידוך, דאס הייסט דיא פאַמיליע ראָסטאנד, האט נים געוואָלט פיעל ווארטען, און נאכדעם וויא מען האט געפייערט א שעהנע פערלאָבונג, האט מיט 2 וואָכען שפּעטער שטאַטגעפונדען דיא חתונה אין א.

נינאָן האט אונגעהייער פיעל געליטען אין דער ערשטער צייט, נאָר זיא האט איהר שמערץ בעהאלטען. זיא פלעגט אָבזיטצען שטונדען־לאנג און טראַכטען.

וואס האט זיא געטראַכט?

זיא האט געטראַכט, וויא אלע פרויען פון איהר גראַד און אומשטענדען, וויא זיך נוקם צו זיין אָן דעם מאַן וואס האט געשטערט איהר גליק.

דיא טעג האבען אָנגעהויבען צו ווערען הייסער און דיא נעכט שטיקענדער. דיא פאַמיליע ראָסטאנד האט בעשלאָסען ארויס צו פאָהרען נאָך לא בלאַנקארד, און זיך אָבקיהלען בייא דיא קאַלטע וועללען פון דעם ים.

„אך, נינאָן, מיין קינד,“ האט מאַדאַם ראָססאַנד געזאָגט זיפצענדיג צו איהר שווינער־מאַכטער. „פאַריאָהרען צו דיעזער צייט, האבען מיר דאָ, אין לאַ בלאנקארד, געהאט א יונגעס מעדכען, במעט אין דיא יאָהרען פון פערנאַנד׳ן. זיא איז געוועזן יונג, מונטער און וואונדער־שעהן. נאַטירליך, זעהר אונגעבילדעט און גראָב וויא א דאָרפס־מיידעל. אָבער דאָך האט זיא געהאט איין עדעלעס הערץ. מיר האבען ביי׳ געוואָהנט דעם שרעקליכען טויט פון איהר פאטער, און, וויא עס שיינט, האט דאס זיא זעהר געערגערט, און מיט דעם אנפאנג פריהלינג איז זיא געשטאָרבען. מיין פערנאַנד איז אפילו מיט איהר צוזאמען אויפגעצויגען געוואָרען, אָבער דאָך איז ער געוועזן צו איהר זעהר אונפריינדליך. איך וועל עס מיר קיינמאל נים קענען פער־צייהען, דערפאר וואס איך האב איהם ערלויבט מיט איהר אומצוגעהן אזוי הארט. יעטצט איז זיא שוין מעהר נישטאָ. זעהסטו דאָרט ארונטער ביים פוס פון דעם גרויען פעלזען ? דאָרט רוהט דיא אַרמע נאַיו. אזוי יונג און אזוי אונגליקליך גע־שטאָרבען. אוים מיטלייד האלטען מיר נאך איהר עובר־בטל׳דיגע מוטער דאָ אין לאַ בלאנקארד. זיא וואָהנט דאָרט אין שטיבעל.“

נינאָן האט אויפגעהויבען איהרע אויגען צו איהר שווינער־מוטער און דאַן געשוויעגען. זיא האט זעלטען געמאַכט א בעמערקונג.

דאס נייע גוט וואס מאַנסיע ראָססאַנד האט געקויפט נעבען לאַ בלאנקארד, האט שוין געמוזט האבען א ספעציעלען פערוואלטער, און דערצו א מענש מיט ביּלדונג און פעהיגקייטען. אויף דער רעקאָמענדאציאָן פון נינאָן׳ס פאטער, האט ער צוגענומען זיין נעפע, א געוויסען מאַנסיע בלאַנשארד, א יונגערמאַן וואס האט גע־נאָסען א קאָמערציעלע שולע.

בלאַנשארד האט שוין איבערגענומען צו פערוואלטען אויף לאַ בלאנקארד.

ווען מאַנסיע ראָססאַנד איז ערשיענען אין זיין זומער־וואָהנונג, האט ער געשיקט רופען זיין נייעם פערוואלטער, אום צו הערען וויא עס געהט אויף זיין גוט.

בלאַנשארד איז געוועזן א יונגערמאַן פון א יאָהר 25 ; אויך מיט א בלייבעס געזיכט וויא פערנאַנד, אָבער מיט דעם איינציגען אונטערשיעד, וואס פערנאַנד׳ס געזיכט איז געוועזן בלייך פון צופיעל לומפערייא, און בלאַנשארד האט געהאט אזא געזיכט פון פיעל שטודירען אין דיא געשטאָקטע צימערן פון דער שטאָדט.

נאכדעם וויא ער האט אָבגעגעבען א גינסטיגען בעריכט, האט מאַנסיע ראָססאַנד צו איהם געזאָגט :

„אייער קוזינע, און שווינער־מאַכטער, איז דאָ, ווען איהר ווילט, קענט איהר זיך מיט איהר זעהען.“

בלאַנשאַרד'ס געזיכט איז בייא דיעזע ווערטער רויט געוואָרען און גע־ענטפערט:

„ווירקליך? זיא איז דאָ? דאַן וועל איך זיא זעהען. איך האב זיא מאַקי אויסצופרעגען וויא עס געהט אין דער היים.“

— — — — — — — — — — —

דיא פאַמיליע ראָסטאַנד האט שוין געוואָהנט דעם גאַנצען מאָנאט יולי אין לאַ בלאַנקאַרד, און פערנאַנד האט זיך זעהר פיעל בעשעפטיגט אין געהען כאַפּען פיש און שיסען רעבהיהנער.

נינאָן האט אויסגעזעהען אויסצומיידען דיא געזעלשאַפט פון איהר שווינער־מוטער און אויך פון איהר מאַן. ווען עס איז איהר נאָר מעגליך געווען צו בלייבען אליין, איז זיא געזעסען בעשעפטיגט ענטוועדער בייא איין ארבייט אָדער אין לעזען א בוך.

אבענד, ווען פערנאַנד איז געווען אויף'ן ים בעשעפטיגט מיט זיין פערגניגען פון פיש כאַפּען, איז זיא זעהר אָפט ארויס נעגאַנגען שפּאַציערען, אָבער אימער אליין. פאַר איהר שווינער־מוטער האט זיא געזאגט, אז זיא שפּאַצירט ארום הויז, אום צו ערוואַרטען פערנאַנד'ן, אָבער זיא האט אימער ווייטער אוועק געוואַנדערט צווישען דיא פעלזען.

אין א פאַרנאַכט, ווען פערנאַנד האט זיך געפונען אויף'ן ים, איז ענטשטאַנדען א שטורם. ער האט געהייסען זיין בעגלייטער רודערן צוריק צום ברעג, אָבער דער ווינט איז געוואָרען זעהר העפטיג, און אַנשטאַט צו אַנקערן געגענאיבער לאַ בלאַנקאַרד, איז דאס שיפעל צוגעקומען צו א ברעג, וואס איז געווען א היבשע שטרעקע דערווייטערט פון דאָרט.

פערנאַנד איז ארונטער געגאַנגען און אָנגעפאַנגען צו שפּאַצירען אהיים. דער הימעל איז געווען אויסגעשטערנט, אָבער דיא לבנה איז נאָך נים אויפגעגאַנגען. פערנאַנד האט בעדאַרפט פאַרבייגעהן נעבען דעם בית־עלמין, וואו פאַטער ניקאָלין און זיין טאָכטער זיינען געווען בעערדיגט.

ער איז נים געווען שטאַרק צופריעדען דערפון, נאָר ער האט קיין אנדערן ארויסוועג נים געהאַט.

דיא יעדער פיינליגע, וואס ציטערט פאַר זיין אייגענעם שאָטען, האט ער בע־

שלאָסען ניט צו קוקען אויף דעם בית־עלמין מיט דיא אתרענעלמעסינע שטיינער וואס זיינען דאָרט געשטאַנען און בעצייכענט דיא בעערדיגונגס־פּלעטצער.

אָבער טראָטץ זיין ענטשלוס, האט ער דאָך אויפגעהויבען זיינע אויגען און א קוק געגעבען, ווען ער איז צוגעקומען גאַנץ נאָהענט.

פערנאַנד'ס בלוט איז פערגליווערט געוואָרען אין זיינע אָדערן פון דעם בילד וואס ער האט געזעהען. מיט א 20 שריט ווייטער פון איהם, האט זיך פלוצלינג אויפגעהויבען א פּרויען־געשטאַלט פון הינטער א שטיין. דיא פרוי איז געווען אין ווייסען געקליידעט, און ווען זיא האט זיך אויפגעהויבען, האט זיא ארויס געלאַזען איין אונטערדריקטען געשרייא.

באלד נאכדעם איז אויך ערשיענען א מענער־געשטאַלט און צוגעשוועבט צו דער פרוי אין ווייסען. ביידע צוזאַמען זיינען באלד פערשוואונדען געוואָרען אין דער טיעפער דונקעלהייט פון דער נאַכט.

פערנאַנד איז געווען דערשראָקען, אָהנע צו וויסען דיא אורזאַכע פון זיין שרעק. ער האט געציטערט פון קאָפּ ביז פיס, און זיך געוואונשען יעמאנד זאָל איהם פון דאָרט אהיים טראָגען.

א קאַלטער שוויס האט בעשלאָגען זיין קערפער, נאָר ווען עס איז שטיל געוואָרען ארום איהם, האט ער זיך זעלבסט געשימפּפט און געמאַכט פאָרווירפע, אז ער איז א דומקאָפּף און שרעקט זיך פאר גאר ניט.

ער האט זיך זעהר אָנגעשטרענגט, אום ווייטער צו געהען, אָבער זיינע פיס זיינען געווען וויא אונטערגעהאַקט. עס האט געדויערט א היבשע צייט ביז ער איז אהיים געקומען בלאַס וויא א טויטער פאר שרעק.

נינאָן האט איהם בעגעגענט בייא דער טהיר, און מיט א רוהיגען טאָן, האט זיא איהם געפרעגט ווארום ער האט צוריק געקעהרט אַזוי פריה. ער האט איהר ערקלערט דיא אורזאַכע און איז באַלד געגאַנגען צו בעט.

— — — — — — — — — — — —

אויף'ן אנדערן טאָג האט בלאַנשארד בעזוכט לא בלאַנקארד און געהאט פאָלגענדע אונטערדעדונג מיט נינאָנען:

„האט ער דיך דערקענט?" האט בלאַנשארד געפרעגט.

„ניין."

„וואו קומט ער אהין?"

„ער האט צוריק געקעהרט זעהר פריה פון דעם ים, און עס איז איהם אויפּ־געקומען דורך יענער געגענד אהיים צו קומען."

„וויא אזוי ווייסטו דאס?"

„ער האט עס מיר דערצעהלט. ווען ער איז אהיים געקומען, בין איך שוין פריהער דארט געוועזן מיט א גוטער האלבע שטונדע. דער דומקאפ האט גערעכענט, אז ער האט געזעהן זיינע בייזע גייסטער. ער האט עס מיר דערצעהלט ביי נאכט."

„דער הארבאטער אנטאן איז ווידער ביי מיר געוועזן."

„ווירקליך?"

„יא, ער האט מיר אויך דערצעהלט דיזעלבע געשיכטע וויא דיר. יא, דיא ארמע נאין איז דורך איהם געשטארבען."

גינאן האט איינינע אויגענבליקען נאכגעדענקט, דאן האט זיא בעמערקט:

„אזוי בלייבט עס. איך מוז נאך אבווארטען ביז דער אלטער ראססאנד וועט ענדיגען מיט מיין פאטער וועגען געלד, און דאן שלאג איך מיט איהם כפרות.... אונטערדעסען, וועלען מיר זיך ווייטער בעגעגענען אויפ'ן בית־עלמין ביי נאכט, זא לאנג וויא איך וועל נאר זיין פרייא."

ע נ ד ע.

מענשליכע בעסטיעס.

מענשליכע בעסטיעס.

קאפיטעל 1.

אין דער אייזענבאהן סטאציאָן פון נעבען דער אמסטערדאם שטראסע, פאריז, האבען זיך געפונען מעהרערע וואָהנונגען וואו איינינע בעאמטע האבען געוואָהנט. דאס דירה־געלד, נאטירליך, האט דיא קאָמפּאניע אָבגעצויגען פון דעם געהאלט, אונד, מען מעג זיכער זיין, אז זיא האט גענומען א גוטען פּרייז.

דיא אַלטע וויקטאָריע, אָדער מוטער וויקטאָריע, וועלכע האט בעלאַנגט צו איינער פון דיא פאמיליען פון דיא אייזענבאהן אנגעשטעלטע, האט אין דיעזען טאָג אָבגעגעבען א צימער פאר העגרי רובאָ מיט זיין פרוי סעווערינע, וועלכע זיינען גע־קומען פון האווער נאך פאריז, אין געוויסע אנגעלעגענהייטען פון וועלכע מיר וועלען באלד ערפאהרען.

העגרי רובאָ איז געווען א תקיף; ער האט פערטרעטען דאס אמט פון אסיסטענט סטאציאָנס־מייסטער, אונד ער האט אַלזאָ אויך געהאט א רעכט איי־צושטעהן אין דער קאָמפּאניע'ס א צימער, איבערהויפּט דאן, ווען עס האט זיך גע־האנדעלט אום בעאמטען־געשעפטען.

סעווערינע, זיין יונגע פרוי, וויא עס שיינט, איז ניט געווען מיט איהם צוזאמען אין דיא לעטצטע פּאאר שטונדען, דען מיר זעהען איהם אליין בלויז אריין קומען אין מוטער וויקטאָריע'ס צימער. ער האט מיטגעבראכט א ברויט, א שטיק געטריקענטעס פלייש, סארדינען אונד א פלאַש וויין. ער האט דאס אַלעס אוועק געלעגט אויף'ן טיש, זיך אויסגעקוקט אונד דאן האט ער זיך געזעטצט ביים פענסטער ארויס צו קוקען אין דער רוישענדער שטראסע. ער איז געזעסען א היבשע צייט פערטראכט, אונד דאן האט ער אויסגעזעהן אונגעדולדיג.

ער האט געקוקט אויף'ן זייגער אונד געזעהען, אז עס איז שוין 3 אוהר נאכ־מיטאג. ער האט ערשט בעדארפט אהיים פאָהרען נאך האווער אום 6:30, אָבער זיין פרוי סעווערינע, האט שוין בעדארפט על־פּי־חשבון דארט זיין אום צו עסען מיט

איהם מיטאג וויא זייא האבען בעשלאָסען. שריט אין קאָרידאָר האבען צונעצויגען זיין אויפמערקזאמקייט, אונד ער האט אלץ געמיינט, אז סעווערינע קומט.

ער האט זיך אויפגעהויבען, ארום געשפאצירט אין צימער הין אונד צוריק, דאן איז ער געבליעבען שטעהן נעבען א שראנק, אויף איהם געקוקט, וויא גלייך ער האט געוואָלט פערטרייבען זיין אונגעדולדיגע צייט דערמיט. דערוויל האט ער זיך דער־מאָהנט, אז דיעזען שראנק, האט זיין פרוי, סעווערינע, געשענקט מיט דרייא יאָהר צוריק דער מוטער וויקטאָריע, וועלכע איז געוועזן איהר אמע.

מיט 3 יאָהר צוריק! דאס האט איהם עראינערט אן זיין הייראטה, אונד ער האט ווידער פאר זיך געזעהן דאס אנגענעהמע בילד. דאס האט נאך אנדערע גע־דאנקען אין איהם ארויס גערופען.

רובאָ, איז נעבוירען געוואָרען אין פלאַססאן, אונד זיין פאטער איז געווען א פוהרמאן. העגרי רובאָ׳ס פריהע יוגענד איז ניט געווען זעהר אינטערעסאנט, דער וויכטיגער מאָמענט פאנגט אָן פון דער צייט וואס ער איז אריין אין דער ארמעע, אונד ווען ער איז ארויס פון דער ארמעע, מיט דעם ראנג פון סערזשענט־מאזשאָר, אָדער פעלד־פעבעל. באלד נאכדעם האט ער געקריעגען דעם פאָסטען פון באנאזש־מייסטער אין מאנט, אונד שפעטער איז ער געוואָרען באנאזש־אויפזעהער אין בארענטין. דאָרט האט ער געהאט דיא געלעגענהייט בעקאנט צו ווערען מיט זיין שעהנער פרוי. דאס איז געווען אין א טאָג, ווען זיא איז ארונטער געקומען צו פאָהרען מיט דער באהן צו פריילין בערטהא, דיא טאָכטער פון דעם אויבער־ריכטער גראנדמאָרין.

סעווערינע אָברי, איז בלויז געווען דיא טאָכטער פון א גערטנער, וועלכער איז געשטאָרבען אין דיענסט בייא דער פאמיליע גראנדמאָרין. אָבער זיא איז געווען אזוי בעליעבט בייא דעם ריכטער גראנדמאָרין, אז ער האט זיא אויסגעקליעבען צו זיין דיא חבר׳טע פין זיין אייגענער טאָכטער, אונד ביידע קינדער האבען צוזאמען גע־נאָסען דיעזעלבע ערציהונג אין א פענסיאָן פון רוען.

סעווערינע האט אויסגעזעהן אזוי שעהן, אזוי געבילדעט אונד אזוי עלעגאנט, אז רובאָ האט אנפאנגס קוים געוואגט אויף איהר צו קוקען, זיך שפירענדיג צו גראָב פאר אזא פיינעם בריליאנט.

דאס איז געווען דער קורצער ראָמאן פון זיין לעבען. אין א טאָג, ווען ער האט געפאסט מוטה אונד איז צו איהר צוגעגאנגען, ערוואַרטענדיג בעליידיגט צו ווערען, איז ער געווען נאך מעהר וויא ערשטוינט פון דעם רעזולטאט. אויסער דעם וואס זיא האט איהם ניט בעליידיגט אונד צוריק געשטויסען, האט ער נאך ערפאהרען, אז

זיא בעזיטצט א נדן פון 10 טויזענד פראנקס. דערצו איז אויך דער איינפלוסרייכער ריכטער גראַנדמאַרין, דירעקטאַר פון דער אייזענבאַהן, געווען בערייט צו טהון אַלעס מעגליכע פיר סעווערינע׳ס מאַן.

רובאַ האט זיך קוים געקענט עראינערן וויא אונערוואַרטעט שנעל אַלעס איז צוגעגאַנגען — ער ווייס בלויז, אַז ער האט אין א קורצער צייט אַרום געהייראַטעט, אונד באַלד נאָך דער חתונה, האט ער אויך געקריגען דיא הויכע שטעלע פון אַסיסטענט סטאַציאָנס־מייסטער אין האווער. רובאַ האט ניט נאָר געליעבט אונד פערגעטערט זיין שעהנע פרוי צוליעב איהר אליין, זאָנדערן, ער האט זיך אויך גע־פיהלט פערפליכטעט צו איהר פאַר זיין גאַנצעס גליק אין לעבען, דען אָהן איהר, האט ער געוואוסט, אַז ער האט אַזוי הויך ניט געקענט שטייגען.

„זיא איז נאָך אימער ניטאָ!" האט ער פלוצלינג אויסגערופען זיך אומקוק־קענדיג. זיינע הענד האבען עטוואס געציטערט ווערענד ער האט זיך גענומען עפענען דאס שאַכטעל סאַרדינען.

„דאַרף עס אַזוי לאַנג דויערן זיך צו קויפען א פּאָאַר שיך?" האט ער זיך געפרעגט. זיך אומקוקענדיג אין שפּיעגעל, האט ער בעמערקט וויא זיין געזיכט איז געוועזן וויא צוזאַמענגעצויגען.

אין האווער האט ער קיינמאל ניט געהאט קיין אורזאַכע אויף איהר צו האבען א פערדאַכט, אָבער אין פּאַריז? וועד ווייס? ער האט זיך אַלעס מעגליכע פאָרגעשטעלט. פּיעלייכט גאר איין אונגליק. דאס בלוט איז איהם געקאָפּען פון דעם גאַנצען קערפּער אין קאָפּ אונד ער האט געשפּירט וויא זיינע גרויסע אונד מעכטיגע פויסטען, הארט אונד שווער וויא האַמערס פון דער ארבייט, האבען זיך צוזאַמענגעצויגען וויא אין א קראַמפּף. ער האט זיך דערשראָקען פאַר זיין אייגענער אויפרעגונג, וועלכע ער האט שוין אַזוי לאַנג בעהערשט. דיא מענשליכע בעסטיע, וועלכע האט געשלאָפען, האט פּלוצלינג ערוואַכט אונד ער האט געשפּירט, אַז ער קען דאַמאַלס ערמאָרדען יעמאַנדען מיט זיינע מעכטיגע פויסטען.

פּלוצלינג האט זיך דיא טהיר געעפענט, אונד סעווערינע׳ס שעהנעס אונד מונטערעס געזיכט האט זיך בעוויעזען.

„דאָ בין איך!" האט זיא געזאגט. „האסטו ניט געמיינט, אַז איך בין שוין פערלוירען געגאַנגען?"

סעווערינע איז אַלט געווען 25 יאָהר. זיא איז געווען אַביסעל הויך, שעהן ענט־וויקעלט, ניט פעט אָבער מאַסיוו. צווייא שוואַרצע ברעמען האבען אַריעבער גע־האַנגען איבער איהרע שוואַרצע אונד לאַבענדע אויגען. איהרע באַקען זיינען ניט

געוועזן שטארק פארבּיג, אָבער קלאָר אונד געזונד. פון צווישען איהרע ליפּען האבּען זיך ארויס געזעהן צוויא ווייסע שורות צייהן. אין אלגעמיינעם האט זיא אויסגעזעהן איין אנציהענדע ליעבּליכקייט.

אַלס זיא האט געזעהן, אז איהר מאַן ענטפּערט איהר ניט, האט זיא באלד געזאגט:

„אונד וויא איך בּין דאס געלאָפען!“ דיא שטראַסען־באַהנען זיינען געוועזן געפּאַקט אונד קיין דראָשקע איז מיר אונמעגליך געוועזן צו געפינען. אונד אָט בּין איך דאָ!“

„דאס איז שוין אַלעס זעהר שעהן,“ האט ער ענדליך געמורמעלט צאָרניג. „אָבער דוא וועסט דאָך מיר ניט איינרעדען, אז דוא ביסט געגאַנגען צופוס פון באָן־מאַרשע ביז אהער?“

איהרע אויגען האבּען אויפגעגלאַנצט, אונד צושפּרינגענדיג צו איהם, האט זיא געליינט איהר רעכטע האַנד ארום זיין האלז אונד מיט דער אַנדערער האט זיא איהם צוגעהאַלטען דאס מויל.

„אַך, דוא בּעזער מענש! שוויג שטיל! ווייסטו ניט, אז איך ליעב קיינעם אויסער דיך?“

איהר טאָן, איהר האַלטונג, אונד איהר גאַנצער קערפּער האט געצייגט אַזוי פיעל אויפריכטיגקייט, דאס ער האט זיא צוגעדריקט לייַדענשאַפטליך צו זיין הערץ אונד דיא אייפערזוכט איז פערשוואונדען. זיא האט זיך געלאָזען אין זיינער אומ־ארמונג, אימער ליעב האבענדיג צו זיין געגלעט אונד געקושט. אָבער וועהרענד ער האט זיא געהאַלטען אין קושען אונד האלזען, איז זיא נאָר געבּליעבּען רוהיג, ניט ערווידערענדיג דיעזע ליעבּעס־געפיהלע. דאס האט איהם בּעאונרוהיגט שוין פון לאַנג אונד יעטצט נאָך מעהר. עפּעס האט זיא אויסגעזעהען וויא א קינד, וויא א טאָכטער. האט איהר אויפרעגענדע נאַטור ערשט בּעדאַרפט ערוואַכט ווערען?

„האסטו בּערויבּט באָן־מאַרשע?“ האט ער ענדליך געפרעגט לאַכענדיג.

„יא, וואס דען? באַלד וועל איך דיר דערצעהלען. אָבער פריהער וויל איך עסען, איך שטאַרבּ פון הונגער. דאָן, יא, איך האב גאר פערגעסען. איך האב פאַר דיר א קליינעם פּרעזענט. אָבער פריהער זאג: „גיב מיר מיין קליינעם פּרעזענט. —“

זיא האט צוגעבּויגען איהר געזיכט צו זיינעם אונד געלאַכט, וועהרענד זיא האט אריין געלעגט איהר האַנד מיט עפּעס אין זיין קעשענע.

„זאָג גיך: „איך וויל מיין קליינעם פּרעזענט,“ גיך!“

ער האט אויך געלאכט גוטהערציג אונד דאן געזאגט : „גיב מיר מיין קליינעם פרעזענט.“

עס איז געווען א מעסער׳ל וואס זיא האט איהם געקויפט. זיין מעסער׳ל האט ער פערלוירען. זיין ווייב׳ס פרעזענט איז געווען זעהר שעהן אונד ער האט דערפון הנאה געהאט.

„יעטצט לאָמיר עסען,“ האט זיא געזאגט, „אָבער פערמאך ניט דאס פענסטער, מיר איז זעהר הייס.“

זיא האט זיך דאן אוועק געזעטצט ביים טיש אונד אָנגעפאנגען צו עסען מיט דעם אפעטיט פון א הונגעריגען וואָלף. קיין וואונדער ; זיא איז גענוג געלאָפען אום צו ווערען הונגריג. א קלייניגקייט פון באַן־מארשע אַן !

יעדען פריהלינג פלעגט זיא אהין קומען אום צו ספענדען עטליכע פראנקס וואס זיא האט אָבגעשפּארט וועהרענד דעם ווינטער. זיא האט אימער בעהויפּטעט, אז זיא האט ליעב אַלעס צו קויפען אין דעם גרויסען געשעפט, אונד דאס, האט זיא געזאגט, האט איהר אויסגעשלאָגען דיא הוצאה פון וועג, ווייל אַלעס האט געקאָסט בעדייטענד בילינער וויא אין האווער. וועהרענד דעם עסען, האט זיא מודה געווען, אז זיא איז איין אויסברעננגערין, אונד זיא האט געספּענדעט 300 פראנקס.

„גוט, גוט,“ האט רובאָ געענטפערט אביסעל אונצופריעדען. „איך זאג דיר, דאס איז אביסעל צו פיעל פאר א פרוי פון איין אסיסטענט סטאציאָנס־מייסטער. דוא האסט דאך געזאגט, אז דוא בעדפסט בלויז שיך אונד — “

„אָבער, מיין טהייערער, ווען דוא וואָלסט נאָר געזעהן וואס פאר א מציאות דאָרט זיינען געווען ! איך וויל דיר יעטצט גאר ניט זאגען. ווארט ביז מיר וועלען אהיים קומען אונד דוא וועסט אליין זעהן.“

ער האט ענדליך געמוזט לאַכען, ווייל דיא קליינע צוויבערין, האט יעדען צאָרן פון איהם פערטריעבען. דאַן האט זיא וויימער געגעסען אונד געטרונקען וויין. רובאָ האט געשניטען מיט דעם נייעם מעסער׳ל דאס געטריקענטע פלייש, אונד וויא שארף דאס איז געווען !

„אונד יעטצט,“ האט זיא געזאגט זיך אָבווישענדיג דאס מויל, „דערצעהל מיר אַלעס וואס עס האט פאסירט — אלעס !“

ער האט איהר דערצעהלט, דאס ער האט געהאט צו טהון א קלייניגקייט. ער האט מיטגעטהיילט דעם אויבער־ריכטער גראנדמאָרין איבער דעם אויפטריט וואס ער האט געהאט מיט דעם סוב־פּרעפעקט, וויא דער לעטצטער האט איהם

בעליידיגט אונד גערופען רעוואָלוציאָנער, חייל ער, רובאָ, האט איהם געזאגט, אז נאך דיא וואהלען פון 1869, ווען דער קייזערליכער טראָהן אין פראנקרייך פאלען, אונד... דער אויבער־ריכטער האט איהם בלויז דיקטירט א בריעף וויא ער זאָל שרייבען, אז ער האט חרטה אויף דעם, וואס ער האט געזאגט, אונד ער וועט דעם פאָסטען שוין ניט פערלירען.

„וואס האב איך דיר געזאגט היינט אין דער פריה?“ האט סעווערינע בעמערקט. „מיר האבען נאָר בעדארפט אריין געהן צו ריכטער גראנדמאָרין אונד ער האט ווידער אלעס גוט געמאכט.“

„יא, דוא האסט רעכט געהאט. ער זעהט אויס דיך זעהר ליעב צו האבען, אונד ער קען אלעס טהון וואס ער וויל.“

זיא האט געבליקט פערטראַכט אויף א זייט.

„יא, ער האט א גרויסע דעה,“ האט ער ווייטער געזאגט.

ביידע זיינען געבליעבען שטיל. רובאָ איז געווען דעריעניגער וואס האט פריהער געשפראָכען נאך א לאנגער פויזע.

„וואס דענקסטו?“ האט ער געפרעגט.

„איבער גאר ניט.“

„דוא עסט ניט; ביסטו ניט מעהר הונגריג?“

„יא, איך בין הונגריג; זעה!“

זיא האט אויסגעטרונקען א גלאָז וויין אונד דאן האט זיא אויפגעגעסען א שטיק פלייש. זייער הונגער איז אונטערדעסען געשטילט געוואָרען.

„יא,“ האט ער פלוצלינג געזאגט. „איך האב דיך פערגעסען צו פרעגען, ווארום האסטו ניט אָנגענומען דיא איינלאדונג פון דעם אויבער־ריכטער, ווען ער האט דיך איינגעלאדען ארויס צו פאָהרען אין דאָאנוויללע שלאָס?“

רובאָ האט זיך דערמאָהנט אן דעם בעזוך וואס ער אונד זיין פרוי האבען געמאכט אין יענעם פריה־מאָרגען אין פאלאסט פון דעם אויבער־ריכטער גראנדמאָרין. ער האט זיך געזעהען אומרינגט פון דעם גרעסטען לוקסוס אונד גראנדמאָרין האט איינגעלאדען סעווערינען, מיט דער צערטליכקייט פון א פאטער, זיא זאָל בעזוכען זיין שוועסטער, אונד ער אליין, מיטפאָהרענדיג אבענד אום 6:30, וועט ער זיא ברענגען אין דעם שלאָס. רובאָ האט ניט געקענט פערשטעהן ווארום סעווערינע האט געפונען תירוצים ניט צו פאָהרען.

„איך פערשטעה ניט,“ האט רובאָ ווייטער געזאגט, „ווארום דוא האסט ענטזאגט דיא איינלאדונג. דוא האסט געקענט דארט לייכט פערבלייבען ביז

דאַנערסטאג, אונד איך וואָלט שוין ביז דאמאלס דורכגעקומען אָהן דיר. יא, סעווע־רינע, מיר דארפען ניט ענטזאגען אזעלכע לייטע, וועלכע קענען אונז אימער א טובה טהון. זאג מיר, איך בעט דיך, ווארום האסטו ניט געוואָלט אָנגעהמען דיא איינ־לאדונג?"

אין סעווערינעס אויגען האט זיך געוויעזען איין אונהיימליכער בליק אונד זיא האט געענטפערט אונגעדולדיג: „איך האב דיך ניט געוואָלט לאָזען אליין אזוי לאנג."

„דומהייטען! ביסטו ניט שוין דאָרט געווען צווייא מאל צו 8 טעג? ווארום זאָלסטו ניט פאָהרען א דריטעס מאל?"

זיא איז געוואָרען זעהר אונרוהיג אונד אומגעווענדעט איהר געזיכט.

„איך האב ניט געוואָלט פאָהרען, אונד דאס איז אַלעס!" האט זיא אויסגע־רופען רויט ווערענדיג. „דוא ווערסט מיך דאך ניט צווינגען — "

רובאָ האט נאכגעדענקט אונד וויא געמורמעלט צו זיך אליין: „האט דיך מאדאם באָננעהאָן ניט גוט אויפגענומען? אין געגענטהייל. האסטו פיעללייכט עפּעס דאגעגען דעם אויבער־ריכטער?"

„דער ריכטער!" האט זיא אויסגערופען ווערענדיג נאך אונרוהיגער, „אָה ניין, ניין!"

רובאָ האט זיך אומגעקוקט עטוואס אונד בעמערקט: „איך האב עס נאָר געזאגט, ווייל דוא האסט מיר אמאל דערצעהלט, אז אלס קינד פלעגסטו פאר איהם מורא האבען."

„מורא! דאס זאגסטו שוין אליין. עס איז ניט געווען קיין מורא, נאָר ווען ער פלעגט מיך אָנקוקען מיט זיינע גרויסע אונד שארפע אויגען, האט זיך מיר געדאכט, אז איך האב געוואָלט זיין מיט הונדערטער מיילען ווייטער פון איהם. איך האב גע־זעהען מענשען, וועלכע זיינען געוואָרען אזוי איבערראשט פון זיין בליק, פון זיין גרויסער געלעהרזאמקייט, אונד... אז זייא האבען פערלוירען דיא שפּראכע אונד גאר ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן. דאן איז ער זעהר שטרענג. צו מיר גראָדע האט ער זיך אימער געצייגט זעהר גוט אונד צערטליך."

איהר שטימע איז געוואָרען וויא הייזעריג אונד איהרע אויגען האבען געקוקט טרוימעריש אויף א זייט.

„איך געדענק, ווען איך בין נאך געווען א גאנץ יונגעס פריילין," האט סעווערינע ווידער אָנגעפאנגען אין דעמזעלבען טאָן, „בין איך ארום געלאָפען אין

גארטען מיט דיא אנדערע קינדער. ווען ער איז אנגעקומען, איז יעדער ענטלאָפען, זאָגאר זיין אייגענע טאָכטער. איך אליין בין געבליעבען שטעהן. ער איז צוגעקומען אונד מיך געגלעט אויף דיא באקען אונד איז וויטער געגאנגען. שפעטער, ווען איך בין שוין אלט געוואָרען 16 יאָהר, פלעג איך אָהן מורא קומען אונד רעדען צו איהם. אך! איך געדענק אלעס! יעדער ווינקעל אין הויז אונד אין גארטען איז מיר אזוי בעקאנט, אז איך וואָלט עס געקענט געפינען מיט פערבונדענע אויגען."

זיא האט זיך זעלבסט אונטערבראָכען. אויף איהר געזיכט וואס איז געווען ווארעם אונד פערפלאמט, האט אויסגעזעהען צו לויפען א שוידער פון פערגאנגענע ערינערונגען. איהרע ליפען האבען זיך אביסעל צוזאמענגעדריקט, אונד רובא, וועלכער האט זיא נאך ניט געזעהען אין אזא צושטאנד, האט געבליקט צו איהר מיט ערשטוינען.

„ער איז געווען זעהר גוט צו דיר," האט רובא בעמערקט אָנצינדענדיג זיין לולקע. „ער האט דיר געגעבען איין ערציהונג וויא פאר דער גרעסטער דאמע, אונד דאַן האט ער אזוי גוט פערוועגדעט דיין פאטער'ס קליינע ירושה, דאס דוא האסט דערפון געקריעגען א היבשע סומע געלד מיט דעם וואס ער האט נאך צוגעלעגט. דאַן האט ער געזאגט, וויא איך האב געהערט, אז אין זיין צוואה האט ער אן דיר אויך ניט פערגעסען."

„יא, ער האט געזאגט, אז ער וועט אונז איבערלאָזען דאס הויז אין קראָא דע מאָפרא, דאָרט וואו דיא באהן לויפט פארבייא. דיא פאמיליע פלעגט דאָרט צייטענווייז פערברענגען. אָבער, דעם אמת זאגענדיג, ווייס איך ניט אויב דאס וועט זיין אונזערעס; זיין משפחה איז דאגעגען. איבריגענס, וויל איך גאר ניט פון איהם, גאר ניט!"

רובא האט צו איהר געקוקט מיט ערשטוינען. דאַן, ארויס נעהמענדיג דיא לולקע פון זיין מויל, האט ער געזאגט:

„וואס איז מיט דיר געשעהען? דער אויבער־ריכטער האט מיליאָנען, אונד איך זעה ניט איין דיא עולה, ער זאָל דיר, וועלכע ער האט ערצויגען, אויך עפּעס איבערלאָזען."

דאַן, זיך צולאכענדיג, האט ער פלוצלינג בעמערקט:

„האסטו אפשר מורא, אז מען וועט זאגען, אז דוא ביסט זיין טאָכטער? איך ווייס, אז גראנדמאָרין איז קיינמאל ניט געווען קיין הייליגער. מען זאגט, אז קיין דיענסטמיידעל האט געקענט לויז ווערען פון איהם. נאך יעטצט, וויא אלט ער איז,

לאָזט ער קיין שעהנעס פּראָווינציעלער פאַרבייא געהן, אָהנע זיא צו פערפּאַלגען מיט זיינע אויגען. איבריגענס, עס איז מעגליך, אַז דוא ביסט נאר זיין טאָכטער!"

סעווערינע איז בלאַס געוואָרען. פון איהרע אויגען האט וויא געשאָסען מיט פייער:

„זיין טאָכטער! זיין טאָכטער!" האט זיא געשריען. „וואס פאר א שרעק־ליכער שפּאַס דאס איז! וויא קען איך זיין דיא טאָכטער פון גראַנדמאַרין? גענוג דאריבער! איך פאָהר ניט נאך דאָאַנוויל, אונד דערמיט האט זיך אַלעס גע־ענדיגט!"

ער האט געשמייכעלט אונד זיך בערוהיגט, דענקענדיג, אַז דער ווין האט זיא אזוי אויפגערעגט. דאַן האט ער אָבגעווישט דאס נייע מעסער'ל אונד אָנגעפאַנגען צו שניידען זיינע נעגעל.

„עס איז שוין 15 מינוטען נאך 4 אוהר," האט זיא געזאגט. „איך מוז נאך זיין אויף א פּאאר פלעטצער, לאָמיר בעסער געהן."

זיא האט זיך אומגעווענדעט צום פענסטער, ארויס געקוקט אונד געזוכט זיך צו בערוהיגען. ער האט זיך אויך אויפגעהויבען, אוועק געלייגט דאס מעסער'ל אויף'ן טיש אונד איז צו איהר צוגעגאַנגען אונד זיא אומארמט. וויא זיא האט נאָר דער־פיהלט זיין בעריהרונג, האט זיא זיך אויסגעריסען אונד זיך שנעל אָבגעווענדעט. ער איז געבליבען שטעהען אזוי פערוואונדערט, גלייך וויא זיא וואָלט איהם געגעבען צווייא פּעטש.

„וואס איז מיט דיר?" האט ער געפרעגט.

„גאָר ניט!"

„יא, עס איז עפּעס!"

„לאָמיך צורוה," האט זיא געזאגט זיך פּאַסענדיג, „איך בין מיעד אונד וויל נאכדענקען איין אייגענבליק."

רובאָ'ס געזיכט איז רויט געוואָרען. „עס האט עפּעס פּאַסירט, סעווערינע," האט ער געזאגט. „דוא ביסט אויפגערעגט, אין כעס, ווארום?"

„ניין!"

„מיין נעגענוואַרט מאַכט דיך מיעד."

סעווערינע האט פּראָבירט צו שמייכלען.

„דוא ביסט אזוי לאַנג ניט געווען..." האט ער ווייטער בעמערקט.

„אַך! דוא ביסט אייפערזיכטיג."

„גיב אכטונג, סעווערינע,“ האט ער געזאגט ציטערענדיג, ווערענד דיא אָדערן אויף זיין געזיכט זיינען אָנגעפּילט געוואָרען מיט בלוט.

זיא האט אויפגעצויגען מיט דיא אַקסלען אונד געמאכט א פערהאכטענדע מיענע. דאַן האט זיא זיך דערמאָהנט, אַז רובאָ ליעבט זיא זעהר אונד איז שטארק אייפערזיכטיג. זיא האט אויך בעגריפען, אַז עס איז אונרעכט איהם צו ערגערן.

רובאָ האט זיך אַוועק געזעצט, ארויף געלעגט זיין קאָפּ אויף ביידע הענד, גלייך וויא ער האט געוואָלט אַבקיהלען זיין אויפרעגונג. סעווערינע׳ס געזיכט האט זיך פּלוצלינג געענדערט איהם זעהענדיג אַזוי זיצען. זיא איז געוואָרען מילדער, אונד וויא א קאטץ, איז זיא צו איהם צוגעגאנגען, זיך צוגעבויגען אונד געקושט צערטליך זיינע באקען. זיין הערץ האט אין איהם געטאנצט פאר פרייד. ער האט געוואוסט, אַז נאך אַלעמען, ליעבט זיא איהם דאָך. ער האט אויסגעשטרעקט זיין גרויסע אונד מעכטיגע האנד, אָנגענומען איהר לינקע האנד, אויף וועלכער זיא האט געטראגען א רינג אין דער פאָרמע פון א שלענגעל. ער האט געגלעט דיא האנד אונד געקוקט טרוימעריש צום רינג.

„אך! מיין שעהן שלענגעל,“ האט זיא געזאגט וויא פאנטאזירענדיג. „ער האט דאס מיר געגעבען אין קראָא דע מאָפראָ, ווען איך בין אַלט געוואָרען 16 יאָהר.“

„ועמען מיינסטו? דעם אויבער־ריכטער?“

ווען זיא האט בעגעגענט איהר מאַן׳ס בליק, האט זיא אויסגעזעהן צו ערוואכען פון איהר פאנטאזיע. א טויט קאלטקייט איז ארויף אויף איהרע באקען. זיא האט געוואָלט עפּעס זאגען, נאָר זיא האט ניט געוואוסט וואס. זיא האט אויסגעזעהן וויא דערשטיקט צו ווערען מיט דיא ווערטער.

„אָבער דוא האסט דאָך מיר אימער געזאגט,“ האט רובאָ פאָרטגעזעטצט, „אַז דיעזער רינג האט בעלאנגט צו דיין מוטער?“

זיא האט געקענט ווידער ברענגען אַלעס אין אָרדנונג, ווען זיא וואָלט זיך אויסגעלאכט פון דעם טעות וואס זיא האט געמאכט. אָבער זיא האט פערלוירען דיא קאָנטראָלע איבער איהר צונג אונד שנעל געענטפערט:

„מיין טהייערער, איך האב דיר קיינמאל ניט געזאגט, אַז דער רינג איז פון מיין מוטער.“

רובאָ האט צו איהר געקוקט אונד איז בלייך געוואָרען.

„האסט מיר קיינמאל ניט געזאגט? דוא האסט עס מיר 20 מאל דערצעהלט. עס איז אָבער אויך קיין פעהלער, ווען דער אויבער־ריכטער האט דיר דאס געגעבען.

ער האט אונז געמאכט נאך מעהרערע פרעזענטען. אבער ווארום נארען אתּד בער־טרינגען? וואס איז דאבייא אזוי פיעל געהיימניספאלעס?"

„איך זאג נאך אמאל, מיין טהייערער, אז דוא האסט א טעות. איך האב דיר קיינמאל ניט דערצעהלט, אז דאס קומט פון מיין מוטער."

ער האט זיא אבגעלאזען אונד געבליקט אויף איהר געזיכט, וועלכעס האט גע־ביטען דיא קאלירען. איהרע ליפען האבען געציטערט. עטוואס שרעקליכעס האט דורכגעשאסען דורך זיין געהירן. זיין בליק האט זיא נאך מעהר פערווירט. זיא איז דאן געווארען רויט וויא פייער.

„בייא גאט אונד אלע טייפלען!" האט ער אויסגעשריען אויפהויבענדיג זיינעביידע הענד.

איהר גאנצער מוטה איז געווען פערשוואונדען, אונד ציטערענדיג האט זיא אבגעווענדעט איהר קאפ, גלייך וויא זיא האט געוואלט אויסמיידען א קלאפ. איהר האלטונג האט איהם דערמאהנט אן א שמוטציגער פערברעכערין. דער רינג איז פון איהם! פון איהם! אונד אזוי פיעל געהיימניספאלעס דערבייא. הא! ריכטיג, עס קען אנדערש ניט זיין! אונד זעה וויא זיא ציטערט! זיין פערדאכט איז אין איין אויגענבליק פעסטגעשטעלט געווארען. דיא מענשליכע בעסטיע האט ערוואכט אין איהר גאנצער וואוטה.

אין זייערע גאנצע דרייא יאהר פערהייראטעטעס לעבען, האט ער זיא בע־האנדעלט מיט דער גרעסטער צערטליכקייט. אבער דיעזע געפיהלע זיינען פער־שוואונדען. בלינד אונד בעזויפען מיט צארן אונד אייפערזוכט, האט ער זיא געפאקט בייא איהר טאליע, גראדע וויא ער פלעגט אנגעהמען א בינטעל באגאזש, אונד זיא ארויף געווארפען אויף'ן בעט, אונד מיט זיינע אייזערנע פויסטען האט ער זיא גע־שלאגען אהן רחמנות.

„דוא שמוטציגעס, ניעדערטרעכטיגעס בעשעפעניש," האט ער געשריען אין א הייזעריגער שטימע, „אזוי, דוא האסט דיך איהם איבערגעגעבען, איהם — "

זיין אייגענע שטימע האט איהם געמאכט אלץ ווילדער אונד וויטהענדער, אונד זיינע פויסטע' זיינען געפאלען מיט דער קראפט פון האמערס.

„דוא האסט מיר אלזא געבראכט וואס ער האט דיר איבערגעלאזען — דוא אבשייליכעס שטיק שמוטץ, דוא, דוא — "

ער איז שיער דערשטיקט געווארען. דאן האט ער זיא צום ערשטען מאל, זייט דעם שלאגען, געזעהן עפענען איהר מויל, אונד זיא האט געמורמעלט:

„ניין, ניין: איך האב עס ניט געטהאָן."

דיעזער שוואכער פּראָטעסט, אום לויז צו ווערען פון קלעפּ, האט איהם נאך מעהר איבערצייגט פון איהר שולד אונד זיין וואוטה איז געשטיענגען ביז צום וואהנזינן.

„זאג, זייא דיך מודה!" האט ער ארויס געברומט פון זיין צוזאמענגעדריקטען האלז.

זיא האט זיך אויסגעריסען אונד איז ענטלאָפען צו דער טהיר. ער איז באלד געווען נעבען איהר אונד מיט איין קלאפּ אין קאָפּ, האט ער זיא אומגעוואָרפען צו דער ערד נעבען טיש. ער האט זיך געשטעלט נעבען איהר אויף דיא קניען, אָנכאַ־פּענדיג איהרע צערוואָרפענע לאנגע האאר, אונד א פּאאר מינוטען זיינען פאַראיבער, וועהרענד ער האט איהר געקוקט גלייך אין געזיכט.

„יעטצט, צום לעטצטען מאל," האט ער געזאגט צוריק געווינענדיג זיין שטימע.
„זאג, דערצעהל דעם אמת!"

מעהר האט זיא שוין ניט געקענט אָבלייקענען, אונד זיא האט גע־שוויעגען.

„זאג, זאג, שנעל, דען בייא אלע טייפלען שווער איך דיר, אז איך וועל דיך הרג'ענען!"

זיא האט געוואוסט, אז ער וועט האלטען וואָרט. זיינע אויגען האבען געבליקט צום מעסער אויף'ן טיש. זיא האט געשפּירט, אז אלע איהרע קרעפטען פערשווינדען. שטארבען האט זיא ניט געוואָלט, אונד אָהנע פיעל נאכצודענקען איבער דעם וואס זיא נעהט זאגען, האט זיא געמורמעלט:

„יא, איך בין שולדיג, יעטצט לאָז מיך אָב!"

וואס עס האט געפאָלגט, איז אונמעגליך צו בעשרייבען. טראָטץ דעם וואס עס האט ביז דאמאלס פּאסירט, האט ער זיך נאך אלץ ניט געקענט גענוי פאַרשטעלען, אז זיין השערה איז וואהר. איהר מודה זיין זיך, האט אויסגעזעהן, גלייך וויא יעמאנד וואָלט איהם אריין געשליידערט א שטיין אין געזיכט. אייניגע סעקונדען זיינען פאַר־איבער, אָהנע ער זאָל זיך קענען ריהרען. דאן, ארויס לאָזענדיג א געשרייא וויא פון א ווילדע חיה, האט ער זיא נאך אמאל פעסטער ערגריפען בייא דיא האאר, אונד אָנגעפאנגען צו קלאפּען מיט איהר קאָפּ אן דעם טיש, אומוואָרפענדיג דערבייא א ביינקעל. דאס בלוט פון איהר קאָפּ מיט מאנכע האאר, האט זיך אָנגעקלעפּט אָן דיא פיס פון דעם טיש.

ענדליך האט זיך זיין בעסטיאַלישע וואוטה פערוואנדעלט אין איין אָהנ־מעכטיגער מיעדקייט, אונד זיך אויפהויבענדיג פון דער ערד, האט ער זיא מיטגע־שלעפט אונד אַרויף געוואָרפען אויף׳ן בעט. ער האט ניעדער געקניעט, אונד אַרויף לענענדיג זיינעביידע עלענבויגענס אויף איהרע פיס, האט ער געשפּירט, דאס זיין שטימע קעהרט צוריק. דיא מאַרטערענדע לוסט, צו פרעגען אונד וויסען אַלעס, האט איהם ערגריפען.

„אזוי, דוא אבשייליכעס וועזען, דוא שטיק שמוטץ, דוא האסט מיך שענדליך בעטראָגען! אונד מיט דעם אַלטען ניעדערטרעכטיגען שופט! יעטצט זאג מיר, וויא אַלט דוא ביסט דאמאלס געוועזען? איך בין זיכער, אז דוא ביסט נאך געוועזען א קינד — הא?“

דאַן האט זיא פּלוצלינג אָנגעפאַנגען צו וויינען אזוי שטאַרק, דאס ער האט פון איהר גאַר ניט געקענט אַרויס קריעגען.

אָבער זיין שטרענגע שטימע אונד נאך אמאל פרעגען, האט זיא איבערציינט, אז זיא מוז ענטפערן ער זאָל פערשטעהן.

אונמעגליך! זיא האט זיך מעהר ניט געקענט צוריק האַלטען אונד אַלעס דערצעהלען — אַלעס איבער דעם שמוטציגען זומפּף וואוהין זיא איז אַריין געפאַלען. זיא האט גערעדט אזוי שטיל, אז ער האט קוים געהערט, אונד ער האט זיא געמוזט עטליכע זאַכען איבער פרעגען. אנפאַנגס האט זיא פּראָבירט אויסצומיידען דיא ניעדריגסטע אונד שמוטציגסטע איינצעלהייטען, אָבער ער האט איהר ניט נאָכגע־לאָזען, ער האט געוואָלט אַלעס וויסען.

זיא האט איהם דערצעהלט וויא זיא האט צום ערשטען מאָל צוגעצויגען גראַנדמאַרין׳ס אויפמערקזאַמקייט, אונד וויא צו 16 אונד א האַלבעס יאָהר —

„דוא זאָגסט ליעגען! — עס איז געוועזען פריהער!“

„ניין, ניין,“ האט זיא זיך געבעטען, „ניט פריהער; ער האט מיך דאַן אַריין געפיהרט אין הויז קראָא דע מאָפּרא — “

„איך פערשטעה יעטצט. דאסזעלבע הויז וואס ער האט אויף דיר אָבגעזאָגט אין זיין צוואה.“

זיא האט וויטער דערצעהלט — אַלעס, אונד אזוי פיעל געמיינהייט...

„אונד נאך דעם גאַנצען שמוטץ,“ האט ער אויסגעשריען, „וויא האסטו, אבשייליכע, געוואָגט מיך צו הייראַטהען? מיין גאָט, עס זיינען פערהאַנדענע פער־ברעכערינס, וואָס פוילען אין דיא געפענגניסע, אונד זייא זיינען מלאך׳טעם אין

פערטליך צו דיר! דוא האסט מיך געמאכט רעכנען אלס דעם שטוצינסטען שטוטץ אום נאך דיין שטוטץ אויף מיר ארויף צו לעגען. אבער ווארום? ווארום?"

זיא האט פראבירט צו ענטפערן, אז דאס איז געוועזן איהר איינציגער אויסוועג לויז צו ווערען פון דער העללע. ער האט זיך אויך דערמאהנט, אז זיא איז געוועזן צו הויך פאר איהם, אונד ער האט זיך ערקלערט, אז אונטער אנדערע אומשטענדען וואלט זיא מיט איהם ניט געהייראטעט.

„אזוי איז עס!" האט ער געזאגט. „דער אלטער טייפעל האט ניט געוואגט דיך צו פערהאנדלען צו איין אנדערן, אונד זא האט ער געפונען איין אידיאט וויא איך בין, וואס זאל גאר קיין מבין ניט זיין..."

דא איז ער געליעבען שטיל וויא געטראפען פון א קוגעל. א שטורם מיט גע־דאנקען האבען איהם שיער געפלאטצט דיא געהירן אין קאפ.

„יא, יא, איך בעגרייף! צום טייפעל, איך בעגרייף! ער האט געוואלט האבען אזא אידיאט פאר דיר, וועלכער זאל נאך ניט שטערען דיך צו בעזיטצען אויך נאך דער חתונה. צווייא מאל ביסטו בייא איהם אונד מיט איהם געוועזן! צווייא מאל! אונד יעטצט האט ער דיך געוואלט צום דריטען מאל, היינטיגע נאכט?"

זיא האט מעכאניש געשאקעלט מיט'ן קאפ: „יא."

פון זיין האלז האט זיך ארויס געריסען א שטיקענדער טאן.

„אונד ווען איך וועל דיך דא יעטצט ניט ערמארדען, דאן וועט דאס ווייטער פארטגעזעטצט ווערען?"

זיינע הענד האבען זיך קראמפפהאפט בעוואויגען. עס איז איהר אונטערדעסען געלונגען אויסצושרייען:

„דאס איז שוין צופיעל, צופיעל! געדענקסטו ניט, אז איך האב איהם זאג־פארט ענטזאגט, אבוואהל דוא האסט געוואלט איך זאל יא געהן? אלעס האט זיך געענדיגט, איך שווער עס דיר: ניעמאלס מעהר, ניעמאלס!"

ער איז געוועזן איבערצייגט, אז זיא זאגט דיא וואהרהייט, אבער דאס האט איהם נאך ניט בערוהיגט. קיין זאך האט מעהר ניט געקענט פעררייכטען דאס וואס עס איז פערדארבען געווארען. ער האט געשפירט, גלייך וויא א מעסער וואלט דורכ־געשטאכען זיין הערץ.

„יא, יא," האט ער געמורמעלט וויא פון א חלום. „אין קראא דע מאפרא, דארט, אין שלאף־צימער. איך וויים. אונד דאס האט געטהאן דער אלטער מאן, דער גרויסער ריכטער, דער מיליאנער, דער געאכטעטער ארעלמאן, דער געלערנטער,

דער, דער... אָבער, קוק נאָר אהער: צום ביישפּיעל, איז עס ניט מעגליך ער זאָל זיין דיין פאטער? דערמאָהן זיך נאָר גוט ווער ער איז?"

סעווערינע, טראָטץ איהרע קערפּערליכע ליידען אונד איהרע גייסטיגע שמערצען, איז בייא דיזע ווערטער אויפגעשפּרונגען וויא געביסען פון א שלאַנג.

„ניין, אום גאָטעס ווילען, ניין! זאג עס ניט! הרג'ע מיך, צערטרעט מיך מיט דיא פיס. נאָר ווען דוא בעהויפּטעסט דאס, דאן איז עס ליגען!"

רובאָ, אָהנע צו בעאבזיכטיגען ער זאָל זיא מארטערן, האט בעמערקט:

„דאס וואס דוא לייקענסט עס אזוי שטארק אָב, איז א בעווייז, אז דוא אליין דענקסט אויך דאריבער. אונד ווארום זאָל ער ניט זיין דיין פאטער? דיין מוטער איז געווען שעהן, יונג אונד אין זיין נעזעלשאפט זעהר אָפט — איך האב עס גע־הערט — ויארום זאָל ער ניט זיין דיין פאטער?"

ער האט ו יא פלוצלינג ערבליקט דעם רינג אויף איהר פינגער. אין איין אננריף פון וואהנזיניגען כעס, האט ער איהם ארונטער געריסען אונד צערשמעטערט מיט זיינע פיס אויף'ן פוס־באָדען. זיא איז געבליעבען זיטצען אין א שמערצהאפטער שטילקייט.

ער האט דאן אָנגעפאנגען צו שפּאצירען אין צימער הין אונד צוריק, זיך ברעך־בענדיג דיא הענד אונד מורמלענדיג אין ביטערער פערצווייפלונג:

„וואס זאָל איך טהון? וואס זאָל איך טהון?"

עס האט אויסגעזעהען, דאס נאכדעם ער האט זיא ניט ערמאָרדעט אין זיין גרעסטער אויפרעגונג, וועט ער איהר שוין גאר ניט טהון.

סעווערינע האט זיך אויפגעזעצט אונד געבליקט צו איהם מיט איהרע גרויסע אונד ערשטוינטע אויגען. זיא האט איהם ביז דאמאלס גאר ניט פיינד געהאט; נאך מעהר, זיא האט איהם אויך געליעבט, ווייל ער איז געווען א בראווער אונד גוט־הערציגער יונג, אונד יעטצט? פלוצלינג האט זיא פערגעסען אן אלעמען אונד איהם געזעהן ליידענדיג, זיא האט אויף איהם רחמנות געהאט. זיא האט בעגריפען, אז ער ליידעט זעהר.

סעווערינע איז אימער געווען א רוהיגע אונד איבערגעבענע. פאַלגזאם אונד געהאָרזאם. דאס האט זיא אויך אזוי לייכט געשטירצט צו דער בעסטיאליטעט פון דעם איבער־ריכטער. יעטצט האט זיא זיך געשפּירט גענצליך ענטקרעפטעט נעגען דיעזען מעכטיגען מאן, איבער וועלכען זיא האט קיינמאל ניט גערעבענט, אז ער קען אזא וואוטה אויפצייגען.

וויא א ווינט האט ער שפּאַצירט שוין אפשר צום פופציגסטען מאָל איבער דעם צימער אונד איז אויסגעקומען נעבען בעט. דאס מיטליידס־געפיהל אין איהר האט זיך שטאַרק ערוועקט אונד זיא האט געמורמעלט:

„אָבער, מיין טהייערער, הער מיך אויס — “

וויא א פויגעל, אַזוי שנעל איז ער פון דאָרט אוועק אימער ברומענדיג:

„וואס זאָל איך טהון? וואס זאָל איך טהון?“

אַלס ער האט זיך נאך אמאל אומגעקעהרט, האט זיא איהם אָנגעכאַפּט בייא דער האַנד אונד געזאָגט:

„אָבער, מיין טהייערער, אַלעס איז יעטצט געענדיגט — ווירקליך געענדיגט. דוא האסט מיך געהערט איהם ענטזאָגען, איך שווער עס דיר — “

זיא האט געזוכט איהם צו פערפיהרען מיט איהרע שמייכלערייען אונד ער האט זיך אויך אוועק געזעטצט אויף'ן בעט וויא אַזעלכער וואס ווייס נים וואו ער איז אין דער וועלט. דאַן האט זיא זיך צוגערוקט נעהנטער אונד האט געוואָלט בע־ריהרען מיט איהרע פערבלוטיגטע ליפען זיינע. פּלוצלינג האט ער זיא אָבגעשטויסען אונד געשריען קריצענדיג מיט דיא צייהן:

„אוועק! אוועק! דוא ביסט פעסט, גיפט, אבשייליכקייט אונד פער־אַכטונג!“

ער האט געשווידערט. ער האט זיך דערמאָהנט אַן זיין פערגאַנגענער ליעבע צו איהר אונד עס איז איהם קאַלט געוואָרען. דאַן האט ער געדענקט פון טויט.

א נייעס געפיהל האט איהם ערגריפען. ער האט זיך אויפגעהויבען פון נעבען איהר, זיך אוועק געזעטצט שנעל אויף א ביינקעל, אונד אריין ווארפענדיג זיין קאָפּ צווישען זיינע ביידע דאַלאָניעס, איז ער געבליעבען זיטצען אונבעוועגליך. א מערק־ווירדיגע רוהע האט איהם בעהערשט אין קערפּער, נאָר זיין געהירן האט שווער גע־ארבייט, זאָ דאס גרויסע קאַלטע טראָפּענס שוויים האבען ארויס געזעטצט אויף זיין שטערן. זיא איז נאך אימער געזעסען אונד מורא געהאט זיך צו ריהרען פון דעם פּלאַטץ.

אונערוואַרטעט איז ער אויפגעשפּרונגען, צוגעלאָפען צום פענסטער אונד ארויס געקוקט צום קירכען־זייגער.

„20 מינוטען נאך 5!“ האט ער געזאָגט הויך, „מיין גאָט! אונד בלויז איין שטונדע זייט דיעזעס שרעקליכע איז פאר מיר ענטדעקט געוואָרען? אָבער עס איז נאך דאָ צייט גענוג.“

סעווערינע האט פערשטאנען, אז ער האט געפאסט עפּעס א בעשלוס, אָבער זיא האט איהם ניט געוואגט צו פרעגען. דאן איז ער שנעל צוגעלאָפען צום טיש־קעסטעל, ארויס גענומען א פּאאר שטיקלעך בריעף־פּאפּיער, אונד פון דעם שראנק האט ער ארונטער גענומען טינט אונד פעדער.

ער האט זיך אומגעווענדעט, זיא אָנגענומען בייא דער האנד, אונד מיט א שלעפּ, האט ער זיא ארונטער געריסען פון דעם בעט, זיא צוגעשטופּט צום טיש אונד אַניעדער געזעטצט אויף'ן בייגקעל.

„יעטצט, שרייב!" האט ער געזאגט.

„שרייבען וואס?"

„צו איהם! שרייב וואס איך הייס!"

זיא האט געצעגערט אונד געשווידערט.

„שרייב," האט ער ווייטער געזאגט, „שרייב אזוי: „איך פאָהר אוועק מיט דעם צוג פון 6:30, אָבער מיידעט אויס זיך צו ווייזען איידער איהר וועט אָנקומען נאך רוען." דאס שרייב!"

זיא האט געהאַלטען דיא פען אין דיא הענד, אונד דאן האט זיא געזאגט זיך בעטענדיג:

„וואס ווילסטו טהון? איך בעט דיך, דערצעהל מיר!"

„וואס איך וויל טהון, פרעגסטו? גוט; איך וועל דיר זאגען: איך וויל עפּעס טהון, וואס וועט שליעסען אזא באנד צווישען אונז, וועלכער זאָל אונז אימער האַלטען צוזאמען. דוא פערשטעהסט? איך אונד דוא וועלעןביידע דאס טהון."

„ניין, ניין," האט זיא אָנגעווענדעט ציטערענדיג, „דוא מוזט מיר זאגען, איך מוז מעהר וויסען."

ער האט איהר ניט געוואָלט ענטפערן. נאָר נעהמענדיג איהר צארטע האנד אין זיינער, האט ער זיא צוזאמענגעדריקט, אז זיא האט אויסגעשריען מיט שמערץ.

„שרייב, אָדער דוא שטארבסט!" האט ער געשריען.

זיא האט שוין געשריעבען. עס האט זיא אפילו געקאָסט פיעל מיה צו שרייבען מיט איהר שמערצענדע האנד, אָבער זיא האט דאָך געשריעבען.

„יעטצט בין איך מיט דיר צופריעדען," האט ער געזאגט מיט א רוהיגען טאָן נאַכדעם וויא דער בריעף איז פערטיג געוואָרען, אדרעסירט אונד אריין געלעגט אי

קעשענע. „דוא מחס זעהן דאַ אַלעס ברענגען אין אָרדנונג אונד זיך פאַרבערייטען צו דער באהן. איך וועל באַלד זיין צוריק.“

ער איז געוועזן אזוי רוהיג, וויא זיא האט איהם נאך ביז דאמאלס אזוי ניט געזעהן. ער האט דאן אויסגעגלייכט זיין האַלדבענדעל, פעררוקט זיינע צושויבערטע האאר, אונד אַרויס געהענדיג, האט איהם סעווערינע געהערט פערשליעסען דיא טהיר הינטער זיך.

— — — — — — — — — —

אום 6:30 האט דיא באהן אָבגערייזט נאך האווער, אונד האט געהאט, אונטער דיא פערשיעדענע פאססאזשירען, רובאָ, זיין פרוי סעווערינע אונד דעם אויבער־ריכטער גראַנדמאָרין. דער לעצטער איז געזעסען אין א בעזונדערען וואַגאָן.

קאַפּיטעל 2.

דאס הויז קראָא דע מאָפּרא ליעגט זעהר נאָהענט פון דער אייזענבאהן שטרעקע, אויף א פרייעס פעלד. אום צו פאָהרען נאך דאַאַנוויל מוז מען דאָרט פאַסירען. פון ווייטען, צווישען דעם אונרעגעלמעסיגען וועג מיט גרויסע שטיינער, האט זיך געזעהען געהען א יונגער מאַן, וועלכער האט שפּאַצירט מיט א שנעלער אונד אונרוהיגער בעוועגונג אין שאטען פון זונען־אונטערגאַנג. נעבען דעם הויז איז געוועזן א הילצערנעס הייזעל, וואס האט געדיענט אַלס שוטץ פיר דעם אייזענבאהן וועכטער, אָנצוציינען, אַז דער וועג פיר דעם צוג איז אונגעשטערט אָדער געשטערט. נאָהענט דערבייא איז געוועזן א גרינציינ גאָרטען, וואו א מיידעל, גרויס געוואַקסען, שטאַרק געבויעט אונד פון א יאָהר 18, מיט דיקע ליפּען, גרינליכע אויגען מיט א ניעדריגען שטערן, איז געשטאַנען ביים ברונען אונד אַרויס געצויגען וואסער.

מען האט ניט געקענט אין גאַנצען זאגען, אַז זיא איז שעהן, ווען איהר מעכטיגער קערפּער אונד הענד מיט אַזעלכע מוסקעלן וויא פון א מאַן, האבען דאס ניט ערלויבט. אָבער איהר געזיכט האט אָנגענומען א מערקווירדיגע אַנציהענדע מיענע, ווען זיא האט ערבליקט דעם יונגען מאַן אָנקומענדיג. זיא האט דאן אויסגעשריען:

„גוטען אבענד, זשאַק !“

ער האט זיך באַלד אומגעקוקט. ער איז ווירקליך געוועזן א וואונדערבאַרער שעהנער מענש פון א יאָהר 26, הויך געוואַקסען, רעגעלמעסיגע געזיכטס־ציגע אונד

דיא אונטערע קינבאקען האבען פאַרגעשטעלט עפּעס שטרענגעס, וואס האט זיך אָבער לייכט פערלוירען אין זיינע שעהנע קויל־שווארצע וואָנצעס.

„אך, פלאָרא, גוטען אבענד," האט ער געענטפערט זעהר רוהיג. אין זיינע אויגען האט זיך אָבער באלד בעוויזען א זעלטזאמער גלאַנץ, זיינע ליפּען האבען זיך צוזאמענגעדריקט אונד ער האט אויסגעזעהען צוריק צו שרעקען, גלייך וויא ער האט געזעהען אונגליק פאַר זיך.

זיא האט בעמערקט דעם בליק, נאָר זיא איז געבליעבען אונערשראָקען, כיין, מיט פערגניגען איהם געקוקט אין געזיכט. דאַן איז זיא געוואָרען טרויעריג אונד איהם געציינט דעם וועג אין הויז, וואו דעם וועכטער'ס פרוי, איהר מוטער, איז גע־לעגען קראַנק.

טאַנטע פאַסיע, וויא זשאַק האט זיא גערופען, איז געוועזען זיינע א קרובה אונד זיא האט איהם געקענט נאָך אַלס קינד. ער האט זיא געטראָפען זיטצענדיג אין קיך אויף איין אַלטען שטוהל. זשאַק האט זיא געליעבט, אונד ווען ער איז געוועזען פרייא פון זיין ארבייט, פלעגט ער זיא קומען בעזוכען. נאָך ווען ער איז געוועזען א שילער אין דער טעכנישער שולע, אונד נאכדעם וויא ער איז געוואָרען באַהך אינזשעניער, האט ער זיינע וויזיטען רעגעלמעסיג פאָרטגעזעטצט.

איהם דערזעהענדיג, האט טאַנטע פאַסיע אויסגעשריען מונטער:

„ענדליך ביסטו דאָ, זשאַק! אך, מיין טהייערער יונגע, וואס פאַר איין איבערראַשונג!"

ער האט זיא געקושט אויף דער באַק אונד איהר מיטגעטהיילט, דאַס ער האט עטליכע טעג פרייא, ווייל זיין מאַשין, דיא „ליסאָן", איז עטוואס פערדאָרבען גע־וואָרען אונד ווערט פעררייכט אין האַווער.

„אך, זשאַק!" האט זיא געזיפצט, „אָבער דוא ווייסט דאָך, אַז מיט מיר איז שוין אַלעס פאַראיבער — איך שטאַרב. איך האב דיך זעהר געוואָלט זעהן..."

זיא האט איהם אָנגענומען בייא זיין האַנד, געוואָרפען א שרעקעדיגען בליק צום פענסטער, אונד איהם איינגעראַמט אין אויער:

„ווייסטו זשאַק, ער פערגיפטעט מיך!"

זשאַק האט אויפגעציטערט בייא דיעזע ווערטער, אונד אָנוועגדענדיג אַלעס מעגליכע זיך צו בערוהיגען, האט ער געענטפערט:

„אך, טאַנטע פאַסיע — וואס פאַר א שרעקליכע ווערטער איהר רעדט — ער איז דאָך אַזוי גוט צו אייך אונד..."

נראדע דאמאלס איז פארביינעלאָפען דער האווער צוג, אונד מיסארד, טאנטע פאסיע'ס צווייטער מאַן, האט זיך אומגעקעהרט פון דעם הייזעל, וואו ער האט גע־געבען דעם סיגנאל צום אינזשעניר. ער האט גענפענט דיא טהיר אונד איז אריין אין דער קיך, וואו ער האט זיך פערנייגט צו זשאק'ן אונד איז ווייטער געגאנגען וואהרשיינליך אנדערע געשעפטען צו בעזאָרגען.

„דוא פערשטעהסט איהם ניט, זשאק,“ האט טאנטע פאסיע פאָרטגעזעטצט, „איך וויים פאזיטיוו, אז ער גיבט מיר א שרעקליכען גיפט! געדענקסטו זשאק, וויא שטארק אונד פעט איך בין געוועו בלויז מיט עטליכע מאָנאט צוריק? אונד יעטצט, זעה וואס עס איז פון מיר געוואָרען?“

זיא האט טאקי אויסגעזעהען זעהר שוואך אונד אָבגעמאָגערט באלד וויא א פקעלעט. זשאק האט געוואָלט עפּעס זאגען אונד ניט געקענט.

„הער אויס, זשאק,“ האט פאסיע נאך אמאל אָנגעפאנגען, „איך בין אין זיינע הענד אונד בין בערייט צו שטארבען, אָבער ער זאָל גאר ניט האָבען דערפון! דוא ווייסט דאך פון דיא טויזענד פראנקס וואס איך האב געקריעגען ירושה; ער וויל זייא האבען; ער האט זייא פערלאנגט פון מיר אונד איך האב איהם ניט גע־וואָלט געבען. זייט יענעם טאָג בין איך אַלץ קראנק אונד קראנק.“

זשאק האט זיך בערוהיגט, אונד גלויבענדיג, אז טאנטע פאסיע פאנטאזירט, האט ער געזאגט:

„ווען דאס איז אין גאנצען, דאן גיבט מען איהם דיא עטליכע הונדערט פראנקס אונד מען מאכט א סוף.“

וויא שוואך זיא איז געווען, האט דער צאָרן איהר געגעבען כח אויפצושפרינגען אויף איהרע פיס.

„וואס!“ האט זיא געשריען. „איהם געבען דאס געלד?“ מיינע טויזענד פראנקס? ניעמאלס! איך האב זייא בעהאלטען, אונד גוט בעהאלטען, מענסט זיכער זיין. ער האט שוין אויסגעזוכט יעדען ווינקעל, נאר ער האט דאס ניט גע־פונען. ווען ער וועט מיך האבען געהרג'עט, וועט דאס געהיימניס שטארבען מיט מיר!“

זיא איז צוריק געפאלען אין שטוהל פערמאטערט פון דער אנשטרענגונג. מיסארד איז דערווייל צוריק געגאנגען אויף זיין פאָסטען אין דרויסען אום צו געבען דעם סיגנאל פיר א צווייטען צוג. זשאק האט ארויס געקוקט פון פענסטער. דער צוג, געפאקט מיט פאססאזשירען איז פארבייא געפלויגען, פלאָרא האט דאן געעפענט

דעם שווערען טויער פון דיא שינעס אום א וואגען זאל דורכפאהרען, אונד זשאק, זיך דערמאהנענדיג אן עפעס, האט ער געזאגט:

„וואס איז מיט קאביש'ן, איז ער קראנק? איך האב איהם שוין אזוי לאנג ניט געזעהען."

טאנטע פאסיע האט געזיפצט. דער נאמען קאביש האט זיא ערינערט אין זעהר א טרויעריגער צוטרעפונג אין איהר פאמיליע, וואס האט פאסירט ערשט מיט א יאהר צוריק. עס איז געוועזן אין פריהלינג, ווען איהר אינגערע טאכטער, ליזעטע, איז אוועק אין דיענסט צו מאדאם באנעהאן, ריכטער גראנדמארין'ס שוועסטער, אין שלאס פון דאנוויל. ליזעטע איז דארט קיין דרייא מאנאט ניט פערבליעבען, ווען אין א פינסטערע נאכט איז זיא פון דארט ענטלאפען, אונד זייענדיג פערצווייפעלט מיט שמערץ אונד שאנדע, איז זיא אוועק צו איהר גוטען פריינד קאביש, וואס האט געוואהנט אין טיעפען וואלד. דארט איז זיא געשטארבען. פיעלע האבען בעהויפטעט, אז דער אויבער־ריכטער גראנדמארין, איז געוועזן דיא אורזאכע פון איהר טויט. ער, דער פיעל־געאכטעטער גראנדמארין, האט זיא געשענדעט אונד פעראונגליקט, אבער ניעמאנד האט דאס געוואגט צו בעהויפטען אין דער עפענטליכקייט, אונד איהר מוטער אליין, אבוואהל זיא האט געוואוסט, אז דאס אלעס איז וואהר, האט זיא אויסגעמיעדען יעדע געלעגענהייט דאריבער צו רעדען.

„ניין," האט טאנטע פאסיע געענטפערט אויף זשאק'ס פראגע, „מיר זעהען זעהר זעלטען יעטצט דעם ארמען קאביש. ער לעבט אליין, אבגעטהיילט פון דער גאנצער וועלט, וויא א ווילדע חיה. אך, ליזעטע! וויא זיא וואלט יעטצט גע־שטאנען בייא איהר קראנקער מוטער; זיא איז געוועזן אזוי עדעל אונד צארט. פלארא איז אויך א גוטעס קינד, אבער, איך ווייס ניט, עפעס האט זיא ניט אזעלכע געפיהלע וויא ליזעטע האט געהאט. צייטענווייז געהט זיא נאר אוועק פון הויז אונד איך געפין זיא וואנדערענדיג איבער דיא פעלדער אין דער ברענענדער זונן, פער־טראכט אונד פערווירט."

דערוייל האט זשאק בעמערקט, אז אין דרויסען איז געבליעבען שטעהען דער שווערער וואגען אויף דיא שינעס אונד ניט געקענט ווייטער געהן.

„דאס וואלט געווען א שעהנע געשיכטע," האט ער געזאגט, „ווען יעטצט זאל אנקומען א באהן."

„אה, זארג ניט דערפאר," האט טאנטע פאסיע געענטפערט, „פלארא איז פערווירט, ווען זיא איז ניט בייא איהרע פליכטען, אבער אזוי פערלירט זיא קיינמאל ניט איהר קאפ. זיא וועט יעדעס אונגליק פערמיידען."

דערווייל האבען זיך ווידער געהערט מיסארד׳ס שרים אין קאָרידאָר. טאַנטע פאסיע האט אָנגעהויבען צו ציטערן. אלס זשאק האט דאס געזעהן, האט ער צו איהר בעמערקט:

„טהייערע טאַנטע, הערט מיך אויס: אום איהר זאָלט לויז ווערען פון דעם פערדאכט נעגען אייער מאַן, גיבט מיר דיא טויזענד פראנקס ער זאָל וויסען, אונד איהר מעגט דאַן זיכער זיין, אז ער וועט אייך שוין צורוה לאָזען.“

„מיינע טויזענד פראנקס!“ האט זיא אויסגעשריען, „ניין, ניין! נים דיר אונד נים איהם; פריהער וועל איך שטארבען.“

דער וואָגען איז אונטערדעסען ארונטער פון דיא שיענעס, נאך א באהן האט פארבייא געשוועבט, אונד פלאָרא, פערטיג ווערענדיג מיט איהר ארבייט, איז זיא אריין אין צימער. זיא האט קיין וואָרט גערעדט אונד האט קוים בעמערקט זשאק׳ן. דאַן האט זיא געגרייט צום טיש, אָנגעגאָסען אין דיא טעלער א קרויט־זופ, אונד מיסארד איז אויך אריין. ער האט גערייכט זשאק׳ן דיא האנד זעהר פריינדליך. דאַן האט מען געשפראָכען איבער זשאק׳ס מאשין דיא „ליסאָן“, אונד טאַנטע פאסיע, וועלכע האט אליין געקאָכט דיא זופ, האט אקצעפּטירט א טעלער. ווען איהר מאַן האט איהר געוואָלט געבען א גלאָז וואסער, האט זיא נים געוואָלט געהמען. נאכדעם האט זיא פערלאנגט זאַלץ אונד מיסארד, געהמענדיג א לעפעל מיט אביסעל זאַלץ, האט ער איהר צוגעבראכט, אונד בעמערקט, אז זיא עסט צו פיעל זאַלץ, וועלכעס וועט איהר שאדען. ער איז געווען אזוי צערטליך אונד אויפ־מערקזאם, אז ער האט פאַרגעשטעלט דיא אונשולד אליין.

נאך איידער מען איז רעכט פערטיג געוואָרען מיט׳ן עסען, האט זיך געהערט איין עלעקטרישער גלאָק קלינגען, אָנצוציינען, אז א באהן איז נאָהענט. מיסארד אונד פלאָרא, האבען ביידע שנעל פערלאָזען דאס צימער. טאַנטע פאסיע האט דאַן געזאגט צו זשאק׳ן:

„האסטו געזעהן? ער האט געקוקט מיט זיינע אויגען אין יעדען ווינקעל וואוהין מיין בליק האט זיך געווענדעט, מיינענדיג, אז דאדורך וועט ער ענטדעקען מיין געלד. ווען מיר שלאָפען אלע, שטעהט ער אויף אונד זוכט איבעראל.“

טראָפּענס שוויים האבען גערונען איבער איהרע באקען אונד איהרע פיס האבען געציטערט.

„איך פיהל עס, יעטצט נאך אמאל,“ האט זיא געזאגט. „עס איז א ביטערער געשמאק אין מיין מויל, א טעם ווי פון פערראָסטעטעם קופער. דוא וועסט דאך

מיך פרעגען וויא אונד וויא אזוי ער טהוט עס? איך האב דאך גאר ניט נעגעסען פון זיין האנד? אט דא ליעגט דער הונד בעגראבען; איך קען עס מיר ניט ער־קלערען. אבער עס איז אזוי זיכער, אז ער פערגיפטעט מיך, וויא זיכער עס איז, אז מיר ביידע רעדען יעטצט! אדיע, מיין קינד, קום שנעלער מיך בעזוכען, וויל גאט וויים אויב מיר וועלען זיך נאך זעהען."

ער האט איהר געמוזט העלפען אריין צו געהען אין איהר שלאף צימער. דאן, בלייבענדיג אליין, האט ער בעשלאסען צו ווארטען ביז פלארא וועט קומען איהם בעטען אום ער זאל געהן שלאפען. אבער אזוי וויא זשאק, א שטאדט־מענש, איז ניט געוואהנט געווען צו געהן אזוי פריה צו בעט, האט ער געענדערט דעם ערשטען בעשלוס, אונד עפענענדיג דיא טהיר, איז ער ארויס אין דרויסען אום נאך אביסעל צו שפאצירען. עס איז שוין געווען גוט פינסטער, אונד אין דער דונקעלהייט האט ער דערקענט פלארא'ס פיגור עפעס אויפקלייבענדיג פון דער ערד.

„וואס! ביסטו עס, פלארא? האט ער געפרעגט איבערראשט זיא ער־בליקענדיג.

זיא האט אויך אויסגעזעהען איבערראשט, אונד זיך אויפהויבענדיג, האט זיא געענטפערט:

„יא, איך בין עס. איך קלייב אויף דיא שטריק וואס דיא אייזענבאהן לייט לאזען דא צוריק, וועלכע קענען גאנץ גוט צוניטץ קומען."

דאן האט זיא פארטגעזעטצט איהר ארבייט אונד זשאק האט גע־פרעגט:

„עס שיינט, אז גראנדמארין, וועלכער האט אימער אויף אלעם אכטונג גע־געבען, קומט שוין מעהר ניט אהער?"

„ניין, דער שופט קומט מעהר ניט." האט זיא געענטפערט מיט א ניעדריגע שטימע, זייט דער געשיכטע מיט ליזעט'ן. ער וואגט עס ניט זיך דא מעהר צו ווייזען."

„אונד דוא גלויבסט, אז דער אויבער־ריכטער איז ווירקליך שולדיג אין דער ארמער ליזעטע'ס טויט?"

„אויב איך גלויב!" האט זיא אויסגעשריען צארניג. „ליזעטע האט קיין ליגען ניט געזאגט, אונד אויך ניט קאביש. ער איז מיין בעסטער פריינד."

„דיין געליעבטער, פיעללייכט?"

„אך, ניין, ניט דאס! קיין געליעבטען האב איך ניט; אונד איך וויל ניט האבען. אונד איהם צו נעהמען, וואלט איך געמוזט זיין זעהר געמיין."

זיא האט דאַן אויפגעהויבען איהר קאָפּ אונד צוריק געוואָרפען איהרע לאַנגע האאר וואס האבען אַריבער געהאנגען. זיא האט אויסגעזעהען מעכטיג אונד באלד וויא א מאַן. פון איהר גאַנצען קערפּער האט זיך געדאכט דאס עס בלאָזט דיא קראַפט פון א העלד. אין דער געגענד אַרום, האט יעדער געדעדט איבער איהרע מעכטיגע טהאַטען; וויא אַזוי זיא האט אין א טאָג, איינע אַליין, אַרונטער גע־שלעפּט א וואָגען מיט האָלץ פון דיא שינעס אונד פערמיעדען א גרויסעס אונגליק; וויא אַזוי זיא האט אונלענגסט איינע אַליין געשטופּט א גאַנצען וואגאָן, וואס האט געמוזט נעהמען דיא פעראייניגטע קראַפט פון צווייא מענער, אונד, איבערהויפּט, וויא זיא האסט מענער; פון איהר ליעבע צו דער פרייער נאַטור, אייזאַמקייט אונד שפּאַצירען אין וואַלד. איין מאַן, א גאַנץ שעהנער, פון דיא באַהן־בעאַמטע, האט אמאַל פּראָבירט זיא צו געווינען אונד געמיינט מיט איהר צו הייראַטהען. ער האט איהר געבראַכט פּרעזענטען אונד געדעבענט, אַז דאס גיבט איהם שוין א רעכט צו קריגען מיט זיינע הענד צו וויט. זיא האט איהם דאַן געוויעזען דיא קראַפט פון איהרע פויסטען, אַז ער האט אויסגעמיעדען שוין צו קומען אפילו אין יענער געגענד.

„קיין געליעבטען,“ האט זשאַק געזאָגט לאַכענדיג, „וואס דען?“

„גאר נים. האסטו א געליעבטע, זשאַק?“

זשאַק האט נים באלד געקענט ענטפערן, אָבער דאַן האט ער געזאָגט:

„ניין, פלאָרא, איך האב נאָך קיין געליעבטע.“

אָבוואהל עס איז געוועזען פינסטער, האט אבער זשאַק געקענט גאַנץ גוט בעד מערקען, אַז פלאָרא האט געגעבען א זיפץ פון ערלייכטערונג.

„איז דאס אמת, זשאַק, וואס מען זאָגט, אַז דוא פעראַכטעסט אַלע פרויען? ווירקליך, איך האב אויך געזעהן מעהרע מאל, וויא אונפריינדליך דוא קוקסט אויף אונז מיידלעך. ווארום איז דאס?“

ער האט געשוויעגען אונד זיא האט פאָרטגעזעטצט לאַכענדיג:

„וויסטו זשאַק, מען בעהויפּטעט, אַז דוא ביסט פערליעבט אין דיין מאַשין, דיא „ליסאָן“? דוא רייבסט, פוטצט אונד גלעטסט זיא, גלייך וויא זיא וואָלט געוועזען דיא כלה? חא, חא, חא!“

זיא איז צוגעגאַנגען נעהנטער צו איהם, אונד ער? זשאַק האט געשווידערט. ער האט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז דיזעס מעכטיגע מעדכען, דיזע וואַלד־רויז, ליעבט איהם, אָבער ער האט נים געוואָנט צו ערמוטהיגען איהר ליעבע. ווארום? זשאַק

אליין האט געוואוסט דיא גאנצע וואהרהייט דאריבער. זשאק, דער אנשטענדיגער אונד געאכטעטער יונגער אינזשעניער; זשאק, דער שטילער, רוהיגער אונד ניכ־טערנער פלייסיגער ארבייטער — איז געווען דער זוהן פון עטליכע דורות שיכורים, רויבערס, באנדיטען אונד בלוט־דורסטיגע מענשען, פון זיין פאטער'ס צד אונד פון זיין מוטער'ס צד. צייטענווייז, פלעגט אין איהם זיך אַברופען א שרעקליכעס געפיהל צו מאָרדען — דיא ירושה פון זיינע עלטערן, אונד, איבערהויפט איז דאס געווען אין דער נענענוואַרט פון פרויענצימער, וועלכע ער האט אממייסטען געליעבט. ער האט געדורסטעט נאך פערברעכען אונד מענשען־בלוט... ווען פלאָרא האט זיך צו איהם דערנעהנטערט, איז פאר אלעמען אריין דער געדאנק אין זיין קאָפּ, ער זאָל ענט־לויפען, איידער עס ווערט צו שפעט.

„ווארום זיטצטו ניט, זשאק?“ האט זיא געפרעגט. „דאָ איז דאך א באַנק.“

ער האט געצעגערט. ווען זיא האט זיך געזעטצט, האט ער געטראכט, אז ער מוז זעהן אָנווענדען אלעס מעגליכע צו בעזיעגען דעם מאָרד־טייפעל אין זיך אונד ער האט זיך אויך געזעטצט נעבען איהר. איבעריגענס, וויא לאַנג קען דאס א מענש אזוי ליידען פון א געהיימער מארטערענדע קראַפט? מען מוז דאס בעזיעגען אונד בעהערשען!

זיא האט זיך אָנגעלעהנט אביסעל אויף זיין שולטער אונד ער האט גענומע ביידע הענד אין זיינע. זיא האט גאר ניט געזאגט, ווען ער האט איהרע הענד צוגע פיהרט צו זיינע ליפען. זיא האט געלאַכט.

„אך, איהר מענער!“ האט זיא געזאגט, „איהר זייט אלע גלייך! איהר ווילט נאָר איין שלעכטע זאך. זייט מיין ארמע ליזעטע האט פאר מיר דערצעהלט איהרע שרעקליכע ערפאהרונגען, ווייס איך וואס פאר א לומפען אלע מענער זיינען. דער אויבער־ריכטער! איך קען איהם גאנץ גוט. ער פלעגט אהער קומען, מעהרערע מאל, מיט פערשיעדענע מיידלעך, אונד מיט זייא פערבלייבען דאָרט אין הויז. פאר איינער האט ער אָבגעזוכט א מאן. זיא קומט נאך אהער מעהרערע מאל. זיא הייסט סעווערינע.“

זשאק האט געשוויעגען, געקעמפפט מיט דעם טייפעל אין זיך אונד האט במעט גאר ניט געהערט וואס זיא האט איהם דערצעהלט. פלוצלינג האט ער זיא ערגריפען מיט א ווילדער אויפרעגונג אונד אָנגעפאנגען צו קושען איהר מויל מיט זיינע פערטריקענטע ליפען. האלב דערשראָקען אונד האלב דערפרייט, האט זיא אזוי לאַנג געקעמפפט, ביז ער האט געשפירט וויא זיא פאלט אלס אָפּפער פון איהר

אלטער אונד הארטנעקינער ליעבע צו איהם אליין. אבער גראדע דאמאלס, איז זשאק'ן קאלט געוואָרען. דיא לוסט צו מאָרדען האט איהם ערגריפען אונד אָנגע־פילט יעדען ווינקעל פון זיין הערץ אונד געהירן. דיעזע מאָרד־לוסט האט צוזאמענ־געדריקט זיין ברוסט אונד זיינע פינגער האבען זיך אויסגעצויגען וויא דראָטהען, שפּירענדיג א שרעקליכעס פערלאַנגען זייא אריין צו שטעקען טיעף, טיעף אין פלאָרא'ס שעהנעס אונד ווארעמען האלז אונד ארויס רייסען איהר גאָרגעל. זיינע צייהן האבען אויסגעזעהן געשלאָסען נים צום אויפמאַכען אונד זיין אטהעם האט נים געקענט ארויס. עס האט זיך איהם געדאכט, אז זיין גרעסטעס גליק אין לעבען װעט זיין, ווען פלאָרא'ס ווארעמעס בלוט פון האלז וועט בעדעקען זיינע הענד, אונד...

א מאָמענט פון אונטערברעכען דיעזע געדאַנקען איז ערשיענען. ער האט שנעל אָבגעשטויסען פון זיך דאס מעדכען, מיט דער קראַפט פון א ריעז, אונד אויפשפּרינגענדיג אויף זיינע פיס, האט ער זיך אומגעווענדעט אונד אָנגעפאַנגען צו ענטלויפען, וויט, וויט, אין דער פינסטערניש, אום לויז צו ווערען פון דעם מאָרד־טייפעל.

ער האט געשפּירט וויא דער שוויס לויפט איבער זיין גאַנצען קערפּער, דיא פיס זיינען אונגעהייער שווער, נאָר ער איז ווייטער געלאָפען נים וויסענדיג וואוהין. דאַן האט ער זיך אָנגעשלאגען אָן א שטיין, אונד איז געפאלען צווישען דערנער אונד זיך פערוואונדעט זיין געזיכט אונד הענד. דער שמערץ האט איבער איהם געמאכט א מערקווירדיגען איינדרוק פון בערוהיגונג. ער האט זיך אונטערדעסען אויפגעהויבען, אונד געשפּירט, אז ער מוז ווייטער געהען, לויפען אונד זיך רעטען. דאס האט גע־דויערט א היבשע צייט, ביז ער איז אָנגעקומען צום מויל פון דעם טונעל דורך וועלכען דער שנעל־צוג נאָך האָט לויפט דורך. ער איז געשטאַנען אויף ווייכעם גראָז, אונד זייענדיג ערמיעדעט אין גייסט אונד קערפּער, איז ער אומגעפאַלען מיט זיין געזיכט צו דער ערדע, אונד אָנגעפאַנגען צו וויינען.

ער האט זיך דערמאָהנט, וויפיעלע מאָל ער האט שוין דיעזען טייפעל בעד־קעמפּפט, ווען ער איז געוועזען אין דער געזעלשאפט פון פרויענצימער, אונד דאַן, וויא ער האט בעשלאָסען זיא אויסצומיידען, דאמיט ער זאָל לויז ווערען פון דיעזער שרעקליכער אידעע. א היבשע צייט איז אזוי אוועק, אונד ער האט זיך געטראַכט, אז עס איז בעסער אויסצורייסען דיא ליעבע צו פלאָרא'ן פון זיין ברוסט, איידער איבערצורייסען איהר גאָרגעל. ער האט זיך אויך געפריים וואס דער טייפעל האט איהם אזוי לאַנג צורוה געלאָזען, אָבער פּלוצלינג...

„מיין גאָט!“ האָט ער געיאָמערט, „וואָס בין איך שולדיג? ווארום זאָל איך ליידען פאר דיא זינד פון מיינע עלטערן?“

ער האָט געשווידערט פאר דער אידעע פון צוריק קעהרען אין טאַנטע פּאסיע׳ס וואהנונג צו שלאָפען דאָרט אזוי נאָהענט פון פלאָרא׳ן. פּלוצלינג זיינען זיינע געדאַנקען אונטערבראָכען געוואָרען דורך דעם רוישען אין טונעל, וואו דער שנעל־צוג איז געלאָפען.

ער האָט אויפגעהויבען זיין קאָפּ אונד געזעהן דעם צוג ארויס שוועבענדיג וויא א לאַנגער ריזע, אונד, מיט דער שנעללינקייט פון א בליטץ, האָט זיך אָבגעשפּיעלט פאר זיינע אויגען א שוידערהאַפטע סצענע: אין איין וואַגאָן, גוט בעלייכטעט, ביי א פענסטער, האָט ער געזעהן, וויא א מאַן איז געשטאַנען איבער איין אנדערן מאַן אונד אריין געשטאָכען א מעסער אין זיין האַלז. אביסעלע ווייטער, געבען מערדער, איז נאָך יעמאַנד געשטאַנען, אָבער... דאָס האָט געדויערט וויפיעל א בליטץ קען דויערן, אונד דער צוג איז פערשוואונדען געוואָרען ווייטער; פּאַסירענדיג קראָא דע מאָפּרא.

זשאַק איז אויפגעשפּרונגען אונד איז געבליעבען שטעהן וויא בעטויבט, בליקענדיג ווייטער אין דער פינסטערניש, וועלכע האָט פערשלונגען דעם שנעל־צוג מיט אלעמען וואָס ער האָט דאָרט געזעהן.

איז דאָס געווען א בילד פון אויפרעגונג, אָדער א ריכטיגע זאַך! ער האָט זיך דאָס ניט געקענט בעענטפערן, אונד אָנגעפאַנגען ווייטער צו געהען איבער דיא פעלדער. דיא לופט האָט איהם בערוהיגט, אונד נאָכדעם וויא ער האָט שפּאַצירט איבער א שטונדע, איז ער צוריק געקומען צום הויז, אונד זיך איבערצייגט, אַז טאַנטע פּאסיע׳ס פערדאַכט, איז א ריכטיגער. מיסאַרד איז געווען פערטיעפט אין זוכען אין הויז אונד טאַפּען יעדען ווינקעל.

„דאָ איז נאָך א מערדער!“ האָט זיך זשאַק געטראַכט. ווען זשאַק איז אריין אין צימער, האָט מיסאַרד, אָהנע אויפצוהערען זוכען, זיך אומגעווענדעט אונד געזאָגט גאַנץ קאַלטבּליטיג:

„איך זוך שוועבעלעך. געבען דיא שינעס ליעגט א מאַן. איך וויל אָנצינדען א לאַמטערן. איך דענק דער מאַן איז טויט.“

זשאַק האָט זיך פּלוצלינג דערמאָהנט אן דער גאַנצער סצענע וואָס ער האָט געזעהן אין דעם האַוער שנעלל־צוג, אונד זיך געמערקט, דאָס ניט נאָר, אַז ער האָט ניט געחלומ׳ט, זאָנדערן דער טויטער מוז געוויס זיין א רעזולטאַט פון דער טראַגעדיע. בלאָס אונד עטוואָס ציטערענד, האָט ער געפרעגט:

„א מאַן בייא דיא שינעס! וואו איז דאַס, מיסארד?"

„אונגעפעהר 500 מעטער פון דאַנען. לאָמיר געהן אונד זעהען."

פון דעם צווייטען צימער האבען זיך געהערט לייכטע שריט. פלאָרא, מיט באָרוויסע פיס האט זיך דערנעהנטערט צו הערען וואס דאס געשפרעך בעדייטעט. דיא מענער זיינען דערוייל אַרויס אונד זשאַק האט געפרעגט:

„ביסטו זיכער, מיסארד, אַז ער איז טויט?"

„אַזוי שיינט עס, נאָר דער לאַמטערן וועט באַלד אַלעס דערציילען."

„איז דאס איין אונגליק אָדער א צופאַל?"

„פיעללייכט, אָבער עס איז מעגליך דאס יעמאַנד האט איהם אַרויס געוואָרפען."

זשאַק האט געשווידערט.

ווען זייא זיינען צוגעגאַנגען צום פּלאַטץ וואו דער קערפּער איז געלעגען, האט איהם מיסארד פריהער בעטראַכט אונד ערקלערט: „ער איז טויט." דער קערפּער איז געווען פון איין אַלטען מאַן, זעהר רייך געקליידעט, אונד זיין ווייסעס העמד איז געווען בעדעקט מיט בלוט.

זשאַק איז געשטאַנען פון וויטען, וועהרענד מיסארד האט אוועק געשטעלט דעם לאַמטערן אונד ערקלערט, אַז ער מוז געהען אַנציינען דאַריבער. ער איז אוועק אונד זשאַק איז געבליעבען שטעהן קוקענדיג אויף דעם טויטען קערפּער. דאַן האט איהם א געהיימע קראַפט צוגעצויגען אַלץ נעהנטער אונד נעהנטער, אונד ווען ער האט בעסער געזעהען דאס בלוט, האט ער געמורמעלט מיט צוזאַמענגעדריקטע צייהן:

„איך וועל דאס אויך אַמאָל טהון. איך מוז!" דאַן האט זיך איהם שטאַרק געוואָלט בעטראַכטען דיא וואונד. אַלס ער האט זיך מעהר צוגעבויגען אונד געוואָלט לעגען דיא האַנד אויף דעם קערפּער, האט זיך געהערט א לייכטער גערויש הינטער איהם. ער האט זיך אומגעקוקט אונד ערבליקט פלאָרא'ן. דאס מעדכען, אָהנע צו רעדען א וואָרט, האט אומגעווענדעט דעם טויטען'ס קאָפּ, אום זיא זאָל בעסער קענען זעהען דאס געזיכט.

„טשעפּע ניט!" האט ער אויסגעשריען, „ווייסטו ניט, אַז עס איז פערבאָטען פון געזעטץ?"

פלאָרא האט אנפאַנגס ניט געענטפערט, אונד זיך גוט איינקוקענדיג אין געזיכט, האט זיא פּלוצלינג אויסגעשריען:

„וואס? דער אַלטער!"

זשאק, ציטערענדיג, האט ער געפרענט:

„דער אלטער? וועמען מיינסטו?“

„איך מיין דאס איז דער אלטער גראנדמאָרין, דער אויבער־ריכטער!“

זיא האט זיך נאך אמאל איינגעקוקט און געזיכט אונד שטודירט דיא טיעפע וואונד אין האלז. אויף איהר געזיכט האט זיך בעוויעזען א טריומפירענדע מיענע. דאן, זיך בערוהיגענד, האט זיא בעמערקט:

„דיא אורזאכע דערפון, איז אָהנע צווייפעל, עפעס א מיידעל. אבער פון הייגט אן אונד ווייטער, אַלטער לומפּ, איז אלעס געענדיגט! אך, מיין ארמע ליזעטע, מען האט זיך פאר דיר שוין גוקם געוועזן. גוט, גוט, זעהר גוט!“

ווען מיסארד אונד נאך א פּאאר דיענער זיינען צוגעקומען, האט פלאָרא זיך געווענדעט צו זשאק׳ן, וועלכער איז געוועזן פערזונקען אין געדאנקען:

„עס איז שוין 11 אוהר, זשאק, ווילסטו ניט געהן שלאָפען?“

ער האט וויא ערוואכט פון א פינסטערן חלום אונד געמורמעלט:

„ניין, ניין.“

פלאָרא האט זיך אומגעווענדעט, אונד וויינענדיג, איז זיא אוועק.

עס האט אונטערדעסען ניט פיעל געדויערט, אונד מען האט טעלעגראפירט צו אלע נאָהענטע אייזענבאהן־סטאציאָנען, אז דער אויבער־ריכטער גראנדמארין, איז געפונען געוואָרען ערמאָרדעט אונד ארונטער געוואָרפען פון דעם צוג, בשעת ער איז געפאָהרען צו זיין שוועסטער מאדאם באנעהאָן, אין דאָאנוויל שלאָס.

ווען דיא בעאמטע זיינען ערשיענען אונד אוועק גענומען דעם קערפּער, איז אויך זשאק מיט זייא מיטגעגאנגען נאך בארענטין. ער האט מורא געהאט צו געכטיגען אונטער איין דאך מיט פלאָרא׳ן.

קאפּיטעל 3.

דעם נעכסטען מאָרגען, זונטאג, איז רובא אָנגעקומען פונקט אום 5 אוהר נאך האַווער. עס איז נאך געוועזן דונקעל, אונד ער, מיט זיין פרוי סעווערינע, האבען רוהיג אריין שפּאצירט אין זייער וואָהנונג. זיא איז געוועזן זעהר מיעד אונד איז באלד גע־גאנגען צו בעט. ער איז אָבער גלייך נאכדעם ארויס צו דער סטאציאָן, וואו אייניגע בעאמטע האבען איהם געוואונשען גוט־מאָרגען. זיך אומווענדענדיג נאכצוזעהן איבער זיינע פליכטען, האט רובא בעמערקט דעם וואגאָן ערשטער קלאסע, נומ. 293. מולק, איין אונטערגעאָרדנעטער בעאמטער, איז צוגעקומען אונד געזאגט:

„אָה, נומ. 293, ריכטיג, איך געדענק שוין.“

אין דיעזען עקסטרא וואגאָן איז געפאָהרען ריכטער טראנדמאָרין. רובאָ איז בלייך געוואָרען.

„איך געדענק,“ האט מולין פאָרטגעזעטצט, „מיר מוזען זעהען האלטען דיעזען וואגאָן פיר הייטע אבענד, ווייל ער האט א בעזונדערן זיטץ, ספעציעל איינגע־ריכטעט.“

„גאנץ ריכטיג,“ האט רובאָ געענטפערט שוין פאָלקאָמען בערוהיגט. „אָבער, מולין, דער וואגאָן איז שרעקליך שמוטציג פון דרויסען, אונד ער מוז אבגערייניגט ווערען.“

רובאָ האט געגעגעטצט, וואס האט אָנגעציינט, אז ער וויל אויך געהען רוהען.

„אונד וויא שטעהט עס מיט דער געשיכטע פון דעם סוב־פרעפעקט?“ האט מולין געפרעגט.

„זעהר גוט, איך דאנקע פאר דער פראגע. אלעס איז אויסגעפאלען מיר לטובה.“

„עס פרייט מיך, אדיע!“

רובאָ האט אונטערדעסען איינגעזעהען, אז ער קען ניט געהן שלאָפען אונד ער מוז אכטונג געבען אויף דיא פערשיעדענע באהנען וואס געהען אָב אונד קומען אָן. ער האט אָנגעפאנגען זיין ארבייט קאלטבליטיג אונד רעגעלמעסיג וויא אימער, אויס־טהיילענדיג בעפעהלע אונד עמפפאנגענדיג בעריכטע, ביז ער איז אריין אין זיין קאנצעלייא, וואו עס איז געלעגען א הויפען בריעף ניט געעפענטע אונד א טעלעגראמע דערבייא. צו דיעזער צייט איז אויך אָנגעקומען מ. דאבאדיע, דער סטאציאָנס־מייסטער זעלבסט.

„גוט מאָרגען, רובאָ,“ האט ער געזאגט אין א פריינדליכען טאָן, „איך גלויב, אז אלעס איז צוגעגאנגען גוט.“

„גוט מאָרגען, מ. דאבאדיע! זעהר גוט, זעהר גוט, איך האב זיך גאר ניט גערעכט.“

וועהרענד רובאָ האט געהאלטען אין עפענען דיא טעלעגראמע, האט דאבאדיע בעמערקט:

„עס פרייט מיך זעהר, וואס איהר זייט געבליעבען. מיר זיינען פאלשטענדיג צופריעדען מיט אייך.“

אלס רובאָ האט געלעזען דיא טעלעגראמע, איז אויך דאבאדיע צוגעקומען אונד אריין געקוקט. רובאָ'ס געזיכט איז בעדעקט געוואָרען מיט א קאלטען שווייס.

„אך, מ. רובא!“ האט זיך נעהערט א שטימע. רובא האט זיך אומגעווענדעט אונד פאר זיך ערבליקט דעם פייערמאן פעקע.

„האט איהר געזעהען מיין ווייב, מוטער וויקטאריע?“ האט פעקע ווייטער נעפרעגט.

„נעוויס האב איך זיא נעזעהען,“ האט רובא נעענטפערט פאסענדיג מוטה.

„מיר האבען דארט צוגעבראכט נעכטען דעם גאנצען טאג.“

„עס טהוט מיר לייד וואס איך האב ניט געוואוסט, אז איהר פאהרט נאך פאריז. איך וואלט אייך נעבעטען, איהר זאלט איהר זאגען, אז דיא „ליסאן“ איז שוין פעררעכט, אונד מיין אינזשעניער, זשאק לאנטיער, איז פערטיג צו דער ארבייט.“

„וואס זאל דאס בעדייטען, מ. רובא?“ האט דאבאדיע נעפרעגט, איהם צייגענדיג דיא טעלעגראמע, וועלכע רובא האט אוועק געלעגט וויא אונווילבטיג.

„וואס זאל איך וויסען? עפעס א טויטען האט מען נעפונען אויף דיא שינעס...“

„אך, מ. רובא!“ האט אויסגעשריען וויעדער א שטימע וועהרענד דער פייערמאן פעקע האט זיך צוריק נעצויגען. דאס איז געווען איין אנדערער באהן־בעאמטער.

„מיר האבען וויכטיגע טעלעגראמען פאר אייך אונד פאר דעם רעגיערונגס־אינספעקטאר.“

„וואס זאל דאס בעדייטען?“ האט רובא נעפרעגט זיין שעף קאלט־בליטיג.

„א מארד, וויא איהר זעהט; נאר לאמיר לייענען דיא בריעף.“

רובא האט איבערגעגעבען דיא בריעף זיין שעף דאבאדיע, וועלכער האט געעפענט, דיעזען אדרעסירט צום אסיסטענט סטאציאנס־מייסטער. רובא האט אויסגעזעהן ניט צו זיין אזוי שטארק פעראינטערעסירט, דען ער האט גענומען עפענען דיא אנדערע בריעף, וואס זיינען געלעגען פון פריהער אויף'ן טיש.

„הערט, רובא,“ האט דאבאדיע אויסגעשריען. „מיין גאט, דאס איז שרעקליך! דער ערמארדעטער איז איינער פון אונזערע דירעקטארען, אויבער־ריכטער גראנדמארין!“

„דער אויבער־ריכטער!“ האט רובא אויסגעשריען ערשטוינט. „אך, מיין ארמע סעווערינע, זיא וועט דעם שלאג ניט קענען איבערטראגען!“

„יא, ליידער,“ האט דזאבאדיע געזאגט סימפאטהיזירענדיג, „ער איז געוועזען אייער בעסטער פריינד.“

מיט 5 מינוטען שפעטער איז אַנגעקומען דער רעגיערונגס־אינספעקטאָר, וועלכער האט געעפענט דעם בריעף אדרעסירט צו איהם אליין, אונד נאך א פאאר פראגען, האט ער בעמערקט:

„אָבער איך האב מורא, אז עס איז שוין צו שפעט, ווייל דער וואגאָן 293. וואו דער מאָרד איז געשעהן, האט אָבגערייזט צוריק.“

„ניין, ניין,“ האט רובאָ געזאגט וויא מיט א פרעהליכען טאָן, „דער וואגאָן איז נאך דאָ, מען האט איהם צוריק געהאַלטען פיר דעם נאכט שנעל־צוג.“

נאך איידער מען איז צוגעקומען צום וואגאָן 293, זיינען שוין דאָרט געשטאַנען מעהרערע מענשען, וועלכע האבען אונטערזוכט שוין ערפאהרען פון דער טראגעדיע. דער אינספעקטאָר, האט פאר זיך געמאכט פלאַטץ, אונד, צוזאמען מיט דזאבאדיע אונד רובאָ, איז ער אריין אינווענינ. פאר אַלעמען האבען זייא ערבליקט א טייך בלוט אויף א ברייטען נעבעטען שטוהל, וועלכער האט זיך אויסגעברייטעט ביז אויף'ן בערעקטען באָדען.

„דאָ איז געשעהן דער מאָרד!“ האט דער אינספעקטאָר בעמערקט צוקומענדיג נעהנטער.

אלע זיינען געבליעבען שטעהן איינינע אויגענבליק שטיל, ווען דזאבאדיע האט געפרעגט:

„ריכטיג, רובאָ, איהר זייט דאך געפאָהרען לעטצטע נאכט מיט דיעזען צוג, האט איהר עפּעס בעמערקט?“

א דרייא אָדער פיער סעקונדען, איז רובאָ געבליעבען שטיל, גלייך וויא ער איז געוועזען פערטיעפט אין שטודירען דיא בלוט־שפורען. דאן האט ער אויפגעהויבען דעם קאָפּ אונד געענטפערט:

„יא, איך בין געפאָהרען אין דיעזען צוג מיט מיין פרוי — אָבער, אויב איהר ווילט מיר ערלויבען, וועל איך זיא ארונטער רופען, אום צוזאמען זאָלען מיר קענען געבען פיעלּלייכט א בעסערע ערקלערונג איבער אונזער רייזע.“

מ. נאָש, דער אינספעקטאָר, האט דערצו איינגעשטימט, אונד פעקע, דער פייערמאַן, איז אָבגעשיקט געוואָרען ארונטער צו רופען מאדאם רובאָ. עס האט ניט פיעל געדויערט, אונד סעווערינע, וועלכע האט שוין אויך אויסגעזעהען צו וויסען פון דעם וואס עס האט פאסירט, איז ארונטער געקומען האלטענדיג א מאשענטוך בייא איהרע פערוויינטע אויגען.

דער אינספעקטאָר האט נטהייסען מען זאָל ארונטער געהען פון דעם וואגאָן, דאַמיט סעוורינע, אַלס פּרויענצימער, זאָל ניט דארפען זעהען דאס בלוט פון איהר געוועזענעם טרייען בעשיטצער. רובאָ איז געוועז דער ערשטער איהר ענטקעגען צו געהען אונד אָנגעפאַנגען צו פרעגען:

„נעכטען פריה זיינען מיר אָנגעקומען נאך פאריז אום 11:15 אונד מיר האבען גלייך בעזוכט מ. גראַנדמאָרין. געדענקסטו דאס, מיין טהייערע?"

„יא, אום 11:15," האט זיא געענטפערט וויינענדיג.

„עס טהוט מיר לייד, מאַדאַם," האט דער אינספעקטאָר געזאגט, „איך קען מיר פאָרשטעלען אייער לאגע. אָבער איהר וועט ענטשולדיגען וואס מיר האבען אייך גערופען. זייט אזוי גוט מ. רובאָ, אונד דערצעהלט אונז ווייטער."

רובאָ האט דערצעהלט וויא ער אונד סעוורינע האבען בעזוכט אום מיטאג־צייט ריכטער גראַנדמאָרין, אונד וויא ער אליין האט איהם בעזוכט נאכמיטאג וועגען א בריעף אדער א רעקאָמענדאַציאָן, דאן, וויא רובאָ אונד סעוורינע האבען אָבענד־רייזט אום 6:30 אבענד, אָבער, גראדע וויא דיא באַהן האט אָנגעפאַנגען צו געהען, האט ער, רובאָ, בעמערקט ריכטער גראַנד־מאָרין אריינגעהענדיג אין דעם פּריוואט וואגאָן. רובאָ האט געפרעגט דעם ריכטער וואוהין ער פאָהרט, אונד דער לעטצטער האט איהם געענטפערט, אז ער האט ערהאלטען א טעלעגראַמע פון זיין שוועסטער, מאַדאַם באָנעהאָן, צו קומען נאך דאָאנוויל. נאכדעם האבען זייא גענומען אבשיעד, אונד יעדער איז געגאַנגען אויף זיין פלאַטץ.

„איז דאס אזוי געוועזן, מיין טהייערע?" האט רובאָ געפרעגט זיין פרוי.

„יא; דאס איז אַלעס," האט זיא געענטפערט.

„זייט איהר זיכער," האט דער אינספעקטאָר געפרעגט רובאָ'ן, „אז דער ריכטער איז אריין גאנץ אליין אין זיין וואגאָן?"

„יא, אזוי רעכען איך."

„דאס איז מערקווירדיג," האט דער אינספעקטאָר בעמערקט.

פלוצלינג האט רובאָ געזאגט:

„איך ערינער מיך נאך איין זאך. אָנקומענדיג בייא דער ערשטער סטאַציאָן נעבען בארענטין, האב איך ארויס געשטעקט דיא האנד דורך'ן פענסטער אונד זיא גערייכט צו מ. בעססיער, דער דאָרטיגער סטאַציאָנס־מייסטער. מ. בעססיער, וועט דאס געוויס געדענקען, ניט אזוי סעוורינע?"

סעוורינע, בלאַס אונד אונבעוועגליך, האט געענטפערט:

„יא, געוויס, ווען מען וועט איהם נאָר פרעגען."

עס איז קיין רעדע נעוועז, דאס יעמאנד זאָל האבען דעם מינדעסטען פערדאכט איבער רובאָ'ן, איבערהויפּט ווען מען האט געזעהען, וויא געריהרט סעווערינע איז געוועזן.

„דענקט איהר ניט פיעללייכט," האט דער אינספּעקטאָר ווייטער געפרעגט, „אז יעמאנד האט געקענט אריין געהען אין אויבער־ריכטער'ס וואגאָן, שוין נאכדעם וויא איהר האט זיך מיט איהם געזעהן? לאָמיר זאגען בייא א סטאציאָן?"

עס האט אויסגעזעהען, וויא גלייך רובאָ האט נאר דאריבער ניט געדענקט, נאָר נאך א פויזע האט ער געענטפערט:

„ניין, איך גלויב עס ניט. איבריגענס, ווער ווייס? בייא יעדער סטאציאָן זיינען דאָך געוועזן אזוי פיעלע מענשען. וויא דענקסטו, סעווערינע?"

סעווערינע, ציטערענדיג, האט שנעל געזאגט:

„יא, יא, איך רעכען יעמאנד האט געמוזט אריין אין זיין וואגאָן בייא א סטאציאָן. וויא אזוי דען איז ער ערמאָרדעט געוואָרען?"

דער אינספּעקטאָר האט זיך דאס פערצייכענט אין זיין ביכעל. יעדער וואס האט דאס געהערט, האט זיך געטראכט, אז דאס האט גענוּמען זיין דער פאלל. צו דיעזער צייט אָבער, איז אָנגעקומען דער אינזשעניער זשאק לאנטיער אונד ערבליקענדיג זיין פייערמאַן פּעקע אונטער דער מענגע מענשען, איז ער צו איהם צוגעגאנגען אונד געפרעגט וואס עס האט פּאסירט. פּעקע האט איהם אלעס דערצעהלט.

„אך!" האט ער אויסגערופען גלייך וויא ער וואָלט געדענקט הויך. „איך בין זיכער, אז דאס איז ניט געוועזן קיין פאנטאזיע. איך האב געזעהן וויא דער מאָרד איז צוגעגאנגען."

זיינע ווערטער האבען באלד פעראורזאכט איין אויפרעגונג, ביז זייא האבען געברייכט צום אינספּעקטאָר אונד סטאציאָנס־מייסטער. זשאק איז צוגערופען געוואָרען, אונד ער האט דערצעהלט וואס ער האט געזעהן.

„דאן ווערט איהר דאָך דערקענען דעם מערדער?" האט דער אינספּעקטאָר געפרעגט טריומפירענד.

„דאס ווייס איך ניט. מיר דאכט ניין."

„איז ער געגאנגען אָנגעטהאָן אין א ראָק אָדער אין אַרבייטס־העמד?"

„עס איז מיר אונמעגליך צו בעשטימען. פערגעסט ניט, דער צוג איז דאמאלס געלאָפען פּופציג מיילען אין א שטונדע."

סעוועריגע, אהנע זיך צו קענען צוריק האלטען, האט געבליקט צו איהר מאן, וועלכער האט אבער באלד געפאסט מוטה אונד בעמערקט:

„געוויס, בייא אזא שנעללינקייט, איז שווער געווען צו בעמערקען."

„יעדענפאלס," האט דער אינספעקטאר געזאגט, „האבען מיר דא א וויכטיגען עדות. דער אינסטרוקציאנס־ריכטער וועט וואהרשיינליך זעהען אויפפרישען אייער זכרון. מ. לאנטיער אונד מ. רובא, זייט אזוי גוט אונד גיבט מיר אייערע פולע נעמען אונד אדרעסען, דאמיט מען זאל אייך קענען איינלאדען לויט דער פארמע."

דערמיט האט זיך פארלויפיג געענדיגט דיא איבערפלעבליכע אונטער־זוכונג.

קאפיטעל 4.

אויף מ. דעניזעט, דער אינסטרוקציאנס־ריכטער פון פאריז, איז געפאלען דער גורל צו אונטערזוכען דאס געהיימניס פון דעם גראנדמארין מארד־פראצעס. מ. דעניזעט איז געווען א מאן פון פאלק, אדער בעסער געזאגט, א מאן וואס האט זיך ארויף געארבייט פון פאלק אונד האט אימער געהאט אין געדאנקען ווייטער צו שטייגען. ער איז אויך געווען א מענש מיט א גוטען דורכדרינגענדען בליק, אבער נאר אויף'ן מאמענט. ער האט זיך געקענט אנכאפען אן א זאך אונד זיך ערקלערען, אז אזוי איז דאס, אונגעאכטעט דארויף וואס איז געווען גראדע דער געגענטהייל. דאס האט פעראורזאכט, וואס ער האט אמאל יא געטראפען אונד אמאל ניט.

עס זיינען אבער אונטערדעסען פאראיבער צווייא וואכען, איידער ער איז פערטיג געווארען אום אנצופאנגען דיא אונטערזוכונג. דערווייל האבען דיא רעפובּ־ליקאנישע צייטונגען געשריען אונד געמאכט געוואלטען, ווארום דאס געהיימניס פון דעם מארד ווערט ניט ענטדעקט, אונד אנדערע האבען אויך בעהויפטעט, אז דער מארד האט צו טהון מיט דער שמוטציגער מאנארכיסטישער פאליטיק, וועלכע מען מאר ניט אויפדעקען. א טהייל האבען געשריבען, אז גראנדמארין'ס לעבען איז געווען צו שמוטציג אום מען זאל דאס אונטערזוכען אונד שענדען דיא עקזיסטירענדע רעגיערונג, אונד זא האט מען בעסער בעשלאסען צו לאזען דעם מערדער אונבע־שטראפט. איבערהויפט אבער איז אנגעגריפען געווארען דעניזעט אלס איין אונ־פעהיגער מענש, וועלכער פערשטעהט ניט זיין פאך אלס אינסטרוקציאנס־ריכטער.

דעניזעט איז געוועזן פערצווייפעלט; ער האט גאנץ גוט געוואוסט, אז אין די בעהויפטונגען פון דיא צייטונגען געפינט זיך פיעל וואהרהייט, אָבער ער האט דאָך ניט געוואגט צו שטעלען אויף זיין אייגענער פעראנטוואָרטליכקייט. ער איז דערפאר פריהער אוועק צום אויבער־פּראָקוראָר, אום זיך מיט איהם צו בעראטהען.

דער אויבער־פּראָקוראָר, מ. קאמי־לאמאט, א שארפזיניגער אונד דורכגעטריעבענער פּאָליטיקער, האט גוט געקענט דעם אויבער־ריכטער גראנדמאָרין, אונד ער האט געוואוסט, אז עס קען זעהר פיעל שאדען דיא רעגיערונג אויפצומישען זיין פערגאנגענהייט. דאָך איז ער געוועזן פאָרזיכטיג גענוג, זיך ניט צו פערראטהען זאָגאר פאר דעניזעט'ן. ער האט איהם געגעבען אזא צווייריינטיגען ענטפער, אז דעניזעט, וועלכער האט אויף'ן צווייטען טאָג אָנגעפאנגען דיא אונטערזוכונג, האט ניט געוואוסט וואו ער איז אין דער וועלט.

רובאָ אונד סעווערינע זיינען ערשיענען נאָך פאר 2 אוהר אין דעם קאָרידאָר פון געריכט־הויז. מען האט זייא איינגעלאדען בלויז אלס עדות, אונד זייא זיינען געוועזן זעהר אונרוהיג. דיא טהאטזאכע, אז דאס ווערטהפאָלע הויז פון קראָא דע מאָפרא, נעהט איבער צו זייא בירושה, לויט גראנדמאָרין'ס צוואה, האט זייא אויך ניט געפרייט. זייא האבען אונטערדעסען ערפאהרען, אז מאדאם לאשעסניי, דעם אויבער־ריכטער'ס טאָכטער, סעווערינע'ס געוועזענע חבר'טע, האט שטארק פּראָטעסטירט דאגעגען.

זיטצענדיג איינער נעבען אנאנדער אויף א באנק, האבען זייא שטיל בעשפּראָכען דיא לעטצטע עראייגניסע, אונד נאָך אמאל ווידערהאָלט וואס זייא דארפען ענטפערן. דיא טהיר האט זיך געעפענט אונד זשאק איז ערשיענען. ער איז אויך געוועזן געלאדען אלס עדות. ווען רובאָ האט איהם דערזעהען, האט ער זיך אויפגעהויבען, איהם ענטקעגען געגאנגען, גערייכט דיא האנד אונד געזאגט:

„דיעזע איינלאדונגען פערמאטערן מיך. ווער ווייס ווען דערפון קען נעהמען איין ענדע?“

זשאק האט ערבליקט סעווערינע'ן אונד זיך פערנייגט פאר איהר. ער האט זיך ניט געקענט פערגעסען אן איהר געזיכט וואס ער האט געזעהן מיט 2 וואָכען צוריק אין האווער. רובאָ'ס אויסעראָרדענטליכע פריינדליכקייט, איז איהם געוואָרען אויפפאלענד, אָבער זיך דערמאָהנענדיג נאָך אמאל אן סעווערינע'ן, האט ער בעשלאָסען זייא ביידע אויסצומיידען אין דער צוקונפט.

„קענט איהר מיין פרוי?" האט רובאָ אונטערהעסען געפרעגט. „קומט נעהנטער."

זשאק איז צוגעגאנגען צו סעווערינע'ן, איהר געדריקט די האנד, אונד רובאָ האט בעמערקט:

„דאס איז איין אונענדליכע געשיכטע."

„ווען איך בין אַנגעקומען נאך רוען," האט זשאק אָנגעפאנגען, „האב איך גע־הערט מעהרערע פּערזאָנען רעדען, דאס א מאן איז ארעסטירט געוואָרען אין פער־בינדונג מיט דיעזען מאָרד."

רובאָ אונד זיין פרוי האבען אויסגעזעהען צו זיין אויפגערעגט איבער דיעזער נאַכריכט.

„אָט דאָ געהט בערטהאַ לאַשעסניי אונד איהר מאַן," האט סעווערינע בע־מערקט אום אָבצורוּוענדען דאס געשפּרעך.

לאַשעסניי אונד זיין פרוי, שטאלץ ווי די פּאַווס, זיינען אריין געפיהרט געוואָרען אין א זייטען־צימער פון א ספּעציעלען בעאַמטען.

„ווילט איהר זיטצען, מ. לאַנטיער?" האט רובאָ געפרעגט. „איך דענק, אז מיר וועלען נאך מוזען ווארטען א היבשע צייט."

מ. דעניזעט האט דערווייל אָנגעפאנגען זיין ארבייט אין דעם גרויסען זאלאָן פון דעם געריכט־הויז, פריהער אויסגעהערט מאנכע אונבעדייטענדע עדות, אונד דאַן האט ער געלאָזען אריין רופען אלע איינגעלאַדענע. ווען מ. לאַשעסניי מיט זיין פרוי זיינען ערשיענען, האט ער זיך טיעף פערנייגט פאַר זייא. דאַן האט ער געזאגט צו מאַדאַם לאַשעסניי:

„איהר וועט מיר ענטשולדיגען, מאדאם, וואס איך האב אייך איינגעלאַדען. אָבער ווי איהר ווייסט, זיינען דאס מיינע פליכטען, אונד איהר וועט מוזען ער־טראגען דעם שמערץ, אום איבערצודערצעהלען די גאנצע טראגעדישע אנגעלעגענ־הייט איבער אייער פאטער, מיט דער אָבזיכט, מיר זאָלען קענען ערגרינדען די וואהרהייט."

מ. דע לאַשעסניי, דער פיעלפאכער מיליאָנער אונד יורש פון פרישע מיליאָנען, ווי אויך הויבער בעאמטער פון דער רעגיערונג, האט אויסגעזעהן זעהר אונגעדולדיג, בשעת זיין פרוי האט בעענטפערט מאנכע אונבעדייטענדע פראגען וואס מען האט איהר געשטעלט. די הויפּטזאַך איז בייא איהם געווען, די צוואה זאָל בעשטעטיגט ווערען, אונד וואס עס אנבעלאַנגט זיין שוויגער־פאטער'ס מערדער, האט איהם גאַנץ ווענינ בעקימערט.

אלס בערטהא איז צונעקומען צום פונקט אין שילדערן איהר פאטער'ס צוואה, בעהויפטענדיג, אז זיא וויים פון קיין אורזאכע, ווארום איהר פאטער האט אָבנעזאגט אויף מאדאם רובאָ דאס הויז פון קראָא דע מאָפרא, האט זיך מ. דע לאשעסניי ערהויבען, אונד מיט דער קראפט פון זיין יחוס, האט ער כמעט גויא אויס־געשריען:

„דיעזער פונקט אין דער צוואה איז שענדליך, אונגלויבליך אונד אונמאָראליש! ער קען ניט אונד דארף ניט עקזיסטירען!"

דעניזעט, מיט נעמאָסטענער שפראכע, האט געענטפערט: „איהר ווערט מיר ענטשולדיגען, מיין העררע, איך גלויב, אז איהר טהוט אונרעכט דערמיט וואס איהר גרייפט אן דיא צוואה. איהר ווייסט גאנץ גוט, אז דאס געזעטץ ערלויבט יעדען איינעם, וואס האט נאָר איין קינד, צו טהון מיט א העלפט פון זיין פערמעגען וואס ער וויל. דאס הויז פון קראָא דע מאָפרא, האט ווענינער ווערטה גויא דיא העלפט פון ריכטער גראנדמאָרין'ס פערמעגען."

„דאס מעג שוין זיין," האט לאשעסניי געזאגט, „אָבער איהר ווערט דאָך צו געבען, אז איך קען נאר ניט ערלויבען אזא פאמיליע וויא דיא רובאָ'ס זיינען, אוועק צו נעהמען אזא קאָסטבארעס הויז, איבערהויפט דאן, ווען עס איז דאָ א פערדאכט, אז זיא זיינען פערבונדען מיט דעם מאָרד, אונד — "

„איז דאס אייער מיינונג?" האט איהם דעניזעט געפרעגט אונטער־ברעכענדיג.

„געוויס, יא. זייא האבען גאנץ גוט געוואוסט וואס עס שטעהט אין מיין שוויגער־פאטער'ס צוואה, אונד זייא האבען גערעכענט, אז וואס פריהער ער וועט שטארבען, אלץ שנעלער וועלען זייא בעגליקט ווערען. דאן זיינען זייא געווען דיא לעטצטע פערזאָנען איהם צו זעהן לעבעדיג. דאס אלעס איז זעהר פערדעכטיג, זעהר פערדעכטיג."

דעניזעט איז געווען איבערראשט. דיעזע אידעע איז איהם נאר ניט איינגע־פאלען. זיינע דעטעקטיווס האבען ארעטירט מיט איינינע שטונדען צוריק קאביש'ן, אונד ער האט געהאט גוטע גרינדע צו גלויבען, אז קאביש איז דער מערדער פון ריכטער גראנדמאָרין.

ווער איז געווען קאביש? אָט דאָ וועלען מיר הערען: מיט גענויע 7 יאָהר צוריק, איז קאביש פעראורטהיילט געוואָרען אויף 5 יאהר געפענגניס, דערפאר וואס ער האט געהרג'עט א מענשען אין א געשלעג. ווען ער איז אבגעזעסען דיא צייט אין געפענגניס אונד איז אהיים געקומען, האט ער געפונען זיין פאטער'ס הייזעל אין

וואלד לעדיג. דער פאטער איז אונטערדעסען געשטארבען. קאביש האט דאן געלעבט פאר זיך אליין אונד איז זיך זעהר וועניג צוזאמען געקומען מיט דער וועלט, וועלכע האט איהם גערעכענט פאר א געפעהרליכען מענשען, פאר א מערדער. זייענדיג אין וואלד, האט ער זיך גוט בעקאנט מיט ליזעטע'ן, דיא טאכטער פון טאנטע פאסיע. אין א פארנאכט איז ליזעטע אהיים געקומען צו איהם, פערוואונדעט אונד אין א פיעבערהאפטען צושטאנד. עס שיינט, אז קאביש האט געליעבט ליזעטע'ן. דאס מעדכען איז דאן געשטארבען אויף זיינע הענד, דערצעהלענדיג, אז גראנדמארין האט זיא פערוּנגליקט. אין דער געגענווארט פון מעהרערע פערזאנען, האט קאביש שפעטער געשווארען, צו ערמארדען גראנדמארינען. דארף מען נאך האבען בעסערע בעווייזע, האט זיך דעניזעט געטראכט, אום פעסט צו שטעלען ווער דער מערדער איז?

דעניזעט, אהנע צו וויסען וועלכע פראגע ער זאל וויטער שטעלען לאשעסניין, האט ער זיך געווענדעט צו זיין פרוי אונד געפרעגט:

„אונד איהר, מאדאם, איז אייער מיינונג אויף דיעזעלבע? קענט איהר דאס גלויבען איבער אייער אלטע חבר'טע?"

„איך קען בעשטימטעס גאר ניט זאגען," האט בערטהא געענטפערט קר קענדיג אויף א זייט צו איהר מאן, „נאר אזוי פיעל ווייס איך, אז סעווערינע אלס קינד, איז געווען זעהר א בעזע אונד אויפגערעגטע."

„דענקט איהר, אז זיא האט געקענט עפעס פיהרען וועלטען אין דאך אנוויל?"

„אה ניין, מיין פאטער וואלט דאס קיינמאל ניט ערלויבט. נאר זיא איז אימער געווען זעהר אונפארזיכטיג, אונד, אויב איך קען עס אזוי אנרופען, אביסעל אויסגעלאסען אין איהרע בענעהמונגען."

דעניזעט איז געווען שטארק אונצופריעדען מיט דער גאנצער ווענדונג פון דער געשיכטע. מיט קאביש'ן האט זיך, לויט נאך זיין מיינונג, אלעס געקענט ענדיגען אזוי גלאט אונד איינפאך, אז גראנדמארין'ס פערגאנגענהייט, זאל ניט דארפען אין גאנצען ענטדעקט ווערען, אונד דא, ווער ווייס צו וואס פאר א מין ענטוויקלונג דאס אלעס קען פיהרען?

אלס ער האט געוואלט ערקלערען, וויא אזוי עס קען גיט מעגליך זיין, דאס דיא פאמיליע רובא זאל זיין פערמישט אין דער געשיכטע, דאמיט עס זאל ניט שאדען צו זיין איינענער טהעאריע, איז גראדע דאמאלס ערשיענען מאדאם באָ־ נעהאן, גראנדמארין'ס שוועסטער.

„אט דאָ בין איך, הערר ריכטער," האט זיא געזאגט גאנץ פאמיליאר צו דעניזעט'ן, וועלכען זיא האט גוט געקענט. „איך בין געקומען אביסעל שפעט, אָבער איהר מוזט מיר ענטשולדיגען, דער וועג פון דאָאנוויל אהער, איז זעהר א שלעכטער."

דעניזעט האט זיך טיעף פערנייגט אונד געענטפערט:

„איך גלויב, אז איהר וועט מיר אויך ענטשולדיגען, וואס איך האב אייך גער לאָזען רופען, מיר מוזען ליידער דיעזע אונאנגענעהמע געשעפטען דורכמאכען."

מאדאם באָנעהאָן האט זיך דאן צוקושט מיט בערטהאַ'ן, גערייכט לאשעסניי'ן דיא האנד, אונד דעניזעט האט זיך נאך אמאל ענטשולדיגט אונד אָנגעפאנגען צו פרעגען:

„מאדאם באָנעהאָן, איין עדות האט מיר מיטגעטהיילט, אז אייער ברודער האט פון אייך ערהאלטען א בריעף, וואו איהר האט איהם גערופען נאך דאָאנוויל. איז דאס וואהר?"

„איך האב קיין בריעף געשריעבען צו מיין ברודער," האט זיא געענטפערט. „איך האב געוואוסט, אז ער דארף קומען. ווען אונד אין וועלכען טאָג איז מיר ניט געווען בעקאנט. ער פלעגט מעהרערע מאל קומען אונגעריכט. צו דיעזער צייט אָבער, האב איך איהם ערווארטעט יעדען טאָג, ווייל איך האב געוואוסט, אז ער דארף מיר ברענגען 10,000 פראנקס, וואס ער האט פאר מיר איינגעקאַלעקטירט. ער האט פאזיטיוו בייא זיך געהאט דאס געלד אין יענעם טאָג, אונד דערפאר גלויב איך, אז גלאט א רויבער האט איהם ערמאָרדעט."

א קורצע פויזע האט געפאָלגט אונד דעניזעט האט ווייטער געפרעגט:

„אונד וואס דענקט איהר איבער מאדאם רובאַ אונד איהר מאן?"

„אה, אה," האט מאדאם באָנעהאָן געענטפערט אונגעדולדיג. „איך גלויב, אז איהר וועט דיעזע ארמע לייט צורוה לאָזען. סעווערינע איז אימער געווען א גוטעס מעדכען, זעהר געהאָרזאם אונד געפאָלגט. איהר מאן, איז איין איינפאכער עהרליכער מענש."

דעניזעט איז געווען זעהר צופריעדען מיט דיעזען ענטפער, נאָר בערטהא, עטוואס אויפגערעגט, האט אויסגעשריען:

„אך, טאנטע, גלויבט איהר, אז אייער מיינונג איז גאנץ ריכטיג?"

„יא, מיין קינד, אזוי גלויב איך. עס דארף דיך גאר ניט פערדריסען, זאָל זיא האבען דאס הויז פון קראָא דע מאָפרא, פאר דיר איז געבליעבען גענוג געלד."

„אָבער רובאַ אליין," האט זיך לאשעסניי אריין געמישט, „האט געשפראָכען

איבער דעם בריעף אָדער איינלאַדונג וואס טאַנטע באַנעהאַן האט געשיקט צו מיין שווינער־פאטער?"

„דאס איז פון א גאַנץ קליינער בעדייטונג," האט דעניזעם געזאגט שמייכ־לענדיג. אָבער דאַן, ווערענדיג גאַנץ ערנסט, האט ער זיך ווידער געווענדעט צו מאַדאם באַנעהאַן. „ענטשולדיגט מיר דיא אונאַנגענעהמע פראגע. מען האט בע־הויפטעט, אז אייער ברודער האט געהאט געליעבטע, אונד — "

מאַדאם באַנעהאַן האט געשמייכעלט גוטמיטהיג אונד געענטפערט:

„אזוי זאגט מען, יא, אָבער דאס איז ניט וואהר. ער איז שוין געווען צו אלט — איך וועל ניט שווערען פאר זיינע איינגערע יאָהרען — אָבער אויף דער עלטער... איבעריגענס, ער איז געווען א מענש וואס האט אימער פערשטאַנען וויא זיך צו בע־נעהמען געגנוג אַנשטענדיג וויא עס האט פאר איהם געפּאַסט."

בערטהא האט ארונטער געלאָזען דיא אויגען אונד איהר געזיכט איז רויט געוואָרען.

„אָבער ענטשולדיגט מיר," האט דעניזעט ווייטער געדרונגען, „איך האב גע־הערט, אז ער האט געהאט עפּעס א פערקעהר מיט אייערער א דיענסט־מיידעל — "

„אך! יא, מיט ליזעטע'ן, זעהר איין אויסגעלאַסענע, וועלכע איז שוין געווען פערדאָרבען נאך איידער זיא איז אלט געוואָרען 14 יאהר. איהר געליעבטער איז געווען איין עקס־ארעסטאַנט, א מערדער. דיא דומע מענשען פון דער נאַכבאַרשאַפט, האבען דאַן געוואָלט ארויף לעגען דיא שולד פון איהר טויט אויף מיין ברודער. עס איז געווען שענדליך, ווירקליך שענדליך! איך וועל ניט שווערען, אז מיין ברודער האט פיעללייכט אמאל געגלעט ליזעטע'ן, ווייל ער האט איבערהויפּט ליעב געהאט קינדער, אָדער ער האט איהר אויף א קוש געגעבען. אָבער איך פערזיבער אייך..."

„אך, טאַנטע! טאַנטע!" האט בערטהא אויסגעשריען אום צו אונטער־ברעכען דיא שילדערונג, וועלכע איז איהר געווען אונאַנגענעהם. אָבער דיא אלטע האט אויפגעצויגען מיט דיא אַקסלען אונד פאָרטגעזעטצט:

„עס איז מעגליך, אז ער האט זיך מיט איהר געררייצט, איז דאס א פער־ברעכען? ליזעטע, וועלכע איז געווען א שטיקעל ליגנערין, האט געוויס איבערטריעבען אלעס, כדי איהר געליעבטער זאָל מיט איהר האלטען. ער האט איהר אויך אלעס געגלויבט, אונד זייט איהר טויט פלעגט ער אויפגערעגט ווערען וויא א ווילדע חיה, ווען ער האט געהערט דערמאָהנען מיין ברודער'ס נאמען. ער האט אויך מעהרערע

מאל געשוואָרען, זייענדיג אין דיא וויינשענקען, אז בייא דער ערשטער אונד בעסטער געלעגענהייט, ווערט ער דערהרג'ענען מיין ברודער, אונד — "

„האט ער עס ווירקליך געזאגט?" האט דער ריכטער זיא אונטערבראָכען. עס האט זיך נאכהער ארויס געוויעזען, אז פיעלע מענשען האבען דאס געהערט פון קאַביש'עס מויל. ווען דעניזעט איז פערטיג געוואָרען מיט דיעזער ערשטער אונטערזוכונג, האט ער זיך געזעגענט מיט דיא פראָמינענטע עדות, אונד ער איז צוריק געבליעבען אליין אויף אייניגע מינוטען וויעדער אלעס איבערצודענקען. דאן האט ער געהייסען צו איהם אריין רופען זשאק לאַנטיער.

דעניזעט האט אָנגעפאנגען זיינע פראגען מיט אזוי פיעל צודרינגליכקייט, דאס ער האט געוואָלט אונבעדינגט ארויס קריעגען פון זשאק'ן, אז ער האט געזעהען דעם מערדער געגנוג דייטליך אום איהם צו קענען בעשרייבען. אָבער זשאק איז געבליעבען בייא זיין ערשטער בעהויפטונג, אז דיא באהן איז צו שנעל געלאָפען אונד עס איז איהם געווען אונמעגליך צו זעהען אירגענד עפּעס דייטליך גענוג, אום צו קענען בעצייכנען איינצעלהייטען.

„אָבער ווען איך זאָל אייך צייגען דעם מערדער," האט דעניזעט פּלוצלינג נעך־נאנט, „וואָלט איהר איהם דערקענט?"

זשאק האט אביסעל געצעגערט אונד דאן ארויס געשטאמעלט:

„ווען איהר זאָלט מיר איהם ווייזען, דאן, פיעללייכט — "

ער האט זיך אָבער באלד צוריק געכאפּט אונד געזאגט:

„אונמעגליך, אונמעגליך! שטעלט זיך פאָר, דיא באהן איז אזוי שנעל גע־לאָפען..."

דעניזעט איז געווען פערצווייפעלט. ער האט אָנגעווענדעט אלעס מעגליכע ארויף צו פיהרען זשאק'ן אויף א וועג, וועלכער זאָל פיהרען צו א בעשרייבונג פון קאָביש'ן. ער האט דאן געהייסען אריין ברענגען רובאָ'ן מיט זיין פרוי. ווען דיעזע צווייא זיינען ערשיענען אונד זיך בעגעגענט מיט זשאק'ן, איז געלעגען אין זייערע אויגען איין אונרוהיגער בליק. זייא האבען זיך אָבער באלד בערוהיגט, ווען דעניזעט האט וויעדער אָנגעפאנגען דיא אלטע פראגען מיט קיינע נייע ענטוויקלונגען.

מיט רובאָ'ן איז שוין דעניזעט'ן בעסער געלינגען זיין פּלאן. ער האט איהם אזוי פערדרעהט מיט פראגען, דאס עס איז ארויסגעקומען, אז ער האט ווירקליך געזעהן א מאן אריין געהן אין גראנדמאָרין'ס וואגאָן.

„איז ער געווען הויך, ניעדריג, דיק, מאָגער, וויא אזוי האט ער ארויסגעזעהן?" האט דעניזעט געפרעגט שטארק נייגיעריג.

רובאַ האט אנגעהויבען צו דרעהען מיט דיין צונג אונד ניט געקענט ארויס ברענגען קיין פערשטענדליכען ענטפער.

„רוהיג, רוהיג,“ האט דעניזעט געזאגט צו רובאַ'ן אונד זיך דאַן געווענדעט צו זשאק'ן: „זאגט מיר נאָר, מ. זשאק לאַנטיער, איז דער מאַן, וואס איהר האט געזעהען דורך'ן פענסטער אין וואגאָן מיט דעם מעסער אין האנד, געווען ניעדריגער אָדער העכער פון מ. רובאַ?“

זשאק האט אויפגעהויבען דינע אויגען, דיך בעטראַכט רובאַ'ן, אונד, גלייך וויא ער וואָלט ערוואכט פון א חלום, האט ער שנעל געענטפערט:

„ניין, ניט ניעדריגער אונד ניט העכער, פון דערזעלבער סטאטור וויא מ. רובאַ.“

„דעם מענשען וואס איך האב געזעהען,“ האט רובאַ באַלד אונטערגעכאפּט מיט אויפרעגונג, „איז געווען גראדע מיט א קאָפּ העכער פון מיר.“

רובאַ'ס, סעווערינע'ס אונד זשאק'ס אויגען האבען זיך בעגעגענט, אונד יעדער איינער האט אויסגעזעהען זעהר בעאונרוהיגט. דעניזעט האט אָבער צו זייא ניט גע־קוקט, אונד בלויז בעמערקט:

„דאס איז א קלייניגקייט; איך פערשטעה ווארום איהר, מ. לאַנטיער, האט איהם געזעהן ניעדריגער; עס איז געווען בלויז דערפאר, ווייל ער איז דאמאלס געווען אָנגעבויגען.“

דעניזעט האט אויף איין אויגענבליק אויפגעהויבען דיא אויגען צו דיא עדות, אונד שטודירענדיג זייערע מיענעס אונד דיא בליקען וואס איינער האט דעם צווייטען צוגעוואָרפען, האט ער געשפּירט א לייכטען שוידער. „ווער ווייס,“ האט ער זיך גע־טראַכט, „פיעללייכט ליעגט דאָך עפּעס אין דער בעשולדיגונג פון בערטהא לאַשעסניי מיט איהר מאַן?“

ער איז געזעסען איינע אויגענבליקען אין טיעפען נאכדענקען, אונד דאַן, אָהנע ווייטערע פראגען צו שטעלען, האט ער זייא געהייסען ארויין געהן אין צווייטען צימער איהם צו ערוואַרטען ביז ער וועט זייא רופען. אויף א וואונק האט זיך געעפענט א צווייטע טהיר, אונד א גרויסער אונד שטארק געבויעטער יונגער מאַן פון א יאהר 25 אָדער 30, איז אריין צווישען צווייא זשאנדארען. דיעזער איז געווען קאביש. ער איז געבליעבען שטעהען מיט גרויסע צושויבערטע האאר אויף'ן קאָפּ אונד איין אויפגע־רעגטער בליק אין זיינע אויגען, וואס האט איהם פאַרגעשטעלט וויא א ווילדען. ווען דעניזעט האט איהם גוט בעטראַכטעט, האט ער זיך געטראַכט, אז עס קען נאָר

אנדערש נים זיין, דאס ער איז געווים דער מערדער, אונד ער וועט מיט זיין קונסט אין אויספרעגען, איהם ברענגען דערצו ער זאָל זיך מודה זיין.

„ווייסט איהר פון דעם פערברעכען אין וועלכען מען בעשולדיגט אייך?" האט דעניזעט אָנגעפאנגען.

„קיינער האט מיר נאך נים געזאגט," האט קאביש געענטפערט מיט א בעזער שטימע, „נאָר אויב איך האב קיין טעות נים, בין איך מיר משער, ווייל מען האט שוין דאריבער גענוג גערעדט."

„האט איהר געקענט מ. גראנדמאָרין?"

„יא, יא, איך האב איהם געקענט, נאך צו פיעל."

„אייערע א געליעבטע מיט וועלכער איהר האט געלעבט, א געוויסע ליזעטע, איז אנגעשטעלט געוואָרען בייא מאדאם באָנעהאָן. איז עס נים אזוי געוועזען?"

קאביש'עס געזיכט האט זיך אָנגעצונדען מיט צאָרן, אונד ער האט אויס־געשריען:

„בייא גאָט! דעריעניגער וואס בעהויפטעט, אז ליזעטע האט מיט מיר אונ־אָרענטליך פערקעהרט, דער איז א ליגנער!"

דעניזעט האט אויסגעזעהען צו שטודירען דיעזען צאָרן מיט איין אמחירענדער נייגיעריגקייט. דאן האט ער בעמערקט:

„איהר זייט איין אויפגערעגטער מענש. איהר האט אמאל געהרג'עט א מענשען אין א געשלעג אונד איהר זייט דערפאר אבגעזעסען 5 יאהר אין קרימינאל?"

„יא, דאס איז אמת," האט קאביש געענטפערט רוהיג אונד בעדויערענד. „אָבער ער האט מיך פריהער אָנגעגריפען."

„איהר בעהויפטעט אלזא, אז איהר האט מיט ליזעטע'ן נים געלעבט?" האט דעניזעט ווייטער געפרעגט.

קאביש'עס צאָרן איז ווידער ערוועקט געוואָרען, ער האט זיך אבער מיט אלע זיינע כוחות בעהערשט אונד אָנגעפאנגען מיט איין אונטערדריקטער שטימע:

„הערט מיך אויס, אונד פערשטעהט מיך. ווען איך בין צוריק געקומען פון געפענגניס, האט יעדער מיך אויסגעמיעדען אונד ענטלאָפען פאר מיר. זיא אליין, ליזעטע, האט צו מיר גערעדט גוט אונד מיך געטרייסט. מיר זיינען געוואָרען פריינדע. מיט דער צייט האב איך זיא געליעבט פון מיין טיעפסטען הערצען. זיא האט מיך אויך געליעבט. מיט דער צייט וואָלט פיעללייכט דאס געוואָרען פון וועלכען איהר האט גערעדט. מען האט זיא אבער אוועק גענומען פון מיר נאך דאָאנוויל. אין א נאכט, ווען איך בין אהיים געקומען פון מיין ארבייט, האב איך זיא געטראָפען

ליעמענדיג ארוף דער שוועל פון מיין טהיר, פערצווייפעלט אונד פערבלוטינט. פון דיא פיעלע וואונדען אויף איהר קערפער, איז זיא געוואָרען פיעבערהאפט. זיא האט מורא געהאט זיך צו ווייזען פאר איהר פאמיליע, אונד אזוי איז זיא צו מיר גע־קומען, — צו איהר פריינד, — אום צו שטארבען. אך! בייא גאָט! איך בעריייהע עס, ווארום איך האב דעם אונפערשעהמטען שווייין ניט דערוואָרגען!"

דעניזעט האט גערעכענט, אז קאביש איז זעהר געשיים אונד ער פראָבירט איהם אָבצוהאַרען מיט זיין שילדערונג.

„יא, יא, איך האב געהערט," האט דער ריכטער בעמערקט, „איבער דער שרעקליכער געשיכטע וואס איהר אונד ליזעטע האבען אויסגעטראכט. אבער דאס לעבען פון אויבער־ריכטער גראנדמאָרין פראָטעסטירט נעגען אזעלכע געמיינע ליגען."

„געמיינע ליגען! ווער וואגט דאס צו זאגען?" האט קאביש אויסגערופען מיט א שטימע וואס האט פערהילכט דעם גאנצען זאלאָן. „ניין, ניין, מיר זאגען ניט קיין ליגען; מיר זיינען פראָסטע מענשען וואס זאגען דיא וואהרהייט — יענע זיינען ליגנער וואס זאגען פערקעהרט!"

„רוהיג, רוהיג, קאביש; מיר דערשרעקען זיך ניט פאר אזעלכע זאכען אונד מיר ווארנען אייך נאָר איהר זאָלט בעסער זיין פאָרזיכטיג. דאס בעסטע איז, איהר זאָלט זיך מודה זיין."

„מודה זיין! אויף וואס?"

„ווען איהר פיעללייכט אָבלייקענען, אז איהר האט זיך ניט עטליכע מאל בער־ריהמט, אז איהר וואָלט וועלען ערמאָרדען ריכטער גראַנדמאָרין?"

„אבלייקענען? געוויס ניט! איך האב עס געזאגט מיט מיין גאנצען הערצען אונד בין אימער געוועזן בערייט דאפיר."

דעניזעט האט איהם דאן אָנגעהויבען צו שטעלען פערשיעדענע פראגען וואו ער איז געוועזן אין יענער נאכט פון דעם מאָרד אונד עהנליכע זאכען, אָבער קאביש האט איהם אונטערבראָכען מיט דיעזע ווערטער:

„דאס אלעס איז פוסטע זאכען. ווען איך וואָלט איהם ערמאָרדעט, מעגט איהר זיכער זיין, אז איך וואָלט עס אייך געזאגט גאנץ אָפען. ניין! איך וואָלט מיך נאך בעריהמט דערמיט. אָבער ליידער האב איך עס ניט געטהאן. ניט איך האב מיך נוקם געוועזן פאר ליזעט'ן. גאָט איז מיין עדות, אז איך בערייהע עס פון מיין טיעפסטען הערצען."

„רופט אריין זשאק לאַנטיער!" האט דעניזעט אויסגעשריען.

זשאק איז ער'שיענען אונד דער ריכטער האט איהם באלד געשטעלט די פראגע :

„קענט איהר דיעזען מאן ?" צייגענדיג אויף קאביש'ן.

„יא, איך האב איהם פריהר געזעהען," האט זשאק געענטפערט. „איך האב איהם געזעהן בייא דער פאמיליע מיסארד."

„איך מיין נים דאס," האט איהם דעניזעט אונטערבראכען אונגעדולדיג. „האט איהר איהם געזעהן אין דער באהן בעגעהן דעם מארד ?"

זשאק איז געבליעבען וויא פערשטיינערט פון דער אונערווארטעטער פראגע. אבער ער האט געענטפערט :

„ווירקליך, איך קען דאס נים זאגען. עס איז אונמעגליך, איך קען מיך נים עראיננערן."

„רופט אריין רובא'ן !" האט דאן דעניזעט בעפוילען. ווען רובא איז ערשיענען, האט ער איהם געשטעלט דיעזעלבע פראגע וויא זשאק'ן.

„איך קען נים זאגען פאזיטיוו," האט רובא געענטפערט, „אז דאס איז ער, אבער יענער האט אויסגעזעהן, אונגעפעהר פון אזא סטאטור, אונד..."

קאביש האט אנגעהויבען צו פלוכען אונד שילטען, זא דאס מען האט איהם געמוזט מים געוואלט ארויס פיהרען פון געריכט.

„האט איהר געזעהן א פאאר אויגען ?" האט דעניזעט גערעדט צו זיך אליין. „א מערדער ! דער מערדער ליעגט אויף זיין געזיכט — דיעזע געשיכטע איז גע־ענדיגט, ער איז דער מערדער, פאזיטיוו !"

קאפיטעל 5.

עס איז געוועזען אויף'ן אנדערן טאג נאך דיעזען פערהער. ווען רובא אונד סעווערינע זיינען געזעסען אין זייער וואהנונג צוזאמען ביים טיש.

„איך האב דיר עפעס מיטצוטהיילען, סעווערינע," האט ער געזאגט.

זיא האט געשוויעגען.

„נעכטען," האט ער פארטגעזעצט, „האב איך געהאט איין אונטעררעדונג מיט זשאק'ן. פון זיינע ווערטער האב איך בעמערקט, אז ער האט נים נאר א פער־דאכט איבער אונז, זאנדערן, מיך גוט בעטראכטענדיג, האט ער אין מיר דערקענט דעמיעניגען וואס ער האט געזעהן אין יענער נאכט אויף דער באהן, ווען..."

סעווערינע האט געשוויעגען.

„זשאק איז א יונגער מאַן, אונפערהייראַטעט, מונטער אתד, ווען איך האב קיין מעות ניט, האסטו אויף איהם געמאַכט איין איינדרוק...“

זיא איז בלאַס געוואָרען אונד איהר אויגען האבען ווילד געקוקט אויף איהם, נאַר איהר מויל האט זיא אלץ ניט געעפענט.

„דוא פערשטעהסט דאָך געוויס,“ האט ער פאָרטגעזעטצט, „אז מיינע אונד דיין זיכערהייט, ערפאָרדערט אַלעס מעגליכע צו טהון, אום יעדע געפאַהר צו בעזייטיגען. מיט דעם אינסטרוקציאָנס-ריכטער שטעהט עס גאַנץ גוט. ער רעכענט קאַבישין פאַר דעם מערדער. אָבער עס איז נאַר ניט זיכער, ווען אַלעס זאָל זיך פּלוצלינג אומווענדען אונד זשאק זאָל ערקלערען, אַז ער דערקענט מיך אַלס...“

„אָך!“ האט זיא אויסגעשריען.

„עס ליעגט אָבער אין דיין מאַכט,“ האט ער געענטפערט, „דאס צו פערהינדערן. דוא ווערסט געוויס וויסען וויא אָנצופאַנגען. דאַן מוז איך דיך נאָך דערמאָהנען אַן א וויכטיגע זאַך — זעהר א וויכטיגע. דוא געדענקסט געוויס אַן דעם צעטעל וואס דוא האסט געשריעבען צו גראַנדמאָרינען. דיעזער צעטעל, לויט נאָך מיין חשבון, געפינט זיך בייא מ. קאַמי-לאַמאַט; ער האט געמאַכט איין אונטערזוכונג אונטער גראַנדמאָרין'ס פּאַפּירען, באַלד נאָך זיין טויט. ער איז אויך געוועזען גראַנדמאָרין'ס א פערטרויעטער פריינד. ער וויעט געוויס זוכען אום אויסצוגעפינען ווער עס האט געשריעבען דעם צעטעל — דוא פערשטעהסט?“

„איך פערשטעה, איך פערשטעה,“ האט סעווערינע געשטאַמעלט ציטערענד.

„אַלזאָ, גוט וואס דוא פערשטעהסט. דיין פליכט איז צו פערהינדערן ערשטענס זשאַק'ן ער זאָל ניט געהען צו וויית, אונד דאַן זאָלסטו ערפאַהרען פון קאַמי-לאַמאַט וואס ער דענקט צו טהון מיט אונז.“

„אָבער וויא אַזוי זאָל איך דאס טהון?“ האט סעווערינע געפרעגט פערצווייפעלט. רובאָ האט אויף איהר געוואָרפען א פעראַכטענדען בליק אונד דאַן געענטפערט:

„מיט זשאַק'ן ועסטו שוין אליין פערשטעהן, נאַר מיט קאַמי-לאַמאַט איז איין אנדערע געשיכטע. יעדענפאַלס זאָלסטו וויסען, אַז ער בעלאַנגט צו גראַנדמאָרין'ס קלאַסע אונד דוא ועסט אויף איהם קענען מאַכען איין איינדרוק. אָבער, ווען ניט דאס איז דער פאַל, דאַן זאָלסטו צו איהם קומען אונד איהם בעטען, אַלס דער פריינד פון גראַנדמאָרין, אונזער בעשיטצער, זאָל ער מיך יעטצט שיטצען געגען דיעזע וואס ווילען מיך ערשטענס צרויס וואַרפען פון מיין פּאָסטען אונד צווייטענס,

דאס מען וויל אתוביידע בעשווינדלען אונד אועק נעהמען דאס הויז פון קראַ רע מאַפרא, וואס גראנדמאַרין האט פיר אונז צוריק געלאַזען בירושה.״

— — — — — — — — — —

עס איז געווען אויף׳ן אנדערן טאַג, ווען זשאַק׳ס צוג האט אבגערייזט נאך פּאריז, אונד, אונטער דיא פערשיעדענע פּאססאזשירען, האט ער מיטגעפיהרט מאַדאם סעווערינע רובאַ. סעווערינע׳ס מאן האט איהם פּערזענליך געבעטען ער זאָל אכטונג געבען אויף זיין פרוי וויא זיא וועט אָנקומען נאך פּאריז, אונד, ווען מעגליך, איהם טהון א פּערזענליכע טובה אונד אויך זעהען זיא צוריק פיהרען אבענד נאך האווער.

זשאַק האט פערשפּראָכען, אונד ווען דער צוג איז געבליעבען שטעהן, איז ער ארונטער פון נעבען דער מאשין אונד געהאָלפען סעווערינע׳ן אויסשטייגען פון איהר וואגאָן. איהר געזיכט איז געווען בלאַס, אָבער דאס האט נאך געגעבען מעהר חן צו איהר גאַנצעם אויסזעהן. זשאַק האט איהר געגעבען דיא האנד אונד סעווערינע האט געבליקט אין זיינע אויגען אָהנע צו רעדען א וואָרט.

„ווען וועלען מיר זיך זעהן, מאַדאם ?״ האט ער געפרעגט.

„איך געה יעטצט אין א וויכטיגער שליחות,״ האט זיא געזאגט דריקענדיג פעסטער זיין האנד, „אונד אום 3 אוהר וועל איך זיין צוריק. ערוואַרטעט מיך אין קארדינעט שטראַסע...״

זשאַק האט געשפּירט א מערקווירדיגעס זיסעס געפיהל אין איהם אויפ־שטייגען. אנפאנגס האט ער מורא געהאט צו בליקען אויף איהר וויסען האלז, אָבער א ומזיך צו איבערצייגען, אז דער בלוטיגער טייפעל וויטהעט נים אין איהם, האט ער אויפגעהויבען זיינע אויגען, אונד עס איז איהם גרינגער געוואָרען אויף׳ן הארצען ; ער האט גאר נים געפיהלט.

מ. קאַמי־לאַמאַט האט עמפּפאנגען סעווערינע רובאַ אין זיין עמפּפאנג צימער, אָהנע צו וויסען ווער זיא איז. אלס זיא האט איהם מיטגעטהיילט איהר נאמען, האט ער אויף איהר געוואָרפען א דורכזוכענדען בליק, אונד איהר נים געהייסען זיטצען. סעווערינע׳ס הארץ האט שווער געקלאַפּט. ער איז דאן געבליעבען שטעהן ער־וואַרטענדיג צו הערען וואס זיא האט צו זאגען. סעווערינע האט געגעבען א לייכטען ציטער אונד צוזאמען נעהמענדיג אלע איהרע קרעפטען, האט זיא אָנגע־פאנגען :

„איך האָף, מיין הערר, אז איהר וועט מיר ענטשולדיגען, ווען איך האב גע־וואַגט צו אַפּעלירען צו אייער גוטעס הערץ. איהר ווייסט וואהרשיינליך גאַנץ גענוי

איבער דעם שווערען פערלוסט וואס איך האב ערליטען, אונד אין מיין גרעססטער נויטה האב איך פון קיינעם געקענט דענקען, אויסער פון אייך אליין, איבער וועלכען מיין בעשיטצער האט אזוי פיעל מאל געשפראָכען.“

איהר מאַן איז געוועזן עהרענהאפט, אונשולדיג אונד רוהיג, זאָ דאס קאמי־לאַמאַט האט איהר אָנגעצייגט א שטוהל זיך צו זעטצען. ער האט אָבער נאך אימער געשוויגען אונד געווארט צו הערען וואס זיא האט צו זאגען. סעווערינע האט דאן פאָרטגעזעטצט אונד אויסגעפיהרט איהר מאַן׳ס אויפטראג נאך פינקט־ליכער וויא ער האט זיך געקענט פאָרשטעלען. ער האט זיך אונטערדעסען אויך געזעטצט אונד זיין געזיכט האט אָנגענומען א מילדערע מיענע, וועלכע סעווערינע האט בעמערקט אונד פאסענדיג מעהר מוטה האט זיא געזאגט:

„מיין גאָט! איך קען גאר ניט פערשטעהען וויא מענשען קענען זיין אזוי גע־מיין אונז צו בעשולדיגען אין אזא שרעקליכעס פערברעכען. ער איז געוועזן אונזער איינציגער בעשיטצער, אונזער איינציגער פריינד, אונד יעטצט זיינען מיר אליין אין דער וועלט. זיינען מיר שולדיג וואס ער האט אונז איבערגעלאָזען דאס הויז פון קראָא דע מאָ־רא? מיין הערר! איך שווער אייך בייא דעם אנדענקען אן מיין מוטער, אז איך וואָלט מוחל געוועזן דאס הויז פון קראָא דע מאָפרא, אבי מען זאָל פון אונז ארונטער נעהמען דעם שרעקליכען פערדאַכט!“

דיא לעטצטע ווערטער האט זיא ניט נאָר אויפריכטיג אויסגעשפראָכען, זאָנדערן, זיא האט זייא אויך געמיינט. קאמי־לאַמאַט האט געבליקט אויף איהר שעהנעס געזיכט אונד ער האט מיט איהר געהאט מיטלייד. דאן האט ער בעמערקט איהרע גלענצענדע אויגען אונד אנדערע געפיהלען זיינען אין איהם ענטשטאנדען. אָבער ער האט זיך דערמאָהנט, אז דער דאָקטאָר האט איהם געראטהען ער זאָל אָבזיטצען פון פראָווינצימער, זאָנסט קריעגט ער וויעדער זיין אלטע קראנקהייט פון נערוועך־אויפרעגונג, וועלכע איז געוועזן א רעזולטאט פון זיין צו גרויסער לומפער־רייא אין דער פערגאנגענהייט. ער האט אָבגעווענדעט זיין געזיכט אונד גע־ענטפערט:

„איך פערשטעה, מאדאם; איך וועל טהון אלעס וואס עס ליעגט אין מיינע מעגליכקייטען פאר אייך.“

„איך דאנק אייך! איך דאנק אייך!“ האט זיא אויסגעשריען ערפרייט.

„ווען איהר שוין זאָרגען דאפיר, אז מיין מאן זאָל בלייבען אויף זיין פאָסטען?“

„דאס קען איך פאָרלויפיג ניט זאגען,“ האט ער געענטפערט, „אָבער איך פערשפרעך אייך אלעס מעגליכע צו מהון.“

קאמי־לאמאט האט זיך פלוצלינג דערמאהנט אן עטליכע זאכען צוזאמען. ער האט ערשטענס געדענקט, אז ריכטער גראנדמארין האט ביי זיך געהאט 10,000 פראנקס מיט א גאלדענעם זייגער אונד א גאלדענע קייט; דיעזע האט דער מערדער פאזיטיוו אוועק גענומען, ווייל מען האט זייא ביי דעם ערמארדעטען מעהר ניט געפונען. סעוועריגע'ס געבעט פאר איהר מאן'ס פאסטען האט איהם האלב איבער־ציינגט, אז רובא מיט זיין פרוי זיינען ארעם אונד זיינען אבהענגיג פון דעם געהאלט וואס זייא קריעגען, אבער דאן איז איהם געקומען אויף דער אידעע דער צעטעל וואס יעמאנד האט איינגעלאדען דעם ריכטער אבצורייזען אין יענעם טאג אום 6:30, אונד, ער איז געוועזען זיכער, אז דער צעטעל איז געשריעבען געווארען פון א פרויענהאנד, אונד דיעזע האנד מוז זיין סעווערינע רובא'ס, לויט זיינע אויסרעכנונגען וואס ער האט ביז דאמאלס געמאכט.

ער האט ניט בעאבזיכטיגט אויפצוטרעטען געגען סעווערינע רובא, ווייל ער האט געוואוסט גאנץ גוט, אז דאס קען שאדען זיין פארטייא. גראנדמארין'ס פער־גאנגענהייט אונד דיא וואהרע אורזאכע פון זיין טויט, האט ניט געמארט ענטדעקט ווערען, אבער, ער האט אליין געוואלט איבערצייגט זיין אויב ער האט געהאט א טעות אדער ניט. איבריגענס וואלט ער געוועזען זעהר צופריעדען ער זאל וויסען, אז דיעזעס אונשולדיגע געזיכט, האט קיין אנטהייל געהאט אין דעם גרויזאמען מארד. ער האט שנעל געפאסט א בעשלוס אונד געזאגט:

„מאדאם, איהר וועט אזוי גוט זיין אונד מיר צוריק לאזען אייער אדרעסע, ראמיט איך זאל אייך שרייבען איבער דעם רעזולטאט. איך וועל נאך היינט אדער מארגען רעדען מיט דעם הויפט דירעקטאר פון דער באהן, אונד איך וועל פער־לאנגען שוטץ פיר אייער מאן. דא האט איהר פאפיר אונד פעדער, אונד צייכענט מיר אויף אייער אדרעסע."

ער האט ביי דיעזע ווערטער צוגערוקט א שטיקעל פאפיר אונד איהר אנגע־צייגט אויף א פעדער וואס האט געשטעקט אין א טינטארץ. אזוי שנעל וויא א בליטץ איז דורכגעלאפען דיא אידעע אין סעווערינע'ס קאפ, דאס קאמי־לאמאט וויל האבען איהר האנד־שריפט אום צו פערגלייכען מיט דעם צעטעל. זיא האט געשפירט וויא איהרע קניען ציטערן אונד איהר הערץ קלאפט העפטיג. אבער זיא האט אויך באלד איינגעזעהען, אז צעגערן קען נאך ערגער זיין. קאמי־לאמאט האט דאס אלעס גאנץ גוט בעמערקט אונד געגלויבט, אז סעווערינע וועט ניט וואגען צו שרייבען. אבער צו זיין ערשטוינען, האט זיא גענומען דיא פעדער אין האנד אונד ארפגעשריעבען דיא אדרעסע.

ער האט נים נעקוקט אויף דער אדרעסע, נאָר ער האט בעמערקט: „גוט, גוט, יעטצט געהט צו הויז אונד איך וועל אייך שוין אלעס בעריכטען.“

דערצו האט סעווערינע נים געקענט איינשטימען. זיא האט איהם געגעבען איהר האנד־שריפט, נאָר זיא האט געוואָלט האבען געוויסהייט, אום צו וויסען וואס זיא האט צו ערוואַרטען.

„ווען איהר וועט מיר ערלויבען,“ האט זיא אָנגעפאנגען מיט א ניעדריגער שטימע, „וועל איך דאָ זיין פארנאַכט אום צו ערפאהרען פיעללייכט האט איהר שוין גערעדט מיט דעם דירעקטאָר. מיין מאן איז זעהר אונגעדולדיג...“

קאמי־לאַמאָט האט ניט בעגריפען גענוי איהר מיינונג, נאָר ער האט איהר געזאגט, אז זיא מעג קומען. זיא האט זיך אויפגעהויבען, גענומען אבשיעד אונד איז ארויס פון דעם אויבער־פראָקוראָר'ס וואָהנונג. דיא פרישע לופט אויף דער גאַס, האט זיא אביסעל אויפגעמונטערט.

ווען סעווערינע האט צוגעמאַכט דיא טהיר הינטער זיך, האט קאמי־לאַמאָט שנעל געעפענט א שופלאַד אין א שראנק אונד ארויס גענומען א קליינעם צעטעל. ער האט דאס אוועק געלעגט נעבען דער אדרעסע וואס סעווערינע האט אויפגע־שריעבען אונד אויסגערופען צו זיך אליין:

„דיעזעלבע האנדשריפט! זייא זיינען דיא מערדער! דאס איז פאָ־דטיוו!“

דיעזע ענטדעקונג האט איהם אויפגערעגט אונד ער איז צוריק געפאלען אין שטוהל פערמאַטערט. ער איז געזעסען א היבשע צייט אין א טיעפעם נאכדענקען, אונד נאכהער האט ער בעמערקט:

„אָבער ניין, ניין! ניט רובאָ אונד נים זיין פרוי דארפען אנגעקלאגט ווערען פאר דעם מאָרד! זאָל ליידען ווער עס וועט ליידען, נאָר נים זייא! עס איז קיין צווייפעל, אז סעווערינע האט געמיינט אויפריכטיג, ווען זיא האט געזאגט, אז זיא וואָלט צופריעדען געווען צו פערלירען דאס הויז פון קראָא דע מאָפרא, אבי לויז צו ווערען פון דעם מאָרד־פערדאַכט — יא, יא, דאס האט זיא אויפריכטי; געמיינט אונד דער מאָרד איז ניט בעגאנגען געוואָרען פאר דער ירושה! דאָ ליעגט איין אנדערער הונד בעגראָבען, אונד דיעזער איז ניט געווען קיין געלד. רובאָ האט ...ר־מאָרדעט גראנדמאָרינען דערפאר, ווייל ער האט ערפאהרען, אז ער האט איהם געשענדעט זיין פרוי פאר דער חתונה אונד נאָך דער חתונה!“

קאָמי־לאַמאָט האט זיך אָבגעווישט דעם שוייס פון זיין געזיכט מיט א

ווייסעס האנד־טיכעל אונד איז געבליעבען זיטצען שטיל. דאן האט ער ווידער בעמערקט:

„אונד מאקי פאר דיעזער אורזאכע אליין דארף קיין עפענטליכע בעשולדינונג געבראכט ווערען געגען רובא׳ן מיט זיין פרוי! מען מוז עס נאך פערהיטען מיט אלע מעגליכקייטען, ווייל דיא פרעסע האט שוין לאנג ניט געהאט אזא גוטען ביסען, אונד דאס וואלט געשטירצט דיא רעגיערונג מיט מיר אונד מיט אלע אונזערע פריינדע.“

ער האט זיך דערבייא פעררוויכערט א סיגארעטע אונד וויא זיך אליין צו פער־טהיידיגען, האט ער געזאגט: „איבריגענס, איז דאס ניט קיין גרויסע עולה צו פערשווייגען אזא טהאט; רובא איז ניט אין גאנצען אונרעכט געווען. איך אליין וואלט אויך אזוי געהאנדעלט.“

יעמאנד האט אנגעקלונגען אונד דער דיענער האט אריין געבראכט דיא קארטע פון דעם אינסטרוקציאנס־ריכטער דעניזעט.

„זאל ער ערשיינען,“ האט קאמי־לאמאט געענטפערט אונד שנעל אוועק גע־נומען דעם צעטעל מיט סעווערינע׳ס אדרעסע אונד זייא ווידער פערשלאסען אין שראנק. דעניזעט איז דאן אריין, זיך טיעף פערנייגט, געררייכט דעם אויבער־פרא־קוראר דיא האנד, אונד זיך געזעטצט אויף דעמזעלבען שטוהל וואו סעווערינע איז פריהער געזעסען.

„אלזא, מיין ליעבער דעניזעט,“ האט קאמי־לאמאט בעמערקט גאנץ רוהיג שמייכלענדיג, „וויא שטעהט עס מיט אייער אונטערזוכונג וועגען דעם גראנדמארין מארד?“

„איך בין מאקי וועגען דעם אהער געקומען,“ האט דעניזעט געענטפערט, אונד דאן, זייענדיג זעהר בעגייסטערט, האט ער אנגעפאנגען צו דערצעהלען דעם אויבער־פראקוראר וויא אזוי אונד אויף וועלכער ארט ער האט געפיהרט דיא אונ־טערזוכונג אונד איז געקומען צום פעסטען בעשלוס, אז קאביש איז דער מערדער אונד...

„דיט איהר ווירקליך איבערצייגט?“ האט קאמי־לאמאט געפרעגט אביסעל שפאטיש.

דעניזעט איז געבליעבען זיטצען אונד ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן. ער האט פערשטאנען אין קאמי־לאמאט׳ס טאן, אז ער מאכט חוזק פון איהם.

„הערט מיך אויס, הערר דעניזעט,“ האט קאמי־לאמאט געזאגט ווערענדיג ערנסט. „דאס אלעס וואס איהר האט מיר דא געשילדערט, איבערצייגט מיך

װעניגסטענס, אַז קאַביש איז ניט דער מערדער. איהר פערגעסט, אַז װען איין אונ־שולדיגער מענש זאָל פעראורטהיילט װערען, װאָלט עס פיעל ערגער געװען פאַר אונזער זאַך, דען דיא פרעסע װאָלט אונז דערשטיקט אונד װאָלט אַרויף געבראַכט דעם גאַנצען פאָלקס־צאָרן איבער אונז. דאָ איז ערפאָרדערט מעהר פאָרזיכטיגקייט װיא איהר קענט זיך פאָרשטעלען.״

דעניזעט׳ס לופט־שלאָס איז מיט איין מאָל צערשמעטערט געװאָרען, אונד נאָכ־פאָלגענדיג דיא געדאַנקען פון זיין פאָרגעזעטצטען, האָט ער פּלוצלינג אַ פראַגע געטהאָן:

„װער אַלזאָ איז דער מערדער?״

קאַמי־לאַמאַט האָט געשמייכעלט פון דער נאַרדישער פראַגע.

„אונטער דיעזע אומשטענדען, װעלען מיר דאָך מוזען קאַבישען זאָ שנעל װיא מעגליך בעפרייען?״ האָט דעניזעט געפרעגט אָהנע צו װיסען װאָס ער רעדט.

„הערט מיך אויס, הערר דעניזעט,״ האָט קאַמי־לאַמאַט געזאָגט מיט אַ צר פריעדענער מיענע. „מיר פערלאָזען זיך אין דיעזער בעציהונג אויסשליעסליך אויף אייער אורטהייל, אונד מיר האָפען, אַז איהר װעט געװיס טהון װאָס רעכט איז.״

דעניזעט איז געװאָרען זעהר צופריעדען פון דעם װייכען טאָן, אונד זעהענדיג, אַז דער אויבער־פּראָקוראָר איז ניט צופריעדען װייטער צו רעדען איבער דיעזען גע־גענשטאַנד, האָט ער אָנגעפאַנגען איין אַנדערעס געשפּרעך.

אום 4 אוהר פאַרנאַכט, האָט סעװערינע װיעדער בעזוכט דעם אויבער־פּראָ־קוראָר. װען זיא איז אַרויס פון דאָרט, האָט זיא געמורמעלט פריילעך:

„גערעטעט! גערעטעט! זייא װאָגען ניט אויפצוריהרען דעם גאַנצען שמוטץ! רובאָ בלייבט בייא זיין פּאָסטען, אונד קאַמי־לאַמאַט זעלבסט, איז זיין שוטץ־ענגעל!״

זשאַק לאַנטיער האָט ערװאַרטעט סעװערינע׳ן אויף דעם בעשטימטען פּלאַטץ אום 3 אוהר װיא דיא רעדע איז געװען, אָבער זיא איז ניט ערשיענען. ער האָט זיך געשעטצט גליקליך דערמיט װאָס זיא איז ניט געקומען, דאַמיט ער זאָל ניט דאַרפען אַרויס רופען דיא בעסטיע אין זיך. ער האָט שנעל געאיילט צוריק צו דער סטאַציאָן, אונד, צו זיין אונצופריעדענהייט, האָט איהם זיין פייערמאַן פּעקע אָנגעזאָגט, אַז זיין מאַשין, דיא „ליסיאָן,״ מוז פערבלייבען ביז צום אַנדערן טאָג, װייל אַ שרויף האָט געבראָכען אין זיין אָבװעזענהייט, אונד איין אַנדערע מאַשין מיט איין אַנדערן אינזשעניער, װעט אָברייזען אין דיעזען אָבענד מיט דעם צוג.

זשאק האט געשוויגען אונד איז ארוים געגאנגען אויף דער גאס, דענקענדיג איבער סעווערינע'ן אונד איהר מאן רובא. ער האט זיך נאך אמאל פארגעשטעלט דאס בילד וואס ער האט געזעהען אין יענעם אבענד אין דער באהן נעבען טונעל, גוט דורכשטודירט רובא'ס שמייכלערייא צו איהם אונד אויך ניט פערגעסען אן סעווערינע'ס נייגיעריגקייט איהם געפעלען צו ווערען.

„יא,“ האט ער געמורמעלט, „עס איז קיין צווייפעל בייא מיר, אז רובא איז געוועזן דער מערדער, אונד...“

ער האט ווייטער ניט גערעדט. סעווערינע'ס דערשראָקענע אויגען אונד ציטערענדע ליפען זיינען פאר איהם ערשיענען. ער האט זיך פארגעשטעלט איהר פול ענטוויקעלטען בוזים, איהרע שעהנע האאר, אונד ער האט געשפירט אזא גע־פיהל, וויא ער האט נאך ביז דאמאלס ניט געשפירט. ער האט אויך פראבירט זיך פארצושטעלען איהר ווייסען האלז, אבער אנשטאט צו ווערען, רייסען אונד זעהען בלוט, האט זיך איהם געדאכט, אז ער וויל בעסער דארט אבגעבען א קוש.

דאס האט איהם געפרייט.

„פיעללייכט,“ האט ער ווייטער געטראכט, „איז שוין געקומען דיא צייט דיא בעסטיע זאל אין מיר געטויטעט ווערען, אונד זיא איז מיין רעטערין...“

„אך, מיין פריינד!“ האט ער פלוצלינג געהערט א שטימע, וועלכע האט איהם ערוואכט פון זיין טיפעם נאכדענקען. אויפהויבענדיג זיינע אויגען, האט ער פאר זיך ערבליקט סעווערינע'ן.

„ענטשולדיגט מיר, מאנסיע לאנטיער,“ האט זיא ווייטער געזאגט איהם גע־בענדיג איהר האנד, „וואס איך האב ניט געקענט ערשיינען צו דער בעשטימטער שטונדע. זעהר וויכטיגע געשעפטען האבען מיך צוריק געהאלטען.“

זשאק האט געדריקט איהר האנד ליידענשאפטליך אונד איהר אויף דער־צעהלט, דאס ער מוז צוריק בלייבען ביז צום אנדערן טאג.

„דאן מוז איך דאך אויך צוריק בלייבען,“ האט זיא געזאגט, „וויל מיין מאן האט מיך איבערגעגעבען אין אייערע הענד...“

סעווערינע איז רויט געוואָרען בייא דיזע ווערטער, אונד זשאק האט עס בעמערקט.

„קומט לאמיר זיך זעצען,“ האט זשאק געזאגט אנצייגענדיג אויף א באנק וואס איז געשטאנען בייא א הויז פון דער שטראסע, אונטער דעם שאטען פון א גרויסען בוים. זיא איז שטיל־שווייגענד צוגעגאנגען אונד זיך געזעצט. דאן האט זיא

אויפגעהויבען איהרע אויגען אונד זיך איינגעקוקט אין דשאק'ס געזיכט, אום זיא צו זעהען, וואס פאר א צורה ער האט. זיין געזיכט האט גראדע דאמאלס אויסגעזעהען מילד אונד צערטליך. זיינע שווארצע אויגען האבען פון זיך געשטראהלט מיט סימ־פאטהיע. סעווערינג'ס הערץ האט שטארק געקלאפט.

„עס איז שוין באלד נאכט,“ האט זיא בעמערקט.

„יא,“ האט ער געזאגט, „אין פאריז ווערט שנעל דונקעל.“

דאן האט זיא אויסגעשטרעקט איהר האנד אונד ער האט זיא ערגריפען. זיא האט געלאזען ער זאל זיא גלעטען. זיא האט אונטערדעסען א ציטער געטהאן, אונד וויא אונערווארטעט האט זיא אויפגעהויבען איהר געזיכט צו זיינעם אונד געזאגט:

„רעכענט איהר מיך פאר שולדיג?“

ער האט געשווידערט אונד זיינע אויגען זיינען געווען אבגעווענדעט, וועהרענד ער האט שטיל אונד ציטערענד געענטפערט: „יא!“

זיא האט פעסטער צוזאמען געדריקט זיין האנד, אונד דיא ווארעמקייט פון איהר קערפער האט זיך אויסגעזעהן צו פערמישען מיט זיינער.

„אך, מיין פריינד!“ האט זיא געזאגט, „איך בין אונגליקליך, אבער איהר וועט דאך מיך נים וועלען מאכען נאך אונגליקליכער. איך וויל איהר זאלט גלויבען, אז איך בין אונשולדיג. יא, יא, איך בעט אייך, גלויבט אזוי, אונד...“ דשאק האט דערביי געשפירט דעם ווארעמען הויך פון איהר מויל בייא זיין באק.

„יא, יא,“ האט ער געענטפערט זעהר אויפגערעגט, „איך וועל גלויבען אין אייך, וואס איהר זאגט, אז איהר זייט אונשולדיג...“ ער האט זיא דערבייא אומ־ארמט ארום איהר טאליע אונד זייערע ליפען האבען זיך בעגעגענט.

סעווערינגע, אונטער דעם גאנצען שטורם פון טויט־שרעק, האט אונטערדעסען געשפירט צום ערשטען מאל אין איהר לעבען אזא געפיהל פון וועלכען זיא האט נאך קיינמאל קיין בעגריף געהאט. זיא איז געווען זיכער, אז זיא ליעבט דעם מאן נעבען איהר זייט, פיעל מעהר וויא זיא האט זיך נאך ביז יעטצט געקענט פאר־שטעלען א־בער ליעבע. זיא האט דאן אנגעבויגען איהר קאפ אויף זיין שולטער אונד געוויינט.

קאפיטעל 6.

א מאנאט איז פאראיבער, אונד רובא מיט זיין פרוי האבען זיך געשפירט פאלקאמען בערוהיגט. אויך קאביש איז בעפרייעט געווארען, וויל, וויא עס שיינט,

האט דאס פעריכטיגטע זעלבסט שוין געוואָלט פטור ווערען פון דער נאַנצער גע־שיכטע, אונד קיינעם ניט האבען וואס זאָל זיך ערהעבען געגען איהר מיט טענות.

אונד ווירקליך, עפּעס איין מאָרד ווערט בעגאַנגען אין פראַנקרייך אָהנע מען זאָל ענטדעקען דעם מערדער? וואס איז דאָ גראַנדמאַרין מעהר יחסן וויא איין אנדערער? דיא פרעססע? זאָל זיא שרייען אונד מאַכען אַזוי לאַנג געוואַלטען ביז עס וועט איהר נמאס ווערען. גראַנדמאַרין׳ס מערדער איז ניטאָ, אונד דערמיט ענדיגט זיך אַלעס.

זאַגאַר לאַשעסניי אונד זיין פרוי האבען אויפגעגעבען זייער קאַמפּף געגען דער צוואה פון גראַנדמאַרינען, אונד זייא האבען אָבגעגעבען סעווערינע׳ן דאס הויז פון קראָא דע מאַפּרא, וואס האט ווערטה געהאט 40,000 פראַנקס. רובאָ האט ניט געוואָלט געהן בעזוכען דעם פּלאַטץ, אונד סעווערינע האט איבערגעגעבען פּאַרלויפיג דיא שליסלען צו דער פאַמיליע מיסאַרד. עס איז געוועזן א הערליכער לאַנד־פּאַלאַסט, אויסגעשטאַטעט אונד אויסגעמעבלירט מיט אַלעס גוטע, אונד אירגענד יעמאַנד האט זיך דאָרט געקענט בעזעטצען אין א שטונדע צייט.

רובאָ מיט זיין פרוי האבען אויסגעזעהען וויא זיך צו ערהאָלען נאָך א שרעק־ליכער קראַנקהייט. זייא האבען נאָך אימער געוואָהנט אין דעם סטאַציאָנס־הויז אונד האבען אויסגעזעהען הנאה צו האבען פון דער רוהע אונד שטילקייט. זייענדיג צוזאַמען אין הויז, האבען זייא זעהר ווייניג גערעדט אונד געטענה׳ט. סעווערינע פלעגט מעהרערע מאָל פערברענגען אין זיטצען אונד שטריקען, אונד רובאָ האט ליעב געהאט צו זיטצען אונד דענקען. בלויז איין געגענשטאַנד אין דיעזער וואָהנונג האט זייא שטאַרק בעאונרוהיגט. זייא האבעןביידע אויסגעמיעדען צו בעטרעטען א געוויסע ברעט פון דער קיך, אונד האבען אויך ניט געוואַגט אהין צו קוקען, גלייך וויא זייא האבען מורא געהאט, טאָמער וועלען זייא ערבליקען דעם שטערבענדען אונד פערבלוטיגטען אַלטען גראַנדמאַרין.

עס איז אמת, רובאָ האט געמאָרדעט, נאָר פאר זיין אייגענעס געוויסען האט ער זיך געקענט גערעכטפערטיגען. ער האט ערמאָרדעט איין אַלטען שופט, וועלכער האט געשענדעט איין אונשולדיגעס מעדכען, דאַן זיא ערניעדריגט צו דער שענד־ליכסטער בעסטיאַליטעט, אונד פאר דעם ניעדריגסטען צו פערדעקען דיעזען שמוטץ, האט ער אויסגעקליעבען איהם, רובאָ׳ן! דערפאר האט ער איהם געמאָרדעט. ער האט עס ניט בערייהעט. סעווערינע האט אויך ניט געשפּירט קיין חרטה. נאָר מיט דעם געפיהל וואס זאַגאַר א ווילדע חיה בעזיטצט, זיך אַליין צו שיטצען, האט ער

דאמאלס, אין יענער שוידערהאפטער נאכט, ארויס געגומען בייא זיין אפפער דיא סומע פון 10,000 פראנקס אין באנק־נאטען אונד דעם זיינער מיט דער קיים. דאס האט ער געטהאן, דאמיט מען זאל מיינען, אז א רויבער האט ערמארדעט דעם ריכטער. דאס געלד מיט דעם זייגער, האט ער אויף'ן אנדערן מארגען אהיים גע־בראכט, אונד עפענענדיג א ברעט אין פוס־באדען פון דער קיך, האט ער עס דארט אריין געלעגט. ער האט זיך געטראכט, אז ער וועט עס אמאל ערגעץ אריין ווארפען, אדער זאגאר פערניכטען, ער האט דערפון ניט געוואלט גניסען.

רובא האט געמארדעט אויס ראכע, אויס א געפיהל פון גערעכטיגקייט. נאר ניט פאר געלד; קיין רויבער איז ער ניט געוועו. סעווערינע איז אויך געוועזן פון דערזעלבער מיינונג. אונטערדעסען אבער, זיינען זייא געוועזן זעהר אונרוהיג וויסענדיג, אז דיא שפור פון דעם מארד געפינט זיך נאך בייא זייא אין הויז. זייא האבען קיין מורא ניט געהאט, אז יעמאנד וועט קומען זוכען, אבער צו האבען אזא אנדענקען האט עס זייא בעאונרוהיגט. דעננאך האט אבער קיינער ניט געוואגט דאס צו בע־ריהרען אדער אויפגעבען א פלאן וויא אזוי פטור צו ווערען דערפון.

רובא אדער סעווערינע וואלטען זיך בעסער זייערע פינגער אבגעהאקט, איידער צו בעריהרען דיעזעס געלד פיר זייערע אייגענע בעדירפניסע, ווען זייא וואלטען ארין אפילו געשטארבען פון הונגער.

אבער טראטץ דעם וואס זייא זיינען שוין געוועזן פערהעלטניסמעסיג בערוהיגט, האט דאס אלטע לעבען, דאס לעבען פון צופריעדענהייט, רוהע, גליק אונד ליעבע, שוין מעהר ניט געקענט צוריק קעהרען. גראנדמארין'ס בלוט האט דיעזעס שאנדע געפיהל ניט געקענט מעהר אבוואשען פון רובא'ס הערץ. יעדעס געפיהל פון אכטונג זאגאר, איז געוועזן טויט אין רובא'ס ברוסט; זיין ליעבע צו סעווערינע'ן, איז בלויז געוועזן א טרויעריגע עראינערונג, אונד ער האט נאר געשפירט צו איהר דיא פערבינדונג פון איין טהאט, פון איין אינטערעסע אונד איין זארג, זיך צוזאמען צו שיטצען פאר דער שטראפע פון זייער פערברעכען.

אין סעווערינע'ן איז פארגעגאנגען נאך איין אנדערע ווערקסלונג. מיט רובא'ן האט זיא געהאט מיטלייד, נאר איהר הערץ האט פלוצלינג ערוואכט וויא פון א היהנער־פלעט אונד געשפירט א מערקווירדיגעס זיסעס געפיהל צו זשאק לאנטיער.

רובא האט דאס גאנץ גוט בעגריפען אונד ערווארטעט. אבער עס האט איהם ניט בעקימערט. איבריגענס, האט ער זיא דאך אליין געשיקט צו זשאק'ן, אונד ער איז צופריעדען געוועזן וואס ער האט בעזייגט אזא גרויסע געפאהר מיט דער

פרייז פון זיין פרוי׳ם ליעבע, אום װעלכער ער האט זיך שוין מעהר ניט בע־קימערט.

מעהרערע מאל האט עס פאסירט, וואס רובא האט געוואוסט, אז זשאק לאנטיער וועט איהם קומען בעזוכען, אדער בעסער געזאגט, בעזוכען זיין פרוי. אום ניט צו זיין אין וועג, האט ער זייא אויסגעמידען אונד געגעבען זשאק׳ן דיא געלעגענ־הייט צו געניסען פון דער ליעבע, וועלכע האט איהם, רובא׳ן, געעקעלט. ווען ער האט זיך נאכהער בעגעגענט מיט זשאק׳ן, האט ער איהם גערייכט דיא האנד זעהר פריינדליך אונד געגאנגען טרינקען צוזאמען, אהנע צו געבען דעם מינדעסטען צייכען, אז איהם פעראינטערעסירט זיינע האנדלונגען געגען סעווערינע׳ן. זשאק האט פער־שטאנען גאנץ גוט, אז רובא וויים פון אלעמען. ער האט אבער ניט געוואוסט, אויב רובא טהוט עס, ווייל ער איז געצוואונגען דערצו, אדער עס קימערט איהם גלאט ניט אום סעווערינע׳ס ליעבע.

רובא, וועלכער איז אימער געוואהנט געווען צו פערבלייבען אין הויז נעבען זיין פרוי, אונד רעדען פון זיין ארבייט אונד טהעטיגקייט, האט דיעזע בעשעפטיגונג יעטצט פערלוירען. עס איז איהם נמאס געווען צו פערבלייבען פיעל אין איהר געזעלשאפט, אונד ער פלעגט ענטוועדער ארויס געהען שפאציערען, אדער אריין געהען אין א וויינשענק אונד קאפפעע־הויז, צו צוברענגען זיין לעערע צייט. דארט האט ער געשלאסען א נייע בעקאנטשאפט מיט א גאנץ פרישער קלאסע מענשען, מיט וועלכע ער האט ביז דאמאלס קיין אומגאנג געהאט.

רובא האט דאן געזעהען וויא מענשען זיינען שטארק פעראינטערעסירט אין קארטען־שפיעלען, אונד אום זיין מארטערענדע אונגעדולדיגע צייט צו פערברענגען, האט ער אויך אנגעפאנגען צו שפיעלען, ער האט פערלוירען קליינע סומען געלד, נאר ער איז געווען פאלקאמען צופריעדען דאמיט, ווייל דאס האט פערטריעבען זיין צייט.

דער קארטען־שפיעל איז מיט דער צייט געווארען פאר איהם א גרויסע ליידענשאפט, אונד ער האט זעהר אפט מיטגעשפיעלט, געפינענדיג אין דעם געגנוג אויפרעגונג אונד צערשטרייאונג, אום אן אלעס צו פערגעסען.

אין א פארנאכט, ווען ער איז פערטיג געווארען מיט זיין ארבייט, איז ער אריין אין א וויינשענק, וואו מען האט איהם גוט געקענט, אונד זיך געשאפט א גלאז ווין, ער האט לאנגזאם געזופט דעם וויין אונד האט געבליקט פאר זיך מיט אויסגע־גלאצטע אויגען, אהנע צו דענקען איבער אירגענד עפעס א זאך איבער־הויפט.

„באַן שאַר, מאַנסיע רובאַ!" האט זיך פלוצלינג געהערט א שטימע. ווען רובאַ האט אויפגעהויבען זיינע אויגען, האט ער פאר זיך ערבליקט זשאַק'ן. ער האט גלייך אויסגעשטרעקט זיין האנד אונד זיא איהם גערייכט.

„עס פרייט מיך, מאַנסיע לאַנטיער, אייך צו זעהען," האט ער געזאגט זעהר פריינדליך. „טרינקט איהר מיט מיר א גלאַז ווייַן?"

„יא, איך טרינק איין גלאַז ווייַן, אָבער ניט מעהר," האט זשאַק געענט־פערט.

„דומהייטען! קעלנער! א פלאַש ריטען ווייַן; פון דעמזעלבען וואס איך האב געטרונקען נעכטען."

רובאַ האט אָבגערוקט זיין גלאַז אויף א זייט, זשאַק האט זיך געזעטצט גע־געניבער איהם, אונד זייא האבען אָנגעפאַנגען צו רעדען איבער פאָליטיק, ביז זשאַק האט איהם אָנגעהויבען צו דערצעהלען איבער דיא וואונדער פון זיין מאַשין, דיא „ליסאַן." דער קעלנער האט דערווייל דערלאַנגט דעם ווייַן. רובאַ האט אָנגענאָסעןביידע גלעזער, אונד אָנשלאַגענדיג איינעם אן דעם צווייטען, האבען זייא אָנגעפאַנגען צו טרינקען. זשאַק האט אויסגעטרונקען א האַלבעס גלאַז אונד אוועק געשטעלט, וועהרענד רובאַ האט אריין געגאָסען דאס גאנצע גלאַז. ווידער אָנגעפיללט אונד דאן געוואָלט דערגיסען זשאַק'ס גלאַז.

„גענוג, גענוג," האט ער געזאגט צוהאַלטענדיג דאס גלאַז מיט זיין האנד.

„ניט מעהר, דאס איז אַלעס וואס איך טרינק — איין גלאַז."

„חאַ, חאַ, חאַ," האט רובאַ געלאַכט, „ווער עס טרינקט ניט קיין ווייַן איז א נאַר."

„עס איז פיעללייכט וואהר, נאך איך טרינק דאך ניט מעהר."

רובאַ האט געשמייכעלט אונד אריין געגאָסען דאס צווייטע גלאַז ווייַן, אונד אָנפיללענדיג דאס דריטע, מיט וועלכען דיא פלאַש האט זיך געענדיגט, האט ער געזאגט:

„איך בין אויך אמאל געוועזן אזא נאַר, ניט צו טרינקען קיין ווייַן, אָבער איך האב מיך איבערציינגט, אז טרינקען איז זעהר א גוטע זאך — עס מאַכט אונז פרעהליך, פערגעסענדיג אן טרויעריגע דומע זאַכען וואס מאַרטערן אונז, אונד... קעלנער! נאך א פלאַש ווייַן! איך קען אליין טרינקען."

זשאַק איז געזעסען אונד געקוקט וויא רובאַ האט אריין געגאָסען איין גלאַז ווייַן נאך דער אַנדערער, אָבער רובאַ האט איהם ניט געקענט בעוועגען נאך צו טרינקען אפילו איין טראָפּען.

ווען רובאָ האָט געשאַפּט דיא דריטע פלאַש וויין, האָט זיך זשאַק אויפגע־הויבען אונד גענומען אבשיעד פון איהם. וויא זשאַק איז אַרויס, האָט רובאָ אויס־געזעהען וויא זיך צו דערמינטערן. זיינע אויגען האָבען איהם נאָכגעקוקט מיט דער ווילדעסטער אויפרעגונג אונד זיינע מעכטיגע פויסטען האָבען זיך צוזאַמען געצווינגען אין א שרעקליכער וואוטה.

„ער געהט צו איהר," האָט ער געמורמעלט.

אין זיין פערשיכור'טען מוח האָבען אָנגעהויבען דורכצופליהען פערשיעדענע געדאַנקען אונד ער האָט זיך נאָך אמאל געזעהן אין יענער גליקליכער צייט, ווען ער האָט פון נאָר ניט געוואוסט, געווען צופריעדען מיט זיין שיקזאַל אונד גליקליך מיט סעווערינע'ס ליעבע. דאַן איז פאַר איהם ערשיענען דאָס בילד אין מוטער וויקטאָ־ריע'ס צימער פון פאַריז, ער האָט זיך דערמאָהנט אן דעם רינג מיט דעם שלענגעל, וועלכעס איז געווען דער שליעסעל צום געהיימניס פון בעטרוג, שווינדעל, ניעדער־טרעכטיגקייט אונד שמוטץ.

„א שלאַנג איז אימער דער אנפאַנג פון אונגליק," האָט ער זיך געטראַכט.

„א שלאַנג איז געווען דאָס ערשטע אונגליק פאַר דער גאַנצער מענשהייט...״

ער האָט געשווידערט.

זיינע געדאַנקען האָבען וויי‌טער געוואַנדערט צו דעם בילד ווען סעווערינע איז געלעגען אויף דער ערד, וויא ער האָט זיא געשלאַגען מיט זיינע מעכטיגע פויסטען אונד וויא זיא האָט זיך פאַר איהם מודה געווען. דאַן דיא סצענע, דיא בלוטיגע סצענע אויף דער באַהן מיט ריכטער גראַנדמאָרין...

אָבער דאַריבער האָט ער ניט פיעל געוואָלט דענקען. ער האָט זיך ניט גע־טרויעט צו בעשעפטיגען זיינע געדאַנקען דערמיט. ער האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין שטוהל, אָבער ער האָט געשפּירט וויא זיינע פיס זיינען צו שווער אונד ער קען זיך אויף זייא ניט האַלטען. ער האָט אונטערדעסען אויך דערהערט, אַז אין הינטער־צימער רעדען מעהרערע שטימען.

„איז שוין יעמאַנד דאָ?" האָט ער געפרעגט.

דער קעלנער האָט איהם פערשטאַנען. ער האָט געפרעגט אויב מען שפּיעלט שוין דאָרט אין קאָרטען. דער קעלנער האָט געענטפערט: „יאָ."

רובאָ האָט זיך בעסער בעפעסטיגט אויף זיינע פיס אונד איז אריין געגאַנגען אין דעם שפּיעל־צימער, וועלכעס איז געווען געפּאַקט מיט מענשען אונד דיא לאָמפּען האָבען שוואַך געברענט אונטער דעם דרוק פון א דיקען ציגאַרען רויך. דיא שפּיעלער מייסטענטהיילס באַהן־בעאַמטע, האָבען ניט נאָר געקענט רובאָ'ן, זאָנדער־

זייא האבען אויך געוואוסט, אז זייא האבען אין איהם א גוטען קונה, ווייל זייט ער האט לעצטענס אָנגעפאנגען צו שפּיעלען, האט ער שוין פערלוירען א מאסע מיט געלד.

מען האט פאר איהם פּלאַטץ געמאכט, אונד ווען ער האט זיך געזעטצט, האבען דיא איבריגע בעמערקט, אז ער איז אָנגעטרונקען. מאנכע האט דאס גע־פרייט, ווייל זייא האבען געוואוסט, אז עס וועט זיין לייכטער צו געווינען בייא איהם געלד.

ניעמאנד האט אירגענד א בעמערקונג געמאכט, אָבער כמעט יעדער, וואס האט געקענט רובאָ'ן פון פריהער, אלס רוהיגער אונד ארבייטסזאמער מענש, האט אין זיך געטראכט, אז דיעזע וועקסלונג וועט איהם רואינירען. איבריגענס, האבען זייא וויטער געדענקט, ער איז דאָך איין עושר, דער יורש פון קראָא דע מאָפּרא וואס האט ווערטה 40,000 פראנקס, אונד ניט האבענדיג קיין קינדער, איז ער ענט־שלאָסען צו לעבען אונד הנאה האבען פון דער וועלט.

רובאָ האט פאר זיך קיינעם ניט געזעהען, אָדער עס האט איהם קיינער ניט בעקימערט. ער האט ארויס געשלעפּט א פּאק באנק־נאָטען פון בוזים־טאַש צו 20 פראנקס, אונד ער האט געשפּיעלט בלינד, וויטהענד אונד זיך ניט בעקימערט אום דעם רעזולטאַט.

ביז אום 1 אוהר פארטאָג, האט ער פערלוירען גענויע 800 פראנקס. דאַן, ניט האבענדיג מעהר קיין געלד, האט ער געליהען בייא מאנכע בעקאנטע 300 פראנקס אונד וויטער געשפּיעלט, אונד דיעזע האט ער אויך פערשפּיעלט.

ער וואָלט געקריעגען נאך געלד געבאָרגט, ווייל ער האט שוין א פּאאר מאל געליהען אונד בעצאָהלט, אָבער דיא שפּיעלער האבען ערקלערט, אז עס איז שוין שפּעט אונד זייא מוזען נאך הויז געהען.

סעווערינע האט נאך ניט געשלאָפען, אָבוואָהל עס איז שוין געווען פארטאָג. זשאק איז נאָר וואס פון דאָרט אוועק געגאנגען, אונד איהרע געדאנקען זיינען געווען זעהר אונרוהיג. זיא האט דאַן געהערט דיא טהיר זיך לאַנגזאַם עפּענענדיג. זיא האט דערקענט רובאָ'ס שריט, אונד אום זיך צו מאכען שלאָפענדיג, האט זיא זיך איבער־געדעקט מיט דער קאָלדרע איבער'ן קאָפּ. זיא האט ערווארטעט איהר מאן זאָל זיך לעגען אין בעט, נאָר אנשטאַט דעם איז ער אריין אין קיך. אייניגע מינוטען זיינען פאַראיבער אונד זיא האט קיין שאָרך געהערט, דאַן האט זיא געהערט גלייך וויא א קאַטץ וואָלט געקראַטצט.

זיא האט אויפגעהויבען דעם קאָפּ אונד ניט געקענט בעגרייפען וואס רובאָ

טחום דאָרט. איהר נייגיעריגקייט האט געשטיגען אונד זיא איז אַרונטער לאַנגזאַם פון בעט אונד איז שטילשווייגענד צוגעגאַנגען צו דער קיך־טהיר, וועלכע איז גע־שטאַנען האלב אָפען. זיא האט אריין געקוקט אונד בייא דעם שוואַכען שיין פון דעם לאָמפּ פאַר'ן פענסטער, האט זיא געזעהען רובאַ'ן שטעהען נעבען דער אונטער־געהויבענער ברעט פון דעם פוס־באָדען אונד עפּעס אריין לעגען אין קעשענע.

א געדאַנק מיט א שוידער איז איבערגעלאָפען איבער איהר געהירן אונד קערפּער. זיא האט פערשטאַנען, אַז דאס געלד מיט וועלכען איהר מאַן האט גע־שפּיעלט יעדע נאַכט אין קארטען, האט בעלאַנגט צו דיא 10,000 פראַנקס, וואס ער האט ארויס גענומען בייא דעם ערמאָרדעטען גראַנדמאָרין.

אַז רובאַ זאָל אַזוי טיעף זינקען, האט זיא זיך ניט פאָרגעשטעלט ביז דאַמאלס. דיעזעס בלוטיגע געלד, וואס ער אונד זיא צוזאַמען האבען צום אנפאַנג בעטראַכט מיט אבשייא אונד שוידערן, זאָל ער יעטצט בענוטצען, איז געווען מעהר וויא זיא האט געקענט רעכענען. זיא האט זיך מעהר ניט געקענט צוריק האלטען, אונד פער־געסענדיג אַן אַלעס, האט זיא אויסגעשריען:

„וואס טהוסטו דאָרט?“

זיין מעכטיגער קערפּער האט אויפגעציטערט. איינינע אויגענבליקען האט עס געדויערט, ביז ער האט זיך געקענט בערוהיגען, אונד דאַן, צוגעהענדיג נעהנטער, האט ער געזאגט:

„וואס קימערט עס דיך?“

„וואס מיך קימערט פרעגסטו? מיך קימערט עס זעהר פיעל. דוא פער־שפּיעלסט דיעזעס בלוטיגע געלד, אונד, וועהרענד דיין לייכטזינן, קענסטו זיך נאָך פערראַטהען, ווייל יעדער וועט וויסען, אַז דוא האסט ניט געקריעגען קיין גאַנצע טויזענדער...“

זיא האט איהם אין יענעם אויגענבליק געהאַסט וויא דעם טויט. דאס וואָרט „פערראַטהען“ האט איהם אנפאַנגס געצוואונגען ער זאָל נאַכדענקען, אָבער ער האט זיך דערמאָהנט, אַז קיין פאָרזיכטיגקייט האט איהם ניט געפעהלט. ער האט יעטצט געהאט אין זיין קעשענע דעם 5טען טויזענדער. דיא ערשטע פיער, האט ער אויסגע־ביטען אויף אַזעלכע פּלעטצער, וואו ער האט קיין מורא ניט געהאט, אַז מען וועט איהם שטעלען פראַגען. ער איז אימער געקומען מיט קלענערע באַנק־נאָטען שפּיעלען.

דאַן האט ער זיך נאָך מעהר דערנעהנטערט אונד איז צוגעגאַנגען דאָרט וואו

זיא איז געשטאַנען. ער האט זיא העפטיג אבגעשטויסען אונד איז אריין אין שלאָף צימער.

„צום טייפעל!“ האט ער געברומט, „פרעג איך דיך וואס דוא טהוסט ווען איך בין ניטאָ אין דער היים? דוא טהו וואס דוא ווילסט אונד איך וועל טהון וואס איך וויל.“

„ניין!“ האט זיא אויסגעשריען מיט האס אונד צאָרן, „דיעזעס געלד בער לאַנגט צו מיר גלייך וויא צו דיר, אונד דוא ווייסט...“

זיא האט גערעדט העכער וויא מען בעדארף. רובאָ'ס נערוועז זיינען געוועזן געשפאנט. ער איז צו איהר צוגעשפרונגען, אונד איהר פערזעטצט אזא שטויס אין קאָפּ, אז זיא איז אומגעפאלען אויף'ן פוס־באָדען נעבען בעט. זיא האט זיך דער־מאהנט אן איין עהנליכען שמערץ פעראורזאכט פון זיינע פויסטען דאמאלס אין פאריז.

זיא האט מורא געהאט ווייטער צו רעדען, טאָמער וועט ער זיא ווייטער שלאָגען.

„ווילסטו שוין האלטען דיין מויל, דוא שטיק שמוטץ?“ האט ער געפרעגט. „ביסטו נאך נים צופריעדען ווען איך לאז דיך זיך שלאָגען קאָפּ אן וואנט מיט ווען דוא ווילסט? וויא וואגסטו מיר אריין צו רעדען אין דעם וואס איך טהו?“

ער איז דאן צוגעגאנגען צום בעט, אונד אין זיינע קליידער, האט ער זיך אוועק געלעגט. סעווערינע האט זיך לאנגזאם אויפגעהויבען פון דער ערד, זיך געריבען דעם פלאטץ אויף'ן קאָפּ וואו ער האט זיא געשלאָגען, דאן האט זיא זיך אנגעצויגען א קלייד. אימער בארוויס איז זיא אריין אין קיך אונד געקוקט אויף דער ברעט וואס איז שוין ווידער געווען אויף איהר פלאטץ.

זיא האט געשפירט א גרויסע נייגיערינקייט צו זעהען וויפיעל עס איז נאך גע־בליעבען פון דיא 10,000 פראנקס, אבער זיא האט מורא געהאט צו צוגעהען צום פלאטץ, גלייך וויא גראנדמאָרין אליין וואָלט דאָרט געווען. דאן זיינען איהרע אויגען געפאלען אויף דעם מעסער'ל, וואס איז געלעגען אויף'ן טיש. דאס איז געווען דאס־זעלבע מעסער'ל וואס זיא האט אין יענעם טאָג געקויפט רובאָ'ן א פרעזענט אין פאריז, אונד מיט דעמזעלבען מעסער'ל, לויט וויא זיא האט געוואוסט, האט רובאָ אין יענער נאכט געקוילעט גראנדמארינען. זיא האט געבליקט א היבשע צייט אויף דעם מעסער'ל אונד זיך געטראכט, אז עס וואלט געווען א גוטע זאך...

זיא האט זיך דערשראָקען פאר דער אידעע. אבער דער געדאנק האט זיך געדרעגט מיט געוואלט אין איהר קאָפּ, אונד זיא האט נאך אמאל אנגעפאנגען

דיך פאַרצושטעלען, אז עס וואָלט געווען א גוטע זאך דאסזעלבע מעסער׳ל זאָל איבערשניידען רובאַ׳ס גאַרגעל, אונד דאַן...

אונד דאַן ! יא ! זיא האט געוואוסט צו וואס דאס אַלעס קען פיהרען. ווען רובאַ, דיעזען וואס זיא האט געהאסט פון איהר טיעפער זעעלע — ווען ער זאָל זיין טויט, דאַן וואָלט זיא געווען פרייא.

סעווערינע האט זיך געזעטצט אויף א ביינקעל אונד געטראַכט:

ווען רובאַ זאָל זיין טויט, איהר מעהר ניט שטעהען אין וועג, פאר איהם מעהר ניט דאַרפען מורא האבען, זיך מיט איהם מעהר ניט אַנקעהרען, דאַן וואָלט זיא געקענט פערקויפען דאס הויז פון קראָא דע מאַפּרא, דאפיר נעהמען 40,000 פראַנקס, אָדער ווייניגער מיט א פּאאר טויזענד, אונד דאַן, צוזאַמען מיט זשאַק׳ן...

זשאַק ! דיעזע: מאַן האט זיא געליעבט גראַדע אזוי פיעל וויא זיא האט גע־האסט רובאַ׳ן. איהר איינציגע אידעע, איהר איינציגעס שטרעבען אונד טראַכטען, איז געווען, וויא פּטור צו ווערען פון רובאַ׳ן, זיך פעראייניגען אויף אייביג מיט זשאַק׳ן אונד זוכען צו פערגעסען אן איהר טרויעריגער פערגאַנגענהייט.

ווען רובאַ זאָל זיין טויט, וואָלט זיא געקענט אוועק פאָהרען מיט זשאַק׳ן נאָך אַמעריקא, אונד דאָרט קויפען א גוט, א הויז, אָדער אירגענד עפּעס אונד לעבען צו־פריעדען, ווייט אוועק פון דיא סצענען אונד בילדער וואס זאָלען צוריק רופען איהר פערגאַנגענהייט.

אָבער, וויא אזוי ווערט מען פּטור פון רובאַ׳ן ? דיעזער געדאַנק האט זיך גע־דרעננט מיט איין אונגאַטירליכער קראַפט אין איהר געהירן, אונד זיא האט ניט געקענט אוועק נעהמען איהרע אויגען פון דעם מעסער׳ל.

זיא האט זיך דערמאָהנט וויא שנעל דאס מעסער׳ל האט איינמאל געאַרבייט, ווען רובאַ האט זיא אריין געשלעפּט מיט געוואַלד אין דעם וואַגאָן פון ריכטער גראַנדמאָרין, ווּעלבען ער האט אליין אויפגעשלאָסען, אונד דאַן, וויא דאס מעסער׳ל איז אריין געשטאָכען געוואָרען טיעף, טיעף אין...

זיא האט געציטערט. זיא האט געוואוסט, אז צו אַזאַ ארבייט איז זיא ניט פעהיג, אונד דאַן, וועט מען דען ניט אויסגעפינען, אז זיא האט עס געטהאָן ?

„אה ! איך וויים שוין,‟ האט זיא פּלוצלינג געמורמעלט. ‚מיין פּלאַן מוז אונד זאָל דורכגעפיהרט ווערען. ער, זשאַק, ליעבט מיך, גראַדע וויא איך ליעב איהם, אונד ער מוז מיך בעפרייען ! מיין גאָט ! וויא גליקליך איך וועל דאַמאלס זיין !‟

קאפיטעל 7.

סעווערינע האט מורא געהאט פאר איהר מאן זיך מעהר צו בעגעגנען מיט זשאק'ן אין איהר אייגענעס הויז. זיא האט דערפאר געמאכט אפטע רייזען נאך פאריז, אונד דארט זיינען זייא זיך צוזאמען געקומען.

עס איז געווען מיט איין אבענד פריהער, פאר דער סצענע וואס מיר געהען יעטצט שילדערן, ווען רובא, בעזויפען אונד אויפגערעגט, איז אריין אין הויז אונד אויסגעשריען צו זיין פרוי:

„בעסטיע! אבשייליכקייט! שטיק שמוטץ! איך מוז האבען געלד, אונד דוא זאלסט אלעס מעגליכע טהון דאפיר; דאן וועל איך דיך דערהרג'ענען, ווען איך וועל דיך נאך אמאל זעהען אין דער געזעלשאפט פון דעם לומפ זשאק לאנטיער..."

זיא האט איהם אנגעקוקט מיט ווילדע אונד דערשראקענע אויגען אונד מורא געהאט צו עפענען איהר מויל.

„מיינסטו פיעללייכט," האט ער ווייטער געזאגט, אז איך וועל דיך אבלאזען? ניין, ניין, שטיק שמוטץ, דאס קענסטו ניט פועל'ן; איך וועל דיך פריהער דער־ווערגען, אדער מען וועט אונז ביידע אבהאקען דיא קעפ אויף דער גילאטינע. הא, הא, הא! וויא דוא דערשרעקסט זיך פאר דער גילאטינע! דיא גילאטינע האט א גרויסעס אונד שארפעס מעסער, וועלכעס פאללט ארונטער שנעל אונד האקט אב דעם קאפ פון דעם מערדער; דער קאפ פאלט דאן אריין אין קארב אונטען, אונד..."

„אך, הענרי!" האט סעווערינע אויסגעשריען, „האב מיטלייד, איך בעט דיך, רעד ניט אזוי; ניין ניין, רעד ניט אזוי..."

זיא האט געציטערט אונד ער האט אויסגעזעהן צו האבען דאס גרעסטע פער־גניגען פון איהרע ליידען.

„וואס!" האט ער ווייטער אויסגערופען, „דוא שרעקסט זיך? ביסטו ניט געווען צוזאמען מיט מיר דער מערדער פון גראנדמארין? האסטו איהם ניט צוגע־האלטען בייא דיא פיס ווערענד איך האב נאך אריין געשטאכען..."

„גענוג! גענוג! מיראן!" האט זיא אויסגעשריען אויפשפרינגענדיג פון איהר שטוהל מיט איין אונגעוועהנליכען צארן.

„זיטץ!" האט ער אויסגערופען צוגעהענדיג נעהנטער, אונד איהר פערזעטצט א קלאפ אין קאפ מיט זיין שווערען פויסט...

ווען סעווערינע איז זיך צוזאמען געקומען מיט זשאק'ן דעם צווייטען טאָג אין פאריז אונד איז געוועזן אליין מיט איהם אין צימער, האט זיא זיך דערמאָהנט אן יענער שוידערהאפטער סצענע, אונד זיא האט געוויינט פאר פערדרוס אונד ער־גערניס. דאן, ערבליקענדיג דאס שעהנע אונד פריינדליכע געזיכט פון זשאק'ן, איז זיא צו איהם צוגעשפרונגען, איהם אומארמט, אונד בעשאָטען זיין האלז אונד זיינע באקען מיט איהרע ברענענדע קושען.

זשאק האט זיך געזעטצט אונד גענומען סעווערינע'ן אויף זיין שויס. זיא האט איהם פעסטער אומארמט מיט איהרע הענד, געדריקט צו איהר ברוסט, אונד אויפ־געהערט צו וויינען. דאן האט זיא געעפענט זיין וועסט אונד אריין געשטופט איהר קאָפּ אין זיין בוזים, וואו זיא האט איהם געקושט אונד געביסען פאר אויפרעגונג.

זשאק האט דאס ליעב געהאט. ער האט אָנגענומען מיט איין האנד איהרע צערוואָרפענע שעהנע לאַנגע האאר, אונד זיא געקושט. דיעזעס פרויענצימער האט איהם גליקליך געמאכט, פערוואנדעלט אין א נייעם מענשען; אין איהר נעגענוואַרט האט קיין זאך מעהר עקזיסטירט וויא דיא ברענענדע ליעבע צו איהר, אונד ער האט אויסגעזעהן וויא בערויישט אונד בעזויפען.

זיין הערץ האט שווער געקלאפט, אונד סעווערינע, וועלכע האט אויסגעזעהען צו בעגרייפען אלעס וואס זשאק האט ליעב, האט איהם אויפגערעגט ביז צו דער העכסטער שטופע, ביזביידע זיינען פערזונקען אין א רוהיגער שטילקייט.

„אך, מיין געליעבטער!“ האט זיא דאן צו איהם געזאגט, איהם אָנפאנגענדיג צו קושען איבער א נייעס.

„זאג, סעווערינע, וואס קען איך טהון פאר דיר?“

זיא האט וויעדער אויסגעבראָכען אין טרערען. איהר רעכטע האנד האט ארום גענומען זיין האלז, אונד כליפענדיג האט זיא געזאגט:

„ער שלאָגט מיך אונמענשליך.“

„דער בארבאר!“ האט ער געזאגט קריצענדיג מיט דיא ציינער.

„אונד ער שיכור'ט אויך.“

„דאַן פערלאָז איהם.“

„יא, איך וועל עס טהון!“

„ווען?“

„אזוי שנעל וויא איך וועל קענען פון איהם פטור ווערען.“

„נאָל ער געהען צום טייפעל!“ האט זשאק אויסגעשריען. „וואס דארפסטו

פטור ווערען פון איהם? ער קען דאָ פערבלייבען צו אלל־דיא־שווארצע יאהר אונד מיר וועלען אוועק...״

„ניין, ניין, דאס קען ניט זיין!״

„ניין? ווארום?״

„ווייל מיר מוזען האבען געלד.״

„צו וועלכען צוועק געלד? אונזער ליעבע איז אלעס וואס מיר בענעטהיגען, אונד דאן...״

„איך וויים, געליעבטער, וואס דוא מיינסט; דוא ווילסט מיר זאגען, אז איך קען פערקויפען דאס הויז, אבער איך קען עס ניט טהון אָהן איהם.״

„דאן זאָל ער געהען צום טייפעל מיט'ן הויז!״

„דוא רעדסט אונפראקטיש. מיר קענען אָהן געלד ניט בלייבען אין קיין פרעמדעס לאנד; מיר מוזען האבען געלד, אונד דאפיר...״

„וואס מיינסטו?״

זיא האט איהם לײדענשאפטליך אומארמט אונד געדריקט צו איהר שטירמישע ברוסט.

„אך, געליעבטער,״ האט זיא געמורמעלט, ווערענד ער האט געקרייזעלט איהרע האאר מיט זיין האנד.

„מיין ליעבע, זאג, זאג אלעס פאר מיר,״ האט ער געזאגט זעהענדיג, אז זיא וואגט ניט ארויס צו זאגען עפעס פון איהר הערצען. „דערצעהל מיר אלעס, אונד פיר אונזער ליעבע בין איך...״

„יא, יא,״ האט זיא אונטערגעכאפט, „פיר אונזער ליעבע זאלסטו אלעס טהון.״

„אלעס, אלעס!״

„דאן שווער עס מיר!״

„איך שווער דיר בייא אונזער ליעבע!״

סעווערינע איז געוועזען איבערצייגט, אז זשאק ליעבט זיא מיט זיין גאנצען הערצען אונד ער זאגט וואס ער מיינט. וויא ער האט זיך געשוואָרען, האט זיא אָבּ־געפרעסט אזא ברענענדען קוש אויף זיינע ליפען, אז ער האט אויפגעציטערט אונטער דער אויפרעגונג.

„זשאק! מיין געליעבטער!״ האט זיא אויסגעשריען, „מיר ווען פערקויפען דאס הויז פון קראָא דע מאפרא, דאן ווען מיר נעהמען דאס געלד אונד אוועק פאָהרען ווייט, ווייט, דאָרט אין דער וועלט, וואו קיינער קען אונז ניט, אונד מיר

וועלען זיין גליקליך, צוזאמען, מיט אונזער ליעבע... אונד, אָבער זשאק, דוא מוזט...“

ער האט זיא אָנגעקוקט ערשטוינט אונד נאך אלץ ניט פערשטאנען וואס זיא מיינט.

„דוא מוזט, געליעבטער, איהם ערמאָרדען!“

„וועמען?“ האט ער א פרעג געגעבען איבעררואשט.

„איהם, רובאָ'ן, מיין מערדערישען מאן!“

עס האט אויסגעזעהען גלייך וויא אלע זיינע גליעדער וואלטען איהם אָבגעשטאָרבען בייא דיא לעטצטע ווערטער, וויל דער דריק מיט וועלכען ער האט זיא צוגעהאלטען, האט נאכגעלאָזען, זיין געזיכט איז בלאס געוואָרען, אונד דורך זיין געהירן האט דורכגעשאָסען א פירכטערליכער געדאנק. זיינע אויגען האבען געבליקט ווילד, אונד פאר זיין פאנטאזיע האט זיך פאָרגעשטעלט דאס אלטע בילד פון בלוט, פון קוילען, שטעכען, ווערגען, טויטען, אונד... זיינע אויגען זיינען געבליעבען אויף איהר האלז. זיין אטהעם האט אָנגעהויבען צו ווערען שווער, זיינע פינגער האבען זיך אויסגעצויגען, אָבער דאס האט ניט פיעל געדויערט אונד ער האט זיך זעהר שנעל בעוועהיגט קוקענדיג אין איהרע ליעבענדע אויגען אונד שמייכלענדע ליפען.

„ניין, ניין, סעווערינע!“ האט ער אויסגעשריען, „ניין, ניין, איך בעט דיך, ניט מאָרדען, ניט מאָרדען!“

זיא האט זיך געזעטצט נעבען איהם אונד אָנגעפאנגען צו גלעטען זיינע באקען.

„אָבער, זשאק, געליעבטער, דאס איז דער איינציגער וועג צו אונזער גליק, צו אונזער ליעבע, צו אונזער בעפרייאונג.“

„איך קען ניט, ניין, ניין, ניט מאָרדען!“

„זייא רוהיג מיין געליעבטער; ווען דוא וועסט איהם ניט ערמאָרדען, דאן וועט ער מיך ערמאָרדען, אונד אויב דוא ליעבסט מיך, דאן...“

„איך ליעב דיך, סעווערינע, וויא קיין מאן האט נאך געליעבט א פרויענצימער, אָבער...“

„ניין!“ האט זיא אויסגעשריען זיך אָבווענדענדיג פון איהם. „דוא ליעבסט מיך ניט, זאָנסט וואָלסטו באלד איינגעשטימט צו מיין פאָרשלאג, וויל דאס איז דער איינציגער וועג צו אונזער גליק.“

זשאק איז געבליעבען זיטצען מיט אויסגעגלאָצטע אויגען שטארק פערטראכט. דיא בעסטיע האט אין איהם ערוואכט וויא אין דיא אלטע צייטען, נאר

מיט אין אנדערעס געפיהל. ער האט געשפירט זיין הערץ איבערפיללט מיט ליעבע צו דיעזען פרויענצימער וואס האט זיך צו איהם איבערגעגעבען מיט לייב אונד זעעלע, אונד פון דער אנדערער זייט האט ער פאר זיך ערבליקט רובאַ'ן, מיט זיין מעכטיגען קערפּער אונד ברוטאלע פויסטען, וויא ער שלאָגט דיעזע געליעבטע, אונד דאַן וויא זיינע פינגער גרייכען אהין, דאָרט, צו רובאַ'ס האלז, אונד ער דריקט, פעסט, פעסט, אונד דאַן, וויא ער שטעקט אריין דיא האנד אונד רייסט ארויס זיין גאָרגעל, בלוט, וואָרעמעס בלוט לויפט, אונד איהם ווערט אזוי גוט אויף'ן הארצען, אז...

„איך וועל איהם ערמאָרדען!“ האט ער פלוצלינג אויסגעשריען.

„מיין זיסער געליעבטער!“ האט סעווערינע אויסגערופען אויסשטרעקענדיג איהרעביידע הענד אונד אומארמט זשאַק'ן. זיא האט איהם געהאלזט, געקושט אונד געזוכט אין איהם צו ערוועקען דיא אויפרעגונג, אָבער עס איז איהר ניט גע־לונגען. ער האט בלויז געמורמעלט איינינע מאָל: „איך וועל איהם ערמאָרדען! יא, ערמאָרדען וועל איך איהם!“

זיא האט אויפגעהויבען איהרע אויגען אונד ערבליקט דעם אויסדרוק אויף זיין געזיכט, פאר וועלכען זיא האט זיך דערשראָקען. זיא האט דאָרט געזעהן ליידען, שרעק אונד ווילדע אויפרעגונג.

— — — — — — — — — — —

עס איז געווען נאך אין דעמזעלבען אבענד, שפּעט בייא דער נאכט, ווען זשאַק מיט סעווערינע'ן האבען צוריק געקעהרט נאך האַווער. זייא האבען זיך ביידע דער־נעהנטערט צו דער וואָהנונג, וואוהין סעווערינע אליין איז אריין אונד שנעל ארויס קומענדיג, האט זיא געזאגט:

„ער איז נאך ניטאָ, אונד מיין פּלאַן וועט זיין גוט.“

„וואו איז ער?“ האט זשאַק געפרעגט.

„ער זויפט אונד שפּיעלט. פאַרטאָג קומט ער אהיים. קום, איך וועל דיך צו פיהרען אהין וואו איך האב דיר געזאגט, אז ער מוז פאַרבייגעהען.“

זשאַק האט אויסגעזעהען ניט צו געדענקען וואס סעווערינע האט מיט איהם געשפּראָכען אהיים פאָהרענדיג. זיא האט איהם נאך אַמאָל ערקלערט.

רובאַ, לויט וויא זיא האט געוואוסט, פּלעגט אהיים קומען פון דער וויינ־שענק, וואו ער האט געשיכור'ט אונד געשפּיעלט, אונד איז אימער פאַרבייגעגאנגען נעבען דיא גרויסע קוילען־מאַגאַזינען פון דער סטאַציאָן. דאָרט איז אזוי שפּעט אין דער נאכט, אָדער אזוי פריה פאַרטאָג, קיין מענש געווען. איהר פּלאַן איז בע־שטאַנען, אז זשאַק זאָל איהם דאָרט אויפפּאַסען, אונד וויא ער, רובאַ, וועט נאָ[ך]

ערשיינען, זאָל ער ארויס שפּרינגען פון הינטער א בוים, אונד איהם אריין שיסען א רעוואָלווער קוגעל אין קאָפּ. דער שום וועט זיך געוויס ניט הערען. אונד ווען רובאָ וועט פאלען, דאן זאָל זשאק לאָזען ליגען דעם רעוואָלווער נעבען איהם אונד באלד אוועק. ווען מען וועט ענטדעקען רובאָ'ן, וועט עס הייסען א זעלבסטמאָרד פאַל.

ניעמאנד, לויט איהר אויסרעכנונג, וועט זיך דארויף וואונדערן, ווייל יעדער האט געוואוסט, אז רובאָ האט לעצטענס זעהר פיעל געשיכור'ט אונד געשפּיעלט, אונד מען וועט גלויבען, אז ער האט זיך אליין גענומען דאס לעבען.

אלס זיא איז פערטיג געוואָרען מיט איהר ערקלערונג, האט זיא אָנגענומען זשאק'ן בייא דער האנד אונד איהם אָנגעפאנגען צו פיהרען אין דער טיעפער דונקעלהייט צום בעשטימטען פלאטץ. ווען זייא זיינען אהין אָנגעקומען, האט זיא איהם נאך אמאל ערמונטערט אונד געהייסען ווארטען.

דיא בלוטיגע בעסטיע האט אין איהם געוויטהעט, אונד ער איז פערטיג געווען צו מאָרדען. נאָר אזוי וויא סעווערינע איז פון איהם אוועק, אזוי האט ער זיך שנעל אָנגעפאנגען צו בערוהיגען, אונד וויא איין אינערע שטימע האט צו איהם גערופען: „ניט איהם מאָרדען! ניט איהם! ניט איהם!"

זשאק האט אויפגעציטערט. דאן האט ער געהערט שריט פון וויטען. עס איז געווען רובאָ. אָבער אנשטאט צו ווארטען אויף איהם, האט ער זיך פלוצלינג אומגעווענדעט אונד אָנגעפאנגען צו ענטלויפען, וויט אוועק פון דעם פלאטץ, אום זיך מיט איהם ניט צו בעגעגענען.

קאפּיטעל 8.

סעווערינע האט שוין מעהר ניט געקענט אויסהאלטען פון איהר בעזויפענעם מאן, וועלכער האט שוין נעהאט פערזויפען אונד פערשפּיעלט אלע 10,000 פראנקס. אין זיינע אויפרעגענדע אונד וויטהענדע מאָמענטען, האט זיא אין איהם געזעהן דיא ווילדע אונד שוידערהאפטע בעסטיע, געניינט צו בלוט-פערגיסונג אונד מאָרד וויא אין יענעם אבענד, ווען זיא איז געווען צו איהם א שותף אין ערמאָרדען גראנדמאָרין.

גראנדמאָרין? האט עס איהר לייד געטהאָן ווארום רובאָ האט איהם ער־מאָרדעט? סעווערינע האט דארויף זיך ניט געקענט ענטפערן. זיא איז געווען גלייכגילטיג צו דיעזער אידעע, אונד מאנכע מאל האט זיא געגעבען רובאָ'ן רעכט, ווארום ער האט איהם ערמאָרדעט. זיא האט זיך ניט פאָרגעשטעלט, אז

גראנדמארין האט בעדארפט שטארבען דערפאר וואס ער האט זיא פערפיהרט, זאנדערן וואס ער האט געשטערט איהר רוהע אונד גליק אין לעבען.

„דער אלטער שופט!" פלעגט זיא אפט טראכטען. „ווען ער וואלט מיך אין יענעם טאג ניט ווידער גערופען, וואלט נאר ניט געווארען. ער וואלט געלעבט אונד רובא וואלט ניט געוואוסט פון אלעמען וואס איז פארגעגאנגען."

רובא! דיעזער נאמען האט זיא געמאכט שוידערן. זיא האט איהם אזוי גע־האסט אונד פעראכטעט, אז זיא איז מאנכע מאל געווען פעסט ענטשלאסען, גאנץ אליין איהם צו דערהרג'ענען. אבער זיא איז אויך געווען איבערצייגט, אז זיא האט ניט דעם מוטה דערצו.

אונד זשאק? וואס איז מיט איהם געווען? ווארום האט ער איהם ניט ער־מארדעט? דאכט זיך זיא האט דאך געלעזען מארד אין יעדער מיענע פון זיין גע־זיכט? ווארום האט ער איהם ניט אריין געשאסען דיא קוגעל אין שטערען, אונד יעטצט וואלט שוין געווען אלעס פאראיבער? זיא וואלט געווען פרייא אונד געקענט טהון וואס זיא וויל.

זיא קען זיך גוט עראינערן, אז רובא איז אהיים געקומען, אונד ווען זיא האט איהם ערבליקט, איז זיא געווען שטארק איבערראשט. זיא האט ערווארטעט זשאק זאל קומען אונד איהר אנזאגען דיא בשורה, אז אלעס איז פאראיבער, נאר צום סוף איז דער פערהאסטער ערשיענען. ער האט זיא בעגעגענט מיט א פלוך. זיא האט געשוויעגען. אירגענד א ווארט פון איהר מויל, וואלט געקענט פיהרען צו קלעפ, אונד זיא האט גאנץ גוט געוואוסט, אז זיא וואלט געמוזט ערטראגען דיא קלעפ מיט געדולד אונד שווייגען.

רובא איז געווארען זעהר געפעהרליך אין דער לעטצטער צייט. אין זיין בע־זויפענעם צושטאנד אונד אויפרעגונג פון דיא קארטען, האט ער מעהרערע מאל גע־רעדט אזעלכע ווערטער הויך, וועלכע מען האט בעדארפט פערשווייגען אפילו פאר דיא שטומע ווענט.

זיא האט ענטווארפען טויזענדער פלענער, אונד איז געקומען צום בעשלוס, אז ער מוז שטארבען. יא, רובא דארף שטארבען דורך פערשיעדענע אורזאכען. ערשטענס האסט זיא איהם וויא דעם טויט; צווייטענס ליעבט זיא זשאק'ן; דריטענס קען זיא דאס הויז ניט פערקויפען כל־זמן ער לעבט, וויל ער וועט פער־שפיעלען אונד פערזויפען דאס געלד. אונד פיערטענס, דארף זיא גלאט לויז ווערען פון רובא'ן, וועלכער ווערט נאכלעסיגער פון טאג צו טאג, אונד קען זיא לייכט ברענגען צום עשאפאט, אונטער דער גילאטינע.

דיא גילאָטינע! ווען סעווערינע האט זיך עראינערט אן דיזער שרעקליכער טויט־מאשין, פלעגט זיך איהר דאכטען, אז איין פאנגט אן צו קריכען אונטער איהר לייב אונד פערברייטעט זיך איבער איהר גאנצען קערפער אונד קומט ביז צום הארץ. מעהרערע מאָל האט זיך איהר געדאכט וויא זיא שטעהט נעבען דער גילאָטינע, זיא זעהט יעמאנדען צופיהרען, א לייכטער געשרייא, א קאָפּ פאללט, א שפריטץ בלוט, אונד...

סעווערינע האט געשווידערט אונד געשפירט, אז דאס בלוט ווערט פערגליווערט אין איהרע אָדערן. שטארבען האט זיא ניט געוואָלט; זיא האט געוואָלט לעבען אונד געניעסען דיא וועלט.

„אונד ווארום זאָל איך ניט וועלען לעבען?" פלעגט זיא טענה'ן מיט זיך אליין. „בין איך דען שולדיג אין דעם גאנצען אונגליק וואס איז איבער מיר געקומען? מיין גאָט, איך געדענק נאך אלעס. איך בין געווען איין ארעמעס, שעהנעס, אָבער אונשולדיגעס מעדכען. מיין הערץ, מיינע געדאנקען, אונד מיין גאנצע נשמה זיינען געווען ריין אונד אונבעפלעקט. דאן זיינען ערשיענען דיא מענער, דיא שלעכטע פערדאָרבענע מענער, אונד דער ערשטער איז געווען גראנדמאָרין, וועלכער האט געשפיעלט דיא ראָלע פון א גרויסען מאן, א פאטער, א רייבער, א מיליאָנער, אונד... וואס האב איך געקענט וויסען? ער האט מיך פערפיהרט, פערנארט, בעשווינדעלט, בערויבט אונד איך בין געפאלען. האט מיר דען יעמאנד געזאגט, אז איך בעגעה א פעהלער? איך האב עס ניט געקענט וויסען. דאן איז ערשיענען רובאָ. ער האט מיך געליעבט פון דעם ערשטען מאָמענט וואס ער האט מיך ערבליקט. האט ער מיך געפרעגט אויף מיינע מעלות אָדער חסרונות? ניין, ער האט מיך גאר ניט געפרעגט אונד איך האב איהם ניט געהאט וואס צו ענטפערן. ער האט מיך געליעבט פאר דעם וואס איך בין ערשיענען אין זיינע אויגען — יונג, געזונד, שעהן אונד אימשטאנדע צו ערפילען זיין לוסט.

„ווארום, ווען ער האט שוין ערפאהרען, דורך מיין נאררישער פלוידערייא, ווער אונד וואס איך בין — ווארום האט עס איהם אזוי אויפגערעגט? איז דען פון מיר וועניגער געבליעבען פאר איהם וויא ער האט געקענט פאָרדערן? איך בין געווען דיעזעלבע; נאך מעהר, איך האב מיך געשפּירט מעהר פערפליכטעט צו איהם אונד בין געווען בערייט אלע אידעען פון גראנדמאָרינען צו פערשמייסען אונד בלייבען זיינע אליין. ער איז דערמיט ניט צופריעדען געווען אונד איז געגאנגען מאָרדען. מיט געוואלד האט ער מיך געמאכט פאר א שותף צו דיעזען מאָרד. איז דאס געווען מיין שולד?

„ניין! איך בין ניט שולדיג געווען אין דער גאנצער געשיכטע. דאן, אנשטאט צו פערגעסען אן אלעמען; אנשטאט צו בעטראכטען גראנדמאריקס טויט וויא א כפרה פאר דער פערגאנגענהייט, האט ער זיך אנגע'שמעקט מיט דיזען בלוט אונד אנגעפאנגען צו זינקען אלץ טיעפער אונד טיעפער. מיך האט ער מיט־געשלעפט.

„האב איך געקענט זשאק לאנטיער? האב איך געוואוסט ווער ער איז? מיין מאן, וועלכער האט מיך געמאכט פאר א שותף צו זיין פערברעכען; מיין מאן, וועלכער האט געמארדעט דאפיר, וואס איך האב איהם בעטראגען, לויט וויא ער בעהויפטעט — דערזעלבער מאן האט מיך געשיקט אויסדריקליך צו אפפערן מיין לייב, מיין לייב אונד מיין גאנצען קערפער, פיר זשאק לאנטיער, אבי דער לעטצטער זאל פערהינדערן, אדער ניט אויסזאגען וואס ער ווייס איבער זיין פערברעכען.

„איך בין געגאנגען. איך בין געצוואונגען געווען דאס צו טהון, ווייל ער האט מיך געשיקט. ער האט מיך געקענט דערהרג'ענען מיט זיינע שווערע פויסטען, ווען איך וואלט דאס ניט געטהאן. דאן האב איך גלאט אויך מורא געהאט, אז איך וועל דארפען ליידען צוזאמען מיט איהם אויף דער גילאטינע... דיא גילאטינע! מיין גאט, וויא דאס שוידערט מיך!

„איך האב אנגעפאנגען צו ליעבען זשאק'ן? איז דאס מיין שולד? רובא'ס בעהאנדלונגען געגען מיר, זיינע אונמענשליכע בעהאנדלונגען, האבען פעראורזאכט איך זאל איהם האסען אונד פעראכטען. אבער איך בין יונג, אונד מוז יעמאנדען ליעבען. זשאק איז שעהן, עדעל, צערטליך, ליעבענסווירדיג אונד ליעבט מיך אויך, טראט'ן דעם וואס ער ווייס אזוי פיעל איבער מיר. איז עס א וואונדער ווארום איך ליעב איהם?

„אונד יעטצט? איז עס רעכט איך זאל שוין ווארטען ביז רובא וועט מיך ענטוועדער אליין דערהרג'ענען, אדער ביז ער וועט זיך פעררעטהען אונד מיר וועלען ביידע מוזען הינגעריכטעט ווערען? איז עס רעכט צו פערברענגען אין דער געזעל־שאפט פון אזא ווילדער בעסטיע, ווען זשאק איז בערייט מיט מיר צו לעבען אונד מיר ביידע זאלען...“

דיעזער שטראם געדאנקען איז איבערגעלאפפען דורך סעווערינע'ס געהירן, וועהרענד זיא איז געזעסען נעבען פענסטער פון איהר וואהנונג, אנגעלעהנט אויף א שטוהל. א דריק צום שטוהל, האט ארויס גערופען א שניידענדען שמערץ אין דער רעכטער זייט פון איהר קערפער צווישען דיא ריפען. זיא האט זיך דערמאהנט, אז רובא האט איהר אהין געגעבען א קלאפ. אום צו זעהן ווארום דער שמערץ איז אזוי

גרויס, האט זיא זיך אָבגעווענדעט פון פענסטער אונד אָנגעפאנגען ארויס צו ציהען איהר העמד. זיא האט נאַקעט געמאכט א טהייל פון איהר קערפּער, אונד אָנ־בויגענדיג דעם קאָפּ אויף א זייט, האט זיא ערבליקט אויף איהר קלאָר־ווייסעס לייב, א ברייטען בלויען פלעק אויף איין אָנגעשוואָלענער ריפּ.

ער זאָל שטארבען!״ ער מוז שטארבען!״ האט זיא געשריען מיט דעם צאָרן פון איין אויפגערעגטער טיגערין, אונד דאן האט זיא נאך אמאל אָנגעבויגען איהר קאָפּ אונד געבליקט צו דעם בלויען פלעק זיך בעדויערענדיג.

טראָטץ זיין זויפען אונד קארטען שפּיעלען, האט נאך רובאָ אָבגעהיט זיין פּאָסטען. ער האט ניט פיעל געשלאָפען, אָבער א פּאאר שטונדען רוה איז גענוג געוועזן אום ער זאָל ווידער קענען פאָרטזעטצען זיין אָרבייט אום 12 אוהר מיטאגס, ביז אום 8 אוהר אבענדס.

עס איז געוועזן אום 3 אוהר נאכמיטאג, דיא צייט ווען זשאק האט געוואוסט, אז רובאָ איז ניט צו הויז. ער איז צוגעקומען מיט לייכטע שריט צו דער טהיר, גע־עפענט אונד אריין געקומען. עס איז געוועזן גראדע דאמאלס ווען סעווערינע איז געוועזן פערטראכט אין בעטראכטענדיג דעם בלויען פלעק אויף איהר לייב. זיא האט איהם ניט געהערט אריין קומען. נאָר זשאק, זיא ערבליקענדיג זיטצען מיט דעם קאָפּ איינגעבויגען, איז ער געבליעבען שטעהן. ער האט ניט געוואוסט וואס זיא טהוט דאָרט.

„שטארבען זאָל ער!״ האט זיא נאך אמאל געמורמעלט.

זשאק'ס אויגען זיינען פּלוצלינג געפאלען אויף סעווערינע'ס נאקעטען טהייל קערפּער. דאס וואָרט „שטארבען״ אונד איהר נאקעטער קערפּער, האט וויא דורכ־געשאָסען מיט פייער זיין גאנצעס בלוט. ער האט געשפּירט דיא בעסטיע ערוואַ־כענדיג אין איהם, אונד ער האט בעשלאָסען שנעל צו פערלאָזען דאס צימער אונד ענטלויפען. בייא זיין אומווענדען זיך, האט איהם סעווערינע ערבליקט.

„זשאק!״ האט זיא אויסגעשריען אריין שטעקענדיג צוריק דאס העמד. „וויא קומסטו אהער?״

זשאק איז געבליעבען שטעהן אָהנע ער זאָל זיך קענען ווייטער אומווענדען. איהר ווייכע שטימע, דאס צודעקען פון איהר קערפּער אונד דאס אונטערברעכען פון זיינע אייגענע געדאנקען, האט איהם עטוואס בערוהיגט. ער האט אונטערדעסען נאָר ניט געקענט ענטפערן.

„וויא קומסטו אהער, זשאק?״ האט זיא ווייטער געפרעגט. „ניין, ניין, דוא האסט קיין רעכט ניט אהער צו קומען, נאכדעם...״

זיא האט אָנגעהויבען צו וויינען.

זשאַק'ס הערץ, וועלכע איז געווען מיטליידיג פון דער נאַטור, איז גערירט געוואָרען, אונד שפירענדיג א גרויסע אנציהונג צו איהר פון ליעבע אונד צערטליכ־קייט, איז ער צו איהר צוגעגאַנגען, ניעדערגעקניט, גענומען איהר האַנד אין זייגער, אונד געמורמעלט:

„פערציי‏הע מיר.“

„פערציי‏הען? מיין נאָט, וויא זאָל איך דיר פערציי‏הען, ווען איך קען שוין מעהר ניט ליידען?“

זשאַק'ס ברענענדע ליפּען האבען געקושט איהר האַנד.

„איך האב ניט געקענט, געליעבטע; גלויב מיר, איך האב ניט געקענט,“ האט ער געמורמעלט.

„וויסטו, זשאַק,“ האט זיא ווייטער געזאגט, „וויפיעל איך לייד? ניין, מיין גאָט, ניין! איך קען שוין מעהר ניט ערטראַגען. אָבער זשאַק, איידער ער זאָל מיך ערמאָרדען, דאַן זאָלסטו מיך בעסער ערמאָרדען... איך...“

דיא לעטצטע ווערטער האבען ערוואַכט דיא גאַנצע בעסטיע אין זשאַק'ן. ער זאָל זיא ערמאָרדען? יא, יא, דאס האט ער אויך געוואָלט! געווים, געווים, ער דאַרף זיא ערמאָרדען, ניט קיין אַנדערער... זיינע פינגער האבען זיך אויסגעצויגען אונד ער איז אויפגעשפּרונגען... אָבער סעווערינע'ס אויגען זיינען געווען פולל מיט טרערען, איהר געזיכט האט פאַרגעשטעלט שרעקליכע ליידען, אונד... זשאַק האט ניט געוואָלט הרג'ענען קיין ליידענדע; דיא בעסטיע אין איהם האט געוואָלט מאָרדען א פרעהליכע, לוסטיגע אונד ליעבענדע שעהנע פרוי.

דער בליק אויף סעווערינע'ן האט איהם ווידער אמאָל בערוהיגט, אונד ער איז אומגעפאַלען אין א שטוהל נעבענאַיבער איהר.

„אַך, זשאַק, ווען דוא זאָלסט וויסען,“ האט זיא ווייטער געזאגט. „ווען דוא זאָלסט האבען א בעגריעף וויפיעל איך לייד, דאַן וואָלסטו אויף מיר רחמנות געהאט...“

איהרע ווערטער האבען איהם גערירט צו טרערען אונד ער האט געוויינט אויף איהר קוקענדיג.

„זשאַק, געליעבטער,“ האט זיא געזאגט, „ווען דוא ליעבסט מיך, דאַן רעטע מיך פון זיינע הענד.“

„וויא אזוי?“

„איך וויל דיר יעמצט ניט מאכען קיין פאָרווירפע פאר דיין אונגעהאַלטענעם פערשפּרעכען, אונד איך בעט דיך, אום גאָטעס ווילען, האב מיטלייד אונד נעהם מיך אוועק פון דאַנען. פיהר מיך אוועק נאך פּאַריז, בעהאַלט מיך, טהו מיט מיר וואס דוא ווילסט, אבי איך זאָל פּטור ווערען פון איהם, איך זאָל איהם ווענינסטענס ניט זעהען פאר מיינע אויגען.“

זשאק האט איהר פערשפּראָכען אויף'ן צווייטען טאָג זיא ארויס צו נעהמען נאך פּאַריז אונד זיא איינקוואַרטירען אויף א פּלאַטץ וואו זיא זאָל זיך מעהר ניט דאַרפען בעגעגענען מיט איהר מאַן.

סעווערינע איז געוועזען אַזוי ערפריים דאַריבער, דאס זיא האט איהם אומאַרמט אונד אַלעס מוחל געוועזען.

ווען זשאק איז אוועק, האט סעווערינע נאך אימער ניט אויפגעגעבען דיא אידעע פון ערמאָרדען רובאָ'ן. זיא האט אָבער געטראַכט, אז זיא מוז ווארטען אונד האָבען געדולד.

„זשאק וועט עס נאך טהון,“ האט זיא געזאָגט צו זיך אליין. „איך וועל זיין מיט איהם אין פּאַריז, אונד דאן וועל איך איהם שוין דערצו בעוועגען...“

דיא אידעע, אז זיא האט קיין געלד ניט אונד וועט מוזען זיין געגצליך אָב־העננינג פון זשאק'ן, האט זיא שטארק געקריינקט.

איהרע אויגען זיינען געפאַלען אויף דער געריהרטער ברעט אין דעם פּוס־באָדען פון דער קיך.

„פּיעלייכט איז נאך עפּעס דאָרט דאָ,“ האט זיא געזאָגט שווידערענדיג. „ווען ער מעג דאס פערשפּיעלען אין קאַרטען, ווארום זאָל איך דאס ניט האָבען ווענינסטענס צום לעבען?“

זיא האט עטליכע מאָל געצעגערט אונד ניט געוואָגט צו צוגעהען, אָבער ענדליך האט זיא געפּאַסט מוטה אונד אויפגעהויבען דיא ברעט.

איהרע אויגען זיינען געפאַלען אויף עפּעס גלענצענדעס. דאס איז געוועזען גראַנדמאָרין'ס גאָלדענע אוהר אונד קיים. זיא האט דאס אנפאַנגס ניט געוואָגט צו בעריהרען. דאן האט זיא געזוכט אין יעדען ווינקעל אונד ענטדעקט דיא בריעף־טאַשע פון ריכטער גראַנדמאָרין. זיא האט שנעל דיעזע גענומען אין דיא הענד, געעפענט, אָבער דאָרט איז גאר ניט געוועזען. רובאָ האט שוין לאַנג אַלעס ארויס גענומען.

א געדאַנק איז דורכגעפלויגען דורך איהר קאָפּ.

„דיעזע שפור וועניגסטענס,“ האט זיא געטראכט, „דארף איך ניט צוריק לאָזען. וואס וועל איך טהון ווען דיא בריעף־טאַשע ווערט דאָ ענטדעקט ווערען? אונד וואס וועט זיין ווען רובאָ וועט געהען אונד פערקויפען דעם זייגער מיט דער קייט אונד מען וועט איהם אירגענדוואו דערקענען?“

זיא האט געכאפט דיא בריעף־טאַשע אונד זיא אריין געוואָרפען אין ברענענדען אויווען. דעם זייגער מיט דער קייט האט זיא בעהאלטען אין בוזים.

דאן איז איהר איינגעפאלען, אז זיא וועט פון דעם זייגער מיט דער קייט מאכען א געברויך. וואס האט זיא נאך ביז דאמאלס געגעבען איהר געליעבטען זשאק? קיין זאך מעהר וויא איהר ליעבע. זיא האט גאר ניט געהאט פון וואס איהם צו מאכען אפילו א פרעזענט.

„יא, יא,“ האט זיא געמורמעלט, „ער זאָל האבען דעם זייגער מיט דער קייט.“

קאפיטעל 9.

עס איז געווען שפעט נאכמיטאג, ווען פלאָרא איז ארויס געגאנגען פון איהר מוטער'ס צימער מיט דיא אויגען פערוויינט. טאנטע פאַסיע איז געשטאָרבען לעצטע נאכט. זיא האט אויסגעזעהען וויא א סקעלעט.

פון וואס איז זיא געשטאָרבען? איז דאס וואהר, אז מיסארד האט זיא פערגיפטעט? וויא אזוי? מיט וואס?

פלאָרא האט זיך דאס ניט געקענט ערקלערען אונד זיך אויך ניט געגעבען פיעל מיה דאס צו ערקלערען. איהרע געדאנקען זיינען געווען מיט גאנץ עטוואס אנדערש בעשעפטיגט.

זשאק, דעם מאן וואס זיא האט געליעבט אונד פערגעטערט, דעם מאן, פאר וועלכען זיא איז געווען בערייט אלעס צו אָפּפערן, איז שוין דאָרט לאנג ניט געווען. זיא האט געהערט פון אייניגע מענשען דערצעהלען, אז ער איז פערליעבט אין מאדאם רובאָ.

מאדאם רובאָ? יא, פלאָרא האט זיא גאנץ גוט געקענט. זיא האט זיך ער־אינערט ווען סעווערינע איז נאך געווען א מעדכען, אונד וויא זיא איז אייניגע מאָל פאר דער חתונה אונד אויך נאך דער חתונה ערשיענען מיט ריכטער גראנדמאָרין אין דעם הויז פון קראָא דע מאַפּרא אונד מיט איהם פערבראכט אַליין שטונדען לאנג אין שלאָף־צימער.

יא, סעווערינע איז געוועזען שעהן, זעהר שעהן, אונד פלארא איז דאדורך געוועזען זעהר אייפערזיכטיג.

דא האט זיך אוועק געזעטצט אויף א הילצערנער באנק אין דרויסען אונד ערוואַרטעט, דאס קאביש, איהר אייניציגער פריינד, זאָל קומען אונד ברענגען דיא טרונע פאַר איהר מוטער. קאביש איז דאָרט געוועזען גאנץ פריה אונד פערשפּראָכען צו ברענגען א טרונע. זיא האט איהם דאפיר געגעבען 25 פראנקס פון דעם געלד וואס זיא האט געהאט אליין ערשפּאַרט.

זיטצענדיג אויף דער באנק, האט זיא ערבליקט איהר שטיף־פאטער מיסארד ליגענדיג אונטער א בוים אין גאַרטען אונד גראָבענדיג.

„עס איז אלזאָ וואהר,“ האט זיא זיך געטראַכט, „אז ער זוכט דיא טויזענד פראנקס. מיין מוטער האט אלזאָ קיין טעות ניט געהאט, ווען זיא האט בעהויפּטעט, אז דאס איז זיין אייניציגע אינטערעסאַנטע בעשעפטיגונג. יא, יא, ער האט זיא פערגיפטעט. הא! איך וויים שוין! ער האט אריין געשאָטען גיפט אין זאלץ וואס ער פלעגט איהר געבען. נאך געבטען פריה האב איך איהם געזעהען עפּעס מישען אין זאלץ. איך האב פערזוכט דאס זאלץ, אונד דאס האט געהאט דעם טעם פון פערזשאַווערטעם קופּער. ריכטיג, דיא מוטער האט עס אימער געזאגט...“

אָבער דער שטראָם פון איהרע געדאנקען איז אונטערבראָכען געוואָרען, ווען דא האט ערבליקט פון ווייטען אָנקומענדיג קאביש'ן מיט זיין וואָגען אונד צוויא פערד, אויף וועלכען עס איז געלעגען א טרונע. דא האט זיך אויפגעהויבען אונד איז איהם ענטקעגען געגאנגען. דער וואָגען איז געבליעבען שטעהן פון דער אנדערער זייט שינעס, אונד פלאָרא האט אויפגעהויבען דעם טהויער ער זאָל דורכפאָהרען.

„איך האב בעגעגענט דעם פייערמאַן פעקע,“ האט קאביש אָנגעפאנגען. „ער האט מיך געבעטען דוא זאָלסט פאַר איהם מאַכען עפּעס עסען, אָבער איך האב איהם געזאגט, אז דוא קענסט היינט ניט...“

„וואס טהוט פעקע אין דער געגענד?“ האט פלאָרא געפרעגט.

„ער האט מיר געזאגט, אז ער וועט ערוואַרטען בייא דער צווייטער סטאַציאָן זשאַק'ן, וועלכער וועט איהם אויפנעהמען אויף זיין צוג.“

„וויא פאָהרט זשאַק אָהן זיין פייערמאַן?“

„ער האט פיר היינט איין אנדערן. נאָר נעכטען אבענד האט ער פעקע'ן צוריק געלאָזט אין פאריז, דאמיט ער זאָל דאָרט אייגריכטען א צימער.“

„א צימער?“

„יא.“

„פיר וועמען ?“

„פיר איהם מיט מאדאם רובא.“

פלארא'ס געזיכט איז בלאס געווארען. זיא האט איינינע אויגענבליק ניט גע־קענט רעדען. דיא אייפערזוכט האט שיער איהר אטהעם בערויבט.

„אונד מאדאם רובא פאהרט מיט איהם ? האט זיא ענדליך געפרעגט.

„יא, אזוי האט מיר פעקע דערצעהלט.“

„ביסטו זיכער ?“

„יא, וואס מאכט עס אוים ? ווארום אינטערעסירט דאס דיך אזוי ?“

פלארא האט ניט געענטפערט. זיא איז שנעל אריין אין צימער אונד א קוק געגעבען אויף'ן זייגער. עס איז געוועזן 5.45.

„איך האב נאך צייט 55 מינוטען,“ האט זיא געזאגט. „אום 6.00 פאסירט דא דער צוג.“

קאביש האט דערווייל אריבער געפיהרט דעם וואגען, ארונטער גענומען היי אונד געגעבען זיינע פערד עסען. אבער ער האט זייא ניט אויסגעשפאנט. דאן האט ער ארונטער גענומען דיא טרוגע אונד זיא אריין געטראגען אין הויז. ארויס קומענדיג, האט ער צוגערופען מיסארד'ן, אונד איהם געזאגט, אז מען דארף אריין לעגען דעם טויטען קערפער אין דער טרוגע.

מיסארד האט געענטפערט, אז אזוי שנעל ווי ער וועט פערטיג ווערען מיט זיין ארבייט אין גארטען, וועט ער דאס טהון.

פלארא האט געזאגט מיסארד'ן, אז זיא וועט אכטונג געבען אויף דעם נעכסטען צוג, אונד ער מעג מיט קאביש'ן אריין לעגען איהר מוטער'ס קערפער אין דער טרוגע.

פעקע איז דערווייל ערשיענען, אונד ערקלערט פלארא'ן, אז ער האט אבגע־שטיענען בייא דעם קרייץ־וועג פון א באהן אונד ער ערווארטעט זשאק'ן, נאר ער וויל שנעל עפעס עסען, ווייל ער מוז צוגעהען צו פוס א פאאר הונדערט מעטער ווייטער, וואו זשאק וועט איהם אויפנעהמען אויף זיין באהן.

פלארא האט איהם געזאגט, אז איהר מוטער איז טויט אונד זיא האט אליין אויך גאר ניט געגעסען. דאן האט זיא איהם נאך אמאל איבערגעפרעגט מיט וועמען זשאק פאהרט, אונד פעקע האט איהר געענטפערט, אז סעווערינע רובא איז מיט איהם, וועלבע ער נעהמט נאך פאריז.

אום נים צו פערשפעטיגען, האט פעקע גענומען אבשיעד אונד איז אוועק.

קאביש איז צוגעגאנגען צו מיסארד׳ן אונד איהם געפרעגט וואס ער גראבט. מיסארד האט איהם נים געוואלט ענטפערן דארויף אונד אנגעפאנגען איין אנדערעס געשפרעך. זייא האבען דארט פערוויילט עטליכע מינוטען, אונד מיסארד האט זיך אויפגעהויבען פון דער ערד אונצופריעדען, מורמלענדיג:

„צום טייפעל! מיין גאנצע מיה איז אומזיסט!"

עס שיינט, אז טאנטע פאסיע האט געהאלטען ווארט; זיא האט בעהאלטען גוט דאס געלד, אונד דאס געהיימניס האט זיא בעגלייטעט אין קבר.

„אלזא, מיסארד," האט קאביש געזאגט, „ווען מיר טהון אונזער ארבייט?"

„וואס פאר איין ארבייט?" האט מיסארד געפרעגט שטארק פער־טראכט.

„אריין לעגען דיא אלטע אין דער טרונע."

„הא! יא, יא, געוויס."

„אלזא קום."

מיסארד איז מיטגעגאנגען.

וויא דיא צווייא מענער זיינען אריין אין צימער, האט פלארא זיך אומגע־ווענדעט, זייא נאכגעקוקט אונד דאן האט איהר בליק בעטראכטעט דיא גענענד ארום. זיא האט ניעמאנדען געזעהן אונד זיא האט אויסגעזעהן צופריעדען.

איהר שטארקעס מענליכעס געזיכט האט אנגענומען א שוידערהאפטע מיענע. וועהרענד איהרע באקען זיינען געוועזען בלאס, האבען איהרע אויגען וויא געשאסען מיט פייער. זיא האט געקוקט אויף קאביש׳עס וואגען מיט דיא פערד. דאן איז זיא גע־בליעבען שטעהען נאכדענקענד.

פלוצלינג איז זיא צוגעלאפען מיט לייכטע שרים צום פענסטער פון איהר וואהנונג אונד אריין געקוקט.

„דיא צייט איז נאהענט!" האט זיא געמורמעלט אויפגערעגט, „מיין ארבייט מוז אנפאנגען."

זיא איז צוגעגאנגען פארזיכטיג צו דיא פערד מיט׳ן וואגען; ערגריפען דיא פערד בייא זייערע צוימען, אונד זייא אנגעפאנגען לאנגזאם צו פיהרען, דאמיט קא־ביש זאל נים הערען. זיא האט זייא צוגעפיהרט צו דיא שינעס אונד איז געבליעבען שטעהען.

דערווייל האט זיך געהערט דאס עלעקטרישע גלעקעל, וואס האט אָנגעזייגט, אז דער צוג איז נאָהענט.

„ער קומט !" האט זיא געמורמעלט אונד ערגריפען פעסטער דיא פערד בייא דעם צוים אונד זייא ארויף געפיהרט אויף דיא שינעס, וואו זיא איז געבליעבען שטעהן איינינע אויגענבליקען.

פון וויטען האט זיך געקענט הערען דאס שווערע ריעזיגע אטהמען פון דער „ליסאָן", וועלכע איז אָנגעקומען מיט דעם צוג אין דער גרעסטער שנעל־ליגקייט.

„ער קומט !" האט פלאָרא אויסגערופען מיט א טייפלישען טריומף, „ער זאָל שטארבען מיט איהר צוזאמען ! ניין ! איך קען ניט לעבען אונד זייא זעהען גליקליך !"

מיט 50 מעטער וויטער פון דעם פלאטץ וואו פלאָרא איז געשטאַנען מיט דעם וואָגען אונד דיא פערד אויף דיא שינעס, האט דער אינזשענייער זשאק בעמערקט דיא געפאהר. ער איז אזוי איבערראשט געוואָרען, אז א פאאר אויגענבליק זיינען פאָראיבער, אָהנע ער זאָל וויסען וואס צו טהון. דאן האט ער אָנגעפאנגען שנעל צו עפענען אלע רעהרען אום ארויס צו לאָזען דעם דאמפף אונד איינהאלטען דיא „ליסאָן".

אָבער צו שפעט ! צו שפעט !

דיא פערד געשפאנט אין קאביש'עס וואָגען, האבען ערבליקט דעם שטירמישען צוג אָנקומענדיג. מיט דעם נאטירליכען געפיהל פון אלע טהיערע וואס זוכען זיך צו שיטצען, האבען זייא געוואָלט אנטלויפען, נאָר א מעכטיגע אונד ריעזיגע מענשען־האנד — פלאָרא'ס האנד — האט זייא אזוי פעסט צוזאמען געדריקט, אז זייא האבען זיך ניט געקענט אוועק ריהרען פון דעם פלאטץ. איין פערד האט אָנגעהויבען שרעקליך צו שנאָרכען, גראדע וויא דאס וואָלט ערבליקט פאר זיך א סטארע וועלף.

קאביש האט דערקענט דיזען ווארנענדען סיגנאל פון זיין פערד אונד איז ארויס געלאָפען אין דרויסען. ער האט געזעהען דאס גאנצע שוידערהאפטע בילד אין איין אויגענבליק, אָבער ער איז געווען מאכטלאָז עפעס צו טהון. איהם האט זיך אונטער־דעסען געדאכט, אז זיינע פערד זיינען ארונטער מיט דעם וואָגען אויף דיא שינעס גאנץ אליין, אונד פלאָרא שטעלט יעטצט איין איהר לעבען, אום צו פערמיידען איין אונגליק.

ושאָק האט געטהאָן אַלעס וואס א מענש איז אימשטאַנדע צו טהון בייא אַזא געפאהר, אָבער אַלע זיינע אנשטרענגונגען זיינען געוועזן אומזיסט. דיא „ליסאָן" איז ארויף אויף קאַביש'עס פערד אונד וואָגען, וועהרענד פלאָרא איז אָבגעשפרונגען אויף א זייט אונד זיך געראַטעט.

א פירכטערליכער קראַך האט געפאָלגט. דיא „ליסאָן" האט צערשמעטערט דעם וואָגען מיט דיא פערד, אָבער זיא איז ארונטער פון דיא שינעס, זיך איבערגעקעהרט, אונד אַלע וואַגאָנען זיינען וויא אויפגעשפרונגען אין דער לופט, אונד דאַן צוריק געפאַלען צערבראָכען אונד צערשמעטערט.

רויך, פייער אונד פונקען זיינען געפלויגען צווישען דעם קאָכענדען אונד זידענדען דאַמפף פון דעם צערבראָכענעם קעסעל אין דער „ליסאָן," אונד פון צווישען דיעזען גערויש אונד אויפרעגונג, האבען זיך דאַן געהערט דיא שוידערהאַפטע געשרייען פון דיא שטערבענדע אונד פערוואונדעטע פאַססאַזשירען.

אין פראָנט פון דער „ליסאָן", איז געלעגען ושאַק'ס נייער פייערמאַן איבערגעריסען כמעט אין צווייען אונד פון זיין קאָפּ האבען ארויס גערונען דיא פערבלוטיגטע געהירן. ושאַק איז ניט געוועזן.

פון דיא וואַגאָנען זיינען פריהער ארויס געשפרונגען דיא ניט פערוואונדעטע פאַססאַזשירען, אונד דאַן האבען אָנגעפאַנגען נאכצופאָלגען דיא לייכט־פערוואונדעטע.

דיא ניט־פערוואונדעטע פאַססאַזשירען, מיט דער הילף פון קאַביש'ן אונד מיסארד, האבען באַלד אָנגעפאַנגען דיא ארבייט צו רעטען דיא אַנדערע אונגליקליכע.

עס איז געוועזן א שרעקליכעס, שוידערהאַפטעס אונד בלוטיגעס בילד. אויף איין פלאַטץ איז געהרג'עט געוואָרען א יונגע פרוי מיט א קינד אויף דיא הענד, אונד איהר מאַן, וועלכען'ס פוס איז געוועזן איינגעקלעמט אונד צערבראָכען, האט זיך אומגעקוקט, נאָך'ן קראַך, אונד דערזעהען זיינע ליעבלינגע טויט. ער האט ארויס געלאָזען א פירכטערליכען געשרייא אונד פערלוירען זיין פערשטאַנד פון שמערץ.

אויף איין אַנדערן פלאַטץ איז דערהרג'עט געוואָרען איין עלטערער מאַן מיט זיין פרוי אונד א טאָכטער. דער טאָכטער'ס א קינד איז געלעגען אויף דער ערד, פערבלוטיגט, מיט א צובראָכען הענטעל אונד געשריען: „מאַמא!"

„שיסט מיך, איך בעט אייך!" האט זיך געהערט דיא אונטערדריקטע שטימע פון א יונגען מאַן, וועלכער איז געלעגען צוזאַמען געדריקט צווישען צווייא וואַגאָנען אונד אויף זיין ברוסט איז געלעגען א שווערעס שטיק אייזען. „שיסט מיך, אום

נאָטעס ווילען," האט ער זיך נעבעטען, „אונד בעפרייעט מיך פון דיעזען שמערץ אונד מאַרטערנים." זיין שטימע איז יעדעס מאל שוואכער נעוואָרען, אונד דאַן האט איהם דער טויט בעפרייעט.

עס איז גלייך טעלעגראַפירט געוואָרען צו אַלע בענאַכבאַרטע שטעדט אונד סטאַציאָנען, אונד עס איז אַרויס געשיקט געוואָרען איין עקסטרא צוג מיט ערצטע אונד אַפּאָטהעקער צו לינדערן דעם שמערץ פון דיא אונגליקליכע.

דיא טויטע זיינען אויסגעלעגט געוואָרען אויף'ן גראָז אונטער דעם שאַטען פון א בוים, אונד דיא פערוואונדעטע האט מען דערווייל אריין גענומען אין הויז פון קראָ דע מאַפּרא ביז ערצטליכע הילפע וועט קומען.

אונטער דיא ניט־פערוואונדעטע, איז אויך געוועזען מאַדאַם סעווערינע רובאָ. אַזוי שנעל וויא זיא איז אַרויס פון דעם וואַגאָן, איז זיא צוגעלאָפען אין פראָנט פון דער „ליסאָן" אום צו זעהען וואס עס איז געוואָרען מיט זשאַק'ן. ווען זיא האט ער־בליקט דעם צערשמעטערטען פייערמאַן, האט זיא זיך אָנגעהויבען צו ברעכען דיא הענד אונד מורמלען :

„מיין גאָט ! ער איז טויט !" מיין זשאַק מה זיין טויט !"

צו דיעזער צייט איז אויך ערשיענען פלאָרא, וועלכע איז געוועזען מערקווירדיג רוהיג. ערבליקענדיג סעווערינע'ן אונגעשעדיגט, האט זיא איהר צוגעוואָרפען א פער־אכטענדען בליק. סעווערינע האט דאס אָבער ניט בעמערקט.

אלס דער דאַמפף איז אַרויס פון דעם צובראָכענעם קעסעל אונד סעווערינע האט געקענט צוקומען נעהנטער, האט זיא זיך אומגעקוקט אום צו זוכען הילפע. זיא האט דערזעהען פלאָרא'ן.

„העלפט מיר !" האט זיא אויסגעשריען, „דאָ מוז ערגענץ ליגען זשאַק לאַנטיער ; פיעללייכט לעבט ער נאך אונד מיר קענען איהם רעטען."

פלאָרא האט ניט געענטפערט. א געפיהל פון נייגיעריגקייט האט זיא ער־גריפען, אונד ווען סעווערינע איז אַרויף אויף דיא צערשמעטערטע שטיקער פון דער מאַשין, איז זיא אויך נאכגעגאַנגען.

פלאָרא האט אויסגעזעהן בעסער צו וויסען וואו זיא זאָל זוכען. זיא איז ארויף צו דעם פלאַטץ פון דעם פייער־פראָנט, אָבער א שטיק אייזערנע וואַנד איז דאָרט געלעגען וואס האט געשטערט איהר וועג. זיא האט מיט איהרע מעכטיגע הענד דאס ערגריפען. סעווערינע האט איהר געוואָלט העלפען, נאָר ניט ווארטענדיג אויף איהר, האט זיא דאס אליין אוועק געשלעפט מיט איהר איבערנאַטירליכער קראַפט.

„מיין נאָמ !“ האָט סעווערינע אויסגעשריען, „דאָרט ליעגט ער !“

גראַדע אויף דער צערבראָכענער פראָנט־פּלאַטפאָרמע פון דער מאַשין, איז געלעגען זשאַק לאַנטיער פערבלוטיגט אונד אונבעוועגליך. עס האָט אויסגעזעהען, אַז ער איז טויט.

סעווערינע איז צוגעלאָפען, ערגריפען זיין קאָפּ צווישען איהרע ביידע הענד אונד איהם געוואָלט אויפהויבען. אָבער זיא האָט ניט געקענט. פלאָרא האָט זיך אָנגע־בויגען פון דער אַנדערער זייט, אַרום גענומען זשאַק'ס קערפּער, אונד מיט א גאַנץ קליינער אנשטרענגונג, האָט זיא איהם אויפגעהויבען אונד אַרויס געטראַגען פון דעם צערשטערונגס־פּלאַטץ. זיא האָט איהם צוגעבראַכט אונטער א בוים, וואו זיא האָט איהם אוועק געלעגט.

סעווערינע איז באַלד געוועזען נעבען איהם, אונד זיך אַניעדער וואַרפענדיג אויף דער ערד, האָט זיא גענומען זשאַק'ס קאָפּ אויף איהר שויס.

זשאַק האָט געהאַט א שווערע וואונד אין קאָפּ, אָבער ניט קיין געפעהרליכע ער האָט בלויז געחלש'ט פון דעם קראַך אונד פון בלוט־פערלוסט. זיך געפינענדיג ווידער אין פרייע לופט, איז ער צו זיך געקומען אונד געעפענט דיא אויגען.

„וואַסער !“ איז געוועזען זיין ערשטעס וואָרט.

קאַביש, וועלכער איז גראַדע דאַמאַלס פאַרביי געלאָפען מיט עטליכע גלעזער וואַסער פיר דיא אַנדערע פערוואונדעטע, איז אָבגעשטעלט געוואָרען פון סעווע־רינע'ן, וועלכער ער האָט געגעבען א גלאָז וואַסער. זשאַק האָט זיך בענעטצט דיא פערברענטע ליפען אונט געטרונקען אביסעל.

דאָס האָט איהם געשטאַרקט אונד נאָך מעהר דערמינטערט. ער האָט נאָך בעסער געעפענט דיא אויגען, זיך אַרום געקוקט, אונד ער האָט אויסגעזעהען זיך צו דערמאָהנען וואָס עס איז געשעהען. ער האָט געבליקט צו פלאָרא'ן.

זשאַק האָט איהר צוגעוואָרפען א פעראַכטענדען בליק, וועלכער האָט אויסגעזעהען צו זאָגען: „דוא ביסט געוועזען דיא אורזאַכע פון דעם גאַנצען אונגליק.“

ווען זשאַק האָט אויפגעהויבען זיין האַנד אונד אומאַרמט סעווערינע'ן, האָט פלאָרא זיך אָבגעווענדעט, אונד קריצענדיג מיט דיא ציינער איז זיא אוועק געגאַנגען אויף א זייט.

דער עקסטרא צוג מיט דיא ערצטע איז ערשיענען. מען האָט אַלע פער־וואונדעטע אריין געבראַכט אין הויז פון קראַא דע מאַפרא, אונד סעווערינע, אַלס אייגענטהימערין, האָט געגעבען דיא ערלויבניס מען זאָל דאָרט טהון וואָס עס איז

נעטהיג פיר דיא פערזאונגליקטע. זשאק'ן האט זיא געלאָזען אריין טראגען אין איין עקסטרא צימער, אונד נאכדעם וויא דער ארצט האט פערבונדען זיינע וואונדען, האט זיא זיך אוועק געזעטצט נעבען איהם בערייט צו טהון אלעס מעגליכע. דער ארצט האט איהר געזאגט, אז זיא וועט מוזען גוט אויפפאסען איינצוגעבען זשאק'ן רעגעל־מעסיג דיא מעדיצין וואס ער האט פערשריעבען, ווייל עס וועט פאלגען דאס וואונד־פיעבער. סעווערינע האט ערקלערט, אז זיא וועט ניט שלאפען אפילו דרייא נעכט ווען דאס וועט נאר נעטהיג זיין.

דיא שינעס וואס פיהרען ארויס פון דעם טונעל ניט וויט פון קראָא דע מאָפרא, טהיילען זיך אָב אויף איינינע וועגען. דער וועג נעבען קראָא דע מאָפרא, איז געשטערט געוואָרען, ווייל מען האט נאך ניט געקענט אזוי שנעל אוועק שאפען דיא צערבראָכענע וואגאָנען מיט דער מאשין. דערפאר אָבער, זיינען דיא אנדערע וועגען געבליעבען פרייא.

דיא וואגאָנעס זיינען דאָרט געלאָפען אונגעשטערט מיט דערזעלבער רעגעלמע־סיגקייט וויא יעדען טאָג.

עס איז שוין געווען דונקעל. פון צווישען דעם הויכען גראָז וואס פיהרט צו דיא שינעס אויס דעם טונעל, איז ערשיענען א פרויען־פיגור. עס איז געווען פלאָרא. זיא איז ערשיענען מיט פעסטע שריט, ביז זיא האט זיך אָבגעשטעלט גראדע אויף דיא שינעס אונד געבליקט אין טונעל אריין, וועלכער איז געווען נאָר שוואך בעלייכטעט פון איינינע פאנאָרען.

„זיא לעבט אונד איז געזונד,“ האט זיא געמורמעלט, „ער איז פערוואונדעט אונד זיא וואכט איבער איהם. ער וועט געזונד ווערען אונד וועט זיא נאך מעהר ליעבען; מיך וועט ער האסען. ער ווייס אלעס — אלעס! ער ווייס, אז איך האב פעראורזאכט דאס אונגליק. איך האב עס געזעהען אין זיינע בליקען.“

דער דאמפפער גערויש פון א צוג, האט זיך געהערט קומענדיג פון דעם טונעל. דאן האט זיך געזעהן א גלענצענדעס, העללעס אונד דורכדרינגענדעס ליכט זיך דערנעהנטערן. פלאָרא האט זיך אביסעל אָבגעווענדעט אויף א זייט.

דער צוג איז געקומען יעדעס מאל נעהנטער; געשוועבט אונד געפלויגען אין דעם טונעל, ביז...

אלס דער צוג איז אָנגעקומען גאנץ נאָהענט, איז פלאָרא ארויף געשפרונגען אויף דיא שינעס, זיך אליין אומגעוואָרפען, אונד... דער דאמפפער פייף פון דעם צוג האט אונהיימליך אָבגעקלונגען אין דער שטילער לופט פון דער נאכט: דער

צוג איז פערשוואונדען געוואָרען אין דער ווייטער פינסטערניש; זיין רוישען האט זיך יעדער מאל אלץ ווענינער געהערט, ביז עס איז גאנץ שטיל געוואָרען.

אויף דיא שינעס איז געלעגען דער צערשמעטערטער קערפער פון א פרויען־צימער. ווער זיא איז, וואָלט שווער געווען צו דערקענען, ווייל זאָגאר דיא קליידער זיינען געווען צעריסען אויף פיטצלעך. אָבער, מיט א פאאר יארים ווייטער פון דער רעכטער שינע, צווישען גראָז, איז געלעגען א געגענשטאנד, וועלכער האט אלעס דערצעהלט.

עס איז געווען פלאָרא'ס קאָפּ, אָבגעשניטען פון דעם קערפער, וויא מיט א מעסער. ער איז געלעגען אויף א זייט, מיט דיא אויגען אָפען, וועלכע האבען אויס־געזעהן נאך אימער אויפצופאסען דעם אָנקומענדען צוג.

ווען דער טונעל־וועכטער איז נאכהער פארביינעגאנגען איבער דיא שינעס אכטונג געבען, האט ער ענטדעקט דעם צעריסענעם קערפער אונד נעבען דיא שינעס, אויף דעם קאָפּ. ער האט ניט געהאט קיין שווערע מיהע מודיע צו זיין דער פאָליצייא פון דעם וואס עס איז געשעהן, ווייל מעהרערע בעאמטע זיינען געווען בייא קראָא דע מאָפרא, וואו זייא האבען געמאכט דיא אונטערזוכונג.

טויטע זיינען געווען 17 אונד פערוואונדעטע 36. בייא דעם אויספרעגען איבער דעם וואס עס האט פאסירט, האט קאָביש דערצעהלט, דאס זיינע פערד האבען זיך וואהרשיינליך דערשראָקען, ארויס געלאָפען אויף דיא שינעס, אונד פלאָרא האט זייא וואהרשיינליך געוואָלט איינהאלטען אָדער ארונטער נעהמען.

„זייט איהר זיכער,“ האט דער פאָליצייא־אינספעקטאָר געפרעגט קאָביש'ן, „אז דיא פערד זיינען אליין ארונטער אויף דיא שינעס?“

„אזוי מיין איך,“ האט קאָביש געענטפערט.

„וואו איז פלאָרא?“ האט דער פאָליצייא־אינספעקטאָר געפרעגט.

מיסארד איז ערשיענען אונד ערקלערט, אז זייט דעם אונגליק, איז זיא פער־שוואונדען געוואָרען, אונד ער האט זיא שוין געזוכט, נאָר ער האט זיא ניט געקענט געפינען.

גראדע דאמאלס איז אויך ערשיענען דער טונעל־וועכטער, אונד דערצעהלט פון דעם אונגליק נעבען טונעל. ער האט אויסגעזעהען שטארק אויפגערעגט אונד דערשראָקען, נאָר, נאכדעם ווּיא ער האט געקענט פלאָרא'ן, האט ער געזאגט, אז בייא דעם שיין פון זיין לאָמפּ, דאכט זיך איהם, אז דאס איז זיא.

דער פאָליצייא־אינספעקטאָר איז גלייך אוועק אהין אום צו זעהען וואס עס

האט פאסירט. אלעס וואס ער האט געקענט ערפאהרען, איז, דאס פלאָרא איז טויט, אונד לויט אלע וואהרשיינליכקייטען, איז דאס געוועזען א זעלבסטמאָרד.

אבוואָהל קיינער האט איהם ניט געקענט ערקלערען דיא אורזאכע פון איהר זעלבסטמאָרד, האט זיך דער פאָליציא־אינספעקטאָר זעלבסט ערקלערט, אז דאס מוז האבען א צוזאמענהאנג מיט דעם באהן־אונגליק, אונד דאס דיא פערד אויף דיא שינעס, זיינען ניט געקומען אהין דורך א צופאלל. אבער אום זיך ניט אריין צו לאָזען אין אזעלכע טיעפע דרכים, האט דער פאָליציא־אינספעקטאָר געשלאָסען זיין בעריכט מיט דיעזע ווערטער:

„פלאָרא מיסארד האט זיך געשפירט פעראנטוואָרטליך פאר דעם באהן אונגליק, וועלכעס זיא האט פראָבירט צו פערטיידען אונד ניט געקענט. זיא האט וואהרשיינליך אויס ערגעריס בעגאנגען זעלבסטמאָרד.“

קאפיטעל 10.

זשאק איז פערבליעבען אין דעם הויז פון קראָא דע מאָפרא, אונד סעווערינע האט איבער איהם געוואכט בייא טאָג אונד בייא נאכט.

אין א פאאר טעג ארום האט דער דאָקטאָר ערקלערט, אז ער איז שוין ארויס פון געפאהר, אונד אין א וואָך צייט, וועט ער קענען זאָגאר געהען צו זיין ארביים.

עס איז געוועזען אויף׳ן דריטען טאָג, גאנץ פריה, בשעת סעווערינע איז געזעסען, שטארק ערמיעדעט נעבען זשאק׳ן, וועהרענד דער לעטצטער, נאך זעהר איין אונ־רוהיגער נאכט, איז ער איינגעשלאָפען.

סעווערינע האט צו איהם געקוקט מיט ליעבענדע אויגען אונד דיא טרערען זיינען געלאָפען איבער איהרע באקען, זיך דערמאָהנענדיג וויא אונגליקליך זיא איז, אונד וויא ווייט זיא שטעהט נאך פון פערווירקליכען איהר גליק.

אין איהר בוזים האט זיא געפיהלט גראנדמאָרין׳ס זייגער מיט דער קייט, מיט וועלכע זיא האט בעשלאָסען צו איבערראַש׳ן זשאק׳ן ווען זייא וועלען אָנקומען נאך פאריז.

„ער ליעבט מיך, דאריבער איז קיין צווייפעל.“ האט זיא זיך געטראכט, „אונד ער ווייס אלעס. ער ווייס געוויס, דאס רובאָ האט געמאָרדעט גראנדמאָרינען, איהם אויך בערויבט, אונד אוועק גענומען זיין זייגער מיט דער קייט. איך האב איהם ניט געוואָלט דערצעהלען דירעקט, אז דאס איז דער זייגער מיט דער קייט, אבער איך וואָלט איהם געזאגט, אז מען דארף זיך אביסעל היטען דערמיט, אונד ער וואָלט

שוין פערשטאנען. דער זיינער מיט דער קיים וואלטען דאן זיכערער געווען בייא איהם אין קעשענע, אלס רובא זאל דאס ארויס טראגען צום פערקויפען, אום צופריעדען צו שטעלען דעם זויף אונד טרינק טייפעל...״

א זיפץ פון דעם קראנקען האט אונטערבראכען איהרע אידעען, דאן האט זיא וויטער נעטראכט:

„אונד איך האב מיך גערעכענט שוין אזוי גליקליך לויז צו ווערען פון דעם אונמענשען, זיך בעזעטצען אירגענדוואו אין א פאריזער ווינקל, נאר.... פעקע האט מיר דערצעהלט נעכטען אבענד, וויא ער האט געדונגען דאס צימער, אונד יעטצט... עס וואונדערט מיך וואס דער אונמענש איז נאך ניט געקומען אהער זעהן וואס איך טהו דא. איך שווידער זיך דערמאהנענדיג אן איהם...״

איהר קאפ איז געזונקען אויף איהר ברוסט אונד זיא איז אויך איינגעשלאפען. זשאק האט ערוואכט ערשט אום 12 אוהר, שטארק ערפרישט פון דעם שלאף, אונד זעהענדיג סעווערינע׳ן שלאפען זיטצענדיג, האט ער פראבירט זיא לאנגזאם אנזעק צו לעגען מיט׳ן קאפ אויף זיין קישען. אבער ער איז געווען צו שוואך דאפיר, אונד מיט זיין בעריהרונג האט ער זיא נאר אויפגעוועקט.

נראדע דאמאלס האט זיך געהערט א קלאפ אין טהיר, אונד ווען דיא טהיר האט זיך געעפענט, איז ערשיענען רובא.

ער איז געבליעבען שטעהען קוקענדיג אויף זשאק׳ן מיט סעווערינע׳ן. דיא לעטצטע איז געזעסען אונד זיך ניט געקענט ריהרען.

רובא האט אויסגעזעהען ניט נאר ניכטער, זאנדערן אויך אויסגערוהט אונד אויסגעשלאפען. ער האט עס געהאט צו פערדאנקען וואס ער האט מעהר קיין געלד געהאט צו לומפען, אונד פיעללייכט אויך דער טהאטזאכע, אז ער האט ניט געזעהען סעווערינע׳ן עטליכע טעג אין דיא אויגען, אונד דאס האט געווירקט צו דער רוהע פון זיין גייסט.

„גוט מארגען, מאנסיע לאנטיער,״ האט ער אנגעפאנגען מיט א גאנץ גע־וועהנליכען טאן, „וויא געהט עס אייך?״

„איך דאנקע, גאנץ גוט; עס איז מיר בעסער,״ האט זשאק געענט־פערט.

„אונד וויא געהט עס דיר, סעווערינע?״ האט רובא וויטער געפרעגט גאנץ פריינדליך.

„איך וואך איבער מאנסיע לאנטיער,״ האט זיא קוים ארויס געשטאמעלט, ניט טרויענדיג דעם טאן פון זיין שטימע.

אָבער רובאָ אלס ניכטערנער מענש, איז ניט געווען דערזועלבער אלס שיכור אונד קארטען־שפיעלער. ער האט דאן גאנץ גוט פערשטאנען, אז פון זשאק׳ס שטילשווייגען, הייגנט אָב זיין פרייהייט אונד זיין לעבען, אונד זיך ניט שטארק קימערענדיג איבער סעווערינע׳ס ליעבע, איז ער געווען ענטשלאָסען צו שפיעלען זיין ראָלע וויא דער צושטאנד האט געפאָרדערט. ער האט דערפאר געענט־פערט:

„עס איז זעהר שעהן פון דיר, סעווערינע, וואס דוא פאסט אויף איבער מאַנסיע לאנטיער; דוא קענסט אויך דאָ פערבלייבען אזוי לאנג וויא עס איז נעטהיג.“

סעווערינע, אָבוואָהל צופריעדען מיט דיעזער ערקלערונג, האט זיא אָבער נאך מעהר געהאסט איהר מאן פאר זיין גלייכגילטיגקייט אין אָפּפערן איהר עהרע אונד ליעבע אום זיין פרייהייט צו זיכערן.

רובאָ האט נאך גערעדט עטליכע פריינדליכע ווערטער, זיך ענטשולדיגט וואס ער האט פריהער ניט געקענט קומען צו זעהען וואס „זיין פריינד“ טהוט, אונד דאן האט ער גענומען אבשיעד אונד איז אוועק.

ווען רובאָ האט צוגעמאכט דיא טהיר הינטער זיך, האט סעווערינע פרייער אויפגעאטהעמט.

„דער באנדיט,“ האט זיא געמורמעלט, „מיין נאָט, וויא איך האס איהם!“

זיא האט דאן איינגעגעבען זשאק׳ן דיא מעדיצין אונד אויסגעמיעדען צו רעדען איבער רובאָ׳ן, אום איהר געליעבטען ניט אויפצורעגען.

„דוא ביסט מיעד, סעווערינע,“ האט זשאק בעמערקט.

„ניין, ניין, איך בין שוין ניט מיעד; איך בין געשלאָפען איינינע שטונדען.“

„הער אויס, מיין טהייערע,“ האט ער ווייטער געזאגט, „איך וויל דוא זאָלסט מיר עפּעס פערשפרעכען.“

„מיט פערגניגען.“

„איך וויל דוא זאָלסט זיך לעגען אביסעל אונד אויסרוהען דאָ אויף׳ן צווייטען בעט. איך פיהל מיך יעטצט פאָלקאָמען בעסער, אונד דוא ווערסט מוזען אבענד וויעדער וואכען.“

סעווערינע איז ווירקליך געווען מיעד. זשאק האט זיא צוגערופען מיט זיין האנד, אָנגענומען איהר קאָפּ אונד זיא געקושט אויף איהרע ליפּען. דאן האט זיא

זיך אומגעווענדעט אונד זיך אוועק געלעגט אויף'ן בעט, וואו זיא איז גלייך איינגעשלאָפען.

זשאק איז געלעגען איינינע אויגענבליק אונד נאך אמאל איבערגעדענקט וועגען דעם שרעקליכען באהן־אונגליק; ער האט געהערט פון פלאָרא'ס זעלבסטמאָרד, אונד דאן האט ער זיך דערמאָהנט וויא אזוי זיא איז פאר איהם ערשיענען אויף דיא שינעס, האלטענדיג פעסט דיא פערד מיט'ן וואגען, אונד...

„קיין צווייפעל,“ האט ער געמורמעלט, „אז דיא אייפערזוכט האט זיא געטריעבען מיך צו ערמאָרדען מיט סעווערינע'ן, אונד זיא האט זיך ניט בעקימערט אום דעם לעבען פון אזוי פיעלע מענשען. אָבער זיא האט איהר פּלאַן ניט דורכגעפיהרט. אנדערע, אונשולדיגע, זיינען געהרג'עט געוואָרען, אונד איך מיט סעווערינע'ן, איהרע פערהאסטע, דיעזע לעבען. אזוי איז עס שוין וואהרשיינליך אויף דיעזער וועלט. אז גראדע דיעזע וואס מען וויל זייא זאָלען שטארבען, דיעזע לעבען. איך קען מיך עראינערן גאנץ גוט אן דעם שוידערהאפטען בילד. זיא איז געשטאנען אין מיטען צווישען דיא שינעס; איהרע נאקעטע אונד מוסקולעזע מענער־הענד האבען פעסט געהאלטען דיא דערשראָקענע פערד; איהר געזיכט איז געווען גראדע געגען מיר; צוקומענדיג נעהנטער, פאר דעם צוזאמענשטויס, האב איך געזעהען איהרע אויגען, וועלכע זיינען געווען דרייא מאל אזוי גרויס וויא געוועהנליך, אונד זייא האבען געקוקט צו מיר מיט א שרעקליכען האס. איך האב געמיינט, אז זיא וויל שטארבען גלייך מיט אונז, אָבער, וויא עס שיינט, האט זיא געוואָלט לעבען אונד זעהען אויב איהר ראכע איז דורכגעפיהרט. וויא אזוי זיא האט זיך דאן געראטעט, איז מיר א וואונדער. מעהר געדענק איך ניט. ביז איך האב געעפענט דיא אויגען אונטער דעם בוים, ליעגענדיג מיט מיין קאָפּ אויף סעווערינע'ס שויס. איך האב בענוגענט איהר בליס. זיא האט וואהרשיינליך געלעזען אויף מיין געזיכט, דאס איך ווייס אלעס. דאן איז זיא פערשוואונדען געוואָרען, אונד...“

זשאק האט געציטערט זיך דערמאָהנענדיג וואס ער האט שפּעטער געהערט, וויא פלאָרא האט בעגאנגען זעלבסטמאָרד, אונד וויא אזוי מען האט געפונען איהר קערפּער.

„עס איז יעדענפאלס בעסער וואס זיא איז טויט,“ האט ער זיך ווייטער געטראכט. „זיא איז געווען א געפעהרליכע בריאה.“

דאן האט ער זיך דערמאָהנט אן יענער סצענע, אין דעם אבענד וואס גראנדמאָרין איז ערמאָרדעט געוואָרען, וויא אזוי ער האט זיא געהאלטען נעבען זיך, געקושט אונד... וויא ער האט ערבליקט אונד געפיהלט איהר האלז; וויא אזוי

דאס געפיהל ארויס צו רייסען איהר גאַרגעל איז געקומען, אונד דאַן, וויא ער האט זיך בעהערשט אונד איז ענטלאָפען.

ער האט זיך אויסגעבויגען אויף א זייט אונד געקוקט אויף סעווערינע'ן, וויא זיא איז רוהיג געלעגען אויף'ן בעט אונד געאטהעמט רעגעלמעסיג. זיין בליק איז געפאַלען אויף איהר ווייסען אונד נאַקעטען האלז, אונד א ווילדעס געפיהל האט איהם ערגריפען.

ער האט געוואָלט ארונטער שפּרינגען פון דעם בעט, צוגעהען צו איהר, אונד...

„ניין, ניין,“ האט ער זיך אליין געטרייסט. „זיא, מיין געליעבטע סעווערינע, וויל איך ניט מאָרדען; ניין, ניט מאָרדען! איך וויל בלויז גלעטען איהר האלז; גלעטען, אונד ווייטער גאָר ניט; בלויז פיהלען איהר לייב, דאס ווייסע לייב אויף'ן האלז אונד גאָר ניט טהון; איך וויל זיא ניט מאָרדען!“

א מערקווירדיגעס געפיהל פון וועלען אונד ערפיללען זיין וואונש, האט איהם געמאַרטערט. עס האט איהם אזוי וויא געקיצעלט ביים הערצען, געקלאַפּט אין דער ברוסט, נאָר ער האט זיך ניט געקענט ריהרען פון זיין פּלאַטץ.

וויא ער האט געוואָלט אויפהויבען דעם קאָפּ, האט זיך איהם געדאכט, אז ער איז אונגעהייער שווער אונד ער קען איהם ניט ריהרען פון פּלאַטץ. דיא בעוועגונג האט איהם אויך פעראורזאכט שמערצען, אונד ער איז געבליעבען ליעגען ענט־קרעפטעט.

אָבער זיינע אויגען האט ער ניט געקענט אָבווענדען פון סעווערינע'ס האלז. דאס געפיהל פון קיצלען ביים הערץ, שטיקען אין דער ברוסט אונד שווער אטהמען, האט איהם שטארק בעאונרוהיגט.

„דאס איז עס,“ האט ער געמורמעלט, „עס איז דיא מאָרד־בעסטיע, איך קען זיא!“

מיט איין איבערנאַטירליכע קראַפט אונד גרויסע אנשטרענגונג, האט ער זיך איבערגעקייקעלט, אונד איז געבליעבען ליעגען מיט דעם פּנים צום פענסטער, אָבגע־ווענדעט פון דער שלאָפענדער סעווערינע.

זיין אידעע איז געווען, אויף דיעזער אַרט לויז צו ווערען פון דער מאַרטערענדע אידעע צו מאָרדען. אָבער דיעזע אנשטרענגונג, האט איהם אזוי אויפגערעגט, דאס ער האט געשפּירט א הערטיגען שמערץ דורכשיסען אין זיין קאָפּ אונד עס איז איהם פינסטער געוואָרען אין דיא אויגען.

דער אונגעהייערער שמערץ פון בעוועגען זיך, דיא אבוועגדונג אונד דיא פינסטערניש אין זיינע אויגען, האט געווירקט וואס דיא מאָרד־אידעע איז באלד פערשוואונדען, אונד ער איז געבליעבען ליעגען א היבשע צייט גאנץ געדאנקענלאָז, בלויז מיט דעם איינציגען בעוואוסטזיין פון שמערץ.

ווען דער שמערץ האט אָנגעפאנגען עטוואס נאכצולאָזען, האט ער זיך געפיהלט שלעפעריג, אונד שליסענדיג זיינע אויגען, איז ער אריין געפאלען אין דיא ארעם פון איין אונרוהיגען שלאָף.

פערשיעדענע אונטערבראָכענע שוידערהאפטע חלומות האבען איהם געמארטערט. ער האט געזעהען אָבגעהאקטע קעפּ, אָבגעהאקטע הענד; טייכען בלוט; געהערט געשרייען פון שטערבענדע, אָבער, איבער אלעמען, האט ער געזעהען ווייסע פרויען־העלזער, וואו ער שטעקט אריין איין אינסטרומענט, וויא ער שניידט איבער דעם גאָרגעל אונד א שטראָם בלוט לויפט ארויס...

ער האט איינינע מאל ערוואכט אום ווידער איינצושלאָפען אונד טרוימען ריעזעלבע שוידערהאפטע חלומות, פון וועלכע עס האט אויסגעזעהען, אז ער קען זיך ניט בעפרייען.

ענדליך האט ער גאנץ ערוואכט. סעווערינע איז נאך וואהרשיינליך געשלאָפען. ער האט ניט געוואגט זיך אומצורוענדען זעהען וואס זיא טהוט. ערשטענס וויל ער האט מורא געהאט צו קוקען אויף איהר האלז, אונד צווייטענס וויל ער האט זיך געשראָקען פאר דעם שמערץ וואס דאס וואָלט איהם ווידער פעראורזאכט.

זיינע אויגען האבען זיך צוגעווענדעט צום פענסטער אונד ער האט ארויס געקוקט. ער האט געזעהען פון ווייטען דיא אייזענבאהן־שינעס אונד ער האט זיך געמערקט, אז אביסעל ווייטער, אויף דער לינקער זייט, איז דער פלאטץ, וואו זיין בעליעבטע „ליסאָן" איז צערשמעטערט געוואָרען אונד וואו דאס באהן־אונגליק האט פאסירט. דאן האט ער זיך געמערקט דעם גארטען פון דעם אייזענבאהן־וועכטער. ער האט געדענקט, דאס ער האט דאָרט פיעלע מאל געזעהען טאנטע פאסיע, פלאָרא'ן, אונד, טאנטע פאסיע?

זיא איז טויט! ער האט דאס ערפאהרען נאך אין יענעם אבענד פון דעם באהן־אונגליק, ווען קאביש איז ערשיענען אונד דערצעהלט וויא ער האט געבראכט דיא טרונע, אונד... זשאק'ס בליק איז געפאלען אויף א פיגור אין גארטען מיט א גראָב אייזען, פלייסיג בעשעפטיגט אין גראָבען דיא ערד.

עס איז ניט געוועזען קיין צייט פון אקערן; דאס האט זשאק גאנץ גוט געדענקט. זיך בעסער צוקוקענדיג, האט ער דערקענט דעם אלטען מיסארד.

„וואס טהוט ער דאָרט ?" האט ער זיך געפרעגט. אָבער מיט דעם שטראָם פון זיינע געדאנקען, האט ער זיך ווידער דערמאָהנט אן טאנטע פאסיע'ס ווערטער, אז מיסארד פערגיפטעט זיא לאנגזאם, אום...

„געוויס, געוויס," האט ער געמורמעלט, „מיסארד האט זיא געוויס פער־גיפטעט ? אונד ווארום ניט ? וואס האט עס צו טהון מיט זיין עהרליכעס געזיכט ? האב איך דען ניט איין עהרליכעס געזיכט אונד אין מיר ברענט אימער דיא לוסט צו מאָרדען ? מיסארד האט פּאָזיטיוו פערגיפטעט טאנטע פאסיע, אונד יעטצט זוכט ער איהר געלד. זיא האט עס נאך דאמאלס געזאגט, אז ער קעהרט א וועלט אום צו געפינען איהרע טויזענד פראנקס. אָבער איך גלויב, אז זיין מיה וועט זיין אומזיסט. ער וועט זוכען אונד זוכען, אונד ניט געפינען. ער האט אומזיסט גע־מאָרדעט ; זיא האט געוויס גוט בעהאלטען דאס געלד. ווער וויים אויב פלאָרא האט געוואוסט פון דיעזען געלד ? אונד ווען יא, דאן איז זיא שוין אויך טויט, אונד וואס דער סוף וועט זיין, וויים יעמאנד, מיט הונדערטער יאָהרען שפּעטער, וועט אירגענדוואו געפינען ווערען איין אוצר.

„מיסארד איז דום. קען ער ניט פערשטעהן, אז טאנטע פאסיע האט דאָ ניט בעהאלטען דיא טויזענד פראנקס ? זיא האט דאס געלד געוויס בעגראָבען איר־גענדוואו אויף'ן פעלד אָדער אין וואלד..."

זשאק'ס אידעען זיינען אונטערבראָכען געוואָרען, וועהרענד א לייכטער קלאפּ האט זיך געהערט אין טהיר. דער קלאפּ האט אויפגעוועקט סעווערינע'ן, וועלכע איז אראָנטער פון בעט, געעפענט דיא טהיר, אונד זשאק האט דערקענט קאביש'עס שטימע, פרעגענדיג וואס דער אינזשעניער מאכט.

סעווערינע האט געענטפערט, אז עס געהט איהם בעסער, געשטעלט קאביש'ן א ביינקעל אונד איהם געהייסען זיטצען. זיא איז דאן צוגעגאנגען צו זשאק'ן, אונד זעהענדיג, אז ער ליעגט אָבגעווענדעט, האט זיא איהם געפרעגט וויא ער האט געוואָנט זיך צו ריהרען פון דעם פּלאַטץ, נאכדעם דער דאָקטאָר האט איהם שטרענגס פערבאָטען צו בלייבען גאנץ רוהיג אונד זיך אליין ניט בעוועגען.

זשאק האט זיך ענטשולדיגט אונד געבעטען סעווערינע'ן זיא זאָל איהם העלפען זיך אומווענדען. קאביש איז אויך צוגעגאנגען, אונד צוזאמען האבען זייא נעהאָלפען זשאק'ן זיך אומצו־ווענדען אָהנע עס זאָל איהם פעראורזאכען שמערצען.

קאביש האט דאן זיך אוועק געזעטצט נעבען קראנקען, אונד איבערערצעהלט דיא גאנצע געשיכטע פון דעם אונגליק, אָבער, לויט נאך זיין מיינונג, איז פלאָרא גאר ניט שולדיג געווען.

ער האט אפילו ערקלערט, אז ער איז יעמצט פאלקאמען רואינירט, נאכדעם וויא זיינע פערד זיינען טויט אונד דער וואגען צערשמעטערט. אבער רעדענדיג איבער דעם אונגליק, האט זיין שטימע געציטערט מיט מיטלייד צו דיא פעראונגליקטע, פערגעסענדיג אן זיין אייגענעם פערלוסט.

קאביש איז געוועזן איינער פון דיזע זאנדערבארע נאטור־מענשען, וועלכע שטעלען פאר אין זייער געזיכט אונד אויבערפלעכליכע בענעהמונג, דעם געפעהר־ליכסטען אין דער וועלט. אין דער וואהרהייט געשפראכען אבער, איז ער געוועזן דיא גוטסקייט אליין. א גוטעס ווארט אונד א פריינדליכע מיענע, האט איהם געמאכט אירגענד יעמאנד׳ס שקלאף, אונד פאר דעם וואס ער איז איינמאל געוועזן פריינדליך, האט ער געקענט אפפערן זיין לעבען פאר דעם מינדעסטען וואונש.

סעווערינע האט אויסגעזעהן צו סימפאטהיזירען מיט איהם. ער האט געקוקט אויף איהר שעהנעס געזיכט, אונד זיין הערץ איז אנגעפיללט געווארען מיט דאנק־בארקייט. זשאק איז אויך געוועזן גאנץ פריינדליך, אונד קאביש האט נאר ניט געוואוסט וויא אזוי דיזע מענשען צו דאנקען פאר זייערע גוטע ווערטער.

דער ארמער האט זעלטען געהערט פון יעמאנדען א גוטעס ווארט איבער איהם.

ניט וויסענדיג וואס פריהער צו טהון פיר דיזע נייע פריינדע, האט זיך קאביש אנגעבאטען צו פערבלייבען איבער נאכט אונד וואכען נעבען דעם קראנקען׳ס בעט.

סעווערינע האט געוואלט זיין דיא איינציגע צו בעדיענען זשאק׳ן אונד זיא איז געוועזן אייפערזיכטיג איבער איין אנדערן ווען ער האט איהר פליכט געוואלט איבער־נעהמען. זיא האט זיך אנפאנגס בעדאנקט פאר דיזער טובה, אבער זשאק האט זיך נאר דערפרייט הערענדיג, אז קאביש וויל דארט בלייבען. ער האט זיך גע־טראכט, אז קאביש׳עס געגענווארט, וועט פערטרייבען דיא מארד־בעסטיע פון איהם, אונד דערפאר האט ער געזאגט:

„זאל זיין, מאדאם רובא; מאנסיע קאביש מעג בלייבען. איך וועל איהם קיינמאל ניט פערגעסען דיא טובה.“

קאפיטעל 11.

זעקס טעג מיט זעקס נעכט זיינען פאראיבער, זייט קאביש האט אליין אנגע־באטען זיין דיענסט, צו העלפען בעדיענען זשאק׳ן אין זיין קראנקהייט. זייט צוויא

טענ האט שוין זשאק געקענט ארום געהן אונד ער האט זיך פון שטונדע צו שטונדע געפיהלט בעסער.

קאביש! דיעזער מערקווירדיגער מענש! ער האט אויך געליעבט סעווערינע׳ן. אָבער וואס פאר א ליעבע דאס איז געוועזן! ער האט נאָר געקוקט צו איהר מיט אויגען פול בעוואונדערונג אונד פערגעטערונג. אונד ווען זשאק אונד זיא זיינען ניט געוועזן דערבייא, האט ער געבאפט איהר קלייד, מאנטעל אָדער זאָגאר שיך, אונד זייא געקושט.

אין א טאָג האט איהם סעווערינע געפאקט קושענדיג איהרע האנדשוה; זיא איז צו איהם צוגעגאנגען אונד אלס ער האט זיך אומגעווענדעט אונד זיא ערבליקט, האט זיין גאנצער מעכטיגער קערפער אָנגעפאנגען צו ציטערן. סעווערינע האט געשמייכעלט צו איהם גוטמיטהיג אונד אויסגעשטרעקט איהר האנד אונד ער־גריפען זיינע.

קאביש, דיעזער מאן, וועלכער האט אויסגעזעהען וויא א ווילדע חיה, אונד מעכטיג וויא א בער, איז געוועזן קראפטלאָז וויא א קינד אין איהר געגענווארט. זיין שוואכקייט האט זיך נאך אויף אזוי פיעל געצייגט, דאס ער האט אָנגעהויבען צו וויינען. דאן האט ער אָבגעלאָזען איהר האנד, זיך אומגעווענדעט אונד איז ארויס געלאָפען פון הויז. סעווערינע האט זיך צולאכט.

קאביש האט אויך, אין דיא לעטצטע פאאר טעג, צוגענומען איינגע קליינ־קייטען וואס האבען בעלאנגט צו סעווערינע׳ן: האאר שפילקעס, האאר בענדלעך, האנד־טיכלעך אונד אנדערע זאכען, וועלכע ער האט אוועק געטראָגען צו זיך אין וואלד אונד זייא בעהאלטען אין זיין ווילדער וואָהנונג, אלס זיסע אונד ליעבע צייכענס פון דיעזער, וועלכע ער האט פערגעטערט.

ווען קאביש האט געזעהען זשאק׳ן קושען סעווערינע׳ן, האט ער זיך בלויז אָב־געווענדעט, געשטאנען פון וויטען אונד אויסגעזעהן הנאה צו האבען פון סעווערינע׳ס פערגניגען.

צום אכטען טאָג אבענד, נאך דעם באהן־אונגליק, איז קאביש אליין געוועזן אין זשאק׳ס צימער, וואו ער האט עפעס געפונען פון סעווערינע׳ס זאכען, פריהער געקושט, דאן צוגענומען אונד איז געלאָפען אוועק אין וואלד אום דאס צו בעהאלטען אין זיין וואָהנונג.

זשאק אונד סעווערינע זיינען געוועזן שפאציערען, אונד ווען זייא האבען צוריק געקעהרט, האבען זייא קאביש׳ן דארט ניט געטראָפען. עס שיינט, דאס זייא האבען

געהאט א געשפּרעך איבער זייער צוקונפט, אונדביידע זיינען עפּעס געווען אומצו־פריעדען. זייא האבען אויך אויסגעמיעדען צו רעדען.

סעווערינע איז געווען אַנגעקלײדעט אין א לייכטען ווייסען זומערדיגען אנצוג; איהרע באקען זיינען געווען פערפלאַמט פון דער פרישער לופט, אונד איהרע אויגען האבען געגלאַנצט מיט אויפרעגונג. זיא האט זיך אוועק געזעצט אויף זשאַק׳ס בעט אונד אַבגעווענדעט איהר געזיכט אויף א זייט אום זיין בליק ניט צו בע־געגנען.

זשאַק, וועלבען׳ס קאָפּ איז נאָך געווען ארום געבונדען, האט שפּאַצירט אין צימער לאַנגזאַם הין אונד צוריק, ביז ער איז געבליעבען שטעהן אין פראָנט פון סע־ווערינע׳ן. ער האט געקוקט אויף איהר הערדליכען קערפּער, אויף איהרע ווייסע האַלב־נאַקעטע הענד, אונד ער האט זיא בעוואונדערט.

„זייא ניט בעז, סעווערינע,“ האט ער געזאגט מיט א מילדער שטימע.

זיא האט איהם ניט געענטפערט.

„רעדט צו מיר, געליעבטע,“ האט ער זיך געבעטען, צוקומענדיג נעהנטער.

„איך וויל מיט דיר גאר ניט רעדען,“ האט זיא געזאגט צאָרניג.

זשאַק האט אַנגענומען א ביינקעל, דאס צוגערוקט צום בעט נעבען איהר, אונד זיך געזעצט.

„וואס זאָל איך טהון?“ האט ער געפרעגט.

זיא האט אויפגעהויבען איהרע אויגען אונד איהם וויא בעטראַכט פון אויבען ביז אַרונטער.

„זשאַק,“ האט זיא פּלוצלינג געזאגט, „מיר זיינען דאָך ניט קיין קינדער; איך וויל דיך בלויז פרעגען איין זאַך: ליעבסטו מיך ווירקליך?“

ער האט אַנגענומען איהר האַנד אונד אַבגעפּרעסט א קוש אויף איהר האַנד, מיט אַזוי פיעל פייער, וועלכער האט געשפּראָכען מעהר וויא ווערטער.

„איך ליעב דיך, סעווערינע,“ האט ער דאַן געענטפערט, „וויא א מאַן מיט א הערץ איז נאָר אימשטאַנדע צו ליעבען.“

„דאַן וויל איך דיך ווייטער פרעגען: וואס קען ווערען פון אונזער ליעבע?“

„וואס וויים איך? מיר וועלען זיך ליעבען אונד גליקליך זיין.“

„דאס איז אונמעגליך!

„וואָרום?“

„הער מיך אויס, זשאַק: איך קען אין פראַנקרייך מעהר ניט פערבלייבען;

איך האב אלעס ארום מיר אונד פעראכטע יעדע געגענד; ניין, איך שוידער פאר יעדען געגענשטאנד וואס קומט מיר ענטקעגען. מיר מוזען אוועק פון דאנען."

„גוט, גוט, דאן וועלען מיר אַברייזען."

„וויא אזוי?"

„מיט א באהן, מיט א שיף, מיט וואס עס איז, אבי דאַ ניט צו זיין."

„דוא ווילסט מיך ניט פערשטעהן, זשאק. מיר מוזען אַברייזען פון דאנען מיט אאס עס איז; דאס איז שוין גענוג ריכטיג, אונד מיר האבען שוין איינמאל דאריבער געשפראָכען. אָבער דיעזער פערפלוכטער חלק ירושה, קראַא דע מאַפּרא, מוז פערקויפט ווערען. מיר מוזען האבען דיעזעס געלד, דאמיט מיר זאָלען קענען לעבען גליקליך אונד צופריעדען ערגענץ אנדערש, אונד געניעסען פון אונזער ליעבע."

„אָבער דוא קענסט עס דאָך ניט פערקויפען," האט זשאק אנגעווענדעט.

„איך קען יא, ווען דוא זאָלסט ניט זיין קיין פייגלינג, וואס האט מורא פאר זיין איינענעם שאטען."

ער האט ניט געענטפערט אונד ארונטער געלאָזען דעם קאָפּ.

„דוא שווייגסט?" האט זיא ענדליך געפרעגט.

„איך קען דיר גאר ניט ענטפערן."

„דומער אונד אבשייליכער פייגלינג!" האט זיא אויסגעשריען אויפשפּרינגענדיג פון בעט. איהרע אויגען האבען וויא געשאָסען מיט פייער פאר אויפרעגונג, אונד איהר גאנצער צארטער קערפּער האט געציטערט. איהרע באקען זיינען געוואָרען בלאס אונד זיא האט זיך געוואָלט אבווענדען פון איהם.

„סעווערינע!" האט ער געזאגט אויפהויבענדיג זיינע הענד.

„פייגלינג!" האט זיא געענטפערט. „ווארט, איך קען דיך גאנץ גוט. ניט מיך, מיין „איך" ליעבסטו, ניין, ניין! איך ווייס עס גאנץ גוט; איך קען אייך אלע פערפלוכטע מענער. דוא האסט ליעב „מיין ווייסען אונד ווייכען קערפּער," וויא דוא רופסט עס אָן; דוא ליעבסט צו פערבאָרגען דיין געזיכט צווישען מיינע ברוסטען; דוא ווילסט מיך האלטען צוגעדריקט צו דיר אונד פיהלען דיא ווארעמקייט פון מיין קערפּער; דוא ווילסט איך זאָל דיך אויפרעגען, אויפהעטצען אונד ערפיללען דיין רייץ, דיין לוסט אונד דיין בעסטיאַליטעט — ניט מעהר! ניט מעהר! מיך זעלבסט, מיין „איך," דאס דארפסטו ניט. ווען איך פערשאַף דיר קיין פערגניגען, דאַן בעקימערסטו דיך ניט אום מיר מעהר, וויא אום אירגענד איין אנדערעס פרויענצימער!"

„סעווערינע!"

„האלם ־יין מ׳ל! הער וואס איך האב דיר צו זאגען: דוא ליעבסט מיך דערפאר, ווייל איך גיעב דיר מיין ליעבע פרייא, אָהן געלד, אָהן מיה אונד מיט מיין גאנצען הערצען. איך פערגין דיר צו געניעסען מיין ליעבע, וויפיעל דוא ווילסט. דוא ליעבסט מיך אלזאָ מעהר דערפאר, ווייל איין אנדערער וואָלט דיר פיעללייכט אזוי פיעל ניט געשאָנקען, גענעבען אונד פערגונען. אָבער איך אליין שפּיעל בייא דיר א קליינע ראָלע...“

„אום גאָטעס ווילען, סעווערינע!“ האט ער אויסגעשריען ערגרייפענדיג איהרע הענד. „איך קען ניט, איך קען ניט!“

זיא האט בעפרייעט איהרע הענד פון זיינע אונד פאָרטגעזעטצט:

„איך צווינג דיך ניט; ניין, ניין, איך קען דיך ניט צווינגען. אָבער וואס מיין ענטשלוס: ער האט מודיע געווען היינט בייא טאָג מיט פּעקע׳ן, אז ער וועט אהער קומען היינטיגע נאכט אום 9 אוהר. איך וויים ניט אונד קען ניט זיין אבזיכט. אָבער עס איז מעגליך, אז מיין אבוועזענהייט האט אין איהם ערוועקט דיא בעסטיאַלימעט וואס איהר אלע מענער ליעבט אזוי...“

„סעווערינע, סעווערינע!“

לאָז מיך רעדען: ניעמאנדען האב איך נאָך אזוי געליעבט אין דער וועלט, וויא דיך, מיין ליעבער פייגלינג, זשאַק לאַנטיער! אָבער מיין ניט, אז איך בין א קינד אונד וועל מיך לאָזען טרעטען מיט דיא פיס, אפילו פון דעם וואס איך ליעב; איך בין אויך ניט קיין גאסען־פרוי, ניין, ניין, דוא הערסט, ניט קיין גאסען־פרוי, וואס זאָל צופריעדען זיין מיט א פריינדליכען בליק פון איהר געליעבטען; ניין, איך וויל ליעבע, אונד אזא ליעבע, וואס זאָל זיין גראדע אזוי שטארק וויא דיא מיינינע. ווען איך קען דאס ניט בעהויפטען, דאן וויל איך האסען — האסען מיט מיין גאנצען הערצען, אונד זעהען טויטען דיעזע ליעבע אין מיר, מיט דער ערשטער מיתה משונה. יא, איך וועל טויטען דיעזע ליעבע...“

זשאַק האט אָנגעכאפּט איהרע הענד אונד זיא צערטליך צוגעדריקט צו זיך וויינענדיג, אָהנע ער זאָל קענען רעדען א וואָרט.

„אלע פייגלינגע וויינען,“ האט זיא געזאגט שפּאָטיש, אונד דאן פאָרט־זעטצענדיג האט זיא בעמערקט: „איך וועל טויטען דיעזע ליעבע אין מיין ברוסט אויף פאָלגענדער ארט: היינטע אבענד קעהר איך צוריק צו רובאָ׳ן; דוא הערסט, זשאַק, צו רובאָ׳ן קעהר איך צוריק. דיעזען „ווייבען אונד ווייבען קערפּער,“ וועל איך איהם ווידער געבען; איהם, וועלכען איך האָב מעהר וויא איך ליעב דיך! ער וועט זיך איבער דיעזען קערפּער לוסטיג מאכען, אתה...“

„גענוג! גענוג!“ האט ער אויסגעשריען אויפשפרינגענדיג אונד געלעגט דיא האנד אויף איהר מויל זיא זאָל ניט ווייטער רעדען.

„הא, הא,“ האט זיא געזאגט מיט א ביטערן טאָן בעפרייענדיג איהר מויל, „עס שמעקט דיר ניט, אָבער ווען דוא זאָלסט וויסען...“

„אום גאָטעס ווילען, סעווערינע, רעדט, זאג, בעפעהל, איך וועל אלעס טהון, אלעס!“

ער איז צוריק געפאלען אין זיין שטוהל, אונד זיא, מיט א טריומפירענדען שמייכעלע אויף איהרע ליפען, האט אויף איהם געקוקט גראדע מיט אזא מיענע, וויא צור צייט וואס דער לייב האט געכאפט א הירש נאך א לאנגער יאגד, איהם אניעדער געוואָרפען אונד צוגעטרעטען מיט זיינע פיס, דאן זיך אוועק געשטעלט בעטראכטען געדולדיג זיין אָפּפער, וואס ער דארף אויפפרעסען.

סעווערינע האט זיך געשפירט אלס זיגערין. זיא איז געשטאנען אייניגע אויגענבליקען אונד איהם בעטראכט, דאן האט זיא זיך געזעטצט לאנגזאם אויף'ן בעט גענענאיבער איהם. א היבשע צייט איז פאראיבער אין א טיעפעם שטיל־שווייגען.

ערבליקענדיג איהרע הענד, האט ער זיא אָנגעכאפּט מיט זיינע, וועלכע האבען וויא געברענט מיט היטץ. דאן, זיך זעטצענדיג גלייך, האט ער געזאגט:

„סעווערינע! מיין ענטשלוס איז געפאסט, בעפעהל, אונד איך בין פערטיג דעם טייפעל זעלבסט אָבצוהאקען זיין קאָפּ.“

זיא האט איהם אומארמט אונד געקושט.

„אך, מיין געליעבטער,“ האט זיא געזאגט, „גלויב מיר, אז מיר האט עס ניט וועניגער שמערצען פעראורזאכט צו זאגען דיעזע ווערטער, וויא דיר, וועלכע דוא האסט געמוזט אויסהערען. אָבער, איך האב מיר ניט געקענט העלפען.“

זיא האט איהם ווייטער געקושט.

„זשאק,“ האט זיא וויעדער אָנגעפאנגען. „ער וועט אָנקומען מיט דער באהן 8.50, עס וועט איהם נעהמען דער גאנג צעהן מינוטען צייט אהער צו קומען, אונד ער וועט דאָ מוזען זיין פונקט 9, וויא ער האט בעפוילען.“

„יעטצט איז אונגעפעהר 8,“ האט ער בעמערקט.

„יא, דאס איז ריכטיג. דוא זאָלסט אלזאָ ארויס געהען פון דאנען מיט א האלבע שטונדע שפעטער, אונד איהם ערווארטען צווישען דעם הויבען גראז ביי דיא שינעס, וואו ער מוז פארבייא געהען. דאן...“

זיא האט געשווידערט פאר דעם וואס זיא האט געוואָלט ווייטער זאגען. ער איז שוין אָבער געווען גאנץ גלייכגילטיג אונד ענטשלאָסען אלעס צו הערען אונד טהון וואס זיא וועט איהם בעפעהלען.

„דאן,“ האט זיא פאָרטגעזעטצט מיט א ניעדריגער שטימע, „זאָלסטו איהם אריין שטעכען דאס מעסער צווישען די א ריפּען אָדער אין הערצען... ווען ער וועט פאלען, זאָלסטו איהם לאָזען ליעגען א קורצע צייט, אונד...“

עס איז איהר שווער געווען ארויס צו ברענגען דיא שרעקליכע ווערטער, וועלכע זיינען געווען אָנגעזאמעלט אין איהר געהירן.

„דאן זאָלסטו איהם ארויף שלעפען אויף דיעזעלבע שינעס אונד איהם לאָזען ליגען. אום 9.40 לויפט פארבייא דער האוועד־נאכט־צוג, וויא דוא האסט מיר שוין איינמאל דערצעהלט, אונד דיעזער וועט איהם צערשמעטערן. עס וועט דאן זיין א זעלבסטמאָרד פאל, אָדער, פון מיינעטוועגען, וועט עס מעגען הייסען, אפילו א צופאלל...“

זשאק האט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, אז ער פערשטעהט. סעווערינע האט לייכטער אויפגעאטהעמט ווען זיא איז פערטיג געוואָרען מיט דער מיטטהיילונג פון איהר פּלאן.

„ביסטו איינפערשטאנדען דערמיט?“ האט זיא געפרעגט נאך א לאנגער פויזע.

„יא,“ האט ער געענטפערט פעסט ענטשלאָסען.

„אך, געליעבטער!“ האט זיא אויסגעשריען איהם פאלענדיג אויף זיין האלז אונד בעדעקענדיג זיין פּנים מיט קושען.

סעווערינע איז געווען זיכער, אז זשאק וועט דיעזעס מאל ערפיללען איהר וואונש. זיא איז דאן פּלוצלינג פערוואנדעלט געוואָרען אין איין אנדערע בריאה, אונד אָנגעהויבען צו זוכען אלע בעקאנטע מיטלען, וויא זשאק'ן געפעלען צו ווערען.

זיא האט אויפגעקנעפּעלט איהר לייכטען זשאקעט, אָפען געלאָזען איהרע נאַקעטע ברוסט אונד אריין גענומען זשאק'ס געזיכט. איהרע נאַקעטע הענד האבען געהאלטען אומארמט זיין האלז. אונד זשאק, דערשפּירענדיג איהר קערפּער, האט אָנגעפאנגען אויפצולעבען פון זיין אונרוהיגקייט.

„בעאיילע דיך, געליעבטער,“ האט זיא געמורמעלט, „דיא צייט לויפט פארבייא...“

זשאק האט זיא געקושט אין דער ווילדעסטער אויפרעגונג.

„קוש מיך נאך אמאל, זשאק,“ האט זיא געזאגט אין איהר ווילדער אויפ־רעגונג, „נאך איין קוש.“

דאן איז זיא אויפגעשטאנען, צוגעגאנגען צום טיש, ארויס גענומען דאס טיש־קעסטעל, פון וואנען זיא האט ארויס גענומען א פערמאכטעס מעסער׳ל.

דאס זעלבע מעסער׳ל, וועלכעס זיא האט געקויפט רובא׳ן א פרעזענט, אונד מיט וועלכען רובא האט ערמאָרדעט ריכטער גראנדמאָרין.

„נעהם דאס, זשאק,“ האט זיא געזאגט איהם איבערגרייכענדיג דאס מעסער׳ל.

ער האט דאס גענומען אָהנע צו קוקען דארויף אונד אריין געלעגט אין קעשענע.

דאן איז זיא צוגעגאנגען צום בעט, זיך אוועק געלייגט אונד קוקענדיג צו זשאק׳ן, וועלכער איז געשטאנען אויף דיא פיס, האט זיא געזאגט:

„קוש מיך נאך איינמאל, געליעבטער, אונד דיעזער קוש זאָל אונז געבען ביידע קראפט איבערצושטעהען דיא שווערע פּראָבע.“

ער איז צו איהר צוגעגאנגען אונד אָבגעפרעסט א קוש אויף איהר נאקעטער ברוסט.

דאן איז ער געבליעבען שטעהען אונד געקוקט אויף איהרע באקען, וועלכע זיינען געוועזען אזוי רויט, וויא צוויא בליהענדע רויזען. איהרע אויגען האבען געגלאנצט מיט ליעבע אונד ער איז געוועזען ווירקליך ענטשלאָסען זאָגאר דעם טייפעל זעלבסט אָבצושניידען זיין קאָפּ אום איהר וואונש צו ערפיללען.

זיין בליק איז געפאלען ניעדריגער, אויף איהר שעהנער אונד ווייסער ברוסט. דאן ווידער העכער, אויף איהרע פעטע קינבאקען, וועלכע האבען עטוואס אריבער געהאנגען, דאן ווידער עטוואס ניעדריגער, אויף׳ן שנעע־ווייסען האלז.

א געדאנק האט דורכגעשאָסען דורך זיין קאָפּ.

זשאק האט זיך געוואָלט אומווענדען אונד ענטלויפען פאר דיעזען געדאנק. אָבער ער האט ניט געקענט, זיינע פיס זיינען וויא צוגעשמידט געוואָרען צו דער ערד. ער האט זיך ניט געקענט ריהרען פון זיין פּלאַטץ.

זיא האט צו איהם געשמייכעלט ערמונטערענד.

זשאק׳ס געזיכט איז בלייך געוואָרען וויא בייא א טויטען.

סעווערינע האט געמיינט, אז איהר אויפטראג מאכט איהם גרויס שמערצען. זיא האט מיט איהם געהאט מיטלייד.

זיא האט זיך אָנגעפאנגען אויפצוהויבען.

„זשאק, געליעבטער,“ האט זיא געזאגט, „דוא ליידעסט, אך, מיין גע־ליעבטער...“

ער האט געשוויעגען אונד זיא איז געבליעבען זיטצען איהם אנקוקענדיג. דאן האט זיא ערגריפען זיין לינקע האנד, וועלכע איז געווען קאלט וויא אייז אונד גע־ציטערט. עס האט איהר ערגריפען ביים הערץ אונד זיא האט פלוצלינג געזאגט:

„זשאק, זשאק, מיין געליעבטער! ווען דוא קענסט ניט, דאן, יא, דאן געה ניט!“

זיא האט עס געמיינט ערנסט, אבער ער האט איהרע ווערטער ניט געהערט. דיא שרעקליכע קיצלערייא ביים הערצען איז ערשיענען; פאר זיינע אויגען האט ער נאר געזעהן איהר ווייסען האלז; אין זיין פאנטאזיע האט געשוועבט איהר גאנצער קערפער, וועלכען ער האט געוואלט רעטען, ענטרייסען אונד אוועק נעהמען פון אלע אנדערע מענער, אונד איהר לאזען בלויז פאר זיך אליין.

„קוש מיך, געליעבטער,“ האט זיא ווייטער געמורמעלט, איהם צודריקענדיג איהר באק צו דיא ליפען.

זשאק׳ס אטהעם האט אנגעהויבען צו ווערען קורץ, זיין האלז האט זיך צוזאַ־מענגעצויגען, אונד ער האט אריין געלעגט דיא רעכטע האנד אין זיין קעשענע.

ער האט אינוועניג געעפענט דאס מעסער׳ל.

„בלייב דא, זשאק, געה ניט, ניין ניין, געה ניט, ווען דוא ליידעסט אזוי פיעל— בלייב דא מיט מיר...“

מיט זיין לינקער האנד האט ער זיא צערטליך צוגעשטופט צום בעט, וואוהין זיא האט זיך געלאזען אוועק לייגען.

אויף׳ן טיש האט געברענט דער לאמפ, וועלכען קאביש האט אנגעצונדען איידער ער איז אוועק געגאנגען. אין שיין פון לאמפ האט עפעס געבליטצט. סעוועריגע האט דאס ניט געזעהן, נאר זיא האט געבליקט צו זשאק׳ס אויגען, וועלכע האבען פארגעשטעלט, עטוואס פירכטערליכעס.

„זשאק...“ האט זיא געמורמעלט.

דאן האט זיא ערבליקט דאס מעסער׳ל אין זיין רעכטער האנד. זיא האט ניט אויסגעזעהען צו פערשטעהן, אבער זיא איז געווארען אונרוהיג.

סעווערינע האט געשפירט וויא זשאק׳ס לינקע האנד דריקט איהר קערפער אתגעוועהנליך שטארק. דאס מעסער׳ל איז געקומען נעהנטער.

אין איין אנגריף פון אונבעשרייבליכער שרעק, האט זיא געמורמעלט הייזעריג:

„ושאק ! ושאק ! אָבער מיין גאָט, ווארום ? ווארום ?“

זיינע צייהן זיינען געווען צוזאמענגעדריקט. זיא האט אָנגעהויבען צו קעמפּפען זיך אויסצורייסען. עס איז איהם באלד געלונגען, אונד ער האט אָבגעריסען דאס לייבטע קלייד פון איהר. דער גאַנצער אויבערשטער טהייל פון קערפּער האט זיך ארויס געוויזען. ענדליך האט ער זיא ווידער אוועק געלעגט אויף'ן בעט. פון זיין מויל איז קיין זילבע ארויס, אָבער זיינע ווילדע אויגען האבען אָבער אַלעס דער־צעהלט.

„ווארום ? מיין גאָט, ווארום — “

זיין פויסט איז געפאַלען מיט איין אתגעהייערער קראַפט אונד געשמערט צו בעענטפערן איהר פראַגע.

דאס מעסער'ל זיז אריין טיעף אין איהר ווייסען האלז. ער האט דאס אויסגע־דרעהט אויף א זייט, אונד געדריקט ווייטער; דאַן האט ער אומגעווענדעט דיא קלונג אונד איבערגעשניטען איהר גאָרגעל.

ושאק האט געהערט סעווערינע'ס כאָרכלען, ניט מעהר. א שטראָם ווארעמעס בלוט איז ארויס, וועלכעס האט געגרייכט זיין לינקע האנד.

איהרע אויגען זיינען נאָך געווען אָפען אונד געקוקט אין שרעק צו איהם. איהר קאָפּ איז געפאַלען אביסעל אויף א זייט, אונד דאס בלוט איז געלאָפען אין שטראָמען, אָבפארבענדיג איהרע ווייסע ברוסט, דיא ווייסע קישענס אונד גרייבענדיג פון דעם קישען צו איהר לינקער האנד.

ושאק האט אָבגעלאָזען דאס מעסער'ל, אונד געבליעבען שטעהען נעבען איהר אונבעוועגליך.

דאָרט איז זיא געלעגען; ער האט געזעהען וויא דאס בלוט האט נאר ניט געוואָלט אויפהערען צו לויפען, וויא פון א קוואל. ער וואָלט זיך ניעמאלס פאָרגע־שטעלט, אז זיא האט אזוי פיעל בלוט אין זיך.

דאַן איז איבער איהם געקומען א שוידער; דאס געזיכט, וואס איז מיט א קורצע צייט פריהער נאָך געווען אזוי שעהן אונד לעבהאפט, האט אָנגעפאַנגען איבערגעצויגען צו ווערען מיט דער טויטער־מאסקע, אזוי גוט בעקאַנט אויף דיא לייבען. איהרע שעהנע האאר, זיינען געווען וויא אויפגעשטעלט, אונד ער האט זיך דערמאָהנט אן דעם וואס מענשען זאגען, אז פאר שרעק קענען זיך שטעלען דיא האאר קאַפּויר. ריכטיג, סעווערינע'ס האאר זיינען געשטאַנען אויף איהר קאָפּ. דיא אויגען, אזוי גרויס אונד ווילד, האבען אויסגעזעהען צו פרענגען, ווארום ער האט זיא ערמאָרדעט.

פלוצלינג האט זיך זשאק דערשראָקען. עס האט זיך איהם גערדאכט, אז ער האט געהערט דאס ווילדע שנאָרכען אונד ברומען וויא פון א ווילדער בעסטיע, א ווילדען שוויין, אָדער דאס מעריקען פון איין אָקס. ער האט איינגעהאלטען זיין אטהעם זיך צו צוהערען. ער האט זיך אָבער באלד איבערציינט, אז דאס איז זיין אייגנעס סאָפּען, נאך דער אנשטרענגונג פון דעם מאָרד.

אָבער ענדליך האט ער זיך געזעטיגט! ער האט געמאָרדעט! איין אונענד־ליכע שוידערהאפטע אונד גרויזאמע פרייד, צופריעדענהייט אונד טריומף האט איהם ערגריפען אונד אָנגעפיללט זיין גאנצע זעעלע. עס האט אויסגעזעהען גלייך וויא דער האָהן וואס יאָגט נאך דער הוהן, כאפט זיא, גיבט איהר א מערדערישען פּיק אין קאָפּ, דיא הוהן בלייבט ליעגען בעטויבט, אונד דער האָהן, דער הערר אונד הערשער, ווענדעט זיך אָב שטאָלץ פון זיין אונטערגעאָרדנעטע, וועלכע שטעהט מיט איהר לעבען אין זיין רשות.

אָט דאָרט איז זיא געלעגען, דיא שעהנע, בליהענדע, ליעבענדע אונד צערט־ליכע, — יעטצט טויט, קאלט, פערבלוטיגט, אונד ער האט דאס אַלעס געטהאָן, דער הערר, דער הערשער!

ער האט געמאָרדעט! אריין געשטאָכען דאס מעסער גראדע הינטער דעם נאָרגעל, איהם איבערגעשניטען; הא! ריכטיג, ער זעהט א שטיק פון דעם נאָרגעל, וויא ער שטעקט ארויס פון צווישען דיא צוויא איבערגעשניטענע שטיקער האלז, וואו דאס בלוט איז אזוי רויט, אונד דאן אויך ווארעם, וויא ער האט עס געשפּירט אויף זיין לינקער האנד.

דאס קיצלען האט אויפגעהערט, אָבער איין אנדערעס געפיהל, פון איין ער־פיללטען וואונש, פון א צופריעדען געשטעלטער לוסט, האט איהם בעהערשט, אונד בליקענדיג נאך אמאל צו זיין אָפּפער, איז ער געוועזען שטאָלץ אויף זיין טהאט.

א דונערענדער גערויש וואס האט ערציטערט דעם באָדען, האט איהם ער־וואכט פון זיין נאכדענקען. ער איז געבליעבען שטעהען נאכדענקענד. וואס איז דאס געוועזען? אָבער ער האט זיך באלד אליין בערוהיגט. א באהן, ניט מעהר וויא א פארביילויפענדע באהן, אונד ער האט אויך געוואוסט וועלכע עס איז, וואס האט איהם ניט געקענט דערשרעקען. אונד וואו איז דער אנדערער, וועלכען ער איז געוועזען פעסט ענטשלאָסען צו הרג'ענען? יענער איז גאר ארויס פון זיינע געדאנקען. ער איז געוועזען פערטראכט איינינע אויגענבליקען. ווען ער האט נאך אמאל געקוקט צו

סעווערינע'ן, האט איהם אָנגעפאנגען צו שווינדלען. די לוסט און דאס פערגניגען נאך דער לוסט, האבען אָנגעפאנגען צו פערשווינדען.

ער האט זיך אָבגעווענדעט. אלס ער האט זיך געפרעגט וואס עס איז צו טהון, איז איהם באלד איינגעפאלען די אידעע, אז ער דארף דאָרט מעהר ניט פערבלייבען. ווארפענדיג נאך א בליק צו זיין אָפּפער, האט ער זיך אָבגעווענדעט צו דער טהיר, געעפענט, און איז ארויס.

א שוידער, א שרעק און א ציטערניש האט איהם ערגריפען, און ער האט אָנגעפאנגען צו לויפען און איז פערשוואונדען געוואָרען אין דער טיעפער נאכט־פינסטערניש.

איינינע מינוטען זיינען פאָראיבער, און אין צימער וויא אויך ארום צימער, האט געהערשט דיעזעלבע שטילקייט וויא אין דעם קערפער פון דער ערמאָרדעטער סעווערינע. דאן האבען זיך געהערט לייכטע פוס־טריט. עס איז געווען סאביש.

ער איז צוגעגאנגען צו דער טהיר און זיך צוגעהערט. שטיל, רוהיג, היין בעוועגונג. ער האט געלעגט די האנד אויף דער טהיר און זי געעפענט, און, אָהנע זיך אומצוקוקען, האט ער זי באלד פערמאכט. ביי דער צווייטער אומווענדונג, זיינען זיינע אויגען געפאלען אויף א טייכעל בלוט, אָנגערונען אויף'ן ריינעם פוס־באָדען. אויפהויבענדיג די אויגען ווייטער, האט ער דערזעהן די ערמאָרדעטע סעווערינע.

זי איז געלעגען אזוי נאָהענט פון דער זייט בעט, דאס עס האט זיך איהם געדאכט, אז זי פאלט ארונטער. ער איז געבליעבען שטעהען וויא פערשטיינערט. דאן האט ער דערזעהען וויא זי איז געלעגען מיט איבער א העלפט נאקעטען קערפער. א פערצווייפעלטער געפיהל פון שאנדע האט איהם ערגריפען. ער איז צוגעלאָפען, און, מיט ברידערליכער צערטליכקייט, האט ער זי אָנגעפאנגען צו צודעקען. דאן האט זיך איהם געדאכט, אז זי אטהעמט נאך, און ער האט אָנגענומען איהרע ביידע הענד און זי ארויף געדרוקט העכער.

די בעריהרונג אויף איהר נאקעטעס לייב, די איינציגע נאהענטע בעריהרונג מיט דיעזער וואס ער האט פערגעטערט, האט איהם בערוישט. אין א געפיהל פון מיטליידיגער צערטליכקייט, האט ער זיך צוגעבויגען און געקושט איהרע ווייט אָפענע ליפען.

אָבער דיעזע בעריהרונג, דיעזער אויסדרוק פון צערטליכקייט, האט איהם בעשמירט מיט בלוט אויף עטליכע פלעטצער, און...

גראדע דאמאלס האט זיך גענומען די מאָיר, אונד רובאָ, בעגלייטעט פון מיסאַרד׳ן זיינען אריין אין צימער.

קאביש האט זיך אומגעווענדעט, אונד גלייך ווי די אנדערע צוויי מענער, אזוי איז ער געבליבען שטעהן שפּראכלאָז, אונבעוועגליך, אונד ניט געקענט רעדען א וואָרט.

רובאָ׳ס בלאַסעס געזיכט איז נאך בלאַסער געוואָרען. ער האט געבליקט צו סעווערינע׳ס האלז, דאן צו איהרע אָפענע אונד ערשראָקענע אויגען, אונד שטודיר־ענדיג איהר געזיכט, האט עס אויסגעזעהען, אז ער לייענט דאָרט איהר לעטצטען שוידערהאַפטען אויסדריק פון פערצווייפלונג.

קאפיטעל 12.

עס איז געווען מיט דריי מאָנאַט שפּעטער, ווען איינער פון די מערק־ווירדיגסטע פּראָצעסען האבען זיך געהאַנדעלט. עס איז געווען דער מאָרד־פּראָצעס געגען דעם „מערדער“ קאביש.

די בעווייזע געגען איהם, זיינען געווען שטאַרק אונד גענוג דייטליך. אז ער האט אויך ערמאָרדעט ריכטער גראַנדמאָרין, האט ניעמאַנד געצווייפעלט, דען אין זיין וואָהנונג, האט מען געפונען גראַנדמאָרין׳ס זייגער מיט דער קייט. ער האט אפילו בעהויפּטעט, אז ער האט דאס בלויז אוועק גענומען מיט אנדערע קלייניגקייטען, וויל עס האט בעלאַנגט צו דיעזער, וועלכע ער האט געליעבט אונד פערגעטערט. אָבער טאַקי דיעזע אויסזאגע זעלבסט, האט נאך בעסער פערשטערקערט די בעווייזע געגען איהם, אז ער איז געווען סעווערינע׳ס מערדער. ער האט זיא ערמאָרדעט דורך אייפערזוכט.

זשאַק לאַנטיער האט דערצעהלט, אז סעווערינע רובאָ האט איהם געליעבט, אונד ער איז ניט געווען אין מינדעסטען צווייפעל, אז קאביש האט זיא אויך געליעבט, נאָר זיא וואָלט איהם אויסגעריסען די אויגען ווען ער וואָלט געוואָלט זיך צו דער־נעהנטערן צו איהר.

אלזאָ, גראַנדמאָרינען האט ער ערמאָרדעט דורך דער ליעבע צו ליזעטע׳ן, אונד סעווערינע׳ן, דערפאר וואס זיא האט ניט ערווידערט זיין ליעבע. נאָר יעטצט איז נאַטירליך ניט געווען די רעדע פון גראַנדמאָרינען, א מענשען קען מען דאָך ניט אורטהיילען פאר צוויי מאָרד־טהאַטען. איינער איז גענוג.

איבערהויפּט, האט דער פּראָקוראָר־גענעראל, מ. קאַמי־לאַמאָט, זיך געפרייט, האס דאס מאָרד־געהיימניס פון ריכטער גראַנדמאָרין איז אויף אזא אַרט אויפגעלעזט

געוואָרען, אונד מען האט ערשפּארט צו מאַכען ווייטערע נאָכפראגען, וועלכע ער האט ניט געקענט ערלויבען.

אָבער קאַביש איז געווען א מין משוגענער מערדער, אונד דיא צייטונגען זיינען געווען פול מיט טויזענדער סברות אונד אבהאנדלונגען פון דיא גרויסע ערצטע, איבער קאַביש׳עס נאַטור, נייגונג צו מאָרד, בלוט־דורסטינקייט אונד מאַסען שווערע אונד לאַנגע גריכיש־לאַטיינישע ווערטער פון דער מעדיצין. יעדענפאַלס, וואָלט דאס ניט געווען ראַטהזאַם אזא בריאה צו שיקען צו דער גילאָטינע.

קאַביש איז ניט געווען קיין פעראנטוואָרטליכער מערדער. דאס האט יעדער פערשטאַנען. זיין אדוואָקאַט האט אָבגעהאַלטען א טיכטיגע רעדע, אָבער ער האט אפילו גאַר ניט דערמאָהנט קאַבּיש׳עס אייגענע בעהויפּטונג, אז ער איז אונשולדיג. דער אדוואָקאַט זעלבסט, פון זיינע אייגענע ווערטער, האט בעוויעזען, אז ער גלויבט אין קאַביש׳עס מאָרד־טהאַט, נאָר ער האט בעוויעזען מיט צאָהלרייכע ביישפּיעלע, אז מיר מענשען זיינען ניט געזעטצט געוואָרען צו רויבען א מענשען׳ס לעבען, ווען דער מענש זעלבסט איז נ׳ט פעראַנטוואָרטליך פאַר זיינע טהאַטען.

עס איז געווען איין אינטעליגענטעס געשוואָרענעס געריכט. דאָרט זיינען געזעסען 12 מענער מיט ערנסטע געזיכטער, וועלכע האבען בעגריפען דיא וועלט אונד פערשטאַנען אז קאַביש׳עס אדוואָקאַט האט רעכט. דער וואונש פון דעם פּראָקוראָר, צו זעהן קאַבּיש׳עס קאָפּ פאַלען פון דעם גילאָטינע מעסער, האט ניט געקענט ערפילט ווערען, אונד, דיא אינטעליגענטע געשוואָרענע הערען, נאָך א לאַנגער בעראַטהונג, האבען זייא אריין געבראַכט איין אורטהייל, דאס קאַביש זאָל ארעטירט ווערען אויף דעם רעסט פון זיין לעבען!

דיא פּרעסע איז געווען צופריעדען, דאס פאָלק איז געווען צופריעדען, זאָגאָר דער פּראָקוראָר איז געווען צופריעדען, אָבער נאָך צופריעדענער פון אלע, איז געווען דער פּראָקוראָר־גענעראַל מ. קאַמי־לאַמאָט.

דיעזער הערר קאַמי־לאַמאָט איז געווען א מערקווירדיגער מענש. ער האט זיך גוט שטודירט קאַביש׳ן, אונד ער איז געווען איבערצייגט, אז ער האט סעווערינע׳ן ניט געהרג׳עט, גראַדע וויא ער האט ניט געהרג׳עט גראַנדמאָרינען.

ווען זשאַק איז געזעסען אויף דעם צייגע־שטוהלע, האט איהם קאַמי־לאַמאָט אזוי גוט אויפגעפּאַסט, דאס זיין דורכדרינגענדער בליק האט אין איהם געלעזען א וועלט מיט געדאַנקען, וואס קיין אנדערער פּיעללייכט, אין גאַנצען געריכט־הויז, האט ניט בעמערקט. דאַן האט ער געהערט רובאָ׳ן דערצעהלען, אז ער איז ניט דאַנקען געווען וואס זשאַק האט זיך געליעבט מיט סעווערינע׳ן, וויל, וויל...

רובאַ האָט ניט געגעבען קיין ריכטיגען ענטפער. קאַמי־לאַמאַס האָט דאָס אַלעס איבערגעדענקט מיט בליטץ־שנעללינקייט, אונד ער האָט געהאַט זיין אייגענע מיינונג.

יאָ, ווען קאַמי־לאַמאַס וואָלט געמענט, ווען עס וואָלט איהם ערלויבט געווען, ווען עס וואָלט דאַבייא געלעגען עפּעס אום צו אונטער־שטיצען זיין פּאַרטייא אונד זיך אַליין מאַכען אַ גרויסען נאָמען, וואָלט ער דיא אונטערזוכונג גאַנץ אַנדערש אָנ־פאַנגען; יאָ, אָנפאַנגען אויף דאָס נייא, אונד ער וואָלט געקומען אויף גאַנץ אַנדערע וועגען, אַרויס ברענגענדיג נייע בעוויזע, ענטדעקונגען, אונד... יאָ, יאָ, ער איז זיכער געווען, אַז ער וועט בעווייזען, דאָס זשאַק לאַנטיער, דיעזער שעהנער אונד יונגער אינזשעניער, האָט ערמאָרדעט סעווערינע רובאָ!

אָבער וואָרום? דיעזע פּריוואַט פראַגע, האָט זיך קאַמי־לאַמאַס אייניגע מאָל געשטעלט, אונד ער האָט זיא זיך ניט געקענט בעענטפערן. ער איז געווען אַ טיכ־טיגער אונד ערפאַהרענער אַדוואָקאַט, וועלכער האָט געוואוסט, אַז בייא יעדען מאָרד, מוז מען פאַר אַלעמען זוכען איין אורזאַכע.

וואָס פאַר איין אורזאַכע האָט אַלזאָ זשאַק לאַנטיער געקענט האָבען צו ערמאָרדען מאַדאַם סעווערינע רובאָ? זיא איז געווען שעהן, יונג, איהם געליעבט, זיך פאַר איהם געאָפּפערט אונד געזעסען גאַנצע נעכט נעבען איהם אין זיין קראַנק־הייט — וואָרום האָט ער זיא געקענט ערמאָרדען? וואָס איז געווען דיא אורזאַכע?

דיא געשיכטע האָט איהם זעהר אינטערעסירט פון אַ פּערזענליכען פּראָפּעס־סיאָנען שטאַנדפּונקט, אָבער, נאָך אַלעמען, וואָס זאָל ער זיך ברעכען דעם קאָפּ וועגען אורזאַכען וואָס קענען איהם ניט ברענגען קיין נוטצען, אונד וועלכע ער וועט קיינמאָל ניט ערפאַהרען?

קאַביש, וועלכער איז געווען אונשולדיג, לויט זיין פעסטער איבערצייגונג, איז פּעראורטהיילט געוואָרען צו לעבענס־לענגליכעס געפענגניס? דאָס איז קיין גרויסעס אונגליק. מיט וואָס איז דאָס געפענגניס ערגער פון זיין ווילדער וואָהנונג אין וואַלד? איבריגענס, שיינט ער ניט צו זיין אַזאַ ענטוויקעלטער מענש, וואָס אַ געפענגניס זאָל איהם שטערען צו ברענגען נוטצען זיינע מיט־מענשען.

מ. קאַמי־לאַמאַס האָט צופריעדען געשטעלט זיין געוויסען אונד אויך געווען איבערצייגט, אַז ער האָט פערהיט זעהר איין אונאַנגענעהמע ענטדעקונג פיר זיין פּאָ־ליטישע פּאַרטייא.

דיא פרעסע האט אקצעפטירט קאבישׁ'ן אלס מערדער פון ריכטער גראנד־מאַרין, אונד ער דארף גאר ניט האבען דאגעגען. דיא איינציגע זאך וואס האט גע־טראגען דעם אייביגען שטעמפעל, אז דיזע בעהויפטונג איז ליגען, איז געוועזען סעווערינע'ס צעטעל איינצולאדען ריכטער גראנדמאַרין, אונד דאן איהר אדרעסע מיט וועלכער ער האט פערגלייכט דיא האנד־שריפטען.

ניין, ניין, ער האט ניט געקענט ערטראגען צו וויסען, אז דיזער בעווייז עק־זיסטירט נאך. ער איז שנעל אהיים געלאָפען אונדביידע צעטלעך פערברענט.

— — — — — — — — — —

פילאָמענע איז געוועזען א געזונדעס אונד שטאַרקעס מעדכען, וועלבע האט גע־לעבט ביז צו איהר 19טעס יאָהר אויף'ן לאַנד, אונד דיא לעטצטע 4 יאָהר וואס זיא האט פערבראכט אין פאַריז, האבען נאך ניט געשטערט איהר קערפערליכע שעהנ־הייט אונד קראפט.

זיא האט געשלאָסען בעקאַנטשאפט מיט פעקע'ן, זשאק לאַנטיער'ס פייערמאן, דורך א צופאלל. אָבער, אָבוואָהל ער איז שוין געווען איין עלטערער מענש, האט זיא דאך איינגעזעהן, אז ער איז פאר איהר בעסער וויא א איננגערער.

עס איז אמת, פעקע האט געהאט א פרוי, אָבער זיא איז שוין געווען אזוי אלט, אז זיא איז צופריעדען געווען פעקע זאָל אמאל אהיים קומען צו איהר, אונד דערפאר, ניט גענוג וואס זיא האט בייא איהם קיין געלד ניט פערלאַנגט, האט זיא איהם נאך בעזאָרגט מיט ריינער וועש, אמאל א פאאר הויזען אלס פרעזענט, אונד מיט א צווייא אָדער דרייא פראנקס.

יעדער האט געוואוסט, אז מאדאם פעקע, אָדער וויא מען האט זיא בעסער געקענט, מוטער וויקטאָריע, האט געהאט געלד נאך פון איהר ערשטען מאן, אונד זיא האט ניט חתונה געהאט מיט פעקע'ן ער זאָל איהר געבען געלד.

פילאָמענע אוז אַזאָ געוועזען א פרויענצימער מיט פערשטאנד; זיא האט פער־שטאַנען א געשעפט. וואס טויג איהר א יונגער מאן, ווען זיא וועט פון איהם גאר ניט האבען? זיא איז געוועזען אָרעם אונד ניט געוואָלט ארבייטען. זיא האט גע־מאכט דיעזען חשבון: פעקע איז אין איהר פערליעבט איבער דיא אויערן; ער פער־דיענט 100 פראנקס א מאָנאט אלס פייערמאן, אונד דיעזע איז ער ענטשלאָסען איהר גענצליך אוועק צו געבען. דיא פאאר פראנקס אויף דער הוצאה וואס ער בע־נעטהיגט, וועט איהם געבען מוטער וויקטאָריע.

אויף דיעזער ארט, האט איהם פילאָמענע אקצעפטירט אלס איהר געליעבטען. מאנכע פון איהרע בעקאַנטע פריינדינען האבען אפילו געלאכט פון איהר, אָבער

אנדערע האָבען איהר מודה געווען, אז זיא האט שכל אונד וויים וואס זיא טהוט.

איבריגענס, האט זיא זיך דען פערקויפט צו פעקע'ן ? אין געגענטהייל, זייענדיג פערזאָרגט מיט אַלעס וואס זיא בענעטהיגט, וועט זיא נאָך קענען האבען א בעסערע געלעגענהייט זיך ערשט אויפצוזוכען א יונגען אונד שעהנעם מאַן, מיט וועלכען זיא זאָל געניעסען ליעבע. עס ווערט זיך איהר שוין דאמאלס לוינען, זיך אָבצוקלייבען וועמען זיא וויל. איבערהויפט, ווען זיא ווערט ניט דארפען ארוים קוקען דארויף, דער שעהנער אונד יונגער זאָל איהר געבען געלד. פילאָמענע אליין, אִיז אויך געווען פון דערזעלבער מיינונג.

פאָרלויפיג, נאַטירליך, איז זיא נאָך ניט געווען ענטשלאָסען צו געהן זוכען גע־ליעבטע. זיא האט זיך געטראַכט, אז מיט דער צייט, וועט זיך שוין איינער אָב־זוכען, אונד זיא האט אויך ניט געהאט צו וואַרטען פיעל דארויף.

נאָך מעהר, פעקע זעלבסט, האט איהר געבראַכט דעם געליעבטען אין הויז אריין.

עס איז געווען אין יענע עטליכע טעג, נאָך דעם מאָרד פון סעווערינע רובאָ אין קראָא דע מאָפרא, אונד נאכדעם וויא דאס באהן־אונגליק איז געשעהען, ווען זשאק לאַנטיער, האט נאָך ניט געקריגען זיין נייע מאשין אנשטאט דער צער־שמעטערטער „ליסאָן.“ איבערהויפט איז ער נאָך געווען שוואך נאָך דעם אונגליק, וואו ער איז שיער געהרג'עט געוואָרען, אונד ער האט בעשלאָסען צו פערבלייבען אין פאַריז א פאאר וואָכען. פעקע, זיין פייערמאַן, איז געווען גלייך מיט איהם אין פאַריז.

דער אַלטער פעקע, זייענדיג שטאָלץ אויף זיין יונגע אונד שעהנע געליעבטע, האט ער אין א טאָג איינגעלאַדען זשאק'ן, ער זאָל מיט איהם מיטגעהען זיא זעהען. זשאק האט אָנגענומען דיא איינלאַדונג.

פילאָמענע האט שוין געהערט פון זשאק'ן, וויא אַזוי דער אסיסטענט סטאַ־ציאָנס־מייסטער'ס פרוי, מאדאם רובאָ, האט זיך אין איהם פערליעבט אונד דאַן דיא גאנצע געשיכטע. ווער האט עס ניט געוואוסט ? גאַנץ פראַנקרייך, איבערהויפט פאַריז, האט דערמיט געקלונגען.

ווען פילאָמענע האט צום ערשטען מאָל ערבליקט זשאק'ס בלאַסע געזיכט, האט זיא מיט איהם סימפאטהיזירט. דאַן, ווען ער האט עפטער בעזוכט איהר הויז אין דער בעגלייטונג פון פעקע'ן, האט זיא זיך אין איהם פערליעבט.

ווירקליך, ער איז דאָך געווען אזא שעהנער מאַן !

פילאָמענע האט זיך דאן געטראכט, אז דיעזער מה זיין דעריעניגער, מיט וועלכען זיא דארף געניעסען ליעבע, אונד עס האט ניט פיעל צייט גענומען זיך מיט איהם איינצופערשטעהען. אָבער פעקע איז געוועזען שארפזיניג. ער האט גע.עזען אין זייערע בליקען ליעבעס־געפיהלע, אָבער, אום ער זאָל זיך ניט מאכען צום נאר, האט ער בעשלאָסען גאר ניט צו זאגען, נאָר זייא גוט אויפפאסען.

אָבער פילאָמענע האט געפונען א מיטעל וויא אזוי לויז צו ווערען פון פעקע'ס אויפמערקזאמקייט. זיא האט אין א טאָג אריין געשטופט זשאק'ן א צעטעל אין דער האנד, וואו זיא האט איהם מיטגעטהיילט, אז צווישען 5 אונד 6 אוהר נאכמיטאג, אויף'ן צווייטען טאָג, זאָל ער זיא ערווארטען אין א געוויסען האָטעל.

זשאק האט דיא איינלאדונג אַקצעפטירט מיט פערגניגען, אונד, אויף דיעזער ארט, האט ער זיך זעהר אָפט בעגעגענט מיט פילאָמענע'ן.

ווען זשאק האט פערלאָזען דאס געריכטס־הויז נאכדעם וויא דער אורטהייל איז אויסגעשפראָכען געוואָרען איבער קאָביש'ן, האט איהם פעקע שוין ער־ווארטעט. זייא האבען נאך געהאט בלויז איין שטונדע צייט ביז זייער צוג זאָל אָבגעהען.

זשאק האט שוין געהאט א נייע מאשין, זייט 4 וואָכען צייט, אונד פעקע איז ווידער געוועזען זיין פייערמאַן. אין דיעזען טאָג, האבען זייא געהאט צו מאכען איין עקסטרא רייזע, דאס הייסט אַביסעל פריהער וויא געוועהנליך, ווייל דער צוג איז געוועזען געפאקט מיט סאָלדאטען, וואס האבען געמוזט אָבגעהען צו דער גרענעץ, וואוהין אנדערע טראנספאָרטען טרופען האבען נאכגעפאָלגט, צור פאָרבערייטונג פון דעם קריעג צווישען פראנקרייך אונד דייטשלאנד.

פעקע האט אלעס ערפאהרען. ער האט געוואוסט, אז ער ווערט בעטראגען דורך זשאק'ן. מיט א טאָג פריהער, האט ער געזעהען ארויס פאלענדיג א צעטעל פון זשאק'ס קעשענע, וועהרענד ביידע זיינען געווען אויף דער באהן, אונד איבער־לאָזענדיג שפעטער דיעזען צעטעל, האט ער אויסגעפונען, אז דאס איז געווען פילאָ־מענעס איין אלטע איינלאדונג זיך צו בעגעגענען אין א געוויסען האָטעל.

פעקע האט אין יענער נאכט מעהר ניט בעזוכט פילאָמינע'ן ; ער האט מורא געהאט, אז ער וועט זיין וואוטה ניט קענען איינהאלטען. זשאק'ן האט ער געהאסט וויא דעם טויט.

ווארום ער האט מורא געהאט, אז ער וועט בייא פילאָמענען ניט קענען איינהאלטען זיין וואוטה אונד בייא זשאק'ן האט ער דערפאר קיין מורא ניט געהאט.

האט ער נים געוואָלט איבערקלערען. נאך מעהר, זשאק׳ן האט ער געזוכט, ערוואר־טעט מיט אונגעדולד, ער זאָל מיט איהם זיין צוזאמען.

וואס ער וועט איהם זאגען, וואס ער וועט טהון, האט ער נים געקענט בעגרייפען. אין זיינע אויגען איז געלעגען מאָרד אונד בלוט־דורסטיגקייט. זשאק איז געוועזן צו אויפגערעגט פון דעם פראָצעס, אונד ער האט קיין זאך געמערקט אויף פּעקע׳ן. ער האט בלויז געוואוסט, אז ער מוז איילען אום ניט צו פערשפּעטיגען דעם צוג.

ביידע האבען זיך אויפגעזעטצט אויף א דראָשקע, אונד זיינען צוגעפאָהרען צום באהנהויף שטילשווייגענד. יעדער איז געוועזן פערטיעפט אין זיינע אייגענע געדאנקען.

דיא וואגאָנען האבען אָנגעפאנגען געפּאקט צו ווערען מיט סאָלדאטען, אונד פּעקע איז ארויף אויף דער מאשין־פּלאטפאָרמע, וואו ער האט בעסער אונטערגע־צונדען דאס פייער אונד אויפגעלעגט מעהר קוילען.

זשאק האט שפּאצירט אויף דער באהן־סטאציאָן הין אונד צוריק אונד איז געוועזן שטארק פערטראכט. איין אָפיציער, וועלכער האט זיך געאיילט אויסצרטהיילען בעפעהלע, האט זיך אָנגעשלאָגען אן זשאק׳ן. דער אָפיציער האט ארויס געלאָזען א פלוך פון זיין מויל, נאָר זשאק איז געבליעבען שטעהען שטילשווייגענדיג אונד עס האט איהם גענומען עטליכע אויגענבליקען צייט ביז ער זאָל בעגרייפען דעם אָפיציער׳ס בעליידיגונג. דאן האט עס אויסגעזעהען, אז ער האט איהם געוואָלט נאכלויפען, נאָר דער אָפּיציער, זעהענדיג, אז דעם וואס ער האט בעליידיגט ענטפערט ניט, איז ער אוועק אונד איז באלד פערשוואונדען געוואָרען צווישען דער גרויסער מאסע סאָלדאטען.

זשאק האט געקריטצט מיט דיא צייהן אונד אין זיינע אויגען האט אויפגע־פלאמט דאסזעלבע פייער פון מאָרד, וויא אין יענעם אבענד צור צייט וואס ער האט געקוילעט סעווערינע׳ן.

דער קעסעל אין דער מאשין האט אָנגעפאנגען שטארקער צו קאָכען אונד רוישען; א דאמפּף האט ארויס געזעטצט פון דיא אונטערשמיע רעהרען נעבען דיא רעדער; פון דעם גרויסען קוימען האט געוויטהעט א דיקער רויך, אונד זשאק, צר קומענדיג נעהנטער אונד דאס זעהענדיג, האט ער אויסגעשריען:

„פּעקע! ביסטו משוגע? וואס מאכסטו אזא פייער? ווילסטו פּלאטצען דעם קעסעל? לאָז ארויס דעם דאמפּף, דוא פערריקטער!“

פעקע האט ניט געענטפערט, נאָר ער האט מיט דער אייזערנער לאָפּעטע ווייטער אריין געשאָטען קוילען.

„צום טייפעל, פעקע!“ האט זשאק נאך אמאל געדונערט, „ביסטו טויב? הערסטו ניט וואס איך זאג?“

ביי דיעזע ווערטער איז ער מיט איין שפרונג געווען אויף דער מאשין פלאטפאָרמע, אונד כאפּענדיג פעקע׳ן ביי דער האנד, האט ער איהם פערהינדערט אריין צו שיטען נאך א לאָפּעטע קוילען.

„געה צום טייפעל!“ האט ער אויסגעשריען איהם אוועק שטויסענדיג אויף א זייט.

דיא קוילען פון דער לאָפּעטע האבען זיך אויסגעשאָטען אויף דער פלאטפאָרמע אונד פון זשאק׳ס מעכטיגען שטויס, איז פעקע אוועק געשליידערט געוואָרען אויף א זייט, וואו ער איז געבליעבען שטעהען אָנגעשפּארט וויא א פערוואונדעטער טיגער.

פון דעם געעפענטען טהירעל אין דער מאשין, האט זיך געקענט זעהען א פירכטערליכעס פייער, ווארפענדיג פון זיך לאנגע רויטע צונגען אונד וויטהענדיג מיט א פירכטערליכען גערויש. זשאק האט אונטערדעסען שנעל געעפענט דיא דאמפף־דריקערס אונד ארויס געלאָזען דעם אָנגעזאמעלטען דאמפף פון דעם קעסעל. דאן האט ער געעפענט דיא הינטערשטע אייזערנע גראטעס אין אויוען, וואוהין א גרויסען טהייל פון דעם פייער איז אַרונטער געפאלען אונד דיא פלאמען האבען זיך עטוואס געשטילט.

וועהרענד דעם, האט עס אויסגעזעהען, אז פעקע האט צייט געהאט זיך צו בעראטהען מיט זיך זעלבסט. ער האט איינגעזעהען, אז ער איז א דומקאָפּ, אונד דאס זיין פּלאַן וואס ער האט זיך פאָרגעשטעלט, קען אויף אזא ארט ניט דורכגע־פיהרט ווערען.

זשאק׳ס שנעלע ארבייט אונד אנשטרענגונג האט איהם בעגאָסען מיט א שווייס פון קאָפּ ביז פיס. ער האט דאן שנעל אַרונטער געוואָרפען זיין ראָק, אונד ארויס נעהמענדיג א האנד־טיכעל פון דער קעשענע, האט ער זיך אָנגעפאנגען צו ווישען זיין געזיכט.

זיך אומווענדענדיג, האט עס אויסגעזעהען, אז ער האט זיך וויא דערמאָהנט אן פעקע׳ן.

„וואס איז מיט דיר, אַלטער דומקאָפּ?“ האט ער געפרעגט.

„וואָרום האָט איהר מיך געגעבען אזא שליידער?" האָט פּעקע געפּרעגט מיט א רחמנות'דיגען פּנים.

„ווארום, פרעגסטו? דוא האָסט דאָך געקענט פערדאָרבען דאס גרעסטע אונגליק! איך האב צו דיר צוויא מאל געשריען, אונד דוא..."

„ווער האָט געשריען? מיר דאכט איהר זיים פעררינקט. איך האב ניט געהערט קיין וואָרט."

פון דער באַהן־סטאַציאָן האָט זיך געהערט דער ערשטער קלונג פון דעם גרויסען גלאָק. פּעקלעך, קעסטלעך אונד רענצלעך, וועלכע זיינען נאָך געלעגען אויף'ן טראָטואַר, האָבען אָנגעפאַנגען שנעל אריין געוואָרפען צו ווערען אין די וואַגאָנען, אונד די אָפיצירען האָבען געשריען וויא די ווילדע צו די סאָלדאַטען, זייא זאָלען זעהן פערטיג ווערען, ווייל דער צוג געהט באַלד אַוועק.

דאַן האָט צום צווייטען מאל געקלונגען.

א פּאָאר אָפיצירען האָבען צוגעדרונגען די סאָלדאַטען, דאַן האָט זיך דער רעסט אריין געשטופּט אין די געפּאַקטע וואַגאָנען, אונד ווען מען האָט צום דריטען מאָל געקלונגען, איז יעדער שוין געווען אויף דער באַהן.

די מאַשין האָט זיך לאַנגזאַם גערירט פון איהר פּלאַטץ, א שניידענדער פייף האָט דערציטערט די לופט, אונד דאַן אלץ שנעלער אונד שנעלער, האָט די באַהן אָנגעפאַנגען צו שוועבען אונד פערלאָזען די פרעהליכע שטאָדט פּאַריז, מיט אזוי פיעלע יונגע מענשען וואס זיינען אוועק אין א שליחות, וואו זייא האָבען געהאַט 90 פּראָצענט אויסזיכטען צו ערוואַרטען דעם טויט.

די אָפיצירען אונד מייסטענטהיילס פון די סאָלדאַטען, האָבען ארויס גענומען פלעשער ווין, מאַנכע האָבען געהאַט גלעזלעך אונד אַנדערע האָבען געטרונקען פון די פלעשער. א טהייל האָבען געגעסען.

פון א פּאָאר וואַגאָנען האָבען זיך אָנגעפאַנגען צו הערען מונטערע שטימען אין געזאַנג, אונד פאַר דיעזע וואס זיינען געשטאַנען אויף'ן וועג, האָט די באַהן מיט די 15 וואַגאָנען אונד מאַשין, אויסגעזעהען וויא א לאַנגער, שוועבענדער אונד זינגענדער ריעז.

די מונטערקייט האָט געשטיעגען פון מינוט צו מינוט, אונד אייניגע סאָל־דאַטען, שטאַרק פרעהליך פון דעם שלעכטען וויין, האָבען געוואָלט אנפאַנגען צו טאַנצען, נאָר זייא האָבען קיין פּלאַטץ ניט געהאַט.

די באַהן האָט דורכגעשניטען דעם ערשטען קורצען טונעל, דאַן א וואַלד אונד איז געבליעבען שטעהען נעבען א סטאַציאָן, וואו ששאַק האָט געמוזט ארויס

לאָזען א היבשען מהייל פון דעם דאַמפף וואס האט זיך שנעל געזאַמעלט אין דעם שטאַרק קאָבענדען קעסעל. דאַן האט דיא באַהן וויעדער געריהרט פון פּלאַטץ, דאס געזאַנג פון דיא סאָלדאַטען האט זיך געשטאַרקט, אונד דיא מאַשין מיט דיא וואַגאָנען האַבען געשוועבט אַלץ ווייטער אונד ווייטער.

„שיט אויף אַביסעל קוילען,“ האט זשאַק בעמערקט צו פּעקע'ן, וועלכער איז נאָך אימער געזעסען פערזונקען אין געדאַנקען אונד קיין וואָרט געשפּראָכען. „אָבער נאָר אַביסעל, מערק דיר.“

פּעקע האט זיך אויפגעהויבען, גענומען דיא אייזערנע לאָפּעטע, אריין געשטעקט אין דעם הויפען קוילען אונד איז געבליעבען שטעהן.

א וויטהענדער געדאַנק האט איהם פעראורזאַכט ניט דורכצופיהרען זיין ארבייט. זשאַק האט געהאַלטען זיין רעכטע האַנד אויף דעם דאַמפף־רעגולערער אונד געקוקט צום גראַד וואס האט אָנגעצייגט דיא היטץ אין דעם קעסעל. דאַן האט ער זיך דער־מאָהנט, אַז פּעקע האט נאָך זיין בעפעהל ניט דורכגעפיהרט.

אהנע זיך אומצוקוקען, האט ער בעמערקט:

„אַלזאָ, פּעקע, וואס טהוסטו דאָרט, שלאָפסט?“

ניין, פּעקע איז ניט געשלאָפען; ער איז בלויז געוועזען פערטראַכט. זשאַק'ס שטימע האט איהם געבראַכט צו זיין בעזינונג. אנשטאַט אויפצוהויבען דיא קוילען מיט דער אייזערנער לאָפּעטע, האט ער זיא ארויס געשלעפּט, זיך אָבגעווענדעט אויף א זייט, אונד קוקענדיג צו זשאַק'ס קאָפּ, האט ער אויפגעהויבען דיא לאָפּעטע אונד זיא ארונטער געלאָזען מיט איין אוננעהייערער מאַכט.

ווען דיא שווערע לאָפּעטע וואָלט געטראָפען איהר ציעל, וואָלט זיא פּאָזיטיוו צערשמעטערט זשאַק'ס קאָפּ, אָבער פּעקע, אין זיין איבעראייַלטער אויפרעגונג, האט געטראָפען מיט דער לאָפּעטע אָן דעם דינעם אָבער שטאַרקען אייזערנעם סטופּ, וואס האט געבילדעט דיא רעכטע עק־זייט פון דער מאַשין־פּלאַטפאָרמע.

דער קלונג פון איין אייזען אָן צווייטען, האט פעראורזאַכט וואס זשאַק האט זיך באַלד אומגעווענדעט אונד ערבליקט פּעקע'ן, וועלכען עס איז געלעגען וויא א נעלע שוים ארום מויל אונד זיינע אויגען האַבען זיך געדרעהט מיט איין אוננאַטיר־ליכען גלאַנץ.

„וואס...“ זשאַק האט אָבער קיין צייט ניט געהאַט צו זאָגען וואס ער האט געוואָלט, דען דער וויטהענדער פּעקע האט נאָך אַמאָל אויפגעהויבען דיא לאָפּעטע אונד זיך פאַרבערייטעט איהם צו געבען א צווייטען קלאַפּ.

זשאק'ס רעכטע האנד האט אַבגעלאָזען דעם דאמפּף־רעגולירער, אונד מיט דער לינקער האט ער פריהער אַבגעשטויסען דיא לאָפּעטע איידער זיא האט זיך נאָך ארונטער געלאָזען. דאַן האט ער מיט דער רעכטער האנד אָנגעכאַפּט פּעקע'ס ראָק.

פּעקע איז געווען עלטער אונד אויסגעזעהען שוואכער וויא זשאק. אָבער דיא מאַכט אין זיינע מאָגערע אונד אויסגעארבייטעטע הענד, איז געווען פיעל גרעסער וויא זשאק'ס. פּעקע האט שנעל אַבגעלאָזען דיא לאָפּעטע, אונד וויא א וואָלף מיט זיינע ציינער, אזוי האט ער אָנגעכאַפּט זשאק'ן מיט דיא הענד ביים זיין האלז.

דער דריק איז געווען וויא פון צוויא אייזערנע צוואַנגען. זשאק'ס אויגען האבען אויסגעזעהן צו וועלען ארויס שפּרינגען פון זייערע לעכער. ער האט דעם אטהעם ניט געקענט כאַפּען. אלע זיינע קרעפטען האט ער אָנגעווענדעט אָבצוטרייסלען פּעקע'ן פון זיך, אָבער אומזיסט. ער האט איהם דאַן אָנגעהויבען צו שלאָגען מיט זיינע פיס, אָבער דאס האט אויך ניט געהאָלפען.

דיא באהן איז געלאָפען, אלץ שנעלער אונד שנעלער. דער דאמפּף האט זיך געזאמעלט אונד דער קעסעל האט שטארק געקאָכט. אין מיטען פון דיזען קאַמפּף, האט זשאק געהערט דאס רוישען פון דעם קאָכענדען וואסער אונד שטירמישען דאמפּף.

פּעקע, אין זיין קאמפּף, האט פערפאָלגט נאָר איין צוועק. ער האט געזוכט אָבצושטויסען זשאק'ן פאָרווערטס, אלץ ווייטער אונד ווייטער, צום ענדע פון דער פּלאַטפּאָרמע.

דיא גאנצע צייט האט ער קיין וואָרט גערעדט, אָבער, זיך זעהענדיג נאָהענט פון זיין ציעל, האט ער אויסגעשריען פון צווישען זיינע צוזאמענגעקלעמטע ציינער:

„באַנדיט! דאס איז פאר פילאָמענע'ס ליעבע!"

זשאק האט שוין אלעס פערשטאַנען. ער האט געוואָלט עפּעס זאָגען, זיך זאָגאר פערט־היידיגען, אָבער פּעקע'ס אייזערנער גריף אויף זיין האלז, האט ניט נאָכגעלאָזען.

ווען זשאק האט בעגריפען פּעקע'ס אבזיכט, האט ער געפיהלט דיא קאַלטקייט פון טויט־שרעק ארויף קריכענדיג אויף זיין קערפּער.

פּעקע האט איהם געוואָלט ארונטער ווארפען פון דער באַהן; זשאק האט געוואוסט, אז עס איז זיכערער טויט.

זשאק האט פּראָבירט אָנצרווענדען אלע זיינע קרעפטען אונד צוריק שטויסען

פעקע׳ן, אָבער עס איז שוין געווען צו שפעט. פעקע איז געשטאַנען מיט דינע פליצעס אָנגעשפאַרט אויף דעם אייזערנעם סטופ אונד זשאַק האַט איהם מעהר ניט געקענט ריהרען פון דעם פּלאַטץ.

„בּירדר!‟ האַט זשאַק אויסגעכאַרכעלט. נאָר קיין וואָרט האַט ער ניט גע־קענט ארויס ברענגען.

זיין טויט־בלאַסעס געזיכט איז געווען בעדעקט מיט א קאַלטען שווייס, זיינע קניען האָבען אָנגעפאַנגען צו ציטערן, זיינע געדאַנקען זיינען צומישט געוואָרען אונד ער האַט געשפירט דאָס געפיהל פון אָהנמאַכט וואָס קומט פון ערשטיקען.

אָבער א שרעקליכעס האַט דאַמאַלס ערוואַכט אויך אין זשאַק׳ס ברוסט. ער האַט געזעהן, אַז ער קען ניט לויז ווערען פון דעם טויט. אָבער ער האַט בעשלאָסען צו שטאַרבען צוזאַמען מיט זיין מערדער.

ער האַט אָנגענומען מיט זיינע לעטצטע קרעפטען פעקע׳ס ראָק, איהם צוגע־צויגען צו זיך אונד...

זשאַק אַליין האַט ניט מעהר געוואָלט וואַרטען: ער האַט זיך אויסגעבויגען, אונד, צוזאַמען מיט פעקע׳ן, איז ער אַרונטער געפאַלען פון דער מאַשין פּלאַטפאָרמע.

ביידענס קעפּ האָבען בעריהרט דאָס ברייטע שטיק אייזען וואָס שיטצט די מאַשין־ראָד. די קראַפט איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז זייערע קעפּ זיינען צוזאַמען געדריקט געוואָרען וויא צוויא ווייכע עפּעל. אָבער אויך אין דעמזעלבען אויגענבליק, האַט זייא דער קראַפט פון דעם קלאַפּ, אָבגעשטויסען אונד פערשליידערט עטליכע מעטער ווייטער אויף׳ן גראָז, וואוהין זייא זיינען געפאַלען מיט די געהירן אַרויס רינענדיג פון זייערע צערשמעטערטע קעפּ.

די באַהן איז ווייטער געלאָפען, שנעל, שטירמיש אונד ווילד, אונד די סאָל־דאַטען האָבען געזונגען אָהנע זאָרג, אָהנע צו האָבען די מינדעסטע אַהנונג פון דעם אונגליק וואָס עס שטעהט זייא פאָר. דער וויין אונד דער פּאַטריאָטיזמוס האָט אַוועק געטריבען אַלע זייערע געפיהלע זיך צו מערקען, אַז עפּעס אונגעוועהנליכעס איז געשעהען.

ערשט ביי דער נעכסטער סטאַציאָן, וואו די בעאַמטע האָבען ערוואַרטעט די באַהן זאָל בלייבען שטעהן, האַט דער צוג פאַרביי־געשוועבט וויא א ווינט אונד יעדער האַט איהם נאָכגעקוקט ערשטוינט אונד ערשראָקען. מען האַט שנעל טעלע־גראַפירט צו דער צווייטער באַהן־סטאַציאָן, אַז עפּעס אונגעוועהנליכעס, שרעקליכעס

אונד אונפערשטענדליכעס האט פאסירט מיט דעם צוג וואס זשאק לאנטיער האט געפיהרט, אבער דאס האט זעהר ווייניג געקענט העלפען.

אלעס וואס די דארטיגע בעאמטע האבען געקענט טהון, איז געווען, ארויס צו קומען אין מאסען אויף דער פלאטפארמע אונד בליקען מיט דערשראקענע געזיכטער, וויא דער צוג, מיט בליץ־שנעללינקייט ערשיינט אונד לויפט דורך אהנע זיך אבצושטעלען.

די סאלדאטען האבען גאר ניט געמערקט; זייא איז קיין זאך קשה געווען, אבער א קאנדוקטאר איז אויפמערקזאם געווארען אונד זיך געזעטצט אין פערבינדונג מיט די איבריגע קאנדוקטארען. איינער איז אוועק זעהן וואס עס איז מיט דעם אינזשעניער.

ער האט קיינעם ניט געטראפען!

לייכענבלאס האט ער געאיילט צוריק אונד דערצעהלט, אז די באהן איז אהן א פיהרער. קיינער פון די קאנדוקטארען האט געוואוסט וויא אזוי אבצושטעלען דעם צוג.

ענדליך האט מען דאס מיטגעטהיילט א מאיאר־אינזשעניער, אונד דיזער האט אבגעלאזען דעם גאנצען דאמפף אונד אבגעשטעלט די באהן.

— — — — — — — — — —

דער טויט פון זשאק לאנטיער מיט דעם פייערמאן פעקע, איז געווען א רעטעניש פאר יעדען; בלויז פילאמענע אליין האט זיך געמערקט וואס דאס קען בעדייטען. אבער זיא האט אויך זיכער ניט געוואוסט די אורזאכע.

דעם גרעסטען איינדרוק האט דער טויט פון זשאק לאנטיער געמאכט אויף העגרי רובא, דער אסיסטענט סטאציאנס־מייסטער.

רובא, וויא ער האט נאר געלעזען די נאכריכט אין די צייטונגען, איז ער אוועק נאך פאריז אונד אויפגעזוכט דעם אינסטרוקציאנס־ריכטער דעניזעט.

„איך האב אייך עפעס וויכטיגעס מיטצוטהיילען,“ האט רובא געזאגט מיט ציטערענדע ליפען.

דעניזעט האט זיך געאיילט צו פערלאזען דאס געריכט־הויז אום אהיים צו געהען עסען מיטאג.

„קומט מארגען, אום 10 אוהר פריה, יעטצט האב איך קיין צייט ניט,“ האט דעניזעט געענטפערט.

„דאן לאזט מיך פריהער ארעטירען,“ האט רובא געזאגט אונגעדולדיג, „איך בין א מערדער!“

דעניזעט איז געבליעבען שטעהען אונד בעטראכט רובאָ'ן ערשטוינט, דאן מיט גייניערינקייט, אונד זעהענדיג זיין בלאַסעס געזיכט אונד דיא בלויע קארבען אונטער זיינע אויגען, האט ער איהם אריין גערופען אין א זייטען־צימער, איהם געהייסען זיטצען אונד דערצעהלען וואס ער וויל.

רובאָ האט אָנגעפאַנגען צו דערצעהלען אלע איינצעלהייטען וויא אזוי ער האט אויסגעפונען, אז גראַנדמאַרין האט איהם בעטראָגען, אונד דיא גאַנצע געשיכטע פון דעם מאָרד אונד נאָך דעם מאָרד.

דעניזעט האט דערקענט, אז יעדעס וואָרט איז וואהר. ער האט בלויז געפרעגט איין פראגע:

„אונד וויא אזוי קומט דער דיינער מיט דער קיים אין קאַביש'עס צימער?"

„קאַביש האט דערצעהלט דיא וואהרהייט," האט רובאָ געענטפערט, „אונד ניט נאָר וואס ער האט ניט ערמאָרדעט גראַנדמאַרינען, זאָנדערן ער איז אויך אונ־שולדיג אין סעווערינע'ס מאָרד. זשאַק, גלויב איך, איז געוועזען איהר מערדער! מעהר האב איך שוין ניט געקענט ערטראגען דיא מאַרטערניסע פון מיין געוויסען, אונד איך האב געמוזט אלעס דערצעהלען. יעטצט איז מיר לייכטער אויף מיין הערצען; איהר קענט מיט מיר טהון וואס איהר ווילט."

הענרי רובאָ, דער אסיסטענט סטאַציאָנס־מייסטער, איז ארעטירט געוואָרען אויף דעם בעפעהל פון אינסטרוקציאָנס־ריכטער דעניזעט, אונד ער האט אויך אָנ־געזאגט, אז ניעמאַנד זאָל מיט איהם רעדען, ביז ער וועט דאס ערלויבען.

שפּעטער, ווען דעניזעט האט אלעס מיטגעטהיילט דעם פּראָקוראָר־גענעראַל קאַמי־לאַמאָט, האט דער לעטצטער בעמערקט:

„גוט האט איהר געטהאָן וואס איהר האט איהם בּלאָזען ארעטירען, אונד אָנגעזאגט, אז קיינער זאָל מיט איהם ניט פערקעהרען. עס שיינט, אז ער איז משוגע, אָבער זיין משוגעת קען געפעהרליך ווערען, ווען ער זאָל דאס אויספּלוידערן. דענקט איהר ניט, אז עס וואָלט געווען נעשייט איהם אָבצושפּארען אין א משוגעים־הויז?"

דעניזעט האט צו איהם געבליקט אונענטשלאָסען; נאָר ענדליך האט ער געענטפערט:

„יא, יא, דאס וואָלט געווען זעהר גוט."

קאַמי־לאַמאָט האט דאן בעשלאָסען, אז מיט עטליכע מאָנאַט שפּעטער, זאָל ער רעקאָמאנדירען קאַביש'ן פיר גנאָדע צום קייזער זעלבסט.

ע נ ד ע.

היינט־מאדישע חתונות.

k. &m.

I.

נראף מאקסים דע לא ראָשע מאבלאָן איז א יונגער מאן פון א יאָהר צוויי און דרייסיג. ער שטאמט ארוים פון איינע פון דיא עלטסטע און אנגעזעהענסטע פאמיליעס אין אנזשו. זיין פאָטער איז געווען א סענאטאָר אונטער נאפאָלעאָן דעם ערשטען און, וויא ער פלעגט זאגען, איז ער געבליעבען טריי זיינע רעאליסטישע גע־זינונגען. זייער פאמיליע האט דורך דיא עמיגראציאָן ניט פערלארען קיין ברעקעל לאנד און ביז היינטיגען טאָג ווערט זיא גערעכענט צווישען דיא גרעסטע לאנד בע־זיצער פון פראנקרייך. מאקסים האט אין זיין יוגענד געפיהרט א פרייליכעס לעבען. אָנפאנגס איז ער אריינגעטראטען אין דעם פאפסט'ס גווארדיע, און אומקעהרענדיג זיך צוריק אין פאריז, האט ער זיך צולאזט אויפ'ן גרויסען אויפן: ער האט אָנגע־הויבען צו געמבלען, צו האלטען געליעבטע, האט געהאט א דועל, נאָר נאָך אלעמען האָבען זיינע סקאנדאלען ניט געמאכט אזא אויפרוהר, אז זיי זאלען אויף זיך צוציהען דיא אויפמערקזאמקייט פון פובליקום.

מאקסים איז פון הויכען וואוקס, א גוטער רייטער און זיין אינטעליגענץ איז א געוואוינליכע. זיינע ליידענשאפטען זיינען ניט אויסערגעוואוינליכע און דענקט אָנהויבען צו פיהרען א שטאט און צו מאכען זיין קאריער אלס דיפלאָמאט.

דיא גאנצע דעה־זאָגערקע אין דער ראָשע מאבלאָן פאמיליע איז דיא טאנטע באראָנעסע דע בוזיע, אן אלטע דאמע אבער פול מיט לעבען און האט א פערקעהר אין דער געלעהרטער און פאָליטישער וועלט. אזוי גיך, וויא איהר נעפפע מאקסים האט איהר אנפערטרויט זיינע פלענער, האט זיא איהם געזאָגט, אז פריהער פון אלעם מוז ער חתונה האבען, וויל חתונה איז דער פונדאמענט פון יעדער ערשטע קאריערע. מאקסים האט ניט קיין שטארקע איינווענדונגען געגען חתונה האבען, ער האט וועגען אזא שריט קיין מאָל ניט געדאכט און וואָלט געוויס בעסער וועלען פערבלייבען א בחור; נאָר אויב עס איז אונבעדינגט נויטהיג פאר איהם חתונה צו האבען, אום צו קענען מאכען א קאריערע, וועט ער זיך אונטערוואָרפען אונטער דער פארמאליטעט, וויא ער וואָלט זיך אונטערוואָרפען יעדער אנדערער. מיט א שמייכעל איז ער זיך מודה, אז ער איז אין קיינעם פערליעבט און קען זיך ניט דער־מאָנען, אז ער איז ווען עס איז געווען: יעדעס מיידעל, מיט וועלכע ער האט גע־טאנצט אין א סאלאָן שיינט איהם צו זיין געקליידעט אין דעם זעלבען ווייסען קלייד און טראָגט אויף דיא ליפען דעם זעלבען שמייכעל. מאדאם דע בוזיע איז דערפון ענטציקט און נעהמט דיא גאנצע אנגעלעגענהייט אין איהרע הענד.

צווי טעג שפעטער דערצעהלט איהם דיא בּאראנעסע פון מארטואועל חענ־ריעטע דע סאלנעוו. זיא קומט ארויס פון אן אלטע נארמאנדישע אדעליגע פאַמיליע, האט א פיינעם פערמעגען און דאס איז א גלייבער שדוך פארביידען און קיין בעסערע פּאר וועט מען ניט קענען געפ׳נען. מאקסים שאקעלט צו מיט׳ן קאפ מיט א מינע אז ער איז איינפערשטאנדען. איהם שיינט עס צו זיין גאנץ פערשטענדליך. זיי זיינען ביידע פון איין יחוס און זייערע פערמעגענס זיינען אויך כמעט גלייכע און דער צד פון איהר משפחה וועט איהם פיעל העלפען, אויב ער וועט זיין פלאן צו מאכען א קאריערע, אלס דיפלאמאט, ניט ענדערן.

— מיר שיינט, אז זיא איז א בלאנדינקע?

— ניין, זיא איז א ברונעטקע, ענטפערט דיא באראנעסע; דאס הייסט אויב איך האב קיין טעות ניט

נאר דאס מאכט גאר ניט אויס. אלענפאלס זיכער איז אז הענריעטטע איז אלט נײַנצעהן יאהר מאקסים דיינקט, אז ער האט מיט איהר געטאנצט, נאר עס איז מעגליך, אז ער האט א טעות און געטאנצט האט ער נאר מיט איהר אינגערער שוועסטער. וועגען איהר ערציהונג ריידען זיי גאר ניט, דאס איז גאנץ איבריג; ער־ צוינען האט איהר איהר מוטער און דאס איז גענוג און וואס עס אנבעלאנגט צו איהר כאראקטער, קען קיין פראגע ניט זיין, ווייל קיינער ווייס עס ניט. מאדאם דע בחיע ערקלעהרט, אז זיא האט איהר א מאל געהערט שפּילען שאפענ׳ס א וואלץ מיט פיעל געפיהל און איצט איז נאר פערבליבען זיי זאלען זיך בעגעגנען אין א בעקאנטען סאלאן.

ווען מאקסים האט ביינאכט בעגעגנעט מאדאמואזעל סאלנעוו, איז ער שטארק פערוואונדערט געווארען ביים אויסגעפינען, אז זיא איז א שעהנע. ער טאנצט מיט איהר און מאכט איהר א קאמפלימענט אז איהר פעכער איז א פיי־נער, און זיא בעדאנקט איהם מיט א שמייכעל. צוויי וואכען שפעטער בעט ער אפיציעל אום איהר האנד און מען בעשפרעכט דיא איינצעלהייטען פון דיא תנאים אין דיא אנוועזענהייט פון דיא נאטאריוסען. מאקסים האט אונטער דער צייט גע־זעהן הענריעטטע פינף מאל, זיא זעהט גאנץ גוט אויס. זיא האט א ווייסע הויט און קיילעכדיגע פארמען און זיא וועט זיך קליידען מיט א געשמאק, ווען זיא וועט אויפ־הערען צו טראגען איהרע מיידעלישע קאסטיומען. אויסער דעם שיינט זיא ליעב צו האבען מוזיק, האט פיינד דעם ריח פון מאסק און האט געהאט א פריינדין קלער, וועלכע איז געשטארבען און דאס איז אלעס. נאר מאקסים דענקט, אז דאס איז איבער גענוג: זיא קומט ארויס פון דיא סאלנעוו׳ס, ער נעהמט איהר ארויס פון

דיא הענד פון זעהר א שטרענגער מוטער. שפעטער וועלען זיי האבען גענוג צייט לעקאנט צו ווערען. דערוויל איז איהם דער געדאנק וועגען איהר ניט זעהר דער־ווידער. ער איז אין איהר נים פערליעבט, נאר איהם געפעלט, וואס זיא איז ניט העסליך, וויל ווען זיא זאל אפילו זיין א מאוסע, וואלט ער אויך מיט איהר גע־הייראטה.

א וואך פאר דער חתונה מאכט דער יונגער גראף א סך הכל מיט זיין בחור־שע' לעבען. זיין איצטיגע געליבטע איז דיא פראכטפאלע אנטאניא, א געוועזענע רייטערקע אין א צירק און וועלכע האט זיך צוריקגעקעהרט פון בראזיליען א בע־דעקטע מיט דיאמאנטען. ער קויפט איהר נייע מעבעל און צינט זיך מיט איהר זעהר פריינדליך נאך אן אבענד ברויט, וואו זיי טרינקען פאר זיין צוקינפטיגען פא־מיליען-גליק. ער צאהלט אב דיא פאר חובות, וואס ער האט, שאפט אב זיין לא־קיי, פערברענט דיא ניט נויטהיגע בריעף און הייסט עפענען דיא פענסטער אום אויסצולופטערן דיא הויז און ער איז פארטיג. נאר טיעף אין זיין זעעלע זיינען פער־בליבען ערינערונגען פון געוויסע שטונדען פון זיין לעבען, ער וויל בעהאלטען אין זיך, נאר וועלכע ווילען זיך מעהר ניט אומקעהרען, וועדליג ער דיינקט, ווען ער ווערט פאר זיי פערמאכען דיא טהירען פון זיין הארץ.

דיא נאטאריוסען פון ביידע צדדים האבען אבגעשריבען דיא תנאים. דיא נידריגע פערהאנדלונגען וועגען געלד זיינען איבערגעגעבען געווארען אין גאנצען צו זיי. וועהרענד דיא תנאים ווערען געלעזען בלייבען ביידע צדדים שטיל; זיי שריי־בען זיך אונטער אהנע א ווארט צו זאגען און גיעבען איבער דיא פעדער מיט א שמייכעל. און זיי שמועסען וועגען זייטיגע זאכען, וועגען א פילאנטראפישען באל, וואס דיא באראנעססע האט אין אויסקוק, וועגען א דרשה, וואס פריסטער דולאק האט געהאלטען און האט ווירקליך ארויסגעוויזען פיעל טאלאנט.

דיא ציוויל האכצייט פינדעט שטאט מאנטאג, א טאג ווען אין דעם מער'ס אפים זיינען חתונות זעלטען. דיא כלה טראגט א זעהר איינפאכע קלייד פון גרויע זיידענס, דער חתן א פראק מיט העלע הויזען. קיינער איז צו דיזער האכצייט איינ־געלאדען, קיינער איז אנוועזענד אויסער דיא פאמיליע און פיער עדות, זעהר אנגע־זעהענע פערזאנען. וועהרענד דער מער לעזט פאר דיא הייראטהס געזעצע בעגעגע־נען זיך מאקסים'ס אויגען מיט הענריעטעס און ביידע שמייכלען. וואס פאר א באר־בארישע שפראך איז דיא שפראך פון געזעץ! איז ווירקליך חתונה האבען אזא שרעקליכע זאך? זיי ענטפערן איינער נאכ'ן צווייטען דעם פייערליכען „יא", אהן א שום געפיהל. דער מער וועלכער איז פון נידריגען וואקס און כמעט הארבאטע,

האט אין זיין פערזאן קיין שום מאַיעסטעטישעס. דיא באַראָנעססע איז געקליידעט וויא צו אן ערנסטע צערעמאָניע און בעטראכט דעם זאל דורך איהרע ברילען און נעפינט, אז דאס געזעץ האט זעהר אן אָרימען וואוינונג. פאר'ן אוועקגעהן לאָזט איבער מאקסים און הענריעטטע צו טויזענד פראנק יעדער פאר דיא ארימע לייט.

דעם גאנצען פאמפ, טרערען און געפיהל שפארט מען אָב פאר דיא רעליגי־עזע צערעמאָניע. און אום קיינעם זאל חלילה אויפ'ן זינען נים ארויף אז דיא צע־רעמאָניע איז א געוואוינליכע, זוכען זיי אָב א פריוואט קירכע, וואס געהערט צוא דיא מיסיאנערען. דאס גיט צו דער הייראט א פנים פון העכערער פרומקייט. מאנסיגנעאו, א בישאפ פון דער זיעד און א ווייטער פערוואנדטער פון דיא סאל־נעוו'ס, וועט בענשען זייער בונד. ווען דער גליקליכער טאג איז געקומען, האט מען אויסגעפונען אז דיא קירכע איז צו קליין; דריי גאסען ארום זיינען געוועזן פער־שטעלט מיט קארעטען. אין קירכע איז האלב דונקעל, עס הערט זיך א גערויש פון נייע מאטעריען, און א שטילער מו־מעל פון שמימען. טעפפיך איז אויסגעשפרייט אומעדום. פאר'ן אלטאר שטייען אויסגעשטעלט פינף רייען פאָטעלען. דיא גאנצע אריסטאקראטיע פון פראנקרייך געפינט זיך צו הויז מיט איהר גאָט. מאקסים זעהט אויס בלייכלאך. הענריעטטע קומט אן אין א ווייסע קלייד און אין א גאנצען וואלקען פון טול. זיא איז אויך זעהר גערוהרט; דיא אויגען זיינען רויט, זיא האָט געוויינט. ווען דער בישאפ שפרייט אויס זיינע הענד איבער זייערע קעפ בלייבען זייא ביידע א פאר סעקונדען אנגעבויגען מיט זעהר א פרומע מינע, וואס מאכט אויף דיא אנוועזענדע דעם בעסטען איינדרוק. נאכדעם רעדט דער בישאפ מיט א זינגענדיגען קול וועגען דיא פפליכטען, וואס דיא פערהייראטע האבען איינער צום צווייטען, און דיא פערוואנדטע ווישען דיא טרערען, אם מייסטען מאדאם בוזיע, וועלכע איז געוועזן זעהר אונגליקליך אין איהר הייראט. דאן ענדיגט זיך דיא צע־רעמאָניע אין דעם ריח פון ווייראך און אין דעם פראכטפאלען שיין פון דיא ברע־נענדע ליכט. דאס איז ניט קיין בורזשואזער לוקסוס, זאנדערן א העכערע אויס־צייכנונג פון רעפינירטע רעליגיאן פאר דעם געברויך פון דעם אדעל געבאָרענעם. דיא גאנצע צייט פון דער צערעמאָניע טראָגט דיא קירכע דעם שטעמפעל פון א סאלאָן.

אין אבענד האבען זייא א פאמיליען מאלצייט בייא פערמאכטע טהירען און פענסטער. און אין מיטען דער נאכט, ווען הענריעטטע ליגט ציטערנדיג אין בעט מיט איהר געזיכט צו דער וואנד, קומט מאקסים אריין, און זיא דערפיהלט פלוצים א קוש אויף איהרע האר. ער איז אריין שטיל נאכהער וויא דיא עלטערן זיינען

ארהים. בייא איהר רייסט זיך ארויס א געשריי, און זיא בעט איהם, ער זאל איהר לאזען אליין. ער שמייכעלט און בעגייט זיך מיט איהר וויא מיט א קינד, וועלכעס מען וויל איינגעהמען. ער איז זעהר גאלאנט, און טרעט צו איהר צו מיט ווייבען און מיט גוטען. ער קען פרויען גוט און ווייס וויא צוא בענעהן זיך מיט זיי. ער פערברייבט מיט איהר און קוסט איהר דיא הענד און גאלובעט איהר מיט זיין קול: זיא דארף זיך פאר איהם ניט שרעקען: איז ער ניט איהר מאן און דארף ער ניט זארגען וועגען איהר טהייערן עקזיסטענץ? און שפעטער ווען זיא ווערט אלץ מעהר און מעהר אנגעשראקען און פאנגט אן צו וויינען און צו רופען דיא מאמען, דענקט ער, אז עס איז שוין צייט אביסעל זיך צו צואיילען, אום זיין לאגע זאל ניט ווערען לעכערליך. ער איז דאך א וועלטליכער מאן, און ער לאזט אראב דעם לאמפ, ער דערמאנט זיך, וויא ער איז זיך בעגאנגען מיט דיא קליינע לארענס דיא אקטריסע, ווען זיא האט איהם ניט געוואלט נאך אן אבענד ברוים. הענריעטטע איז פיעל בעסער ערצויגען געווארען אלס לארענס; זיא דראפעט זיך ניט און בריקעט זיך ניט. דערשראקען צום טוידט ווערט זיא זיך כמעט ניט: און געווארפען וויא אין פיבער, וויינענדיג ווערט זיא זיינע און וואגט ניט צו עפענען דיא אויגען. דיא גאנצע נאכט וויינט זיא, איינגראבענדיג דיא ליפען אין קישען, אום ער זאל ניט דערזעהן, דיזער מאן, וואס ליגט בייא איהר זייט, פילט אן איהר וועזען מיט עקעל און ציטערניס. אה! וויא שרעקליך דאס איז! פאר וואס האט מען איהר עס פריער ניט דערצעהלט? זיא וואלט ניט חתונה געהאט. דיא אלע יאהרען פון איהר ירנענד וואס מען האט איהר געהאלטען אין אונוויסענהייט און שטרענגער צוכט, אום זיי זאלען זיך ענדינען אזוי ברוטאל און העסליך, שיינען איהר צו זיין אזא אונגליק, פון וועלכען זיא וועט זיך קיין מאל ניט טרייסטען.

פיערצען מאנאט שפעטער לעבען זיי אין גאנצען בעזונדער און מאקסים בעזוכט קיין מאל ניט הענריעטטע אין איהר צימער. זייער האניג־מאנאט האט אנגעהאלטען דריי וואכען. דיא אורזאכע פון זייער צוריסען לעבען איז געווען זעהר א דעליקאטע. מאקסים, וואס איז געווען געוואוינט מיט דער פראכטפאלער אנטאניא האט געוואלט מאכען פון הענריעטטע א געליעבטע: נאר בייא הענריעטטע זיינען דיא געפיהלען נאך געשלאפען, אויסער דעם איז זיא געווען קאלט פון דער נאטור און האט זיך אבגעזאגט נאכצוגעבען אלע זיינע אויסגעלאסענהייט און קאפריזען. אויסער דעם האבען זייא פון דעם צווייטען טאג אויסגעפונען, אז זיי ווילען ניט חויזען איינער מיט'ן צווייטען. מאקסים איז היציג, ליידענשאפטליך און איינגעשפארט; הענריעטטע איז געלאסען און רוהיג אין איהרע בעוועגונגען, און איינגעשפארט ניט

ווייניגער פון מאקסים. נאטירליכער ווייזע האבען זייא איינער דעם צווייטען בעשולדיגט, אז זיא טהוט ניט גוט און ער טהוט ניט וויא מען דארף. נאר אזוי וויא פערזאנען פון זייער שטאנד מאכען ניט קיין לייטישע געלעכטער, איז יעדע זאך פערדעקט און בעפוצט. זיי פרעגען זיך נאך איינער ביים צווייטען יעדען פריהמאָרגען וועגען דער געזונד און ביי נאכט פערגייגען זייא זיך זעהר העפליך. זיי זיינען איינער דעם צווייטען א סך מעהר פרעמד, לעבענדיג אונטער איין דאך, וויא זייא וואלטען זיך געפינען טויזענד מייל ווייט איינער פון צווייטען.

אונטערדעסען האט זיך מאקסים אומגעקעהרט צוריק צו אנטאָניאס געזעלשאפט. ער האט זיך אין גאנצען אבגעזאגט פון דעם געדאנק ארויפצוטרעטען אויף דעם דיפלאָמאטישען וועג. עס איז געוועזען א נארעשער געדאנק. א לא ראָשעמאזלאָן דארף זיך ניט קאָמפראָמעטירען מיט פאליטיק אין א צייט פון דעמאָקראַטישען באפ־לאפ. צייטענווייז קען ער זיך ניט איינהאלטען פון א שמייכעל, ווען ער בעגעגענט דיא באראָנעססע דע בוזיע, וואס ער האט געהייראט אויף אזא נוטצלאזען און נארעשען אופן. נאר נאך אלעמען טהוט דאס איהם ניט באנק. דער טיטול און פערמעגען זיינען איהם פערבליעבען. ער לעבט ווידער זעהר ראָש, ער פערברייננט זיינע נעכט אין קלוב און פיהרט דעם אריסטאָקראַטישען סארט לעבען.

הענריעטטע האט זיך אנפאנגס געפיהלט זעהר לאנגזאם. איצטער פיהלט זיא א גרויס פערגניגען פון דער פרייהייט, וואס דאס פערהייראטע לעבען פערשאפט איהר. זיא הייסט שפאַנען דיא פערד אין איהר קארעטע צעהן מאָל א טאָג, פארט פון איין מאגאזין צום צווייטען, מאכט וויזיטען צו איהרע פריינד און געפינט פערגניגען אין געזעלשאפט. זיא האט אלע פריווילעגיען פון א יונגע אלמנה. ביז איצט האט איהר דיא רוהיגקייט פון טעמפעראמענט אָבגעראטעוועט פון ערנסטע פעהלערן. דאס גרעסטע, וואס זיא ערלויבט איז א קוס אויף איהרע פינגער, נאר עס גיעבט שטונדען ווען זיא דענקט, אז זיא איז זעהר נאריש און שלאָגט זיך אָפט מיט'ן געדאנק, צו זאל זיא זיך פערשאפפען איין געליעבטען פאר דעם קומענדען ווינטער.

II.

מאָסיע זשול ביונרענד איז דער זוהן פון דעם בעריהמטען אדוואָקאט און רעדנער אויף דיא פּאָליטישע פערזאמלונגען. זיין זיידע אנטואַן ביונרענד איז נעווען א רוהינער בורזשוא פון אנזשערס און האָט ארויס געשטאמט פון א פאמיליע פון נאטאריוסען, וואס זיינען געווען זעהר געעהרט אין דער פּראָווינץ. אלס נאָטאריוס האט ער ניט נעהאט קיין גרויסען ערפאָלג און האָט פערלעבט רוהיג זיינע איינקינפטע. זיין עלטסטער זוהן, דער בעריהמטער ביונרענד, זעהר א טהעטיגער און עהרגייציגער האט געמאכט א פיינעם פערמעגען. זיין זוהן זשול האט געהאט דעם עהרגייץ פון זיין פאטער, דיא אייטעלקייט פון איינעם, וואָס פערנעהמט א הויכע שטעלונג אין לעבען און דיא לוסט צו א פּרינצליכען לוקסוס. צום אונגליק האט ער שוין דערגרייכט דאס דרייסיגסטע יאהר און פאנגט אָן צו פיהלען זיין מיטעלמעסינקייט. אנפאנגס האט ער געטראכט פון א זיץ אין סענאט, מאכען זיך א נאמען אלס רעדנער און קריגען א פּאָרטפעל פון א מיניסטער ביים ערסטען רעגיערונגס קריזיס. נאָר דיא ערסטע רעדנער־פּראָבע, וואס ער האָט געמאכט אין דעם דעבאַטען־קלוב פון דיא אדוואָקאטען, האָט איהם געוויזען, אז ער ליידט פון שטאממלען, און דיא אידעען און ווערטער קימען איהם ניט גיך אריין, און ער האט געמוזט אויפגעבען יעדען געדאנק וועגען ערווערבען זיך א נאמען אויפ'ן פּאָליטישען באָדען. דערנאך האָט ער געדענקט אריינצולאָזען זיך אין אינדוסטריע, נאר דיא ספּעציעלע שטודיען, וואס מען ברויכט דערצו, האבען איהם אָנגעשראָקען. ענדליך האט ער זיך בעשלאָססען צו ווערען אן אדוואָקאט. זיין פאטער, וועלכער האט ניט געוואוסט, וואָס צו טהאָן מיט איהם, האט איהם געקויפט א גרויסען אָפּיס פאר א הויכען פּרייז. דער לעצטער, וואס איז ארויס פון דעם אָפּיס, האָט געמאכט א פּאָר מיללִיאָן.

פאר דיא לעצטע זעקס מאָנאטען איז זשול אן אדוואָקאט. ער פיהרט א גרויסארטיגען לעבען, פערברייננט זיינע אבענדען אין געזעלשאפט, זאמעלט טהייערע בילדער און וויא ווייט מעגליך איגנאָרירט ער דעם פאקט, אז ער איז אן אדוואָקאט. דיא גליקען שיינען איהם צו קומען זעהר לאנגזאם. ער האט געוואָלט הא־

בען ארום איהם דיא זאַכען, וואס נעהען איהם אָפּ—א גרעסערן לוקסוס וויא צ״בע איין מאָל אין וואָך נעבען א מיטאג פאר וויכטיגע פערזאָנען, אָדער האַלטען אַן אָפענעם סאַלאָן יעדען דינסטאג ביי נאַכט, וואס זאָל בעזוכט ווערען פון זיין פאַטערים פּאָליטישע פריינד. ער רעדט זיך זאָגאר איין, אז וואָס גרעסער ער וועט זיך פיהרען מיט בעלער מיט פיינע פערד וועט אַלץ מעהר גרעסערן זיין פראַקטיק.

— האב חתונה, ראַטה איהם דער פאָטער. ווען ער ווענדעט זיך צו איהם פאר אַן עצה; א ווייב וועט דיר געבען א העכערע שטעלונג אין געזעלשאַפט. נעהם א רייכע, ווייל אונטער אַזעלכע אומשטענדען איז א ווייב א גרויסע הוצאה. מאַדמואזעל דעסווין, דעם פאַבריקאַנט׳ס טאָכטער, וואָלט געווען ניט קיין שלעכטע פּאַר פאר דיר. זיא האַט א מיליאָן נדן. זעה, מען זאָל איהר ניט אויסכאַפּען.

זשול איילט זיך ניט און לאָזט דיעזען געדאַנק צייטיג ווערען. א חתונה וועט אָהן צווייפעל פעסט מאַכען זיין פּאָזיציאָן, נאָר דיא זאַך איז זעהר אַן ערנסטע און מען דאַרף זיך פריהער גוט בעזינען און דאריבער קוקט ער זיך פריהער גוט ארום. זיין פּאָטער, וואס האַט אַן אויג פון א העכערן מאַן, איז גערעכט. מאַדמואזעל מאַרגעריט דערווין איז, וויא עס שיינט, דער בעסטער שידוך. ער הויבט אָן צו זאַמלען ריכטיגע אויסקינפטע וועגען דער וואהלהאבענהייט פון דעם פאַבריקאַנט דעסווין. ער פיהרט זעהר א געשיקטען געשפּרעך מיט זייער נאָטאַריוס און געפינט אויס, אַז דער פאַטער גיט ווירקליך א מיליאָן אין נדן, פיעלייכט וועט ער נאָך צונעבען נאָך צוויי הונדערט טויזענד פראַנק. אויב דער פאַטער וועט אַזוי טהאָן, וועט זיך זשול בעשליסען און וועט חתונה האבען.

פאַר דריי מאָנאַטען ווערען דיא פערהאַנדלונגען זעהר טאַקטיש. דער בערירהמטער ביוגרענד שפּילט אַן ענטשידענע ראָלע. ער בעניוט זיין בעקאַנטשאַפט מיט׳ן פאַבריקאַנט דעסווין און העלפט אונטער צו בעוועגען איהם ער זאל געבען א מיליאָן מיט צוויי הונדערט טויזענד פראַנק נדן.

— עס געהט גוט, זאגט ער צו זשול מיט א געלעכטער. איצט דאַרפסטו שוין אנפאַנגען.

זשול האַט געקענט מאַרגעריט ווען זיא איז געווען א קינד; דיא ביידע פאַמיליען פלעגען פערברייננגען דעם זומער אויף דער פּראָווינץ, נעבען פאָנטיינבליו און זיינען געווען שכנים. מאַרגעריט איז שוין פינף און צוואַנציג יאהר אַלט, נאָר נאָט נערעכטער! וויא מיאוס זיא איז איצט, ווען ער דערזעהט איהר ווידער. אמת, זיא

איז קיין מאל נים געווען א שעהנהייט, א מאל איז זיא געוועזן שווארץ וויא א האר־לאוועשקע, נאר איצט איז ביי איהר דער רוקען אויסגעקרימט און איין אויג גרעסער פון דער צווייטען. אבער נאך אלעמען, זאגט מען, אז זיא איז דיא אנגענעהמסטע מיידעל אין דער וועלט, זעהר וויטציג און פאדערט זעהר פיעל פון איהר צוקונפטיגען מאן. און דאריבער האט זיא פיעל, וואס האבען געזוכט איהר האנד, ענטזאגט און איז פערבליבען זיצען מיט איהר מיליאן. נאך דער ערשטער בעגעגניס ווען זשול געהט פון איהר אוועק, ערקלעהרט ער אז זיא זעהט זעהר גוט אויס; זיא קליידעט זיך אזוי אז עס איז א פערגניגען צו זעהן, רעדט וועגען אלעס מיט אזא יבערהייט אז עס איז צו בעוואונדערן, שיינט צו זיין א פרוי וואס וועט פיהרען א סאלאן וויא מען דארף נאר נים בעסער, און דיא העסליכקייט וועט איהר צוגעבען א רייץ פון ארינינאליטעט. נאר אויסער דעם, א מיידעל וואס קען געבען א מיליאן מיט צווייא הונדערט טויזענד פראנק נדן קען זיך פערגינען צו זיין מיאוס.

איצט געהט עס צו זעהר געשווינד. דיא פער׳קנס׳טע פאר זיינען נים אזעלכע, וואס זאלען זיך אבשטועלען אויף קלייניגקייטען.ביידע ווייסען זעהר גוט דיא מציאה, וואס זיי האנדלען. מיט א שמייכעל האבען זיי פערשטאנען איינער דעם צווייטען. מארגעריט איז ערצויגען געווארען אין אן אריסטאקראטישען פאנסיאן; איהר מוטער האט זיא פערלארען צו זיבען יאהר און איהר פאטער האט נים געקענט אכטונג געבען אויף איהר ערציהונג און דאריבער איז זיא פערבליעבען אין פאנסיאן ביז זיבעצעהן יאהר און האט געלעהרנט יעדע זאך, וואס א רייכע יונגע מיידעל דארף קענען—מוזיק, טאנצען, פיינע מאנקערען און אפילו א ביסעל גראמאטיק, געשיכטע און רעכענען. נאר דיא מייסטע ערציהונג האט זיא בעקומען פון דעם צוזאמענלעבען מיט איהרע חבר׳טעס, וועלכע זיינען געקומען פון דיא פיינסטע געגענדען פון פאריז. אין דיעזער ענגער וועלטיק, וואס איז געווען א קליינער בילד פון דער גרויסער וועלט, צווישען דיא פיער וועגד פון דעם גארטען, אין וועלכען זיא איז ערצויגען געווארען, איז זיא פון פיערצעהן יאהר אן געוואהר געווארען פון דיא פריידען, וואס רייכקייט גיט, פון דעם פראקטישען גייסט פון דיזען יאהרהונדערט, פון דיא מאכט וואס פרויען קענען אויסאיבען און יעדע זאך וואס האט צו טהאן מיט דער פארטגעשריטענער ציוויליזאציאן. אבוואהל אין א פראגע פון שטובינע עקאנאמיעס קען זיא נים וויסען וואס צו זאגען, אבער דיא פערשידענסטע סארטען שפיצען קען זיא אבשאצען ביי איין בליק, זיא ווייס דיא מאדעס נים ערגער וויא א שניידערין וואס נייט פאר דער הויכער געזעלשאפט. זיא ווייס דיא אקטריסעס ביי דיא ערשטע נעמען, האלט א וועט אייף רייסעס און זאגט מבינות אויף פערד און

דער שפּראַך וואס ווערט געברויכט אין יענע קרייזען: זיא וויס נאך אויך אַנדערע זאכען, אָבער מאכט פון זיי קיין שלעכטען געברויך.

זשול שיקט איהר אונטערדעסען יעדען טאג א בוקעט, וואס קאָסט דריי ליאים און ווען ער קומט איהר זעהן, איז ער זעהר גאלאנט, נאַר זייער געשפּרעך נעמהט גלייך אַן אַן אנדער ווענדונג. זיי ריידען שטענדיג פון זייער נייעז וואָהנונג, וואס זיי האלטען אין פארטיג מאכען. אויסער א פּאַר קאָמפּלימענטען בעשפּרעכען זיי קיינע אַנדערע זאכען וויא נאַר פון דיא מעבעל־בעציהער, פון דיא סארעטניקעס און ד. גל. מארגעריט האט איינגעווילינט חתונה צו האבען מיט זשול, ווייל ער שיינט איהר צו זיין מיטעלמעסיג גענוג, אום צו פּאסען איהר פאר א מאן און אויסער דעם איז איהר לעצטען ווינטער געווען ניט היימיש ביי איהר פאטער. דער ערשטער ליעבע־שפּאציער איז א וויזיט צו זיין הויז אין דער אמשטערדאמער גאס. זיא געפינט אז דער וואָהנונג איז א ביסעל צו קליין, נאַר זיא וועט הייסען ארויסנעהמען א פּאַר ווענטלאך און איבערשטעלען דיא טהירען זיא איז אנגסטליך צו וויסען וועלכעס צימער וועט זיין איהר שלאָף צימער און נעהט זאָגאר אריבער צו בעקוקען דיא שטאלען, מיט וועלכע זיא בלייבט צופרידען. נאכהער מאכט זיא נאך א פאר וויזיטען אין דעם הויז און ניט איהרע אייגענע בעפעהלע דעם ארכיטעקטאָר. זשול איז ענטציקט, ער האט געפונען דיא פרוי, וואס ער דארף.

א וואָך פאר דיא חתונה צערעמאָניעס ווערען ביידע פאמיליעס אויסגעמאַטערט. דער בעוואוסטער ביוגרענד און דער עלטערער דעסווין האבען שוין געהאט דריי סעסיעס מיט דיא נאָטאריוסען. זיי בעשפּרעכען יעדע קליינינגקייט אונ זעהען פערהיטען אז שפּעטער זאָל קיינע טענות ניט זיין און פערלאָזען זיך זעהר וועניג אויף׳ן צווייטענס אָרדענטליכקייט. זשול פון זיין זייט איז זעהר פערנומען און האט צו טאָהן מיט דיא חתונה־מתנות. מארגעריט מיט׳ן שמייכעל פון א צולאָזטע קינד האט גענען דעם געוואהנליכען מנהג געבעטען מען זאָל איהר ערלויבען, זיא זאָל אליין אויסקלייבען דיא ציערונג און שפּיצען. און אזוי געהען זיי בעגלייטעט נאר פון ארימע פערוואנדטע, פון מאגאזין צו מאגאזין און בעקוקען און דינגען דיא דיאמאנטען. זיי געהען ניט ביי דיא זייטען דריקענדיג איינער דעם צווייטענס האנד וויא דיא פראסטע געליעבטע. זיי שמייכלען נאר איינער צום צווייטען, זיצענדיג ביי דיא יובעלירען און קיהלען זייערע פינגער און דיא טהייערע שטיינער, בראשען און רינגען.

ענדליך איז דער קאנטראקט פארטיג און אונטערגעשריבען. ביים לעזען האט זיך נאך אנגעפאנגען א ויכוח צווישען דעם בעוואוסטען ביוגרענד און זיין צוקונ־אמת, דאס וועט קאסטען מיט פופציג פראנק מעהר, אבער דאס וועט מאכען א גרויסען עפפעקט. טויזענד איינלאדונגען זיינען ארויסגעשיקט. ווען דיא קארעטען קומען אן און שטעלען זיך אויס אין א לאנגער און גלייכער ליניע, איז דיא קירכע שוין אנגעפילט מיט מענשען, מיט מענער און פרויען געקליידעט וויא צו א באל. דורך א וואונדער פון קאקעטעריי איז מארגעריט׳ן כמעט אין גאנצען געלונגען צו פערבארגען איהר העסליכקייט אונטער איהר ווייסען וואואל און א קרוין פון פא־מעראנצען בלומען, זשול איז דורכגעדרונגען מיט זיין וויכטינקייט, זעהענדיג, אז אזוי פיעל מענשען האבען פערלאזט זייער געוואוינליכע בעשעפטיגונג צוליעב איהם. דער וויל רוישען דיא ארגעלס, דיא זינגער הויבען אויף זייערע קלינגענדע שטימען און דיא צערעמאניע דויערט מעהר וויא אנדערהאלבען שטונדען אונטער דעם גראס־

נים מעהר וויא צעהן פערזאן זיינען איינגעלאדען צום מעער׳ס אפיס. דער מעער איז זשולס קוזין. ווערהרענד דיא צערעמאניע קומט פאר, נעהמט דער מעער אן א ערנסטע מינע, נאר אזוי גיך וויא ער ליינט אוועק דאס ביכעל פון דיא הענד, ווערט ער ווידער א מאן דער העכערער געזעלשאפט און מאכט קאמפלימענטען דיא דאמען און דערלאנגט אליין דיא פעדער צו דיא עדות זיי זאלען זיך אונטער־שרייבען. צווישען דיא עדות זיינען פאראן צוויי סענאטארען, א קאבינעט מיניסטער און א גענעראל. מארגעריט ענטפערט „יא" מיט א שטייפען קול און אן ערנסטע מינע, וויל איהר איז בעקאנט דאס געזעץ. אלע אנוועזענדע האבען אן ערנסטע מינע, פונקט, וויא זיי וואלטען מיט זייער אנוועזענהייט מיטגעהאלפען אין א געשעפט, וואו עס ווערט פערהאנדעלט איבערצוגעבען גרויסע סומען חתן־כלה לאזען איבער פאר׳ן אוועקגעהן צו פופצעהן הונדערט פראנק יעדער פאר ארימע לייט. ביי נאכט איז א מאלצייט ביי דער כלה אין הויז און אלע עדות זיינען איינגעלאדען. נאר דער קאבינעט־מיניסטער האט ניט געקענט קומען צו דער גרויסער ערגערניס פוןביידע פאמיליעס.

דיא רעליגיעזע הייראט פינדעט שטאט אין דער מאדעליין קירכע. דריי טאג פריהער איז זשול מיט זיין פאטער דארטען געוועזען און האבען זיך בעדונגען וועגען פרייז. זיי האבען געפאדערט, אז ביי דער חתונה זאל זיין אזא לוקסוס, וויא נאר מעגליך, אבער זיי זיינען ניט געווען איינפערשטאנדען מיט׳ן מקח. אזא סומע פאר דער צערעמאניע ביי דעם גרויסען אלטאר, אזוי פיעל פאר דיא ארגעלס, און אזוי פיעל פאר דיא טעפפיך. זיי האבען אויסגערעכענט, אז דיא טעפפיך זאל זיך ציהען

איבער דיא צוואנציג טרעפ פון דער קירכע און זאל דערגרייכען ביז צום טראטואר אויף דיא ארגעלס זאלען בעגעגענען דיא פראצעסיאן מיט א טריאומפף־מארש; פטינען מחותן, נאר זשול האט זיך אריינגעמישט. מארגעריט איז געזעסען דערביי און האט זיך צוגעהערט אויפמערקזאם מיט ווייט פאנאנדערגעעפענטע אויגען, פארטיג צו בעשיצען איהרע אינטערעסען מיט א ווארט, ווען זיא וועט זעהן, אז זיי דינען אין געפאהר. דער קאנטראקט איז זעהר א פערפלאנטעטער, א האלב פון דעם נגן געהערט צום מאן, דיא צווייטע האלב טאר מען ניט ריהרען, נאר דיא איינקינפטע זאלען געהערען צוביידען גלייך, מיט דער אויסנאהמע פון צוועלף טויזענד פראנק, וועלכע געהערען אויסשליסליך יעהרליך צום ווייב אויף איהרע קליידער. דער בעריהמטער ביוגרענד, וועלכער איז דער פערפאסער פון דיעזען קונסט־שטיק איז ענטציקט, וואס איהם איז געלונגען צו פיהרען ביי דער נאז זיין אלטען פריינד און מחותן.

ארטיגען געוועלב פון דער קירכע. עס איז זעהר שעהן. אין צימער, וואו מען שרייבט זיך אונטער, פאנגט זיך אן א פראצעסיאן, פון בעקאנטע, געסט און זאגאר פרעמדע זיי קומען אריין פון איין טהיר און געהן ארויס פון דער צווייטער נאכהער וויא זיי האבען צוגעווינשעוועט דעם חתן און כלה. דיזע פארמאליטעט געדויערט נאך א שטונדע. צווישען דיא אנוועזענדע געפינען זיך פיעלע בעריהמטהייטען פון דער פאליטישער וועלט, יוריסטישער, סוחרישער, ארטיסטישער און זשורנאליסטישער; און זשול דריקט דיא האנד מיט בעזונדערע פריינדליכקייט דעם קליינעם און בלייכען יונגען מאן, מיט וועלכען ער איז בעקאנט פון דערוויטענס און וועלכער שרייבט אין א צייטונג, און האט אין זינען, אז ער וועט פיעלייכט אריינגעבען א נאטיץ וועגען דער חתונה.

אזוי וויא ניט ביוגראנד און ניט דער מחותן האבען א זאל גרויס גענוג פאר דעם באל, האבען זיי דעם באל געמאכט אין האטעל דו טראוור. דער באנקעט איז א גרויסארטיגער. נאך האלבע נאכט פיהרט א קארעטע אוועק דאס יונגע פאר אין זייער נייע וואהנונג און זיי שפאסען אויף'ן וועג איבער'ן טונקעלען פאריז, וואו שאטענס פון פרויען וואנדלען ארום אין דיא עקען פון דיא גאסען. ווען זשול קומט אריין אין שלאף־צימער, געפינט ער, וויא מארגארעט ווארט אויף איהם רוהיג מיט איין עלענבויגען איינגעגראבען אין קישען. זיא איז א ביסעל בלייך און אויף איהרע ליפען שוועבט א שמייכעל פון פערלעגענהייט, ווייטער נאר נישט און דיא חתונה פערענדיגט זיך גאנץ נאטירליך, וויא א לאנג ערווארטעטע זאך.

צווי יאהר זיינען פערגאנגען נאך זייער חתונה. צו קיין ערנסטע רייסעריי איז ביי זיי ניט געקומען, נאר זיי פערגעסען איינער אן צווייטען א האלב יאהר נאך אנאנד. ווען ביי זשול ערוועקט זיך א קאפריז צו זיין ווייב, נעהמט איהם א גאנצע וואך ביז ער קריגט דיא ערלויבניס צו בעזוכען איהר אין איהר שלאף־צימער. אפט־מאל, אום צו פערשפארען צייט, וואס איז איהם זעהר טהייער, זוכט ער א בער־פרידיגונג פאר זיין קאפריז ערגעץ אנדערש. ער איז אזוי בעשעפטיגט! היינט איז ער א מאן, וואס שטייגט אין דער הויך; זיין אפיס אליין בענינגענט איהם שוין ניט, ער בעלאנגט צו א פאאר געזעלשאפטען און ספעקולירט אויף דער בירזשע. עס איז א פערגניגען צו צוציהען צו זיך דיא אויפמערקזאמקייט פון פאריז; דיא צייטונגען שרייבען איהם צו זעהר קלוגע ווערטלאך, דאך קומט ער ניט צו זיין ווייב און ער האט נאך ניט אויסגעפונען דעם וועג, ניט קוקענדיג אויף זיין פאטערס ראטה, וויא אריינצוקריגען אין זיינע הענד יענע זעקס הונדערט טויזענד פראנק, פון וועלכע לויט דעם קאנטראקט טאר ער ניט ריהרען.

מארגארעט איז א בע'חנ'טע פרוי. דיא פרוי האט ערפילט וואס דאס מיידעל האט פערשפראכען צו זיין. זיא האט איהר וואהנונג אין דער אמשטערדאמער גאס געמאכט פאר א צוזאמענקונפט פון לוקסוס און פרייליכקייט. אלע ווילדע פערשווענדונגען פון פאריז, קליידער פון דריי טויזענד פראנק רואינירט אין איין אבענד, ליכט אנגעצונדען מיט צהאטענגעדרייטע באנק־נאטען גיבען צו א רייץ צו דעם אויסערארדענטליכען רייכקייט. פון פריה ביז ביינאכט פאהרען קארעטען דורך דעם טויער. אין געוויסע נעכט הערט דיא גאנצע נאכבארשאפט ארום און ארום ביז פריה א וויטע מוזיק און א חוכא וטלולא פון דיא טענצער. מארגעריט איז גרויסארטיג אין איהר העסליכקייט. איהר איז געלונגען צו ערווייכען אז מען זאל זיך ארום איהר מעהר ארומדרייען וויא ארום א שעהנהייט, ווייל זיא איז מעהר אינטערעסאנט פון א שעהנהייט, ווייל זיא איז ערגער, וועדליג זיא אליין זאגט מיט א געלעכטער. איהרע צוועלף טויזענד פראנק איינקינפטע פלאמען אויס וויא א קופע ברענענדיגע שטרוי. זיא וואלט רואינירט איהר מאן אין איין יאהר, ווען זיא וואלט ניט בעזעסען א זעלטענע אינטעליגענץ. עס איז גוט בעקאנט, אז זיא האט ניט מעהר וויא טויזענד פראנק א מאנאט פאר איהרע קליידער, נאר קיינער איז ניט געגוג אונאנשטענדיג צו וואונדערן זיך, ווען ער זעהט, אז זיא פערשווענדעט אין איין מאנאט אזוי פיעל, פיעל זיא קריגט אין א גאנץ יאהר. זשול איז ענטציקט. קיין פרוי וואלט ניט געווען אים שטאנדע צו פיהרען אזוי דיא הויז און ער איז

איהר הערצליך דאנקבאר דערפאר וואס זיא חעלפט איהם צו פערברייטען דעם קרייז פון בעקאנטשאפט. גראדע יעצט, צייגט זיא ארויס א טאכטערשע אויפ־מערקזאמקייט צו איינעם פון דיא סענאטארען, וואס איז געוועזן אן עדות ביי איהר אויף דער חתונה; זיא ערלויבט א קוס אויף איהרע אקסלען הינטער דיא טהירען און נעהמט אן פרעזענטען פון אקציעס אריינגעליינט אין קעסטלאך מיט קאנפעקטען.

III.

לואיזע באָרען איז שוין איבער דרייסיג. זיא איז פון הויכען וואוקס, ניט שעהן און ניט מאוס. דאס געזיכט דריקט קיין זאך אויס און דיא באקען הויבען זיך אָן צו בעדעקען מיט פלעקען פון לאנגען זיצען. איהר פאָטער האלט א קליימעל פון צעלניק אין רוע סענט זשאק. דיא קליימעל האלט ער שוין א יאהר צוואנציג און פאר דער גאנצער צייט איז איהם קוים געלונגען אָנצוקלייבען צעהן טויזענד פראנק; און זאָגאר דאס איז איהם ניט אָנגעקומען גרינג. פלייש האט ער זיך פער־נונען ניט עפטער וויא צוויי מאָל א וואָך און קליידער האט ער געטראָגען דרייא יאָהר לאנג און ווינטער האט ער געצעהלט דיא קוילען, וואס ער האט געוואָרפען אין אויווען. כמעט צוואנציג יאהר האט איהם לואיזע געהאָלפען אין קליימעל און האט בלייז געזעהן, וויא דיא פוס־געהער זיינען בעשפריצט געוואָרען מיט בלאָטע פון דיא קארעטען. צוויי מאָל איז זיא געווען אין דער פראָווינץ. ווען זיא געהט צו צו דער טיהר זעהט זיא ביים עק גאס דעם בריק, אונטער וועלכען פליסט דער טייך. נאָר זיא איז ניט קיין נאר, זיא האט זיך אויסגעהאָדעוועט צו רעספעקטירען דעם מסחור פון א סו נאָדלען און צוויי סו פאָדעם, וואס דיא ארביימער פרויען פון דער נאכבארשאפט פלעגען נעבען צו לייזען. איהר מוטער האט איהר אוועקגע־שיקט ניט וויים אין א קליינעם פאנסיאָן. נאָר ווען זיא איז געוואָרען צוועלף יאהר אלט, האט מען איהר פון דארטען אבגענומען, אום צו פערשפאָרען צו דינגען א משרת אין קליימעל. לואיזע קען לעזען און שרייבען, נאָר זיא הינקט צו אין אויס־לייגען; בעסער פון אלם ווייס זיא דיא טאבעלע פון כפל. וועדליג זיא זאגט אין איהר שטאטנעט קול, איז זיא נענוג ערצויגען פאר׳ן געשעפט.

איהר פאטער האט ערקלערט, אז ער וועט איהר געבען צוויי טויזענד פראנק. עס איז דארום פערשטענדליך אז בעלנים אויף איהר האנד זיינען געווען גענוג, נאר זיא איז אין איהר חשבון ניט גענארט. זיא ערקלערט אפען, אז זיא וועט ניט חתונה האבען פאר א מענשען, וואס פערמאגט גאָר ניט. מענשען האבען ניט חתונה מיט דער אבזיכט צו זיצען מיט אויפגעליינטע הענד און קוקען איינער דעם צווייטען אין דיא אויגען. קינדער קענען געבאָרען [illegible] און אויסער דעם איז זעהר גוט צו קרי־גען א חתן, וואס זאָל לכל הפחות האבען זיינע צוויי טויזענד פראנק, גויא זיא.

דאמאלס וועלען זיי קענען עפענען א קלייטעל און פערדינען בכבוד אויף זייער לע־בען. נאר אבוואהל חתנים מיט צוויי טויזענד דאלאר זיינען נים זעלטען, אבער אזעלכע קוקען אויס אויף כלות מיט א נדן אין צוויי אדער דריי מאל אזוי פיעל. און דאריבער קען קען זיא א מאל נאר פערזיצען ביז'ן גרויען צאפ. זיא האט אב־זאגט אלע ווערטהלאזע חתנים, וואס האבען זיך צו איהר גע'שדכ'נט אין האפנונג צו קריגען איהר געלד. זיא איז פאלמאמען איינשטימינג צו חתונה האבען פאר איהר געלד, וויל געלד שפיעלט דיא הויפט ראלע אין לעבען. נאר זיא דארף הא־בען א חתן, וועלכער זאל אויך וויסען וויא צו שעצען געלד.

ענדליך האט זיך איינער געפונען, וואס האט אויפמערקזאם געמאכט דיא באדינס אויף א יונגען מאן, א זייגער־מאכער, וועלכער האט זיך זעהר גוט אויפ־געפיהרט ער וואהנט אין דער אומגעגענד ביי זיין מוטער, וועלכע לעבט פון דיא איינקינפטע פון איהר קליינער הייזעל. מאדאם מעניע האט ביי א וואונדערבארע עקאנאמיע אבגעשפארט פינפצעהן הונדערט פראנק פאר איהר זוהנ'ס חתונה. אלעקסאנדער מעניע איז מיט א יאהר איינגער אלס לואיזע און איז זעהר א שעמע־דינער און אנשטענדינער, נאר ווען לואיזע דערהערט, אז דער חתן האט נים מעהר וויא פינפצעהן הונדערט פראנק, איז זיא גלייך מודיע, אז זיא וויל ווייטער נים הע־רען זיא וויל האבען צוויי טויזענד פראנק, אזוי האט זיא אויסגערעכענט. דאך געהען אן פערהאנדלונגען צווישעןביידע פאמיליען. מאדאם מעניע קומט אליין אי־בעררייךען מכח דעם; און ווען זיא געפינט אויס, וואס דיא כלה פערלאנגט, גע־פעלט איהר זעהר דיא מיידעל'ס אויסגערעכענטקייט און זאגט צו, אז דיא צוויי טויזענד פראנק וועלען געשאפען ווערען אין דעם פערלויף פון אכטצעהן מאנאטען. איצט איז דיא זאך וויא אבגעמאכט. דיא פאמיליעס ווערען שטארק בעפריינדעט, דיא קינדער, אלעקסאנדער און לואיזע, ווארטען רוהיג און דריקען איינער דעם צווייטען דיא הענד אויף א פריינדליכען אופן. יעדען אבענד בעגעגענען זיי זיך און הינטען אין קלייטעל זיצען זיי אויפ'ן טיש, ער פון איין זייט און זיא פון דער צוויי־טער און ציינען נים ארויס קיין שום אונגעדולד און שמועסען פון דיא שכנים, וועל־מען עס געהט גוט און וועמען שלעכט. אין דעם פערלויף פון אכטצעהן מאנאטען בריינגען זיי נים א ליעבעווארט פאר דיא ליפען. לואיזע געפינט אז אלעקסאנדער איז א פיינער יונגער מאן, נאר פיעלייכט א ביסעל צו שוואך, וויל איין טאג האט זיא געהערט, וויא ער האט געזאגט, אז ער האט נים געוואגט צו בעטען פיי זיינעם א פריינד דיא צעהן פראנק, וואס ער האט איהם געליהען מיט זעקס וואכען צוריק.

אלעקסאנדער ערקלערט אז לואיזע איז געבארען פאר געשעפט און דאס האט אזוי פיעל צו זאגען וויא א קאמפלימענט.

אין דעם בעשטימטען טאג, פונקט וויא זיא וואלט געדארפט אבצאהלען א וועקסעל, האט פרוי מעניע דיא צוויי טויזענד פראנק גרייט. אנדערהאלבען יאהר צייט האט זיא זיך אבגעזאגט פון קאפע און האט אבגעשפארט סו פאר סו פון איהר עסען, בעלייכטינג און בעהייצונג. דיא חתונה ווערט אבגעליינט אויף דריי חדשים שפעטער אום צו געבען צייט אויף הכנות. עס איז בעשלאסען, אז אלעקסאנדער זאל עפענען אליין פאר זיך א ווערקשטוב צום פעררינטען זייגערס. א פלאץ האבען זיי אבגעזוכט אויף דער זעלבער גאס, סענט זשאק, וואו פריהער האט געהאלטען א פרוכט-הענדלער א לאדען, אבער איהם איז ניט געגאנגען גוט. דיא ערשטע זאך וואס מען ברויכט צו טהאן, איז צו ברייננען דעם לאדען אין א פיינעם צושטאנד. ענדליך בענונענען זיי זיך מיט דעם, וואס זיי ווייסען אויס דיא סטעליע און וואשען אב דיא פארב, וויל דער מאהלער האט געבעטען צוויי הונדערט פראנק פאר'ן אבפארבען פון דאס ניי. וואס אנבעלאנגט סחורה פאר'ן געשעפט, וועט עס אנפאנג בעשטיין פון א ביסעל געוויינליכע ציערונג און עטליכע אבגענוצטע זייגערס. אלעקסאנדער וועט אנהויבען זיין ארבייט מיט דעם, וואס ער וועט פעררינטען דיא זייגערס אין דער נאכבארשאפט, נאר ביסלעכווייז, געהענדיג אזוי פאמעלאך, וואס מעהר זיי וועלען הערען בעוואוסט, וועלען זיי פערצירען דיא שטנסטע און בעסטע ווערקשטוב אין דער גאס. ווען אלץ וועט ווערען אבגעטאהן, דיא ווערקשוב פארטיג, וועט זיי נאך פערבלייבען דריי טויזענד פראנק, וועלכע מען דארף שטענדיג האבען אין האנד, טאמער מאכט זיך צו קויפען א מציאה. דיעזע הכנות פערנעהמען זייער צייט ביז דיא נאכט פאר דער חתונה.

ווען עס איז געקומען צו רייד ווענען א קאנטראקט, האט לואיזע געצווינגען מיט דיא אקסלען און אלעקסאנדער האט אנגעהויבען צו לאכען. א קאנטראקט קאסט צום קנאפסטען צוויי הונדערט פראנק; אלעס וועט געהערן צו ביידען גלייך און יעדער וועט האבען א גלייכען טהייל, דאס איז א סך נאטירליכער. נאר ניט קוקענדיג אויף דעם, ווילען זיי יעדע זאך טהאן, וויא עס געהערט צו זיין. אויסער דעם טבעת קדושין—א גאלדען רינג פאר פופצעהן פראנק—שיינקט אלעקסאנדער לואיז'ען א זייגער-קייטעלע. דיא חתונה שמחה וועט געפראוועט ווערן אין א רעסטאראן אונטער דער שטאדט און דיא באדינ'ס האבען זיך ארויסגערופען צו דעקען אלע הוצאות פון דער חתונה ווטשערע.

דיא חתונה איז אבגעלייגט אויף שבת, ווייל נאכדעם פערבלייבט דער גאנ־צער זונטאגדיגער טאג, אויף אברוהען זיך. דיא חתונה־געסט פילען אן פינף קא־רעטען, וועלכע מען האט געדונגען פאר דעם טאג. אלעקסאנדער טראגט א שוואר־צען פראק מיט א פאר הייזען, עקסטרא געמאכט צו דיא חתונה. לואיזע האט אליין אויפגענייט איהר ווייסע קלייד און א מוהמע האט איהר געשענקט דעם קראנץ און בוקעט פון פאמעראנצען־בלומען. און ערך פון צוואנציג געסט האבען אויך לכבוד דיזע האכצייט בעשטעלט זיך נייע קאסטיומען, דיא פרויען טראגען זיידענע־קליידער פון פערשידענע קאלירען: ראזע, גרין און געל. דיא הערען טראגען פראקס און א געוועזענער מיזבעל־הענדלער טראגט א דרעס־סוט. דיא צוויי אונ־טערפיהרערקעס ציהען צו זיך אום מייסטען דיא אויפמערקזאמקייט, זיי זיינען צוויי הויכע בלאנדע מיידלאך, אין ווייסע מוסליענע קליידער, דיא טאליעס איינגעצויגען מיט ברייטע, בלויע שטיינגעס. עלף א זייגער אין דער פריה פאהרט ארויס דיא פראצעסיאן פון דיא קארעטען צום מעער׳ס אפיס, וואו דיא געסט פערפליצען דעם זאל. דער מעער לאזט זיי ווארטען דריי פיערטעל שטונדען. ער איז א בעטער מאן און זעהט אויס וויא איינער, וועלכען מען בעלאסטיגט. ער פטר׳ט אב דיא צערע־מאניע און נעהמט ניט ארונטער דיא אויגען דיא גאנצע צייט פון דעם זייגער וועל־כער שטעהט נעבען איהם. ער האט ווארשיינליך מיט יעמאנד אבגערעדט צו בעגעגענען זיך אין דיזער שטונדע ווענען א געשעפט. פרוי באדין און פרוי מעניע בעגיסען זיך מיט טרעהרען. דיא כלה און חתן ענטפערן אין איין צייט „יא“, און פערנייגען זיך העפליך נעגען דעם מעער. אונטערדעסען זאגט דער געוועזענער מע־בעל־הענדלער עפעס אן המצאה און דיא אנוועזענדע הערען לאכען. אלעקסאנדער און לואיזע לאזען איבער צו פינף פראנק יעדער פאר אריטע לייט. נאכהער זעצען זיך אלע צוריק אין דיא קארעטען און פאהרען אריבער דעם וועג און שטעלען זיך אב פאר א קירכע. אבגערעדט ווענען דער צערעמאניע האבען הערר באדין און אלעקסאנדער נאך נעכטען ביי נאכט. זיי האבען געהייסען מאכען דיא פארבערייטונגען אזוי פראסט וויא מעגליך, דענקענדיג, אז עס איז ניט נויטהיג פעט צו מאכען דיא גלחים; הערר באדין איז א פריידענקער און וואלט געוועזען צופרידען נאר אין קירכע ניט צו געהן, נאר ער האט געמוזט עס טאהן פון לייטענס וועגען. דער גלח פטר׳ט אב דיא צערעמאניע זעהר גיך, דיא אנוועזענדע הויבען זיך אויף און זעצען זיך אנידער אויף דיא צייכענס פון דעם גלח. דיא פרויען האבען מיט דיר נעבעכט־ביכער, נאר זיי קוקען אויף ניט אריין. חתן־כלה האבען ערנסטע גע־זיכטער און א פערמאטערטע און אונאויפמערקזאמטע מינע, אזוי וויא זיי וואלטען

אין דער מינוט פון גאָר נים געטראַכם. ענדליך, ווען דיא געסם פערלאָזען דיא קירכע, לאָזט יעדער ארויס א זיפץ פון ערלייכטערונג. ענדליך איבערגעקומען. איצט וועט מען כאטשע אביסעל קענען לאבען.

ארום צוויי א זייגער קומען אן דיא קאַרעטען צום רעסטאָראַן אונטער דער שטאָדט. דיא מאַלצייטס-שטונדע וועט ערסט זיין זעקס א זייגער. דערווייל געהען זיי אוועק אין גאָרטען. דריי שטונדען לאנג שפּאַצירען זיי ארום צווישען דיא בוי-מער. דיא אונטערפיהרערקעס יאגען זיך ארום וויא קליינע מיידלאך; דיא דאמען זוכען זיך פלעצער אין שאָטען און דיא הערען פעררויכענען סיגאַרען. ענדליך זעצען זיי זיך אלע אניעדער פערמאטערטע אויף א פרייען פּלאַץ און הערען זיך צום טראָמייטען אין א נאָהענטער פעסטונג, צום פייפען פון דיא דורכלייפענדע לאָקאָ-מאָטיווען און צום וויטען גערויש, וואס דערגרייכט פון פאַריז.

ענדליך איז אָנגעקומען דיא מאָלצייטס שטונדע, און האבען זיך צוריקגע-קעהרט אין רעסטאָראַן. דער טיש איז געדעקט אין א גרויסען צימער און איז בע-לויכטען מיט צעהן גאַדרעהרען, וויא א קנאַפּע הויז. אויף ביידע עקען פון טיש שטעהן צוויי גרויסע קינסטליכע בוקעטען, דיא קוויטען פון וועלכע זיינען פון לאנגען געברויך אָבגעבראָכען. און דאס עסען הויבט זיך אן ביי דער קלאַפּעריי פון טעלער און לעפעל. מיט'ן עסען דערוואַרעמען זיי זיך און מען פאנגט אן צו שיטען המצאות פון איין עק טיש ביז'ן צווייטען. דער פריילּיכסטער מאמענט פון דעם אבענד אין יענער, ווען א יונגער מאַן, א קאָמי, קריכט ארונטער אונטער'ן טיש און שפּילעט אז ביי דער כלה א זאָקען-בענדיל, וואס בעשטייט פון א סך שטייננעס, וועלכע דיא הערען צוטהיילען צווישען זיך שטיקלעכווייס און בעפּוצען מיט דעם זייערע קנעפּלי-כער. לואיזע האט פון דעם מנהג נים געוואלט וויסען, נאָר איהר פאָטער האט איהר איינגערעדט, אז איהר אָבזאָגען זיך דערפון וועט פערשטערן דיא שמחה, און זיא האט נאכגעגעבען. אלכסנדר לאכט אין דער הויך און איז איבערגעפילט מיט דער פרייד פון אַן אָרדענטליכען יונגען מאַן, ביי וועלכען פערגעהען איז א זעלטענע זאך. ביי דעם ארונטערנעהמען דעם זאָקען-בענדעל מאכט מען א פּאָר זעהר גע-זאלצענע וויטצען און ווען דיא וויטצען ווערען צו שארף בעהאלטען דיא דאמען זיי-ערע געזיכטער אין דיא סערוועטקעס, אום צו קענען לאבען פרייער.

עס איז ניין א זייגער. דיא דיענער פון רעסטאָראַן בעטען דיא געסט, זיי זאָ-לען אריבערגעהן אין צווייטען צימער אויף א פּאָר מינוט. דאן נעהמט מען צו דעם טיש געשווינד און דאס גרויסע עסס-צימער ווערט א באַל-זאַל. א פּאָר כלי זמרים בעווייזען זיך אויף דער פּלאטפאָרמע און דער באַל פאנגט זיך אָן; דיא אונטער-

פיהרערקעס אין דיא ווייסע קליידער מיט דיא בלויע שטיינגעס שוועבען ארום אי־בערן צימער פון איין עק צום צווייטען דיא גאנצע נאכט צווישען דיא שווארצע פראקען. ער איז זעהר היים. דיא דאמען עפענען א פענסטער אום אריינצוקריגען א ביסעל פרישע לופט פון דרויסען. גלעזער מיט ערפרישענדע געטרענקע ווערען סערווירט אויף טאצען פאר דיא געסט, און ארום צוויי א זייגער ביי נאכט פער־שווינדעט דיא כלה צוזאמען מיט איהר מוטער און חתן און קעהרען זיך אום צוריק נאך פאריז. הערר באדין בלייבט איבער אום אונטערצוהאלטען דיא געסט. זייא מוזען טאנצען ביז טאג.

אין דער כלה'ס וואוינונג טהוט מען איהר איבער דיא חופה קליידער.

דיא מוטער און צוויי אנדערע פרויען טהוען איבער דיא כלה'ס חופה־קליי־דער אין איהר וואוינונג און ציהען איהר אן נאכט קליידער. דערביי וויינען זיי. ווען זיי פיהרען איהר אריין אין בעט, שיקט זיא זיי אוועק און איז געגוויטהיגט צו בערר הינען זיי. זיא איז זעהר רוהיג און איינפאך מיעד, אלעס וואס זיא וויל איז אנשלא־פען צו ווערען. און ווירקליך ווען דער שעמעדיגער אלכסנדער קומט ענדליך אריין, געפינט ער איהר א שלאפעדיגע נעבען דער וואנד. ער קומט אריין אויף דיא שפיץ פינגער און בלייבט שטעהן. זעהענדיג, אז זיא שלאפט, געפינט ער זיך זעהר ער־לייכטערט. דאן טהוט ער זיך אויס זעהר פארזיכטיג און קריכט ארונטער אזוי שטיל וויא מעגליך אונטער דער דעקע. ער נעהמט איהר אפילו ניט ארום. ער וועט ווארטען ביז אין דערפריה. זיי האבען גענוג צייט, זייענדיג פערבונדען אויפ'ן גאנצען לעבען.

און זיי פיהרען זייער א גליקליך לעבען. צו זייער גליק האבען זיי קיין קינדער ניט; קינדער וואלטען זיי געווען אין וועג. זייער געשעפט געהט גוט. דיא קלייט וואקסט, דיא פענסטער ווערען פול מיט ציערונג און זיינערס. לואיזע פיהרט דאס געשעפט, וויא א גוטע ווירטהין. שטונדען־לאנג זיצט זיא אין געשעפט און שמיי־בעלט צו דיא קונדען, פערקויפענדיג דיא סחורה וואס איז ארוים פון דער מאדע און ארויסגעבענדיג עס פאר שפאגעל נייע, ערסט געבטען פון פאבריק ארוים. ביי נאכט מיט א פעדער אונטער'ן אויער קוקט זיא דורך דיא רעכנונגען. אפט פער־ברייננט זיא גאנצע טעג אין ארומלויפען איבער פאריז אנצונעהמען בעשטעלונגען. איהר גאנץ לעבען איז פערנומען מיט איין געדאנק וועגען געשעפט. דיא פרוי פער שווינדעט געגצליך און אויף איהר פלאץ בלייבט נאר א לוסטיגער און טהעטיגער האנדעל־מאן, זיא האט נאר איין געדאנק און דאס איז אנצוזאמלען א קאפיטאל. וואס זאל איינטראגען פון פינף ביז זעקס טויזענד פראנק א יאהר, וועלכע זיי וועלען

פערלעבען אין א זומער־זואהנונג אתמער דער שטאָדט, וואס זאל זיין געבוים אויפ׳ן שווייצארישען אופן. א דאנק דעם איז אלכסנדר פאלקאמען רוהיג און האט א בלינ־ דען גלויבען אין זיין ווייב. ער האט נאר צו טהאן מיט דער זיינער מאכעריי, פער־ ריכט טאשען און וואנד זייגערס און דיא גאנצע הויז איז עהנליך צו א גרויסען זיי־ גער, וואס זיי ביידע צוזאמען האבען אנגעשטעלט און רעגולירט אויף אימער. זיי וועלען קיין מאל ניט וויסען, צו זיי ליעבען איינע דעם צווייטען, נאר זיי זיינען זיכער אז זיי זיינען אָרדענטליכע שותפים און שטארק איבערגעגעבען צו זאמלען געלד. און הערען ניט אויף צו שלאפען צו זאמען, אום צו פערשפאָרען צו צאהלען איבריגע געלד דער וועשערען פאר וועש.

IV

וואלענטין איז א הורבער יונגער מאַן, פינף און צוואנציג יאָהר אלט, זיין ארביים איז טישלעריי און געבאָרען איז ער אין דער פארשטאדט סענט אנטואן. זיין פאָטער און זיידע זיינען אויך געוועזן טישלערס. אויסגעוואקסען איז ער צווישען קרעפּעס סטרוזשקעס און ביז צעהן יאהר האט ער געשפּיעלט אין רעשלאך אויף דיא טראָטואַרען נעבען דער באסטיל. איצט האט ער „א בעט” אין רוע דע לא ראָקעט אין א ביכינגען שינק. ער צאהלט צעהן פראנק א מאָנאט. פאר זיין לאזשי און זיין בעטעל שטעהט אין א לאָך אונטער'ן דאך. דער פּלאץ איז גענוג גרוים פאר'ן בעט און פאַר א שטוהל, נאָר ווען ער דארף נעהן שלאָפען מוז ער זיך איינבויגען אין דרייען, אויב ער וויל דעם קאָפּ נים אָבשלאָגען אן דער סטעליע. ער מאכט אליין קאַטאָוועס פון זיין דירה. ער נעהמט סיין וויזיטען נים אָן; שלאָפען קומט ער צעהן א זייגער און פינף אין דער פריה סאַי זומער, סאַי ווינטער, איז ער שוין אויף. ער זאָגט, אז ווען ער מאכט א נייע בעקאנטשאַפט פיהלט ער זיך אונאנגענעהם, ווייל ער וואָנט נים צו נעהמען דיא דאמע צו זיך א היים. זיין צימער איז אָזוי קליין, אז ווען צוויי זאלען דארטען דארפען שלאָפען, וועלען ביי איינעם דיא פיס געוויס ארוים הייננען אויף דיא טרעפּ.

וואלענטין איז א גוטער יונג! ער ארביים שווער, ווייל ער איז נאך יונג און גלייבט נאך אין ארביים. טראָץ דעם איז ער קיין שכור, שפּיעלט נים אין קאָרטען, נאָר דערפאר איז ער צוגעלאזט צו פרויען. דאס איז זיין גרויסער פעהלער. ווען ער נעהמט אין דער פריה דעם גרויסען הובעל און הובעלט מיט א שוואכען ארם, הויבען זיינע קאַמעראַדען גלייך אָן צו שפּאָטען און וואַרפען זיך איבער מיט בעמערקונגען, אז וואלענטין איז שוין געוועזן ביי מאַדמואזעל ליזע. וואלענטין האט נעהאט א מיידעל מיט'ן נאמען ליזע און ווען ער פלעגט זיך פיהלען פויל, פלעגט ער געוואָהנליך זאגען: „צום שווארץ יאָהר, איך קען היינט גאר נים טהאָן: איך בין געכטען ביי נאכט געגאנגען זעהן ליזען.” אין דיא טאנץ־זאלען פון דער פאָרשטאדט איז ער בעוואוסט אלס דער שעהנער טישלער. ער האט א גרויסען קאָפּ, א פריילינע געזיכט און געקרייזעלטע האָר; און ווען ער טאנצט פערקאָשערט ער דיא ארבעל ווערלינג ער זאגט, אום איהם זאל זיין בעקוועמער נאָר אין דער ווירקליבקיים

צו ווייזען זיינע שטארקע ארמס וועלכע זיינען וויים, וויא ביי א פרויענצימערשע. דאריבער איז ער בעוואוסט פאר זיינע נצחונות איבער פרויענצימערשע הערצער. ער האט געהאט דיא שעהנסטע מיידלאך, דיא גרויסע גאנא, דיא קליינע אנוסטין, דיא פעטע אדעל וואס איז מיט איין אויג און זאנאר דיא בארדעלייז. פאר וועלכע צוויי סאלדאטען האבען איינער דעם צווייטען דער׳הרג׳עט. יעדען אבענד מאכט ער א שפאציר איבער דיא זאלען, א קוק דא און א קוק דארטען, נאר אום אויסצוגע פינען, אויב אין דיא ווינקלען זעהען זיך נים מיידלאך, וועלכע ער קען נאך נים.

איין אבענד ווען ער איז געקומען אויף איין עפענטליכען באל אין רוע דע שאראן האט ער דערזעהען קלעמענס א בלומענמאכערקע, זעכצעהן יאהר אלט און איהרע פראכטפאלע העלע האר האט איהם געדוכט, שיינען וויא דיא זון אין זאל. ער ווערט שיעור משוגע פאר איהר ביים ערשטען בליק. ער שענקט איהר דעם גאנצען אבענד דיא גאנצע אויפמערקזאמקייט, טאנצט מיט איהר און קויפט איהר וויין. ארום עלף א זייגער, ווען קלעמענס געהט אהיים, בעגלייט ער איהר און וויל מיט איהר אריין צו איהר אין צימער, אבער דא האט ער נים געטראפען דעם ארם. זיא פערברייננט נערן אן אבענד אויפ׳ן באל, אבער ווייטער געהט זיא נים און זיא פערמאכט דיא טיהר איהם אין געזיכט. אויפ׳ן צווייטען טאג הויבט ער אן ווענען איהר נאכצופרענען. קלעמענס האט שוין געהאט א געליעבטען, וועלכער האט איהר אוועקגעווארפען און זיא האט נאך געדארפט בעצאהלען פאר צוויי קווארטאל׳ס דירה־געלד. דאן האט זיא געשווארען צו נעהמען ראכע פון דעם ערשטען מאן, וואס וועט זיין א גענינענדער נאר אין איהר זיך צו פערליבען. נים קוקענדיג אויף דעם, ווארט אויף איהר וואלענטען יעדען טאג אום צו פרענען איהר, וואס זיא מאכט און געהט איהר נאך וויא א שאטען.

— פיעלייכט היינט ביי נאכט? פרענט ער מיט א געלעכטער.

— ניין, ניין, ענטפערט זיא פרייליך, מארגען אין דער צייט!

יעדען זונטאג בעגעגענט ער איהר אין דעם זעלבען זאל, וואו ער האט איהר דאס ערשטען מאל בעגעגענט. זיא זיצט נעבען דיא מוזיקאנטען. זיא טרינקט גערן דעם וויין וואס ער איז איהר מכבד, טאנצט מיט איהם, נאר אזוי ניך וויא ער וויל איהר ארומנעהמען, שיינקט זיא איהם א פאטש און ווען ער שלאגט איהר פאר אז זיי זאלען לעבען צוזאמען, ענטפערט זיא מיט א בעדענקטער מינע, אז עס איז נים נום פון זיין זייט וואס ער לאזט איהר נים צורוה און זיא קען אויף דעם נים איינ־נעהן, ווייל דאס געפעלט איהר נים. זעקס וואכען לאנג געהט עס ביי זיי צו אויף דעם אופן און זיי הערען נים אויף צו לאכען.

ביי דער ענדע פון צווייטען מאָנאט ווערט וואַלענטינ׳ס געזיכט פינסטערער. ער קען מעהר ניט שלאָפען אין זיין קבר אונטערן דאַך. עס שטיקט איהם דאָרטען. ליגענדיג אין בעט מיט אָפענע אויגען, זעהט ער אין דער פינסטער קלעמענס׳ס בלאַנדע געזיכט, איהרע האָר שיינען וויא דיא זון. עס הויבט איהם אָן צו וואַרפען וויא אין פיבער. ער קעהרט זיך פון איין זייט אויפ׳ן צווייטען פונקט וויא עד וואָלט געלעגען אויף הייסע קוילען, און דעם צווייטען טאָג אין ווערקשטוב קען ער גאָר ניט טהאָן, זיינע אויגען בלאָנזשען אַרום, דיא געצייג פאַלט איהם פון דיא הענד און זיינע קאַמעראַדען שרייען צו איהם: „אַזוי, דוא ביזט שוין געווען זעהן מאַדכר אזעל ליזע.״ ליידער אבער איז ער ביי ליזע ניט געווען. דריי מאָל איז ער שוין געווען ביי קלעמענס, ער האט זיך איהר געוואָרפען צו דיא פיס און געבעטען איהר זיא זאָל אויף איהם האָבען רחמנית, נאָר זיא האט איהם געענטפערט ניין, שטענדיג ניין און ער האט געוויינט אויף דער גאס וויא א נאר. ער פאַנטאַזירט, אז ער וועט געהן צו איהר און לייגען זיך פאר איהר טהיר און איהם דוכט זיך אז ער וועט דאָרטען זיין רוהיגער, ווען ער וועט קענען צוהערען דורך דיא שפּאַלטען פון דער טיהר, וויא זיא אַטהעמט. זיין ליידענשאַפט צו דיעזער קליינער מיידעל, וועמעס האַלז ער האט געקענט אַראָבדרייהען מיט צוויי פינגער, וויא דאס העלזעל פון א קוהן, נעהמט ביי איהם אוועק יעדען געדאנק וועגען עסען און טרינקען.

ענדליך, איין שיינעם אבענד מאַכט ער א וויזיט צו קלעמענס און באַט איהר אַז זיא זאָל מיט איהם חתונה האָבען. זיא שיינט צו זיין פערוואונדערט און נעהמט ניך איין אויף זיין פאַרשלאַג. זיא האט איהם וויקליך זעהר ליעב, נאָר זיא האט צופיעל געוויינט, ווען דער ערשטער האט איהר אָבגענאַרט און אוועקגעוואָרפען. איצט, ווען ער שלאגט איהר פאר צו פערבינדען זיך מיט איהם אויף אימער איז אין זיא זעהר צופרידען.

אויף מאָרגען געהן זיי צום מעערס אפיס, אום אויסצוגעפינען, וואס זיי דאַרפען טהאן דיא לאַנגע פאָרמאַליטעטען, וואס מען ברויכט דערצו, פילט זיי אָן מיט שרעק. קלעמענס וויים ניט, וואו צו געפינען א ביישיינינונג פון איהר פאָטערס טוידט. וואַלענטין לויפט פון איין אָפיס צום צווייטען, אום צו בעקומען זיינע פאַפּירען. איצט זעהן זיי זיך יעדען טאָג און געהן צו דיא פעסטונגען און לעבען א נוטען מאָנ, אבענד ווען זיי קעהרען זיך אום צוריק דורך דיא לאַנגע גאַסען פון דיא פאַר־שטעדטלאַך, ריידען זיי ניט א וואָרט און דריקען נאר איינער דעם צווייטען דיא אָרמס. זייערע הערצער זיינען אָנגעפילט מיט א גליק, וואס זיי קענען ניט אַרוים־שפּרעכען. קלעמענס האט איין מאָל געזונגען פאר איהם א באלאַדע, ווענען א דאַמע

אויף א באלקאָן און אַ פּרינץ וואס האט איהר נעקוסט דיא האַר און דאס איז איהם אזוי שטארק נעפעלען נעוואָרען, אז זיינע אוינען זיינען פול נעוואָרען מיט טרעהרען.

דיא פּאָרמאליטעטען זיינען זיי שוין דורכנעקומען, דיא חתונה איז אָבנעלייגט אויף שבת. זיי ווילען מאַכען א שטילע חתונה. וואלענטין איז נעגאַנגען אין קירכע נאכפרעגען, פיעל וועט איהם דיא חתונה קאָסטען נאר אזוי וויא דער גלח האט פערלאַנגט זעקס פראַנק, האט ער נעענטפערט, אז ער קען זיך בעגעהן אָהן דעם און קלעמענס האט ערקלערט, אז די הויפּט זאך וואס זיא וויל איז נאר די חתונה אין מערי'ס אָפיס. ווייטער ארט איהר נים. אָנפאַנגס האבען זיי בעשלאָסען קיין שום יום טוב נים מאַכען, נאָר מען זאל נים מיינען אז זיי ווילען מאכען א חתונה בשתיקה, האבען זיי חרטה און ריידען אָב צו מאַכען אַ פּיקניק אין א וויין־נעשעפט אין באריער דו טראָן און א קאָפּ זאל קאסטען פינף פראנק. ביים טיש וועלען זיין אכצעהן מענשען. קלעמענס וועט איינלאדען דריי פריינדינען, פערהייראטע פרויען. וואלענטין האט פערבעטען א נאנצע פּארטי טישלערס און פרויען. בענעגענען זיך וועט מען אין דעם וויין נעשעפט צווייא זיינער, וייל פּאר טימאג וועלען זיי נאך מאכען א שפּאציער.

אין מערי'ס אָפיס קומען וואלענטין און קלעמענס נאָר מיט זייערע עדות. וואלענטין האט אויסנעפּוצט זיין פראַק אנצוג, קלעמענס האט דיא לעצטע דריי נעכט פערבראַכט אין איבערניצעווען אן אלטע, בלויע קלייד, וואס איהרע א פריינדין, א העבערע אין וואוקס פון איהר, האט איהר פערקויפט פאר צעהן פראַנק. איהר הוט איז בעפּוצט מיט רויטע קווייטען און זיא איז אזוי שעהן מיט איהר יונגע ווייסע נעזיכט, אז דער מעער שמייכעלט צו איהר פאָטערליך. ווען זיא דאַרף ענטפערן דעם „יא“ גיט איהר וואלענטין א שטופּ מיט'ן עלענבויגען און זיא שיסט אויס אין א געלעכטער. יעדער איינער לאכט, זאגאר דיא יונגע משרתים וואס זיינען אנגעשטעלט אין אפיס. עס האט א ביסעל נעטהאָן אן אטהעם פון יונגנד דורך דיא נעלע בלעטער פון נעזעץ־בוך. ווען עס קומט צום איינשרייבען זיך, מאכט וואלענטין א צלם'ל ווייל ער קען נים שרייבען. קלעמענס מאכט א גרויסען פלעק. אלע אנווענדע לאזען איבער פאר ארימע צוויי סו, אויסער דיא כלה זוכט לאנג אין איהרע קעשענעס און לאזט ענדליך איבער צעהן פראַנק.

צוויי אוהר בענעגענט זיך דיא גאנצע קאמפּאניע אין דעם וויין נעשעפט אויפ'ן פלאַץ דו טראן. זיי לאזען זיך אלע געהן צו דיא פעסטונגען און דארטען הורבען זיי אן צו שפּיעלען אין בלענדעניס. ווען איינער פון דיא טישלערס כאַפּט אַ

ראמע, האלט ער איהר א ווייכע אין זיינע הענד און קנייפט איהר אונטער דיא פעריפען, דיא דאמע לאזט ארויס שטילע געשרייען און זאגט אז קנייפענים איז פערבאטען. דיא גאנצע קאמפאניע לאכט אין דער הויך און פיכען אן דיא לופט פון דעם איינזאמען פלאץ מיט אזא ליארם, אז דיא פויגלאך דערשרעקען זיך און אנטלויפען פון דיא בוימער. צוריקוועגס זיינען דריי קינדער, וואס געהערן צו דער קאמפאניע אזוי פערמאטערט, אז זיי קענען נים געהן און זייערע פאטערס נעהמען זיי אויף דיא פלייצעס און טראגען זיי וויא שעפסעלאך.

נאר דאס שטערט זיי נים צו עסען דעם מיטאג מיט אפעטיט. יעדער איז פארטיג אויפצועסען זיין חלק וואס קאסט איהם פינף פראנק. זיי צאהלען דען נים מזומן? און זיי וועלען אויסליידיגען דיא טעלער ביז א האר. דיא ביינער גריזשען זיי ארום און מאכען זיי נאקעט. אויף׳ן טיש פערבלייבט קיין זאך ניט, וואס מען זאל יארפען טראגען צוריק אין קיך. חברה וויל אנשיכור׳ן וואלענטין פאר שפאס, נאר ער האט אן ארג אויף זיין גלאז; נאר קלעמענס וואס האט קיין מאל סיין רייגעם ויין געטרונקען איז זעהר רויט און רעדט אהן אויפהער. זיי זיינען זעהר פרעהליך, יעדע זאך געהט גוט. ביים דעסערט הויבט זיך אן זינגעריי, יעדער האט זיך זיין פזמון, איינער זינגט א באלאדע וועגען ווענעציע, א צווייטער זינגט קאמישע שטיקער און דערצעהלט דיא שלעכטע טהאטען פון ביליגען וויין און מאכט נאך א שכור; א דריטער זינגט עפעס נאר א נעזאלצענע זאך און דיא דאמען לאכען אין דער הויך און אקאמפאנירען דעם געזאנג מיט א פויקען פון דיא מעסער איבער דיא גלעזער. נאר ווען עס קומט צום צאהלען, ווערט א צרה. דער וויין הענדלער פאדערט מעהר וויא מען האט זיך בעדונגען. וואס? עקסטרא געלד? פינף פראנק האט מען זיך בעדונגען און פינף פראנק וועט מען בעצאהלען, נים איין סו מעהר! און אזוי וויא דער וויין הענדלער דראהט ארייצוברייגען דיא פאליציי, ווערט דיא לאנגע שלימער. עס קומט צו א פאטשעריי און א טהייל פון דער קאמפאניע פערברייננט דיא נאכט אין פאליציי סטאציאן. צום גליק האבען חתן־כלה געהאט גענוג פערשטאנד זיך אבצוטראגען ביים אנפאנג קריעג.

פיער א זייגער אין דער פריה קומען זיי אן צו קלעמענס׳ס צימער, וועלכע זיי האבען בעשלאסען אנצוהאלטען ביז דעם צווייטען קווארטאל. דעם גאנצען וועג דורך דער פארשטאדט סענט אנטלאן זיינען זיי געגאנגען צו פוס און האבען פון גיכען געהן נים געפיהלט דעם קאלטען ווינד און אזוי גיך וויא דיא טהיר פערמאכט זיך הינטער זיי נעהמט וואלענטין ארום מיט זיינע ארמס זיין יונגע ווייבעל בעדעקט איהר געזיכט מיט קושען און ער איז אזוי ליידענשאפטליך ערעגט, אז קלעמענס

צולאכט זיך. זיא הייננט זיך איהם אן אויף׳ן האלז, זיא נעהמט איהם אויף ארום מיט אלע איהרע קרעפטען אום צו וויזען איהם, אז זיא ליעבט איהם. דיא בעט איז נאך נים געמאכט, זיא איז אין דער פריה געוועזען אין אזא איילעניס, אז זיא האט נאר פערשפרייט א דעקע. און ער העלפט זיהר איבערצוקעהרען דעם מאט־ראץ. ווען זיי נעהמען שלאפען הויבט שוין אן צו שפראצען אויף טאג. קלעמענס׳ס קאנאריק, וואס הענגט אין א שטיינעל איבער׳ן פענסטער טרילעט זעהר וויך. אין דעם ארימען צימער צווישען דיא אבנעקאלירטע פארהאנגען פון דער בעט רופט ארוים דיא ליעבע וויא א צאפעל מיט דיא פליגלאך.

ווען דיא חתונה איז איבער פאנגט אן וואלענטין און קלעמענס א בעל־הבתישקייט מיט דריי און צוואנציג סו. מאנטאג נעהט יעדער רוהיג צו דער אר־בייט און דיא טעג לויפען אריבער און דאס לעבען מיט זיי. צו דרייסיג יאהר פער־ליערט קלעמענס איהר אמאליגען רייץ און ווערט מאוס. איהרע העלע האר זיינען געווארען קורציג געלב. דיא דריי קינדער, וואס זיא האט געזויגען, האבען רואינירט איהר געשטאלט. וואלענטין האט ליעב נעקראגען דעם טרונק. פון איהם הערט זיך א שטארקער ריח פון שטענדיגען פיהרען דעם הובעל, זיינען געווארען זיינע שעהנע ארמס הארט און דין. דעם טאג ווען ער בעקומט זיינע שכירות און קומט א היים א שכור׳ער און מיט ליידיגע קעשענעס, ווערט אין שטוב א געשלעג און דיא קינ־דער קווימשען. ביסלעכווייז געוואוינט זיך צו דאס ווייב נאכצוגעהן דעם מאן אין שענק אויין. ענדליך פאנגט זיא אן צו זעצען זיך אין שענק נעבען איהם און טרינקט צוזאמען מיט איהם אין דעם ביטערן רויך פון טאבאק. נאר נים קוקענדיג אויף אלעם דעם, האט זיא איהם ליעב. זיא פערצייהעט איהם, ווען ער נים איהר א פאטש און בלייבט אן ארענטליכע פרוי; קיינער קען איהר נים בע־שולדיגען, אז זיא וועט שלאפען מיט דעם ערשטען מאנסביל, וואס זיא בעגעגענט און אין דיעזען לעבען פון קריגערייי און ארימקייט, אין דיעזען שמוציגען וואוינונג, וואו ער פעהלט אפט ברויט און פייער, גיעבט דאך ביז׳ן טוידט נעכט, וואס ליעבע ברייננט אונטער דיא אבגעלאקירטע פארהאנגען פון בעט א צארטען געריש מיט דיא פליגלען.

היינט מאדישע קבורות.

I.

דער גראף פאן בערטייל איז אלט פינף און פופציג יאהר. ער שטאמט פון איינע פון דיא אדעלסטע פאמיליען פון פראנקרייך און בעזיצט א גרויסען פערמעגען. מיט דער רעגיערונג איז ער צופריעדען, ער האט געזוכט א בעשעפטיגונג, וואו ער האט נאר געקענט, און האט געשריעבען ארטיקלען אין דיא אנגעזעהענסטע צייטונגען. א דאנק דיזע ארטיקלען האט מען איהם אויפגענומען אלס מיטגליעד אין, דער אקאדעמיע פון מאראלישע און פאליטישע וויסענשאפטען. אויסער דעם האט ער זיך נאך אבגעגעבען מיט געשעפטע, א געוויסע צייט האט ער זיך אינטערעסירט מיט אקער־בוי, דערנאך מיט פיה־צוכט, און א צייט לאנג האט ער זיך בעגייסטערט פאר דער שעהנע קונסט. אויף א ווילע איז ער זאגאר געווארען א דעפוטירטער און האט זיך אויסגעצייכענט אלס אן אפאזיציאניסט.

זיין ווייב גרעפין מאטילדע איז איינער פון איהם מיט צעהן יאהר, זיא ווערט נאך אלץ בעטראכט, אלס דיא שעהנסטע בלאנדין פון פאריז. עס שיינט, אז דיא יאהרען מאכען איהר חוט נאך וויסער. אין דיא יונגע יאהרע; איז זיא געוועזען אבי־סעל צו מאגער. נאר איצט האבען איהרע אקסלען אנגענומען דיא רונדקייט פון א זיידען ווייבען פרוכט. זיא איז קיין מאל שעהנער ניט געוועזען. ווען זיא קומט אריין אין א סאלאן מיט איהרע גאלדענע האר, מיט איהר שלאנקע פיגור, ערשיינט זיא וויא אן אויפגעהענדער שטערן. און פרויען אונטער צוואנציג יאהר קוקען אויף איהר מיט נייד און אייפערזוכט.

דאס שטוביגע לעבען פון דעם גראף און גרעפין איז אזא, פון וועלכען מען רעדט ניט. זיי האבען חתונה געהאט אזוי, וויא מען האט געוועהנליך חתונה אין דער הויכער קלאססע. מען זאגט זאגאר, אז זעקס יאהר לאנג האבען זייא געלעבט זעהר גוט איינער מיט'ן צווייטען. צו יענער צייט האט זיא איהם געבארען א זוהן, וועלכער איז איצט לייטענאנט, און א טאכטער, בלאנדע, וואס האט מיט א יאהר פריהער חתונה געהאט מיט דעם אונטער שטאטס־סעקרעטאר, דע בוזאק. שוין א צייט מיט יאהרען, וויא זיי זיינען איינער מיט'ן צווייטען צופריעדען, דאך זיינען זיי געבליעבען גוטע פריינד נאר אויף אזוי ווייט, פיעל דייער ענטאזיאזמוס ערלויבט זיי.

זיי פרעגען אייטער ביים צווייטען עצות, ווייזען זיך פאר דער וועלט, וויא זיי האבען ביידע איין מיינונג, נאר זיי לעבען אין אבגעטהיילטע צימערן, און עספּאַנגען זייערע פריינד וואו און ווען זיי ווילען.

א מאָל ביי נאכט, ווען מאטילדע האט זיך צוריקגעקעהרט פון א באל ארום צוויי א זייגער, האט איהר דיא קאַמער־פרוי ביים אויסטהאָן געמעלדעט:

— דער העדר גראף פיהלט זיך היינט עפּעס ניט גוט.

דיא גרעפין האט זיך שוין דערוויל אריינגעלייגט אין בעט און געהאלטען ביים אנשלאָפען ווערען, זיא האט אומגעדרייט דעם קאָפּ און א מורמעל געטהאָן:

— הא?

זיא האט זיך אויסגעצויגען אין בעט און געזאָגט ווייטער:

— וועקט מיך אויף מאָרגען צעהן אוהר אין דער פריה. איך ערווארט דיא מאָדיסטען.

אין דער פריה, ניט בעגעגענענדיג דעם גראף פרעגט זיא נאך, וואס ער מאכט און ענטשליסט זיך ענדליך אריינצוגעהן צו איהם. ביים אריינגעהן זעהט זיא, אז ער איז זעהר בלאס און ליגט אין בעט. דריי דאָקטורים זיינען שוין בייא איהם געוועז, האבען זיך אין דער שטיל בעראטען און איבערגעלאָזט רעצעפּטען. זיי האבען געזאָגט, אז אבענד וועלען זיי ווידער זיין. צוויי דינער געהן ארום דעם קראנקען. זיי בעוועגען זיך שטיל, מיט ערנסטע געזיכטער און זעהען ניט צו מאכען קיין גערויש מיט דיא פיס איבער דעם טעפּיך. דאס גרויסע צימער זעהט אויס, וויא פערשלאָפען. עס זעהט אויס וויא פערגליווערט. יעדע זאך ליגט אויף איהר אָרט, קיין שטיק מעבעל איז ניט געריהרט פון דעם פּלאַץ. עס איז אן אנשטענדיגע ריינע קראנקהייט, א צערעמאָניעלע קראנקהייט, וואס ערווארטעט בעזוך.

— איך האב געהערט, אז איהר ליידעט, מיין פריינד, האט דיא גרעפין געזאגט ביים אריינטרעטען אין צימער.

דער גראף האט א געצוואונגענעם שמייכעל געטהאָן:

— אָה, איך בין נאָר אביסעל מיעד, האט ער געענטפערט, איך ברויך נאָר רועה.... איך דאנק אייך, פאר וואס איהר האט זיך בעמיהט.

צוויי טעג זיינען פערגאנגען. דאס צימער בלייבט, וויא פריהער, ווירדיג און ערנסט. יעדער געגענשטאנד איז אויף זיין פּלאַץ. דיא רפואות פערשווינדען אהנע דעם אז א טראָפּען זאל זיך פערגיעסען אויף דיא מעבעל. דיא גלאט ראזירטע געזיכטער פון דיא בעדיענטע ערלויבען אפילו ניט, אז אויף זייא זאל זיך אָבטונקען לאנגווייליגקייט.

דער גראף ווייס זעהר גוט, אז ער געפינט זיך אין טוידטעס געפאר. ער האט געפאדערט פון דיא דאקטוירים, זיי זאלען איהם זאגען דיא ווארהייט, און זיי האבען איהם געזאגט, און ער לאזט זיי איצט טאהן מיט איהם, וואס זיי ווילען אהנע צוא בעקלאגען זיך. מייסטענס ליגט ער מיט געשלאסענע אויגען אדער קוקט פערטראכט, וויא ער וואלט נאכגעדענקט איבער זיין פעראיינזאמטען לעבען.

אין געזעלשאפט זאגט דיא גרעפין, אז איהר מאן איז ליידענד. איהר לעבען האט זיך אויף איין האר ניט געענדערט, זיא עסט און שלאפט און פאהרט ארוים שפאצירען וויא געוואוינליך. יעדען אבענד און יעדען מארגען מאכט זיא איהר מאן א וויזיט און פרעגט זיך נאך, וואס ער מאכט.

— פיהלט איהר זיך בעסער, מיין פריינד ?

— אה, בעדייטענד בעסער. איך דאנק אייך, טהייערע מאטילדע.

— אויב איהר ווינשט, וועל איך ביי אייך בלייבען.

— ניין, דאס איז ניט נויטהיג. זשוליען און פראנסוא זיינען גענוג. וואצו זאלט איהר זיך בעמיהען ?

זיי פערשטעהען איינער דעם צווייטען זעהר גוט. זיי האבען געלעבט צושיידט און ווילען אויך צושיידט שטארבען.

דער גראף פיהלט דעם ביטערען פערגניגען פון אן ענאאיסט, וועלכער וויל בעסער שטארבען אליין, איידער צו זעהן דיא שמערצענס-קאמעדיע זאל זיך אפשפיעלען ביי זיין בעט. אזוי ווייט וויא נאר מעגליך מאכט ער קורץ זייערע לעצטע בעגעגניסען. זיין לעצטער וואונש איז צו פערשווינדען פון דער וועלט אלס מאן פון דער הויכער געזעלשאפט און אויף א ווירדיגער וועיזע, אלס א גרויסער הערר וועלכער וויל קיינעם ניט בעטריבען און קיינעם ניט שטערען.

אמאל אין איין אבענד האט איהם אנגעהויבען צו פערפעהלען לופט און ער איז שיער דערשטיקט געווארען. ער פערשטעהט, אז ער וועט דיא נאכט ניט איבערלעבען.

דער גרעפין, וואס איז צו איהם אריינגעקומען מיט דעם געוואוינטען וויזיט, זאגט ער מיט א לעצטען שמייכעל:

— געהט ניט אוועק, איך פיהל זיך ניט גוט.

ער וויל, אז בייזע צינגער זאלען וועגען איהר ניט האבען וואס צו ריידען.

זיא פון איהר זייט האט ערוווארטעט דיזע מיטהיילונג און זעצט זיך אריין אין א פאטעל ניט ווייט פון בעט. דיא דאקטוירים טרעטען מעהר פון דעם שטארבענדען ניט אב. דיא דיענער פערענדיגען זייער דינסט מיט דער זעלבער איבערגעבענ-

היים. מען האט נעשיקט רופען דיא קינדער. דער זאָהן און דיא טאָכטער בלייבען ביים בעט. אנדערע פערוואנדטע נעפינען זיך אין א צווייטען צימער. דיא נאכט פערנעהט אין נעשפאנטער ערווארטונג. אין דער פריה קומט דער פריסטער און דער גראף זאגט ווידוי אין דער נעזעגענוואָרט פון אלע אנוועזענדע, אום דיא סצענע זאָל אויסזעהן מעהר יום טוב'דיג.

דיא צערעמאָניע איז אריבער, איצט קען ער שטארבען.

אבער ער אײלט זיך ניט. עס שיינט, אז ער האט ווידער אנגעזאמעלט קרעפטען אום צו פערטיידען א קרעמפיגען און נערוישיגען טוידט. זיין אָנהויב איז עהנליך צום נערויש פון א צובראָכענעם זיינער. מען זעהט, אז עס שטארבט א גוט ערצויגענער מאַן. ער נעהמט ארום זיין ווייב און קינדער און שטופט זיי באלד אב מיט א לייכטער בעוועגונג. ער קעהרט זיך אום צו דער וואנד און שטארבט אליין. איינער פון דיא דאָקטוירים בייגט זיך איין איבער איהם, פערמאכט איהם דיא אויגען און זאגט מיט א שטילע שטימע:

— ער איז פערביי.

זיפצען און טרערען רייסען איבער דיא שטילקייט. דיא נרעפין, דער זאָהן און דיא טאָכטער פאלען אויף דיא קניע. זיי וויינען, פערשטעלט דאס געזיכט מיט דיא הענד. נאכהער פיהרען דיא קינדער אוועק דיא מוטער, וועלכע בלייבט א ווייל שטעהן ביי דער טיהר, אום צו לאָזען מארקירען איהר פערצווייפלונג און בליבעט אין דער הויף. פון דיזער מינוט אן נעהערט דער פערשטאָרבענער דער לייכען קאָמיסיאָן.

דיא דאָקטוירים זיינען מיט איינעבויגענע רוקענס און מיט אומעדיגע נעזיכטען נעגאנגען א היים. מען האט נעבראכט א פריסטער, ער זאָל היטען דיא לייכע. דיא ביידע בעדיענטע פערבלייבען מיטן פריסטער. איינער פון זיי בעמערקט אז א פערנעסענע לעפעל ליגט אויפן שטוהל; ער הויבט זיך שנעל אויף און לייגט עס נעשווינד אריין אין קעשענע. עס זעהט אויס אזוי וויא ער וואָלט וועלען אָבהיטען, אז דיא שעהנע אָרדנונג אין צימער זאָל ניט ווערען נעשטערט. פון דעם גרויסען זאָל אונטען הערט זיך א נערויש פון האמערס. דאס ארבייטען דיא טאפעצירער, אום צו פערוואנדלען יענעם צימער אין א היילינע קאפעלע. איינבאלזאמירען דעם טוידטען נעהמט אוועק א גאנצען טאג. דיא טהירען זיינען פעסט געשלאָסען, און דער איינבאלזאמירער איז אליין מיט זיינע נעהילפע. אויף מאָרגען טראָגט מען דעם נראף ארונטער און מען שטעלט איהם אויס. ער איז נעקליידעט אין א פראק און אייזיין נעזיכט ליגט א יונענדליכע פרישקייט.

ניין א זיינער פילט זיך דער זאל אן מיט א מענגע מענשען, ווייל דאס איז דער צוג פון דער בעגרעבנים. דער זאָהן און דער איידעם נעהמען צו דיא געסט אין א קלענערען זאל; זיי פערנייגען זיך מיט א שטומע און טרויריגע העפליכקייט. אלע שיכטען פון דער געזעלשאפט זיינען פערטראָטען, דער אדעל, דיא ארמע, דיקע בע־אמטע, און מען בעמערקט זאָגאר סענאטאָרען און מיטגליעדער פון דער אקאַ־דעמיע.

א זיינער צעהן נעהט דער צוג ארויס און לאָזט זיך געהן צו דער קירכע. דער טויטען וואגען איז פון דער ערסטער קלאססע. דיא פערד זיינען בעפוצט מיט חויכע פעדער־בושען, און דיא טרונע איז ארומגעהאנגען מיט שווארצע דעקעס, געשטיקט מיט זילבער. דיא שנורען פון דער טרונע ווערען געהאלטען פון א מארשאל פון פריינקרייך, פון א גראָספירסט, וואס איז געוועזן אן אלטער פריינד פון דעם פער־שטאָרבענעם, פון א געוועזענעם מיניסטער און פון אן אקאַדעמיקער. דער זאָהן און דער איידעם פון דעם פערשטאָרבענעם געהען פאָראויס, נור זיי, דער ארון, און הינטער דעם ארון ציהט זיך א מחנה פון וויכטיגע פערזענליכקייטען אין שווארצע קראַוואטען און שווארצע האנד־שוה.

דער נאנצער קווארטאל קוקט ארויס פון דיא פענסטער. דיא טראָטוארען זיינען אָנגעפילט מיט מענשען, וואס בילדען אן אונדורכדרינגליכע וואנד. זיי שטע־הען אָהן היטלען און בעטראַכטען מיט שטוינענדער בעוואונדערונג דעם פרעכטיגען לייכען־וואָגען.

צוליעב דיא גרויסע מענגע קארעטען, וואס זיינען כמעט ליידיגע, ווערט דער פערקעהר פון דיא גאסען געשטערט. עס הערט זיך נאָר דאס שילטען פון דיא קוט־שערס און דאס קלאַפּען פון דיא בייטשען.

וועהרענד דאס אלעס קומט פאָר געפינט זיך גרעפין מאטילדע צו הויז. זיא האט געלאָזט מעלדען, אז זיא פיהלט זיך ניט גוט און קען קיינעם ניט זעהן: זיא ליגט אויסגעצויגען אויף א ווייכען קאנאַפּע און שפּיעלט זיך מיט דיא קוטאַסען פון איהר שלאָפראָק. דערביי קוקט זיא ערלייכטערט און טרוימעריש אויפ'ן סופיט פו'ן זאל.

אין קירכע געדויערט דיא צערעמאָניע כמעט צוויי שטונדען. אלע פריסטער זיינען בעשעפטיגט; פון פריה אן לויפען זיי ארום אין זייערע קירכען־קליידער ארויסכאָזענדיג בעפעהלע און ווישענדיג זיך דיא פערשוויצטע שטערענס. ענדליך איז דער צוג אנגעקומען, דיא אָרגעלס ברויזען, דער כאָר זינגט מיט יאמערדיגע

קולות, דיא פעך פאקעלען לאָזען ארוים זייערע נעלע פלאַמען, וועקכע מאכען נרעד סער דיא פייערליכקיים פון דער צערעמאָניע.

— וועם פאָר נים זיננען? פרעגט א דעפוטירטער ביי זיין שכן.

— איך דענק אז יא.

ווען דיא שטימע פון דעם אפערא־זיננער דערהערט זיך, בעמערקט דער דע־פוטירטער ווידער:

— וואס פאר א פולקיים! וואס פאר א זיסע שטימע! און דאביי ווינט ער בעגייסטערט דעם קאָפּ אהין און אהער.

איינינע פון דיא אנוועזענדע ווערען טיעף נעריהרט. דיא דאַמען שמייכלען און דענקען פון דעם אבענד, וואס זיי ווילען פארברענגען אין דער אָפּער. יא, דיזער פאָר האט ווירקליך טאלאנט; א פריינד פון דעם פערשטאָרבענעם בעמערקט דאביי:

— קיין מאל האט ער שעהנער נים נעזוננען. שאדע, וואס דער ארימער נראף קען איהם מעהר נים הערען, ער האט איהם זעהר ליעב נעהאט.

דיא כאר־זיננער מארשירען ארום דיא מטה. צוואנציג פריסטער נעהען הינ־טער זיי און מורמלען לאטיינישע פראזען. אין דיזער וויזע נעהען זיי ארויס פון קירכע און נאך זיי נעהט ארוים דער גאנצער עולם, נאכדעם וויא זיי האבען נע־דיקט דיא אבלים דיא הענד. ארויסגעהענדיג פון דער טונקעלער קירכע ווערען זיי שיער פערבלענדעט פון דעם ליכט פון דער זון. עס איז א שעהנער טאָג אין מאָנאט יוני. אין דער ווארעמער לופט ציהען זיך לייכטע זומער פעדים. זיי נעהמט א היבשע ווילע ביז דער צוג קומט אין אָרדנונג. פיעלע נעהען אוועק צוריק א היים. עס הערען זיך דיא לאנגזאמע טרים פון דיא פערד, דיא קלאפעריי פון פער־מאכען דיא טהירען און דיא קארעטען און דער צוג מארשירט צום בית עולם.

אין דיא קאָרעטען שטערט מען זיך נים. מען קען דענקען, אז זיי פאָהרען שפאצירען. אזוי גיך וויא דער לייכען־וואגען פערשווינדעט פון דיא אויגען, פער־געסט מען אין גאנצען, אז מען פאָהרט צו א לויה. מען הויבט זיך אן אונטערצו־האלטען וועגען פערשיעדענע זאכען. דיא דאַמען ריידען פון דעם זומער־סעזאָן, און דיא הערען ריידען פון זייערע געשעפטען.

— זאָגט מיר, מיין ליעבע, פאָהרט איהר היינטיגען זומער ווידער נאך דיעפפע?

— יא, פיליכט, אבער נים פריהער וויא אין אויגוסט.

— אזוי, מיין ליעבער, ער האט דעם בריעף איבערגעבאפט און זיי האבען

נעהאט א דועל. אבער דיא זאך איז נוט אבגעגאנגען.... ער איז נור אבגעקומען מיט א קליינעם דראפ.... איך האב מיט איהם דעם זעלבען אבענד געגעססען אין קלוב.... ער האט זאגאר ביי מיר געוואונען פינף און צוואנציג פראנק.

— ניט אמת? דיא זיצונג פון דיא אקציאָנערען איז אבגעלייגט אויף מאָרגען.... מען וויל מיך אויסקלייבען אין קאָמיטעט אריין.... איך בין אבער אזוי שטארק בעשעפטיגט, אז איך וויים ניט, אויב איך וועל עס אָנעהמען.

צייט א קליינע ווייכע בעוועגט זיך דער צוג אין א עווענו. דיא העלע זון שפיגעלט זיך אב אין דיא גרינס. פלוצים בויגט זיך ארויס אן אונבעוואָגענע דאַמע פון דעם פענסטער פון א קארעטע און בעמערקט:

— הה, וויא רייצענד דא איז!

אין דיזען אויגענבליק דערגרייכט דער צוג צום בית עולם מאָנטפארנאס. דיא שטימען ווערען אנשווינגען. עס הערט זיך נאָר דער געריש פון דיא רעדער איבער׳ן זאמד פון דיא אלעען. מען מוז דערפאָהרען דעם גאנצען בית עולם, אום צו דער גרייכען דעם סקלעפ פון דער גרעפישער פאַמיליע. איבער׳ן סקלעפ שטעהט א גרויסער מאָנומענט פון ווייסען מארמאָר, געמאכט אין דער פאָרמע פון א קירכע, און רייך בעפוצט מיט סקולפטור. דיא טרוגע שטעלט מען אנידער נעבען דער טהיר פון דעם מאָנומענט און עס פאנגען זיך אן דיא רעדעס.

דער געוועזענער מיניסטער שילדערט דאס פאָליטישע לעבען פון דעם פערשטאָרבענעם. ער שטעלט איהם פאָר אלס א בעשידענער זשעני, וועלכער וואָלט געווים גערעטעט פראנקרייך, ווען ער זאָל אזוי שטארק ניט פערהאכטען דיא אינטריגעס. דאן דערצעהלט א פריינד פון דיא גוטע מדות פון דעם פערשטאָרבענעם, וועלכען דיא גאנצע וועלט בעוויינט. נאך איהם נעהמט דאס וואָרט אן אונבעקאנטער הערר, א דעלעגאט פון אן אינדוסטריעלער געזעלשאפט, פון וועלכער דער גראף איז געוועזען א עהרען־פרעזידענט. ענדליך רעדט א קליינער מאן מיט א בייזע געזיכט און דריקט אויס דיא געפיהלען פון דער אקאדעמיע פאר מאָראלישע און פאָליטישע וויסענשאפט.

וועהרענד דיזע צייט בעטראכטען דיא אנוועזענדע דיא קברים וואס ליגען ארום און לעזען דיא אויפשריפטען אויף דיא מארמארנע מאָנומענטען. אייניגע הערען זיך צו און כאפען אבגעריסענע ווערטער. א גרייז מיט דינע ליפען, ווען ער דערהערט דעם פאלגענדען זאץ: דיא אייגענשאפטען פון הארצען, דער גרויסער כאראקטער, דער גראססמוטה און דיא גוטסקייט.... שאָקעלט צו מיטן קאָפּ און מורמעלט:

k&r

— אח, יא, איך האב איהם געקענט! ער איז געווען א פעריקטער קערל!..

דאס געזעגנען זיך מיט'ן פערשטארבענעם ענדיגט זיך. די פריסטער בעג־שען די לייכע. אלע געהען צוריק און איפין בית עולם פערבלייבן נור די קברות לייט, וועלכע דארפען ארונטערלאזען די טרונע אין סקלעפ אריין. די שבריק סקריפען. די שווערע טרונע קנאקט. דער גראף האט געפונען זיין אויביגע רוה..

* * *

די נרעפין ליגט נאך אלץ אויף דער קאנאפע.

זיא האט זיך ניט גערירט זיא האלט נאך אין שפיעלען מיט די קוטאסען פון שלאפראק. איהרע אויגען זיינען צוגעשמידט צום סופיט. זיא טראכט און טרוימט פון די געדאנקע: און טרוימען קומט איהר אריין די רויטע פארב אין איהרע בלייכע באקען אריין.

Lær

II

מאדאם נעראַרד איז אַן אלמנה. איהר מאַן איז געווען א בעאַמטער און איז געשטאָרבען מיט אכט יאהר צוריק. זיא געהערט צו דער העכערע קלאַסע פון דער בורזשואזי און פערמאָגט איהרע צוויי מיליאָן. פון מאַן זיינען איהר פערבליבען דריי קינדער און אלע זיהן, יעדער פון זיי האט גע׳ירש׳עט נאכ׳ן פאָטער׳ס טוידט צו פינף הונדערט טויזענד פראַנק. נאָר וויא עס פאַסירט זעהר אָפט זיינען אין דיעזער קאַלטער, ענגהערציגער און געלדשטאָלצער פאַמיליע אויסגעהאָדעוועט געוואָרען ווילדע יונגען, וועלכע האבען ארויסגעוויזען באַלד גאָר אומבעקאַנטע נייגונגען און ליידענשאַפטען. אין גאָר א קורצער צייט האט יעדער זיין האלבען מיליאָן אויפגע־צערט. דער עלטערער, שאַרל, איז בעגייסטערט געוואָרען פאַר מעכאַניק און האט אויסגעבראכט מאַסען געלד אויף זאָ גענאַנטע ערפינדונגען. דער צווייטער, זשאָרזש, האט זיך רואינירט אויף פרויען, דער דריטער, מאָריס, איז בעשווינדעלט געוואָרען פון א פריינד, מיט וועלכען ער האט געוואָלט בויען א טהעאַטער. איצט געפינען זיך אלע דריי זיהן ביי דער מוטער, און כאָטשע זיא גיט זיי גערן עסען און וואוי־נונג, גיט זיא גוט אכטונג אויפ׳ן שליסעל פון געלד־שראַנק און לאָזט עס פון דיא הענד ניט ארויס.

דיא גאַנצע פאַמיליע פערוואוינט א גרויסע הויז אין דער רוע קע טיורען. מאדאם נעראַרד איז אלט אכט און זעכציג יאָהר, און מיט׳ן עלטער זיינען דיא הויפט ציגע פון איהר כאַראַקטער געוואָרען שאַרפער. אז אין הויז זאָל זיין שטיל און ריין, וויא אין א קלויסטער, זיא איז זעהר קאַרג, צעהלט דיא שטיקליך צוקער, פערקאַרקעוועט אליין דיא אָנגעגאָסענע פלעשער און גיט ארויס נייע געשיר און וועש נאָר דאַן, ווען עס איז שוין אונבעדינגט נייטהיג. דיא זיהן האבען איהר זעהר ליעב און צוואָר זיי זיינען שוין איבער דרייסיג יאהר אלט און האלטען פון זיך זעהר שטאַרק, האלט זיא זיי אין דיא הענד. אבער ווען זיא געפינט זיך אליין צווישען דיא דריי ערוואַקסענע זיהן, פאַלט אויף איהר אָן א געוויסע שטומפע אונרוה, זיא האט מורא עס זאָל זיך ניט אָנהויבען א רייד וועגען געלד זיין זיא וויים ניט, וויא זיא וועט זיך פון זיי ארויסדרייען. דעם גרעסטען טהייל פון איהר פערמעגען האט זיא אריינגעלייגט אין הייזער און אין גיטער, און זיי פערורזאכען איהר פיעל אונאַנגענעהמליכקייטען; נאָר פון איין זאַך איז זיא צופריעדען, זיא האט

אין ענטשולדיגונג, וויא אזוי נים צו געבען דיא זיהן קיין גרויסע סומען געלד.

נאך אלעם דעם צאפען דיא דריי זיהן אזוי פיל ארויס פון איהר, פיל זיי קענען נאר. זיי שלאפען אין דער היים, עססען און טרינקען ביי דער מוטער און ווארפען איינער דעם צווייטען אויס, אז יעדער האט א גרויסען אפעטיט. זיי ווייסען גאנץ גוט, אז נאך דער מוטער'ס טוידט וועלען זיי ווידער רייך ווערען און דאס שיינט זיי צו זיין א גענוגענדע אורזאכע צו זיצען ליידיג און ווארטען אויף איהר ענדע. אבוואהל זיי ריידען דערפון קיין מאל נים, זיינען אבער זייערע געדאנקען שטענדיג בעשעפטיגט דערמיט, וויא אזוי זיי וועלען זיך שפעטער צו טהיילען; פיילייכט וועלען זיי נים קענען זיך אייניגען, וועלען זיי אלעס מוזען אויספערקויפען און וועלען דארפען ליידען א גרויסען שאדען. זיי האבען חס ושלום נים ביי דיזע געדאנקען דעם בייזען וואונש, אז דיא מוטער זאל שטארבען, נאר עס איז שטענדיג זיכערער פריהער צו בעטראכטען, וואס עס קען פאסירען. זיי זיינען גוטע, פרייהליכע קינדער, אנשטענדיגע מענשען און האבען גאר נים געגען דעם, אז זייער מוטער זאל נאך לאנג לעבען; זיי ווארטען נאר אויף איהר טוידט, און דאס איז אלעס.

איין שעהנעם טאג, אויפהויבענדיג זיך פון טיש, דערפיהלט זיך מאדאם נעראַרד זעהר שלעכט. איהרע זיהן בעטען איהר, זיא זאל זיך אנידערלייגען און געהען אוועק פון איהר, איבערלאזענדיג איהר מיט איהר דיענסט ערסט דאן, ווען זיא פערזיכערט זיי, אז זיא פיהלט זיך פיל בעסער און ליידעט נאר פון א שטארקען מיגרען. נאר אויף'ן צווייטען טאג האט זיך איהר צושטאנד פערערגערט און דער פאמיליען-דאקטאר האט געבעטען, מען זאל רופען א צווייטען דאקטאר אויף א קאנסולאם.

מאדאם נעראַרד'ס קראנקהייט איז א געפעהרליכע און זיא קען יעדער מינוט שטארבען אכט טאג לאנג שפילט זיך אב ארום דעם בעט פון דער שטארבענדער א פאמיליען-דראמע. אזוי ניך אז זיא האט זיך דערוואוסט, אז זיא איז צוגעבונדען צום בעט, איז איהר ערסטער זארג געווען צוזאמענצוקלייבען דיא שליסלען און צו בעהאלטען זיי אונטער'ן קיסען צוקאפענס. נאך איצטער, ליגענדיג אויף'ן טויטען בעט, וויל זיא זיין דיא דעה זאגערקע אין הויז און אכטונג געבען אויף דיא בטל הבתישקייט. א ביטערער קאמפ קומט פאר ביי איהר אין הארצען און א שרעקליבער צווייפעל פאלט אויף איהר אן. ערסט נאך א לאנגען ישוב הדעת בעשליסט זיא זיך. זיא הייסט איהרע דריי זיהן זיי זאלען זיך אויסשטעלען ארום איהר בעט און בעטראכט זיי מיט איהרע מאטע אויגען.

זיא ווייס נים, וועמען פון זיי בעסער אנצוטרויען, אויף וועמען מען קען דיך

בעסער פערלאָזען. איין טאָג בעקומט זיא מעהר פערטרויען צו זשאָרזש. זיא טאַכט צו איהם א צייכען, אז ער זאָל נעהענטער צוקומען צום בעט און זאגט צו איהם מ׳ט א קלאָרער שטימע:

— אט דאס איז דאס שליסעל צום בופעט.... נעהם ארויף דעם צוקער.... ש׳לים נוט צו און ברייננ מיר צוריק דאס שליסעל!

אויפ׳ן צווייטען טאָג ווערט איהר צוטרויען צו זשאָרזש פערשוואונדען. זיא קוקט איהם נאָך מיט פערדעכטיגע בליקען, ווען ער גיט זיך נאָר א ריהר, פונקט וויא זיא וואָלט מורא געהאט, אז ער זאָל ניט ארונטערשלעפען עפעס פון דעם קאַמין און זאָל עס ניט אריינלייגען צו זיך אין קעשענע. זיא רופט צו שאַרל, פער־טרויט איהם א שליסעל און מורמעלט:

— מיין דיענסט וועט מיט דיר מיטגעהן.... פאס גוט אויף.... זאָל זיא ארויסנעהמען דיא טישטיכער, און דוא שליס אליין צו.

איהרע יסורים ווערען זעהר גרויס פון דעם געדאנק, אז זיא וועט מעהר ניט קענען רעגולירען דיא אויסגאבען פון שטוב. זיא דערמאַנט זיך, וואס פאר א ווילד לעבען דיא קינדער האבען געפיהרט נאכדעם וויא זיי האבען בעקומען דיא ירושה פון פאָטער, און זיא ווייס גאנץ גוט, וויא נאַרעיש, פויל און פערשווענדעריש זיי זיינען. דעם רעספעקט צו זיי האט זיא שוין לאנג פערלוירען, ווייל זיי האבען אב־גענארט איהרע האָפנונגען און האבען זיך אויפגעפיהרט געגען איהר שטרענגע און שפאַרזאַמע געוואוינהייטען. נור זיא האט זיי דאָך ליעב. און דיא ליעבע פער־צייהט. איהרע אויגען בעטען רחמים. זיי זאָלען ניט בעפאלען איהר פערמעגען ביז נאָך איהר טויט. אויב זיי וועלען זיך נעהמען רייסען פאַר דער ירושה פאַר איהרע אויגען וועט דאס איהר גייציגע נאטור פעראורזאכען גרויסע יסורים.

דיא קינדער אָבער בענעהמען זיך געגען איהר זעהר צערטליך. זיי האבען צווישען זיך אבגעמאכט, אז איינער פון זיי זאָל שטענדיג בלייבען נעבען דער מו־טער און זעהן בעזאָרגען, וואס זיא וועט וועלען מיט גרויס ליבע. נאָר ניט קוקענ־דיג אויף אלע זייערע בעמיהונגען, קענען זיי זיך ניט העלפען און ברייננען אריין מ׳ט זיך א שטיק פון זייער עפענטליכען לעבען: דעם גערוך פון סיגארען, וואס זיי האָ־בען געראויכערט, דיא נייעס, וואס זיי הערען זיך אן אין שטאָדט און גיבען איבער איינער דעם צווייטען. דיא אייגענליעבע פון דער מוטער ליידעט דערפון זעהר, ווייל זיא וואָלט ווינשען, אז דיא קינדער זאָלען קיין אנדערע זאכען האבען אין זינען, ווען זיא האלט ביים שטארבען. וואס שוואכער זיא ווערט, אלץ גרעסער ווערט איהר מיסטרויען צו דיא קינדער און אלץ מעהר ליידעט זיא דערפון, ווען דיא יונגע לייט

וואלטען אפילו נאר נים געדענקט פון דער מוטער׳ס ירושה, וואלט זיא אליין דיזען געדאנק אין זיי אריינגעגעבען מיט דער ארט און ווייזע, וויא אזוי זיא פערטהיידיגט איהר פערמעגען ביז איהר לעצטען אטהעם. זיא קוקט אויף זיי מיט אזא אננסטל־בער מינע, מיט אזא דייטליכער מורא, אז זיי מוזען אבקעהרען פון איהר דעם קאפ. זיא גלויבט, אז זיי קוקען אוים איהר טוידט, און אין אמת׳ן טהוען זיי עס מאקע, ווייל מיט איהרע שטומע בליקען האט זיא זיי אליין ארויפגעבראכט אויף דיזען גע־דאנק, זיא אליין וועקט אין זיי דעם באגער און פערלאנג. ווען זיא בעמערקט, אז איינער פון איהרע זיהן זעהט אוים בלאס און פערטראכט, זאגט זיא צו איהם

— קום צו מיר! וועגען וואס טראכסטו?

— נאר נישט מוטער!

נאר דאביי נים ער זיך א צאפעל. זיא שאקעלט לאנגזאם מיט׳ן קאפ און זאגט:

— איך מאך אייך פיל זארג, קינדער.... דאגה׳ט נים, איהר וועט פון מיר באלד פטור ווערען.

זיי טרעטען צו צום בעט און שווערען, אז זיי האבען איהר ליעב און ווילען איהר ראטעווען, נאר זיא ענטפערט זיי מיט שטארקען שאקלען מיט׳ן קאפ „ניין!" איהר מיסטרויען האט זיך נאך פערשטארקט. איהרע לעצטע טעג זיינען זעהר פערגיפטעט פון דעם פערמעגען, וואס זיא בעזיצט.

דיא קראנקהייט האט געדויערט דריי וואכען. עס זיינען שוין געוויין פינף קאנ־סולאמס, מען האט גערופען דיא גרעסטע דאקטוירים. איהר דיענסט טרעט פון איהר נים אב, אזוי וויא דיא זיהן. נאר נים קוקענדיג אויף דעם, איז אין הויז אן אונארדנונג. זיי האבען אויפגעגעבען יעדעס האפנונג, דער דאקטאר האט ער־קלערט, אז דיא קראנקע קען יעדע מינוט שטארבען.

איין פריהמארגען האבען דיא זיהן געגלויבט, אז דיא מוטער שלאפט, און האבען זיך בעראטען, שטעהענדיג ביים פענסטער, וועגען זעהר א וויכטיגער אנגע־לעגענהייט. יעדען פופצעהנטען פלעגט דיא מוטער אליין אבנעהמען דיא דירה געלד פון איהרע הייזער און איצט איז א פראגע וויא אזוי זאלל מען דאס געלד איינקאסירען. דיא אויפוואכטער אין דיא הייזער האבען שוין אנגעפרעגט, וואס זיי זאלען טהאן. אין דעם שוואכען צושטאנד, אין וועלכען דיא מוטער געפינט זיך, קענען זיי דערפון מיט איהר נים ריידען, נאר ווען דאס אונגליק מיט דער מוטער וועט געשעהן, וועלען זיי דאס געלד נויטהיג ברויכען, אום צו בעגעגענען דיא טוט־היגע קאסטען.

— מיין גאָט ! האט זיך אָבגערופען שאַרל מיט א שטילער שטימע. אויב איהר ווילט, וועל איך אליין געהן צו דיא שכנים. זיי וועלען עס נעפינען גאנץ בע־גרייפליך און וועלען מיר איינצאָהלען.

דיא ברידער האבען זיך מיט דיעזען פאָרשלאַג ווייניג דערפרייט. דאס מיס־טרויען פון דער מוטער, האט זיי אויך מיסטרויאיש געמאכט.

— מיר ווילען אויך מיטגעהן, האט געזאָגט איינער. מיר דארפען אויך האַ־בען געלד.

— זעהר גוט, איך וויל דאס געלד אריינברענגען; איהר האט דאך קיין מורא, אז איך וועל מיט דיזען געלד אַנטלויפען.

— ניין ; אבער עס איז דאך בעסער, אז מיר זאָלען געהן אלע צוזאמען עס וועט בעסער אויסזעהן.

זיי הויבען אָן צו קוקען איינער אויף׳ן צווייטען, און זייערע אויגען צינדען זיך אָן מיט דעם צאָרן און האַס, וואס וועט באלד אויסברענגען, ווען זיי וועלען זיך נעה־מען טהיילען מיט׳ן גאנצען פערמעגען. דיא ירושה ליגט זייא פאר דיא אויגען, און יעדער פון זיי וויל זיך פערוואָרענען מיט׳ן גרעסטען חלק. שאַרל רעדט ווייטער, ער רעדט איצט ארוים אָפען דאס, וואס יעדער פון דיא ברידער האט ביז איצט גע־טראכט פאר זיך :

— הערט מיר וועלען אלעס פערקויפען.... דאס וועט זיין דאס בעסטע.... אז מיר קריגען זיך שוין היינט, וועלען מיר זיך מאָרגען צורייסען אויף שטיקער....

פון בעט דערהערט זיך א כאָרכלען. זיי קוקען זיך אום, און דערזעהן דיא מו־טער בלאס, מיט אויסגעסטארצטע אויגען און ציטערענדיג וויא אין פיעבער, זיצט זיא אויפ׳ן בעט. זיא האט אלעס געהערט. זיא שטרעקט אוים איהרע הענד און רופט זעהר צושראָקען :

— מיינע קינדער.... מיינע קינדער !....

עס כאַפט איהר פלוצים אָן קרעמפּפען און זיא וואַרפט זיך צוריק אויפ׳ן קיסען און שטאַרבט בייא דעם שרעקליכען נעראַנק, אז דיא קינדער בע׳גנבע נען איהר.

אלע דרייא זיינען צו שראָקענע צונעלאָפען צום בעט און נעפאלען אויף דיא קניע. זיי קושען ביי דער טוידטע דיא האנד און, וויינענדיג, פערמאַכען זייא איהר דיא אויגען. אין דיעזען אויגענבליק האבען זיי זיך דערמאָנט אָן זייער קינדהיים און תאַרשי זיי פלוצית דערהיגלט אלח יתורית. אנו דער בייא פלאנט דער טוטער׳ס

טרעקליכער טוידט וייער געוויסען און זייא ווערען פול מיט האס איינער צום צווייטען.

מען שיקט נאך א מאנאשקע (נאננע) זיא זאל וואכען דיא טוידטע. דיא דריי זיחן בעזארגען דער וויל אלעס, וואס מען דארף צו דער קבורה. ביי נאכט בייטען זיי זיך און זיצען צוזאמען מיט דער מאנאשקע. אין צימער זיינען דיא פארהאנגען ארצבגעלאזט, דיא געשטארבענע ליעגט אין בעט מיט א פערגליווערטען קאפ, מיט צוגיפגעלייגטע הענד און א צלם אויפ׳ן ברוסט. איבער איהר ברענט א ליכט. א צווייג פון א פאלמע שטעהט אין א קרוג מיט הייליגען וואסער. דיא נאכט פערגעהט און דער טאג קומט. דיא מאנאשקע בעט אביסעל הייסע מילך, וויל זיא פיהלט זיך נים גוט.

א שטונדע פאר דער קבורה ווערען דיא טרעפ פול מיט בעזוכער. דיא טהורערען זיינען ארומגעשלאגען מיט שווארצען טוך, פון וועלכען עס הייננען אראב זילבערנע פרענז. אינעווייניג שטעהט דיא טרונע, ארום ברענען ליכט און אויפ׳ן דעקיל ליגען קראנצען. יעדער, וואס קומט אריין, בעשפריצט דיא לייבע מיט׳ן הייליגען וואסער. עלף אוהר הויבט זיך אן דער צוג צו ריהרען. דיא קינדער פון דער פערשטארבענע פאהרען אין א קארעטע. הינטער זייא זעהט מען הויכע בעאמטע, גרויסע קויפלייטע און א מעננע וויכטיגע בורזשוא, וואס געהן מיט לאנגזאמע טריט און ווארפען דער ביי פערעכטליכע בליקען אויף דיא נייגעריגע, וואס האבען זיך פערזאמעלט. דעם צוג שליסען צוועלף טרויער קארעטען.

דיא אנוועזענדע דריקען אויס זייער בעדויערען צו דיא קינדער פון דער פערשטארבענע, וואס זיינען געקליידעט אין שווארצען און האבען פערוויינטע אויגען. אלע אין איין קול זאגען, אז דיא קינדער זיינען מקבר דיא מוטער אויפ׳ן אנשטענדינסטען אופן. אין א ווינקעל שאצט מען דעם לייבען-וואגען אלס דריטער קלאסע און מען בערעכענט דיא קאסטען פון דער קבורה אויף מעהרערע טויזענדע פראנקען. אן אלטער נאטאר בעמערקט דאביי מיט א פיינעם שמייכעל:

— ווען מאדאם געראר וואלט אליין געדארפט בעצאהלען פאר איהר קבורה, וואלט זיא זיכער איינגעשפארט א האלבע טוץ קארעטען.

אין דער קירכע זיינען דיא טהירען אפען, דער ארגעל שפיעלט און דער גלח האלט א טרויער רעדע. דיא קינדער פון דער פערשטארבענע שטעהן אויסגעשטעלט אין א רייהע און הערען אויס דיא בעדויערונגס-רעדען און דריקען דיא הענד פון מענשען, וואס זיי האבען קיין מאל נים געזעהן; זיי בייסען זיך דיא ליפען און האלטען קוים איין דיא טרעהרען.

ווען דער צוג ריהרט זיך ווייטער צום בית עו"ם, נעהמען אלע פערבייגעהענדע אראב דיא היטלען און הויבען אויף דיא אויגען. דער צוג דארף איצט דורכגעהן דורך א געדיכט בעזעצטען קווארטאל פון ארבייטער, און דיא ארבייטער וואס קרמען יעצט אן אנטקעגען עססען רוהיג זייער ברויט מיט ווורשט און בעטראכטען דעם לייכען־צוג פון א רייכען.

אַנקומענדיג צום בית עולם, פערנעהמט זיך דער צוג לינקס און קומט באלד צו צום פאמיליען־גרוב, וואס בעשטעהט פון א קליינעם מאָנומענט, געמאכט ווי א קליינע קאפעללאַ, און אויף וועלכער עס זיינען אויסגעקריצט אין שווארצע בוכשטאבען דיא צוויי ווערטער „פאמיליע געראַרד" דורך דער אייזערנע טהיר זעהט מען אן אלטאר, אויף וועלכען עס ברענען ליכט. דיא געסט, וואס זיינען געגאנגען צו דער לויה, צו שפרייטען זיך אין אלע זייטען און בעוואונדערן דיא מצבות און דיא בלומען, וואס וואקסען אויף דיא קברים.

דער וויל לאָזט מען דיא טרונע ארונטער, דער גלח זאָגט זיין לעצטע תפלה און דיא קברות־לייט שטעהען א פּאָר טריט ווייטער און ווארטען. דיא דריי זיהן וויינען און נעהמען ניט אראָב דיא אויגען פון דעם גרויסען סקלעפּ, פון וועלכען מען האט אראָבגעקייקעלט דעם שטיין, אין דעם זעלבען סקלעפּ וועלען זיי אויך א מאָל געפינען זייער מקום מנוחה. פריינד פיהרען זיי אוועק, ווען דיא צייט קומט ארויפצוקייקלען דעם שטיין.

צוויי טעג שפּעטער קומט פאָר צווישען זיי א רייסעריי ביים זייער מוטער'ס נאָטאר. זייא רייסען זיך מיט טרוקענע אויגען און מיט דער העפטיגקייט פון פיינדע וועלכע זיינען ענטשלאָסען ניט אריבערצולאזען איין סענטים. פאר זייא איז א סך גלייכער און זי קענען פיעל געווינען, ווען זיי זאלען זיך ניט איילען מיט'ן פערקויפען פון זייערע גיטער און זיי וועלען אזוי טהאן, נאָר דאס שטערט זיי ניט, זייא זאָלען איינער דעם צווייטען אויפווארפען מיט זיינע פעהלערען; שארל וועט אלעם פערשלינגען מיט זיינע נארישע ערפינדונגען; זשאָרזש האט ערגעץ א פרויענצימער, וואס וועט איהם בעראַבעווען און ארויסנארען ביי איהם ביז דעם לעצטען סענטים; מאָרים וועט זיך געוויס באלד אריינלאָזען אין איינע פון זיינע משוגע'נע ספעקולאַציאָנען, וואס וועט דאס גאנצע קאפּיטאל אויפפרעסען. אומזיסט מאַטערט זיך. דער אלטער נאָטאר צו מאכען צווישען זיי א פשרה; זיי צו נעהען זיך און דראָהען איינער דעם צווייטען ארייצוברייננען זייערע קלאגען אין געריכט.

דיא פערשטאָרבענע האט ווידער ערוואכט אין זיי מיט איהר גייץ און מורא בע'ננב'עט צוא ווערען, אויב נעכד האט איהר טוידט פערניפטעט, האבען איהרע

קינדער דורך איהר איצט גע'ירש'עט נאר צאָרן און האַס. זיי האבען זיך געשלאָגען אויף איהר פרישען קבר.

III.

רוססאַ האט צו צוואנציג יאָהר חתונה געהאט מיט א יתומה אכטצעהן יאָהר אלט. און איהר נאמען איז געווען אדעלע רעמערסיע, אוןביידע האבען אין דעם טאָג פון זייער חתונה. געהאַט א פערמעגענס פון זיעבעציג פראנק. אָנפאַנגס האָבען זייא ביידע פערקויפט פאפיער אין קאנווערטען אונטער א טהויער, דערנאָך האבען זיי געדונגען א קלייטעל, וואס איז געווען גרויס וויא א מענשענס האנד און אין דעם גריבעל זיינען זיי פערבליבען צעהן יאהר, ביז דאס געשעפט האט זיך פערגרעסערט. איצט האבען זיי א געשעפט פון פאפיר אין דער רוע קליטשי, וואס איז ווערטה פופציג טויזענד פראנק.

אדעלע איז א קרענקליכע פרוי. זיא האט שמענדיג אביסעל געהוסט. דיא ענגע לופט אין זייער אמאלינען קלייטעל, איהר שטענדיגעס זיצען ביי דער קאסע אין זייער איצטיגען געשעפט שאדען איהר. א דאָקטאר האט איהר געזאָגט, אז זיא דארף האבען רוה און אָפט שפאצירען אויף פרישע לופט און אין שעהנעם וועטער, נאָר אזעלכע זאכען קען מען ניט אויספיהרען, ווען מען וויל אין דער גיך אָנזאמלען א פערמעגען, וואס זאָל טראָגען אזעלכע צינזען, אז מען זאָל אויף דיא עלטערע יאָהרען קענען לעבען רוהיג און אהן זאָרגען. אדעלע זאגט, אז זיא וועט זיך אויס רוהען און ארויסשפאצירען שפעטער, ווען זיא וועט איהר געשעפט פערקויפען און בעזעצען זיך ערגעץ-וואו אין דער פראָווינץ.

איהר מאן ווערט זעהר אונרוהיג, ווען ער דערזעהט איהר בלייבקייט און דיא רויטע פלעקען אויף איהרע באקען. נאָר וואס קען ער טהאָן? ער איז א פערנענר־מענער אין געשעפט און קען איהר ניט נאכקוקען און אָבהיטען, זיא זאל זיך עפעס קיין צרה ניט אָנמאכען. וואכען-לאנג געפינט ער ניט א מינוט ליידיגע צייט צו ריידען מיט איהר וועגען איהר געזונד. ווען ער דערהערט א מאָל איהר טרוקענעם

הוסט, ווערט ער זעהר אונרוהיג און צווינגט איהר אנצוטהאן א שאל און צו מא־
כען מיט איהם א שפאציר איבער דיא עליזיי פעלדער, אבער זיא פעהרט זיך אום
פון דארטען צוריק א פערמאטערטע און הוסט נאך שטארקער. דאס געשעפט
שלינגט ווידער איין זיין גאנצע אויפמערקזאמקייט און ער פערגעסט אן איהר קראנק־
הייט ביז א נייען קריזיס.

אט דאס הייסט געשעפט, מען שטארבט איידער מען האט צייט זיך אומ־
צוקוקען.

א מאל ווען אדעלע האט שטארקער אנגעהויבען צו הוסטען, וויא שטענדיג,
האט רוססא אבגעפיהרט דעם דאקטאר אן א זייט און האט איהם געבעטען, ער
זאל איהם זאגען דעם אמת וועגען זיין וויב׳ס קראנקהייט און צו איהר לעבען
שטעהט טאקע אין געפאהר. דער דאקטאר ניט געוואוינליך זיין דיפלאמאטישען
ענטפער, אז מען דארף זיך רעבענען מיט דער נאטור פון דעם מענשען, אז ער האט
שוין געזעהן קראנקערע לייט, וואס זיינען נאך אזעלכע קראנקהייטען געזונד גע־
ווארען, נאר ווען רוססא האט איהם צונעשטופט צו דער וואנד, האט ער ענדליך
איהם אויסגעזאגט, אז זיין וויב ליידעט פון שווינדזוכט. וואס איז אריינגעטריבען
זעהר ווייט. דער מאן איז טוידטליך בלייך געווארען, ווען ער האט עס דערהערט.
ער האט זיין פרוי זעהר ליעב. ווייל זיי האבעןביידע זעהר שווער געארבייט, ביז
זיי האט געלונגען צו דערגרויכען צו אזא שטופע, אז זיי זאלען קענען עססען ווייס
ברויט יעדען טאג. זיא איז איהם ניט נאר א ווייב, נאר אויך אן איבערגעגעבענער
שוטף, וואס איז איהם זעהר נייטיג צום געשעפט. ער מוז זיך אנטהאן א כח, און
איהר ניט ארויסווייזען א טרויריגע מינע, ער קען אויך ניט אוועק אויף א ווײלע
פון געשעפט, אום זיך ערגעץ אין א ווינקעל זיך אויסוויינען. דאס אלטע לעבען
געהט, וויא פריהער און ער זוכט זיך איינצורעדען, אז דאקטוירים האבען אפט א
טעות. ער הויבט אן צו דענקען, אז זיין וויב זעהט גאר ניט אזוי שלעכט אויס.
ענדליך ווערט ער געוואוינט צום געדאנק, אז זיין ווייב געהט אויס, וויא א ליכט.
ער זוכט בכיון מעהר ארבייט אין געשעפט, אום ניט צו דענקען דאריבער און
האפט, אז דאס אונגליק וועט אזוי גיך ניט געשהן.

אדעלע זאגט צייטענווייז:

— אוי מיר זאלען שוין א מאל ארויספארען פון דער שטאדט, דאן וועסטו
זעהן, וויא גיך איך וועל געזונד ווערען.... נאט גערעכטער! סך הכל זיינען נאך
אונז פערבליבען אכט יאהר, וויא דערלעבט מען שוין, זיי זאלען דורכלויפען.

איהר מאן קומט אפילו אין קאפ ניט אריין, אז מען זאל ארויס פון געשעפט

פאר דיא אבט יאָהר און לעבען פון קלענערע איינקינפטע. אדעלע וואלט עס אויך ניט דערלאָזט, ווען ער זאל עס אפילו וועלען. זיי האבען זיך איינגערעדט, אז זיי מוזען דערגרייכען ביז א געוויסע סומע און וועלען פון איהר נאר ניט אראָבלאָזען.

אדעלע האט זיך שוין צוויי מאָל געמוזט ארייגלייגען אין בעט, נאר ביידע מאָל האט זיא זיך ווידער אויפגעהויבען און איז קראנקערהייד אוועק אין געשעפט, דיא שכנים ריידען צווישען זיך, אז דיא קליינע פרוי וועט עס לאנג ניט אויסהאלטען, און זיי האבען קיין טעות ניט, גראדע צום נייען יאָהר, ווען מען דארף מאבען דיא רעכנונגען, האט זיא זיך ווידער צום דריטען מאל ארייגעלייגט אין בעט. דער דאָקטאָר קומט אין דער פריה, רעדט מיט איהר און פערשרייבט איהר א ריצעפט. רוססא ווייס שוין פון דאָקטאָר, אז איהר סוף איז נאָהענט, נאָר ער האט קיין צייט ניט אוועקצואווארפען דיא רעכנונגען אין געשעפט און רייסט קוים אב א פאָר מינוט פון צייט צו צייט אום ארופצוכאפען זיך און אויסצוגעפינען, וואס זיא מאכט. געוואוינליך, קומט ער ארויף צוזאמען מיט'ן דאָקטאָר, דערנאך געהט ער צוריק אוועס אין געשעפט און קומט ווידער ארויף צו מיטאָג צייט. ביי נאכט ארום עלף א זייגער לייגט ער זיך שלאָפען אין זיין קאבינעט אויף א צוזאמענגעלייגטע בעטיל וואס ער האט דאָרטען געהייסען אנידערשטעלען. פראנסוא דיא קעכין גיט אכטונג אויף דיא קראנקע, דיזע פראנסוא איז א משונה'דיגע מיידעל, מיט גרויסע, אונגעלומפערטע הענד און פיס, און איהר ציכטיגקייט און העפליכקייט שיינען צו זיין זעהר צווייפעלהאפט. זיא בעהאנדעלט שלעכט דיא קראנקע. זיא גיט איהר דיא מעדיצין מיט א פארקרימטע צורה און מאכט אן אונערטרעגליכען גערויש. ווען זיא ראמט אויף דאס צימער, כאָטשע דאס צימער איז שטענדיג אין א שרעקליבע אונארדנונג. דיא פלעשלאך רפואות שטעהען אנגעשטעלט אויפ'ן קאָמאָד, דיא וואששיסלען ווערען כמעט קיין מאל ניט אויסגעוואשען, דיא שמאטעס מיט וועלבע זיא שייערט, הענגען איבער דיא בענקלאך. מען ווייס ניט, וויא צו שטעלען א פוס, אזוי אנגעשטעלט איז דאָרטען. מאדאם רוססאָ בעקלאגט זיך קיין מאל ניט זיא בענרנעגט זיך דערמיט, וואס זיא קלאפט מיט'ן פויסט אין דער וואנד, ווען זיא רופט דיא דיענסט, און יענע וויל איהר ניט ענטפערן. פראנסוא האט נאך מעהר צו טהאָן, וויא אויף איהר אכטונג צו געבען. זיא דארף אין געשעפט אויפראמען, זיא דארף פאר'ן ווירטה און פאר דיא יונגע לייט, וואס ארבייטען אין געשעפט, קאָבען, אויסער פיעלע אנדערע שטובינ-ארבייט. דיא בעל הבית'טע קען דאך איהר ניט צווינגען זיא זאָל שטענדיג זייען נעבען איהר. זיא וועט אויף איהר מעהר אבטינג געבען, ווען זיא וועט האבען מעהר צייט.

נאָר אדעלע אליין טראכט ווייניג וועגען איהר קראנקהייט. אלע איהרע גע־דאנקען זיינען אין געשעפט. יעדען אבענד פרעגט זיא זיך נאך, פיל דער פדיון איז געוועז און דער יעהרליכער רעכנונג לאזט איהר ניט רוהען

אזוי ניך וויא דער מאן קומט ארויף אויף א פאָר מינוט, פרעגט זיא איהם אויס וועגען דער איינגאהמע, וועגען דיא נייע וואארע, אבער קיין מאָל ניט וועגען איהר קראנקהייט. זיא איז זעהר פערזאָרגט, ווען זיא געפינט אויס, אז דאס לעצטע איהר איז געוועזן א מיטעלמעסיגעס און זיי האבען אבגעשפּארט מיט פיערצען הונדערט פראנק וויינינגער, וויא לעצטעס יאהר. מיט פיעבער און דיא אדערן דערמאָנט זיא זיך אן דיא בעשטעלונגען פון דער לעצטער וואָך, מאכט אין בעט דיא רעכנונגען און מאַטערט זיך צו פיהרען דאס הויז. זיא טרייבט דעם מאן אין געשעפט אריין, ווען איהר דוכט, אז ער איז צו לאנג געזעסען ביי איהר. זיא וועט ניט געזונד ווערען, וואס ער וועט לייגנער ביי איהר זיצען, און דאס גע־שעפט ווערט דער וויל פערנאבלעסיגט. זיא איז זיכער, אז דיא משרתים פון גע־שעפט זיינען ניט איבריג איבערגעגעבען און זיא הערט ניט אויף צו טענה'ן צו איהם:

— געה ארונטער, מיין פריינד. איך זאָג דיר, אז איך דארף דיך דא ניט האָבען. און פערגעס ניט צו בעשטעלען דיא העפטען צום שרייבען: דיא שוהלען פאנגען זיך באלד ווידער אָן און מיר האָבען ניט קיין אנגעגרייטע סחורה פון זיי.

א לאנגע צייט איז זיא געלעגען אין איהר צושטאנד.. זיא האָפט נאך אלץ מאָרגען אויפצוהויבען זיך פון בעט און אנצונעהמען צוריק איהר פלאץ ביי דער קאַסע. זיא מאכט זאָגאר פלענער וועגען א שפּאציר, וואס זיא וועט מאכען מיט איהר מאן. זיא וועט פערברייננגען א זונטאג אין סענט קלאָד. זיא האט קיין מאל ניט געהאט אזא לוסט צו זעהן גרינע בוימער, וויא איצטער.

נאר איין טאָג איז זיא פלוצים ערנסט געוואָרען. ליגענדיג ביי נאכט מיט ווייט אויפגעריסענע אויגען, האט זיא מיט א מאל דערזעהן, אז זיא מוז שטארבען. דעם גאנצען טאָג האט זיא ניט אויסגערעדט קיין וואָרט, זיא האט נאָר נאכגעדענקט. אין אבענד האט זיא דעם מאן אָבגעהאלטען, ווען ער האט געוואָלט אוועקגעהן און האט צו איהם מיט א רוהיגען קול געזאָגט, פונקט וויא זיא וואָלט מיט איהם גע־רעדט וועגען א נייען סאָרט וואארע:

— דוא וועסט מאָרגען אריבערגעהן אין דער רוע דע טאזאר, דאס איז ניט ווייט פון דאנען. דאָרטען וואוינט א נאָטאר, דיא וועסט איהם אָבזוכען און ברענ־גען איהם אהער.

— צו וואס דארפסטו א נאָטאר? מיר האלטען נאָך דערביי נים.

נאָר זיא רעדט ווייטער מיט א רוהיגע שטימע און מיט א שמייכעל אויפ'ן געזיכט:

— זעהר מעגליך! אבער איך וועל ווערען רוהיגער, ווען אונזערע אנגעלעגענ-הייטען וועלען געבראכט ווערען אין אָרדנונג.... צו אונזער חתונה האבען מיר גע-האט איין פערמעגען! ווייל מיר האבען נאָר ניט פערמאָגט. היינט האבען מיר עפּעס ערוואָרבען אָן איך וויל ניט, אז מיין פאמיליע זאָל דיך בעראבעווען. מיין שוועסטער אַגאַטע איז נאָר ניט געוועזען אזוי גוט צו מיר, אז איך זאָל איהר עפּעס איבערלאָזען, איך וואלט עס בעסער מיטגענומען.

און זיא וויל ניט אנדערש, אז איהר מאן זאָל מארגען רופען דעם נאָטאר. זיא בעראטה זיך לאנג מיט'ן נאָטאר און בעט איהם, אז ער זאָל מאכען אזוי נור קיינער זאָל ניט קענען האבען קיין טענות צו איהר מאן.

ווען דיא צוואה איז פארטיג און דער נאָטאר פערלאָזט דיא הויז, ציהט זיא זיך אויס אין בעט און מורמעלט צו איהר מאן:

— איצט וויל איך רוהיג שטארבען.... איך האב זעהר געוואָלט לעבען אויפ'ן לאנד, און דוא קענסט זיך נאָר ניט פאָרשטעלען וויא מיר טהוט לייד, וואס איך קען דאס ניט האבען זאגאר א קורצע צייט.... נאָר דוא וועסט עס טהאָן.... זאָג מיר צו, אז דיא וועסט זיך אריבערציהען אויפ'ן דאָרף ניט ווייט פון מעלון, פון וועלכען מיר האבען אזוי לאנג גערעדט...... דיין פערשפּרעכען וועט מיך זעהר פרייהען.

רוססאָ וויינט מיט הייסע טרערען. זיא טרייסט איהם און באַט איהם אָן גוטע עצות. אויב איהם וועט זיין זעהר אומעדיג, זאָל ער בעסער חתונה האבען, נאָר חתונה האבען זאָל ער פאר אן עלטערע פרוי און ניט פאר קיין יונגע מיידעל, ווייל דיא יונגע מיידלאך קוקען נאָר אויס אויפ'ן געלד, ווען זיי האבען חתונה מיט אן אלטען. זיא רעדט צו איהם זאָגאר וועגען א געוויסע דאמע, פון זייערע בע-קאַנטע, מיט וועלכע ער זאָל הייראַטען און זיא וואָלט דערפון געווען צופריעדען.

ביי נאכט האט זיא א שרעקליכען אַנפאַל. זיא ווערט כמעט דערשטיקט און קען ניט כאַפּען לופט. פראנסואַ איז אויף א שטוהל נעבען בעט איינגעשלאָפען. רוססאָ שטעהט ביי איהר צוקאָפּענס, נאָר ער קען איהר גאָר ניט העלפען. אלעס וואס ער קען טהאָן, איז צו דריקען איהר דיא האנד, אום צו צייגען איהר, אז ער איז נעבען איהר און וועט איהר ניט פערלאָזען. אין דער פריה ווערט איהר פּלוצים פיעל גרינגער. זיא איז זעהר בלאַס. האלט דיא אויגען צוגעשלאָסען און אטהעמט

לאנגזאם. איהר מאַן, וועלכער איז ארונטערגעגאנגען מיט פראנסוא צו עפענען דעם מאג־זין, טרעפט איהר ביים צוריקקומען נאך אלץ זעהר בלאס און אין דער זעלבער פאזיציאָן; אבער איהרע אויגען שוין אָפען. זיא איז טוידט.

רוססאָ איז שוין געווען פון א לאנגע צייט צוגעוואוינט צו דעם געדאנק און ער ווײנט נים. ער פיהלט זיך נאָר שרעקליך מיעד. ער געהט ווידער ארונטער און זעהט, וויא פראנסוא לאָזט ארונטער דיא לאָדען פון דיא פענסטער. ער שרייבט אליין אויף א־יף א גרויסע שטיק פאפיר דיא פאָלגענדע ווערטער: „געשלאָסען צו־ליעב א טוידטעס־פאל אין דער פאמיליע.“ דער צווייטער האלבער טאָג געהט א־וועק אויף רייניגען דאס צימער און צו בריינגען יעדע זאך אין אָרדנונג.

פראַנס־א וואשט אוים דיא פאַדלאָגע, נעהמט צו דיא פלעשער רפואות און שטעלט אנידער פאר'ן בעט א ליכט מיט א טעציל הייליגע וואסער. זיא עו ווארט אדעלע'ס שוועסטער, אנאטע, וועלכע האט זעהר א שלעכטע צונג און דאס דיענסט מיידעל וויל נים, אז מען זאל אויף איהר זאָגען, אז זיא האט דיא שטוב געהאלטען אין שלעכטער ארדנונג. רוססא האט איין משרת אוועקגעשיקט, ער זאל בעזאָרגען אלע פאָרמאליטעטען, און אליין איז ער אוועק אין קירכע, וואו ער האט א לאנגע צייט געדונגען איבער דעם פרייז פון דיא א־ע נייטהיגע צערעמאָניעס. ער וויל נים, אז מען זאל ביי איהם צאפען אומזיסטע געלד. ער האט זעהר ליעב זיין פרוי, און ער ווייס, אז איהר וואלט פערשאפט פערגניגען, ווען זיא זאל קענען זעהען, וויא ער לאזט זיך נים נארען פון דעם גלח און דיא בעאמטע פון דער לייכען־קאָמיסיאָן. נאר דאך זעהט ער, אז דיא קבורה זאל זיין אן אנשטענדיגע. ענדליך איינינט ער זיך מיט זיי. ער וועט דער קירכע בעצאָהלען הונדערט און זעכציג פראנק און דער לייכען־קאָמיסיאָן דריי הונדערט פראנק. מיט טרינק־געלד און אנדערע קליינינקייטען, רעכענט ער, וועט איהם קאסטען ביז פינף הונדערט פראנק.

קומענדיג צוריק פון דער קירכע אהיים, האט רוססא געטראָפען נעבען ווייב'ס טוידטען־בעט זיין שוועגערין אנאטע. זיא איז א הויכע און דינגע פערזאָן, מיט רויטע אויגען און דינע בלוויכע ליפען. זיי זיינען מיט איהר געווען מעהר וויא דריי יאהר צוקריגט און זיי האבען זיך פון דאמאלס קיין מאל נים געטראָפען. נאר איצט וויא זיא דערזעהט דעם שוואָגער, הויבט זיא זיך אויף און כאפט זיך איהם ארומצונעהמען ביים אָנבליק פון דעם טוידט הערט אויף יעדע קריעגעריי. רוססאָ, וואס האט אין דער פריה נים געקענט וויינען, צוּוויינט זיך איצט זעהר שטארק, דערזעהענדיג נאך א מאל זיין פרוי, ביי וועמען דאס געזיכט איז קלענער געווארען און דיא נאָז שפיציגער, עס איז איהר במעט נים צו דערקענען. אנאטא'ס אויגען בלייבען

טרוקען. זיא האט זיך אנידערגעזעצט אויפ'ן בעסטען פאָטעל און בעקוקט דאס צי־מער, וויא זיא וואלט פערצייכענט יעדע שטיק מעבעל, וואס דארטען געפינט זיך. ביז איצט האט זיא דיא פראגע וועגען געלד ניט בעריהרט, נאר זיא זעהט ארם זעהר אונרוהיג, און הערט ניט אויף זיך צו פרעגען, צי דיא שוועסטער האט גע־מאכט א צואה.

דעם טאג פון דער קבורה, גראדע ווען מען וויל דיא פערשטארבענע אריינ־לייגען אין טרוגע. געפינט מען אויס, אז דיא לייבען־קאמיסיאן האט דורך א טעות געשיקט, א צו קורצע טרוגע. דיא קברות גרעבער מוזען געהן נאך אן אנדערע, דער־ווייל שטעהט דער ארון פאר דעם טהיר און דער גאנצער קוארטאל איז אין אויפ־רוהר. דאס פערשאפט רוססא נייע ליידען ענדליך טראָגט מען דיא ארעמע פרוי רוססא ארונטער און דיא טרוגע בלייבט א פאר מינוט שטעהן פאר דער טהיר, וואס איז ארומגעשלאָגען מיט שווארצען טוך. ארום זיינען פערזאמעלט א הונדערט פערזאָן, דיא קויפלייטע פון דעם קווארטאל, שכנים פון דעם הויז, א פאר בעפריינ־דעטע פאמיליען און אייניגע ארבייטער.

דער צוג הויבט זיך אן צו ריהרען. רוססא געהט פאָראויס.

אויפ'ן וועג מאכען דיא שכנים דעם צייכען פון קרייץ און ריידען אין דער שטיל:

— ניט אמת? ניט אמת? דאס איז דיא פאפיר־הענדלערין, דיא קליינע פרוי מיט'ן געלבליכען געזיכט, וואס איז געוועזן נאר הויט און ביינער.

— יא, יא, איהר וועט פיל בעסער זיין אין דער ערד.

אין פיערציג מינוט ווערט דער גלח פארטיג מיט דער צערעמאָניע אין קירכע. אגאטא זיצט אין דער ערשטער רייהע און שיינט צו צעהלען דיא ברענדינגע ליכט. אָהן צווייפעל דענקט זיא אז דער שוואָגער האט געקענט אויסגעבען וויינינער געלד; און אויב דיא שוועסטער האט קיין צואה ניט איבערגעלאָזט און זיא וועט ירש'ענען א העלפט פון דעם פערמעגען, וועט זיא דארפען טראָגען א האלבע הוצאה פון דער קבורה. דיא גלחים מאכען דיא לעצטע ברכה, דאס היילינע וואסער געהט פון האנד צו האנד און מען פערלאָזט דיא קירכע. כמעט אלע געהען צוריק אהיים, אין דיא דריי טרויער־קארעטען האבען זיך אריינגעזעצט דיא דאמען. הינטער דעם אָרון געהען נאך רוססא און נאך א דרייסיג פערזאָן, דיא גוטע פריינד וואס וואגען ניט אוועקצוגעהן פון דער לויה. דער אָרון איז נאר בעדעקט מיט א שווארצע טוך און ווייסע פרענזן.

דיא פערביינעהענדע נעהמען ארונטער דיא היטלען און געהען שנעל פערבי.

דער ארון שטעלט זיך ענדליך אב נעבען בית עלמין און דיא טרעגער טראגען מען ארונטער ביז צו יענער זייט, וואו עס געפינען זיך דיא קלענערע מצבות און מען שטעלט איהר אוועק נעבען נייען קבר, וואס מען האט פאר איהר אויסגעגראבען. דיא אנוועזענדע שטעלען זיך אין דער שטיל אנידער אויף דיא קניע, דער גלח מור־מעלט אב אונטער דער נאז קוים א צוואנציג ווערטער און געהט אוועק.

ארום און ארום זעהען זיך קליינע נערטלאך ארומגעצאמט מיט אייזערנע גראטעס; דיא ווייסע שטיינער, וואס זעהען זיך אין מיטען פון דיא דיזע גרינע פלע־צער שיינען צו זיין גאנץ ניי און זעהען אויס גאר פרייהליך. רוססא האט זיך אב־געשטעלט אויף א ווײלע צו בעטראכטען איין מצבה, וואס האט איהם פעראינטע־רעסירט, דאס איז געווען א הויכער זייל, אויף וועלכען האט גערוהט א סימבאלישע אורנע (וואזע). ער דענקט אוועקצושטעלען זיין ווייב אויף אזא מצבה מיט גראדע אזא שעהנער וואזע פון אויבען.

אנאטא פיהרט איהם אוועק. צור קוועגס ענטשליסט זיא זיך ענדליך צו ריידען וועגען דער צואה. זיא הויבט איהם אן, קומענדיג אהיים, אויסצופרעגען און ווען זיא געפינט אויס, אז דיא שוועסטער האט געמאכט א צואה, הויבט זיא זיך אויף שטייף, וויא א מארמאר סטאטוע, געהט צו צו דער טהיר און גיט איהר א קלאפ ביים ארויסגעהן.

קיין מאל מעהר ווען איהר פוס ניט קומען אין דיזען שטאל.

IV.

יאנואר איז אויסגעפאלען א הארטער, ביטערער מאנאט. ניטא קיין ארבייט און ניטא קיין ברויט און פייער אין הויז. די מאריסאס האבען געליטען שרעקליכען נויטה. די פרוי איז א וועשערין און דער מאן איז א מויערער. זייא וואוינען אין דער רוע קארדינעט, אין דער אומגעגענד פון פאריז, אין א שווארצע הויז, וועלכע פערפעסטעט דעם גאנצען קווארטאל. זייער צימער אויפ'ן פינפטען שטאק איז זעהר ארים און דער רעגען רינט דורך דער סטעליע. זייא וואלטען זיך אויף דעם אויך ניט בעקלאגט, ווען זייער שארלאט, א קליין אינגעלע פון צעהן יאהר וואלט זיך ניט נויטהיגען אין קרעפטיגער נאהרונג אום צו קענען וואקסען. דאס קינד איז קריינקליך, די מינדעסטע זאך ווירקט אויף זיין געזונד. ווען ער איז געגאנגען אין שוהל האט ער זיך צוגעכאפט צום לערנען און איז קראנק געווארען. ער איז זעהר קלוג און שעהן און ווייס א סך מעהר, וויא נאך זיינע יאהרען. אין יענע טעג, ווען די עלטערן האבען איהם ניט צו געבען צום עסען, ווייגען זייא וויא משוגע'נע, איבערהויפט וויל זייא זעהען וויא די קינדער פון דעם הויז שטארבען וויא פליגען, אזוי אונגעזונד איז דארטען.

אויף די גאסען צוקלאפט מען דעם אייז. שארלאט'ס פאטער האט זיך אויך פערדונגען צו דער ארבייט. ער צוקלאפט דעם אייז מיט א האק און ברענגט יעדען אבענד 10 סו אהיים. ביז דער סעזאן פון מויערען וועט זיך אנהויבען איז דאס אויך גוט, אבי ניט שטארבען פון הונגער.

איין טאג ווען דער פאטער איז געקומען אהיים, האט ער געפונען שארלאט אין בעט. די מוטער ווייס ניט וואס מיט איהם איז דער מעהר.

זיא האט איהם געשיקט צו זיינער א מוהמע, וואס וואוינט זעהר וויט און האנדעלט מיט אלטווארג, אז ער זאל ביי איהר קריגען א ווארעמען מאנטעל, וויל ער האט ניט מיט וואס אומצובייטען זיין לייוועגדענע בלוזע און פריהרט. ביי דער מוהמע האט ער אבער נאר געפונען מענער־מאנטלען, וואס זיינען געווען אויף איהם צו לאנג און צו ברייט, און דאס אינגעל איז צוריקגעקומען מיט א זאנדערבארע מינע, וויא ער וואלט געווען שכור און איהם האט געווארפען, וויא אין קדחת. איצט ליגט ער מיט א פלאמענדע געזיכט אויפ'ן קיסען, רעדט נארעשקייטען, דערצעהלט אז ער שפיעלט אין באל און זינגט ליעדער.

דיא מוטער האט פערשטעקט דיא אויסגעבראָכענע שויב פון א פענסטער מיט א צוריסענע שאל; און פון דיא איבריגע צוויי פענסטער זעהט זיך דער הימעל וואס האט אן אש גרויען-קאָליר. דיא נויטה האט דעם גאנצען קאמאָד אויסגעליי־דיגט, דיא גאנצע וועש איז פערזעצט. ניט לאנג האבען זיי פערקויפט א טיש מיט צוויי שטוהלען.

שאַרלאָט פלעגט שלאָפען אויף דער ערד, נאר איצט אז ער איז קראנק, האט מען איהם אָבגעגעבען דאס בעט. נאר אין בעט ליגט ער אויך זעהר שלעכט, ווייל דיא וואָלל פון מאטראַץ איז ארויסגעריסען געוואָרען און מען האט עס פערקויפט פאר עטליכע סו.

איצט שלאָפען פאטער און מוטער אין א ווינקעל אויף א שטרוי זאַק, אויף וועלכען הינט וואָלטען זיך אָבגעזאָגט צו שלאָפען.

זייא קוקען זיך ביידע צו צושראָקען, וויא שאַרלאָט וואַרפט זיך אין בעט.

— וואס איז איהם אזוינס? וואס איז דאס איהם אזוי פּלוצים געשעהן? אפשר האט איהם א משוגענער הונד א ביס געטהאָן, אָדער פיללייכט האט מען איהם געגעבען עפּעס א שלעכטע זאך צום טרינקען.

א שכנה, פרוי באָנעט איז אריין אין צימער. זיא איז צוגעגאנגען צום אינגעל און בעטראַכט איהם. זיא זאָגט אז ער האט דאס פיעבער. זיא פערשטעהט זיך שוין אויף אזעלכע זאכען. איהר מאן איז גראדע אויף אזא קראנקהייט געשטאָרבען.

דיא מוטער וויינט און פרעסט צו שאַרלאָט צו איהר הארצען. דער פאָטער לויפט אוועק וויא א משוגע׳נער צו ברענגען א דאָקטאָר. ער ברענגט צו פיהרען איינעם. ער איז א הויכער מאן מיט א בייזער מינע און הערט אויס אָהן א שום איינטהייל וואס מען זאָגט איהם. ער קלאַפּט אויס דעם קינד ארום דער ברוסט און זאָגט ניט קיין וואָרט. ווען פרוי באָנעט האט איהם דערלאנגט פּאפּיער און א בלייפעדער, האט ער פערשריבען א רעצעפּט און אָהנע צו זאָגען א וואָרט האט ער זיך געלאָזט געהן. דיא מוטער האט איהם אָבגעהאלטען און מיט א פערשטיק־טער שטימע געפרעגט:

— וואס איז איהם, מיין הערר?

— ער האט ברוסטפעל ענטצינדונג, האט ער געענטפערט בייז און האט קיין וויטערע ערקלערונג ניט געגעבען. דאן האט ער געפרעגט:

— בעלאנגט איהר צו דער קראנקען-קאַסע?

— ניין, מיין הערר. לעצטען זומער זיינען מיר געוועזען אין גוטע פערהעלטניסע. דער ווינטער האט אונז אזוי ארונטערגעשלאָגען.

— שארע, שארע

ער פערשפרעכט ווידער צו קומען. מאדאם באנעט לייהט זייא צוואנציג סו אויף מעדיצין און פאר דיא אכציג סו וואס מאריסא האט געבראכט פון זיין ארבייט, קויפט ער צווי פונט רינד פלייש און ליכט. דיא ערשטע נאכט נעהט אוועק גוט און מען האלט אונטער דאס פייער. דער קראנקער איז פון גרויס היץ אנשלאפען געווארען און ער רעדט מעהר ניט. זיינע קליינע הענטליך גליהען. זעהענדיג וויא דאס קינד ליגט אזוי שטיל, האבען זיך דיא עלטערן אביסעל בערוהיגט. נאר אויפ'ן צווייטען טאג האבען זיי זיך דערשראקען צום טוידט, ווען זייא האבען דערזעהן, וויא דער דאקטאר שאקעלט מיט'ן קאפ, וויא איינער וואס האט קיין האפנונג ניט.

פינף טעג לאנג איז ניטא קיין ענדערונג. שארלאט ליגט נאך אלץ אויפ'ן קיסען. אין צימער שיינט, אז דיא נויטה האט זיך נאך שטארקער אריינגעריסען מיט דעם שניידענדען ווינד דורך דעם דאך און דיא שפאלטען פון פענסטער. אויפ'ן צווייטען אבענד האט מען פערקויפט דער מוטער'ס לעצטע העמד. אויפ'ן דריטען טאג האט מען געמוזט ארויסציהען ביים קראנקען פון צוקאפענס א קישעלע און פערזעצען עס פאר רפואות. איצט איז שוין מעהר ניט געבליבען און עס איז ניטא וואס צו פערקויפען.

מאריסא האקט נאך אלץ דעם אייז, נאר דיא פערציג סו זיינען ניט גענוג. אזוי וויא ער וויס, אז דיא שרעקליכע קעלט הרג'עט אוועק שארלאט, בעט ער אז גאט זאל געבען ווארעמען וועטער, כאטשע דאס וועט איהם רויבען פון זיינע לעצטע פערדיענסטען. ווען ער נעהט צו דער ארבייט, טראכט ער וועגען זיין קליין אינגעל, וואס ליגט אין דער היים א קראנקער און בעט גאט, ער זאל גיכער שיקען דעם פריהלינג און זאל צו שמעלצען דיא שניי. ווען זיי זאלען נאר געווען פערשריבען אין קראנקען־קאסע וואלטען זיי נעהאט א דאקטאר און מעדיצין אומזיסט. דיא מוטער איז שוין געווען אין א פילאנטראפישע געזעלשאפט, נאר מען האט איהר געענטפערט, אז פאר איהר זיינען שוין פיעלע געווען, און זיא דארף ווארטען. דאך קריגט זיא א פאר קוויטלאך אויף ברויט און א גוטע נשמה שענקט איהר פינף פראנק. נאכדעם האט דיא נויטה נאך שטארקער אויסגעבראכען.

אויפ'ן פינפטען טאג ברענגט מאריסא זיינע לעצטע פיערציג סו. עס האט אנגעהויבען צו לאז'ען און ער האט פערלארען זיין ארבייט. איצט איז אלעס געענדינט; דער אייוועז בלייבט קאלט, עס פעהלט ברויט, דיא רעצעפטען קען מען מעהר ניט נעהמען ביים אפטייקער. פאטער און מוטער שוידערן פאר קעלט אין פייכטען צימער, ווערענד דאס קינד לאזט ארויס א טריבעס כארכלען. מאדאם

באַנעם קוםט צו זיי מעהר נים אריין. זיא איז זעהר ווייבהערצינ און קען דיעזער על־ענד נים צו זעהן. דיא שכנים פון הויז לויפען נעשווינד דורך פערביי זייער טהיר פון צייט צו צייט פאלט דיא מוטער אריין אין א היסטעריק, דאן ווארפט זיא זיך אויפ׳ן בעט און קושט דאס קינד, וויא זיא וואלט איהם דאמיט נעקענט העלפען און אומקעהרען איהם דיא געזונד. דער פאַטער בלייבט שטונדען לאַנג, וויא צונע־שמידט צום פענסטער, ער נעהמט ארויס דיא צוריסענע שאל און קוקט זיך צו, וויא דאס וואסער רינט אראָב מיט גרויסע טראָפּען פון דיא דעכער, און וויא דיא גאס ווערט פערצויגען מיט א טיעפע דונקעלהייט. פיעלייכט איז דאס גוט פאר שארלאָט.

איין פריהמאָרגען ערקלערט דער דאקטאר, אז ער וועט שוין מעהר נים קומען דאס קינד איז פערלאָרען.

— דאס פייכטע וועטער טוידט איהם אוועק, זאגט ער.

מאריסא פלוכט דעם הימעל. יעדער וויטערונג שלאגט איין דעם אָרימאן: ווען עס איז געווען דער פראָסט, האט ער איהם געשאדט! איצט לאָזט דער פראָסט און עס איז נאך ערגער. ווען זיין פרוי זאל איינשטימען, וואלטען זייא נעמאכט א משאַד פון קוילען און וואָלטען אלע דריי צוזאמען געשטאָרבען. דאן וואלט נענר מען אן ענדע צו זייערע ליידען!

דיא מוטער איז ווידער אוועק צו דער פילאַנטראָפּישע נעזעלשאפט, און מען האט איהר דארטען צונעזאָגט זיי אונטערצושטיצען און זיי ווארטען. וואס פאר א שרעקליכער טאָג! אין צימער איז א ביטערע קעלט. אין איין זיים רינט ארונטער דאס וואסער און מען מוז אונטערשטעלען א טאָפּ פון נעכטען בייא נאכט האבען זיי גאר נים נעגעסען. נאָר דאס קינד האט נעטרונקען א גלאז טהיי, וואס דעם פאָרטיעס ווייב האט איינגעטראָגען. דער פאָטער זיצט ביים טיש אָנגעשפּארט מיט׳ן קאָפּ אויף דיא הענד, קוקט וויא פער׳גוקמ׳ט און זעהט און הערט גאר נ״מ. ביי יעדען נערויש לויפט דיא מוטער צו דער טהיר, איהר דוכט, אז ענדליך קומט דיא פערשפּראָכענע היכף. דער זיינער קלאפּט זעקס און דער וויל איז נאך קיינער נים נעקומען. דיא נאכט ברעכט אריין לאַנגזאם און פינסטער וויא דער טוידט.

ביי דער אָנקומענדער נאכט הויבט אָן שארלאָט פלוצים צו מורמלען אונ־פערשטענדליכע ווערטער:

— מאמא.... מאמא....

דיא מוטער קומט צו נעהענטער, זיא הערט מעהר קיין ווארט נים. זיא זעהט נאָר וויא דאס קינד האט צוריק אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און ליגט שטיל און פער־

שטארט. ערשראָקען רופט זיא מיט א בעטענדער שטימע:

— א ליכט! גיט מיר גיכער א ליכט! שאַרלאָט! מיין קינד! רייד צו מיר!

אין שטוב איז מעהר קיין לידט נימא. אין איילעניס צו ברעכט זיא דיא שוועבעלאך, וואס זיא וויל אָנצינדען. זיא הויבט אן צו טאַפּען מיט ציטערדיגע הענד דאס געזיכט ביים קינד.

— אה, מיין גאט! ער איז טוידט! מאריסא, ער איז טוידט!

דער פאטער הויבט אויף זיין קאָפּ און פערשטייט ניט וואס ארום איהם טהוט זיך.

— נא, וואָס זשע ווילסטו? ער איז טוידט. גם זו לטובה.

דערהערענדיג דעם יאַמער פון דער מוטער, ענטשליסט זיך ענדליך פרוי באָ־נעט אריינצוקומען מיט'ן לאָמפּ. וועןביידע פרויען האָבען גענומען אָנטהאָן שאַר־לאָט, האט מען אנגעהויבען קלאַפּען אין טהיר. מען האט געבראכט דיא פער־שפּראָכענע אונטערשטיצונג, צעהן פראנק מיט קוויטלאך אויף ברויט און פלייש.

ביי מאריסא האט זיך ארויסגעריסען א האלב אידיאטישער געלעכטער, און האט דערביי בעמערקט, אז צדקה-חברות פערשפּעטיגען שטענדיג מיט זייער הילף.

נעבאך, דאס ארעמע אויס געמאגערטע קערפּערל פון קינד! מען האט גע־קענט דענקען אז אויפ'ן מאַטראַץ ליגט א דערפראָרען פויגעלע, וואס מען האט אויפגעהויבען אויף דער גאס, אזוי אָבגעמאָגערט און אויסגעדארט איז דאס ארעמע קינד געוואָרען אין דער צייט פון דער קראנקהייט.

מאדם באָנעט איז ווידער גוט געוואָרען און האט ערקלערט, אז דורך דעם וואס דיא מאַריסאַ'ס וועלען ניט עסען, וועט שארלאָט צוריק ניט לעבעדיג ווערען. זיא האט זיך אונטערגענומען צו ברייגנען פאר זיי ברויט און פלייש און אויך ברענגען ליכט. זיי האבען איהר נעלאָזט טהאָן, וואס זיא האט געוואָלט. ווען זיא איז צור־ריקגעקומען האט זיא אויפ'ן טיש ארויסגעלייגט הייסע ווארשט און ברויט. דיא אויסגעהונגערטע מאַריסאָס האבען זיך צוגעכאַפּט צום עססען, וויא אויסגעהונגער־טע חיות, זיצענדיג נעבען טוידטען קינד, וועמעס בלאסע און קליינע געזיכט האט ארויסגעשיינט פון דער האלב פינסטערניס. דער אייוועז האט געברענט און אין שטיבעל האט זיך דערפיהלט א דערקוויקענדע ווארעמקייט.

צייטענווייז ווערען דיא מוטער'ס אויגען פייכט, גרויסע טראָפּען טרערען קייק־לען זיך ארונטער אויף איהר ברוסט. וויא וואלט זיך שארלאָט מחיה געווען מיט דער ווארעמקייט! מיט וואס פאר אן אפּעטיט וואלט ער גענעסען דיא ווארשט! מאדאם באָנעט מאטערט זיך צו זיין אויף דיא גאנצע נאכט. איינם א זיינער ביי

נאכט, ווען מאַריסאַ את איינגעשלאָפען אויפ׳ן עק בעט האבען דיאביידע פרויען נעמאַכט קאַפע. א צווייטע שכנה, א נייטערין אכטצעהן יאָהר אלט, וועלכע זיי האבען נעבעטען, זיא זאל אריינקומען, האט מיטגעבראכט א קליין פלעשעלע בראַנ־פען, אום אויך געבען עפּעס צו שטייער. דיא דריי פרויען זופען לאנגזאם דעם קאַפע און ריידען זעהר שטיל, דערצעהלענדיג איינע דער צווייטע פון פערשיעדענע טויד־טען; וואָס ווייטער ווערען זייערע שטימען העבער, זייער שטאָף צום ריידען ווערט גרעסער, מען דערצעהלט וואָס עס קומט פאָר אין הויז, אין קווארטאל, ווענען א פערברעכען וואס איז פאַרגעקומען אין רוע נאָלע. פון צייט צו צייט הויבט זיך דיא מוטער אויף און בעטראכט דאס קינד, פונקט וויא זיא וואלט זיך וועלען איבער־צייגען, אויב עס האט זיך ניט א ריהר געטהאָן.

אזוי וויא זיי האָבען ניט געהאט אין זינען צו מעלדען ווענען דעם קינד׳ס טוידט דעם אבענד ווען ער איז געשטאָרבען, האט ער געמוזט פערבלייבען מיט זיי אין צימער דעם גאנצען מאָרגענדיגען טאָג. האבענדיג נאר איין צימער, האבען זיי געמוזט עסען און שלאָפען מיט׳ן טוידטען קינד. צייטענווייז פלעגען זיי זיך פאַר־געסען אן דעם, וואס איז געשעהן, און דערזעהענדיג איהם פלוצים האט זיי נעדראכט, אז זיי פערלירען איהם איצט צום צווייטען מאָל און האבען ווייטער איבערגעלעבט אלע שאַרפע ליידען פון זיין טוידט.

ערסט אויפ׳ן דריטען טאָג נאכ׳ן קינד׳ס טוידט האט מען געבראכט דיא טרונע ניט גרעסער וויא א געוואוינליכע הילצערנע קעסטעלע, פיער צוזאמענגע־שלאָגענע ברעטלאך און שלעכט אָבגעהובלעוועטע, וואס דיא פערוואלטונג האט צוגעשיקט אומזיסט, נאכהער וויא זיי האבען אויסגעפונען, אז דיא עלטערן זיינען זעהר ארעם און האבען ניט מיט וואס צו מקבר זיין איהם. איצט ווערט אלץ גיך געטהאָן. מען לויפט אין דער גיך אין קירכע, הינטער דער טרונע געהען נאך דער פאָטער מיט דריי קאמעראדען, וואס ער האט אנגעטראָפען אויפ׳ן וועג, דיא מוטער, מאדאם באָנעט און דיא שכנה דיא נייטערן. זיי קריכען אין בלאָטע ביז איבער דיא קנעכיל. עס רעגענט ניט, נאר דער נעבעל איז אזוי פייכט, אז דיא קליידער ווערען דורכגעווייקט. אין קירכע ווערט דיא צערעמאניע אבגע׳פטר׳ט אין עטליכע ווער־טער, און מען לויפט ווייטער צום בית עולם.

דער בית עולם ליגט זעהר וויט, אונטער דיא פעסטונגען. ענדליך קומען זיי אן. דער בית עולם איז א גרויסער פּלאַץ ארומגעצאַמט מיט מויערנע ווענד. דא וואקסט דאס ווילדע גראז און דיא אויסגעגראבענע ערד ליגט דא אין בערגלאך.

הינטען זעהט זיך א רייהע פון דינע פערדארטע ביימער, די שווארצע שטאמען פון די ביימער ווארפען אן א מרה שחורה אויפ'ן הימעל.

לאנגזאם ציהט זיך דער צוג איבער דער פייכטער ערד. עס האט אונגעהויבענען צו רעגנען שטארק און זיי מוזען אונטער'ן שטארקען גוס רעגען שטעהן א היבשע צייט אוןווארטען אויפ'ן גלח, וועמען עס גלוסט זיך ניט אזוי גיך ארויסצוקומען פון דעם קליינעם קלויסטער. שארלאט וועט אין דעם קהלש'ען ארימען קבר געפינען זיין רוה.

דער בית עולם איז פערזייעט מיט קרייצען, וואס דער ווינד האט אונגעווארפען, און מיט פערפוילטע קרענצלאך. א פעלד פון עלענד און פון טרויער, דא ליגען בעגראבען די אונצאהליגע לייכען, וואס דער הונגער און קעלט, וועלכע הערשען אין די קווארטאלען פון די ארבייטער, האבען אריינגעווארפען אין א פריהע־גען קבר.

עס איז געענדיגט. די ערד צוקריכט במעט פאר פייכטקייט. שארלאט ליגט אין זיין קבר, און די ארעמע עלטערן קענען זיך אפילו ניט אויסשפרייטען אויפ'ן קבר איבער דער טיעפער בלאטע, אין וועלכע זיי ווערען אזוי אויך שיער ניט פערזונקען. אזוי וויא דער רעגען הערט ניט אויף צו גיסען און זיי וויסען ניט, וויא זיך צו דערשלעפען א היים, שלאגט מאריסא פאר זיינע פריינד און שכנות, זיי זאלען מיט איהם, אריין אין א נאהענטען שיינק און טרינקען פאר די דריי פראנק, וואס זיינען נאך איהם איבערגעבליבען פון די צעהן, וואס די צדקה חברה האט איהם צוגעשיקט. זיי זעצען זיך ארום א טיש, טרינקען אויס צוויי ליטער בראנפען און פערבייסען מיט קעז. די קאמעראדען פון זייער זייט קויפען אויך צוויי ליטער, און ווען די קאמפאניע קעהרט זיך אום אין פאריז, איז זיא גאנץ גוט אויפגעראמט.

V.

ושין לאנאר איז אלט זיבעציג יאָהר. געבאָ־ען געוואָרען איז ער אין א דארף,
וואס איז בעשטאַנען פון הונדערט און פופציג איינוואוינער. איין מאל נאָר אין זיין
לעבען איז ער געווען אין א שטעדטיל, וואס ליגט פופצעהן מייל פון דעם פלאַץ,
וואו ער איז געבאָרען געוואָרען. נאר דאס איז געווען שוין א צייט, א צייט מיט
יאהרען צוריק, ער איז נאך דאמאלס געווען א אינגעל און קען זיך קוים אן דעם
דערמאָנען. ער האט געהאט דריי קינדער, צוויי זיהן אנטואן און זשאָזעף און איין
טאָכטער, קעטרין. דיא טאָכטער האט חתנה געהאט און נאכדעם וויא דער מאן
איז איהר אָבגעשטאָרבען און האט איהר איבערגעלאָזט א קליין אינגעל, זשעקווי־
נעט, האט זיא זיך מיט איהם אומגעקעהרט צוריק צום פאטער. דיא פאמיליע ער־
נערט זיך פון דיא פינף־זעקס מאָרגעס לאנד, וואס זיא בעזיצט. זיי האבען דערפון
קוים גענוג אויף ברויט און אויף דיא נויטהיגסטע קליידונג. ווען זיי ערלויבען זיך א
מאל אין א שמיטה א גלאז וויין, פאלט זיי עס דערנאך באָקאָם. דאס דערפיל
ליגט אין א טהאל און איז ארומגערינגעלט מיט וועלדלאך און זעהט אויס וויא א
קבר. זיי האבען ניט קיין קלויסטער, ווייל דיא געמיינדע איז צו ארעם. דער גלח
פון צווייטען דארף קומט אריבער צו זיי און האלט פאר זיי זיינע דרשות, און אזוי
וויא דער צווייטער דארף ליגט צוויי מייל ווייט, קומט ער נאר אריבער איין מאל
אין א פאר וואכען. דיא הייזלאך האלב איינגעפאלענע, צוואנציג אין צאהל, שטעהען
פאזע וועג. פאר דיא טהירען שפאצירען ארום היהנער און פיקען, וואס זיי דער־
טאפען. ווען עס מאכט זיך א מאל, אז א פרעמדער געהט דורך פערביי דעם דארף,
שטעקען דיא פרויען ארויס דיא קעפּ פון דיא פענסטער, און דיא קליינע קינדער,
וואס ווארעמען זיך אין דרויסען פאר דער זון, צי לויפען זיך וויא צו שראקענע
גענז.

ושין לאנאר איז קיין מאל ניט געווען קראנק. ער איז אויך און שטארק וויא
א דעמב. דיא זון האט איהם אויסגעטריקענט און זיין הויט איז פערדארט. אויף
דער עלטער האט ער פערלוירען דיא שפראך. ער רעדט ניט מעהר, ווייל ער
געפינט עס פאר אונגוצליך. געהן געהט ער מיט לאנגע און פעסטע טריט.

לעצטעס יאהר איז ער געווען נאך שטארקער פון זיינע זיהן. שווייגענדיג בעזארגט ער דיא גרעבסטע ארבייט אויף זיין פעלד. דיא ערד שיינט איהם צו קענען און האט פאר איהם וויא מורא. נאר מיט א פאר מאנאט צוריק האבען זיך זיינע גלידער פלוצים אבגעזאגט צו דיענען איהם; צוויי שטונדען לאנג איז ער אויפ'ן פעלד געבליבען ליגען וויא א אונטערגעהאקטער בוים. אויפ'ן צווייטען טאג האט ער זיך ווידער געוואלט נעהמען צו דער ארבייט, נאר זיינע הענד זיינען געווען צו שוואך און דיא ערד האט זיך אבגעזאגט צו פאלגען איהם. זיינע זיהן האבען זעשאקעלט מיט דיא קעפ, זיין טאכטער האט איהם געוואלט אבהאלטען אין דער היים, נאר אזוי וויא ער האט זיך איינגעשפארט, האט מען מיט איהם מיטגעשיקט זשעקווינעט אלס א בעגלייטער מען האט דעם קינד אנגעזאגט, אז ער זאל מאכען קולות, ווען דער זיידע וועט אנידערפאלען.

— וואס ווילסטו, דוא מויגעניכטס? פרעגט דער זיידע דעם אייניקעל, ווען ער זעהט, אז ער געהט איהם נאך טריט פאר טריט. אין דיין עלטער האב איך שוין פערדיענט מיין ברויט.

— זיידע, איך גיב אויף דיר אכטונג, האט דער אייניקעל געענטפערט.

דעם קינד'ס ענטפער האט איהם געגעבען א שטאך אין הארצען, און ער האט מעהר גאר ניט געזאגט.

אין אבענד האט ער זיך אניעדערגעלייגט און איז מעהר ניט אויפגעשטאנען. ווען דיא זיהן און דיא טאכטער האבען זיך ארויסגעקליבען אויפ'ן צווייטען טאג צו געהן אין פעלד, האבען זיי פריהער א קוק געטהאן צום פאטער, בעמערקענדיג אז ער איז נאך ניט אויפגעשטאנען. זייא האבען איהם געפונען אין בעט מיט א פערקלערטע מינע.

— נו, פאטער, דוא קענסט ניט אויפשטעהן?

ער האט עפעס א מורמעל געטהאן און א שאקעל געטהאן מיט'ן קאפ.

— דוא קענסט ניט געהן מיט אונז? אויב אזוי וועלען מיר מוזען געהן אהן דיר.

ער האט געמאכט א צייכען, אז זיי זאלען געהן אליין אהן איהם.

עס האט זיך אנגעהויבען שניט־צייט. הענד זיינען נויטהיג, וויא דאס לעבען א שטארקער ווינד קען אויסשיטען דיא זאנגען, מען טאר ניט פערשפעטיגען איין האלבען טאג. אפילו זשאקווינעט געהט העלפען זיין מוטער און פעטערס אין פעלד דער אלטער כאקאר בלייבט אליין. פארנאכט ווען דיא קינדער קומען צוריק א היים

לינט ער נאך אלץ אויפ׳ן זעלבען פלאץ אויפ׳ן רוקען און מיט זיער זעלבער פער־קלערטער מינע.

— פיהלסטו זיך ניט בעסער, פאטער?

ניין, ער פיהלט זיך ניט בעסער; ער מורמעלט עפעס און שאקעלט מיט׳ן קאפ.

וואס קען מען פאר איהם קאכען? קעטרען דענקט. אז ווין מיט קרייטיכער וואלט געווען א גוטער מאכל; אבער דאס וועט זיין צו שטארק, און דאס קען איהם נאך אוועק׳הרג׳ענען. יאזעף זאגט, מען זאל אבווארטען ביז מארגען, און אלע געהן שלאפען.

אויפ׳ן צווייטען טאג פערבלייבען דיא זיהן מיט דער טאכטער א פאר מינוט שטעהן נעבען בעט, איידער זיי געהן אוועק צו דער ארבייט. דער אלטער איז קראנק, אין דעם קען קיין צווייפעל ניט זיין. מען האט בעדארפט רופען א דאקטאר און ניט אבליינען, נאר ביז דעם נאהענטסטען שטעדטעל, וואו א דאקטאר געפינט זיך, איז זעהר וויט, זעקס מייל אהין און זעקס מייל צוריק, גאנצע צוועלף מייל, מען וועט דערביי פערלירען א גאנצען טאג. דער אלטער הערט זיך צו, וואס דיא קינדער ריי־דען, הויבט זיך אן צו ריהרען און שיינט צו ווערען בייז.

ער דארף ניט קיין דאקטאר און מען דארף אומזיסט קיין געלד ניט אויס־געבען.

— דוא ווילסט ניט קיין דאקטאר? אויב אזוי געהען מיר צוריק צו דער ארבייט.

און זיי געהן אוועק צו דער ארבייט. מיט זייער פערבלייבען וועלען זיי גאר ניט קענען העלפען. אזוי פערגעהען דריי טעג. דיא קינדער געהען יעדען טאג אין פעלד אריין. זשין ריהרט זיך ניט, און טרינקט נאר, ווען ער איז דארשטיג פון א קרוג, וואס שטעהט נעבען בעט. ער איז וויא יענער אלטער פערד, וואס לייגט זיך אנידער פאר מידיגקייט אין א ווינקעל און מען לאזט איהם רוהיג פגר׳ען. ער האט זעכציג יאהר שווער געארבייט, איצט דארף ער שטארבען, ווייל ער קען שוין מעהר קיין נוצען ניט ברייננען. ער פערנעהמט נאר אן אומזיסטען פלאץ און שטעהט דיא ארומיגע אין וועג.

דיא קינדער האבען פיעל קלעמענים ניט איינגענומען. עס קומט זיי אויס צו פיעל און צו אפט צו האבען צו טהאן מיט דער ערד, אום צו ווערען אויף איהר אין בעס, וואס זיא וויל זייער פאטער צוריק צונעהמען.

אין דער פריה א בליק, ביי נאכט א בליק און דאס איז אלץ, וואס זיי קענען

טהאן פאר איהם. ווען דער פאטער זאל זיך נאך אמאל אויפהויבען פון בעט, וועט עס זיין א סימן, אז ער האט זעהר א שטארקע נאטור. וועט ער שטארבען? איז איהם מסתמא דער טוידט געווען בעשערט. דערצו וועט שוין נאר ניט העלפען, ניט קיין געבעט און ניט קיין רפואות. וואס בעשערט איז בעווערט.

ביי נאכט פרעגט זשין דיא קינדער מיט א בליק, וואו האלט עס מיט'ן שנייַדען. הערענדיג, וויא זיי ציילען דיא גארבען און וויא זיי ריידען פון שעהנעם וועטער וואס האט געטהאן א גרויסע טובה דיא ארביים, ווערען זיינע אויגען אָנגעגאָסען מיט א הערצליכע פרייד. מען רעדט נאך אמאל וועגען א דאקטאר, נאר דער אלטער ווערט דערפון אזוי בייז, אז זיי הערען אויף וועגען דעם צו דענקען, מורא האבענדיג, אז זיי וועלען גיכער דערהרג'ענען, ווען זיי וועלען נעהן נעגען זיין ווילען. ער פערלאנגט נאר צו זעהן זיינעם א אמאָליגען חבר, וואס איז בעשעפטיגט אלס פעלדוועכטער.

דער אלטער ניקאָלא איז עלטער פון איהם, ער איז שוין אריבער פינף און זיבעציג, נאר ער איז נאך שלאנק וויא א פאפעל בוים.

ער קומט געוואר ווערען און זעצט זיך אניעדער נעבען זשינ'ס בעט מיט אן ערנסטער מינע. זשין רעדט ניט מיט איהם קיין וואָרט, ער קוקט איהם נאָר אָן מיט זיינע בלויליכע אויגען. דער אלטער ניקאלא פון זיין זייט בעטראכט איהם אויך און רעדט אויך ניט קיין ווארט. דיאביידע זקנים זיצען א שעה לאנג איינער נעבען צווייטען, רעדען ניט ארויס א ווארט און זיינען גליקליך, וואס זייא זעהען זיך נאך אמאל. אהן צווייפעל, דערמאנען זיי זיך, אזוי זיצענדיג, אן לאנג פערגאנגענע זאכען פון זייער יוגענד.

ווען דיא קינדער קעהרען זיך פאר נאכט אום פון שנידט. געפינען זיי איהם ליעגען אויפ'ן רוקען שטייף, מיט אויסגעלאָשענע אויגען.

יא, דער אלטער איז טוידט, ער ריהרט מעהר ניט מיט קיין גליעד. וויא דיא חיות, וואס ליינען זיך אנידער, ווען זייער סוף קומט, און לאזען ארויס זייער לעצטען אטהעם, אזוי איז ער אויסגעגאנגען און האט קיינעם ניט געשטערט.

— דער פאטער איז טוידט! זאגט יאזעף און רופט דעם ברודער און שוועסטער.

און קעטרין, אנטואן און זשאקווין ווידערהאלען

— דער פאטער איז טוידט!

דאס וואונדערט זיי ניט. זשאקווין שטרעקט אויס ניינעריג. זיין האלז, קעטרין טראָגט צו א טיכעל צו דיא אויגען, ביידע זיהן נעהן ארום הין און הער מיט אן

ערנסטע מינע. דער פאָטער איז דאָך געוועזן א גבור א מענש, און דער געדאַנק טרייסט דיא קינדער און זיי זיינען שטאָלץ מיט דעם.

זיי וואַרטען ביז עלף א זייגער און דאַן לעגען זיך אלע שלאָפען.

זשין ליגט ווידער אליין מיט זיין ערנסטע געזיכט און מיט דער פערקלער־טער מינע.

אין דער פריה איז יאָזעף אוועק אין צווייטען דאָרף, אום צו געבען צו וויסען דעם גלח. אנטואן און קעטרין זיינען אוועק אין פעלד צו גויפנעהמען דיא גאַרבען, וועלכע מען טאָר נים לאָזען ליגען אין פעלד. זיי האבען איבערגעלאָזט אין שטוב זשאקווינעט, ער זאל היטען דעם טוידטען. אבער איהם איז זעהר אומעדיג מיט'ן זיידען, וועלכער וויל זיך נים א ריהר טהאָן. ער לויפט ארויס אלע ווילע אין גאס, ווארפט שטיינער אויף דיא פויגעלאך און הערט זיך צו, וויא הויזירער (פעדלער) וויל איינשמועסען צוויי שכנות, זיי זאלען קויפען ביי איהם דיא שאלען, וואס ער שפרייט פאר זיי אויס. פלוצים דערמאָנט זיך דער קליינער אן דעם זיידען און לויפט געשווינד צוריק אין שטוב. ער געפינט, אז דער אלטער האט זיך נאך נים געריהרט און ער לויפט ווידער ארויס אין גאס און קוקט זיך צו, וויא צוויי הינד בייסען זיך.

אזוי וויא ער האט דיא טהיר געלאזט אָפען, זיינען דיא היהנער אריין אין שטוב, און שפאצירען ארום רוהיג און פיקען דיא ברעקלאך פון דער פאָדלאָגע. א רויטער האָהן ציהט זיך אויס אויף זיינע פיס, שמרעקט אויס דאס האלז און ווארפט א אונרוהיגען בליק אויף דיא לייבע, וועמעס אנוועזענהייט איז איהם זעהר קשה. ער איז א קלוגער און פערשטענדינער האָהן און וויס ווארשיינליך, אז דער אל־טער איז נים אומזיסט געבליבען ליגען אין בעט, ווען עס איז שוין טאג. ער לאָזט ענדליך ארויס א דומפען קרויה, וועהרענד דיא היהנער לאָזען זיך, פיקינדיג אויף דער ערד, געהן צו דער טהיר.

דער גלח קען פאר פינף א זייגער נים קומען.

פון פריה הערט מען, וויא דער טישלער זעגט האָלץ און שלאָגט אריין נעגעל.

אנטואן און קעטרין זיינען צוריק געקומען א היים, ווייל דאס שניידען האט זיך שוין געענדיגט. זיי קענען זיך נים בעקלאגען, ווייל צייט צעהן יאהר איז נאך אזא געראטענים נים געוועזן.

דיא גאנצע פאמיליע ווארט אויפ'ן גלח; דער ווייל גרוים מען צו דאס עס־סען; קעטרין שטעלט צו דאס טעפעל צום פייער, יאָזעף געהט אָנשעפען וואסער און זיי שיקען זשאקווין אויפ'ן בית עולם נאכצומעסטען צו דער קבר איז שוין פאר־

טיג. זעקס א זייגער קומט ענדליך דער גלח. ער קומט צו פֿאָהרען אויף א וואָגען און האט מיט זיך א איגנעל, וואס דארף איהם דינגען אלס מיטהעלפער. ער שטייגט ארויס פון וואָגען נעבען דער טהיר פון דעם פערשטאָרבענעם, נעהמט ארויס זיינע קירכען קליידער פון דער צייטונג, און וועלכע ער האלט זיי איינעוויקעלט און ביים אָנטהאָן זיי, זאָגט ער:

— מאכט עס גיכער, זיבען א זייגער מוז איך זיין צוריק.

נאר קיינער אייל זיך נים. מען דארף פריהער ארייגרופען דיא צוויי שכנים, וואס וועלען דארפען טראָגען דעם טוידטען. ווען מען איז שוין גרויט צום געהן, קומט זשאקווינעט צו לויפען און שרייט פון דערווייטען, אז דער קבר איז נאך נים און נאנצען פארטיג, נאר מען קען שוין נעהן.

דער גלח נעהט פאראויס און לייענט אויף לטיין פון א בוך.

זיין מיטהעלפער, וואס געהט איהם נאך, טראָגט א קופערנעם קעסעלע מיט'ן הייליגען וואסער.

דיא פאמיליע נעהט הינטער דעם ארון. אלע ווייבע קומען צו זיי צו נייע דארפס-לייט און געהען מיט צו דער לויה. דעם צוג שליסען א מחנה אינגלאך אהן היטלען און אין צופליקטע און פערשמירטע העמדלאך.

דער בית עולם נעפינט זיך אויפ'ן צוויימען עק פון דארף.

דיא טרעגער שטעלען דעם ארון אב דריי מאָל. דער צוג בלייבט שטעהן און רוהט אב, און דאן געהט מען ווייטער און עס הערט זיך נאר דאס קלאָפּען פון דיא שיך איבער דער הארטער ערד. ווען מען דערגרויכט ענדליך דעם בית עולם, איז דער קבר נאך אלץ נים פארטיג. דער קברן שטעהט נאך אינעווייניג און מען זעהט, וויא זיין קאָפּ ווערט דא פערשוואונדען און דא בעוויזט זיך ווידער מיט יעדער כאפּעטע ערד.

א איינפאכער צאם רינגעלט ארום דעם בית עולם. עס וואקסען דאָרטען א סך יאגדעס און אין מאָנאט סעפּטעמבער פערקלייבען זיך אהער דיא קינדער אבענד צייט און רייסען דיא יאגדעס. פון דערווייטענס זעהט זיך א בארען בוים, וועלכער איז גרויס וויא א דעמב. הינטער דיא שאָטענדיגע בוימער פערקלייבען זיך דיא אלטע לייט אין דיא זומערדיגע אבענדען און רויבערען דא זייערע לולקעס. דיא זון ברענט. דיא זומער פויגעלאך און קאלירענדע פליגען זשימען ארום אין דער לופט.

דעם מת האט מען אנידערגעשטעלט נעבען קבר. דעם גלח'ס מיטהעלפער האט דעם צלם, וואס ער האט געטראָגען דעם גאנצען וועג, אנידערגעלייגט דעם

טוידטען צו פוסענס. דער גלח שטעהטביים צוקאפּענס און לייענט ווייטער פון בוך. נאר דיא אנוועזענדע אינטערעסירען זיך מעהר מיט דער ארבייט פון דעם קברן.

זיי שטעהען ארום קבר און קוקען צו, וויא ער ווארפט מיט דער לאפּעטע דיא ערד. ווען זיי קוקען זיך ענדליך ארום, איז שוין דער גלח מיט זיין מיטהעלפער ניטא; דיא פאמיליע איז נאך דא און ווארט געדולדיג.

ענדליך איז דער קבר פארטיג.

איינער פון דיא פויערים, וואס האט געטראגען דיא לייבע, האט אריינגעקוקט אין גרוב און בעמערקט:

— טיעף גענוג!

אלע העלפען אראבצולאזען דעם מת אין קבר. דער אלטער לאבאר ווער זיך דא אונטען גאנץ גוט פיהלען. ער קען דיא ערד און דיא ערד קען איהם, זיי וועלען איינער מיט׳ן צווייטען גוט אויסקומען.

דיא קינדער זיינען צונעקומען נעהענטער. און יעדער פון זיי האט ארויפגעשאטען א לאפּעטע ערד אויפ׳ן קבר.

זשאקווינעט האט דערווייל אנגעריסען א בינטעל בלומען און ווארפט זיי אויך אריין אינעווייניג. דאן קעהרט זיך אום דיא פאמיליע אהיים און עסט רוהיג דעם זופּ. דיא בהמות קומען צוריק פון פעלד און דיא זון פערגעהט. א ווארעמע לופט פערשפּרייט זיך איבער׳ן דארף.

דעם גלח׳ס מפלת

מאריוס, דער יונגער בוכהאלטער פון דעם קויפמאן מארטעל איז נאך א דריי וואכיגער שווערער קראנקהייט געקומען ענדליך אין קאנטאר. ער איז נאך שוואך און בלאס נאר ער פיהלט זיך, וויא נאך א שווערער קרענק און פיהלט זיך גליקליך, וואס ער קען אטהעמען דיא פרישע לופט. דאס צימער, אין וועלכען ער האט אזוי לאנג געארבייט, פערשאפט איהם פריידי זיין פולט, זיין שטוהל, זיין טינט און פעדער ערשיינען איהם וויא אלטע גוטע פריינד, וועלכע ער האט שוין א צייט נים געזעהן. ער איז געווען זעהר נאהענט צום טוידט און דער פערלאנג צום לעבען בעוועגט זיך אין איהם זעהר שטארק. ער זעצט זיך אויף זיין שטוהל, ציהט זיך אוים און לאזט ארוים א זיפץ פון ערלייכטערונג:

— אח, וויא גוט און וויא אנגענעהם איז דאס לעבען.

דאס צימער, אין וועלכען ער ארבייט, ליגט גראדע נעבען דעם פרינצפיאל׳ס און ווערט בלויז מיט א קארידאר אבגעטהיילט פון דער פריוואט וואוינונג, וואו דיא גאנצע ווירטהין איז דעם פרינציפאלס יונגע שוועסטער, קלארא. צייטענווייז האבען דיא בעזוכער א מעות און קלאפען צו מאריוס אין טהיר אנשטאט צו קלאפען ביים פרינציפאל. גלייך וויא ער האט זיך געוואלט נעהמען צו דער ארבייט האט צוויי מאל א שטילער קלאפ געטהאן אין טהיר.

— הערייז!

אין טהיר האט זיך בעוויזען א יונגער מאן מיט א גלאט ראזירטע געזיכט און א לאנגען אויבער ראק. זיין עזות׳דיגע מינע האט בעוויזען, אז ער איז א בע-רינטער אין א קירכע

— קען איך זעהן פריילין קלארא מארטעל?

מאריוס האט נים גלייך געענטפערט. ער האט א מינוט צייט בעטראכט דעם יונגען מאן.

דער דיענער האט דערווייל ארויסגעצויגען פון קעשענע א געבעט בוך, וואס איז געלעגען אין א שיידעל.

— איך האב איהד דא געבראכט, האט ער געזאָגט אין דער שטיל, איהר געבעט-בוך, וואס זיא האט געכטען פערגעסען אין מתודה צימער (בייכט צימער).

מאריוס האט זיך דער ווייל דערמאָנט, אז דער יונגער מאן דיענט ביים גלח ראָנאָדער, וועלכער איז דער נשמת-אָרגער פון זיין פרינציפאַל'ס יונגע שוועסטער.

— האט אייך אהער געשיקט הערר דאָנאָדער? ניט אמת?

— יא, האט געענטפערט דער דיענער מיט א שוואכע שטימע.

— זעהר גוט; גיט מיר דאס געבעט-בוך, און איך וועל עס איבערגעבען פריילין קקארא.

— דער פאטער האט מיר אָנגעזאָגט, אז איך זאָל עס איבערגעבען דער פריילין אין דיא הענד אריין.

— איך וועל איהר באלד איבערגעבען. פיליכט איז זיא נאך ניט אויפגע-שטאנען און איהר קענט איהר נאך שטערן.

— פערשפרעכט איהר מיר דאס געבעט-בוך גלייך איבערצוגעבען?

— געוויס.

— אויב אזוי זייט אזוי גוט און זאָגט דער פריילין, אז דער פאטער האט דאס געבעט-בוך געפונען גלייך נאך איהר אוועקגעהן, און ער האט מיר אָנגעזאָגט, אז איך זאָל עס איהר צוריקברענגען.... דער פאטער לאָזט גריסען דיא פריילין.

— איך וועל איהר דאס אלעס זאָגען, איהר קענט זיך אויף מיר פערלאָזען.

דער דיענער האט דאס בוך אנידערגעלייגט אויפ'ן פולט און האט זיך טיעף פערנייגט. ווען ער האט געעפענט דיא טהיר, איז ער א רגע געבליבען שטעהן און עס איז געווען קענטיג, אז ער האט א ישוב הדעת, נאר ענדליך האט ער זיך בע-טראכט און איז אוועקגעגאנגען.

נאך זיין אוועקגעהן איז מאריוס געבליבען א פערוואונדערטער. פאר וואס האט דער דיענער דוקא געוואלט איבערגעבען דאס בוך נאר דער פריילין אליין אין דיא הענד. דערווייל האט זיך מאריוס דערמאנט אן דיא פערליעבטע בליקען, וועלכע ער האט בעמערקט, וויא דער יונגער איטאליענישער פריסטער האט געוואָרפען אויף זיין פרינציפאַל'ס שוועסטער. ער האט שוין וועגען דעם פריסטער, וואס איז געווען דער ליעבלינג פון דיא מארסייל'ער דאמען, געהערט פיל'ע מאוסע זאכען. ער איז געגאנגען שעהן געקליידעט, האט געלעבט רייך און האט זיך ניט געקימערט וועגען זיינע פאָרגעזעצטע, ווייל ער איז געשטאנען אונטער'ן שוץ פון זיינעם א פעטער, וואס איז געווען קארדינאל אין רוים און וואס האט זעהר ליעב געהאט זיין עלעגאנ-

טען פלימעניק. מאריוס האט נעקוקט אויפ'ן בוך, אזוי, פארדערענדיג פון איהם אן ערקלערונג.

ניט ווילענדיג האט ער דאס בוך ארויסגענומען פון שיידעל און האט עס בעקוקט פון אלע זייטען דאס בוך איז געווען מיט זילבער בעשלאגענע עקען און אין זעהר א רייכען איינבונד. אויפ'ן טאוועל זיינען געשטאנען די ראשי תבות פון קלארא'ס נאמען און פאמיליע.

דרעהענדיג דאס בוך אין די הענט, האט מאריוס פלוצים בעמערקט, וויא פון די בלעטער שטעקט עפעס ארויס א שטיקעלע ראזע-פאפיר. איהם האט אנגעכאפט אזא נייגיערדע, וועלכע ער האט זיך קיין מאל ניט געקענט ערקלערען, און ער האט אויפגעעפענט דאס בוך און דערזעהן א ראזע-פאפיר אויפגעלייגט אין פיערען. פון פאפיר האט זיך געהערט א פערפיום. ער האט שוין געוואלט דאס פאפיר צוריק ארייגלייגען, ערסט ער האט בעמערקט אויף איהם א קרייץ און דעם בוכשטאב ד. ער האט ווייטער ניט געטראכט און אויפגעעפענט דאס צעטעלל. ער האט געלעזען פאלגענדעס:

„ליעבע זעעלע.

„איהר, וועמעס זעעלע נאט האט מיר אנגעטרויט, הערט אויס דעם פארשלאג, וואס איך מאך אייך פאר אייער אויבינען גליק. איך האב ניט געוואגט מיין פארשלאג מינדליך צו מאכען, ווייל איך האב מורא געהאט פאר די ערדענונג, וואס אייער פרומע זעעלע קען אין מיר ארויסרופען.

„איהר טארט לענגער ניט פערבלייבען אין דעם הויז פון אייער ברודער. זיין הויז איז דאס ארט פון זינד- אייער ברודער האט פערגעסען דאס גלויבען פון זיינע עלטערן, און האט זיך אין גאנצען איבערגעגעבען דעם שטן אין די הענד. קומט מיט מיר. מיר וועלען זיך פערבארגען אין אן איינזאמען ארט, און איך וועל אייך איבערגעבען אין גאט'ס הענד.

„פיעלייכט האבען מיינע טרערען און מיין ציטערען אייך ענדעקט דאס געהיימניס פון מיין הערצען. איך ליעב אייך, וויא די הייליגע קירכע, אונזער מוטער האט ליעב די אונשולדיגע נשמות, וואס קומען צו איהר. איך טרוים פון אייך יעדע נאכט. איך זעה אונז ארומגענומען אין א הימלישער אומארמונג, און מיר שטייגעןביידע אין הימעל אריין און מהיילען אוים איינער דעם צווייטען מלאכים-קוסען.

„נעהט ניט דאנגענען גאטעס שטימע! עס איז פאראן א העכערע רעליגיאן, וואס מיר פרעדיגען ניט צום געוואוינליכען פאלק. דיזע רעליגיאן פעראייניגט גאטעס בענשעפעניסען אין פאר-ווייז. זיא בעשאפט מאן און ווייב און ניט קיין מארטירער.

„נעדענקט דיא אונטערהאלטונגען, וואס מיר האָבען געהאט. זאָגט זיך אלייך, אז איך האב אייך ליעב און געהט מיר נאך; איך ערווארט אייך ביי זיך. איך האב בעשטעלט א פאָסט-קארעטע, וואס ווארט אויף אונז אין א נאָהענטע גאס.“

ווען מאריום האט דעם בריעף איבערגעלייענט, איז ער געבליבען שטעהן פער־בליפט. פאטער דאָנאָדער, שלאָגט פאר אין דיא בריעף זיין פרינציפאַל'ס שוועסטער, זיא זאל מיט איהם אנטלויפען. אמת, דער בריעף שמעקט מיט ווייראך, פונקט וויא ער וואלט מיט דעם געוואלט פערדעקען דעם שענדליכען זין, נאר דיא פאסט־קארעטע איז דא, און אפילו דער פאטער האט פאר דעם ניט געקענט געפינען עפעס א זיס רעליגיעזען וואָרט. איין זאך האט איהם געוואונדערט. וויא אזוי דער ליסטיגער איטאליענישער פאטער, איז געווען אזוי אונפאָרזיכטיג. ער האט נאר געקענט ערקלערען מיט דעם, אז דער פאטער איז ווירקליך פערליעבט.

מאריום האט נאך א מאָל איבערגעלייענט דעם בריף און האט זיך געפרעגט, וואס זאל ער דא טהאָן. ער איז געווען אזוי בעז, אז ער וואלט דעם פאטער צורי־סען אויף שטיקער. איין זאך איז איהם געווען קלאָר, אז זיין גוטען פרינציפאַל'ס שוועסטער דארף דער פון קיין רעה ניט ארויסקומען. ווער ווייס, וואס דאָרטען אין דעם פינסטערן, קליינעם מתודה-שטיבעל איז פאָרגעקומען. אפשר איז שוין צו שפעט? אפשר איז שוין דאס אונשולדיג מיידעל געפאלען אלס אפפער פון דעם פערפלוכטען פריסטער? איידער ער וועט דעם גלח געבען א קלאפ, דארף ער ווי־סען, צו דער קלאפ וועט איהר ניט שאדען. פאר קיין פאל וועט ער ניט מאכען א סקאנדאל, וואס זאל זיין א טוידט קלאפ פאר העררן מארטעל.

ענדליך האט ער זיך בעשלאָסען צו בעשטראָפען דעם פאטער אויף א מאָד־נעם אופן. ער האט דאס געבעט-בוך גענומען אין דיא הענד און איז צי־טערנדיג אריין צו פריילין קלאָרא אין צימער מיט דער איבערציי־גונג, אז ער וועט אויף איהר געזיכט דערקענען, וויא זיא האלט מיט'ן פריסטער.

קלאָרא מאָרטעל איז געווען א שעהנע שלאנקע מיידעל, דריי און צוואנציג יאהר אלט. א שרעקליכער צופאל האט איהר געמאכט זעהר פרום. זיא איז יונג פער'קנס'ט געוואָרען מיט א יונגען מאן, וועלכער איז א פאר טעג פאר דער חתונה דערטרונקען געוואָרען. דיא פערצווייפלונג האט איהר געמאכט פרום; בים־לעכוויז האט זיא זיך צוגעוואוינט צו געהן אין דיא קירכען און דיא אָנגעזאָנפטע לופט מיט ווייראך און דער שטילער מורמעל פון דיא פריסטער האבען איהר וויא פער'שכור'ט. זיא איז ניט געוואָרען פאנאטיש, זיא האט נאר געפונען א טרייסט אין רעליגיאָן. עס קען זיין, אז מיט דער צייט וועט דיא שכרות ביי איהר אריבער־

געהן, און ביי איהר וועט זיך עפענען ווידער א ליעבע צום געזעלשאפטליכען לעבען, דערוויל אבער האט זיא נאר געפונען א פערגעניגען אין דער שטילקייט פון דער היים און אין גלויבען. זיא האט באזוכט ארימע און האט געטהיילט פיעל צדקה. איהר ברודער איז געווען א פריידענקער און א רעפובליקאנער נאר ער איז געווען גענוג טאָלעראנט און געלאָזט איהר טהאן, וואס זיא וויל. ער האט נאר געזעהן, אז איהרע אינטערעסען זאָלען ניט ליידען און איהר זאל קיין שלעכטס געשעהן

מאריוס האט דיא פריילין געטראָפען אין א קליינעם זאל, וויא זיא פלעגט פערברענגען גאנצע טעג אין נייהען קינדישע וועש, וואס זיא פלעגט דערנאך צו־טהיילען צווישען ארימע פרויען. דאס יונגע מיידעל האט גוט געקענט דעם בוכ־האלטער און האט איהם שטענדיג בעהאנדעלט וויא א פאמיליען־פריינד. דער פרינציפאל פלעגט אָפט מיטנעהמען מאריוס'ן אויף זיין גוט, וואו ער האט זיך גוט בעפריינדעט מיט קלארא. גוטע הערצער דערקענען זיך לייכט און ווערען זעהר ניך נאָהענט.

ביי זיין אריינקומען האט זיך קלארא אויפגעהויבען און איז איהם אנטקעגען געגאנגען מיט אן אויסגעשטרעקטע האנד.

— דאס זייט איהר, מאריוס? האט זיא געזאגט פריינדליך, ענדליך זייט איהר געזונד געווארען! גאָט האט צוגעהערט מיין תפלה.

דער יונגער מאן האט זיך זעהר דערפרייט מיט דעם ווארעמען עמפפאנג און האט איהר אריינגעקוקט אין דיא אויגען. ער האט אבער דאָרטען נאר געזעהן א טיעפע, אונשולדיגע רוה. ער האט דערפיהלט, וויא מען וואלט פון איהם ארונטער־גענומען א שווערע לאסט. איהר פעסטער, אָפענער בליק האט איהם געמאכט פאָל־שטענדיג רוהיג.

— איך דאנק אייך, האט ער געענטפערט. איך בין אבער ניט געקומען צו ווייזען זיך א געזונטער.

ער האט איהר דערלאנגט דאס געבעט בוך און האט ווייטער געזאָגט:

— דא האט איהר אייער געבעט־בוך. איהר האט עס ווארשיינליך געכטען פערגעסען אין קירכע.

— אה, יא! האט דאס מיידעל געענטפערט. איך האב נאר וואס געוואָלט שיקען נאך דעם. וויא קומט עס אין אייערע הענד?

— דעם פאטער'ס דיענער האט עס ערסט געבראַכט.

— דער קירכען־דיענער?

— ניין דעם פאטער'ס דיענער.

קלארא האט ביי איהם דאס בוך צוגענומען און רוהיג אנידערגעלייגט עס אויף א שטוהל. זיא האט דערביי ניט ארויסגעוויזען קיין שום ערדעגונג.

מאריוס האט פון איהר דיא אויגען ניט אראבגענומען. ווען זיא זאל אין דער מינוט רויט געווארען, וואלט ער געפיהלט אז אלעס איז פערלארען.

— וויא דענקט איהר, מאריוס! האט זיך קלארא צו איהם געווענדעט און האט זיך אנידערגעזיצט. איהר קענט דעם פאטער קאסטאניע?

— יא, האט מאריוס געענטפערט ערשטוינט.

— ער איז א ארדענטליכער מאן, ניט אמת?

— זעהר א ארדענטליכער. דער עהרליכסטער פריסטער אין מארסייל. מיין ברודער האט איהם פאר מיר זעהר געלויבט, נאר, וויא איהר ווייסט, פערלאז איך זיך זעהר ווייניג אין רעליגיעזע זאכען אויף מיין ברודער.

זיא האט ביי דיא ווערטער געשמייכעלט און מאריוס האט ניט געקענט פערשטעהן וואס זיא מיינט מיט דעם.

— ווא איהר ווייסט, האט זיא פארגעזעצט, איז מיין פריסטער ביז איצט געוועזען פאטער דאנאדער, אבער ער איז צו יונג און דערצו א לייכטזיניגער איטאליענער. ער איז ניט פאר מיר. דער פאטער קאסטאניע איז אין געגענטהייל זעהר אן אלטער מאן און שיינט צו זיין דאס, וואס א פריסטער דארף זיין. פון מארגען אן גיב איך איהם איבער דיא לייטינג פון מיין געוויסען.

מאריוס איז געוועזען פערוואונדערט פון דיזע ערקלעהרונג. ער האט נוט פערשטאנען, אז שולדיג אין דעם איז געוועזען דעם פריסטער'ס אויפפיהרונג. אין זאך איז אבער איהם געוועזען קלאר, אז זיא האט ניט פאר וואס רויט צו ווערען.

מאריוס האט דעם פריסטער'ס בריעף בעהאלטען ביי זיך. ער האט זעהר גרינג געקענט ראבע נעהמען פון דעם גלח, ווען ער וואלט דעם בריעף אוועקגעשיקט צום בישאף פון מארסייל, נאר ער האט גאנץ גוט געוואוסט, אז ער האט א שטארקען צר, און דיא שטראף וועט זיין א צו גרינגע. און דארום האט ער בעשלאסען אבצורעכענען זיך מיט איהם נאר אויף אן אנדער אופן. נאר אליין אויספיהרען זיין פלאן האט ער ניט געקענט און האט דערצו געדארפט האבען א גוטען פריינד. ער האט זיך דערמאנט אן זיין בעקאנטען סאוויער. סאוויער איז געוועזען איינער פון יענע בעקאנטע, וועלכע מען מיידעט צייטענווייז אויס, ווייל עס איז ניט זעהר אנגענעהם מען זאל ווערען געזעהן אין זייער געזעלשאפט. סאוויער האט זיך ארויפגעארבייט צו א גרויסען פערמעגען מיט זיינע אייגענע כחות, ער האט געשטאמט פון דיא נידריגסטע שיכטען פון מארסייל און האט אין זיין פריהער יוגענד

איבערגעטאָן אלערליי ארבייט, ענדליך איז ער געוואָרען א פּאַקען-טרעגער און דאָן איז איהם געלונגען צו ווערען דיא רעכטע האנד פון זיין בעל הבית און מיט דער צייט צו ווערען א בעל הבית פאר זיך. איצט איז ער דער גרעסטער בעל הבית פון דיא פּאַקען טרעגער אין מארסייל און האָט גרויסע יעהרליכע איינקינפטע, מיט וועלכע ער ווייס ניט וואָס צו טהאָן: קיין פאמיליע האָט ער ניט און זיין גאוה בעשטעהט אין דעם, צו מאכען דיא גאנצע שטאָדט ריידען פון איהם, פון זיינע פערד, פון זיינע געליעבטע. נאָר ביי אלעם דעם איז ער געווען ניט קיין שלעכטער מענש. אן דיזען סאָווייר האָט זיך מאריוס דערמאָנט און צו איהם האָט ער זיך בעשלאָסען צו ווענדען, ער זאָל איהם העלפען אויספיהרען זיין פּלאַן געגען דעם פאָטער, און ער האָט גוט געוואוסט, אז ער וועט ניט קארגען קיין געלד און מיה, אום צו האָבען א ביסעל שפּאַס און צו מאכען דיא שטאָדט ריידען פון זיך.

נאָך'ן פריהשטאָק איז מאריוס צוריק אין קאנטאָר ניט געגאַנגען. ער האָט זיך געלאָזט געהן איבער דיא קאפּע הייזער אָבצוזוכען סאָווייר, נאָר ער האָט איהם ערגעץ ניט געטראָפען. ענדליך איז ער אַוועק צו איהם אין געשעפט און האָט זיך אויף איהם נאָכגעפרעגט.

— אָ, ער וועט זיך ניט בעהאלטען! דאס איז ניט זיין געוואָהנהייט, האָט געענטפערט דער געשעפטס-פיהרער מיט א געלעכטער. ער געפינט זיך זיכער אין א רעסטאָראַן אויף'ן רעזערוו. איך קען האלטען א וועט, אז גאנץ מארסייל קוקט איצט אויף איהם.

מאריוס איז אַוועק צום האפען, וואו ער האָט זיך אריינגעזעצט אין א קליינע שיפעל און האָט זיך געהייסען פיהרען צום רעזערוו.

ביים אָנקומען אהין, נאָך איידער ער איז ארויף אויפ'ן ברעג, האָט ער שוין דערהערט סאָווייר'ס הויכען קול. דיא רעסטאָראַנען אין רעזערוו זיינען אין הייזלאָך, אין ביידלאָך, וועלכע זיינען געבויט אין דעם העסליכסטען סטיל. ווען מען ניט א קוק אויף זייערע רייך בעפּוצטע ווענד, דוכט זיך אויס, אז דער קלענסטער ווינד קען זיי אריינשמייסען אין ים אריין. סאָווייר האָט ליעב געהאט צו פערברייננען דאָרטען, ווייל דיא פּרייזען זיינען דאָרטען זעהר הויך און מען ווארפט זיך יעדען אין דיא אויגען.

מאריוס האָט איהם גלייך געטראָפען. ער איז געזעסען אויף א טעראַסע מיט צוויי אויסגעלאַסענע מיידלאָך, קלאַראָ און איזנארד, פון וועלכע ער איז דיא לעצטע צייט ניט אָבגעטראָטען. ער איז געווען איבערצייגט, אז עס זעהט פיעל שע-

נער אוים, ווען מען שלעפּט זיך ארום מיט צוויי פּרויען, אויף יעדען ארם איינע. ער האָט פרייהליך געמאכט דיא גאנצע טעראסע.

— בראוואָ! בראוואָ! האָט ער אויסגעשריען, דערזעהענדיג מאריום. מיר ווילען נאָך א מאל פריהשטאקען. מיר פריהשטאָקען שוין פון צוועלף א זייגער אָן. מיר האָבען גענעסען אויסטערס, פּיש-זופּ....

ער האָט אויסגערעכענט א צעהן געריכטען און איז געווען שטאָלץ, וואס ער האָט זיך פערדארבען דעם מאגען.

— איז דא ניט שעהן?.... אמת דאָ איז אלץ טהייער, אבער דערפאר איז דא פיין. וואס ווילט איהר געניסען?

מאריום האט זיך ענטשולדיגט דערמיט, וואס עס שוין נאָך האלבען טאג, און ער האט שוין לאנג געפריהשטאקט.

— אך, וואס רעדט איהר! מען קען שטענדיג עסען, האט סאוויר געשריען. און ער איז געווען העכסט צופרידען וואס מאריום האט איהם געטראפען אין אזא פיינער געזעלשאפט. מיר ווילען היינט עסען ביז שפּעט אין דער נאכט....... עס וועט קאסטען א סך געלד, נאר מיר ארט עס ניט. קלאריאן, מיין מיידעל, טרינק ניט אזוי פיעל דוא וועסט נאָך שכור ווערען.

נאר קלאריאן האט זיך וועגען דעם ווייניג געקימערט און האט זיך אנגענארסען א גרויסע גלאז שאמפּאניער. איבריגענס, זיא האט ניט געהאט פאר וואס מורא צו האבען, ווייל זיא איז שוין לאנג געווען שכור.

— אך, נאט מיינער! וויא דיא מיידלאך מאכען פרייהליך! האט סאוויר ווייטער גערעדט און האט זיך גענומען פאכען מיט א סערוועטקע.

ער איז צוגעגאנגען צום ראנד פון דער טעראסע און האט זיך צושריען מיט אזא קול, אז אלע פערביינעהענדע האבען זיך אבגעשטעלט און ארויפגעקוקט:

— איך האב שוין א סך געלד אויף זיי אויסגעגעבען, נאר מיר טהוט עס ניט באנק, זיי זיינען עס ווערטה.

מאריום האט זיך צו איהם צוגעבויגען און האט איהם אין דער שטיל געזאגט:

— ווילט איהר מארגען פערברייננען א פרייהליכען אבענד?

— א פראגע צו איך וויל! האט סאוויר געענטפערט.

— אבער דאס וועט אייך קאסטען געלד!

— צום שווארץ יאהר.... וועט עס דען זיין פרייהליך?

— זעהר. פאר אייער געלד וועט איהר זיך גענוג אנלאכען.

— אויב אזוי נעהם איך עס אן.

— גאנץ מארסייל וועט זיך דערפון דערוויסען און אכט טאג לאנג וועט מען פון אייך רעדען.

— איך נעהם עס אן ! איך נעהם עס אן !

— אויב אזוי, הערט מיך גוט אויס.

מאריוס האט זיך אנגעבויגען נעהנטער צו איהם און האט איהם אויף'ן אויער דערצעהלט, וואס ער וויל טהאן.

דעם פאק־טרעגער'ס געזיכט איז אלץ גרעסער געווארען און האט ענד־ליך אויסגעבראכען אין א הילכענדען געלעכטער. ער איז שיער ניט דערשטיקט געווארען פון לאכען, אזוי קאמיש האט איהם געקלונגען די געשיכטע.

— אזוי איז עס אבגעמאכט, האט ער געזאגט, ווען ער איז געקומען צו זיך. איך וועל מארגען צעהן א וויינער אבענד ווארטען אויף אייך אויף'ן בולוואר מיט קלאריאן. חא, חא, חא! וואס פאר א גוטער שפאס דאס וועט זיין!

פאטער דאנאדער האט זיך בעטראכט, נאכהער וויא זיין דיענער איז אוועק מיט'ן געבעט־בוך, איז ער בעגאנגען א נארעשקייט. ער האט זיך ארומגעזעהן, אז ער איז געוועזן זעהר אונפארזיכטיג.

שוין א פאר מאנאטען וויא קלארא איז איהם ניט ארויס פון זינען, און איהם האט גענומען א לאנגע צייט טראכטען ביז ער האט בעשלאסען [illegible] שטעלען אלעס אויף איין קארט. אנפאנגען אן אינטריגע מיט איהר אין די[illegible] פון גאנץ מאר־סייל, האט איהם געשיינט, איז אונמעגליך און ניט בעקווע[illegible]ן ווען דיא ליידענ־שאפטען האבען זיך אין איהם צוברענט, האט ער זיך ענדליך בעשלאסען ניט צו אכטען, וואס ער קען פערלירען זיין איינפלוסרייכע שטעלונג און אפען צו אנטלוי־פען מיט'ן מיידעל, וואס ער האט ליעב, נאך איטאליען.

דאנאדער איז געוועזן צו כוסטיג און פאלש, אז ער זאל זיך ניט איבערלאזען א הינטער־טהירל. ווען ער וועט מיט איהר זאט ווערען, וועט ער איהר גרינג קענען ארייננשפארען אין א קלויסטער און ווידער געווינען חן ביי זיין פאטער דעם קארדינאל. ווייטער וועט שוין זיין נאר לייכט.

נאר ער האט זיך געשראקען טאמער וועט קלארא זיין פארשלאג ניט אננע־

מען אין דאמאלס וועט זיין בריעף ווערען א שרעקליכע וואפע גענען איהם; ער וועט דיא שטעלע פערלירען און וועט דאס מיידעל אויך ניט האבען.

אויסער דעם האט ער זיך געשראקען, אז ער איז פערקראכען א ביסעל צו ווייט און האט זיך אבגעשניטען דעם וועג אהינטער. דיא גאנצע פארזיכטיגקייט און איבערלעגענהייט האבען אין איהם פלוצים ערוואכט. ער האט מיט גרויס אונגעדולד ערווארטעט זיין דיענער זאל שוין קומען צוריק און וויא ער האט איהם דערזעהן אין טהיר האט ער איהם גלייך געפריגט:

— נו?

— איך האב דאס געבעט-בוך אבגעגעבען, האט געענטפערט דער דיענער.

— דער פריילין אין דיא הענד?

— יא.

דער דיענער האט דעם ענטפער געגעבען מיט א שטאלצער בעשטימטהייט. אויפ'ן וועג נאך האט ער זיך בעדענקט, אז ער האט געמאכט א פעהלער, וואס ער האט דאס בוך איבערגעלאזט אין פרעמדע הענד. נאר אום ניט צו ערגערן דעם פאטער האט ער זיך בעשלאסען צו זאגען א ליגען.

דאנאדער איז נאך דעם ענטפער א ביסעל רוהיגער געווארען. ער האט זיך בערעכענט, אז ווען קלארא וועט זיך געפינען בעליידיגט פון דעם בריעף, וועט זיא איהם אריינווארפען אין פייער.

אויף מארגען איז צו איהם אין קירכע צוגעטראטען א טיעף פערשלייערטע דאמע און איידער ער האט צייט געהאט צו איהר זיך גוט צו צוקוקען, האט זיא איהם דערלאנגט א פערזיגעלטען בריעף און איז געשווינד אוועקגעגאנגען.

אין דעם בריעף זיינען נאר געווען א פאר ווערטער: „יא, היינט אבענד.“

דאנאדער איז געווען אויסער זיך פאר פרייד און האט זיך גלייך גענומען מאכען פארבערייטונגען צו דער רייזע.

ווען יעמאנד וואלט נאכגעגאנגען דער פערשלייערטער דאמע, וואלט ער געזעהן, וויא זיא האט אויפ'ן עק גאס אנגעטראפען סאוויר, וועלכער האט אויף איהר געווארט. זיא האט ארונטערגענומען דעם שלייער און מען האט געקענט זעהן אז דאס איז געווען קלאריאן.

— א שעהנער מאן איז דער פאטער! האט זיא געזאגט צו סאוויר.

— געפעלט ער דיר? זעהר גוט! האט סאוויר געזאגט! אך, יא מיין שאץ, זיי בראוו און בזכות דעם וועסטו געווינען דעם הימעל.

ביידע זיינען מיט א גרויס געלעכטער אוועק ווייטער.

ארום צעהן א זיינער האבען זיי זיך ווידער בעגעגענט אין דער נאם וואו דער פריסטער האט געוואוינט. זיי זיינען געגאנגען מיט לאנגזאמע טריט און האבען זיך אלע ווילע אבגעשטעלט וויא זיי וואלטען געווארט אויף עמיצען. קלאריאן האט געטראגען א איינפאכע וואלענע קלייד און איז געווען גוט פערשלייערט. סאוויר איז געווען פערקליידעט אלס א דינער.

— אם איז מאריוס האט ער פלוצים געזאגט.

— זייט איהר פארטיג? האט דער יונגער מאן געפרעגט אין דער שטיל. ווייסט איהר וואס צו ריידען.

— אויף מיינע נאמנות, מיר ועלען אבשפילען א קאמעדיע, אז עס וועט זיין אן אנטיק.... דאס איז א שפאס! איך וועל זעקס מאנאטען לאנג האבען פון וואס צו לאכען.

— געהט צום פאטער, מיר וועלען דא אויף אייך ווארטען. זייט זעהר פאר־זיכטיג.

סאוויר האט געטראפען דעם גלח זעהר צושראקען און פארטיג צו דער רייזע. ער האט איהם אליין געעפענט דיא טהיר, ווען ער האט אנגעקלונגען.

— וואס ווילט איהר? האט ער געפרעגט גראב און דערשראקען, דערזעהענ־דיג פאר זיך א מאן אנשטאט קלארא

— איך בין געקומען מיט א דאמע, האט געענטפערט דער פאלשער דינער.

— זעהר גוט! זאל זיא אריינקומען! גיכער!

— זיא וויל נים געהן ביז צו דער טיהר.

— אה!

— זיא האט צו מיר געזאגט אזוי: זאג דעם העררן אז איך וועל ליעבערסט גלייך אריינשטייגען אין קארעטע.

— ווארט א ווילע, איך האב נאך עפעס מיטצונעהמען.

— דאס פריילין וועט אבער מורא האבען צו שטעהן אין מיטען בולוואר.

— אויב אזוי שטעהט דא נים און געהט צו איהר און זאגט איהר אז דיא קארעטע ווארט אויף דער רוע טיראן אין עק. זאל זיא דארט אריינשטייגען, אין פינף מינוט ארום וועל איך דארט זיין.

דאנאדער האט געשווינד פערמאכט דיא טהיר און סעוויר איז מיט א גע־לעכטער אוועק צו דער קאמפאניע, וואס ער האט איבערגעלאזט.

— עס געהט וויא געשמירט. דער גלח געהט מיט אן אונשולדיג שמייכעל אין נעץ אריין.... איך ווייס, וואו דיא קארעטע ווארט.

— יא, האט מאריוס געזאגט, איך האב געזעהן ווען זיא איז אנגעקומען. זיא שטעהט אויפ׳ן עק פון דער רוע מיראן.

— זעהר ריכטיג. מיר טארען א מינוט נים פערליערען. דער גלח האט גע־זאגט, אז אין פינף מינוט וועט ער דארטען זיין.

דיא דרייא פערזאָן זיינען לאנגזאם אוועקגעגאנגען, האלטענדיג זיך אין דיא שאָטענס פון דיא הייזער, ביז זיי זיינען צוגעקומען צו דער פאסט קארעטע, וועלכע איז שוין געשטאנען פארטיג צום אבפאָהרען.

מאריוס און סאווייר האבען זיך בעהאלטען אין אן איינגאנג פון א טהיר, און קלאריאן איז געבליבען שטעהן אין דרויסען נעבען טהיר.

זיי האבען זיך דערוויל איבערגעוואָרפען מיט המצאות.

— אה, ער וועט פון מיר נים וועלען וויסען, האט קלאריאן געזאגט. ווי ער וועט נאר אויסגעפינען, ווער איך בין, וועט ער מיך אוועקוואַרפען.

— ווער קען דאס וויסען?

— ער איז זעהר שעהן. איך האב מורא געהאט, אז ער איז אן אלטער.

— הערט נאר, מיר שיינט, אז זיא האט זיך אין איהם פערליעבט!.... אה, איך בין נים אויפערזיכטיג. נאר ווען דוא געהסט מיט איהם אזוי גערן, וואלסטו מיר גענומען אבגעבען דיא טויזענד פראנק, וועלכע איך האב דיר געגעבען פאר דיא ראָליע, וואס דוא שפיעלסט דא.

— דיא טויזענד פראנק? א שעהנע זאך! און וואס וועל איך טהאן, אז ער וועט מיך איבערלאָזען אויפ׳ן מיטען וועג? מיט וואס וועל איך קומען צוריק?

— איך האב נאר געשפאסט, מיין ליעבע. איך נעהם נים צוריק, וואס איך גיב. און דאס געלד פערשאפט מיר מעהר שפאס, וויא געוואוינליך.

דא האט זיך מאריוס אריינגעמישט אין אין געשפרעך און האט איהר ווי־דער האלט, וואס זיא האט צו טהאן.

— זעהט זיך צו האלטען אזוי, וויא איך האב אייך געזאגט. שפיעלט אייער ראָליע גוט און ער וועט אויסגעפינען דיא קאמעדיע. ווען איהר וועט שוין זיין וויים אוועקגעפאהרען, וויא נאר ער וועט אלעס ענטדעקען, זאלט איהר שטעהן פעסט. זאגט איהם אז איך האב דעם בריף אין דיא הענדע, און אז איך וועל איהם אפשר קען צום בישאף, אזוי גיך וויא איך וועל זיך דערוויסען, אז אייך איז געשעהן עפעס שלעכטס, אדער אז ער וועט זיך דערוואגען נאך אמאל אהער צו קומען. ראטה איהם, אז ער זאל זיין גליק זוכען ערגעץ־וואו אנדערש.

— וועל איך קענען באלד קומען צוריק נאך מארסייל? האט געפרעגט קלאריאן.

— געוויס! איך וויל איהם נאר פעריאגען פון שטאדט און אויף אויבּיג לע־בערליך מאכען. איך וואלט איהם געקענט פעריאגען פון דאנען דורך דער קירכע, נאר איך וויל איהם בעסער פערשפּאטען.

סאוויער איז שיער דערשטיקט געוואָרען פון לאכען, ווען ער האט זיך פאָר־געשטעלט דיא סצענע, וואס וועט פאָרקומען צווישען דעם גלח און זיין געליעבטע.

— הע, מיין ליעבע, זאג איהם, אז דוא ביזט פערהייראטעט און דיין מאן וועט דיך זוכען אומעדום און וועט איהם פערמישען אין א עהע־ברוך פּראצעס. ווילסטו, איך זאל דיך נאכלויפען און אָנווארפען א פחד אויף דיין פערפיהרער?

דיזע קאָמישע אידעע, האט איהם אזוי שטארק געקיצעלט, אז ער האט שיעור ניט געפּלאצט פאר לאכען.

פּלוצים האט מאריוס איהם אבגעשטעלט, דערזעהענדיג, וויא א שווארצע געשטאלט קומט צו צו זיי.

— שטיל! האט ער געזאגט. ער קומט. זייט פאָרזיכטיג, קלאריאָן. מיידט אוים צוריידען, ער וועט דערקענען אין אייער קול. געהט געשווינד צו דער טהיר פון דער קארעטע.

סאוויער און מאריוס האבען זיך נאך טיעפער פערשטופּט אין טהירגאנג, און קלאריאן מיט איהר פערשלייערטען געזיכט האט זיך אנידערגעשטעלט אין שאטען פון דער קארעטע.

דאס איז טאקע געוועזען דאנאדעי. ער איז געגאנגען גיך. זיין גלח'שע קוטע האט ער אין אייוועז ארייגנעווארפען און האט איצט געטראָגען אן עלעגאנטען קאסטיום.

— ליעבע, ליעבע קלארא, האט ער געזאגט געריהרט און געקוסט איהר דיא האנד. וויא גוט דאס איז פון אייער זייט, וואס איהר זייט געקומען!

— קלארא — קלאריאָן, האט געמורמעלט סאוויער. אויב דיא מיידלאך זיינען ניט דיא זעלבינע, זיינען דיא נעמען דיא זעלבינע.

— אח, דאס איז נאט אליין, וואס האט אייך געראטהען צו פאָלגען מיר, האט געזאגט דער גלח און האט איהר געהאלפען אריינזעצען זיך אין קארעטע.

ער איז גלייך נאך איהר אריינגעטראטען אין קארעטע און האט געזאגט:

— מיר געהן גלייך אין הימעל אריין.

דער פאסטאליאן האט א קנאל געטהאן מיט דער בייטש. און די קארעטע איז מיט גרויס ליארעם אבגעפאהרען.

איצט האבען זיך מאריוס און סאווייר צולאכט, ביז טרעהרען האבען זיך געשטעלט אין זייערע אויגען.

— חא, חא, חא! דער פאטער האט אוועקגעפיהרט זיין זעעלען-שוועסטער, האט געזאגט מאריוס.

— א גליקליכע רייזע! האט נאכגעשריען סאווייר.

ווען די פאסט-קארעטע, אין וועלכען דאנאדעי און קלאריאן האבען זיך גע־פונען, איז פערשוואונדען געווארען, זיינען מאריוס און סאווייר ארויס פון זייער בע־העלטעניס און האבען זיך געלאזט געהן, ריידענדיג זעהר פרייהליך, איבער'ן בולוואר.

וואס מעהר זיי האבען געטראכט, וויא צושראקען און פערוואונדערט דאנע־דער וועט בלייבען, ווען ער וועט אויסגעפינען דעם טעות, וואס ער האט געמאכט, איז זייער הייטערקייט גרעסער געווארען.

— קענט איהר זיך פארשטעלען, וואס פאר א געזיכט ער וועט קריגען, ווען ער וועט דערהערען איהר קול?

— און זיין כעס, ווען ער וועט ארונטעררייסען איהר שלייער?.... צווישען אונז גערעדט, קלאראין איז שוין אריבער פערציג און איז א שרעקליכע מאיסקייט.

סאווייר האט זיך איצט ניט געשטערט צו זאגען, אז זיין געוועזענע געליעבטע איז אלט און מאוס, כל זמן דאס האט גרעסער געמאכט דעם שפאס, וואס זייא האבען געשפיעלט.

— אויף מיינע נאמנות, האט ער ווייטער גערעדט: איך פערגין איהם מיט'ן גאנצען הארצען דאס פערגניגען, וואס ער וועט האבען. אוי, א שפיצעל!

ער האט זיך נעאיילט וואס גיכער צו פערנאנדערטראגען די נייעס איבער די קאפע-הייזער.

מאריוס איז געווען פיעל ערנסטער, כאטשע איהם האט שטארק הנאה גע־טהאן. וואס ער האט דעם גלח געגעבען א פאר, וואס איז איהם ווערטה. נאר מעהר פון אלץ האט איהם געפרייט, וואס ער האט די פרויען פון מארסייל בעפרייט פון א פעסט.

עלף א זייגער האט ער דעם פאקען-טרעגער מייסטער איבערגעלאזט אין א קאפע הויז און איז אוועק צו זיך א היים.

ביז האלבער נאכט האבען אלע אין מארסייל, וואס האבען נאך נים געשלאָפען, געוואוסט, אז פאטער דאָנאדער איז נאר וואס אנטלאָפען אין א פאָסט־וואָגען מיט קלאַריאָן, א גאסען־מיידעל, וואס האט זיך שוין מעהר וויא פופצעהן יאהר ארומגעוואלגערט אין גרעסטען שמוץ פון מארסייל.

דיא גאנצע נאכט האט זיך סאָווייר ארומגעשלעפט און האט דערצעהלט דיא געשיכטע מיט איינצעלהייטען, נאר איין זאך האט ער פערפעהלט צום זאָגען: אז דער פאטער האט געמאכט א טעות.... אט מייסטען איז דעם עולם געפעלען גע־וואָרען דעם פאטער'ס לעצטע ווערטער פאר'ן אריינשטייגען אין קארעטע: „מיר געהען גלייך אין הימעל אריין". מען האט געלאכט, וואס ער האט איהר געקוסט דיא האנד און מען האט געקוועטשט מיט דיא פלייצעס און געפרעגט, צו וואס האט ער גערארפט מיט איהר אנטלויפען. דאס שענסטע דערביי איז געווען, אז סאָ־ווייר האט אלעמען איינגערעדט, אז דער יונגער און עלעגאנטער פאטער איז שטער־בליך פערליעבט אין דעם אלטען, גאלען און אונפערשעמטען מיידעל, וועלכע דיא גאנצע שטאדט האט געקענט, און אז דיא ליעבע האט איהם שיער פון זינען נים אראבגעפיהרט. דיא געשיכטע האט ארויסגערופען ביי אלעמען א פערוואונדערונג און געלעכטער. מען האט זיך נים געקענט פאָרשטעלען, וויא אזוי דער יונגער פא־טער, פון וועלכען אלע יונגע דאמען פון דער הויבע געזעלשאפט לעקען אזוי דיא פינגער, האט זיך געקוואפעט אויף אזא מאוסקייט. און מען האט געמאכט חוזק פון דער אונגעהערטער ליעבשאפט.

אויף מארגען האט זיך דיא געשיכטע צושפרייט איבער דער גאנצער שטאדט. סאָווייר איז געוואָרען נאך אמאָל אזוי ברייט פאר פרייד. ער איז געווארען דער העלד פון דעם טאג, יעדער האט געוואוסט, אז ער איז געוועזן דער לעצטער ליעב האָבער קלאריאנ'ס, און אלזא האט דאָנאדער ביי איהם דאס מיידעל אוועקגערויבט דעם גאנצען טאג האט ער ארומגעשפאציערט אין פאנטאפעל און האט מיט א שפעטישער מינע אויסגעהערט דיא בעדויערונגען פון זיינע פריינד. ער האט גערעדט אויפ'ן קול, האט געענטפערט איינער, האט גערופען א צווייטען און געברויכט און מיסברויכט זיין פאָפולאריטעט. דיא טויזענד פראנק האבען איהם נים באנק גע־טהאן, קיין מאל נאך האט ער פאר אזא סומע געלד נים געהאט אזוי פיעל פערגניגען.

מיט צוויי טעג שפעטער, ווען קלאיראן איז צוריקגעקומען, איז דיא ריידעריי נאך קרעסער געווארען. דיא שטאדט האט געקאכט.

סאָווייר האט איהר געקויפט א נייע זיידענע קלייד און איז מיט איהר אבגע

טאג צייט ארומגעפאָהרען אין אָן אָפענע קארעטע איבער מאַרסייל. מען האט אויף זיי געוויזען מיט דיא פינגער און מען איז צוגעלאפען צו דיא טהירען און פענסטער, ווען זיי זיינען פערביי געפאהרען. סאָווייר איז געוועז אויפ'ן זיבעטען הימעל פאַר פרייד.

קלאַריאָן איז געפאָהרען ביז טולאָן. דער פאטער דאָנאַדער האט באלד אויס־געפונען וואס פאר א סחורה ער האָט דאָ געהאַנדעלט. ער איז געוואָרען אויסער זיך פאר כעס און האָט געוואָלט דאס מיידעל ארויסוואַרפען פון דער קארעטע אויפ'ן מיט'ן וועג, ווייט פון מענשליבע וואוינונגען און נאָך איידער עס האט אנגע־הויבען גוט צו טאגען, נאר ער האט זיך געכאַפּט אין חשבון: קלאַריאן איז פאר איהם געווען א הארטער ביסען. זיא האט מיט איהם גערעדט זעהר שארף און האט איהם געדראהעט מיט'ן בריעף, וועלכען מאַריוס האט געהאלטען ביי זיך. דאָנאַדער האט מורא געהאט, אז עס וועט ארויסקומען נאָך א גרעסערער סקאַנדאַל און דענ־קענדיג אז מיט גוטען וועט ער פיעלייכט אויספיהרען, אז זיינע פארגעזעצטע זאלען זיך דערופון ניט דערוויסען, האט אלעס נאכגעגעבען און האט מיטגענומען זיין בע־גלייטערין נאך טולאן, וואו זיי האבען זיך געשיידט. קלאַריאן איז צוריקגעפאהרען נאך מארסייל און דער גלח האט זיך געיאגט וואס גיכער אריבערצוטרעטען דעם גרענעץ.

סאווייר'ן האט ניט געלונגען ארומצופיהרען זיין געליעבטע מעהר וויא אכט טאג איבער מארסייל. דער בישאפ האט געבעטען דיא פאליציי אז זיא זאל זיך אריינמישען און ניט דערלאזען אז דיא קירכע זאל נאך מעהר בעשמוצט ווערען. דיא פאליציי האט דאס איהם צוליעב געטאהן און האט קלאַריאן ארויסגעשיקט, זיא זאל ערגעץ אנדערש וואו פּרויבען איהר חן.

פון יענער צייט אן בעקלאגט זיך דער פאקען־טרענער מייסטער פאר יעדען וואס וויל איהם אויסהערען.

— אך, ווען איהר וואלט געוואוסט וואס פאר א שעהן מיידעל איך האב א'מאל געהאט פאר א געליעבטע!.... דיא גלחים אבער האבען איהר פון מיר אוועקגערויבט!